STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10813

FUNEM YARID

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאָלעמ־אלייכעמ

פונעמ יאריד

פארלאג „עמעס" ★ מאָסקווע 1934

Printed in Soviet Union

Редактор Л .Гольдберг. Техред. С. Абрам. Корректор И. Рабкин.
Сдано в производство 29|III—34 г. Подписано к печати 8|VII—34 г.
Формат бумаги 82 x 110$^{1}/_{32}$. 26$^{3}/_{4}$ п. л. 37.000 зн. в п. л.
Уп. Главлита В—83628. Тираж 4.000.

Типография изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 63.

שאָלעם-אַלייכעם אין יאָר 1889

פאָרוואָרט

1

דער בוך „פונעמ יאריד“ געהער צו די ווערק, וואָס אפ זיי האָט שאָלעמ-אלייכעמ געארבעט גאָר צומ סאָפ פונ זײַנ לעבנ, אינ די יאָרנ 1915—1916. וווינענדיק צו יענער צײַט אינ אמעריקע, האָט שאָלעמ-אלייכעמ אינ אייניקע פונ זײַנע דעמלטיקע ווערק געפּרוווט זיכ אָפּגעבנ מיט ספּעציעל „אמעריקאנישע“ טעמעס, געפּרוווט ארײַנפירנ אינ דער גאלעריי פונ זײַנע אלגעמיינ-באקאנטע העלדנ אייניקע נײַע געשטאלטנ פונ דער אמעריקאניש-ידישער ווירקלעכקײַט, נאָר ניט די ארבעט איז צו יענער צײַט געשטאנענ אינ צענטער פונ שאָלעמ-אלייכעמס אויפמערקזאמקײַט, ניט דאָס האָט ער באטראכט ווי זײַנ הויפּט-ארבעט. דעמ שווערפּונקט פונ זײַנ ליטערארישער טעטיקײַט האָט שאָלעמ-אלייכעמ דעמלט געוואָלט זענ בלויז אינ דער ארבעט אפ דער אויטאָביאָגראפיע, אפנ בוך „פונעמ יאריד“.

„די ארבעט פונ דעמ בוך — דערציילט י. בערקאָוויטש — האָט אימ אינגאנצנ פארכאפּט. ער האָט נאָר וועגנ דעמ געטראכט, גערעדט דערפונ מיט נאָענטע מענטשנ. אפ זײַנע שפּאצירנ, געפּלאנט די ווײַטערדיקע טיילנ, דערציילט פאָרויס, וועלכע פעריאָדנ עס וועלנ זײַנ באזונדערס אינטערעסאנט, געטרויערט זיכ, וואָס אינ דער צײַטונג, וווּ ער איז א מיטארבעטער, וויל מענ ניט אָפּשאצנ דעמ ריכטיקנ ווערט פונ דעמ „בוך פונ זײַנע ביכער“ (ווי ער האָט אנגערופנ זײַנ אויטאָביאָגראפיע, ווידמענענדיק זי צו זײַנע קינדער), מע פארלאנגט פונ אימ אנדערע זאכנ — פריילעכע פעליעטאָנעס, ראָמאנענ...“ *

* שאָלעמ-אלייכעמ-בוכ, ז. 11.

פֿונוואַנענ האָט זיכ גענומענ אַט דער דראַנג צו שרײַבנ דעמ בוכ „פֿונעמ יאַריד“ דאַפֿקע אינ דער צײַט, ווענ שאָלעמ-אַלייכעמ איז אַקאָרשט־וואָס אָנגעקומענ קיינ אַמעריקע אונ האָט געקראָגנ אַ מענ־לעכקײַט צו באַרײַכערנ זײַנ געשטאַלטנ־וועלט מיט אַ מענגע נײַע פּאַר־שוינענ, גענומענ אינ נײַע פֿאַרהעלטענישנ, אינ נײַע סיטואַציעס? מיט וואָס דערקלערט זיכ דער פֿאַקט, וואָס שאָלעמ-אַלייכעמ איז גראָד אינ דעמ מאָמענט געוואָרנ פֿאַרכאַפּט פֿונ דער אַרבעט אָפּנ בוכ „פֿו־נעמ יאַריד“, וואָס האָט צו טאָנ מיט העט־ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט פֿונ דער יידישער שטעטל־סוויווע אינעמ צאַרישנ רוסלאַנד?

י. בערקאָוויטש, וואָס פּרעטענדירט אָפּ די רעכט פֿונ אַ „נאָענטנ מענטשנ“ אונ נעמט זיכ אונטער יעדעס מאָל, ווענ עס האַנדלט זיכ וועגנ אַ קאָמפּליצירטער סיטואַציע אינ שאָלעמ-אַלייכעמס אַנטוויק־לונג, גענוי אינפֿאָרמירנ אונדז וועגנ דעמ „עמעסנ“ באַדײַט פֿונ דער אָדער יענער סיטואַציע — י. בערקאָוויטש דערקלערט שאָלעמ-אַליי־כעמס באַזונדערנ דראַנג צו אַרבעטנ אָפּנ בוכ „פֿונעמ יאַריד“ מיט אַ גאַנצער ריי סיבעס. צווישנ אַט די סיבעס טרעפֿנ מיר ניט בלויז די „קאַלטע פֿרעמדע באַציונג פֿונ דער פֿאַרשמײַטער יידישער צײַטונג־וועלט“ אינ אַמעריקע, נאָר אויכ די אומבאַקוועמלעכקײַט פֿונ אומפֿאָרנ אינ די „איבערגעפּאַקטע סאָבווי־וואַגאָנענ“ (מעטראָ), דעמ „באַ־טויבנדיקנ ראַש פֿונ דער מיליאָנענ־קעפּיקער שטאָט“, די קלימאַטישע באַדינגונגענ פֿונ דער ניו־יאָרקער געגנט אונ נאָכ אייניקע אַזעלכע „פֿאַקטאָרנ“, וואָס האָבנ, ווי בערקאָוויטש שרײַבט, „אָפּגעשטופּט דעמ באַטריבטנ מײַסטער פֿונ דער קעגנוואַרט“...

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעכ, אַז ניט מיט אַזעלכע פֿיליסטערישע כקירעס פֿונעמ „נאָענטנ מענטשנ“ — י. בערקאָוויטשנ לאָזט זיכ אויפֿ־קלערנ די אַטמאָספֿער, אינ וועלכער עס איז געשאַפֿנ געוואָרנ דער בוכ „פֿונעמ יאַריד“.

עס קאָנ קיינ שומ ספֿק ניט זײַנ: די געשיכטע פֿונעמ בוכ „פֿו־נעמ יאַריד“ וואָס איז די געשיכטע פֿונ אַ סאַכ טיפֿערע, אַ סאַכ באַ־דײַטנדיקערע אונ, דעריקער, אויסגעשפּראָכנ־אידעאָלאָגישע קריזיס־דער־שײַנונגענ אינ שאָלעמ-אַלייכעמס אַנטוויקלונג. עמעס, געקומענ צומ געדאַנק שרײַבנ אַנ אויטאָביאָגראַפֿיע איז שאָלעמ-אַלייכעמ נאָכ גאָר

מיט א סאַכ יאָרנ פריִער פאַר דעמ, ווי ער האָט זיכ דירעקט גענומענ צו ידער ארבעט אפנ בוכ „פונעמ יאריד“. אָנהייבנ הייבט שאָלעמ־אלייכעמ אָנ טראַכטנ וועגנ שרײַבנ אנ אווטאָביִאָגראַפיע נאָכ אינ יאָר 1895, ווענ ער שרײַבט אינ א בריוו צו ספּעקטאָרנ: „איכ האָב מיכ פעסט באַשלאָסנ די טעג צוטרעטנ צו מײַנ לעבנ־באַשרײַבונג“.

אָבער פונ יענעמ טאָג, ווענ שאָלעמ־אלייכעמ האָט „פעסט באַשלאָסנ“, ביז צו יענעמ טאָג, ווענ ער האָט דירעקט גענומענ זיכ צו דער ארבעט אפנ בוכ „פונעמ יאריד“, איז דורכגעגאַנגענ גאַנצע צוואַנציק יאָר (1895—1915). אינ פאַרלויפ פונ אָט די יאָרנ האָט שאָלעמ-אלייכעמ גאַנצ אָפט זיכ אומגעקערט צו דעמ געדאַנק וועגנ דער אווטאָביִאָגראַפיע, אָבער אינ יעדנ באַזונדערנ פאַל, אינ העסקעמ מיט די נײַע סאָציִאַלע פאַרהעלטענישנ, איז ער געקומענ צו דער אווטאָביִאָגראַפיע מיט אנדערע פאַרלאַנגענ, געשטעלט צו איר אנדערע פאָדערונגענ.

שוינ גאָר ניט ווײַט פונ זײַנ לעבנס־סאָפ, אינ יאָר 1912, ווערנדיק זיכ באַשײַדנ פונ די „מעמואַריסטנ“, וואָס האָבנ נאָכ בא שאָלעמ־אלייכעמס לעבנ אָנגעהויבנ אויסטראַכטנ ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מײַסעס, האָט שאָלעמ־אלייכעמ אינ א בריוו געשריבנ:

„איכ האָב מוירע, אז כ'וועל מוזנ אלײנ אָנשרײַבנ מײַנ עמעסע ביִאָגראַפיע אונ ידי געשיכטע פונ מײַנ שאַפנ: זיי זײַנענ ביידע גלײַכ אינטערעסאַנט. דער כיסאָרנ, וואָס איכ ליינ עס אָפּ אפ דער עלטער, אונ פיל מיכ אזוי יונג אונ וועל מיכ אזוי פילנ, דוכט זיכ, ביזנ לעצטנ טאָג פונ מײַנ „יוגנט“, אונ מײַנ אווטאָביִאָגראַפיע וועט בלײַבנ ניט קיינ געענדיקטע. ווי קאָנ מענ שרײַבנ ביִאָגראַפיעס, אז מע האַלט ערשט באַמ אָנהייב שאַפנ?“ *

שאָלעמ־אלייכעמ האָט, ווי מיר זעענ, אינ יאָר 1912 ניט געהאַלטנ פאַר מעגלעכ זיכ אָפּצוגעבנ מיט דער ארבעט אפ דער אווטאָביִאָגראַפיע, וואָס האָט אימ געוואָלט אפ א לענגערע צײַט אָפּרײַסנ פונ דער אקטועלער טעמאַטיק. שאָלעמ־אלייכעמ זעצט זיכ ניט שרײַבנ זײַנ אווטאָביִאָגראַפיע, ווײַל ער פילט זיכ נאָכ „יונג“, ער פילט זיכ ענג פאַר־

* שאָלעמ־אלייכעמ־בוכ, ז. 242.

בונדנ מיט זײַנ עפּאָכע, ער איז טיפ אײַנגעוואָרצלט אינ דער קעגנוואַרט אונ וויל ניט אַפילע אָפּ אַ קורצער צײַט פאַרלירנ דעמ שעפערישנ קאָנטאַקט מיט אָט דער קעגנוואַרט.

מער ניט ווי דרײַ יאָר טיילנ אָפּ די דאָזיקע בריוו פונ יענער צײַט, ווענ שאָלעמ-אַלייכעמ האָט אָנגעהויבנ באַטראַכטנ די אַרבעט אָפּ דער אויטאָביאָגראַפיע אַלס זײַנ הויפּט-אַרבעט, אָבער אינ גאַנג פונ אָט די יאָרנ, באַזונדערס אינ דער צײַט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, טרעטנ אַרויס אינ שאָלעמ-אַלייכעמס שאַפנ בולטע סימאָנימ פונ אַ טיפנ אידעאָלאָגישנ קריזיס. דאָס לאָזט זיכ פילנ באַזונדערס קלאָר אינ דער סעריע מאָנאָלאָגנ „טויזנט איינ נאַכט" (1915) — דאָס ערשטע גרעסערע ווערק, וואָס אַ יידישער שרײַבער האָט געפּרוּווט ווידמענ דער טעמאַטיק פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. לויט דער צאָל אונ גרייס פונ די מאָנאָלאָגנ, וואָס גייענ אַרײַנ אינ דער סעריע, קאָנ זי בעלישומסאָפּעק קאָנקורירנ מיט אַזעלכע באַדײַטנדיקע ווערק, ווי „טעוויע דער מילכיקער" אָדער „מענאַכעמ-מענדל". אומזיסט אָבער וועט איר זוכנ אינ די מאָנאָלאָגנ פונ „טויזנט איינ נאַכט" עפּעס ענלעכס צו יענער אידייִשער צילגעווענדקײַט, וואָס איז פאַראַנ אינ טעוויעס מאָנאָלאָגנ אָדער אינ מענאַכעמ-מענדלס בריוו. די מאָנאָלאָגנ פונ „טויזנט איינ נאַכט" זײַנענ דער בולטסטער אויסדרוק פונ יענער אידייִשער פאַרלאָרנקײַט אונ דעזאָריענטירטקײַט, וואָס האָט באַמ אָנהייב אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע באַהערשט שאָלעמ-אַלייכעמענ. שאָלעמ-אַלייכעמס קונסט, וואָס האָט ניט איינ מאָל געגעבנ ביז גאָר שטאַרקע, רעאַליסטישע בילדער פונ דער „גרויסער בעהאָלע בײַ די קליינע מענטשעלעכ", האָט דאָס מאָל אַרויסבאַוויזנ איר פולשטענדיקע הילפלאָזיקײַט. קאָנטיק, די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע איז געווענ אַזאַ „גרויסע בעהאָלע", אַז זי האָט צעטרייסלט די זײַלנ פונ שאָלעמ-אַלייכעמס וועלט-אָנשויונג, אינ גרונט צעשטערט זײַנע שטענדיקע האָפענונגענ דערויפ, אַז, ניט געקוקט אָפּ פאַרשיידענע „דערווײַליקע" שוועריקײַטנ, האָט זײַנ קלאַס, דאָס יידישע קליינבירגערטומ, דאָכ געוויסע אויסזיכטנ זיכ אַרויפצואַרבעטנ אָפּ אַ פעסטערער סאָציאַל-עקאָנאָמישער פּאָזיציע אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, וואָס האָט בוצ

אלעמענ געווירקט אפ שאָלעמ-אלייכעמענ נאָכ מיט די באזונדער-שטארקע רויִנירונג-פּראָצעסנ, וואָס זי האָט ארײַנגעבראכט אינ דער ייִדישער סוויווע פונעמ צארישנ רוסלאנד, האָט אונטערגעריסנ שאָלעמ-אלייכעמס אָפּטימיזמ.

א שטארקנ קלאפ האָט צו דער זעלבער צײַט באקומענ שאָלעמ-אלייכעמס אָפּטימיזמ אויכ פונ די פרישע אײַנדרוקנ, וואָס ער האָט געקראָגנ ביים זײַנ צווייטנ באזוכ אינ אמעריקע (1915—1916). שאָלעמ-אלייכעמס לעצט-געשריבענע ווערק, ווי די איינאקטער „אוילעמ-האבע", „מיסטער גרינ האָט א דזשאָב" אא. באווײַזנ, אז ער האָט צו דער צײַט מיט א מערקווירדיקער גיכקײַט אָנגעהויבנ אויסלעבנ די אילוזיעס, וואָס האָבנ זיכ בא אימ געהאט געשאפנ אינ דער צײַט פונ זײַנ ערשטנ באזוכ אינ אמעריקע (1906). אויב דעמלט האָט ער אלע זײַנע האָפענונגענ פארבונדנ מיט דער געשטאלט פונ דעמ „אָלרײַטניק", וואָס „מאכט א לעבנ", אויב דעמלט האָט ער אינ דער פיעסע „גאָלדגרעבער" (1907) ארויסגעשטעלט, ווי דעמ איינציקנ וועג-ווײַזער פאר דעמ גאַנצנ מענאכעמ-מענדל-שיכט פונ דעמ שטעטלשנ קליינבירגערטומ, - דעמ „אָלרײַטניק" — בעני-בענ, איז איצט אינ די יאָרנ 1915—1916 פרווט שאָלעמ-אלייכעמ אריבערטראָגנ זײַנ קריטיק שוינ אפ דעמ „אָלרײַטניק" גופע, אָבער אקטיוו ארויסטרעטנ קעגנ דער סוויווע פונ די אמעריקאנער „אָלרײַטניקעס", ווי ער איז אמאָל ארויסגעטראָטנ קעגנ יעגופעצער בלאנקנ אונ קעגנ די יעהופעצער בירזשעוויקעס, האָט שאָלעמ-אלייכעמ איצט ניט געקאָנט. די אקטיווקײַט איז פאראליזירט געוואָרנ דורכ דער אלגעמיינער אידייִשער פארלאָרנקײַט, וואָס האָט באהערשט שאָלעמ-אלייכעמענ נאָכ באמ סאמע אָנהייב אימפעריאליסטישע מילכאָמע.

פאר שאָלעמ-אלייכעמענ איז כאראקטעריסטיש, וואָס דער שטארק געפאלענער גלויבנ אינ דעמ, אז דאָס ייִדישע קליינבירגערטומ וועט זיכ קאָנענ ארופארבעטנ אפ א פעסטער פּאָזיציע אינ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, האָט בא אימ ניט ארויסגערופנ קיינ פרווו צו זוכנ דעמ אויסוועג ערגעצ אינ אנ אנדער ריכטונג, אויסער די ראמענ פונ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. פארקערט, דער צווייטער טייל „מאָטל פּייסי דעמ כאזנס", ווו שאָלעמ-אלייכעמ האָט ארײַנגע-

פירט איניקע געשטאלטנ פונ דער ארבעטער־באוועגונג, האט באוויזנ, אז שאָלעמ־אליכעמ איז אָרגאניש פרעמד דעמ קאמפּ, וואָס עס פירט דער ארבעטער־קלאס. שילדערנדיק די געשטאלטנ פונ דער ארבעטער־באוועגונג פונ אויבנופ, האט שאָלעמ־אליכעמ דאָ ניט געפונענ מיט וואָס צו פארפולנ דעמ גרויסנ בלויז, די ליידיקײט, וואָס האט זיכ באַ אימ געשאפנ נאָכ דעמ, ווי ער האט זיכ אנטוישט אינ דער אמעריקאניש־יידישער ווירקלעכקײט. שאָלעמ־אליכעמ שרײבט אפילע אינ יאָר 1915 א ראָמאנ פונ אמעריקאניש־יידישנ לעבנ („מיטטייק"), אָבער אינ דעמ דאָזיקנ ראָמאנ קומט אזוי בולעט צומ אויסדרוק שאָלעמ־אליכעמס אינדיפערענטיזמ צו דער אמעריקאנער ווירקלעכקײט, אז אפילע דער אלצ־פארגלעטנדיקער אונ אלצ־פארווייכערנדיקער בערקאָוויטש רופט עס אָנ „א ווילדער פלאָנטער פונעמ אמעריקאניש־יידישנ לעבנ", א „צעלאָכעס־ראָמאנ".

מיר זעענ דאָ שאָלעמ־אליכעמענ אינ דעמ מאָמענט, ווענ ער הייבט שוינ אָנ ווייניק־וואָס שעצנ דעמ קאָנטאקט מיט דער ארומיקער ווירקלעכקײט, וועלכע שטארקט אינ אימ בלויז דעמ געפיל פונ אידייִשער פארלאָרנקײט אונ דעזאָריענטירטקײט, ער פארלירט אלצ מער דעמ אינטערעס צו אקטועלער טעמאטיק, זײנ אויג גליטשט זיכ איצט שוינ בלויז איבער דער אויבערפלאכ פונ דער קאָנקרעטער ארומיקײט, וועלכע ער איז ניט אימשטאנד צו באזיגנ. אונ אָט דאָס האט עס „אָפגעשטופּט דעמ באטריבטנ מײסטער פונ דער קעגנווארט", דאָס האט אימ געשטויסנ אוועקגײנ אינ דער פארגאנגענהײט, דאָס האט געבראכט דערצו, אז ער זאָל אינ זײנע לעצטע לעבנס־יאָרנ אזוי ווערנ „פארכאפּט" פונ דער אחבעט אפנ בוכ „פונעמ יאריד".

2

דעמ בוכ „פונעמ יאריד" האט שאָלעמ־אליכעמ פלאָנירט ווי א מאָנומענטאל ווערק פונ א כאָב בענדער. אָפגעשילדערט אינ די ערשטע טײלנ די קינדהײט אונ יונגט־יאָרנ, האט שאָלעמ־אליכעמ געבויט דעמ ווײטערדיקנ פלאנ פונעמ בוכ אזוי, אז „וואָס ווײטער וועט עס גײנ ברײטער אונ טיפער, די וועלט־האָריזאָנטנ וועלנ זיכ צעשפרײטנ, טיפנ אונ בילדער וועלנ זיכ מערנ „בחול אשר על שפת הים",

אגעוו, וועט אויך קלאָר ווערן מײַן אײגענע פּערזענלעכקײַט, אַלס בעגאַבטער אָדער נאָר דעם, אַלס שרײַבער, און אַט אַזוי וועלן מיר קומען צום רעכטן ציממעס, צו דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אירע נעוויִים, עמעסע און פאַלשע, מיט אירע ווערק, ווירקלעכע און פּוילע אַאַוו".*

אַנדערש ווי אין אַט אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב האָט שאָלעם-אַלייכעם זײַן אויטאָביאָגראַפיע קײנמאָל ניט געקאָנט זיך אויסמאָלן. ער האָט ניט אויפגעהערט אונטערצושטרײַכן, אַז אין דער אויטאָביאָגראַפיע וויל ער געבן דעם סאַכאַקל פון זײַן גאַנצער לעבן-דערפאַרונג, ער וויל דאָ געבן אַ סינטעטישע פאַראַלגעמיינערונג פון די אַלע סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס ער, שאָלעם-אַלייכעם און זײַן סוויווע האָבן אין פאַרלויף פון פופציק יאָר דורכגעמאַכט.

„האַקלאַל—שרײַבט שאָלעם-אַלייכעם אין דעם אויבן ציטירטן בריוו צו שרירען—דאָס איז ניט מײַן ביאָגראַפיע, נאָר די ביאָגראַפיע פון אונדזער ייִדיש וועלטל"...

מיר זעען דאָ, אַז, ניט געקוקט אויף דער ספּעציפישקײַט, וואָס עס האָט אין זיך דער „אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן" (ווי שאָלעם-אַלייכעם באַצײכנט דעם בוך „פונעם יאַריד"), וויל שאָלעם-אַלייכעם אויך דאָס מאָל אַרויסטרעטן, ווי אַ שרײַבער אַ רעאַליסט, ער קאָן ניט פאַרלירן, אַז דער הויפּט-העלד פון דער אויטאָביאָגראַפיע זאָל אָפּגעריסן ווערן פון זײַן סוויווע, פון זײַן סאָציאַל-עקאָנאָמישן באָדן. שאָלעם-אַלייכעם נעמט זיך דערבײַ אונטער צו זײַן דורכויס אָביעקטיוו. ער שרײַבט אין דער פאָרעדע צום „פונעם יאַריד": „איך, שאָלעם-אַלייכעם דער שרײַבער, וועל אײַך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון שאָלעם-אַלייכעם, דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצעכצן און צאַצקערײַען, ווי עס וואָלט אײַך דערציילט, לעמאָשל, אַ זײַטיקער פאַרשוין, אַ ווילדפרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום".

שאָלעם-אַלייכעמס קאַוואָנע איז ווירקלעך געווען אַזאַ: שרײַבן די אויטאָביאָגראַפיע אין אָביעקטיווע טאָנער, אָן דעם מינהסטן פּרווו זיך פּערזענלעך, אַלס אויטער, צו פאַרשענערן. אָבער אויב ער האָט נאָך

* פון שאָלעם-אַלייכעמס בריוו צו שרירען אין זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שאָלעם-אַלייכעם".

געקאָנט ווי-עס-איז זיכ אײַנהיטנ פונ פאַרשענערונג, בעשאַס עס האָט זיכ געהאַנדלט וועגנ אים, שאָלעם-אַלייכעמענ גופא, האָט ער שוינ גאָר ניט געקאָנט זיכ באַהערשנ דעמלט, ווענ עס האָט אים פונ מאָל צו מאָל געשטויסנ צו פאַרשענערנ די סוויזשע, פונוואַנענ ער איז אופ-געקומענ. אונ געשטויסנ דערצו האָט דער אויבנ דערמאָנטער קריזיס, וואָס האָט זיכ אָנגעמערקט בא שאָלעם-אַלייכעמענ צו דער צײַט, ווענ ער האָט געשריבנ „פונעמ יאַריד". געשטויסנ האָט דער חראַנג צו חאַ-טשוענ זיכ אינ דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט פונ די שווערע קלעפ, וואָס עס האָט פונ טאָג צו טאָג דערלאַנגט די גרויזאַמע ווירקלעכקײַט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. די קאַוואָנע צו שרײַבנ די אויטאָביאָגראַפיע אינ אָביעקטיווע טענער איז דעריבער זייער גיכ צע-שוועבט געוואָרנ אינ דער כוואַליע פונ איבערגעטריבענער באַגייסטע-רונג פאַר דעמ „ווײַטנ אַמאָל", אינ דער אידעאַליזאַציע פונעמ פאַר-צײַטיקנ שטייגער.

א פאָר בײַשפּילנ.

עס איז באַוווּסט, אַז איינס פונ די ערשטע ווערק, וואָס האָבנ זיכ אײַנגעגעבנ שאָלעם-אַלייכעמענ אינ דער אָנהייב-צײַט פונ זײַנ שאַפנ (אינ 1884-טנ יאָר) איז געווענ א גרעסערע סאַטירישע ליד, אייגנט-לעכ א פּאָעמע: „יידישע טשינאָווניקעס". אַפנ פּאָנ פונ שאָלעם-אַליי-כעמס דאָסראָוו אומגעלונגענע, דידאַקטיש-טרוקענע אונ אַבסטראַקט-בקירעדיקע לידער פונ יענער צײַט צייכנט זיכ אויס די ליד „יידישע טשינאָווניקעס" דערמיט, וואָס אינ איר איז באַהאַנדלט א קאָנקרעטער סאָציאַלער מאָטיוו, געבויט אויפ די פאַקטנ פונ שווערער עקספּלואַטא-ציע, וואָס די שטעטלשע האָרעפּאַשנע מאַסע מוז אויסשטיינ מיצאַד די קאָהאָלס-לײַט, די „יידישע „טשינאָווניקעס". א מערקווירדיקער רע-זולטאַט באַקומט זיכ אָבער, ווענ שאָלעם-אַלייכעמ גייט צו צו די זעלבע דערשײַנונגענ אינעמ בוכ „פונעמ יאַריד".

אָט הערנ מיר, לעמאָשל, ווי שאָלעם-אַלייכעמ דערציילט וועגנ זײַנ פעטער ניסל ראַבינאָוויטש, וואָס איז „געווענ מיט באַטשאַלסטווע אויסגעבונדנ אונ האָט געפירט דאָס שטעטל בעיאַד-ראָמע, גלײַכ ווי ער וואָלט געווענ א נאַטשאַלניק, א טשינאָווניק". מיר זעענ דאָ פאַר זיכ א שטעטלשנ רעלפירער, וואָס „שיקערט מיטנ סטאַרשינע א גאַנ-

צע נאַכט טאַקע באַ זיך אין שענק און מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו קושט ער זיך, ווי מיט אַ ברודער". עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ איינעם פֿון די „יידישע טשינאָווניקעס", וואָס קעגן זיי האָט שאָ־לעם־אַליכעם געוועטערט זיין סאַטירע אין 1884־טן יאָר. דער פּער־סאָנאַזש איז דער זעלבער, שאָלעם־אַליכעם איז שוין אָבער ניט דער זעלבער. שאָלעם אַליכעם פֿונעם יאָר 1915 קאָן שוין זיך ניט דערלויבן אַזאַ קריטישע שטעלונג צו די „יידישע טשינאָווניקעס", ווי אין די 80-ער יאָרן, ער קאָן זיי איצט מער ניט אַטאַקירן. ווייל זיי, אָט די פּעטער ניסלס, געהערן איצט צו דער „אומבאַריר־לעכער זאָנע" פֿון דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס מיט איר וויל זיך שאָלעם־אַליכעם ראַטעווען אין 1915־טן יאָר. דערפֿאַר לייענען מיר אין אַ בוך „פֿונעם יאריד" אויסטערלישע באַשרייבונגען פֿון דעם, ווי דער „פּעטער ניסל הוליעט", מיר הערן דערציילן וועגן דעם, ווי ער האָט זיך געהאַלטן „דעמאָקראַטיש", און שאָלעם־אַליכעם בויט אויף אַזאַ אידעאַליזירטע געשטאַלט, וואָס עקזיסטירט ניט אין דער נאַטור.

אָבער פּונקט אַזוי אידעאַליזירט טרעט אויף פֿאַר אונדז שאָלעם־אַליכעמס צווייטער פּעטער—פּיניע, וואָס „קאַהאָלט זיך" אויך און איז דערביי, ווי עס זאָגט אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס, אַ ייִד מיט אַ מאָס־קע און אַ פֿאַרגאַרישטער כאָסיד דערצו. און דער באָסלעווער זיידע, דער ווילד־מעגושעמדיקער כאָסיד, דער פּראָצענטניק, וואָס פֿאַרברענגט זיין גאַנץ לעבן „אין אַ ביידערל עטוואָס גרעסער פֿון אַ שטיבל; וווּ מע האַלט אויפֿעס. אין דער דאָזיקער שטיבל האָט זיך געפֿונען, ערשטנס, דער זיידע, דערנאָך זיינע ספֿאָרים, גאַנץ שאַס און פּאָסקים און קאַבאַ־לע־ספֿאָרים און כוץ לאָזע זיינען דאָרטן געווען מאַשקאָנעס: זילבערנע לעפֿל, טעצלעך, האָדעסלעך, לעמפּעלעך, קופּערנע פֿאַנען, סאַמאָוואַרן, יידישע קאַפּאָטעס, גויישע קאַרעלן, סוויטקעס און פּעלצן, אָן אַ שיר פּעלצן!.."

אויך אָף אָט דער העסלעכער געשטאַלט, וואָס איז צענדליקער יאָרן, נאָך פֿון איקסעגעפֿעלדס צייטן אָן, געווען אין דער יידישער ליטעראַטור דער אָביעקט פֿון דער שאַרפֿסטער סאַטירע—אויך אָן דעם דאָזיקן פּאַרשוין וויל שאָלעם־אַליכעם אין 1915־טן יאָר וואַרפֿן

א פארשענערונג־גלאנצ, אויכ פאר אימ באמיט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ צו געפינענ אזא מאָמענט, ווענ „זײַנ מעגושעמדיק פּאָנעמ האָט אויסגעזענ שוינ ניט אזוי מעגושעמדיק—די שכינע האָט אפ אימ גערוט".

אזעלכע פאלנ, ווענ שאָלעמ־אַלייכעמ שילדערט אינעמ בוכ „פונעמ יאריד" די פארדאָרבנסטע דערשײַנונגענ פונ דער מיטלאלטערלעכ־יידישלעכער ווירקלעכקײַט אונ וויל אונדז איבערצײַגנ, אז איר „מעגושעמדיק פּאָנעמ האָט אויסגעזענ שוינ ניט אזוי מעגושעמדיק", קענ מענ אָנווײַזנ גאָר ניט ווייניק. די דאָזיקע בײַשפּילנ באווײַזנ אפנ קלאָרסטנ אופנ, ווי טיפ עס איז צו דער צײַט פארגאנגענ דער קריזיס פונ שאָלעמ־אַלייכעמס וועלט־אָנשויונג, ווי שטארק שאָלעמ־אַלייכעמ האָט זיכ אָנגעכאפּט אָנ דער אידעאליזאציע פונ דער פארגאנגענהײַט, זעענדיק אינ דעמ דאָס איינציקע מיטל זיכ צו באשיצנ פונ דער גרויזאמער קעגנוואַרט. דערפאר באמיט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ אינ דער שילדערונג פונ זײַנ יוגנט־סוויווע ניט צו אנטבלויזנ דעמ סאָציאלנ אנטאגאָניזמ, וואָס ווערט דאָ טיילמאָל ניט באוויזנ אפילע אינ דער מאָס, ווי מיר זעענ עס אינ אנדערע ווערק שאָלעמ־אַלייכעמס. צוליב די זעלבע צוועקנ מײַדט שאָלעמ־אַלייכעמ אויכ אויס צו שילדערנ די אָרעמשאפט אונ נאָכ מער מײַדט ער אויס צוגייענ נאָענט צו דעמ אונטערוועלט־מענטש, צו דעמ „לא יבא בקהל" (ווי שאָלעמ־אַלייכעמ רופט אימ אָנ אינ זײַנ ראָמאנ „מאָשקעלע גאנעוו"), הגאמ דעמ אווטערס לעבנגעשיכטע האָט גאנצ אָפט באשטימטע באריר־פונקטנ מיט אָט דער סוויווע.

דערפאר אָבער פלײַסט זיכ שאָלעמ־אַלייכעמ אינ זײַנ בוכ „פונעמ יאריד" ארויסרוקנ אפנ פאָדערגרונט די געשטאלט פונעמ „יידישנ גוטבאזיצער".

אינעמ פּלאַנ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס לעבנ־באשרײַבונג פארנעמענ די קאפּיטלענ וועגנ „א ייד א גוטבאזיצער" א גאָר אָנגעזעענ אָרט. די שילדערונג פונעמ „יידיש־פּריצישנ הויז" איז געגעבנ געוואָרנ אפ א זייער גענויעמ אופנ, עס ווערט ניט געקארגט קיינ דעטאלנ ניט בלויז אפ צו באשרײַבנ דעמ ווילשטאנד פונ דעמ רײַכנ הויז, נאָר אויכ אפ איבערצוגעבנ די אײַנפאלנ פונ דעמ צענטראלנ העלד אינ דעמ הויז—דעמ גוטבאזיצער לאָיעוו. אפנ ערשטנ בליק קענ זיכ דאכטנ,

אַז דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס דאָס „ייִדיש-פּריצישע הויז" האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אינ שאָלעמ-אַלייכעמס לעבנ. דער יונגער שאָלעמ-אַלייכעמ האָט דאָ, באַ לאָיעוונ — זײַנ שפּעטערדיקנ שווער — ווי ער ווײַזט אָנ, „געפֿונענ זײַנ צווייטע היימ". אָבער ווי אַלעמאָל אינעמ בוכ „פֿונעמ יאַריד", לאָזט זיכ זענ אויכ דאָס מאָל, אַז שאָלעמ-אַלייכעמ ווערט באַמ שרײַבנ זײַנ אויטאָביאָגראַפֿיע אָנגעפֿירט ניט מיט דער לאָגיק פֿונ זײַנ יוגנטלעכנ וועלט-באַנעמ, נאָר מער פֿאַר אַלצ מיט דער לאָגיק פֿונ יענעמ צוגאַנג צו זאַכנ, וואָס האָט זיכ באַ שאָלעמ-אַלייכעמענ אויסגעאַרבעט אינ די יאָרנ, ווענ ער האָט געשריבנ דעמ בוכ „פֿונעמ יאַריד".

דער יונגער שאָלעמ-אַלייכעמ פֿונ די 70-ער יאָרנ האָט, מעגלעכ, טאַקע דערזענ אינעמ „ייִדיש-פּריצישנ הויז" א „נײַע וועלט", ער האָט, מעגלעכ, טאַקע געפֿונענ דאָ זײַנ „צווייטע היימ", אָבער שאָלעמ-אַלייכעמענ פֿונ יאָר 1915 איז דאָס שוינ ווינציק. דער אימפּעט פֿונ זײַנ פֿאַרגאַנגענהײט-אידעאַליזאַציע איז אַזוי גרויס, אַז ער באַמיט זיכ צו פֿאַרשפּרייטנ זײַנ יוגנטלעכ-היספּײַלעסדיקע באַציִונג צומ גוטבאַזיצער לאָיעוונ אויפֿ א גאַנצנ שיכט — אויפֿ אַלע „ייִדישע גוטבאַזיצער".

„אַזעלכע פֿעלד-באַלעבאַטימ, ווי דער אַלטער לאָיעוו — שרײַבט שאָלעמ-אַלייכעמ — זײַנענ אינ יענער געגנט, — ווי אויכ אינ אַנדערע געגנטנ פֿונ דער געבענטשטער „טשערטאַ", געווענ ניט קיינ זעלטנהײט. באָסלעווער, קאַניעווער, שפּאָלער, רזשישטשעווער, טאַראַשטשער, זלאָטאָפּאָליער, אומאַנער אונ נאָכ א סאַכ אַנדערע ייִדנ האָבנ זיכ א לאָז געגעבנ פֿונ די קליינע שטעטלעכ אינ דאָרפֿ אַרײַנ, אָפּגעדונגענ גרויסע אונ קליינע פּאָסעסיעס, גענומענ אינ דער אַרענדע פּריצישע פֿאָלוואַרקעס, באַוויזנ וווּנדער, געמאַכט פֿונ שלעכטער ערד, פֿונ פֿאַרלאָזענע כורוועס — אַנ עמעסנ גאַניידנ".

די אידעאַליזאַציע וואַקסט שוינ דאָ אַריבער די געוויינלעכע פֿאַמיליענ-ראַמענ, וואָס שאָלעמ-אַלייכעמ האָט זיכ אָנגעמערקט אינ דער שילדערונג פֿונעמ „ייִדיש-פּריצישנ הויז". דער פֿאַרצײַטיקער „גאַניידנ" ווערט א פֿאַראַלגעמיינערטער באַגריפֿ. דער „ייִדישער גוטבאַזיצער" לאָיעוו טרעט שוינ אַרויס ניט בלויז ווי א מענטש מיט א גוואַלדיקנ זיכּאָרנ, מיט א שטאַרקנ „קויעכ האַדיבער" אאַז. — אויפֿנ ערשטנ

פלאנ ווערנ ארויסגערוקט זײנע סאציאלע שטריכנ. מיר דערוויסנ זיכ, לעמאשל, אז „אלע מוזשיקעס פונ דאָרפ אָנ שום אויסנאַם זײנענ געווענ נאָכ אים די קאפאָרע. ניט נאָר האָבנ זײ פאר אים געהאַט דערעכערעצ — זײ האָבנ אים ליב געהאַט, פּשוט ליב געהאַט דערפאר, וואָס ער איז זיכ באגאנגענ מיט זײ, ווי א מענטש".

אָט אזא „גאנײדנ" האָט עס שאָלעמ-אַלייכעמ דערזענ ארומ דעמ „יידיש-פריצישנ הויז", וואָס איז, ווי שאָלעמ-אַלייכעמ פארזיכערט, געווענ „ניט קײנ זעלטנהײט".

עס איז געווענ קײנ צופאל ניט, וואָס, זײענדיק אזוי נאָענט באַקאנט מיט דער סוויווע פונ די „יידישע גוטבאזיצערס" אונ האָבנדיק וועגנ זײ אזא „ליכטיקע" פארשטעלונג, האָט שאָלעמ-אַלייכעמ דאָכ אינ פארלויפ פונ זײנ גאנצער דרײסיקיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקײט קײנ אײנציקנ פרוו ניט געמאַכט ארײנצופירנ וועמענ-עס-איז פונ די „יידישע גוטבאזיצערס" אלס העלד פונ זײנעמ א קינסטלערישנ ווערק. שאָלעמ-אַלייכעמ האָט אלע זײנע יאָרנ ניט ארויסבאוויזנ קײנ מינדסטנ אינטערעס צו די האָזיקע געשטאלטנ (האגאמ אנדערע געשטאלטנ פונ זײנע יונגנט-באגעגענישנ האָט ער גאנצ אָפט ארײנגעפירנ אינ זײנע ווערק). ניט אהער איז געווענ אלע יאָרנ געווענדט שאָלעמ-אַלייכעמס אויפמערקזאמקײט, ניט אָפ צו אידעאליזירנ די „יידישע גוטבאזיצערס" איז געווענ געצילט זײנ קריטיש-הומאָריסטישער קונסט-מעטאָד. אָט די דאָזיקע קריטישע אײנשטעלונג — האגאמ זי איז געווענ באגרענעצט מיט די ענגע ראַמענ פונ זײנ קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע — האָט זי דאָכ ביז א געוויסער צײט געקענט צוימענ די רעאקציאָנער-באפארבטע סימפאטיעס צומ „ווײטנ אמאָל". אינ יאָר 1915, אונטערנ דרוק פונעמ קריזיס, וואָס שאָלעמ-אַלייכעמ לעבט איבער, פאלנ אָפ אָט די צוימענ, דער קריטישער צוגאנג, וואָס דרינגט דורכ שאָלעמ-אַלייכעמס בעסטע ווערק, ווערט אָפגעשוואַכט, דער רעאקציאָנערער דראנג צו געפינענ דעמ „גאנײדנ" אינ דער ווײטער פארגאנגענהײט באהערשט שאָלעמ-אַלייכעמס שאפנ אונ אָט אזוי קומענ מיר צו דעמ מערקווירדיקנ פאקט, אז נאָכ דעמ, ווי ער האָט אינ א גאנצער רײ ווערק באוויזנ די פארדאָרבענע סוויווע פונ די יידישע געלט-זעק, האָט שאָלעמ-אַלייכעמ פלוצעמ אינ אָט דער סוויווע דער-

זענ א „גאַנײדנ" אונ האָט זיך נאָך אפילע אונטערגענומענ צו דער־װײַזנ, אז דאָס איז „גיט געװענ קײנ זעלטנהײַט".

3

מיר האָבנ זיך אָפּגעשטעלט אפ דער אידעאַליזאַציע פונ די „ייִדי־שע טשינאָװניקעס" אונ „ייִדישע גוטבאַזיצערס", װײַל דאָס גיט א באַ־גריפ װעגנ יענער װענדונג אינ שאָלעמ־אַליכעמס אידעאָלאָגיע, װאָס קומט פאָר אינ זײַנע לעצטע לעבנ־יאָר. מע האָט אָבער באַמערקט, אז די קריזיס־דערשײַנונגענ, װאָס לאָזנ זיך דערקענענ אינ שאָלעמ־אַלײ־כעמס אַרבעט אפ דעמ בוך „פונעמ יאַריד", זאָגנ אײדעס, אז דער פּראָצעס געפינט זיך נאָך אינ אנ אָנהײב־סטאַדיע, מיר זעענ בלויז די ערשטע סימפּטאָמענ פונ דעמ איבערבראָך, װאָס קומט פאָר אינ שאָ־לעמ־אַליכעמס שאַפנ. אויב אינגאַנצנ גענומענ װערט דער בוך כאַ־ראַקטעריזירט מיט שאָלעמ־אַליכעמס אַפּאָלאָגעטישער באַציִונג צו דער פאַרגאַנגענהײט אונ דאָס פאַראַליזירט גאַנצ אָפט זײַנ קריטישנ כוש, — קאָנ אָבער שאָלעמ־אַליכעמ דאָך ניט אײַנרײַסנ אינגאַנצנ מיט די גע־זונטע עלעמענטנ פונ זײַנ רעאַליזמ, אונ מיר זעענ טאַקע, װי זי לאָזט זיך נאָך גאַנצ אָפט דערקענענ אינ דער פולער מײַסטערשאַפט, אָט די רעאַליסטישע קונסט שאָלעמ־אַליכעמס.

אונ דאָס באַשטימט טאַקע דעמ אײגנטלעכנ װערט פונ שאָלעמ־אַליכעמס אויטאָביאָגראַפיע פאַר אונדזער פּראָלעטאַרישנ לײענער. דער בוך „פונעמ יאַריד" האָט, ניט געקוקט אפ זײַנ גרונט־דעפעקט, װאָס מיר האָבנ אויבנ אָנגעװיזנ, דאָך א גרויסנ דערקענטניש־װערט. ניט נאָר פירט ער אונדז אַרײַנ אינ דער „לאַבאָראַטאָריע" פונ שאָלעמ־אַליכעמס שאַפנ, ער „דערגײט" ביכלאַל א סאַך צו די אַלגעמײנ־באַקאַנטע װערק שאָלעמ־אַליכעמס. מיר באַקומענ אינעמ בוך „פונעמ יאַריד" געװיסע מאַטעריאַלנ צו דער „געשיכטע פונעמ יונגנ מענטש אינעמ XIX יאָר־הונדערט", װי מיר װאָלטנ עס איצט אָנגערופנ, מיר באַקומענ דאָ א גוט־פּלאַנירט בילד פונ דער פאַרצײַטיקער ייִדישער קולטור־סװיװע, עס װערנ פיקסירט װיכטיקע סאָציאַלע פּראָצעסנ, װאָס דאָס ייִדישע קלײנ-בירגערטומ האָט דורכגעמאַכט אינ די 60—70־ער יאָרנ.

עס איז נײטיק צו פאַרצײכענענ אינעמ בוך „פונעמ יאַריד" נאָך אײנ שטריך: האָבנדיק צו טאָנ מיט דער װײַטער פאַרגאַנגענהײט, פאַלט

שאָלעמ־אַליכעמ קומאַט קײנמאָל ניט אַרײַנ אינ „עטנאָגראַפיע“ (ווי מיר זעענ עס, לעמאָשל, אינ מענדעלעס אווטאָביאָגראַפישנ „שלײמע רעב כאַיִמס“). ער גיט זיכ ווייניק־וואָס אָפּ מיטנ באַשרײַבנ די טויט־פאַרגליווערטע אַלטפרענקישע מינהאָגימ. שאָלעמ־אַליכעמס אויפמערקזאַמקײַט ציט מער צו דאָס פריש־צאַפּלדיקע לעבנ, דער אויפקומ אונ אונטערגאַנג פונ פאַרשײדענע סאָציאַלע פיגורנ, דער געפלעכט פונ סאָציאַלע ווידערשפּרוכנ, וואָס גראָבנ אונטער די עקזיסטענצ פונ דעמ קלײנבירגערטומ אינ די באַדינגונגענ פונעמ אַנוואַקסנדיקנ קאַפּיטאַליזמ. אַזעלכע קאַפּיטלענ, ווי, לעמאָשל, „פיניעלע שימעלעס פאָרט קײנ אָדעס“, „מעשאַנע מאָקעמ — מעשאַנע מאַזל“, „דער אוילעמ צעקריכט זיכ“ אאַ. קאַפּיטלענ, ווו מיר זעענ די צעפאַלונג פונ דער אַלטער עקאָנאָמישער באַזע אינ שטעטל אונ די סאָציאַלע איבערגרופּירונג, וואָס קומט פאָר דערבײַ — אַזעלכע קאַפּיטלענ פאַרגאַנצנ אונ פאַראַלגעמײנערנ אַ סאַכ שאָלעמ־אַליכעמס אײנצל־מאָטיוונ, וואָס זײַנענ צעוואָרפנ איבער פאַרשײדענע נאָוועלנ אונ מאָנאָלאָגנ.

טײלמאָל קריגנ מיר דאָ אַזוינס, וואָס איז איבער פאַרשײדענע טעמימ אינ די פריִערדיקע ווערק בײַ שאָלעמ־אַליכעמענ ניט דערזאָגט געוואָרנ. אַזוי איז עס, לעמאָשל, מיט דער פאָרשטעלונג וועגנ דער שטאָט קאַסרילעווקע, וואָס ווערט דאָ אינעמ בוכ „פונעמ יאַריד“ אַ סאַכ בוילעטער, קלאָרער, אַחוצ דעמ, וואָס שאָלעמ־אַליכעמ גיט דאָ אָפּ אַ סאַכ מער אויפמערקזאַמקײַט די טיפערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָצעסנ, וועלכע ער האָט אינ דער סעריע „קלײנע מענטשעלעכ מיט קלײנע האַשאָגעס“ דאָסראָוו אויסגעמיטנ, וועלנדיק זיכ האַלטנ וואָס נענטער צו יענעמ פעליעטאָנזשאַנר, וואָס עס האָבנ אַלע יאָרנ געמאָנט בײַ שאָלעמ־אַליכעמענ די באַלעבעסלדיקע געשמאַקנ פונ די רעדאַקטאָרנ אונ די ייִדישע צײַטונגענ אונ זשורנאַלנ.

אַ גרויסנ דערקענטעניש־ווערט האָבנ יענע קאַפּיטלענ (אונ זײ פאַרנעמענ אַ היפּשנ טײל פונעמ בוכ), ווו שאָלעמ־אַליכעמ שילדערט די קולטור־סוויווע פונעמ פאַרצײַטיקנ שטעטל.

די קולטור־סוויווע, וואָס רינגלט אַרומ דעמ העלד פונ דער אווטאָביאָגראַפיע, ווערט דאָ געגעבנ גאָר ברײט. מיר זעענ פונ וואָס פאַר פאַרשײדענע סאָציאַלע וואָרצלענ עס איז געוואַקסנ די דעמאָלטיקע קול־

טור־באוועגונג, וואס ווערט געוויינלעכ באצייכנט מיט איינ סקארבאוונ נאמענ „האסקאלע". ווי ווייניק שאלעמ־אלייכעמ איז ניט גענייגט צו אנטבלויזנ דעמ סאציאלנ אנטאגאניזמ אינ דער פארצײַטיקער יידישער סוויווע, טרעט דאכ ארויס גאנצ בולעט די געשטאלט פונעמ קליינבירגערלעכנ דעמאקראט, דעמ „ראזנאטשינעצ", וואס שטאמט פונ דער פארשטאט — פונ די „פידוואַרקעס". „דאס איז אנ ערטל מיט אנ אנדער אויסזעג — שרײַבט שאלעמ־אלייכעמ — מיט אנ אנדער אטמאספערע". פונ אט דער האזיקער „אטמאספערע" שטאמט עס ארנאלדס דעמאקראטישקײַט, פונהאנענ שטאמט דער פאקט, וואס ער האט ווייניק געמיינזאמס מיט די „געראטענע איידעמס", וואס שטעלנ פאר די „אטמאספערע" פונ דעמ פעסט־אײַנגעפונדעוועטנ „באלעבאטישנ גראוד".

שאלעמ־אלייכעמ מאלט אויכ — מיט א באזונדערער גענויקײַט און מײַסטערשאפט — די געשטאלט פונעמ העברייִשנ „מעשווירער", וואס וויל שרײַבנ ניט אנדערש, ווי אלא דאנטע, און פירט א דורכויס פאראזיטיש לעבנ, ווי א שטענדיקער „אוירעכ" בײַ פרעמדע טישנ. מיר זעענ אויכ, ווי עס באוועגט זיכ אינ דער פארצײַטיקער יידישער קולטור־סוויווע די אויסטערלישע געשטאלט פונעמ ארעמענ „קאלעקטער", א „קאבמענטש" און „א שטיקל אפיקוירעס", מיר זעענ די יוגנט — די ערשטע „קלאסניקעס" פונ דער „אגיעזדנע", די ערשטע „גימנאזיסט־לעכ", די ערשטע „עקסטערנעס"... עמעס, שאלעמ־אלייכעמענ קימערט, וואס ער געפינט ניט אינ די דעמלטיקע כאלוימעס פונ דער יוגנט קיינ „יידישנ אינהאלט", עס ארט אימ, וואס די שטימונג זייערע איז גאנצ אפט א „גויִישע שטימונג" — ניט געקוקט דערויפ, באקומט זיכ דאכ א גאנצ ברייטע גאלעריי געשטאלטנ, וואס פירנ אונדז ארײַנ אינ דער געשיכטע פונעמ „יונגנ מענטש אינ XIX יארהונדערט".

4

שאלעמ־אלייכעמ האט געוואלט, אז „פונעמ יאריד" זאל זײַנ „דאס בוכ פונ זײַנע ביכער". ער האט געוואלט, עס זאל דא געגעבנ ווערנ די ביאגראפיע פונ אונדזער יידיש וועלטל". אינ העסקעמ מיט אט דער ברייט געשטעלטער אויפגאבע האט שאלעמ־אלייכעמ געוואלט געפינענ פארנ בוכ „פונעמ יאריד" אויכ די אנטשפרעכנדיקע ליטעראַרישע

פאָרמ. ער איז דערביי גרייט געווענ גרינטלעכ רעווידירנ די טראַדיציִ־אָנעל־שאָלעמ־אַלייכעמישע שרייב־מאַניר, גרייט געווענ זיכ אָפּצוזאָגנ פונ אייניקע נעגאַטיווע אייגנשאַפטנ, וואָס האָבנ שוינ אָנגעהויבנ זיכ וואַרפנ אינ די אויגנ אינ שאָלעמ־אַלייכעמס ווערק.

אינעמ בוכ „פונעמ יאַריד“ וויל שאָלעמ־אַלייכעמ פריער פאַר אַלצ איינרייסנ מיט דער פּראַקטיק פונ זיינ צייטונג־אַרבעט אינ די רעאַק־ציע־יאָרנ, ווענ עס זיינענ געשריבנ געוואָרנ די ראָמאַנענ „דער מאַבל“, „בלאָנדזענדע שטערנ“, „דער בלוטיקער שפּאַס“. שטעלנדיק זיכ פאַר אַ ציל אינ זיינ לעבנ־באַשרייבונג צו שילדערנ דעמ „גרויסנ יאַריד, וואָס איכ האָב דורכגעמאַכט אינ די 50 יאָר אינ מיינ לעבנ“, האָט ער דאָכ אויסגעמיטנ יענע בילִיקע מיטלענ, וועלכע ער פלעגט ניצנ אינ זיינע ראָמאַנענ אָפּ צו אינסצענירנ אַ „גרויסנ יאַריד“, אַ „שפּאַנענדיקנ“ צו־זאַמענטרעפ פונ מענטשנ אונ געשעענישנ מיט אויסטערלישע סיור־פּריזנ, שאַרפע קאָנטראַסטנ אונ סענסאַציאָנעלע פּאַסירונגענ. קיינ איינס פונ אָט די שפּאַנונג־מיטלענ האָט שאָלעמ־אַלייכעמ ניט געוואָלט אויס־ניצנ אינ זיינ אַרבעט אָפּנ בוכ „פונעמ יאַריד“.

„איכ ווייס, אַז מייסעס אונ לעגענדעס האָט איר ליב — זאָגט שאָ־לעמ־אַלייכעמ צומ לייענער אינעמ ערשטנ קאַפּיטל „פונעמ יאַריד“ — דאָס איז באַ איַיכ, אייגנטלעכ, דער גאַנצער איקער. קאָנענ מיר אָבער ניט: מיר דאַרפנ זיכ האַלטנ אינ די ראַמענ פונ אַ ביאָגראַפ“.

אינ די דאָזיקע ווערטער ליגט אַ שטיק עמעס. שאָלעמ־אַלייכעמ האָט דאָס מאָל ווירקלעכ ניט געוואָלט „פאַטראַפענ“ דעמ געשמאַק פונ דער בולוואַר־נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע, ניט געוואָלט פאַרפּלייצנ זיינ לעבנ־באַשרייבונג מיט פאַרשיידענע ספּעציפישע „מייסעס אונ לעגענ־דעס“, אינ גייסט פונ אָנייכים „רעב אַבע“. ער האָט דעריבער געשטעלט דעמ טראַפּ אָפּ קאָנקרעטע זאַכלעכער שילדערונג, אָפּ דעמ פאַרב־רייכנ שטייגער־געמעל, אָפּ דער טרעפלעכ־סאָציאַלער כאַראַקטעריסטיק. ער האָט געבויט זיינ לעבנ־באַשרייבונג, ווי אַ מינ פאָרטרעטנ־גאַלעריי, ווי־יעדער איינציקער ווינקל מאַכט אונדז באַקאַנט מיט אַ נייעמ פאַרשוינ, מיט אַ נייער סיטואַציע. אינ דעמ זינענ קאָנ מענ זאָגנ, אַז דער בוכ „פונעמ יאַריד“ שליסט זיכ אָנ אינ די בעסטע מוסטערנ פונ שאָלעמ־אַלייכעמס דערציילערישער קונסט.

עמעס, איינגאנצנ זיכ אפזאגנ פונ די אויבנ דערמאנטע „מײַסעס אונ לעגענדעס“ האט שאלעמ-אליכעמ ניט געקאנט. אינ געוויסע פאלנ, באזונדערס, ווענ ער וויל אונטערשטרײַכנ די „איינציקײַט“ אונ „גאנצ-קײַט“ פונ דער „אומע“, גיט זיכ די שילדערונג א גליטש אראפ פונעמ רעאליסטישנ וועג. די שילדערונג ווערט דעמאלט אינערלעכ אויסגעהוילט. זי ווערט אינהאלטלאז אונ טײלמאל נידערט זי אפילע אראפ צו דעמ ניוואָ פונ א געמיטלעכ-אמוזירנדיקער מעמוארנ-שרײַבערײַ, וואס האט א קנאפנ קינסטלערישנ ווערט. מיר דערקענענ אינ די דאזיקע פאלנ די נע-גאטיווע ווירקונג פונ שאלעמ-אליכעמס פארשענערונג-טענדענצ, וואס האט דא טײלמאל פאראליזירט זײַנ קינסטלערישנ כוש. ווי געזאגט אבער, האבנ ניט אלע טײלנ פונ שאלעמ-אליכעמס אווטאביאגראפיע אינ דער גלײַכער מאס געליטנ פונ אט דער אפאלאגעטישער באציונג צו דער פארגאנגענהײט. פונקט אזוי איז ניט איינהײַטלעכ אויכ די קוואַ-ליטעט פונ שאלעמ-אליכעמס שרײַב-מאניר פונ פארשיידענע טײלנ פו-נעמ בוכ.

אפווארפנדיק די ביליקע שפאנונג-מיטלענ, וואס ער פלעגט באניצנ אינ זײַנע ראמאנענ, האט שאלעמ-אליכעמ אינעמ בוכ „פונעמ יאריד“ גאנצ אפט געזוכט קלאר צו מאכנ דעמ טיפערנ צוזאמענהאנג צווישנ די געשטאלטנ, וואס ער שילדערט, געזוכט אנצוטאפנ די סאציאלע פע-דעמ, וואס פארבינדנ אימ, שאלעמ-אליכעמענ, מיט אט דער דאזיקער סוויווע. אינ דעמ האט שאלעמ-אליכעמ געזענ דעמ ערנסט פונ זײַנ אווטאביאגראפיע, אינ דעמ האט ער געזענ די אויפגאבע פונ אט דעמ בוכ, וואס האט געזאלט געבנ די „ביאגראפיע פונ אונדזער יידיש וועלטל“. אונ ווי גרויס עס זאלנ ניט זײַנ די דעפעקטנ פונ אט דעמ בוכ, וואס טראגט אפ זיכ א סאכ סימאנימ פונעמ שווערנ קריזיס אינ שאלעמ-אליכעמס אנטוויקלונג, קאנ מענ דאכ מיט זיכערקײַט זאגנ, אז שאלעמ-אליכעמס אווטאביאגראפיע, וואס פארמאגט א באדײַטנ-דיקנ דערקענטעניש-ווערט, האט ערטערווײַז ניט קיינ קלענערנ ווערט אלס מוסטער פונ גרויסער מײַסטערשאפט, אלס מוסטער פונ דער הוי-כער קינסטלערישער קוואליטעט, צו וועלכער שאלעמ-אליכעמ האט זיכ אויפגעהויבנ אינ זײַנע בעסטע ווערק.

נ. אויסלענדער.



שאָלעם-אליינבעם און זײַן פֿאָטער

(1885)

פונעם יאריד

א מינ האקדאָמע

א סאכ מאָל האָבנ מיכ מײַנע גוטע פרײַנט אופגעפאָדערט, פארוואָס זאָל איכ מיר ניט נעמענ די מי צו באקענענ דעמ אוילעמ מיט דער געשיכטע פונ מײַנ לעבנ? ס'איז שוינ צײַט, זאָגנ זיי, אונ עס וואָלט עפשער געווענ אינטערעסאנט אויכ. האָב איכ געפאָלגט מײַנע גוטע פרײַנט אונ האָב מיכ עטלעכע מאָל גענומענ צו דער ארבעט, אונ אלע מאָל אוועקגעלייגט די פענ, ביז... ביז ס'איז געקומענ די צײַט, איכ האָב זויכע געווענ נאָכ פאר 50 יאָר צו באקענענ זיכ פּאָנעמ על פּאָנעמ מיט זײַנ מאיעסטעט, מיטנ מאלכאמאָוועס, גאָרניט אפ קאטאָוועס — איכ האָב מיכ שיר־שיר ניט איבערגעפעקלט אהינ, פונוואנענ מע קאָנ קיינ בריוול ניט שרײַבנ, קיינ זאכ ניט אריבערשיקנ אונ אפילע קיינ גערוס ניט איבערגעבנ. קורצ, איכ האָב געהאלטנ בא אָפּזאָגנ די עטלעכע גילדנ, — האָב איכ צו מיר אזוי געזאָגט: „איצינד איז די רעכטע צײַט. כאפ ארײַנ אונ שרײַב, וואָרעמ קיינער ווייסט ניט, וועמענס מאָרגנ עס איז. דו וועסט מאכנ א שטארב, וועלנ קימענ מענטשנ, וואָס מיינענ, אז זיי קענענ דיכ אונ ווייסנ דיכ, אונ וועלנ אויסטראכטנ זאכנ, וואָס ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ. צו וואָס טויג עס דיר? אמער נעמ שוינ בעסער אליינ, דו קענסט זיכ בעסער פונ אלעמענ, אונ דערצייל, ווער דו ביסט, שרײַב דײַנ אווטאָביאָגראפיע!..”

עס איז אָבער גרינג אויסצוריידנ — „שרײַבנ אנ אווטאָביאָגראפיע”, אנ עמעסע לעבנס־געשיכטע, ניט קיינ אויסגעטראכטע! דאָס הייסט אזוי גוט, ווי אָפּגעבנ דינוועכעזשבנ פונ מײַנ גאנצנ לעבנ פאר מײַנ לעזער, זאָגנ ווידע פאר דער גאנצער וועלט. איר ווייסט? שרײַבנ אנ אווטאָביאָגראפיע אונ מאכנ א צאוואָע איז קימאט אלצ איינס... איז איינמאָל אוועק. אונ נאָכ א זאכ: עס איז שרעקלעכ פאר א

מענטשנ, וואָס רעדט פונ זיכ אליינ, ער זאָל זיכ קאָנענ אופהייבנ צו אזא מאדרייגע, אז ער זאָל בײַשטיינ קעגנ דעמ ניסויענ, ניט וועלנ אויספײַנענ זיכ פארנ פובליקומ, באווײַזנ זיכ פאר א וווילנ באָכער, וואָס סע קומט אימ א קניפ אינ בעקל. איכ האָב צוליב דעמ אויסגע־קליבנ א באזונדערע פאָרמ אויטאָביאָגראפיע: די פאָרמ פונ א ראָ־מאנ, פונ א ביאָגראפישנ ראָמאנ. עס וועט אויסקומענ, אז איכ וועל ריידנ פונ זיכ זעלבסט, ווי פונ א דריטער פערזאָנ. עס הייסט: איכ, שאָלעמ־אלייכעמ דער שרײַבער, וועל אײַכ דערציילנ די ריכטיקע ביאָ־גראפיע פונ שאָלעמ־אלייכעמ דעמ מענטשנ, אָנ צערעמאָניעס, אָנ באפוצעכצנ אונ צאצקערײַענ, ווי עס וואָלט אײַכ דערציילט, לעמאָשל, א זײַטיקער פארשוינ, א ווילד־פרעמדער, נאָר אזעלכער, וואָס איז גע־ווענ מיט אימ אומעטומ. אזעלכער, וואָס איז דורכגעגאנגענ מיט אימ אלע שיווע מעדורע־גיענעמ. אונ דערציילנ וועל איכ עס אײַכ ביסלעכ־ווײַז, שטיקלעכווײַז, אײַנגעטיילט אינ באזונדערע מײַסעס, אָדער עפי־זאָדנ, איינ עפיזאָד נאָכ דעמ אנדערנ: איכ זאָל ניט דורכלאָזנ כאָלילע קיינ זאכ, וואָס מיר האָט געטראָפנ אונ וואָס קאָנ האָבנ א אינטערעס, אונ קיינ פארשוינ, וואָס איכ האָב ווענ באגעגנט אפ דעמ גרויסנ יא־ריד, וואָס איכ האָב דורכגעמאכט אינ די 50 יאָר פונ מײַנ לעבנ.

1. די שטאָט

דאָס קלײנע שטעטעלע וואָראָנקע — א מינ קאסרילעווקע. — א לעגענדע פונ מאזעפּעס צײַטנ. — אנ אלטע קלויז, אנ אלטער בע־סוילעמ, ציוויי יארידנ.

אופגעצויגנ געוואָרנ און געוואקסנ איז דער העלד פונ דעמ האָזיקנ ביאָגראפישנ ראָמאנ אינ סאמע קאסרילעווקע, וואָס איז שוינ א ביסל באקאנט אפ דער וועלט. געפינענ געפינט זיכ עס, אויב איר זײַט נײַ־געריק צו וויסנ, אינ מאלאָראָסיע,* אינ פּאָלטאווער גובערניע, ניט ווײַט פונ דער אלטער היסטאָרישער שטאָט פּערעיאסלעוו, און הייסנ הייסט עס ניט קאסרילעווקע, נאָר וואָראָנקע. פארשרײַבט דאָס אײַכ.

אייגנטלעכ, וואָלט איכ באדארפט אָנרופנ דעמ נאָמענ פונ דער שטאָט, ווו ער איז געבוירנ געוואָרנ, און די דאטע, ווי עס פירנ זיכ אלע ביאָגראפישע שרײַבער. בינ איכ מיר אָבער מוידע, אז דאָס אינ־טערעסירט מיכ ניט. מיכ אינטערעסירט דאפקע אָט די קלײנע קאס־רילעווקע אָדער וואָראָנקע, ווײַל קיינ אנדער שטאָט אפ דער וועלט האָט זיכ אימ אזוי ניט אײַנגעגעסנ אינ זיקאָרנ, ווי אָט די געבענ־טשטע קאסרילעווקע־וואָראָנקע, און קיינ אנדער שטאָט אפ דער וועלט האָט ניט געהאט אזוי פיל כיינ און זײַנע אויגנ, אזוי אז ער קאָנ עס ניט פארגעסנ און וועט עס ניט פארגעסנ אייביק און אייביק.

און בעעמעס געדעדט, וועלכע שטאָט אפ דער גרויסער וועלט, עס מעג זײַנ אָדעס, אָדער פּאריזש, אָדער לאָנדאָנ, אָדער אפילע ניו־יאָרק, קאָנ זיכ בארימענ מיט אזא גרויסנ ברייטנ מארק און מיט אזוי פיל יידישע קלייטנ און קלייטלעכ, טישנ, טישלעכ און שטעלעכלעכ, מיט

---

*) אוקראינע. — רעד.

גאנצע בערג פרישע שמעקנדיקע עפּעלעכ אונ בארעלעכ, דינעס אונ קאוונס, וואָס ציגנ אונ כאזיירימ האָבנ כיישעק צו גענימנ פונ זיי צו יעדער צײַט, אונ די מארק־ווײַבער פירנ מיט זיי שטענדיקע מילכאָ־מעס, אונ מיר, כיידער־יינגלעכ, האָבנ אוואדע אונ אוואדע כיישעק צו גענימנ פונ די אלע גוטע זאכנ אונ קאָנענ זיי ניט גרייכנ?...

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אזא אלטנ איינגעהויקערטנ בעסמעדרעש מיט אזא שיינעמ געשניצטנ אָרנקוידעש מיט צוויי לייבנ, וואָס זעענ אויס ווי פויגלענ, ווענ ניט די לאַנגע צינגער אונ די שויפרעס, וואָס זיי האלטנ אינ מויל אונ בלאָזנ? אינעמ דאָזיקנ אלטנ בעסמעדרעש, דערציילנ אלטע יידנ, האָבנ זיכ אונדזערע זיידעס אמאָל פארשלאָסנ פאר מאזעפּענ, יימאכשמוי, געזעסנ דרײַ טעג מיט הרײַ נעכט אָנגע־טאָנ אינ טאלעס אונ טפילנ אונ געזאָגט טילימ — אונ דורכדעמ ניצל געוואָרנ פונעמ טויט. די זעלבע אלטע יידנ דערציילנ, אז דער אלטער ראָוו נאָכ האָט דעמ בעסמעדרעש געבענטשט, סע זאָל קיינמאָל ניט ברענענ — ברענט דאָס ניט, עס מעג זײַנ וואָס פאר א סרייפע עס וויל זיכ!

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אזא באָד, וואָס שטייט באַרג־אראָפּ, סאמע באמ ברעג טײַכ, אונ פאַרמאָגט אזא ברונעמ, וואָס זײַנע וואַ־סערנ נעמענ זיכ קיינמאָל ניט אויס? אונ דער טײַכ אליינ — ווו האָט איר נאָכ אזא טײַכ אפ דער וועלט, ווו דוירעס אונ דוירעס כיידער־יינגלעכ, שקאָצימ באָדנ זיכ אונ פּאָליאָסקענ זיכ, לערנענ זיכ שווי־מענ, כאפּנ פישלעכ אונ מאכנ קונצנ, וואָס איז קעדײַ צו זענ? ווענ דער דאָזיקער אלטער באָד, וואָס שטייט אפ כידושימ, האָבנ אויכ אלטע יידנ צו דערציילנ. מע האָט דאָרט געפונענ אמאָל א געהאנגענעמ גוי, וואָס האָט זיכ אָנגעשיקערט אונ אליינ זיכ אופ־געהאנגענ, איז דערפונ ארויס א בילבל, אז דאָס האָבנ אימ יידנ אופ־געהאנגענ, האָט די שטאָט געהאט נאָכ דעמ אפ זיכ א פעקל, מע האָט געוואָלט שמײַסנ די שענסטע באלעבאטימ, אָדער מע האָט זיי טאקע געשמיסנ — איכ וויל ניט אזוי ווײַט גריבלענ זיכ, ווײַל איכ האָב פײַנט טרויעריקע מײַסעס, זיי מעגנ זײַנ אפילע פונ פארצײַטנ...

וועלכע שטאָט פארמאָגט אזא הויכנ בארג אפ יענער זײַט בעס־מעדרעש, וואָס זײַנ שפּיץ דערגרייכט קימאט ביז דער כמארע אונ

וואָס אפּ יענער זײַט — אַלע ווייסנ עס — ליגט באַהאַלטנ אַנ אויצער נאָכ פונ כמעלניצקיס צײַטנ? דעמ אויצער האָט מענ, — אַזוי דערציילנ אַלטע ייִדנ, — וויפל מאָל גענומענ זיכ גראָבנ, אונ מע האָט אַלע מאָל געמוזט אוועקלייגנ די אַרבעט, וואָרעמ גראָבנדיק האָט מענ געפונענ ביינער, הענט אונ פיס אונ קעפּ פונ מענטשנ אינ טאַכריכימ — מאַשמאָעס, אַז דאָס זײַנענ געווענ ייִדנ אינ עפּשער נאָכ קדוישימ... ווער ווייסט?

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזעלכע פײַנע באַלעבאַטימ, וואָס זײַנענ, דאַכט זיכ, אַלע מער ניט ווי קליינע קרעמערלעכ אונ שענקערס; וואָס לעבנ, דאַכט זיכ, נאָר פונמ גוי אונ איינס פונ דאָס אַנדערע, אונ פונדעסטוועגנ פירנ זיי זיכ אַלע באַלעבאַטיש, יעדער האָט זיכ זײַנ היימ, זײַנ מישפּאָכע אונ זײַנ אָרט אינ בעסמעדרעש — אינ מיזרעכ־וואַנט אָדער אינ שפּיגל־באַנק, וואָס מאַכט עס אויס? — אונ טאָמער איז ער אַליינ ניט אַזאַ גרויסער יאַכסנ אונ אַ גוויר, האָט ער אַ קאָרעוו אַ מעיוכעס אָדער אַ נאָגיד, וואָס ער לאָזט אימ פונ מויל ניט אַרויס אונ דערציילט פונ אימ אַזעלכע גוזמעס, אַז דער קאָפּ דרייט זיכ אַזש?...

אונ אַזאַ אַלטנ בעסוילעמ, אַזאַ גרויסנ אונ אַזאַ רײַכנ אונ אַזאַ אַלטנ בעסוילעמ, ווו דער גרעסטער טייל קוואָרימ איז שוינ פאַרוואַקסנ געוואָרנ מיט גראָז, אַזוי אַז מענ ווייסט שוינ גאָרניט, צי דאָרטנ זײַנענ דאָ ביינער פונ מענטשנ אָדער גיינ? פונ דעמ דאָזיקנ בעסוילעמ איז שוינ האַפּקע יאָ פאַראַנ וואָס צו דערציילנ, אונ האַפּקע ניט אַזעלכע פריילעכע מײַסעס, אונ טאַקע גאָר שרעקלעכע זאַכנ, — פאַרשטייט זיכ, פונ אַמאָל, פונ פאַרצײַטנ. נאָר אַקעגנ נאַכט איז גיט קעדײַ צו רייִדנ פונ בעסוילעמ...

אַ קליינ שטעטעלע אָט דאָס וואָראָנקע, נאָר אַ שיינס, מאַלע כיינ. איר קאָנט דורכשפּאַצירנ דאָס גאַנצע שטעטל אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט אינ איינ האַלבע שאָ, אויב איר זײַט בעקוויעכ אונ האָט פיס. אָנ אַ באַנ, אָנ אַ יאַמ. אָנ אַ ראַש, מיט צוויי יאַרידנ סאַכאַקל דורכנ יאָר, „קראַסנע טאָרגעס" אונ „פּאָקראָווע" — פונ ייִדנס וועגנ געמאַכט געוואָרנ, ייִדנ זאָלנ לייזנ געלט אונ האָבנ פּאַרנאָסע. אַ קליינ, קליינ שטעטעלע, דערפאַר איז עס אָבער פול מיט אַזעלכע שיינע מײַסעס אונ לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פונ זיי אַליינ געקאָנט אָנשרײַבנ

אַ גאַנצן בוך. איך ווייס, אַז מעשׂיות און לעגענדעס האָט איר ליב. דאָס איז בײַ אײַך, אייגנטלעך, דער גאַנצער עיקר... קאָנען מיר אָבער ניט: מיר דאַרפֿן זיך האַלטן שטרענג אין די ראַמען פֿון אַ ביאָגראַפֿיע און מיר מוזן אײַך פֿריִער באַקאַנט מאַכן, ווי דער שטייגער איז, מיט די עלטערן פֿונעם העלד, מיט זײַנע טאַטע־מאַמע. זײַט צופֿרידן, וואָס איך הייב אָן גלײַך פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע, און ניט פֿון זײַנע זיידעס און עלטער־זיידעס, ווי אַנדערע ביאָגראַפֿן טוען.

2. טאַטע־מאַמע

א וואָראָנקעווער נגיד מיט אַ סך פּרנסות. — אַ באַליאַסטרע קינדער. — פֿרומע די דינסטפֿויל געוועלטיקט איבער זיי. — דער העלד איז אַ נאָכמאַכער, אַ קונדס.

אַ הויכער, מיט אַ שטענדיק פֿאַרזאָרגט פּנים, מיט אַ ברייטן, ווײַסן, געקנייטשטן שטערן, מיט אַ שיטער שמייכלענדיק בערדל, אַ בעל־הבית אַ ייִד און אַ בעל־תּפֿילה, אַ לומדן און אַ בעל־צדקה, אַ פֿרומער און אַ בעל־השׂגהניק, אַ חסיד פֿון טאַלנער רבין און אַ ליבהאָבער פֿון מאַפּו, סלאָנימסקי און צעדערבוים, אַ כאַקדן, אַ בוירער און אַ בעל־עצה, אין שאַך און אַ מבֿין אויף פּערל און בריליאַנטן — אָט דאָס וועט זײַן די ריכטיקע פֿיזיאָנאָמיע פֿון דעם העלדס פֿאָטער, רב נחום וועוויקס, וואָס האָט גערעכנט זיך אין שטאָט פֿאַרן גרעסטן נגיד.

וויפֿל איז אַ נגיד פֿון וואָראָנקע האָט געקאָנט פֿאַרמאָגן — איז שווער צו זאָגן; נאָר געשעפֿטן האָט ער געהאַט אַ גוזמא: ער איז געווען אַ פּאַסעסער, צוגעשטעלט בורעקעס אין „זאַוואָד“, געהאַלטן די זעמסקע פּאָטשט, געהאַנדלט מיט טווע, געגרוזעט בערלינעס אויפֿן דניעפּער, געהאַקט וואַלד און געשטעלט אָקסן אויף דער בראַהע, — נאָר פּרנסה האָט מען געצויגן פֿון דער „שניט־קראָם“. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַ „שניט־קראָם“. דאָרט האָט זיך געפֿונען אויך צעלניק, און באַקאַליי, און היי און האָבער, און היימישע רפֿואות פֿאַר גוים און גויעס, און אײַזנוואַרג אויך. אין „שניט־קראָם“ האָט זיך דער טאַטע

ניט אַרײַנגעמישט. דאָס האָט געפירט אינגאַנצנ די מאַמע, אַ ייִדענע אַנ אײשעס־כאַיִל, אַ גיכע טוערנ אונ מיט כאַקאָנעס אַ שטרענגע צו אירע קינדער. אונ קינדער זײַנענ געווענ היפשלעכ, אַריבער אַ טוצ, פונ אַלערלײ וווקס אונ פונ אַלערלײ פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערעלעכ, מיט בלאָנדע אונ מיט געלע.

קײנ גרויסנ צימעס האָט מענ מיט דעמ קלײנוואַרג, געווײנלעכ, ניט געמאַכט. דאָס הײסט, שטאַרק בענקענ האָט מענ נאָכ זײ ניט געבענקט, אונ אַז זײ זאָלנ, כאַסוועשאָלעמ, ניט געווענ קומענ אָפּ דער וועלט וואָלט אויכ געווענ אָנ אַנ אומגליק; נאָר אַז זײ זײַנענ שוינ דאָ, איז — „מאַכטײסע, וועמענ מאַכנ זײ קאַליע? זאָלנ זײ זײַנ מיט יאָרנ"... ווער ס'האָט זיכ געקאָנט אויסדרײענ פונ פּאָקנ אונ פונ מאָזלענ אונ פונ אַלע איבעריקע קינדערשע שלעק־פּוראָניעסנ, דער איז אויסגעוואָקסנ אונ אַוועק אינ כײדער אַרײַנ, פריִער צו נאָטע־לײב דאַרדעקי, דערנאָכ צו רעב זאָרעכלענ דעמ געמאָרע־מעלאַמעד. אונ ווער עס האָט ניט געקאָנט בײַשטײנ דעמ באַלהאַוואָר מיט די טויזנט אויגנ, וואָס לאָקערט אָפּ די קלײנע אויפעלעכ, דער האָט זיכ באַצײַטנס אָפּגעטראָגנ אַהינ, פונוואַנענ ער איז געקומענ. האָט מענ פאַרהאַנגענ די שפּיגלענ. אונ טאַטע־מאַמע האָבנ זיכ אַוועקגעזעצט שיווע, אַראָפּגעוואָרפנ די שיכ פונ די פיס אונ שטאַרק־שטאַרק געווײנט. אַזוי לאַנג געווײנט, ביז מע האָט אויפגעהערט. געזאָגט דעמ פּאָסעק: ה' נתנ וה' לקח,* אויסגעווישט די אויגנ, אָפּגעשטאַנענ פונ דער ערד אונ פאַרגעסנ... אַנדערש איז עס אומעגלעכ געווענ אינ דעמ גרויסנ טאַראַראַמ אונ יאַריד פונ אַריבער אַ טוצ קינדער, צווישנ זײ אײנער אַ באַלעבעסל שוינ, וואָס סע שיט זיכ אימ אַ בערדל, אונ אײנס אַ זויגעדיקס, נאָכ באַ דער ברוסט.

אַ גרויס בעריעשאַפט איז עס געווענ פונ דער מאַמענ אויסצוהאָדעווענ אַזאַ כאַליאַסטרע אונ אויסצושטײנ אַלעמענס קראַנקײַטנ. וואָרעמ אַזוי פלעגט אַ קינד קריגנ פעמיש מיט קלעפּ מיט בוכאַנצעס, וויפל סע איז אינ אימ אַרײַנ. נאָר טאָמער כאָלילע איז עמעצער קראַנק געוואָרנ, אַזוי איז שוינ די מאַמע ניט אָפּגעטראָטנ פונעמ בעטל: „אַ

---

* „האַשעמ נאָסאַנ וועהאַשעמ לאָקאַכ" — דה. גאָט האָט געגעבנ אונ גאָט האָט צוגענומענ. — ר ע ד.

כאַקע דער מאַמען!" איז דאָס אָבער געזונט געוואָרן און געשטעלט זיך אַף די פּיסלעך — „אין כיידער אַרײַן, דו שײגעץ אײנער, אין כיידער אַרײַן!"...

אין כיידער האָבן געלערנט אַלע פון פיר יאָר ביז... קימאַט ביז דער כאַסענע. און פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער שקאָץ דער מיטלסטער, דער העלד פון דער האָזיקער ביאָגראַפיע, מיטן נאָמען שאָלעם אָדער שאָלעם נאָכעם ווועוויקס.

מע באַדאַרף זאָגן דעם עמעס, אַז גאָר קיין שלעכט ייִנגל איז דאָס ניט געווען, אָט דער שאָלעם נאָכעם ווועוויקס, און לערנען האָט ער זיך געלערנט בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פּעטש, קולעקעס, מיט קלעפּ, מיט שמיץ, ניט פאַר אײַך געדאַכט, האָט ער אײך געקראָגן מער פון אַלע. מיסטאַמע איז ער ווערט געווען.

— אָט וועט איר זען, ייִדן, אַז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט אַרויס! דאָס וואַקסט עפּעס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, דער שוואַרץ־יאָר ווייסט וואָס, אַ שטויבער, אַ סאַמאָוואָלעץ, אַ זווילעלוועכיוועניק, אַ איוואַן פּאַפּעריליע, אַן אויסוווּרפלינג, אַ מעשומעד און אַ קאַלבויניק, און וואָס אין דער קאָרט!..

אַזוי האָט זיך אַטעסטירט פרומע די דינסטמויד, אַ בלינדע אַף אײן אויג און אַ געשטופּלטע, נאָר זײער אַ קאַרגע און געטרײַע דינסט. אַ געטרײַע און אַן איבערגעגעבענע און אַן ערלעכע דינסט. זי האָט געהאַרגעט־געשלאָגן די קינדער, זיי געזשאַלעוועט עסן, אָבטונג געגעבן, זיי זאָלן זײַן גוט און פרום און ערלעך און קאָשער צו גאָט און צו לײַט. און מאַכמעס די מאַמע איז געווען אַן אײישעס כאַיִל, שטענדיק אין קראָם, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב בעיאַד ראָמאָ און „דערצויגן" די קינדער, ווי אַ מאַמע. זי האָט געוועקט, געוואַשן, געצוואָגן, געזאָגט מיט זיי בראָכע, געפּאַטשט, געגעבן אָנבײַסן, אָפּגעפירט אין כיידער, געבראַכט פון כיידער, געפּאַטשט, געגעבן עסן, געלייענט מיט זיי קרישמע, ווידער געפּאַטשט און געלייגט שלאָפן, אַלע אײנײנעם, ס'זאָל אײַך צו קיין כאַרפּע ניט זײַן, טאַקע מיט איר אין אײן בעט. די קינדער אין בעט — און זי באַ זיי צופוסנס.

א שטיק גאָלעס איז געווענ פאר די קינדער אָט די פרומע די מויד און א יאָנטעוו איז געווענ פאר זיי פרומעס כאַסענע — לאַנג לעבנ זאָל יידלע גאַנעוו מיט דער היטשקע געקרײַזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענדזנשמאַלצ, אונ מיט דער צונויפגעוואָקסענער נאָז, וואָס מע קאָנ זי קיינמאָל ניט אויסשנײַצנ, מע זאָל זײַנ, דאַכט זיכ, מיט אכצנ קעפ. לאַנג לעבנ זאָל ער, וואָס ער האָט זיכ אונטערגענומענ (אָט א מעשוגענער!) כאַסענע האָבנ פאר דער בלינדער פרומענ. אונ כאַסענע האָט ער פאר איר געהאַט ניט גלאַט אזוי, נאָר מאַכמעס „ליבע": ער האָט זיכ אינ איר פארליבט, הייסט עס, מיט סאַקאָנעס נעפאָשעס, ניט צוליב דעמ, וואָס זי האָט נאָר איינ אויג! אונ איז געשטופלט — כאַסוועכאָלילע! נאָר צוליב דעמ, וואָס ער טוט א שידעכ מיט רעב נאָכעמ וועוויקס. א קלייניקייט אזא שידעכ! באַיע עסטער אליינ (די מאַמע) האָט געפראַוועט די כאַסענע, געווענ די גאַנצע מעכוטענעסטע, געבאַקנ לעקעכ, אראָפגעבראַכט קלעזמער פונ בערעזאַנ, געטאַנצט, געהוליעט ביז טאָג אונ געוואָרנ הייזעריק, ווי די וואַנט.

אוי-וויי, וואָס כעוורע האָבנ זיכ דערמאָלט אָנגעלאַכט אונ אָנגעטאַנצט! די סימכע איז געווענ ניט אזוי צוליב דעמ, וואָס א פײַפער, א גאַנעוו נעמט א בלינדע מויד, נאָר איבער דעמ, וואָס מע ווערט פאָטער פונ „פרומע די מויד" אפ אייביק אונ אייביק! אונ, אגעוו, האָט מענ זיכ טאַקע אָנגעלאַכט אויכ אפ דעמ, וואָס „דער שייגעצ" האָט קאַפירט דאָס גליקלעכע פאָר — דעמ כאָסנ, ווי ער פײַפט מיט דער נאָז, אונ די קאַלע, ווי זי קוקט אפנ כאָסנ מיט איינ אויגל אונ באַלעקט זיכ, ווי א קאַצ, אז זי האָט א נאַש געגעבנ סמעטענע.

קאַפירנ, נאָכמאַכנ, איבערקרימענ — דערופ איז אונדזער שאָלעמ געווענ א מאַזיק! האָט ער דערזענ עמעצנ דאָס ערשטע מאָל, האָט ער שוינ געפונענ אפ אימ עפעס א כיסאָרנ, אָדער אזוי א „לעבעדיקס", אונ ער האָט זיכ שוינ אָנגעבלאָזנ ווי א פאַכיר, אונ ער האָט אימ שוינ נאָכגעמאַכט. אונ כעוורע שקאָצימ האָבנ געלאַכט, אונ טאַטע-מאַמע האָבנ צוגעשטעלט א בענקעלע פארנ רעבנ, אז „דער שייגעצ מאַכט נאָכ דער גאַנצער וועלט, ווי א מאַלפע — מע באַדאַרפ אימ אָפגעווינענ דערפונ!"

אונ דער רעבע האָט זיכ גענומענ אימ „אָפגעווינענ" דערפונ —

עס האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן... עפּעס א „גיט־גוטער” האָט זיך פארקליבן אין דעם קינד, א מין לעצ, וואָס דער גאנצער וועלט מאכט ער נאָך און אלעמען קרימט ער איבער, אָבער אלעמען, אפילע דעם רעבן אליין, ווי ער שמעקט טאבעקע און ווי ער גייט דראָבניטשקע מיט די קליינע פיסלעך, און די רעבעצן, ווי זי פיסקלט זיך, רויטלט זיך און בלינצלט מיט איין אויגל, בעשאס זי דארף נעמען באם רעבן אפ שאבעס און קען ניט אויסריידן „שאבעס”, נאָר „סאַבעס”, און פעטש זיינען געפלויגן, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געצײלט. אוי שמיצ! סטײַטש שמיצ!

בעקיצער — ס'איז געווען א לעבן.

3. שמוליק דער יאָסעם

מײַסעס, פאנטאזיעס און כאלוימעס. — קאבאָלע און קישעפ.

פאראן פענעמער, וואָס זײַנען באשאפן געוואָרן פון גאָט אפ צו פארקישעפן אײַך מיטן ערשטן קוק, „האָב מיך ליב!” — אזוי שרײַט צו אײַך אָט דאָס דאָזיקע פענעמל, און איר באקומט דאָס ליב, איר ווייסט ניט פארוואָס.

אָט אזא מין כיינעוודיק פענעמל האָט געהאט שמוליק דער יאָסעם, א יינגל אָן א טאטן, אָן א מאמען, וואָס אופגעהאלטן האָט ער זיך באם ראָוו.

צו אים איז דאָס צוגעקלעפט געוואָרן שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, דער העלד פון דער דאָזיקער אווטאָביאָגראפיע, פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באקענט, זיך געטיילט מיט אים מיט די אָנבײַסנס און מיט די מיטאָגס האלב אפ האלב און געוואָרן כאווער — אָבער וואָס כאווער הייסט! נעפעש אכאס — איין לײַב, איין נעשאָמע פארוואָס? — איבער זײַנע מײַסעס.

קיינער האָט ניט געהאט אזוי פיל מײַסעס אפ צו דערציילן, וויפל שמוליק. האָבן מײַסעס אפ צו דערציילן איז אָבער נאָך ניט אינגאנצן. דאָס דערציילן אליין איז אויך א זאך. דערציילן א מײַסע דארף מען

קענענ. אונ שמוליק האָט געקענט דערציילנ מײַסעס אַזוי, ווי קיינער ניט!

פונוואַנענ האָבנ זיכ צו דעמ ציקאַווענ באָכער מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די פאַרכאַלעמטע אויגנ גענומענ אַזוי פיל מײַסעס, אונ אַזעלכע שיינע, רײַכע מײַסעס, מיט אַזעלכע זעלטענע פאַנטאַסטישע בילדער? צי האָט ער זיי ווו געהערט אַמאָל דערציילנ? אָדער דאָס איז געווענ פונ זײַנ קאָפּ אויסגעטראַכט, לויטער פאַנטאַזיעס? אַדאַיאָמ קענ איכ דאָס ניט באַגרײַפנ. איכ ווייס נאָר איינ זאַכ: עס האָט זיכ בײַ אימ געגאָסנ ווי פונ אַ קוואַל, נאָר פונ אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיכ ניט אויס קיינמאָל. אונ געגאַנגענ איז דאָס בײַ אימ גלאַט, ווי אַ בוימל, אונ געצויגנ האָט זיכ עס ווי אַ לאַנגער זײַדנפאָדעמ. אונ זיס איז געווענ די שטימ, זיס די שפּראַכ, זיס ווי צוקער. אונ די בעקלעכ רויט, אונ די אויגנ פאַרכאַלעמט אונ נאַסלעכ, ווי איבערגעצויגנ מיט אַ דינ רויכל.

פאַרקליבנ זיכ פרײַטיק נאָכ האַלבנ טאָג, אָדער שאַבעס נאָכנ עסנ, אָדער יאָנטעוו פאַרנאַכטלעכ, אויפנ הויכנ וואָראָנקעווער באַרג, וואָס „ער שפּיצ זײַנער דערגרייכט קימאַט ביז דער כמאַרע", האָבנ זיכ בײַדע כאַווײרימ אוועקגעלייגט מיטנ פּאָנעמ אַראָפּ צומ גראָז, אָדער מיטנ פּאָנעמ אַרויף צומ הימל, אונ שמוליק האָט גענומענ דערציילנ אַ מײַסע נאָכ אַ מײַסע: אַ מײַסע פונ אַ בענ מעלעכ אונ אַ באַסמאַלקע, אַ מײַסע פונ אַ דאָוו מיט אַ רעבעצנ, אַ מײַסע פונ אַ פּרינצ מיט אַ פלעגהונט, אַ מײַסע פונ אַ פּרינצעסנ אינ אַ קרישטאָלענעמ פּאַלאַצ, אַ מײַסע פונ 12 גאַזלאָנימ אינ וואַלד, אַ מײַסע פונ אַנ אָקרענט, וואָס האָט זיכ אוועקגעלאָזנ אויפנ פאַרגליווערטנ יאַמ. מײַסעס פונעמ פּויפּסט, וואָס האָט געפירט וויקוכימ מיט די גרעסטע ראַבאָנימ, אונ מײַסעס פונ כײַעס, פונ שיידימ אונ פונ רוכעס אונ פונ קאַטלעצאָנימ, פונ מעכאַשפימ, שרעטעלעכ, וואַוקעלאַקעס, פּיפּערנאָטערס, האַלב־מענטש, האַלב־כײַע, אונ אַ מײַסע מיט אַ הענגלײַכטער פונ פּראָג — אונ יעדע מײַסע האָט געהאַט איר טאַמ מיט איר רייעכ, אונ אַ באַזונדער קישעפ איז געווענ אויסגעגאָסנ אויפ זיי אַלע.

דער באָוער, שאָלעמ נאָכעמס וועוויקס, האָט געהאַלטנ אָפנ מויל אונ אויערנ, קיינ אויג ניט אַראָפּגעלאָזנ פונעמ דאָזיקנ ציקאַווענ באָ־

בערל מיט די רויטע בעקלעכ און מיט די פאַרכאַלעמטע נאַסלעכע אויגנ.

— פונוואַנעג ווייסטו דאָס אַלצדינג, שמוליק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָכ גאָרנישט. לעמיי איכ וויסנ, ווי אַזוי מע צאַפּט ווייַנ פונ דער וואַנט? און בוימל פונ דער סטעליע?

— וויאַזוי צאַפּט מענ דאָס ווייַנ פונ דער וואַנט? און בוימל פונ דער סטעליע?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָכ אויכ בלאָטע! איכ ווייס אפילע, וויאַזוי מע מאַכט פונ זאַמד גאָלד און פונ שערבלעכ דימענטנ מיט בריליאַנטנ.

— וויאַזוי מאַכט מענ דאָס?

— וויאַזוי? דורכ קאַבאָלע. דער ראָוו איז דאָכ א באַלקאַבאָלע. ווער ווייסט עס ניט? ער שלאָפט דאָכ קיינמאָל ניט.

— וואָס דענ טוט ער?

— באַנאַכט, ווענ אַלע שלאָפנ, איז ער אויפ. זיצט ער אַליינ און פאַרנעמט זיכ מיט קאַבאָלע.

— און דו זעסט אַלצדינג, וואָס ער טוט?

— ווי קאָנ איכ זענ, נאַרעלע, אַז איכ שלאָפ?

— פונוואַנעג זשע ווייסטו, אַז ער פאַרנעמט זיכ מיט קאַבאָלע?

— ווער ווייסט עס ניט? דאָס ווייסט דאָכ א מינדסט קינד. פרעג וועמענ דו ווילסט. דאָס, וואָס דער ראָוו קאָנ, נאַרעלע, קאָנ קיינער ניט. וויל ער — זייַנענ אָפּנ פאַר אימ אַלע צוועלפ ברונעמס מיט קוועקזילבער און אַלע דרייַצנ גערטנער פונ סאַמע זאַפּרעג, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטנ, מיט בריליאַנטנ — כחל הים,* אַזוי פיל, אַז סע גלוסט זיכ אוזש ניט!..

— פאַרוואָס זשע ביסטו טאָמער הונגעריק? און פאַרוואָס האָט ער ניט אפ שאַבעס?

— אַזוי, וואָרעמ ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומענ אפ דער וועלט, טשוווע טאָנ. ער איז א באַל־טשוווע. ער זאָל וועלנ, וואָלט ער געווענ רייַכ, ווי קוירעכ; טויזנט ראָטשילדס וואָלט ער פאַרשטעקט אינ גאַרטל. וואָרעמ ער ווייסט, וויאַזוי מע ווערט רייַכ. פאַר אימ איז

---

* „קעכויל האיאם“ — ווי זאַמד אויפנ ברעג יאַמ. — ר ע ד.

אנטפלעקט אלצדינג. ער ווייסט אפילע דאָס אָרט וווּ דער אוצר ליגט באַהאַלטן.

ווו ליגט דער אוצר באַהאַלטן?

— כאָכעם! פונוואַנען זאָל איך וויסן? ווען איך זאָל וויסן, וווּ דער אוצר ליגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטן באַנאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שאָלעם, צום אוצר!"

שמוליק האָט גערעדט, און זיין קאָל, שאָלעם נאַכעם וועוויקס, האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און מיט דורשט געשלונגען יעדעס וואָרט.

4. אוצרעס

וואָס איז אַן אוצר? — אַ לעגענדע פון כמעלניצקים צייטן. — וונדער־שטיינער.

אַז ס'איז פאַראַן אַן אוצר דאָ בײַ אונדז אין אונדזער שטעטל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אונדז אַן אוצר? פון כמעלניצקין. כמעלניצקי האָט אים דאָ באַגראָבן נאָך פאַרצײַטן. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געזאַמלט אוצרעס מיט אוצרעס, ביז ס'איז געקומען כמעלניצקי און האָט עס באַשטאָט.

— ווער איז געווען כמעלניצקי?

— כמעלניצקי, ווייסטו ניט? נאַרעלע. כמעלניצקי — דאָס איז געווען אַ ראָשע, אַ האָמאָן, נאָך פאַר כמעלניצקיס צײַטן... דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד! האָט אָט דער כמעלניצקי דער ראָשע, דער האָמאָן, אָנגעראַבעוועט אוצרעס, מילי־מיליאָסן גאָלד און האָט דאָס אַלצדינג געבראַכט צו פירן אַהער צו אונדז, קיין וואָראָנקע, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל באַנאַכט אויף יענער זײַט בעסמעדרעש, באַרג־אַראָפּ, אַקעגן דער שײַן פון דער לעוואָנע, באַהאַלטן, טיף־טיף אין דער ערד באַגראָבן, און ס'איז מיט גראָז באַוואָקסן און מיט קישעף פאַרקישעפט, אַזוי אַז קיין בעןאָדעם זאָל עס ניט געפינען.

— אונ ס'איז פאַרפאַלנ לעוילעמ־וואָעד—אַפ אייביק אונ אייביק?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז פאַרפאַלנ לעוילעמ־וואָעד, אַפ אייביק אונ אייביק? אונ צו וואָס האָט גאָט באַשאַפנ די קאַבאַלע? די באַלײ־קאַבאַלע, נאַרעלע, האָבנ שוינ דערצו אַנ אייצע.

— דעהײַנע, וואָסער אַנ אייצע?

— זיי ווייסנ שוינ. זיי האָבנ אַ שפּרוכ אַזעלכנ, אונ אַ פּאָסעק פּאַראַנ אַזעלכער אינ טילימ, וואָס מע דאַרפ אימ זאָגנ פערציק מאָל פערציק...

— וואָסער אַ פּאָסעק?

— ע, נאַרעלע, איכ זאָל וויסנ דעמ פּאָסעק! אונ אַפילע איכ זאָל שוינ וויסנ, איז דאָס אויכ ניט אַזוי גרינג. מע באַדאַרפ פאַסטנ פערציק טאַנייסימ, אָפּזאָגנ אַלע טאָג פערציק קאַפּיטלעכ טילימ, אונ אַפנ איינ־אונ־פערציקסטנ טאָג, באַלד נאָכדעמ ווי די זונ האָט זיכ געזעצט, באַדאַרפ מענ זיכ אַרויסגאַנווענענ אַזוי קונציק, אַז קיינ בענאָדעמ זאָל דיכ ניט באַגעגענענ, — וואָרעמ טאָמער כאָלילע דערזעט מענ דיכ, באַדאַרפ מענ אָנהייבנ נאָכ אַ מאָל צו פאַסטנ פונ אָנהייב פערציק טאַנייסימ, — אונ ערשט דעמלט, אַז ס'וועט דיר אָפּגילטנ, קיינער וועט דיכ ניט באַגעגענענ, זאָלסטו אַוועקגיינ אינ אַ פינצטערער נאַכט אינ אָנהייב כוידעש אַפ יענער זײַט בעסמעדרעש באַרג־אַראָפּ, אונ דאָרטנ אָפּשטיינ פערציק מינוט אַפ איינ פוס, ציילנדיק פערציק מאָל פערציק, אונ אויב ס'וועט נאָר ניט זײַנ קיינ טאָעס אינ ציילנ, וועט זיכ דיר דער אוצער אַנטפּלעקנ פונ זיכ אַליינ.

אונ שמוליק דער יאָסעמ גיט צו פאַרשטיינ גאַנצ ערנסט זײַנ כאַווער, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, דעמ סאָד פונעמ אוצער מיט אַ שטיל קאָל, אַלע מאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פונ אַ בוכ, ניט אָפּגעשטעלט זיכ אַפ אַ רעגעלע אַפילע:

— אונ אַנטפּלעקנ וועט זיכ דיר דער אוצער דורכ אַ פײַערל, אַ קליינ פײַערל. אונ אַז דאָס פײַערל וועט זיכ דיר באַווײַזנ, באַדאַרפסטו גלײַכ צוגיינ צו דעמ, צומ פײַערל הייסט עס, זאָלסט נאָר קיינ מוירע ניט האָבנ פאַר אָפּברינענ זיכ, ווארעמ דאָס פײַערל איז מער ניט אַפ צו באַלײַכטנ, ברענענ ברענט עס ניט, אונ דו באַדאַרפסט זיכ נאָר אָנבויגנ אונ זשעברעוועג מיטביידע זשמעניעס (שמוליק באַווײַזט מיט ביידע

הענט, ווי ער זשעברעוועט) גאָלד און זילבער און דימענטן און ברילי־
אַנטן, און שטיינער אַזעלכע, וואָס הייסן מיטן נאָמען „קאַדקויד״,
און אַזעלכע, וואָס הייסן מיטן נאָמען „יאָשפע״...

— וואָס איז דען דער כילעק?

— אוי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער כילעק! „קאַדקויד״ איז אַזאַ שטיין, וואָס לײַכט אין דער פינצטער, ווי אַ סטעאַרינעווע ליכט, און „יאָשפע״ האָט אין זיך אַ קויעך: עס מאַכט פון שוואַרץ ווײַס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקן, פון הונגעריק זאַט, פון אַלט יונג, פון טויט לעבעדיק... מע באַדאַרף נאָר מיט אים געבן אַ רײַב אין דער רעכטער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַ רעכטער אָנבײַסן!״ — גייט אַרויס אַ זיל־בערנע טאַץ, און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָטענע טײַבעלעך מיט פרישינקע פּלעצלעך פון געבײַטלטער מעל, פּערווי סאָרט. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַ גוטער וואַרעמעס!״ — באַווײַזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט קאָלערליי מינים עסנוואַרג און פּאַטראַוועס, מאַראַ־ניי־מעלעך, געבראָטענע צונגען מיט געפילטע העלדזלעך, וואָס זייער געשמאַקער ריעך צעגייט זיך אין אַלע איוורים, אין פרישע צוגעברענ־טע, געפלאָכטענע קוילעטשן וואַקסן אויס פאַר דײַנע אויגן, און ווײַן לעראַוו פונעם בעסטן סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערן, און צוקער־קעס לעראַוו — אַזוי פיל, אַז סע גלוסט זיך שוין אַזש ניט!

און שמוליק קערעוועט אויף דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און שפּײַט אויס, און זײַן כאַווער זעט נאָך זײַנע פאַרשמאַכטע ליפּן און נאָך זײַן בלאַס פּאָנעם מיט די פאַרכאַלעמטע אויגן, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּ־געזאָגט פון אַ שטיקל געבראָטענע צונג, אַ געפילט העלדזל, אָדער כאָטש אַ שטיקל קוילעטש... און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן אימירצעשעם טראָגט ער אים אַרויס אין קעשענע עטלעכע ניסלעך, אַ פּאָר באָקסערן מיט אַ צוקערקע, וואָס ער וועט אַרויסלאַקכענען, מעבי־לע, בא דער מאַמען אין קלייטל. און דערווײַל בעט ער שמוליקן, ער זאָל דערציילן נאָך און נאָך. און שמוליק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער ווישט אָפּ די ליפּן און דערציילט נאָך און נאָך.

— ...און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיקט מיט די אַלע מינים מײַכאָלים און פאַרטרונקען מיט די בעסטע ווײַנען, נעמסטו און טוסט

א רײַב מיטנ שטײנדעלע אונ א זאָג: „ס'זאָל מיר ארויסגײנ אונ ארויסגײנ א ווײכער געלעגער!" — באַווײַזט זיכ דיר א בעטל פונ העלפאַנדבײנ, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט אנ איבערבעט — ווײכ ווי פּוטער, אונ מיט זײַדענע קישעלעכ צוקאָפּנס, אונ מיט אנ אטלעסענער קאָלדרע איבערגעדעקט. ציסטו זיכ אויס אונ ווערסט אנשלאָפנ אונ עס כאָלעמענ זיכ די מאַלאָכימ מיט קרוווימ, מיט סראָפימ, מיט גאַנײדנ האָעליענ, מיטנ גאַנײדנ האַטאַכטנ... אָדער אז ניט, טוסטו א רײַב מיטנ שטײנדעלע, הײבסטו דיכ גאָר אוף אינ דער הײכ ביז דער כמאַרע אונ אריבער דער כמאַרע, אונ דו פליסט זיכ, ווי אנ אָדלער, הויכ-הויכ, ווײַט ווײַט!...

צי האָט דער אָרעמער יאָסעמ מיט זײַנע וווּנדערלעכע מײַסעס זיכ ווענ אָפּגערופנ נאָכדעמ אינ די שרײַבעכצנ פונ זײַנ כאַווער שאָלעמ, ביימ שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס איז געוואָרנ א „שאָלעמ אלײכעמ", — דאָס איז שווער צו זאָגנ. אײנ זאַכ איז געוויס: זײַנ פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רײַכער, זײַנ האָסאָגע ברײטער, אונ שמוליקס כאַלוימעס, אונ שמוליקס טרוימענ ווענג אויצרעס, וווּנדער-שטײנער אונ נאָכ אוזעלכע גוטע זאַכנ טראָגט ער בא זיכ טיפ אינ הארצנ נאָכ אַדאַיאָמ. עפּשער אינ אנ אנדער פאָרמ, עפּשער אינ אנדערע געשטאַלטנ — נאָר ער טראָגט זײ, ער טראָגט זײ ביז צו הײַנטיקנ טאָג.

5. דער ראָוו אינ גאַנײדנ

די פרײַנטשאַפט פונ דאָוויד מיט יוינעסנ. — דער לעוויאָסנ מיטנ שוויראַבאָר. — ווי זעענ אויס די צאַדיקימ אפ יענער וועלט.

די שײנע וווּנדערלעכע מײַסעס פונ שמוליק דעמ יאָסעמ האָבנ זײַנ יונגנ כאַווער אײנגאַנצנ פאַרקישעפט אונ געבראַכט דערצו, אז די פרינצנ מיט די פרינצעסנס זײַנענ אימ געגאַנגענ צו כאָלעמ, געוועקט, געשלעפּט בא די ארבל: „שטײ אוף, שאָלעמ, טו דיכ אָנ אונ קומ מיט אונדז!"... אונ ניט נאָר אינ כאָלעמ — אויכ אפ דער וואָר האָט ער זיכ געפונענ קימאַט שטענדיק צווישנ פרינצנ אונ פרינצעסנס, ערגעצ

אין א קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפן פּאַרגליווערטן יאַם, אָדער אויף א ווייספּע, ווי עס געוועלטיקן ווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גאַניידן האַטאַכטן, ווי עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרײַצן גערטנער פון זאַפרען, און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך אַזוי ווי מיסט; אָדער ער הייבט זיך אויף מיטן שטיינדעלע „יאַשפּע“ גאָר אין דער הייך, אויף יענער זײַט כמארעס... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָנרופן די אַלע זאַכן באַם נאָמען און זען זיך מיט זיי אויף יעדן טריט און שריט.

עטלעכע צונויפגעלייגטע באַלקנס אין הויף איינס אויפן דאָס אַנדערע זײַנען שוין געווען גענוג פאַר אים, ער זאָל זיך אַרופכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז א „ווייספּע“, און ער איז דער פּרינץ, און די גענדז מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַצירן אַרום אין הויף, — דאָס זײַנען די ווילדע מענטשנפרעסער, און ער איז איבער זיי דער מיילעך, וואָס קאָן זיי טרײַבן, וווּהין ער וויל, און קאָן טאָן מיט זיי, וואָס ער וויל, וואָרעם זיי זײַנען דאָך זײַנע אונטערטעניקע... עס איז גענוג געווען א שטיקל גלאָז, טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערן בא אים פאַרוואַנדלט אין א טײַערן וווּנדערשטיין, א מין „קאַדקויד“... א שטיינדעלע, א פּראָסט, פון דער ערד אויפגעהויבן קאָן עס זײַן עפּשער דאָס שטיינדעלע „יאַשפּע“ — ווער ווייסט? פילט ער זיך ניט, נעמט און טוט דאָס א רײַב, אַז קיינער זעט ניט, אין דער רעכטער לאַץ און א זאָג, ווי שמוליק זאָגט: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין“...

מער פון אַלץ אָבער האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט אין אים שמוליקס מײַסעס וועגן אוצרות. ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז ניט הײַנט איז מאָרגן, נאָר אַן אוצר מוז זיך אים אַנטפּלעקן, דאָס גאַנצע גאָלד וועט ער, געווייינלעך, אָוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין ניט דאַרפן זײַן אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט אין די געשעפטן. די מאַמע וועט פאַרשפּאָרן פרירן גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם קויעך פונעם שטיין „יאַשפּע“ וועט ער זיי אויסבויען א פּאַלאַץ פון קרישטאָל, אַרומגערינגלט מיט א גאָרטן פון סאַמע זאַפרען. אין אין מיטן גאָרטן וועט זיך געפינען א ברונעם פון קוועקזילבער. א פּלעגהונט וועט היטן דעם אַרײַנגאַנג, און פּיפּערנאָטערס, שרעטעלעך מיט ווילדע קעץ וועלן זיך הראַפּען אויף די ביימער. און ער, דער פּרינץ אליינ

וועט אויסטיילן פון זײַן ברייטער האנט די וואָראָנקעווער אָרעמעלײַט נעדאָוועס, גרויסע נעדאָוועס און קליינע נעדאָוועס, איטלעכן אזא נע־דאָווע, ווי ער פארדינט.

עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אז די צוויי געליבטע כאַוויירים, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקעס און שמוליק דער יאָסעמ, זאָלן ווען אמאָל זיך דארפן צעשיידן אף אייביק און אייביק. ערשטנס, גלאט לעמײַ זאָלן זיך כאַווירים שיידן? און אויסער דעם האָבן זיי זיך געשוואָרן ביידע בא גאָט און איבערגעשלאָגן מיט א ציצע, אז איי־נער אָן דעמ צווייטן זאָל ניט אוועקפאָרן קיינמאָל ניט אין ערגעץ ניט, און אז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפן און ווו זיי זאָלן ניט מע־גולגל ווערן, זאָלן זיי טאָמער זײַן איין נעפעש, איין נעשאָמע. דאָס איז געווען א ליבשאפט, ווי צווישן דאָוויד מיט יוינעסן. גייט ריכט זיך אף אזא מײַסע, אז דער ראָוו, וואָס איז טאקע געווען אפילע א ייִד א זאָקן, איך האָב מוירע, אויך ניט א בענשיווים, וועט נעמען און וועט זיך פלוצעמ אין מיטנדערינען אוועקלייגן גאָר און וועט מאכן א שטארב, און דער יאָסעמ שמוליק וועט אוועקפאָרן מיט דעמ ראָווס אל־מאָנע ערגעץ אין א קליין שטעטל, וויים איך וואָהין, ערגעץ אין כער־סאָנער גובערניע, און אז שמוליק זאָל פארשווינדן ווערן, גלײַך ווי עס איז גאָר קיין מאָל קיין שמוליק אף דער וועלט ניט געווען.

מאָלט אײַך, ניט אזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. ניט אזוי גרינג לייגט זיך אוועק א ראָוו און שטארבט אוועק. דער ראָוו, וואָס איז געווען טאָמער א „כאָלוש", א קראנקער מענטש פון פאסטן טאַניי־סימ און פון גלאט ניט עסן, האָט זיך אף דער עלטער אוועקגעלייגט אין בעט, אָפּגעלעגן א גאַליימטער העכער א יאָר, אָן עסן, אָן טרינ־קען, און נאָר געלערנט און נאָר גערעדאווענט, און גערעאנגלט זיך מיטן מאלכאמאָוועס. שמוליק האָט דערציילט פאר זײַן כאווער און געשוואָרן מיט קאָל האַשוווּעס, אז אלע פארנאכט, ביים מינכע לעמײַרעוו, פליט ארײַן דורך א שפארינקעלע פון א פענצטער דער „באלדאָוואָר", שטעלט זיך אוועק באם ראָוו צוקאָפּנס אוןווארט, טאָמער וועט ער אופהערן „זאָגן", וועט ער אים מאכן „כיק"... איז אָבער דער ראָוו קליגער פון אים: ער הערט ניט אוף צו „זאָגן" אפילע אף א רעגע קעמעמרע, — אָדער ער לערנט, אָדער ער דאוונט.

— וויִאזוי זעט ער אויס?
— ווער?
— דער „באַלדאַוואָר"!
— פונוואנעט זאָל איך וויסן?
— דו זאָגסט, אז ער קומט, האָסטו מיסטאמע אים געזען.
— נארעלע! ווער עס זעט דעם „באַלדאָוואָר", דער קאָן ניט לעבן מער. הײַנט וויאזוי האָב איך אים געקאָנט זען?
— פונוואנען זשע ווייסטו, אז ער קומט?
— ניין! וואָס דען וועט ער טאָן? ער וועט ווארטן אָפ קאָוועד?...

און אז דער ראָוו איז געשטאָרבן איז פאר די צוויי כאוויירים געווען א יאָנטעוו. דער ראָוו האָט געהאט אזא שיינע לעווײַע, ווי עס קאָן זיך פארגינען צו האָבן נאָר א ראָוו אין א קליין שטעטל. די קלייטן האָט מען געשלאָסן, און די כאדאָרים האָט מען צעלאָזט, און די גאנצע „שטאָט" איז אים געגאנגען באגלייטן.

אָפ צוריקוועגס זײַנען די פארליבטע כאוויירים, „דאָוויד וועיווי־נעסן", געווען די לעצטע שעבעלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאר די הענט און מע איז געגאנגען פאוואָליע, ביכדיי מע זאָל זיך קאָנען געני־נוג אָנריידן. און ריידן איז געווען פון וואָס. פונעם ראָווס טויט און פון זײַן קומען אָפ יענער וועלט, וויאזוי מע וועט אים דאָרטן באגע־גענען בא די טויערן פון גאניידן, און וויאזוי מע וועט אים אופנע־מען, און ווער וועלן זײַן די, וואָס וועלן אים מעקאבל פּאָנעם זײַן.

אַלצדינג האָט שמוליק געוווּסט, אפילע וואָס ד אָ ר ט טוט זיך, און פון אַלצדינג האָט ער גערעדט אזוי, גלײַך ווי ער וואָלט גע־ווען דערבײַ. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז דער ראָוו איז גאָרניט גע־שטאָרבן, ער האָט זיך נאָר אריבערגעטראָגן אין אן אנדער וועלט, אין א בעסערע, ווו מע האָט געוואָרט אָפ אים מיטן לעוויאָסן און מיטן שוויראבאָר און מיטן יאַין האמעשומער און מיט אַלע גוטע זאכן פון גאניידן. אָ, דאָרט וועט ער ערשט אָנהייבן צו וויסן פון א לעבן, א נײַ לעבן, גליקלעך לעבן, אין א פראכטפולן גאניידן, אינאיינעם מיט אזעלכע מאגנאטן, ווי אווראָם, יִיצכאָק און יאנקעוו, און יויסעף האצאדיק, און מוישע מיט אהרענען, און דאָוויד האמעלעך, און שלוימע האמעלעך, און עליאָהו האנאָווי, און דער ראמבאם, און דער באַלשעם־

טויוו, און דער ריזשינער—ווי לעבעדיקע האָט זיי שמוליק אָפּגעמאָלט, און ווי לעבעדיקע זײַנענ זיי געשטאַנענ פאַר די אויגנ, יעדער מיט זײַנ געשטאַלט און מיט זײַנ פּאָנעמ און מיט זײַנ אויסזענ: אַווראָמ אָווינו— א זאַקנ מיט א ווײַסער באָרד, ייִצכאָק — א לאַנגער און א דאַרער, יאַנקעוו אָווינו — א קראַנקער און א סוטולעוואַטער, יויסעפּ — א „קראַסאַוועצ”, מוישע ראַבײנו — א נידעריקער וווּקס, נאָר א ברייטער שטערנ, אַרנ האַקויהענ—דאַפּקע א הויכער מיט א לאַנגנ יאַמשעוונ שטעקנ, דאָוויד האַמעלעכ — מיט א פידל, שלוימע האַמעלעכ — מיט א גאָלדענער קרוינ, עליאָהו האַנאָווי—אַנ אָרעמ ייִדל, דער ראַמבאַמ— אַנ אויסגעפּוצטער מיט א קײַלעכיקער באָרד, דער באַלעשעמטויוו — א פּראָסטער ייִד מיט א פּראָסטנ שטעקנ, דער ריזשינער — א שיינער ייִד אינ א זײַדענער זשופּעצע...

עס האָט אויך אָנגענומענ א ביישעק צו זענ זיכ מיט די דאָזיקע אַלע לײַט; עס האָט זיכ פּאַשעט געגלוסט זײַנ מיט זיי דאָרטנ אינ נאָניידנ, פאַרזוכנ כאָטש א שטיקל לעוויאָסנ מיטנ שוויראָבאָר, כאָטש א טראָפּנ פונ יאַינ האַמעשומער. עס איז געווענ בעעמעס מעקאַנע צו זײַנ דעמ ראָוו, ווי ער לעבט דאָס איצט דאָרטנ א גוטנ טאָג, גאָר פאַרגעסנ, אַז מע האָט אימ נאָרוואָס אַראָפּגעלאָזט אינ אַנ ענגנ פינצטערנ קייווער און אַז מע האָט אימ פאַרשאָטנ מיט קלעפּיקער שוואַרצער ערד און צוגעקלאַפּט מיט הילצערנע לאָפּעטעס, און אַז שמוליק אַליינ טאַקע האָט געזאָגט נאָכ אימ קאַדיש. וואָרעמ דער ראָוו איז געשטאָרבנ אָנ קינדער — ניט פאַר אײַכ געדאַכט, ניט פאַר קיינ שומ ייִדנ געדאַכט.

6. שמוליק ווערט פאַרשווּנדנ

דאָוויד מיט יוינעסנ צעשיידנ זיכ אפּ אייביק. — דער סאָד פונעמ אויצער. — פאַרלוירנ א כאַווער.

די גאַנצע וואָכ, וואָס די רעבעצנ איז געזעסנ שיווע נאָכנ ראָוו, האָט שמוליק דער יאָסעמ אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליינ איבער דער שטאָט, ווי אַנ עמעסער יאָסעמ, וואָס איז נאָכ מער פאַריאָסעמט גע-

וואָרן. זײַן גאַנצער ארויסקוק איז געווען אַפּ פארנאכט, ווען מע צעלאָזט די קינדער פון די כאדאָרימ — דעמלט וועט ער זיך קאָנען זען מיט זײַן כאווער, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, וואָס איז צו אימ נאָך מער צוגעבונדנ געוואָרן, זינט דער ראָוו איז געשטאָרבנ. עס האָט זיך געפילט אינסטינקטיוו, אז די צוויי געליבטע כאווײרימ, „דאָוויד וועיוינעסנ”, באדאַרפנ זיך באלד צעשיידנ. וויאזוי דאָס וועט געשענ, האָבנ זיי נאָך אַלײנ ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסנ, זיי האָבנ דעריבער אויסגענוצט יעדנ פארנאכט אַפּ צו פארברענגענ אינײנעמ, זײַנ וואָס נעענטער אײנס נעבנ דאָס אנדערע.

א גליק, וואָס ס'איז זומער, און זומער לערנט מענ ניט באנאכט אינ כײדער, קאָנ מענ דעריבער זיך פארקלײַבנ אינצווייענ בא נאָכעמ וועוויקס אינ גאָרטנ, און דאָרטנ, אונטער א בארנבוימ, אַפּזיצנ א שאָ און צוויי און דרײַ און שמועסנ; אָדער אז ניט, קאָנ מענ זיך דורכגײנ פונ דער שטאָט ארויס, העט־ווײַט אַפּ יענער זײַט מילנ.

דאָרט, פונ יענער זײַט מילנ, האָבנ די צוויי כאווײרימ, שמוליק דער יאָסעמ און שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, געקאָנט זיך אָנריידנ, וויפל זייער הארצ גלוסט. און ריידנ איז געווען פונ וואָס. אײנ זאך האָט זיי אינטערעסירט ביידנ: וואָס וועט זײַנ ווײַטער? וואָס וועט זײַנ, טאָמער פאָרט שמוליק אוועק? ווארעמ געהערט האָט שמוליק זאָגנ, אז די רעבעצנ קלײַבט זיך ערגעצ ווײַט אינ כערסאָנער גובערניע. זי האָט דאָרט א שוועסטער, שרײַבט איר די שוועסטער, זי זאָל קומענ צו פאָרנ. איז ווי באלד די רעבעצנ פאָרט — פאָרט שמוליק אויך. וואָס וועט ער דאָ טאָנ אײנער אַלײנ? ער האָט דאָך אפילע ניט ווו דעמ קאָפּ אָנצושפּאַרנ!...

פארשטייט זיך, אז ער פאָרט ניט אַפּ לאנג, און יעדנפאלס — ניט אַפּ שטענדיק. לאָז ער נאָר קומענ אהינ, אזוי זעצט ער זיך באלד לערנענ קאבאָלע, און ווי נאָר ער דערגייט דעמ „סאָד”, אזוי קומט ער צו פאָרנ צוריק אהער, קיינ וואָראָנקע, און נעמט זיך צו דער ארבעט — אופּזוכנ דעמ אוצער. ער וועט פאסטנ פערציק טאנייסימ, אָפּזאָגנ אַלע טאָג פערציק קאַפּיטלעך טילימ, און אָפּנ אײנ־און־פערציקסטנ טאָג כאַפּט ער זיך ארויס בעסאָד, אז קײנער זאָל ניט וויסנ צײלט אָפּ פערציק מאָל פערציק, שטײענדיק אַפּ אײנ פוס, פערציק מינוט אָפּנ זייגער...

— ווו האָסטו א זייגער?

— איצט האָב איך ניט, ידעמלט וועל איך האָבנ.

— ווו וועסטו נעמענ?

— ווו וועל איך נעמענ? איך וועל גאַנווענענ! וואָס האָט דאָס צו דיר?

שאָלעמ קוקט זײַנ כאַווער שמוליקנ אינ די אויגנ אַרײַנ, ער האָט מוירע טאָמער האָט ער אימ אָנגערירט מיט א וואָרט, אונ ער וועט כאָלילע ווערנ באַרויגעז. שמוליק איז אָבער ניט אזא כאַווער וואָס מיט איינ וואָרט זאָל מענ פאַרלירנ בא אימ אינגאַנצנ. אונ שמוליק הערט ניט אויפ צו דערציילנ מײַסעס, וואָס עס וועט זײַנ אַמאָל, אַמאָל, אז ביידע כאַווײרימ וועלנ אויסוואַקסנ אונ ווערנ גרויסע, וואָס זיי וועלנ אופטאָנ אינ דער דאָזיקער שטאָט, אונ ווי גליקלעכ זיי וועלנ מאַכנ די וואָראָנקעווער יידנ. אונ עס גיסט זיכ בא אימ, ווי ריינער בוימל. אונ עס ציט זי בא אימ, ווי גוטער האָניק. אונ עס ווילט זיכ גאָרניט אוועקגיינ אינ דער וואַרעמער זומערדיקער פאַרקישעפּנטער נאַכט. נאָר מע מוז, מע מוז גיינ אַהיימ שלאָפנ — אַניט קאָנ מענ כאַפּנ א מיעסנ פסאָק!... אונ מע געזעגנט זיכ אָפּ: „ביז מאָרגנ, ביז מאָרגנ!” .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז אַוועקגעגאַנגענ א מאָרגנ אונ נאָכ א מאָרגנ, אונ נאָכ א מאָרגנ — ניטאָ שמוליק! ווו איז ער? — ער איז אַוועקגעפאָרנ. אופגעהויבנ זיכ אינאיינעמ מיט דעמ ראָווס אַלמאָנע אונ אַוועקגעפאָרנ אינ כערסאָנער גובערניע. ווענ? וויאַזוי? אפילע ניט געזעגנט זיכ?!...

א פאַרלוירענער, א צעדודערטער איז געבליבנ זײַנ כאַווער שאָלעמ איינער אַליינ, עלנט ווי א שטיינ. אַוועקגעפאָרנ זײַנ בעסטער, זײַנ ליבסטער אונ זײַנ טײַערסטער. אַוועקגעפאָרנ! פינצטער געוואָרנ די גאַנצע וועלט: וואָס מיר וועלט, אז ס'איז נישטאָ שמוליק! וויסט געוואָרנ דאָס גאַנצע לעבנ: וואָס מיר לעבנ, אז ס'איז ניטאָ שמוליק! אונ דער איבערגעבליבענער עלנטער כאַווער האָט דערפילט א מאָדנע ענגשאַפט אינ האַלדז, אונ אינ נאָז האָט אימ אָנגעהויבנ צו קיצלענ אונ אינ האַרצנ צו שטיקנ, האָט ער זיכ פאַרקליבנ ווײַט־ווײַט אינ א ווינקעלע אונ לאַנג־לאַנג געוויינט.

ווי מיינט איר: לעבט ער נאָכ ערגעצ אָט דער ציקאַווער שמוליק

מיט די פארכאַלעמטע אויגנ אונ מיט זײַנ שיינ, כיינעוודיק לאַשנ, וואָס גיסט זיכ ווי ריינער בוימל אונ ציט זיכ ווי גוטער האָניק? ווו איז ער אונ וואָס איז ער, לעמאַשל, אצינד — א מאַגיד? א ראָוו? א מעלאַמעד? א סויכער? א קרעמער? א מעקלער? אָדער גאָר אנ אָרעמאַנ, אנ אָני וועעוויענ? אָדער עפּשער האָט עס אימ פּאַרטראָגנ אינעמ גאָלדענעמ לאַנד — אינ אַמעריקע, אונ ער „מאַכט א לעבנ“?... אָדער עפּשער ליגט ער שוינ דאָרטנ, ווו מיר וועלנ אַלע ליגנ איבער הונדערט יאָר אונ די ווערעמ וועלנ פונ אונדז האַנאָע האָבנ?

ווער עס ווייסט עפּעס, ווער עס האָט געהערט פונ אימ, — זאָל זיכ אָפּרופנ.

7. מייער מעדוועדעווקער

א נײַער כאַווער. וואָס קענ זינגענ. — כיידער־ייִנגלעכ קונדייסימ מאַכנ טעאַטער־שפּיל. — פונ א באָרוועסנ יונג א קונדעס וואַקסט אויס א באַרימטער ארטיסט.

לאַנג זאָרגנ זיכ אונ באַקלאָגנ דעמ פאַרלוירענעמ שמוליקנ האָט זײַנ געטרײַער כאַווער ניט באַדאַרפט. גאָט האָט אימ מעמאַלע געוועזנ אונ גיכ צוגעשיקט א נײַעמ כאַווער.

אזוי איז דאָס געוועזנ: וויבאַלד דער אַלטער ראָוו איז געשטאָרבנ, איז דאָכ דאָס שטעטל געבליבנ אָנ א ראָוו, אַלקיינ האָט נאָכעמ ווײַעוויקס אוועקגעוואָרפנ אַלע געשעפטנ אונ איז אוועקגעפאָרנ אינ א צווייטנ שטעטל, קיינ ראַקיטנע, ווו עס האָט זיכ געלאָזט הערנ איבער דער וועלט א ראָוו, א שעמדאָוואָר, מיטנ נאָמענ כאַימ מעחוועדעווקער. אָט דעמ ראָוו האָט דאָס נאָכעמ וועוויקס אראָפּגעבראַכט קיינ וואָראָנקע, אונ דאָס שטעטל האָט זיכ מיט אימ מעסאַמייעכ געוועזנ, וואָרעמ כוץ וואָס ער איז געוועזנ א גרויסער לאַמדנ אונ א יערײ־שאָמאַיִמ אונ א יויִדייע נאַגנ, איז ער נאָכ געוועזנ דערצו א גרויסער אָרעמאַנ אויכ, האָט ער שוינ אינ איינוועגס צוגעקנעלט מיט די באַלעבאַטישע קינדער (פונ דער עלטערער קיטע).

פונדעסטוועגנ האָט מענ כאָלילע דעמ מעלאַמעד רעב זאָרעכלענ אינ־

גאַנצנ ניט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מענ דאָס אונ מע קוילעט אָפּ א יִידנ גלאַט אזוי פונ פּאַרנאָסע? איז רעב זאָרעכל פאַרבליבנ מעלאַמעד אָפּ טאַנאַכ אונ אָפּ שרײַבנ (יִידיש אונ רוסיש, אונ דײַטש, אונ פראַנצויזיש, אונ לאַטײַנ, וועלכע ניט די קינדער, ניט דער רעבע האָבנ פאַרשטאַ־נענ מיט וואָס מע עסט דאָס), אונ געמאָרע האָט מענ געלערנט באַמ נײַעמ ראָוו. אונ שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס איז געווענ טאַקע נאָכ אלצ א שייגעצ אונ ניט געוואָלט וואקסנ אינ דער הויכ, נאָר פונדעסטוועגנ האָט מענ אימ ארײַנגענומענ אינ דער גרויסער קיטע, וואָרעמ אז דער נײַער ראָוו האָט אימ פאַרהערט א פּאַרשע כומעש מיט ראַשע, האָט ער אימ דערלאַנגט א קניפּ אינ בעקל: „א רעכטער שקאָצ!” אונ דעמ פּאָ־טער האָט ער געגעבנ א זאָג, אז ס'איז אנ אווײרע פאַר גאָט איבער־לאָזנ אזא שקאָצ אָפּ טרוקענעמ טאַנאַכ; מע דאַרפ אימ א נעמ טאָנ צו דער געמאָרע. „נישקאָשע, ס'וועט אימ גאָרניט שאַטנ”.

פאַרשטייט מענ, אז דער פאָטער איז געווענ מאָלעדרולע, אונ דער „שקאָצ” אלײנ איז ניט געווענ אזוי צעפרידנ מיט דער געמאָרע, איז ער אָבער דערפאַר געווענ בא זיכ גאַדלדיק, וואָס ער זיצט אינײנעמ מיט די גרויסע, אונ געבלאָזנ פונ זיכ, פאַריסנ די נאָז — א קלײניקײט!

אראָפּגעקומענ איז רעב כאַימ דער ראָוו פונ ראַקיטנע ניט אלײנ, נאָר מיט צוויי זינ: אײנער א באַלעבעסל שוינ, מיט א קנאָפּ אינ גאָרגל, מיטנ נאָמענ אורעמל, וואָס האָט געהאַט א קאָל נעגינע אונ געקאָנט שײנ דאַוונענ פאַרנ אָמעד, אונ דער אַנדערער, מײערל, האָט נאָר גע־האַט א שײנ קאָל אָפּ צו זינגענ אונ אויכ א קנעפּל אינ גאָרגל, נאָר צומ לערנענ האָט ער געהאַט א שטײַט האָלצ, ניט קײנ קאָפּ. אונ ניט אזוי נאָכ א גראָבער קאָפּ, ווי א גרויסער שייגעצ, אונ מיט אימ איז דאָס שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס געוואָרנ אײנגיכנ כאַווער. א ראַקיטנער יִינגל אונ דעמ ראָווס א זונ — מיט דער האַנט קאָנ מענ אימ ניט אוועק־מאַכנ. דערצו האָט דער מײערל געהאַט א מײַלע: ער האָט געזונגענ לידלעכ, אונ נאָכ וואָסערע לידלעכ! האָט ער אָבער צו דער מײַלע גע־האָט א ביסאָרנ — א טעווע פונ אנ עמעסנ ארטיסט: ער האָט פײַנט געהאַט זינגענ גלאַט אזוי אומזיסט. איר ווילט הערנ זינגענ — באַ־צאָלט, זײַט מויכל! א גראָשנ א לידל. אונ אז ס'איז ניטאָ קײנ געלט, איז אנ עפּל אויכ גוט. פאַר נויט — א האַלבער עפּל, א פּאָר פלוימענ,

א שטיקל צוקערקע — קיין אומזיסט איז ניטאָ. דערפאַר האָט ער אָבער געזונגען אַזעלכע לידלעך, מיט אַזאַ זיס קאָל און מיט אַזאַ געפיל, אַז א קאַפּאָרע, כּלעבן, אַלע היינטיקע סאָבינאָווס, קאַרוזאָס, שאַליאַפּינס, סיראָטעס און די אַלע איבעריקע מענאַגנגים פון דער וועלט!

„גיי איך אַרויס אויף דער ווילנער גאַס,
הער איך א קאָל מיט א גרויס געשריי:
אוי וויי! —
מע וויינט אַזוי..."

אַלע ייִנגלעך האָרכן, גאַפן, גייען אויס פון זיסקייט, און ער — גאַרנישט! יאָסעלע סאָלאָוויי! היינט זיינע שטיקלעך פון דאַוונען! אַמאָל, אַז דער רעבע, טאַקע זיין פאָטער, דער ראָוו, רעב כאַיִם הייסט עס, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף א רעגעלע אין דרויסן, האָט זיך מייער אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם טישטעך אָנגעטאָן פאַר א טאַלעס, זיך געגומען באַם גאָרגל מיטן כאַזן און אַרויסגעלאָזט א געשריי פון די סליכעס: „אל מלך יושב" — גיב־ גיב, און אַרויסגעלאָזט אויף א קאָל: „ויקרא־א ב־ש־ם!" — קומט אָן דער רעבע:

— וואָס איז דאָס? כאַזאַנישע שטיק ווילסטו פּראַווען? אַנו, מע־שומעד, לייג דיך נאָר אַוועקעט אויפן בענקעלע אָט אַזוי...

און עס הייבט זיך אָן אן עקזעקוציע.

ניט נאָר אין נעגינע אַליין האָט זיך אויסגעצייכנט מייערל מעדוועדעווקער. ער האָט געהאַט נאָך א כאַלאָס: שפּילן, פאַרשטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: „מעכיראַס יויסעף", „יעציִאַס מיצראַיִם", „עסער מאַקעס", „מוישע ראַבייִנו מיט די לוכעס", און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנשטעלן.

לעמאָשל, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר א גאַזלען מיט א גרויסן שטעקן אין האַנט און מיט דער רעבעצנס קאָלאַדאַטש־מעסער, אַרייַנגעשטעקט אינעם רעבנס גאַרטל, און דאַפּקע באָרוועס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזן, און אויגן — טאַקע ווי בא א גאַזלען! שאַלעם נאָכעם וועוויקס איז געווען דער ייִד, דער עווייער. מיט א גראָבן שטעקן אין האַנט, מיט א קישעלע פאַר א האָרב, איבערגעקערט דאָס

היטל אפ דער לינקער זײַט, גײט ער נעבעכ בעטנ א נעדאָווע. פארבלאָנ־
דזעט אינ וואלד. דער וואלד — דאָס זײַנענ די יינגלעכ. אונ שאָלעמ
נאָכעמ וועוויקס דער עוויענ גײט צווישנ די בײמער, אָנגעשפּארט אפ
זײַנ גראָבנ שטעקנ, זוכט א וועג אונ באגעגנט זיכ מיט — מײער דעמ
גאזלענ! כאפּט ארויס דער גאזלענ דאָס מעסער פונ גארטל אונ זינגט
צו אימ א ליד, אונ דאפּקע אפ רוסיש, אונ לאָזט אויס:

„דאווײַ דענגי
האווײַ דענגי!“

בעט זיכ בא אימ נעבעכ דער אָרעמאנ, שאָלעמ, מיט טרערנ, ער
זאָל זיכ דערבארעמענ אויב ניט אפ אימ, איז אפ זײַנ ווײַב אונ קינ־
דער. זי וועט בלײַבנ אנ אלמאָנע, אונ די קינדער יעסוימימ. כאפּט
אימ דער גאזלענ, מײער, פארנ גאָרגל אונ טוט אימ א וואָרפ אינ דער
ערד ארײַנ — קומט אָנ דער רעבע אונ עס הײבט זיכ אָנ א כאסענע:

— מײלע דער (ער באווײַזט אפ זײַנ אײגענעמ זונ) — איז א שײ־
געץ, א מעשומעד, א מומער לעהאכעס. אָבער דו, נאָכעמ וועוויקס
יינגל, ווי קומסטו זיכ גלײַכנ צו אימ, צו אָט דעמ מעשומעד?

דער רעבע, רעב כאימ דער ראָוו, איז אפּאָנעמ געווענ א שמיקל
נאָווי: אינ א סאַכ יאָרנ ארומ האָט זײַנ מײער מעדוועדעווקער, וואָס
איז געוואָרנ נאָכדעמ דער באריממטער ארטיסט מעדוועדעוו, גענומענ
אונ האָט טאקע, ווי עס רעדט זיכ, אויסגעביטנ דאָס רענדל... כאָטש
דאָס מוז מענ צוגעבנ, אז די מיצווע פונ קיבעד אָוו האָט ער מעקײַעמ
געווענ, ווי דער בעסטער ייד אונ אפנ שענסטנ ארט: ער האָט געקויפט
פאר זײַנ אלטנ אָרעמענ טאטנ אנ אײגענע דירע אינ ראקיטנע, האָט
אימ „אפגעשאָטנ מיט גאָלד“, געקומענ צו אימ אלע זומער צו גאסט,
געבראכט מאטאָנעס פאר דער גאנצער מישפּאָכע, אונ רעב כאימ דער
ראָוו, וואָס האָט ניט געוווסט, וואָס פאר א שפּיצל זײַנ זונ האָט אימ
אָפּגעטאָנ, ביכדיי ער זאָל זיכ קאָנענ אָנרופנ „ארטיסט אימפּעראטאָר־
סקיכ טעאטראָוו“, האָט געהאט א גליקלעכע עלטער... נאָר מיר קערנ
זיכ אומ צוריק צו זײַנ קינדהײַט, ביימ מײערל מעדוועדעווקער האָט
גאָרניט געוווסט אונ אפילע ניט געכאָלעמט, אז ער וועט הײסנ מיכאיל
יעפימאָוויטש מעדוועדעוו אונ וועט מארישוילעמ זײַנ אונ איבערקערנ
וועלטנ.

8. פארלוירן נאָך א כאוועך

מע טרייסלט בארלעב און מע כאַפּט שמיצ. — מע לערנט זיך גאנוועגען. — טישעבאָוו באַמ גאלעב אין גאָרטן.—די עקזעקוציע.

עס איז קיין כידעש ניט, וואָס די צוויי כעוורע־לײַט, מייער מעד־וועדעווקער און שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, האָבן זיך צוגעבונדן איינס צומ אנדערן און געוואָרן נעפעש־אכאַס. עפּעס האָט זיך געפונען א מעכוטאָנעשאַפט צווישן זייערע נעשאָמעס און א מין פּאָרגעפיל, אז עפּעס וועט פון זיי אמאָל אויסוואַקסן. און זייער פּאָרגעפיל האָט זיי ניט אײַנגאַנצן אָפּגענאַרט: אין א יאָר צוואַנציק אַרום, אז די צוויי האָבן זיך באַגעגנט (דאָס איז געווען אין בעלעצערקעוו, קיִעווער גו־בערניע, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער זען), איז איינער געווען שוין א באַרימטער ארטיסט מעדוועדעוו, און דער אנדערער האָט שוין גע־שריבן פעליעטאָנען אינעמ „יידישן פאָלקס־בלאַט” אונטערן נאָמען שאָלעמ־אַלייכעמ.

נאָר מיר קערן זיך אומ ווידער אמאָל צו זייער קינדהײַט, ווען איי־נער האָט נאָך געהייסן מייערל מעדוועדעווקער, און דער אנדערער — שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, און זיי האָבן נאָך שפּאַצירט איבער וואָראָנ־קעווער גאַסן באָרוועס, גלײַך מיט אַלע באַלעבאַטישע יינגלעך. און מע מוז זאָגן דעמ ריינעמ עמעס, אז ביידע כאַוויירימ האָבן ניט אזוי שטאַרק ביישעק געהאַט צו דער טוירע, וואָס דער ראָוו רעב כאַימ מעד־וועדעווקער וועט אין זיי ארײַנזעצן, און צו זײַן ראָס־שאָמאַימ, וואָס ער וועט אין זיי אײַנפּלאַנצן. זיי האָבן בעסער ביישעק געהאַט צו אנ־דערע זאַכן.־ לעמאַשל, גרינע אגרעסן רײַסן פון א בוימ, אָדער טרייס־לען בארעלעך אָדער פלוימען, עס מעג זיך זײַן אפילע פון אן איי־גענעמ גאָרטן, איז א סאַך מער פאַרגעניגן, ווי שמאַכטן איבער דער געמאָרע אָדער דאַוונען מיט קאַוואָנע, ווי דער ראָוו רעב כאַימ האָט געפאָדערט פון זײַנע טאַלמידימ, אָדער זאָגן א קאַפּיטל טילימ.

— די געמאָרע איז ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן, דאַוונען וועט גאָט מויכל זײַן, און טילימ לאָזן זאָגן אַלטע יידן!..

אזוי האָט אײַנגעטײַנעט מייער מעדוועדעווקער מיט זײַן כאַוועך שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס און האָט אימ בעסער געלערנט, וויאזוי מע

קלעטערט ארופ אינ איינ שמא-ישׂראל אפנ העכסטנ בוימ, אָדער ווי אזוי מע שפרינגט אונטער און מע פארטשעפעט א צווייַג פונ א קארשנ-בוימ. קריכנ די קאַרשנ רעמלט אליינ אינ מויל ארייַנ. אי, עס ווערנ נאָכדעמ שווארצ די ליפנ, און נאָכ די שפיצ פינגער דערקענט מענ, אז מע האָט געריסנ קארשנ? וואָס קאָנ דאָ זייַנ? „ווערט מענ אָפּ-שמייַסנ — א טייַערע מעציאה!“...

דאָס שמייַסנ אינ כיידער איז געווענ אזא געוויינלעכע זאכ, אז די כיידער-ייִנגלעכ האָבנ ניט געפילט קיינ שום ביזויענ — פונ קיינ ווייטעק רעדט מענ ניט! „וואָס איז דענ אזעלכעס, אז מע באקומט פונ דעמ רעבנ עטלעכע לאָקשנ? ביז דער כאסענע וועט זיכ עס פארהיילנ“... א ביזויענ איז געווענ נאָר פאר יענעמ, וואָס איז שוינ געווענ א כאָסנ. אי דאָס, האָט ער נאָר מוירע געהאט פאר איינ זאכ: טאָמער ווערט געווירע די קאלע, און ניט אזוי די קאלע, ווי דער קאלעס כאווערטעס, — וועלנ זיי איר אויסווארפנ: „דער כאָסנ מיטנ געשמיסענעמ דאָס“...

מייער איז נאָכ ניט געווענ קיינ כאָסנ און האָט דערפאר קיינ מוירע ניט געהאט, האָט ער דעריבער געפירט זייַנ כאווער שאָלעמ אפנ „הערעכ האיאָשער“, געלערנט אימ פארקנייטשנ דאָס האוזנעק, טראָגנ פונ קלייט אונטער דער מאמעס נאָז באָקסערנ מיט קאָנפעקטנ, מיט גוטע לעקעכלעכ, מיט נאָכ גוטע זאכנ, דאָס הייסט, ניט כאָלילע געגאנוועט, נאָר „געלאַכנט“, און דערפאר שטראָפט מענ ניט אפ יענער וועלט...

דאָס אלצ וואָלט עפשער אפגעלאָפנ גלאט, ווענ עס זאָל זיכ ניט געווענ טרעפנ מיט מייערנ אנ אומגליק: ער איז געבעכ אריבער א פלויט, ארייַנ צומ גאלעכ אינ גאָרטנ און אָנגעריסנ א פולנ בוזעמ מיט בארעלעכ. האָט דעמ גאלעכס טאָכטער דערזענ דורכנ פענצטער. איז דער גאלעכ ארויסגעלאָפנ מיט א הינט און האָט אימ געכאפט. האָט אימ דער הונט צעריסנ, איכ בעט איבער אייַער קאָווער, די הויזנ, און דער גאלעכ האָט ארָאפּגעריסנ בא אימ דאָס היטל און געלאָזט אימ גיינ, ווו די אויגנ טראָגנ.

וואָלט דאָס עפשער אויכ נאָכ ניט געווענ אזא אומגליק, ווענ דאָס זאָל ניט געווענ זייַנ טישעבאָוו! סטייטש, אלע ייִדנ גייענ ארומ אינ די זאָקנ, קלאָגנ און וויינענ אפ כורבנ בעסאמיקדעש, און ער, רעבנ כאיִמ דעמ ראָווס זונדל, שפאצירט ארומ אָנ א היטל און אינ צעריסענע הויזנ!

די עקזעקוציע, וואָס דער יונג איז נעבעכ אויסגעשטאַנען, לאָזט זיכ ניט באַשרײַבנ בא הײַנטיקע צײַטנ פונ רײנעמ פראָגרעס. אונ ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז, וואָס מע האָט שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס געמוזט אָפּנעמענ פונ כײדער אונ, קוקנדיק אַפ נאָכעמ ווע־וויקס, האָבנ אַנדערע טאַטעס אויכ אָפּגענומענ זייערע קינדער. איז נע־בעכ רעב כאַימ דער ראָוו געבליבנ אָנ א קנעלונג. האָט אימ דאָס ראַ־באָנעס מיטנ כאַזאָנעס געגעבנ ווינציק פאַרנאָסע. האָט ער זיכ געמוזט אריבערפּעקלענ, מעבילע, צוריק קײנ ראַקיטנע. איז דאָס שטעטל גע־בליבנ ווידער אָנ א ראָוו.

נאָר שרעקט זיכ ניט — דאָס איז געווענ ניט אַפ לאַנג. נאָכעמ וועוויקס האָט אראָפּגעבראַכט א נײַעמ ראָוו פונ באַרישפּאָלי, מיטנ נאָמענ שמועל עליע, א יונגערמאַנ, וואָס קאָנ אויכ אי גוט לערנענ אי שײנ זינגענ, און דערצו שפּילט ער אינ שאָכ, וואָס ס'איז גאָר א כאַריפעס! איינ כיסאָרנ נאָר האָט אָט דער שמועל עליע: ער איז א ביסל א אינטריגאַנט אונ א כניפעניק אונ האָט ליב רײדנ מיט יונ־גע ווײַבלעכ אַז קײנער זעט ניט...

אונ אָט אזוי איז פאַרלוירנ געגאַנגענ דער צווייטער כאַווער פונ אונדזער העלד.

9. כאַווער „סירקע”

א הונט א באָכעמ אונ א באַל-דערעכערעצ. — צאַרבאַלעכאַנימ.—
א גילגל פונ א מענטשנ. — א געטרײַער כאַווער.

איכ מײנ, אַז נאָכנ נאָמענ אַלײנ איז ניט שווער צו שטויסנ זיכ, אַז סירקע איז געווענ ניט קײנ מענטש, נאָר א הונט, א געוויינלעכער הונט מיט א גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהײסנ „סירקאַ”.

איכ זאָג: א הונט א געוויינלעכער—איכ מוז מיר אָבער באַלד פאַר־ענטפערנ, אַז ניינ, ניט קײנ געוויינלעכער, ווי מיר וועלנ עס באַלד געוווירע ווערנ. פריער אָבער מוז מענ זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ דעמ הונטס ביאָגראַפיע—פונוואַנענ קומט צו א ייִדנ א הונט? איז אזא מײַסע: אַז נאָכעמ וועוויקס איז אַראָפּגעקומענ פונ שטאָט אינ שטעטל

אַרײַנ און איבערגענומענ די „פּאַטשט" מיטנ הויפ, מיטנ גאַנצנ אינווענטאַר, האָט זיכ אינ הויפ געפונענ דער הונט סירקאָ, נאָכ גאָר א יונגער, נאָר שוינ א פאַרשטאַנדיקער, אַנ עמעסער „באַרדאַאַס", אַפּ אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געקענט די נײַע באַלעבאַטימ, — איז אײנס. און דאָס צווייטע: פאַר א ייִדנ האָט ער געהאַט דערעכערעצ, ניט זאַטשעפּעט, כאָלילע, ווי אַנדערע הינט, וואָס האָבנ א טעווע, ווײַבאַלד זיי דערזעענ פאַר זיכ א לאַנגע קאַפּאָטע, — אַהאַ, אַזוי ווערנ זיי מאָלע רעציכע...

פאַרשטייט זיכ, אַז מיט די נײַע באַלעבאַטימ האָט סירקע ניט געהאַט קיינ שומ מאַגעומאַסע, אינ שטוב ניט אַרײַנגעשמעקט אַפילע. מיסטאָמע האָט מענ אימ לעבאַטכילע געגעבנ אָנצוהערעניש מיט א שײַט האָלצ איבערנ קאָפּ, אַז אינ א ייִדישער שטוב זאָל א הונט ניט קריכנ...

אינ קיכ אַרײַנ האָט ער אויכ ניט געהאַט קיינ דריסעס האַרעגל. „פרומע די מויד" מיטנ בלינדנ אויג האָט אימ „אָפּגעלאָנטשעט" דערפונ סאַכאַקל מיט איינ אָקרעפּ זודיק וואַסער, וואָס זי האָט אײנ־מאָל אינ אונ ערעוו שאַבעס אַרויסגעגאָסנ אַפּ אימ מיט א קיוונ אונ אָפּגעקאָכט אימ א שטיק פעל, אונ דאַפּקע גאָר אינ גוטנ מוט, אונ נאָכ געלאַכט אויכ.

אַכ, אָט די פרומע! א האַרצ האָט דאָס געהאַט אָט די מויד! ניט קיינ הונט, ניט קיינ קאַצ האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגנ. מיט טרערנ אַפּ די אויגנ האָט שאָלעמ נאָכעמ וועוויקעס אײנמאָל קוימ אַרויסגעראַ־טעוועט פונ איירע הענט די קאַצ, וואָס זי האָט צוגעבונדנ צומ פיסל פונ טיש אונ מיטנ שטעקנ פונ בעזעמ אַזוי אומבאַרעכמאָנעסדיק גע־שלאָגנ, אַז די קוילעס פונ דעמ אומגליקלעכנ באַשעפעניש זײַנענ גע־גאַנגענ אינ הימל אַרײַנ!

— פרומעניו, האַרצעניו, ליובעניו, וואָס טוסטו? א צאַרבאַלע־באַיִמ! גאָט וועט שטראָפנ! שלאָג מיכ בעסער, שלאָג מיכ, אַבי ניט די קאַצ! — האָט זיכ שאָלעמ געבעטנ אינ אונטערגעשטעלט דעמ רוקנ אָט דער רעספּאָטישער מויד, וואָס האָט זיכ אַליינ אַרומגעקוקט, אַז שוינ צו אַכזאָריעסדיק איז זי זיכ באַגאַנגענ מיט דער קאַצ, אונ האָט זי אָפּגעגאָסנ מיט א קוואָרט קאַלטע וואַסער — קוימ „אָטכאַיוטשעט" דאָס האַלב־טויטע באַשעפעניש.

אָט דאָס אַלצדינג איז געווענ, מיינט איר, איבער וואָס? איבער אַ נאַרישקייט: פרומע האָט זיכ אויסגעדאַכט, אַז די „נאַשערנ" (קיינ אַנדער נאָמענ האָט זי בא איר ניט געהאַט!) האָט שוינ עפּעס געכאַפּט, וואָרעמ זי האָט זי געטראָפנ באַלעקנ זיכ. „וואָס באַלעקט זיכ פּלוצעמ אינ מיטנדרינענ אַ קאַצ?"... אַלעמענ אונ יעדנ איינציקנ האָט פרומע כוישעד געווענ: ווי באַלד אַ קאַצ — איז זי מיסטאָמע אַ נאַשערנ, אַ הונט — אַ מאַזיק, אַ גוי — אַ גאַנעוו, אַ קינד — אַ כאַזער... אונ אַזוי אַלע, די גאַנצע וועלט! נאָר מיר קערנ זיכ אומ צוריק צומ הונט סירקע.

ארויסגעטריבנ געוואָרנ אַזוי מיטנ סײַ פונ שטוב, סײַ פונ קיכ, וואָלט אַנ אַנדער הונט אַפּ זײַנ אָרט געוויס אָפּגעטראָטנ פונעמ דאָזיקנ הויפ: „לעבט אײַכ הונדערט אונ צוואַנציק יאָר!" ניינ, סירקע איז געווענ ניט אַזאַ מינ. ער זאָל וויסנ — דער טויט זאָל זײַנ, וועט ער פונ הויפ ניט אַוועק! דאָ איז ער געבוירנ געוואָרנ, דאָ וועט ער פּייגערנ... אונ ביפּראַט, ער האָט געהאַט גוטע מעליצימ פאַר זיכ: די קינדער פונעמ באַלעבאָס. ער האָט נויסעכיינ געווענ אינ זייערע אויגנ, כאָטש פרומע האָט זיכ געפלײַסט אימ צו פאַרמיִעסנ. אַ סאַכ, אַ סאַכ הינט וואָלטנ זיכ געווינטשנ האָבנ אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקע האָט געהאַט. פונעמ שענסטנ אונ פונעמ בעסטנ האָבנ אימ כעווירע ארויסגעטראָגנ אינ די קעשענעס, פאַרשטייט זיכ, בעסאָדעסוידעס, אַז קיינער זאָל ניט זענ אונ אַפילע ניט אָנשטויסנ זיכ, וואָרעמ ס'וואָלט געקאָנט זײַנ זייער מיִעס פאַר בײדע צדאָדימ. סירקע האָט שוינ געוווּסט די צײַט פונ אָנבײַסנ, פונ וואַרעמעס אונ פונ וועטשערע אונ האָט שוינ ארויסגעקוקט מיט אַלע אויגנ, ווענ וועט מענ אימ שוינ ארויסטראָגנ פונ אַלע גוטע זאַכנ. ער האָט שוינ געוווּסט אַפילע, בא וועמענ אינ וואָסער אַ קעשענע אָנצושמעקנ אונ האָט שוינ אַליינ געשטופּט די מאָרדע אַהינ — אַ הונט אַ כאָכעמ!

הײַנט די קונצנ, וואָס כעווירע האָבנ אימ אויסגעלערנט! אַנידערלייגנ אימ, לעמאָשל, אַפנ שפּיצ נאָז אַנ אָפּגעלעקט ביינדל אָדער אַ שטיקל ברויט אונ זאָגנ אימ: „ניע רושי!" (געוויינלעכ, רעדט מענ מיט אַ הונט אַפ גויִיש) — וועט ער אײַכ וואַרטנ מיט דערעכערעצ, וויפל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערנ דאָס גוטע וואָרט: „האַמ!" דעמאָלט טוט ער אַ שפּרונג אונטער — אונ פאַרטיק.

ווינטער בײַנאַכט, ווען די קינדער גייען אין ביידער אַרײַן, האָט זיך סירקע ניט געקאָנט דערוואַרטן אַף זײַנע באַוויירים, און אַלעמאָל אַרום זייגער נײַן איז ער אויסגעוואַקסן אונטערן פֿענצטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפֿרוירענע טאַפֿליעס — אַ סימן, אַז ס'איז שוין צײַט פֿאַרמאַכן די ספֿאָרים און גיין אַהיים עסן וועטשערע.

באַם רעבן איז סירקע געווען, לעהאַוודל, אַ זייגער. „ניט אַנדערש, — האָט ער געזאָגט, — אַז אַיער הונט איז אַ גילגל!" — און געלאָזט די קינדער פֿרײַ, נעמען די פּאַפּירענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און גיין אַהיים האָפּעריק, מיט פֿריילעכע יעוואָנישע לידער, סאָלדאַטסקע ניגונים:

„ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע,

פּאָידיעם, פּאָידיעם נאַ קוואַרטירע,

אָכטער־באָכטער קאָלאָשקאַ,

וואָסים דעוועי ראַבאָשקאַ...

אָדער:

„פּאָרא, פּאָרא!

פּאָרא, וויביראַטסאַ!

אי סאַ ווסעמי גאָספּאָדאַמי

ראַספּראָסטשאַטסאַ פּאָרא!...

סירקע איז געלאָפֿן אַפּצופֿריער און פֿאַר גרויס פֿרייד און היס־פּײַלעס געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליב די שטיקלעך ברויט און אָפּגעלעקטע ביינדלעך פֿון דער וועטשערע. אַ הונט אַ כאָרעץ!

וויפֿל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַפֿן האַרצן איז וויסט, אַף דער נעשאָמע סומנע, אינדערהיים געבאַפּט אַ פּסאַק, אין ביידער פֿאַרבע־סערט, — דעמאָלט פֿאַרקלײַבט זיך שאָלעם נאָכעם וועוויקס ווײַט אין גאָרטן, אַף יענער זײַט ביימער, און סירקע מיט אים. דאָרט, אונטערן פּלויט, אַף אַ בערגל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זײַן געטרײַען סירקע, וואָס ציט אויס די מאָרדע, קוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ זינדיקער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער ביים מײַסע? פֿאַרשטייט ער טאַקע יעדע זאַך ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נע־שאָמע, ווי, לעהאַווּדל, אַ מענטש?"... און עס קומט אים אַפֿן זינען דעם רעבנס ווערטער: „דער הונט איז אַ גילגל פֿון אַ מענטשן"... און

ער דערמאָנט זיכ, וואָס שלוימע האַמעלעכ זאָגט אינ „קעהעלעס“: „ומותר האדם מנ הבהמה אינ“ — קיינ בילעק ניט פאַראַנ צווישנ א מענטשנ אונ א בעהיימע... „אויב ס'איז קיינ בילעק ניט פאַראַנ, פאַרוואָס זשע איז ער א הונט אונ איכ א מענטש?“... אזוי טראַכט ער זיכ אונ ער קוקט מיט ראַכמאָנעס אונ צו גלײַכער צײַט מיט דערעכערעצ אפנ הונט, אונ דער הונט — אפ אימ, ווי זײַנער א גלײַכנ. א הונט א כאַווער! א טײַערער, א געטרײַער כאַווער, סירקע!..

10. סירקעס טראַגעדיע

א מיִעסער בילבל. — דאָס אָפּקומעניש פונ אנ אומשולדיקנ הונט. — הייסע טרערנ.

עס וועט ניט זײַנ קיינ גוזמע, ווענ איכ וועל זאָגנ, אז סירקע איז געווענ א הונט א כאָכעמ, וואָס האָט פאַרשטאַנענ, ווער עס האָט אימ מער ליב פונ אלעמענ, אונ דעריבער איז קיינ בידעש ניט, וואָס מער ווי צו אלע קינדער האָט זיכ סירקע דער הונט צוגעבונדנ צומ פאַרפאַסער פונ די דאָזיקע קסאָוויִמ, געשלאָסנ מיט אימ כאַווערשאַפט אָנ ווערטער אונ ליב געהאַט, געווענ נאָכ אימ טאַקע בעעמעס די קאַפּאָרע אונ טאַקע גרייט געווענ זיכ מאַפקער זײַנ פאַר זײַנ כאַווער אונ פאַר זײַנ האַר. א שטומע צונג — ניט געווענ בעקויעכ דאָס אַרויסצובאַווײַזנ, איבערגעבנ מיט ווערטער, האָט ער עס אַרויסבאַווויזנ, ווי א הונט, מיט זײַנ שפּרינגענ אונ מיט זײַנ קוויטשענ אונ מיט זײַנ וואַרפנ זיכ פאַר אימ אינ דער ערד אַרײַנ אפ זײַנ הינטישנ שטייגער. ס'איז גענוג געווענ איינ וואָרט, אז זײַנ כאַווער אונ זײַנ האַר זאָל אימ א זאָג טאָנ: „נא מיעסטא!“ — זאָל סירקע אוועק, ווי א סטאַטיק, אונ ליגנ ווי א קעצעלע, שטיל, אונ נאָר מיט איינ אויגל לאָקערנ, אכטונג געבנ, וואָס זײַנ האַר טוט.

צווישנ דעמ „האַר“ אונ זײַנ „קנעכט“ סירקע איז געווענ א שטילע ליבע, אונ דער האַר האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט פאַרשטעלנ זיכ, וואָס וועט זײַנ, אז סירקע וועט ניט זײַנ. וואָס הייסט, ער וועט ניט

זײַנ? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקע איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אוועקפּאָרן און פֿאַרגעסן דעם זײַ־געזונט?.. וויפֿל מאָל האָבן גויִים געפּרוּווט פֿאַרנאַרן סירקען צו זיך אין דאָרף אַרײַן, — איז ער דען ניט געקומען צו לויפֿן אַף מאָרגן אַ פֿאַרסאַפּעטער מיט אַן אַרויס־געשטרעקטער צונג און געוואָרפֿן זיך און געקאַטשעט זיך און געשפּרונ־גען צו זײַן האַר אַפֿן האַלדז און געקווייטשעט און געלעקט אים דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערן, אַז טרערן זײַנען אים גע־שטאַנען אין די אויגן!

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פֿינצטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרײַער סירקע איז אוועק, אוועק אַף טאָמעד, אַף אײביק, און אַזוי אומגעריכט אוועק, אַזוי מיִעס־פּאַרדראָסיק, אַזוי מוירעדיק־טראַגיש!

זומער האָט זיך געטראָפֿן די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע, אום סאַמע טאַמעז. דאָס איז געווען אַ זומער פֿון שרעקלעכע היצן, אָן אַ טראָפּן רעגן, — מענטשן זײַנען מאַמעש אויסגעגאַנגען פֿון היץ. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זײַנען די הינט מע־סוכן — זיי ווערן משוגע.

איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אַ הונט איז משוגע געוואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייסט ניט וועלכע. איז גע־פֿאַלן אַ פּאַכעד אַף די שטאָטלײַט, און מע האָט זיך גענומען קוידעם צום פֿאַרזיכערונגס־מיטל אַף צו פֿאַרהיטן קלײנע קינדער, טאָמער איז עמעצער כאָלילע צעביסן געוואָרן פֿון אַ משוגענעם הונט.

דאָס דאָזיקע מיטל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אַלע קינדער אָפּגעשיקט צום אַלטן טראָפּים, אַ גוי אַ זנאַכאַר, וואָס האָט שאַרפֿע נעגל און מיט זײַנע שאַרפֿע נעגל קאָן ער „אַראָפּנעמען בלויע הינטעלעך" פֿון אונטער דער צונג, און אַזוי קונציק, אַז מע זאָל גאָר־ניט פֿילן. די אָפּעראַציע איז ניט אַזאַ מעסוקענע, נאָר שטאַרק אָנגענעם איז דאָס אויך ניט, אַז אַ גוי קריכט צו דיר מיט די נעגל אין מויל אַרײַן און זוכט בײַ דיר „בלויע הינטעלעך" אונטער דער צונג...

דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פֿון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייסט פֿונוואַנען, צוויי קאַצאַפּעס, הינט־שלעגערס, אָנגעוואָפּנט מיט גראָבע שטריק און מיט אײַזערנע קרוקעס, און די קאַצאַפּעס האָבן זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. אין איין

טאָג האָבנ די דאָזיקע טאַליאָנימ אוועקגעלייגט א פאָר צענדליק הינט. אפנ קוק האָבנ זיי אײַכ געקאָנט אָפּשאצנ, וועלכער הונט ס'איז מעשוגע און וועלכער ניט. ווער האָט זיכ געקאָנט ריכטנ, אשטייגער, אז דער גוירל וועט פאלנ אויכ אפ דעמ גוטנ, קלוגנ, סטאַטעטשנעמ סירקענ?

א סוואָרע, אז די קאצאפּעס האָבנ באקומענ פונ דער שטאָט זייער לוינ נאָכ דער צאָל פונ די אויסגעהארגעטע הינט, און וויבאלד אזוי, איז גאנצ מעגלעכ, אז ס'זײַנענ געווענ נעבעכ א סאכ אומשולדיקע קאָרבאָנעס — און סירקע איינער פונ די ערשטע.

פונ דעמ אומגליק זײַנענ די קינדער געווירע געוואָרנ שוינ לעכאָר־האמײַסע, קומענדיק פונ כיידער אהיימ — און זיי האָבנ אופגעהויבנ א גאנצע רעוואָליוציע אינ שטוב: „סטײַטש סירקע!... סטײַטש, ווי האָט מענ עס דערלאָזט אזא מײַסע!"...

פארשטייט זיכ, אז די רעוואָליוציע האָט זיכ אויסגעלאָזט מיט א קאָנטר־רעוואָליוציע: „כיידער־יינגלעכ זאָלנ האָבנ א האסאָגע אינ זינענ האָבנ הינט!"... און מע האָט זיי מעכאבעד געווענ מיט רעכטע פעטש, און אפ צו פארבײַסנ האָט מענ זיי צוגעשטעלט א בענקעלע פארנ רעבנ, געבעטנ, ער זאָל ניט זשאלעווענ קיינ שמיצ. און דער רעבע האָט צוליב געטאָנ — ניט געזשאלעוועט קיינ שמיצ... אוי, שמיצ!....

נאָר דאָס אלצדינג איז געווענ גאָרנישט אקעגנ דעמ, וואָס סירקע איז נעבעכ אומגעקומענ אומזיסט־אומנישט!

מער פונ אלע איז געווענ דערשלאָגנ סירקעס ליבלינג — דער מעכאבער פונ די דאָזיקע מעמוארנ. דער האָט עטלעכע טעג דורכאנאנד ניט געגעסנ, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפנ, געקאטשעט זיכ אפ אלע זײַטנ, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, ניט געקאָנט מויכל זײַנ די שלעכטע בייזע מענטשנ, וואָס האָבנ ניט אינ זיכ קיינ קאפ ראכמאָנעס, קיינ צארבאלעכאימ, קיינ טראָפנ יוישער — און ער האָט שטארק־שטארק נאָכגעדענקט נאָכ דעמ, וואָס איז א הונט און וואָס איז א מענטש, לעהאוודל?... פארוואָס איז א הונט אזוי געטרײַ צו א מענטשנ, און פארוואָס איז א מענטש א טאַליענ?... און עס קומט אימ אפנ זינענ סירקע מיט די קלוגע גוטע אויגנ, און ער פאלט צו מיטנ פּאָנעמ צומ קישנ און באנעצט אימ מיט ביטערע, ביטערע טרערנ.

11. דער יעיצערטאָוו מיטן יעיצערהאָרע

אויזער דער קורנאָסער — א מאָסער. — א סאַך אַפּעטראָפּסיכ.— די באָבע מינדיס שאַבעס־אויבסט — מוסער־זאָגער און מאָראַל־פריידיקער.

טאָמער וואָלט א יינגל פאַרגעסן, אז ער האָט געהאַט א הונט פאַר א כאַווער, האָט מען אים דערמאָנט אַפ יעדן טריט און שריט: „סירקע האָט דיר געלאָזט גערִיסן"... און בא אזא געלעגנהייט האָט מען אים שוין דערוויילע אַרײַנגעזאָגט א ביסל מוסער — ער זאָל האָבן צו געדענקען אַפ ווייטער. דאָס מוסער זאָגן איז פאַר אים געווען א סאַך ערגער פון פעטש. ניט אומזיסט זאָגט מען בא אונדז א שפּריכוואָרט: „א פאַטש פאַרגייט, א וואָרט באַשטייט". און ביפּראַט, אז דאָ איז געווען ביידע זאַכן: אי פעטש, אי ווערטער. און ווערטער זיינען געגאַנגען פון אַלע זייטן. ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט געשטראָפּט און דאַפּקע מיט גוטע רייד. דאַכט זיך, וואָס געהער זיך אָן א ייִד א שאַמעס צו א נאָגידס א יינגל, ביים ער דאַוונט? און וואָס איז זיין אייסעק, אַשטייגער, וואָס א נאָגידס א יינגל קוקט דורכן פענצטער אַרויס אקוראַט ביים שעמענעסרע? און א נאָגידס א יינגל, מיינט איר, קוקט אומזיסט דורכן פענצטער? ס'מעג זיך טאַקע זיין שעמענעסרע, ס'איז אָבער פאָרט העכסט אינטערעסאַנט צו זען א זעלטענע סצענע, וואָס איז קעדיי אָנצוקוקן און זיך א מוסער אַראָפּנעמען, וויאַזוי א הונט יאָגט זיך נאָך א קאַץ. די קאַץ האָט זיך אָנגעבלאָזן און לויפט פייל אויסן בויגן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ אַפן פּאַרקן — דער הונט נאָך איר. די קאַץ אַראָפּ פון פּאַרקן— דער הונט נאָך איר. די קאַץ צום רינשטאָק — דער הונט נאָך איר. די קאַץ דורכן רינשטאָק אַפן דאַך — דער הונט א מאַקע! בלייבט ער שטיין, דער קעלעוו שעבעקלאָווים, ווי א נאַר, און באַלעקט זיך, און טראַכט זיך אַפּאָנעם: „וואָס האָב איך, הונט, נאָכצולויפן נאָך א קאַץ, וועלכע איז גאָרניט מיין שטאַט, און וואָס האָב איך צו טאָן אַפן דאַך?"...

— אָט אזוי שטייט א יינגעלע שעמענעסרע? — זאָגט מיילעך דער שאַמעס און דערלאַנגט איבערן האַלדז און־נאַקן: — וואַרט, שייגעץ, איך וועל שוין דערציילן דיין טאַטן!..

אָדער, אַשטייגער, וואָס גייט עס אָן אויזער דעם קורנאָסן בע־ דער (אַמאָל איז אויזער געווען אַ שוסטער, אפּ דער עלטער איז ער געוואָרן אויסגעמאַטערט און האָט זיך באַשטעלט פאַר אַ בעדער), וואָס נאָכעם וועוויקס ייִנגלעך גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ אפן געזעס און רייַבן אויס די הויזן? האָט דאָס אויזער דער קורנאָסער בעדער באַ־ דאַרפּט דערזען פון באָד אַרויס און האָט זיך עס אַ ביסל צעלאָזט אפּ זייַן פּאָנפּעוואַטע קיילע:

— „מאַמזיירים! הולטייַעס! אַ רועך אין אייַער פּאָפּער און מוּ־ פּער אַרייַן! איר נעמט נייַע הויזן און מאַכט אַ פּעל, אויווער אפּ באַל פּאַשכים! אָט לויפּ איך אוועק צו אייַך אין־כייפער אַרייַן און שפּעל אייך צו אַ פּענקעלע”!

פאַר די, וואָס פאַרשטייען ניט פּאָנפּאַטש־לאָשן, מוז מען דאָס איבערזעצן: „מאַמזיירים, הולטייַעס, אַ רועך אין אייַער פּאָטער און מוּ־ טער אַרייַן! איר נעמט נייַע הויזן און מאַכט אַ טעל, אויווער אפּ באַל טאַשכים! אָט לויפּ איך אוועק צו אייַך אין כיידער אַרייַן און שטעל אייַך צו אַ בענקעלע”!...

צושטעלן אַ בענקעלע — דאָס איז ניט נאָר אַ מיצווע, דאָס איז אַ כוויוו, וואָס יעדער ייִד איז מעכוייעוו צו טאָן, וואָרעם יעדער ייִד האָט קינדער און קיינער קאָן ניט אָרעוו זייַן, וואָס פון זייַנע קינדער קאָן אַמאָל אויסוואַקסן. באַדאַרפּ מען זיי גוט נאָכקוקן; און העלפן כאָטש מיטן מויל, אויב מע קאָן ניט מיט די הענט. דעריבער האָבן די קינדער געהאַט אַ סאַך מאַדריכים און אָפּעטראָפּסים און אָנגעהערט זיך אַזוי פיל מוסער, שטראָף־רייד און מאָראַל, אַז ס'האָט שטענדיק געזשומעט אין די אויערן: „זשו־זשו־זשו — דאָס זאָלסטו ניט טאָן!” „זשו־זשו־זשו — דאָ זאָלסטו ניט שטיין!” „זשו־זשו־זשו — אַהין זאָלסטו ניט גיין!” אַלע האָבן געזשווזשוקעט! טאַטע־מעמע, שוועסטער און ברידער, דער רעבע, די דינסטמויד, די פּעטערס, די מומעס, די באָ־ בע, און איבערהויפּט די באָבע מינדי, וואָס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן מיט אַ פּאָר ווערטער.

די באָבע מינדי — דאָס איז געווען אַ ייִדענע אַ הויכע און אַ משעפּקע. אַן אָפּגעפּוצטע און אַ פרומע מיט סאַקאָנעס־נעפּאָשעס! איר אַוודע איז געווען — אכטונג צו געבן אפּ די קינדער און אפּ זייער ייִדישקייַט: אויסגלעטן די אייניקלעך די פּייעס מיט באַשפּייַטע פינגער,

פֿינגער, צאַפּרייניקן און אויסגלייכן די מאַלבושימלעך, זיך צוהערן, ווי זיי דאַוונען, בענטשן און לייענען קרישמע פֿאַרן שלאָפֿן גיין. דערפֿאַר האָבן אַלע אייניקלעך געמוזט קומען צו איר שאַבעס באַטאָג, זאָגן דער באָבען „א גוט־שאַבעס", זיך אויסזעצן, ווי די סטאַטוקעס, בא דער וואַנט און זיצן און וואַרטן, ביז זי וועט געבן „שאַבעס־אויבסט". געגעבן האָט זי דעם „שאַבעס־אויבסט" עפּעס ניט אַזוי בעיאָר רעכאָוועס, נאָר דערפֿאַר אָפּ רייניע גלאַנצנדיקע שיסעלעכלעך: אַן עפּעלע, א פּערשקע, א באָקסער, א פֿײַג, אָדער דרײַ־פֿיר אײַנגעדאַרטע ראָזשינקעס, און מוסער האָט זי דערבײַ געזאָגט אָן א שיר! דער מוסער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע באַדאַרף פֿאָלגן טאַטע־מאַמע און גוטע־פֿרומע לײַט, און אַז מע באַדאַרף זײַן ייִדן און אַז גאָט וועט שטראָפֿן פֿאַר איטלעכס ברעקעלע—פֿאַר ניט דאַוונען, פֿאַר ניט פֿאָלגן, פֿאַר ניט לערנען, פֿאַר שטיפֿן, און אַפֿילע פֿאַר א שלעכטע מאַכשאָווע, און אַפֿילע פֿאַר א פֿלעק אָפּ דער קאַפּאָטע,—אַזוי אַז ס'איז קימאַט ניט אײַנגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פּערשקע, דער באָקסער, די פֿײַג, אָדער די דרײַ־פֿיר אײַנגעדאַרטע ראָזשינקעס.

נאָר וואָס פֿאַר א וואָרט האָט געהאַט דער באָבעס מוסער אַקעגן יענעם קוואַל פֿון מוסער, וואָס דער רעבע האָט נאָכדעם אויסגעגאָסן פֿאַר זײַנע טאַלמידים טאַקע דעם זעלבן שאַבעס באַטאָג פֿאַר מינכע דאַוונען? טײַכן מרעדן האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון אַלעמענס אויגן — אַזוי שאַרף און בוילעט האָט ער אויסגעמאָלט דעם יעיצערטאָוו מיטן יעיצערהאָרע, דעם גאַניידן מיטן געענעם, מיטן מאַלאַכאַדוימע, מיטן וואָרפֿן קאַפּאַקאַל פֿון איין עק וועלט ביזן אַנדערן! מילי־מיליאָסן שוידים, רוכעס און ניט גוטע האָט ער אויסגעשפּרייט פֿאַר די טאַלמידימס פּיס, געזען זיי בא איטלעכן אונטער די נעגל, געווען זיכער, אַז יעדער איינציקער איז א יורעש־געענעם, וואָרעם טאָמער האָט זיך אַפֿילע געפֿונען איינער אַזעלכער, וואָס האָט ניט געזינדיקט, וואָס האָט געדאַוונט און געלערנט און געטאָן אַלצדינג, וואָס דער יעיצערטאָוו הייסט צו טאָן, האָט ער דאָך געפּאָלגט דעם יעיצערהאָרע און געזינדיקט בעמאַכשאָווע. און אויב ניט בעמאַכשאָווע, האָט ער אין שלאָף, אין כאָלעם עפּעס מעהאַרהער געווען וועגן א זאַך, וואָס מע טאָר ניט...

האַקלאַל, ס'איז ניט געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פֿונעם מאַזיק, פֿון יעיצערהאָרע, אין ערגעץ, וסײַדן לייגן זיך אַוועק און שטאַרבן! און דאָ,

אפּצעלאָכעס, ווילט זיכ דאָפּקע א לעב טאָנ, אונ דאָפּקע א שטיפּ טאָנ, אונ דאָפּקע לאַכנ, אונ דאָפּקע נאַשנ, אונ דאָפּקע אָפּכאַפּנ דאָס דאַוונענ, אונ דאָפּקע טראַכטנ פונ דעמ, וואָס מע טאָר ניט... דאָס איז שוינ געווענ דעמ יעיצערהאָרעס ארבעט, וואָס האָט געהאַט גענוג שליכימ אַפ אַרײַנצוכאַפּנ דעמ אומשולדיקנ אינ נעץ אַרײַנ — אונ קוימ האָט ער שוינ אַרײַנגעכאַפּט, איז מענ שוינ בעמיילע נאָכגעגאַנ־גענ אימ, ווי א קעלבל, אונ געטאָנ אַלצדינג, וואָס דער יעיצערהאָרע האָט געהייסנ טאָנ. אונ דער יעיצערהאָרע האָט שוינ אַזאַ גליק, אַז אימ פאָלגט מענ א סאַכ מער, ווי דעמ יעיצערטאָוו. עס העלפט ניט קיינ שומ מוסער זאָגנ, מיט קיינ שומ מאָראַל פּרייִדיקנ. אַדרעבע — וואָס מער דער יעיצערטאָוו פלײַסט זיכ, אַלץ שטאַרקער ארבעט דער יעיצערהאָרע. איכ האָב מוירע ארויסצורייִדנ, נאָר מיר שײַנט, אַז ס'זאָל ניט זײַנ קיינ יעיצערטאָוו, וואָלט דער יעיצערהאָרע ניט געהאַט וואָס צו טאָנ...

12. גנייווע, קאָרטנ-שפּיל אונ אנדערע אוויירעס

די קינדער העלפנ דער מאַמענ אַפּנ יאַריד. — קאָרטנ לעקאָוועד כאַנעקע. — בערל דער אַלמאָנעס לערנט גאַנווענענ. — א יונג אַנ אויסוואורפ.

מיט נאָכעמ וועוויקס קינדער האָט זיכ דער יעיצערהאָרע באַגאַנגענ, ווי א מערדער. לעדאַי, וואָס די קונדייסימ האָבנ פאַרקנייטשט דאָס דאַוונענ, העכער האַלב איבערגעהיפּט אונ געזאָגט דער באָבענ א גרויסנ ליגנ, אַז זיי האָבנ אויסער דאַוונענ נאָכ געזאָגט עטלעכע קאַ־פּיטלעכ טילימ, — האָבנ זיי נאָכ פּאַשעט אויסגעלערנט זיכ גאַנווענענ, נאַשנ, קאָרטנ שפּילנ אונ נאָכ אַנדערע אוויירעס... פאַרשטייט זיכ, אַז דאָס אַלצדינג איז געגאַנגענ בעהאַדרהאָגע, אייננס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע, ווי אינ פּאָסעק שטייט געשריבנ: „עבֿרה גוררת עבֿרה"...*
אונ געגאַנגענ איז דאָס אַט ווי אַזוי:

* „אוויירע גוירערעס אוויירע" — איינ אוויירע ציט נאָכ זיכ די אַנדערע. — רעד.

איכ האָב אײַכ שוינ, האכט זיכ, געזאָגט אויבנ, אז די וואָראָנקע־ווער ייִדנ האָבנ געלעבט פונעמ גוי, אונ איבערהויפּט פונ גרויסע יאָרידנ, וואָס האָבנ געהייסנ מיטנ נאָמענ „קראַסנע טאָרגעס". אפ די דאָזיקע יאַרידנ האָבנ ייִדנ ארויסגעקוקט, האָבנ זיכ געטומלט, געמאכט געשעפטנ, געלייזט געלט, אונ גויִמ האָבנ געטאָנ זייערס — זיי האָבנ געגאנוועט, אונ איבערהויפּט די גויעס. ס'איז גאָר ניט געווענ אויסצו־שטיינ אונ אײַנצוהיטנ זיכ פונ זיי! אָט האָט איר בא איינער אויסגע־טרייסלט פונ ארבל א פּאַטשיילע אָדער א סטענגעלע, אונ אָט האָט שוינ די אנדערע גויע אוועקגעלאַכנט אונטער דער נאָז א כיילעוונ ליכטל אָדער א באָקסער. וואָס טוט מענ? איז די מאמע, כאיע עסטער נאָכעמ וועוויקס, געפאלנ אפ אנ אייצע: אוועקגעשמעלט אירע ייִנגלעכ אינ קלייט, זיי זאָלנ אכטונג געבנ, מע זאָל ניט גאנווענע — אונ כעווירע האָבנ איר גוט אונ געטרײַ אכטונג געגעבנ: אכוץ וואָס מע האָט אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט באָקסערנ, מיט טיטונ, מיט ניסלעכ אונ מיט טרוקענע פלוימענ, האָט מענ זיכ נאָכ צוגעכאפּט צומ גרינעמ קעסטעלע, ווו דער פידיענ איז געלעגנ, אונ אקוראט בײַמ די מאמע האָט זיכ פארעדט מיט א קוינעטע, האָט מענ ארײַנגערוקט אינ קעשענע א פּאָר מעזומענע מאטבייעס, האַרטע זעקסערלעכ, אונ מע איז אוועק מיט זיי דערנאָכ אינ כיידער אונ דאָרטנ פארנאשט אפ בלינעס, קאַרזשעס, מאָנעלעכ, ארבעסלעכ אונ סעמעטשקעס, אָדער — גאָר פאשפּילט אינ קאָרטנ.

שפּילנ אינ קאָרטנ איז געווענ א מינ כאלאס, אנ עפּידעמיע אינ אלע ייִדישע כאדאָרימ, וואָס גענומענ האָט זיכ עס פונ כאנעקע אונ איז פארבליבנ אפנ גאנצנ ווינטער. עס איז באוווסט, אז כאנעקע איז א מיצווע צו שפּילנ. ווער עס שפּילט אינ דריידל, אונ ווער עס שפּילט אינ קאָרטנ. עמעס, מיר מיינענ ניט כאָלילע קאָרטנ מאמעש, אָפּגעדרוקטע קאָרטנ; מיר ריידנ דאָ פונ געמאכטע, פונ ייִדישע קאָרטנ, פונ „לאמעד־אלעפ־קאָרטנ". נאָר ס'איז אלציינס. דער אייגענער יעיצערהאָרע מיטנ אייגענעמ אזאראט. געקומענ כאנעקע, האָט דער רעבע אליינ ניט נאָר געהייסנ שפּילנ — ער האָט אויכ גענומענ אָנטייל אינעמ שפּילנ אונ איז, אדעראַבע, פארקערט, געווענ גאנצ צעפרידנ אָפּגעווינענ בא זײַנע טאלמידימ דאָס גאנצע כאנעקע־געלט. אונ פאר־שפּילנ דעמ רעבנ דאָס כאנעקע־געלט איז געווענ א פארגעניגנ אונ א

קאָוועד און א פרייד. יעדנפאַלס, בעסער צו פאַרשפּילנ דעמ רעבנ דאָכ כאַנעקע־געלט, אײדער זײַנ פונ רעבנ א געשמיסענער — דאָס ווערט, דאַכט מיר, צוגעבנ יעדער פאַרשטענדיקער מענטש...

דערפאַר אָבער, אַז ס'איז אַוועק כאַנעקע, איז געווענ אויס יאָנטעוו און אויס קאָרטנ! דאָס הייסט, דער רעבע האָט אָנגעזאָגט מיטנ האַרבנ וואָרט: היזאָהער וועהישאָמער — טאָמער וועט מענ זיכ דערוועגנ עמעצער צורירנ צו א קאָרט, אָדער אפילע ריידנ פונ קאָרטנ, אָדער טראַכטנ וועגנ קאָרטנ, איז „אחת דתו להמית"* איז ער א געשמיסענער!

אפאָנעמ, אַז דער רעבע איז געווענ אַליינ אַמאָל א רעכטער קונדעס און האָט ליב געהאַט א קערטל ניט נאָר לעקאָוועד כאַנעקע. וואָרעמ אַז ניט, פונוואַנענ נעמט זיכ צו אימ גאָר דער דאָזיקער געדאַנק?... וויאַזוי די מייסע איז, נאָר זײַנע טאַלמידימ האָבנ דעמ גאַנצנ ווינטער נאָכ כאַנעקע געשפּילט אינ קאָרטנ מיט א סאַכ מער היצ און מיט נאָכ א גרעסערנ אַזאַרט, ווי כאַנעקע. מע האָט פאַרשפּילט די אָנבײַסנס מיט די מיטאָגנ, מע האָט פאַרשפּילט וווּ ווער ס'האָט געהאַט א מעזומענעמ גראָשנ, און אַז ס'איז ניט געווענ קיינ געלט, און שפּילנ האָט זיכ געוואָלט, האָט מענ געזוכט קאָלערליי וועגנ צו קריגנ געלט. ווער עס האָט זיכ דערגריבלט צו רעב מייער באַלנעמס פּושקע און דורכ א שטרויעלע מיט וואַקס אַרויסגעקראַגנ פונ דאָרטנ אײנציקווײַז די פאַרווײנטע גראָשנס, וואָס די מאַמע האָט אַהינ אַרײַנגעוואָרפנ אַלע פרײַטיק פאַרנאַכט פאַר ליכט־בענטשנ; ווער עס האָט זיכ אָנ אײיצע געגעבנ דורכ א שליכעס אינ מאַרק עפּעס אַראָפּכאַפּנ א פאָר גראָשנס „קאָמיסיע", און ווער עס האָט זיכ פאָשעט דעביוועט צומ טאַטנס בײַטעלע אָדער צו דער מאַמעס קעשענע בײַ דער נאַכט, ווענ אַלע שלאָפנ, און אַרויסגעטרייסלט פונ דאָרט וויפל עס האָט זיכ געלאָזט. און דאָס אַלצדינג איז געטאָנ געוואָרנ מיט די גרעסטע פּכאָדימ און מיט דער גרעסטער ריזיקע. און דאָס אַלצדינג איז אַוועק אָפּ קאָרטנשפּיל אינ לאָמעד־אַלעפ!

די פראַגע איז נאָר געווענ: ווענ און ווו? און וויאַזוי שפּילט מענ, אַז דער רעבע זאָל ניט געוווירע ווערנ? דערפאַר האָבנ שוינ געזאָרגט די כאַוויירימ פונ דער עלטערער קיטע: אַזעלכע יינגלעכ, ווי עליע

* אבאס דאָס, לעהאָמיס — דער בוכשטעבלעכער טײַטש: קומט אימ טויט־שטראָף.

קיילעס, א כאָסנ־באָכער, א געלער, מיט א זילבערנעמ זייגער, אונ
בערל דער אלמאָנעס, גלאט א באָכער מיט גראָבע ליפּנ אונ מיט מאָד־
נע געזונטע ציינ, וואָס קאָנענ ברעכנ אײַזנ. עס האָט שוינ דעמלט
זיכ געשיט אימ א בערדל — אונ ער אליינ איז שולדיק אינ דעמ:
ווײַל ער רייכערט ציגאַרעטנ. אזוי האָט בערל אליינ געזאָגט אפ זיכ.
„א סימענ האָט איר, — האָט ער געטײַנעט, — אָט הייבט איר אָנ
צו רייכערנ ציגאַרעטנ, וועט זיכ בא אײַכ אויכ אָנהייבנ אויסשיטנ
בערדלעכ"... אונ ער האָט אויסגעלערנט אפ א טשיקאווע א סאכ כאַ־
ווײַרימ „רייכערנ ציגאַרעטנ". אונ ניט נאָר רייכערנ האָט ער זיי אויס־
געלערנט — ער האָט זיי באוויזנ א וועג, וויאזוי מע קריגט זײַמ
מאטעריאל אפ צו רייכערנ... דאָס הייסט, בעסער געזאָגט — ער האָט
זיי אויסגעלערנט גאַנווענענ. פארשטייט זיכ, אז פאר זײַנ אויסלערנענ
האָט בערל באקומענ באצאָלט — טאקע מיט „טיטונ" אונ מיט פּאַ־
פּיראָס־פּאַפּיר.

אונ בערל האָט זיכ געהאט זײַנ סיסטעמ: דער, וואָס האָט אימ
געפּאָלגט אונ געבראַכט טיטונ מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיר — דער איז
געווענ א ווויל יינגל, א כאווער. אונ ווער ס'האָט מוירע געהאט אָז ער
ניט געקאָנט גאַנווענענ — דער האָט בא אימ געהייסנ „א קוואטש
אונ א לעמעשקע" אונ איז ארויס פונ כאווערשאפט, אונ אז ס'איז
אימ אָפּגעגלאָטנ, האָט ער נאָכ געכאַפּט געשלאָגנ אויכ, טאקע פונ אימ
אליינ, פונ בערלענ, הייסט עס. פאַרקריגנ זיכ מיט בערלענ אָז ער
באקלאָגנ זיכ אפ אימ — איז געווענ אומעגלעכ, ווארעמ דאָס וואָלט
געהייסנ ארויסגעבנ זיכ אליינ — אונ דערופ זײַנענ געווענ ווײניציק
העלדנ. דעריבער האָט מענ געטאָנ אלצדינג, וואָס בערל דער אלמאָנעס
האָט געהייסנ, אונ מע איז געזונקענ מיט אימ וואָס ווײַטער אלצ
טיפער אונ טיפער אינ אָפּגרונט ארײַנ, אונ גאָט ווייסט, ווּהינ כעוור־
רע וואָלטנ מיט אימ פארגאַנגענ, ווענ בערל דער אלמאָנעס זאָל ניט
געווענ האָבנ זײַנ ווײסטנ סאָפ פונ זיכ אליינ אפ אזא מינ אויפנ, וואָס
קיינעמ וואָלט דאָס גאָר אינ קאָפּ ניט אײַנגעפאלנ אונ וואָס זײַנע
כאווײרימ פונ כיידער זײַנענ נאָכ געווענ אזוי יונג אונ אומשולדיק,
אז זיי האָבנ נאָכ רעכט ניט פארשטאַנענ, וואָס דאָרט האָט זיכ
אָפּגעטאָנ. זיי ווייסנ נאָר, אז ס'איז געווענ א מײַסע איינמאָל אינ א
פרײַטיק, האָט מענ געכאַפּט דעמ באָכער אפ יענער זײַט באָד, ווו ער

האָט ארויסגעקאלופעט א שטיקל גלאָז פונ א טאפלי אונ ארײַנגעקוקט מיט אײנ אויג אינווייניק ארײַנ צו די ווײַבער, ווי זײ באָדנ זיך...

וויי־וויי, וואָס ס'האָט זיך דעמלט אָפגעטאָנ אינ שטעטל! זײַנ מאמע, די אלמאָנע, האָט געכאלעשט, אונ אים האָט מענ אָפגענומענ פונ כיידער אונ ניט ארײַנגעלאָזט אינ בעסמעדרעש ארײַנ, אונ קײנ ייִנגל, אבי נאָר א טאטנס א קינד, האָט ניט געוואגט מער צו באגעגענענ זיך מיט דעם „מומער לעהאכים". אזוי האָט מענ אים נאָכדעם א נאָמענ געגעבנ. אונ ביכדיי צו פארענטפערנ אָפּאָנעמ דעם דאָזיקנ נאָמענ, האָט זיך בערל דער אלמאָנעס אינ א צײַט ארום, זײַנ מאמע די אלמאָנע האָט שוינ דעמלט ניט געלעבט, אָפגעשמאדט אונ פארפאלנ געוואָרנ.

13. פייגעלע אשמעדײַ

שקאָצים ווערנ באלשעוועס. — א רועכ, ניט קײנ מוידל. — א מאכשייפע, וואָס קיצלט.

פונדעסטוועגנ דארפ מענ ניט מײנענ, אז דער יעיצערהאָרע האָט אינגאנצנ אויסגעפירט אונ אז דער יעיצערטאָוו איז אלעמאָל געווענ הינטערשטעליק. מע דארפ ניט פארגעסנ, אז ס'איז געווענ א רעשכוידעש עלעל אינ דער וועלט, מיט טשוווע־טעג, מיט א ראָשעשאָנע, יאָנקיפער, אונ גלאט טפילעס, טאנייסימ אונ סיגופימ, וואָס ערלעכע ייִדנ האָבנ צוגעטראכט. ניט קוקנדיק אפ די קלײנע גנײוועלעכ, אפ די קאָרטנ אונ אפ די אנדערע ייִנגלשע אווײרעס, קאָנ מענ זאָגנ גאנצ זיכערלעכ, אז דער מיטלסטער פונ די ברידער, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, איז געווענ בעעמעס פרומ, מוירע געהאט פאר גאָט אונ געגעבנ זיך ניט אײנ מאָל דאָס וואָרט, אז ער וועט עלטער ווערנ, וועט ער זיך פארבעסערנ, אונ וועט אימירצאשעמ זײַנ גוט אונ פרומ, אזוי ווי די באָבע מינדי האָט געהײסנ, אונ אזוי ווי דער רעבע האָט געהײסנ, אונ אזוי ווי אלע גוטע־פרומע לײַט הײסנ.

אָפטמאָל האָט זיך געטראָפנ, אז ער האָט געוויינט באמ דאווענענ, זיך געשלאָגנ אלכעט אונ דערווײַטערט זיך פונ די עלטערע ברידער אונ

פֿון אַלע יענע כאַווײרים־שקאַצים, וואָס ריידן אָן שלעכטס טאָן. און אַז עמעצער באַלטשוּוועניק איז ער געוואָרן, אַז ס'איז געקומען די צײַט פֿון טשוּווע־טעג, פֿון יאָמים־נויראָים.

זײַן גוט און פֿרום איז בּיכלאַל זייער גוט און אָנגענעם. נאָר ווער עס האָט אַמאָל געפּרוּווט זײַן אַ באַלטשוּווניק — דער ווייס מוידע זײַן, אַז קיין בעסערע זאַך קאָן שוין גאָר אַף דער וועלט ניט זײַן. אַ באַלטשוּווע איז אַ מענטש, וואָס בעט זיך איבער מיט גאָט, נעמט אײַן דעם יעיצערהאָרע און באַהעפּט זיך מיט דער שכינע. באַ־רעכנט נאָר: וואָס קאָן זײַן בעסער פֿון דעם, אַז מע בעט זיך איבער? און וואָס קאָן זײַן זיסער פֿון ניצאָכן? און וואָס קאָן זײַן ליבער פֿון דער שכינע? אַ באַלטשוּווע פֿילט זיך גאַנץ, און שטאַרק, און ריין, און פֿריש, און נײַ־געבוירן, און קאָן קוקן איטלעכן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. ס'איז גוט, אויסגעצייכנט גוט צו זײַן אַ באַלטשוּווע!

שוין אַז דער כוידעש עלעל איז אַרײַנגעטראָטן און עס האָט זיך געלאָזט הערן דער ערשטער בלאָז פֿונעם שויפֿער, האָט זיך דעם העלד פֿון דער דאָזיקער אווטאָביאָגראַפֿיע אויסגעוויזן, אַז ער זעט ליגן דעם יעיצערהאָרע אַ געבונדענעם, זיך וואַלגערן אַף דער ערד און זיך בעטן ראַכמים, מע זאָל אים אַזוי שטאַרק ניט טרעטן מיט די פֿיס. און ווער שמועסט ראָשעשאָנע! און ווער שמועסט יאָנקיפּער! דאָס לײַדן פֿונעם שווערן טאָנעס, דאָס הונגעריק זײַן און דאָס וועלן אַ טרונק ביז צום שטאַרבן און אײַנהאַלטן זיך גלײַך מיט אַלע גרויסע, — דאָס אַלץ האָט אין זיך אַזוי פֿיל זיסקײַט, אַז דאָס קאָן אָפּשאַצן נאָר דער, וואָס איז אַליין אַ פֿרומער אָדער געווען אַמאָל פֿרום.

אַך, ווי גוט ס'איז צו זײַן אַ באַלטשוּווע!

איז אָבער דער יעיצערהאָרע — ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! מישט זיך אַרײַן דער שאָטן האַמעקאַטרעג און מאַכט קאַליע אינגאַנצן. דאָס מאָל האָט זיך דער שאָטן האַמעקאַטרעג באַוויזן אינעם געשטאַלט פֿון אַ דאָרפֿיש מיידל מיט געקרײַזלטע האָר און מיט גרינע אויגן. פֿון־וואַנען האָט זיך גענומען דאָס מיידל — ווייס איר האָרכן.

אַף אַלע יאָמים־נויראָים, אַזוי איז געווען אַ מינהעג פֿון קאַדמויינים, זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן פֿון די אַרומיקע דערפֿער אינעם קליינעם שטעטל וואָראָנקע דאָרף־יידן (יישוּווניקעס) אָדער „יאָנטעוויניקעס" ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן. יעדער באַלעבאָס האָט זיך געהאַט זײַן

יאַנטעוויניק מיט זײַן יאַנטעוויניטשקע. נאָכעם וועוויקס יאַנטעוויניק איז געווען אַ ווײַטער קאָרעוו מיטן נאָמען „ליפשיץ דער הלובאָקער", אַ פרומער ייִד מיט אַ ברייטן שטערן, אַ שטערן פֿון אַ באַל־מויעך, כאָטש בעעמעס איז ער געווען ניט אַזאַ גרויסער כאָכעם. און אַ ווײַב האָט ער געהאַט אויך אַ פרומע, וואָס האָט ליב געהאַט דאַווענען און שמעקן טאַבעקע. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, נאָר אַ דינסט־מיידל אַ יעסוימע און אַ ווײַטע קרויווע, און געהייסן האָט זי פֿייגל. בײַ די קונדייסים האָט זי געהאַט אַן אַנדער נאָמען — „פֿייגעלע אַשמעדײַ", דערפֿאַר וואָס דאָס איז געווען אַ ברען, אַ רועך, ניט קיין מיידל, געהאַט אין זיך ייִנגלשע נענג, ליב געהאַט שטיפֿן מיט ייִנג־לעך, אַז קיינער זאָל ניט זען, דערציילן זיי מײַסעס און זינגען ליד־לעך, צום מיינסטנ — גוייִשע.

איינמאָל — ס'איז געווען באַלעמויעד סוקעס, אַ וואַרעמע אַ ליכ־טיקע נאַכט, — האָט זי זיך צוגעגאַנוועט צום געלעגער, וווּ די ייִנגלעך זײַנען געשלאָפֿן (צוליב די יאַנטעוויניקעס די קרויווים האָט מען די קינדער אויסגעלייגט שלאָפֿן אין הויף אויף דער ערד), און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ האַלב נאַקעטע, גענומען זיך צעפֿלעכטן די האָר און בײַם מײַסע דערציילן מאָדנע מײַסעס. דאָס זײַנען ניט געווען די מײַסעס, וואָס שאָלעמס כאַווער, שמוליק דעם ראָווס, פֿלעגט דערציילן. דאָס זײַנען געווען מײַסעס פֿון שיידים, רוכעס און לייצים, וואָס טוען אָן שפּיצלעך אַלערליי: קערן איבער די מאַלבושים אויף דער לינקער זײַט, שטעלן איבער דאָס מעבל, בלאָנטערן איבער די ספּאָרים, ברעכן דאָס געפֿעס, שלעפּן אַרויס די טעפּלעך פֿונעם אויוון, און נאָך אַזעלכע מײַסים „אשר לא יעשו". * און פֿון מעכאַשפֿים האָט זי גענומען דער־ציילן, פֿון מעכאַשפֿים און מאַכשייפֿעס, וויאַזוי אַ מאַכשייפֿע, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי פֿאַרמוטשען הונדערט מענטשן נאָר מיט איר קיצלען אַליין...

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס מיט איר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אײַך ווײַזן, וויאַזוי אַ מאַכשייפֿע קיצלט.

און פֿייגעלע אַשמעדײַ האָט זיך אַ לאָז געגעבן מיט די צעפּאַטלטע

---

* אַשער לוי יעיאָסו — ניט דערלאָזבאַרע. — ר ע ד.

האָר באַוויזן, וויאַזוי א מאַכשייפֿע קיצלט. פֿריִער האָבן די ייִנגלעך געלאַכט; דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך אָפּשלאָגן פֿון איר, זיך בּאָרען. כּעוורע האָבן זיך ררעכט אײַנגעפּלאָנטערט איר אין די צעפּאַטלטע האָר, איר אײַנגעטײַלט קלעפּ מיט קולעקעס, מיט בוכענצעס, ווי גאָט האָט געבאָטן. פֿייגעלע האָט זיך קלוימערשט באַשיצט, נאָר ס׳איז געווען צו זען, אַז די קלעפּ זײַנען איר אײַנגענעמען... זי האָט צוגענומען די קלעפּ און געוואָלט נאָך... דאָס פּאָנעם האָט איר געפֿלאַמט. די אויגן (העל־גרינע אויגן, ווי בּאַ א קאַץ) האָבן געגלאַנצט. אַקעגן דער שײַן פֿון דער לעוואָנע האָט זי אויסגעזען, ווי אַן עמעסע מאַכשייפֿע! נאָר ערגער פֿון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די דאָזיקע מאַכשייפֿע איז זיי ניט נאָר בײַגעקומען אַלעמען, נאָר זי האָט זיי יעדן אײנציקווײַז אַרומגענומען, צוגעקוועטשט צום האַרצן און געקושט, געקושט גלײַך אין די ליפּן אַרײַן!..

א גליק, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר הוישײַנעראַבע, אײדער דאָס קוויטל איז נאָך אָפּגעכאַסמעט, און מע קאָן נאָך אויסבעטן באַם ריבוינעשעלוילעם ער זאָל דאָס דאָזיקע ניט ווילנדיקע קושן זיך מיט א נעקייווע ניט פֿאַרעכענען פֿאַר א צו גרויסע אַווײרע, וואָרעם גאָט איז אַן אײידעס, אַז דאָס איז געווען ניט בעמײזיד, נאָר בעשויגעג...

פֿונוואַנען האָט זיך גענומען אָט די פֿייגעלע אַשמעדײַ? וואָס פֿאַר א באַשעפֿעניש איז דאָס געווען: א רועך? א שעד? א גילגל? אָדער דער שאָטן האַמעקאַטרעג האָט זיך פֿאַרשטעלט אינעם געשטאַלט פֿון א נעקייווע, ביכדיי צו ברענגען אומשולדיקע קינדער צו אַזא אַווײרע — זיך קושן קעגן זייער אײגענעם ראָצן מיט א מיידל?..

14. דער לעץ

א „דאַמאָווױק“, וואָס טוט אָפּ מײַסים. — געכאַפּט דעם לעץ. — מע מאַכט כאַסענע אַ אויסגעלאָזענע מויד און זי ווערט א אישע צנוע.

ווער פֿייגעלע אַשמעדײַ איז געווען — האָט זיך גיך אַרויסבאַוויזן, און אויף אַזא וווּנדערלעכן אויפֿן, אַז ס׳איז קעדײַ צו דערציילן.

דעם זעלבן ווינטער — אָרום כאַנעקע איז דאָס געווען — קומט צו פֿאָרן אָט דער ליפּשיץ פֿון הלובאָקע מיט א נײַעס, אַז באַ אים אין

שטוב האָט זיכ פאַרנאַרעט אַ לעצ, אַ „דאָמאָוויק", וואָס מאַכט אימ אומגליקלעכ!.. טכילעס האָט דער „לעצ", — אזוי דערציילט ליפשיץ, — געמאַכט פונ זיי נאָר כויזעק: אַלע נאַכט האָט ער איבערגעבלעטערט די געמאָרעס, צעריסנ די סידורימ מיט די כומאָשימ, איבערגעקערט די טעלער אינ שאַפע, צעבראָכנ די טעפ, אַרײַנגעוואָרפנ אינ פאָמעניצע דאָס טפילנ־זעקל, דעמ געמאָלטנ מיזרעכ, אונ מוישע מאַנטעפיאָרעס אויסגעדרייט מיטנ פּאָנעמ צו דער וואַנט — אונ מע זאָל דאָס הערנ, מע זאָל זאָגנ, אפילע אַ שאָרכ פונ עמעצנ! שפּעטער האָט דער לעצ אָנגעהויבנ אויסליידיקנ אונ איבערקערנ זיי אַלע קעשענעס, ארויסגאַנווענענ דאָס קליינגעלט פונ טישקעסטל, צוגענומענ אונ פאַרטאַכטאָרעט ערגעצ דעמ ווײַבס פערל — אַ ריינער אומגליק!.. איז ער, הייסט עס, איצטער געקומענ צו זײַנ קאָרעוו, צו נאָכעמ וועוויקס, פרעגנ אַנ אייצע, וואָס טוט מענ? צי זאָל ער מעלדנ אינ סטאַנ? * צי זאָל ער פּאָרנ קיינ טאַלנע צומ רעבנ? צי זאָל ער זיכ גאָר ארויסקלײַבנ פונ הלובאָקע?

אויסגעהערט די מײַסע, האָט אימ נאָכעמ וועוויקס מער ניט אַ פרעג געטאָנ: „אונ ווו שלאָפט דאָס דינסטמיידל? אונ וויאַזוי איז זי מיט דער באַלעבאָסטע?"... ליפשיצ האָט זיכ אַזש געפונענ באַליידיקט: ערשטנס, איז פייגל זייערע אַנ אָרעמע קרויווע, וואָס זײַנ ווײַב וויל זי באַסענע מאַכנ, געבנ נאַדאַנ, אונ ס'איז איר באַ זיי גוט, ווי די וועלט; אונ צווייטנס, שלאָפט זי ווי אַ געהאָרגעטע ערגעצ ווײַמ איכ ווו, אינ קיכ, באַ דער פאַרשלאָסענער טיר!

— האָט זי ניט עפּעס באַקאַנטע אינ דאָרפ?.. — האָט אימ נאָכעמ ווידער אַ פרעג געגעבנ, אונ ליפשיצ איז שוינ גאָר אינ כּאַס געוואָרנ אונ צעשריגנ זיכ:

— פונוואַנענ האָבנ זיכ גענומענ צו איר באַקאַנטע אינ אַ דאָרפ פונ סאַמע גוייִמ? צי עפּשער מיינסטו, אַז דער לעצ — דאָס איז פייגל?..

— כאַסוועכאָלילע, — האָט אימ נאָכעמ וועוויקס געענטפערט אונ גוט אויסגעלאַכט זיכ פונ זײַנ נאַרישנ קאָרעוו, געפרווווט אימ איבער־

---

* סטאַנ — געוועזענע אַזאַ אַדמיניסטראַטיווער אייגס, ווי, לעמאָשל, איצט אַ ראַיאָנ. — ר ע ד.

צײַגן, אַז קיין לייצים און קיין „דאַמאָוויקעס" זײַנען ביכלאַל ניטאָ. ליפשיץ האָט אָבער ניט געוואָלט הערן אַפּילו. ער האָט געשוואָרן, ער זאָל אַזוי דערלעבן שויפער־שעל־מאָשיעך, ווי ער האָט אַליין געהערט באַנאַכט אַ סאָפּען פון אַ מין לעבעדיק באַשעפעניש, אַ קראַצן פון נעגל, און אין מאָרגן האָט מען געזען אין קיך עפּעס מעשונע מאָדנע סימאָנים פון הינערשע פּיסלעך אָפּן אויסגעשאָטענעם זאַמד, וואָס אויף דער ערד.

דערזען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט נאָכעם וועוויקעס אַ דריי געגעבן, ווי מע זאָגט, דעם דישל צוריק: עס קאָן זייער זײַן, אַז דער לעץ איז אַ לעץ. נאָר וואָס דען? ער וואָלט אַ באַלן געווען זײַן דערבײַ... אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמען אים, נאָכעמען, צו זיך אין דאָרף אַרײַן — ער וויל אַליין זען מיט זײַנע אויגן... און ווײַבאַלד אַז שוין יאָ פאָרן, זאָל שוין מיטפאָרן אויך זײַן יינגערער ברודער, ניסל וועוויקעס אָדער „ניסל ראַבינאָוויטש".

— מײַן ניסל, — האָט נאָכעם געגעבן צו פאַרשטיין, — איז אַ יונגערמאַן אַ כוואַט, אַ מענטש, וואָס פּילט זיך, קיין אײַנאָרע, אין קויעך. ער האָט שוין אַמאָל אויסגעפּאַטשט אַ סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו, איז צו גאָט אַ האָפענונג, אַז ער וועט קענען גוווער זײַן אַ לעץ אויך... פאָרן מיר?

— מיטן גרעסטן קאָוועד! — האָט זיך ליפשיץ אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, און אַלע דרײַ האָבן זיך גוט אָנגעפּעלצט מיט וואַרעמע יענאָטענע פּעלצן, זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ברייטן שליטן און זײַנען אוועק צו ליפשיצן אין דאָרף אַרײַן, קיין הלובאָקע.

געקומענע אין דאָרף שוין פאַרנאַכטלעך, האָט מען די ליבע געסט זייער שיין אויפגענומען, געקאָכט פון זייערטוועגן אַ מילכיקע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאַנצע צײַט פון דעם לעץ, וואָס האָט זיך באַ זיי פאַרנאַדעט.

שפּעטער, ביים פּייגל האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט נאָכעם געמאַכט אַ גאַנץ ברייטן שמועס וועגן דעם, אַז ער און זייער גאַנצע מישפּאָכע, די ראַבינאָוויטשעס, הייסט עס, האָבן פון געבוירן אַ מאָדנע האַרטן שלאָף, כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס מיט די בעטלעך כאָטש שיסט אין זיי מיט האַרמאַטן! נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַר אַ דיבעק, פאַר אַ לעץ און פאַר אַ „דאַמאָוויק" קיין מוירע ניט,

כאָטש זיי פירנ מיט זיכ געלט, וואָרעמ זיי זײַנענ ניט קיינ נאַראָנימ: דאָס געלט האַלטנ זיי בא זיכ גוט אײַנגעגנייט, מעכילע, אינ די אונטערשטע בעגאָדימ, וועלכע זיי טוענ קיינמאָל ניט אויס, אונ זיי גלייבנ גלאַט ניט אינ דיבוקימ, לייצימ אונ „דאָמאָוויקעס״, מעכאַשעפימ אונ נאָכ אַזעלכע זאַכנ — ווייס איכ וואָס! דאָס האָבנ כאַנימ אויסגעטראַכט אונ נאַראָנימ גלייבנ זיי!..

דערופ האָט זיי ליפשיצ געענטפערט ביטמימעס, אַז ס'וואָלט געווענ א גרויסער יווישער, אַז דער לעצ זאָל זיכ א נעמ טאָנ צו זיי הײַנטיקע נאַכט, זיי זאָלנ וויסנ, מיט וואָס מע עסט דאָס. אונ אָט אַזוי האָט מענ דעמ אָוונט פאַרבראַכט אַלצ אינ אַזעלכע שמועסנ, געהייסנ דערלאַנגענ ווײַנ, אונ ביידע ברידער האָבנ זיכ געמאַכט קלוימערשט, ווי מע איז שוינ שיקערלעכ, אונ מע האָט זיכ געלייגט שלאָפנ, אויסגעלאָשנ די ליכט, אונ די געסט האָבנ זיכ גיכ געלאָזט הערנ מיט א כראָפּענ, איינער העכער פונעמ אַנדערנ — א גאַנצער קאָנצערט.

אַרומ האַלבע נאַכט האָט זיכ דערהערט א געשריי, מיט א געשלעג, מיט מאָדנע קוילעס, אויפ ייִדיש אונ אויפ גויִיש, אַזוי אַז די ליפשיצעס האָבנ זיכ אויפגעכאַפּט אינ איינ ציטערניש, אָנגעצונדנ פײַער, אונ פאַר זייערע אויגנ האָט זיכ באַוויזנ אַזא מינ בילד: בא נאָכעמענ אינ די הענט איז געלעגנ פייגעלע אַשמעדײַ א געבונדענע אונ געריסנ זיכ מיט אַלע קויכעס, אונ ניסל (געווענ א ייִד א גוואַר) האָט זיכ געראַנגלט מיט כוועדאָר דעמ וואָלאָסטנאָי שרײַבער פונ דאָרפ, וואָס האָט אימ צעביסנ אונ צעבלוטיקט די הענט, נאָר ניסל האָט אימ געפּאַקט, געבונדנ ווי א באַראַנ, — אונ אַז ס'איז געוואָרנ טאָג, האָט מענ זיי ביידנ, פייגל די מויד אונ כוועדאָר דעמ שרײַבער, אָפּגעפירט אינ וואָלאָסט אַרײַנ. דאָרט האָט מענ געשטעלט צוויי עמער בראָנפנ אונ מע איז געקומענ צו אַזא מינ ספּראַווע: אַזוי ווי כוועדאָר איז אַליינ דער וואָלאָסטנאָי שרײַבער, זאָל ער זיכ מוידע זײַנ אונ אָפּגעבנ אַלצדינג, וואָס ער האָט דורכ דער מויד בא די ליפשיצעס אַוועקגעלאַקכנט. וועט מענ אימ נאָר מעקײַעמ פּסאַק זײַנ, דאָס הייסט, פונ דער גרינג אָפּשמײַסנ, אונ מע וועט מאַכנ א שווײַג. אונ צו דער מויד האָט מענ זיכ גענומענ מיט גוטע רייד, אַז איבערגעבנ זי אינ גויִישע הענט וויל מענ ניט בעשומוינפּנ, כאָטש זי איז אַנ אַשמעדײַ א הולטײַקע אונ ערגער פונ א מעשומיידעס... מע פאָדערט פונ איר נאָר, זי זאָל אויס־

זאָגן, ווי די פערל און די איבעריקע זאַכן זײַנען, און מע גיט א טקי־אסקאָפּ, אז מע נעמט זי צו אין שטאָט אַרײַן און מע גיט איר א כאָסן, טאַקע שוין און טאַקע באַלד און אָפּן שענסטן אויפן, מיט קלעזמער און מיט כאַסענע־קליידער און מיט א כופּע־וועטשערע, ווי אַן ערלעכער, א קאָשערער ייִדישער טאָכטער — קיין פויגל וועט ניט וויסן פון דער גאַנצער מײַסע, קיין האָן וועט ניט קרייען!

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. א כאָסן האָט מען איר געגעבן א יונג מיט ביינער, מוישע הערש האָט ער געהייסן, א דאַמסקי שנײַדער. די ראַבינאָוויטשעס זײַנען געווען די מעכוטאָנים און די אונטערפירער. אָפּ דער כאַסענע איז געווען די גאַנצע שטאָט און אויך „נאַטשאַלסטווע". מע האָט אויסגעטרונקען אַ א שיר פלעשער מיט ווײַן און מיט ביר, און ניסל ראַבינאָוויטש מיטן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו האָבןביידע אַזוי געטאַנצט, אז מע האָט באַדאַרפט גיין קוקן אָפּ בידושים.

נאָך דער כאַסענע איז פייגעלע געוואָרן ניט צו דערקענען. פרום ווי א רעבעצן, ניט געקוקט קיין מאַנצבל גלײַך אין די אויגן אַרײַן, און מיט נאָכעם װעוויקס ייִנגלעך איז זי גלײַך ווי קיינמאָל ניט געווען באַקאַנט. און אז מע האָט באַדאַרפט אין שטאָט עמעצן מאַכן א נעדאָווע, נעמען א פּאַטשיילע און גיין איבער די הײַזער, איז זי געווען פון די ערשטע. אז מע שמועסט א קאָשערע ייִדענע, א גאַבעטע, איז דאָך ניט שײַעך! נאָר איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן: איר מיידלשער נאָמען „פייגעלע אשמעדײַ" איז איר פאַרבליבן אָפּ אייביק. וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט נאָכעם וועוויקס קונדייסים, און מער פון אַלע דער מיטלסטער און דער גרעסטער קונדעס, דער שרײַבער פון די דאָזיקע געשיכטעס.

15. די מישפּאָכע

דרײַ ברידער — דרײַ פאַרשיידענע טיפּן. — א „דיעלאָ" מיט „קאַזנא". — דער פעטער פיניע טאַנצט אָפּ לײַכטער.

דער פעטער פונעם העלד פון די דאָזיקע באַשרײַבונגען, נאָכעם וועוויקס, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער: פיניע וועוויקס און ניסל וועוויקס — דער, וואָס איז אויבן דערמאָנט. און אַן אַנטיק איז דאָס,

וואָס יעדער פון די דרײַ ברידער איז זיך געווען א טיפּ פאר זיך און קיין ברעקל ניט געראָטן איינס אין דאָס אנדערע. דער עלטערער, נאָכעם וועוויקס, איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, א מישמאַש פון א כאָסיד און א מאַסקיל, א פילאָזאָף און א שיינער דאַווענער, א לאַמדן און א כאַקרען, און בעטעווע א מענטש א שטילער, א פאַרבאָרגענער און א גרויסער באַל־מאָרעשכוירע. דער אַנדערער, פיניע וועוויקס, — דער איז געווען שוין גאָר א גרויסער יערײַ־שאָמאַיִם, מיט גאָר א לאַנגן טאַלעסקאָטן, א שיינער ייִד, איך מיין טאַקע א שיינער אַפּן פּאָנעם, מיט א שיינער באָרד, שיינע שמייכלדיקע אויגן, און בעטעווע זייער א לעבעדיקער, א מענטש, וואָס קאָכאָלט זיך, א קאָכלעפל, א בעריע א מויעל, כאָלילע ניט צוליב געלט, נאָר לעשעם מיצווע. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען א ייִד פון הו־הא, שטענדיק פאַרטראָגן אין פרעמדע געשעפטן, לאַדענישן, דולענישן, פאַרלאָזענישן, אויסגלײַכענישן, אַלמאָנעס, יעסוימים און גלאַט אָרעמעלײַט, הײַנט ווו איז עפּעס גאַבאָעס אין בעסמעדרעש, אין קלויז, אין כעווּרע קאַדישע, אין כעווּרע מישנײַעס, אין כעווּרע טילים? איך האָב מוירע, אַז דאָס איז בײַ אים געווען טײַערער פון אן אייגענעם מאַרק אָדער א יאַריד. רעבע־געלט האָט דאָס אים אויך געקאָסט גענוג. נאָר ווײַבאַלד ס'איז א מיצווע, וואָס מאַכט דאָס אויס? אַדעראַבע, וואָס מער עס קאָסט רעבע־געלט, אַלץ גרעסער איז די מיצווע, און באַקלאָגן זיך דערויף טאָר מען ניט, וואָרעם דעמלט איז שוין די מיצווע אוים מיצווע. יענעמס געשעפטן, דאָרט ווו סע שמעקט מיט קאַהאָל און מיט א טויווע פאַר א ייִדן, זײַנען ביליכער פון אייגענע געשעפטן. אוועקוואַרפן לעמאָשל, א מאַרק אָדער א יאַריד און לויפן אַפּ א ברים — פון דעם שמועסט מען ניט. דערויף איז מען דאָך עפּעס א מויעל בײַ ייִדן. אָדער כאַסענע מאַכן אַן אָרעמע יעסוימע און טאַנצן מיט די אָרעמע מעכוטאָנים א גאַנצע נאַכט — דאָס איז דאָך אוודע א גרויסע מיצווע, וואָס ניט אָפּט קומט עס צו דער האַנט.

רײַדנדיק פון טאַנצן, איז שווער זיך אײַנצוהאַלטן און ניט באַוווּנדערן, פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ ייִדן א יערײַ־שאָמאַיִם, ער זאָל קאָנען טאַנצן, און נאָך אַזוי שיין טאַנצן? ווו האָט ער זיך דאָס געלערנט, לעמאָשל? און ווער איז געווען זײַן רעבע יענע יאָרן? טאַנצן א „כאָסיד”, א „קאָזאַק” און א „פאָניע” — פון דעם איז אָפּגערעדט.

— שטיל זאָל זײַן! רעב פיניע װעװיקס װעט טאַנצן אַ כאָסיד!

— צערוקט זיך, אױלעמ! רעב פיניע װעװיקס װעט גײן אַ קאָזאַק!

אָדער:

— װײַבער, אַפּ אַ זײַט! רעב פיניע װעװיקס װעט אונדז װײַזן אַ פּאָניע!

און דער גאַנצער אױלעמ צערוקט זיך, מאַכט אַ װאַרע, און דער פעטער פיניע „טאַנצט אַ כאָסיד", „גײט אַ קאָזאַק", אָדער ער „װײַזט אַ פּאָניע". און דער אױלעמ שטײט אַפּ קעפּ. „עין לאָ ראָתה". *

װאָס אָרעמער עס איז געװען די כאַסענע, אַלץ גרעסער איז געװען די סימכע. דאָס הײסט, װאָס די מעכוטאָנים זײַנען געװען גרעסערע אָרעמעלײַט, אַלץ מער האָט דאָרט דער פעטער פיניע געטאַנצט און באַװיזן אַזעלכע קונצן, װאָס טאַקע „עין לאָ ראָתה" — און טאַקע נאָר לעשעם מיצװע, ביכדײ צו מעסאַמײעך זײַן כאָסן־קאַלע. מע האָט באַדאַרפט אַפּ כידושימ גײן זען פיניע װעװיקס, װי ער טאַנצט „אַפּ לײַכטער" מיט ברענענדיקע ליכט, אָדער „אַפּ אַ שפּיגל", און אַזױ גרינג, אַזױ גראַציעז, װי דער גרעסטער פון די הײַנטיקע טענצער פון דער װעלט. אַזאַ מין טאַנצן װאָלט מען הײַנטיקע צײַטן געקאָנט װײַזן אַפּ בילעטן און מאַכן אַ סאַך געלט. די קאַפּאָטע אַראָפּגע־װאָרפן, דעמ טאַלעסקאָטן אַרױסגעצױגן, די אַרבל פאַרקאַטשעט, די הױזן בעמײלע אַרײַנגעשטעקט אין די שטיװל, און די פיס קוימ־קײמ װאָס זײ באַרירן די ערד, און דער קאָפּ איז פאַרװאָרפן אַרופּ, די אױגן צו, אַפּן פּאָנעמ זעט מען היספּײַלעס מיט היסרױמעמעס, װי בע־שאַס דאַװנען. און די קלעזמער שפּילן אַ ייִדישע זאַך, און דער אױ־לעמ פּלעסקעט, און די ראָד װערט אַלעמאָל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, אױסמײַדנדיק די לײַכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, גײט אַרײַן װאָס װײַטער אין אַלץ מער היספּײַלעס און אין אַלץ מער היסרױמעמעס האַנעפּעש — נײן, דאָס איז ניט געװען קײן טאַנצן! איך װאָלט געזאָגט, אַז דאָס איז געװען גיכער אַ מין אַװױדעס האַ־בױרע, אַ רײנע גאָטס־דינסט, און איך שטעל זיך אָפּ און פרעג נאָך אַ מאָל די אײגענע קאַשע: פונװאַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ ייִדן אַ יערײ־שאָמאַיִם, ער זאָל דערגרײכן אַזױ װײַט אין דער קונסט

---

* אומגעזעענעס. — ר ע ד.

פונ טאנצנ? ווי האָט ער זיכ עס אויסגעלערנט? אונ ווער האָט גע־קאָנט זײַנ דער רעבע זײַנער?

פארערט זיכ וועגנ טענצ, האָבנ מיר דערווײַל פארגעסנ דעמ דריטנ ברודער, ניסל וועוויקס, פונ וועלכנ מיר וועלנ זאָגנ עטלעכע ווערטער אינעמ ווײַטערדיקנ קאַפיטל.

16. דער פעטער ניסל אונ די מומע האָדל

דער פעטער ניסל „הוליעט“.—א כאָשעװ בא „נאטשאלסטווע“.— א װײַב א צאָרע. — זיכ פארשטעלט פאר א טשינאָווניק, אָנגעארבעט א כאסענע, אוועק קיינ אמעריקע. — א ניצעצ פונ א פאָעט.

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נאָכעמ אונ פיניע וועוויקס, זײַנענ געווענ כסידימ, איז דער דריטער, דער יינגסטער ברודער, ניסל וועוויקס, אָדער ווי ער האָט זיכ שוינ די לעצטע צײַט גערופנ בא זײַנ פאמיליען־נאָמענ, ניסל ראבינאָוויטש, געווענ שוינ גאָר א וועלטלעכער, געטראָגנ זיכ ווי א שטשאָגעל: הינטנ אינ דער קאפאָטע א שפאלט, — דאָס האָט געהייסנ יענע יאָרנ מײַסע פראנט, אָדער מײַסע דײַטש, — לאקירטע שטיוועלעטנ מיט שפראָנציקעס אונ שטארק־שטארק אונטער־געבויגענע פייעס. אונ געהאלטנ האָט ער זיכ דעמאָקראטיש, דעהײַנע: אינ בעסמעדרעש האָט ער געהאט, ווי אלע פאָרנעמסטע באלעבאטימ, אנ אָרט אינ מיזרעכ, נאָר געזעסנ איז ער אפ דער לעזשאנקע אינ פאָליש, געהאלטנ א כומעש מיטנ „ביאור“* אונ דערציילט, דאפקע פארנ פראָסטנ אוילעמ, מײַסעס פונ רעב מוישעלע ווײַנשטיינ, פונ מאָנטעפיאָרענ אונ פונ ראָטשילדנ אויכ. דערצו האָט ער געהאט א באסאָווע שטימע, געקאָנט שיינ זינגענ, ליב געהאט א סאכ לאכנ אונ געקאָנט מאכנ לאכנדיק יענעמ. מיינסטנס האָבנ פונ אימ געלאכט

---

* „ביאור“ — דאָס איז א פירעש צומ טאנאכ, צוזאמענגעשטעלט פונעמ יידיש־דײַטשישנ בורזשואזנ פילאָזאָפ מוישע מענדלסאָנ אינ סאָפ פונעמ XVIII יאָרהונדערט. — ר ע ד.

ווײַבער און מיידלעך — די זײַנען מאַמעש צעגאַנגען פאַר געלעכטער אַז ער האָט נאָר געוואָלט. מיט וואָס ער האָט זיי געגומענ — איז שווער צו וויסן. נאָר ס'איז געווען געגוט, ער זאָל זיי זאָגן איין וואָרט — און די געלעכטערן זײַנען שוין געגאַנגען ביזן הימל.

הײַנט וואָס פאַר אַ „הוליאַק" איז דאָס געווען! אָן אים אַ כאַסענע איז געווען אַ לעווײַע, ניט קיין כאַסענע. ניסל וועוויקס, אָדער ניסל ראַבינאָוויטש, האָט געקאָנט מעכײַע מייסים זײַן, אַ גאַנצע וועלט מאַכן ריידעוודיק, לאַכנדיק און טאַנצנדיק. דער בילעק צווישן אים און צווישן פעטער פיניע איז געווען, וואָס דער פעטער פיניע האָט געקאָנט טאַנצן, און דער פעטער ניסל האָט געקאָנט מאַכן טאַנצן אַנדערע. אַלע און אַלץ האָבן מיט אים אָפּ אַ סימכע מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיטגעטאַנצט. דער ערשטער איז געווען דער סטאַנאָווױ פּריסטאַוו. מיט אים האָט ער זיך געביטן מיט די היטלען — און ס'איז געווען לײַהוּדים.

ביכלאַל איז ניסל ראַבינאָוויטש געווען מיט נאַטשאַלסטווע אויסגעבונדן, און האָט געפירט דאָס שטעטל בעיאַד־ראָמע, גלײַך ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ נאַטשאַלניק, אַ טשינאָווניק. דערצו האָט ער געהאַט אַ „פּה קדוש",* גערעדט רוסיש, ווי אַן עכטער פּאָניע: „מעזשדו פּראָטשים, וואשאַ מילאָסט, פּאַזוואָלטי וואַם פּאַקוריט נאַ נאַש שטשאָט אי שטאָבי ניעבילאָ ניקאַקיך קאַקאָוו!"... (זײַט זשע מויכל, אײַך איינוועגס פאַרייכערט אונדזערן אַ פּאַפּיראָס, און אָן שום טערעצ!). ניט נאָר ייִדן — גויִים האָבן פאַר אים געהאַט דערעכערעצ „כאָדימ דאָ ניסעליאַ"; ווײַל „אי דילאָ סקאַזשע אי טשאַרקאַ הורילקאַ בודע" (לאָמיר גיין צו ניסלען: אי אייסעק וועט ער אונדז זאָגן, אי אַ גלעזל בראָנפן וועט זײַן).

קאַהאָלן זיך האָט ער נאָך מער ליב געהאַט ווי דער פעטער פיניע. שטענדיק האָט ער זיך מיט עמעצן אָדער פאַר עמעצן געלאָדן, און אים האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז ער ווייסט אַלע זאַקאָנעס. אַ קלייניקייט — אַ ייִד רעדט אַזוי גוט רוסיש, אַז ס'איז גאָרניט צו דערקענען, אַז דאָס רעדט אַ ייִד, און דערצו איז ער אַזוי אויסגעבונדן מיט נאַטשאַלסטווע, פּאַטשעט דעם סטאַראָסטע, ווי אַ הונט, שיקערט מיטן סטאַרשינאַ אַ

---

* „פּע קאַדויש" — אַ הייליק מויל. — רעד.

גאַנצע נאַכט טאַקע בײַ זיך אין שענק, אין מיטן סטאַנאָוווי פּריסטאַוו קושט ער זיך, ווי מיט אַ ברודער!..

נאָר אַף וויפל דער פעטער ניסל איז געווען אַ כּאַשעוו אין שטאָט, אַף אַזוי פיל איז ער ניט געווען קיין כּאַשעוו בײַ זײַן אייגן ווײַב, בײַ דער מומע האָדל (אַלע גרויסע מענטשן זײַנען בײַ זייערע ווײַבער גאַרנישט!). די מומע האָדל איז געווען אַ ווײַבעלע אַ קליינס און אַ שוואַרצס, נאָר דאָס דאָזיקע קליינע ווײַבעלע האָט געהאַלטן איר גרויסן מאַן אין דער מוירע — איימעס מאָוועס!

עס איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי אָט דער גרויסער הויכער פעטער ניסל, דער כּאָשעוו בײַ נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש און דער שטענדיק פרייליכער און אויסגעפּוצטער קאַוואַליער און אָנגע־לייגטער גאַסט בײַ ווײַבער, איז אַ באַלד געווען צו כאַפּן פון זײַן אייגן קליינגעוואַקסן ווײַבעלע אָדער מיט אַ קישעלע איבערן קאָפּ, אָדער מיט אַ נאַסן בעזעם איבער דער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע! צום מיינסטן האָט זי ליב געהאַט בעזעמען דאָפּקע יאָנטעוו, און דאָפּקע סימכעס־טוירע, און דאַפּקע פאַרן גאַנצן אוילעם אין די אויגן: „לאָז מען וויסן, וואָס פאַר אַ מאַן זײַן ווײַב האָט!"... ער אָבער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ קאַטאָוועס, זיך פאַרשלאָסן מיט אַלע ייִדן אין זאַל, אופגעעפנט פלעשער מיט בראָנפן, אופגעשלאָגן אַלע פעסלעך מיט געזײַערטע אוגערקעס אין קעלער, אַרויסגענומען אַלע טעפּ און טעפּ־לעך פונעם אויוון — געמאַכט אַ כורבן, אַ פּאָגראָם אין שטוב, און אָפּגעקרענקט נאָכדעם דערפאַר פון דער מומע האָדל דרײַ וואָכן קעסיי־דער. ס'איז אָבער געווען קעדײַ — מע האָט זיך גוט אָנגע־הוליעט!

שענער פון אַלצדינג איז געווען דאָס, וואָס דער פעטער ניסל האָט אָן דער מומע האָדל ניט געטאָן פון האַנען אהין. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסן באַרדאַאַס; ניט מער, פלעגט ער אַף איר מעלאַמעד זכוס זײַן, זי איז פון קאָרסון, אַ שטאָט אַזעלכער אין קיִעווער גובערניע, און די קאָרסונער זײַנען אַלע „ספּילשליוועs"... צו דערצו איז דאָ נאָר איין רעפוּע, — האָט ער געזאָגט: — פּערל. אַז גאָט זאָל אים העלפן, ער זאָל איר קאָנען קויפן גרויסע פּערל, וואָלט איר כאַראַקטער, זאָגט ער, זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. „איך ווייס נאָך אַ בעסערע רעפוּע", — האָט אים דער עלטערער ברודער נאָכמי

געפרווט עפענען די אויגנ און האט אים ארײַנגערוימט א סאד אפנ אויער, פונ וועלכנ דער פעטער ניסל איז געווארנ אנ אופגעציטערטער:

— זאל גאט היטנ! זאל דער אויבערשטער שוימער אומאצל זײַנ!

— פאלג מיכ, ניסל! טו ווי איכ זאג דיר, וועט דיר זײַנ אז גוט אונ אז וויל!..

אינ וואס די דאזיקע אייצע איז באשטאנענ, האט זיכ ארויסגעוויזנ ערשט העט־העט שפעטער, אינ א צײַט ארום. דעמ דאזיקנ סאד האט די מומע האדל אליינ צעפויקט איבער דער גאנצער שטאט דערמיט, וואס זי האט געטאדלט אונ געשימפט, געשמירט אונ געשאלטנ די גאנצע מישפאכע פונ איר מאנ: „מישפאכטערע" — קיינ אנדער נאמענ האבנ בא איר די ראבינאוויטשעס ניט געהאט. „שלאגנ א ווײַב איז בא זיי א וואכעדיקער גאנג... נאר ס'וועט זיי פריער אפדארנ די הענט, איידער זיי וועלנ זיכ צורירנ"...

דאס גאנצע שטעטל האט געוווסט פונעמ סאד, אז ניסל ראבינאוויטש האט נעבעכ אפגעשניטענע יארנ פונ זײַנ ווײַב, כאטש אפילע בא דער וועלט איז ער א טאקעפ אונ בא נאטשאלסטווע א גאנצער קאכלעפל. האלעווײַ וואלט ער ניט געווענ אזא טאקעפ! ווארעמ דאס, וואס ער איז געווענ א טאקעפ, האט אים, אייגנטלעכ, אפגעקוילעט אונ סאפקאלסאפ אומגליקלעכ געמאכט אים מיט די קינדער אונ קינדס־קינדער אפ אייביקע יארנ. וועגנ דעמ ווערט דערציילט א מײַסע, וואס שמעקט אויסגעטראכט צו זײַנ, נאר איכ גיב זי איבער, ווי איכ האב זי געהערט.

אינ א קליינ שטעטל, ניט ווײַט פונ וואראניקע, דאכט זיכ, אינ בערעזאנ, האבנ גוייִמ געמאכט א פריגאוואר אפ א ייִדנ, אז מע זאל אים ארויסטרײַבנ. וואס טוט מענ? איז מענ געקומענ צו לויפנ צו ניסל וועוויקס, אדער צו ניסל ראבינאוויטש: סטײַטש, אזא כאשעוו בא נאטשאלסטווע, וואס רעדט אזוי גוט רוסיש אונ קושט זיכ מיטנ סטאנאוואי פריסטאוו!... דער פעטער ניסל האט זיכ א וווארפ געגעבנ צומ פריסטאוו — ער קאנ דא גארנישט העלפנ: דאס ווענדט זיכ נאר אינעמ „ספראווניק". אונ דער ספראווניק איז, ערשטנס, א נײַער מענטש אונ, צווייטנס, א גרויסער האמאנ! וואס־זשע טוט מענ ווײַטער? ווי לאזט מענ דאס „ראזארנ" א ייִדנ אונ מאכנ א טעל פונ א גאנצער מישפאכע? „ווארט נאר אויס א ביסל, בודיעט דעלא וו

שליאפע" — „ס'וועט זײַנ רעכט!" — אזוי האָט געזאָגט דער פעטער ניסל און האָט אָפּגעטאָנ גאָר א קלייניקײַט: ער האָט געקראָגנ א גאַנצע אוניפאָרמ, וואָס א טשינאָווניק טראָגט, האָט זיכ פארשטעלט פאר א „ספראווניק", געכאַפּט א פּאָטשט און איז ארײַנגעפאָרנ אינ דאָרפ ארײַנ מיט א גלאָק, און האָט געשיקט רופנ צו זיכ דעמ סטארשינא מיט דער גאנצער „הראָמאדע", און האָט זיכ צעשריגנ אפ זיי: „קאַק ווי סמייעטע, טאַקיע־סיאַקיע?" און געטופּעט מיטנ פוס, ווי אַנ עמעסער ספראווניק, אז ס'איז ניט „פאָ זאַקאָנו", און האָט צעריסנ דעמ פריגאָוואָר אפ שטיקלעכ און אָנגעזאָגט זיי, אז טאָמער דערוועגנ זיי זיכ קלאָגנ אפ אימ צומ גובערנאטער, זאָלנ זיי וויסנ, אז ער, דער נײַער ספראווניק הייסט עס, איז טאקע דעמ גובערנאטערס אַנ אייגענער פעטער פונ דער מאמעס צאַד, און זײַנ ווײַב געהער זיכ אָנ א שטיקל קרויווע מיטנ „מיניסטער וונוטרעניכ אי ווניעשניכ דעל"!...

ווער עס האָט געמאסערט — ווייסט מענ ניט. נאָר די געשיכטע מיטנ צעריסענעמ פריגאָוואָר און די מײַסעס מיטנ גובערנאטער און מיטנ „מיניסטער וונוטרעניכ אי ווניעשניכ דעל" זײַנענ ארופ ווי בוימל אפנ וואסער. און ס'איז געוואָרנ א „דיעלאָ", און מע האָט אימ מעכילע אײַנגעזעצט און געמישפּעט, און דער שפּיצ איז געווענ, אז דער בראַווער פעטער ניסל האָט נעבעכ געמוזט ווערנ א בוריייעכ, פּאָשעט, הייסט עס, נעמענ און אנטלויפנ. עס האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ — ער איז אנטלאָפנ, האָט זיכ פריִער אָפּגעוואלגערט א שטיקל צײַט אינ אָדעס, זיכ געמאכט א נײַעמ פּאס מיט א נײַעמ נאָמענ און איז אוועק קיינ אמעריקע, אזש קיינ קאנאדע, די ערשטע צײַט גוט אויסגעריסנ געוואָרנ, נאָר אינ א פּאָר יאָר ארומ האָבנ אָנגעהויבנ גייג פונ אימ „לעטערס", אז ער „מאכט א לעבנ". שפּעטער האָט ער ארויבערגעצויגנ אהינ זײַנ גאנצע מישפּאָכע, וועלכע האָט אויכ געשריבנ בריוו, אז זיי „מאכנ א לעבנ". נאָכדעמ זײַנענ אָנגעקומענ פונ זיי אלעמענ שיינע „פּיקטשורס" — גראַפנ, עמעסדיקע סראָרעס! נאָר וויאזוי מע „מאכט א לעבנ" און וויאזוי איז ביכלאל דאָס לעבנ אינ אמעריקע — דאָס האָט מענ ניט געקאָנט פונ זיי ארויסבאקומענ בעשומויפנ.

ערשט הערט־העט, אינ א יאָר עטלעכע און דרײַסיק ארומ, אינעמ יאָר 1905—6, אינ דער צײַט, ווענ דער, וואָס שרײַבט די דאָזיקע

בי̇אָגראפיע, האָט אַליין באדארפט אריבערוואנדערן איבערן יאָם און איז געקומען בעשאָלעם קיין אמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באקומען גענויע יעדיעס וועגן זײַן פעטער. איז ער געווירע געוואָרן, אז דער פעטער ניסן איז שוין א שויכן־אָפער, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט א שיינעם נאָמען און א שיין פארמעגן, זײַנע קינדער און זײַנע איי̇ניקל זײַנען דאָס, וואָס מע רופט אין אמעריקע: אָלרײַט.

דאָס בילד פונעם פעטער ניסל וואָלט אָבער ניט געווען אינגאנצן, ווען מיר זאָלן דורכלאָזן נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיקן מענטשן איז עפּשער פארלוירן געגאנגען א פּאָעט: ער האָט ליב געהאט זינגען יידישע לידער, אייגענע. אין דער צײַט, וואָס ער איז געזעסן אין טפיסע, האָט ער באשאפן א ליד אף זיך אליין, אין ייִדיש, נאָכן אלעפביים, און א שיינע מעלאָדיע דערצו — א מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאנגען אין אלע אייוורים. וויפל טאלאנטן זײַנען בא אונדז אָט אזוי פארלוירן געגאנגען, וואָס מע ווייסט פון זיי גאָרניט!..

17. פיניעלע שימעלעס פאָרט קיין אָדעס

שימעלע רעדט מער אף גוייִש. — דערציילט גרויסקײַטן פון עפראָסין. — קלײַבט זיך אריבער קיין אָדעס. — זײַן זון פיניעלע האָט אן אָפּעראציע — אן ארבעסל אין אויער. — דער אָפּשייד־וואָרעמעס.

דעם העלד פון דער דאָזיקער בי̇אָגראפיע האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווײַזט זיך אוים מיסטאמע יעדן ייִדישן יינגל, אז זײַן שטעטל — דאָס איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט, דער סאמע נאָפּל פון דער ערד, און זײַנע ייִדן — דאָס זײַנען די אויסדערוויילטסטע בא גאָט, וואָס צוליב זיי איז באשאפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט, און, פארשטייט זיך, אז אין דער שפּיץ פון די אויסדערוויילטע שטייען וועוויקס קינדער, די ראבינאָוויטשעס, און דער ראָש־ווערישן און דער סאמע שפּיגל, דער סאמע צימעס פון די ראבינאָוויטשעס — דאָס איז געוויס זײַן טאטע, נאָכעם וועוויקס. וואָרעם ווער זיצט אין בעסמעדרעש אויבנאָן אין מיזרעך־וואנט, דער צווייטער פונעם ראָוו, באם באמע אָרנקוידעש? צו וועמען קומט מען צום אלעם ערשטן גוט־יאָנ־

טעוו בעטנ און צו וועמענ קלײַבט מענ זיך צונויפ אלע שאבעס צו נאכט אפ מעלאוועמאלקע און מע טרינקט און מע זינגט און מע טאנצט און מע הוליעט ביזנ ווײַסנ טאָג ארײַנ? ניינ, ניטאָ קיינ שענערס פונ זײַנ מישפאָכע. ניטאָ קיינ רײַכערס פונ זייער שטוב. ניטאָ קיינ גרעסערער פונ זײַנ טאטנ. ניטאָ קיינ פרומערער פונ זײַנ פעטער פיניע. ניטאָ קיינ פריילעכערער פונ זײַנ פעטער ניסל. און קוקנדיק אפ זײַנ הויכנ טאטנ, נאָכעמ וועוויקס, אונטער א שאבעס אָדער א יאָנטעוו, אינ דער שיינער זײַדענער קאפאָטע מיטנ ברייטנ גארטל און מיט דער נאפאָלעאָנקע אפנ קאָפ; אָדער אפ זײַנ נידעריטשקער מאמע, באיע עסטער נאָכעמ וועוויקס, בײַ זי הייבט אופ אירע איידעלע ווײַסע הענט ארופ בא ליכט־בענטשנ איבער די גרויסע, הויכע, געבלאָזענע זילבערנע לײַכטער; אָדער אפ דער הויכער טשעפקער באָבע מינדי. ווי זי רעדט זיך אויס מיט גאָט, ווי מיט א גאנצ נאָענטנ שמעלקע, אָדער אפנ פעטער ניסל דעמ גוואר, ווי ער האקט רוסיש ווי אנ עכטער פאָניע, — האָט זיך שלאָמ נאָכעמ וועוויקס הארצ אלעמאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גאדלעס קעגנ אנדערע קינדער, און ער האָט געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט געהאט דאָס גליק צו געבוירנ ווערנ אינ דער דאָזיקער מישפאָכע, אונטער דער דאָזיקער גילדענער פאָנ, ווו ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווי א פרינצ, און זיכער, ווי אינ א פעסטונג, ווי אינ א קייזערלעכנ פאלאצ.

און אָט האָבנ זיך פלוצעמ די זײַלנ פונ דער פעסטונג געגעבנ א שאָקל, דער פאלאצ האָט גענומענ אײַנבויגנ זיך אפ אומצופאלנ, און דער גאנצער קישעפ פונעמ גליקלעכנ שטעטל איז מיטאמאָל פארשווונדנ געוואָרנ. דער יונגער פרינצ איז געוווירע געוואָרנ, אז ניט דאָ איז דער נאָפל פונ דער ערד, אז ס'איז פאראנ אפ דער וועלט א סאך, א סאך גרעסערע שטעט פונ וואָראָנקע, און אז עס געפינענ זיך אפ דער וועלט א סאך, א סאך רײַכערע יידנ פונ די ראבינאָוויטשעס. און געווירע געוואָרנ איז ער אָט דאָס אלצדינג פונ זײַנ נײַעמ כאווער, פיניעלע שימעלעס, פונ וועלכנ מיר דערציילנ דאָ אינ קורצנ.

אויסער וועוויקס קינדער, די ראבינאָוויטשעס, איז געווענ אינ וואָראָנקע נאָך א ייִד א באלעבאָס, פונ די נעגידימ, מיטנ נאָמענ שימעלע. דאָס איז געווענ א געפאקט יידל מיט א קײַלעכיק בײַכל און מיט א סימפאטיש שמייכלענדיק פאָנעמ, דאָס מויל א ביסל אפ א

זײַט. ער איז געװען נישט אַזאַ גױער, װי אַ פּאַרלעבער: „אַ קערבל איז בײַ אים געװען אַ מאַמזער". װיפֿל ס'איז געװען, האָט מען פֿאַרלעבט, און אַז ס'איז נישט געװען, האָט מען געבאָרגט און געליִען און װײַטער געלעבט אַ גוטן טאָג.

אין שטאָט האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל אַפּיקורעס, װײַל ער האָט געטראָגן אַ „הענגקאָלנער" און אַ ביסל שװין צו אַ קײַלעכיק בערדל, שטאַרק צוגעפּוצט; דערפֿאַר האָט ער אָבער געהאַט אַן אָפֿענע האַנט אױף געבן אַ נדבֿה, און אין מיטן דער װאָך, אַז ס'האָט זיך אים פֿאַרגלוסט, האָט ער פֿאַרופֿן געסט, געמאַכט אַ סודה פֿון דער ברײטער האַנט — כאַי געלעבט!

מער פֿון אַלע האָבינאָװיטשעס האָט ער ליב געהאַט דעם פֿעטער ניסל, געטראָגן, גלײַך װי ער, אַ צעשפּאָלטענע קאַפּאָטע און שטאַרק אונטערגעהאַקטע פּײעס, און ליב געהאַט, װי דער שפּאָלער זײדע, רײדן מיט אַ ייִדן אױף גױיִש: „ע, װי סוקינע דעטי! װאָס באַלעבעטשעט איר דװאָרים בעטײלים? פּאַרא באַגו מאָליטסאַ!" אַ האַנטשריפֿט האָט ער געהאַט אַ זעלטענע — אַ „קאַסױראַבע", דערפֿאַר װײַל ער איז געװען אַ „ליװאַק" (געשריבן מיט דער לינקער האַנט, און אַלע ליװאַקעס שרײַבן אױסגעצײכנט שײן — דאָס איז דאָך ייִדוע). אין דער הײם איז ער אַלעמאָל געװען אַ גאַסט נאָר אױף יאָנטעװ. אַפּגעיאָנטעװעט, איז ער געגעצט אַװעקגעפֿאָרן, מע װײסט נישט װוּהין, און געקומען אױפֿן אַנדערן יאָנטעװ און אָנגעבראַכט אַהײם אַזױ פֿיל מאַטאָנעס, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם און גערעדט פֿון שימעלעס מאַטאָנעס אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם.

אײנמאָל אונטער אַ פּײסעך איז ער געקומען פֿון ערגעץ צו פֿאָרן און אַרױסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ער פֿאָרט אַרױס פֿון װאָראָנקע, װוּהין? אָ, װײַט! זײער װײַט! אַזש קײן אָדעס! „סקאָטינעס, האָט ער געזאָגט, זיצן אָט דאָ, אין אַזאַ העק, טשאָרט װאָס פֿאָבערי! איר זאָלט זײַן אין אָדעס, װאָלט איר געװוּסט, פֿאָ קראַני מיר, װאָס הײסט אַ שטאָט! איר זאָלט אַ קוק טאָן בײַ עפּראָסין אַ קאָנטאָר מיט סלוזשישטשעס, טשאָרט װאָס פֿאָבערי! װיפֿל גאָלד דאָרט װאַלגערט זיך איבער אין אײן טאָג, מעגט איר זיך עס װינטשן פֿאַרמאָגן אַלע מיט מיר אינײנעם!"...

דער אױלעם, פֿאַרשטײט זיך, האָט שימעלען אױסגעהערט מיט

אָפענע מײַלער, זיכ געכידעשט אַפ עפראָסימס קאָנטאָר, אונ אַפנ געלט, וואָס דאָרטנ וואלגערט זיכ איבער א טאָג; נאָר אונטער די אויגנ האָט מענ געמאכט כויזעק סײַ פונ שימעלענ, סײַ פונ עפראָסימס קאָנטאָר. אונ מער פונ אלעמענ האָט כויזעק געמאכט שמועל עליע דער נײַער ראָו: אונ כאזנ, וואָס איז נאָרוואָס אראָפגעקומענ פונ באָרישפאָלי, א יונ־גערמאנ א קלוגער אונ א גרויסער שייגעץ, אנ אזעס־מעכוצעפ פאָנעם. ער האָט געזאָגט: „שפײַט אימ אינ פאָנעם, אָט דעמ שימעלענ! ערשטנס, פאָרט ער גאָרניט ארויס; וועהאשייניס, איז ניט קיינ אָדעס, נאָר א ביסל נעענטער, קיינ רזשישטשעוו, אונ ניט ווײַל די היגע מענטשנ זײַנענ סקאָטינעס, נאָר פאָשעט, ווײַל ער איז א באלבויוו, די האָר זײַנענ ניט זײַנע — כא־כא־כא!".

נאָר וויאזוי די מײַסע איז, צי אָדעס, צי רזשישטשעוו, צי ווײַל די וואָראָנקאָווער מענטשנ זײַנענ סקאָטינעס, צי ער איז א באלכויוו, די האָר זײַנענ ניט זײַנע, — שימעלע האָט ניט געמאכט קיינ לייצאָ־נעס: ער האָט באלד נאָכ פייסעכ גענומענ אויספארקויפנ דאָס באלע־באטישקײַט פאר העלפט געלט, א סאכ זאכנ האָט ער צעגעבנ אומזיסט, אויסגעקליידט די מיידלעכ אזוי ווי די קאלעס, אונ פאר די יינגלעכ באשטעלט בא יִסראָעל דעמ שנײַדער קורצע וויטיקלעכ, ווי עס פאסט פאר אזא גרויסער שטאָט, ווי אָדעס, אונ ביכדיי די שטעטל זאָל נאָכ מער קאָכנ, האָט שימעלע באפוילנ הענינ, זײַנ ווײַב, זי זאָל מאכנ א סודע— מילכיקע וואַרעניקעס, טשאָרט איכ פאָבערי— פאר דער גאנצער שטאָט!

פארשטייט זיכ, אז געקומענ אַפ דער סימכע זײַנענ אלע, די גאנצע שטאָט, אונ דער ערשטער איז געווענ דאפקע שמועל עליע דער נײַער ראָוו אונ כאזנ, וואָס האָט אונטער די אויגנ אזוי כויזעק געמאכט פונ שימעלענ, געמאכט פונ אימ גאָר אויסצודרייענ; דערפאר האָט ער אָבער אינ די אויגנ אימ אזוי געכאנפעט, אז עס האָט פאָשעט גע־שלאָגנ צו דער גאל!

איניינעמ מיט די גרויסע זײַנענ געקומענ צו דער סודע, וואָס שימעלע האָט געמאכט, אויכ קליינוואַרג. נאָר אָנשטאָט דעמ, זיי זאָלנ זיצנ אינ שטוב גלײַכ מיט אלע, זײַנענ זיי בעסער געווענ אינ דרויסנ בא די בוידנ, זענ, ווי מע פאקט זיכ אינ וועג ארײַנ. אונ שאָלעמ נאָ־כעמ וועוויקס האָט זיכ מיט דעמ יִינגסטנ פונ שימעלעס קינדער, מיט פיניעלענ, א יִינגל מיט א פארזאָרגט פענעמל אונ מיט גרויסע באנקע־

וואטע אויגנ, פארקליבנ אינ איינער פֿונ די בוידנ, ארופגעקראָכנ גאַנצ אויבנאָנ, זיכ באזעצט אונ געשמועסט פונ דער ווײַטער נעסיִע, וואָס זיי שטייט פאָר.

פיניעלע שימעלעס איז געווענ אינ יענער צײַט דער סאמע נע־ענטסטער כאווער פונ שאָלעמ נאָכעמ ווערוויקס — אונ אימ האָט שאָלעמ ליב געהאט דערפאר, וואָס ער ווייסט אלצדינג, וואָס אפ דער וועלט טוט זיכ. ווארעמ אכוצ וואָס פיניעלע האָט זיכ אָנגעהערט א סאכ מײַסעס פונ גרויסע שטעט פונ זײַנ טאטנ, שימעלענ, איז ער אליינ אויכ געווענ אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פערעיאסלעוו, איבער א מײַסע מיט אנ ארבעסל.

פיניעלע האָט, שפילנדיק, געפרווט ארײַנלייגנ איינמאָל אנ אר־בעסל אינ איינ אויער אונ ארויסנעמענ דאָס פונעמ אנדערנ אויער. פארשטייט זיכ, אז דאָס ארבעסל האָט זיכ אײַנגעשפארט, ניט געוואָלט ארויס ניט פונ דעמ אויער אונ ניט פונעמ אנדערנ אויער, אונ עס האָט בעסער אָנגעהויבנ וואקסנ בא אימ אינווייניק אונ ארויסגערופנ אזא קאָפווייטיק, אז דער קונדעס האָט געמוזט אויסזאָגנ דעמ גאנצנ עמעס מיטנ ארבעסל. האָט ער פריִער באקומענ א רעכטע פאָרציע שמיצ — „א יינגלעלע זאָל ניט לייגנ קיינ ארבעסלעכ אינ אויערל ארײַנ", אונ דערנאָכ האָט מענ מיט דרעטלעכ אונ מיט שפיזלעכ אונ מיט „סיר־ניקלעכ" געפאָרקעט אימ אזוי לאנג אינ אויער, ביז מע האָט אימ געמוזט אָפפירנ אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ, קיינ פערעיאסלעוו, אפ אנ אָפעראציע.

פונ דער דאָזיקער נעסיִע אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ האָט פיניעלע נאָכדעמ געהאט צו דערציילנ אונ צו דערציילנ גאנצע פעק, אונ ער איז ניט ווילנדיק אויסגעוואקסנ בא זײַנע כאווײרימ אינ די אויגנ מיט א גאנצנ קאָפ העכער. א קלייניקייט — א יינגל איז אליינ געווענ אינ פערעיאסלעוו אונ אליינ געזענ מיט זײַנע אייגענע אויגנ אָנ א שיר הײַזער מיט בלעכ געדעקט, מיט „פעשעכאָדנ" (טראָטוארנ) אפ אלע גאסנ, ווײַסע קלויסטערס מיט גרינע קאָלפאקעס אונ מיט גאָל־דענע צלאָמימ, געמויערטע קלייטנ, קאווענעס אונ דיניעס גאנצע בערג, עפל אונ בארנ אָנ א שיר אונ אָנ א צאָל, וואָס וואלגערנ זיכ אפ דער הוילער ערד, אונ סאָלדאטנ, וואָס „מארשטירנ" אינ די גאסנ, אונ נאָכ קעדוימע אזעלכע כידושימ וועניפלאָעס!

פון דעמלט אָן זײַנען פּיניעלע שימעלעס און שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס געוואָרן כאוועך, נעפּעש אַכאַס, און פּאָר קיינעמ איז שימע־לעס אָפּפאָרן פון וואָראָנקע ניט געווען אַזאַ קלאַפּ, ווי פּאָר שאָלעמען! אַכוץ וואָס ער האָט מעקאַנע געווען פּיניעלען, וואָס יענער פּאָרט און ער ניט, איז אים שווער געווען זיך צעשיידן מיט זײַן כאוועך, וועלכן ער האָט ליב געקראָגן ניט ווינציקער ווי זײַנע פריִער דערמאָנטע כאוויירים.

באַ זייער לעצטן זעעניש, פאַרן געזעגענען זיך, האָט דער גליקלע־כער פּיניעלע שימעלעס, פײַנטשיק אויסגעקליידט און אָנ אויסגע־צוואָגענער, ארײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און גענומען מאַכן כוייזעק פון וואָראָנקע. „וואָס איז וואָראָנקע? א העק, א גרוב, א דאָרף, ערגער פון א דאָרף! און די מענטשן? — קאַפּצאָנים, דאַלפּאָנים, אַניִים וועעווייונים! וואָס אין אָדעס פאַרמאָגט איין עפּראָסי, נאַ־רעלע, פאַרמאָגן דאָס ניט אַלע וואָראָנקעווער יידן שוין מיט די נעגי־דים אינייִנעמ”...

דערנאָך האָט פּיניעלע גענומען צו דערציילן גרויסקײַט פון זיך און פון זייער מישפּאָכע, וויאַזוי זיי וועלן דאָס באַלד געבן א פּאָר ארום מיט די בוידן, אז ס׳וועט אַזש גיין א רויכ! און וויאַזוי זיי וועלן זיך עס א ביסל אָנפּאָרן! און דערנאָך, וואָס עס וועט זיך טאָן, אַז זיי וועלן דאָס געבן א פּאָר אַרײַן קיין אָדעס! אַלע גרויסע לײַט וועלן זיי ארויסקומען אַקעגן מיט א ברייטן שאָלעמ־אַלייכעמ און מיט פרישע קוילעטשן און מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט גוטן ווישניק, און עפּראָסי וועט אויך זײַן דאָרטן...

— ווער איז דאָס דער עפּראָסי? — פרעגט אים שאָלעמ.

— עפּראָסי, ווייסטו ניט? — ענטפערט אים פּיניעלע ווי א גרויסער. — עפּראָסי דאָס איז אונדזערער א קאָרעוו פון דער מאַמעס צאַד, א גוויר, אַן אדיר, א מיליאָנשטשיק! איך האָב דאָך דיר גע־זאָגט שוין, אַז וואָס דער איינ עפּראָסי פאַרמאָגט אין איין קעשענע, נארעלע, פאַרמאָגן דאָס ניט אַלע היגע יידן מיט די נעגידים אינייִנעמ. קאָנסט פאַרשטיין, ווי רײַך ער איז, אז פאָרן פאָרט ער ארוים מיט זעקס פערד „נאַשפּיץ” און איינער א רײַטער פליט אַפּצופריִער. אָנגע־טאָג גייט ער פון קאָפּ ביז די פיס אין זײַד און אין סאַמעט, און

צוויי טולופעס האָט ער: איינער איז אַ יענאָטענער און דער אַנדערער איז פון פיזעם, און עסן עסט ער אינדערוואָכן נאָר קוילעטש און נאָר געבראָטענע קאַטשקעס און פאַרטרינקט מיטן בעסטן ווישניק...

— און וואָס וועט איר דאַרפן טאָן? — פרעגט אים שאָלעם און שלינגט די סלינע פון די געבראָטענע קאַטשקעס מיטן גוטן ווישניק.

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפערט אים פיניעלע אַזוי פּראָסט און ערנסט. — וואָס טוען אַלע ייִדן אין אָדעס? וואָס טוט עפראָסי? עפראָסי האָט אייגענע אַמבאַרעס מיט ווייץ, מײַן טאַטע וועט האָבן אַמבאַרעס מיט ווייץ. עפראָסי האָט אַ קאָנטאָר מיט מענטשן, מײַן טאַטע וועט האָבן אַ קאָנטאָר מיט מענטשן. און געלט — געלט וועט זיך אומדז שיטן אין די קעשענעס פולע זעק! דו שפּילסט זיך מיט אָדעס?..

און פיניעלע האָט גענומען דערציילן די גרויסקײַטן פון עפראָסין און די שיינקײַט פון דער שטאָט אָדעס מיט אירע דרײַעטאַזשנע מויערן. „נאַרעלע, אונדזער „שטאָט איז אַקעגן אָדעס, וויאַזוי זאָל איך דיר זאָגן? — ווי, לעמאָשל, אַ פליג קעגן אַ קלויסטער, אָדער ווי אַ מורעשקע קעגן אַ העלפאַנד!"

איר וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער איז דאָרטן אַלייִן געווען און געזען אַלצדינג מיט זײַנע אייגענע אויגן. זײַן כאַוועד האָט אים גע־קוקט אין מויל אַרײַן און געשלונגען מיט דאָרשט איטלעכס וואָרט און שטאַרק, שטאַרק מעקאַנע געווען! איין זאַך נאָר איז אים געווען אַ ביסל קאַשע, און ער האָט זיך ניט געפוילט עס אַ פרעג טאָן בײַ זײַן כאַוועד פיניעלען: וויבאַלד אָדעס איז יאָ אַזאַ טײַערע שטאָט, און עפראָסי דער מיליאָנשטשיק איז זייערער אַ קאָרעוו, וואָס זשע האָבן זיי געשוויגן ביז אַהער? פאַרוואָס זײַנען זיי פריִער ניט אַרויס־געפאָרן אַהינצוצו?... דערויף האָט פיניעלע אָפּגעענטפערט, גאָר קיין סאַך ניט געטראַכט:

— נאַרעלע! אַ קאָרעוו, מיינסטו, טאַקע אַ נאָענטער קאָרעוו — אַ פעטער? צי אַ געשוועסטערקינד? צי אַ מעכוטן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! אַ ווײַטער קאָרעוו! אַפילע ניט קיין שיינע־שעבעשלישי. זיי זײַנען נאָר ביידע, דאָס הייסט עפראָסי און מײַן טאַטע, פון איין שטאָט, פון מעזשירעטשקע. מײַן מאַמעס מאַמע איז פון מעזשירעטשקע און עפראָסים טאַטע, זאָגט מען, איז אויך געווען אַ מעזשירעטשקער...

מע קאָן ניט זאָגן, אז פּיניעלעס ענטפער זאָל זײַן א טערעץ מאספּיק אפ דער פראגע, וואָס שאָלעמ האָט אימ אוועקגעשטעלט. נאָר די צײַט איז זיך געגאנגען, און די צוויי כאווײרימ האָבן זיך אזוי פארעדט וועגן אָדעס און עפראָסים יָכעס פון מעזשירעטשקע און וועגן נאָך זאכן, אז זיי האָבן זיך גאָר ניט אומגעקוקט, ווי דער פרימאָרגן איז אוועק. דער אוילעמ האָט שוין דערווײַל לאנג אָפּגע־געסן די וואַרעניקעס, געוועזן עפּעס מאָדנע אויפגערוימט, רויטלעך און פארשוויצט, און מע איז שוין געשטאנען באַ די בוידן און גענומען געזעגענען זיך זייער פרײַנטלעך מיט שימעלען און מיט זײַן מישפּאָכע, קושן זיך און ווינטשעווען אלדעס גוטס. מער פון אלעמען האָט זיך געקושט שמועל עליע דער ראָוו און כאזן, געהאלטן עפּעס מאָדנע די אויבערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט וועלן לאכן, און צוגעווינטשעוועט די אָפּפאָרנדיקע, ס׳זאָל זײַן אינ א מאזלדיקער שאָ, און געבעטן שימע־לען, ער זאָל זײַן אזוי גוט און לאָזן גערישן גאנץ אָדעס, און עפראָ־סין — „לעמאנאשעמ ניט פארגעסן עפראָסין לאָזן גערישן נאָך פרײַנטלעך!״

— פראָשטשאוואיטע, — האָט זיך שימעלע פריילעך אָפּגעזעגנט צומ לעצטן מאָל שוין פון בויד ארויס מיטן גאנצן שטעטל. — פראָ־שטשאוואיטע! נע פּאָמינאיטע ליכאָמ! און לאָז אײַך גאָט העלפן, איר זאָלט זיך ארויסקאראטשקען פון דער דאָזיקער בלאָטע בימהיירא בעיאָמיינו. הײַדא!

— הײַדא! האָט אימ נאָכגעזאָגט אויך פּיניעלע, א שטייענדיקער אינ בויד, האלטנדיק ביידע הענט אינ די קעשענעס, ווי א גרויסער, און קוקנדיק אפ זײַן כאווער שאָלעמ מיט ליבשאפט און מיט גאד־לעס, — און די בוידן האָבן זיך גערירט.

און אז די בוידן זײַנען אוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א רייעך פון פערד און א גאנצע וואנט פון שטויב, האָט זיך שמועל עליע געכאפּט מיט ביידע הענט באַ די זײַטן און האָט אזוי געלאכט, זיך אזוי געקאטשעט, גלײַך ווי צען טויזנט שיידימ וואָלטן אימ געקיצלט באַ די פּיאטעס: „כא־כא! קיינ אָדעס פאָרט ער! צו עפראָסין, כא־כא־כא!!!״...

אינ דער מינוט האָט זיך דער פאלשער שמועל עליע געקויפט א

סוינע, א דאמ סוינע! דאָס איז געווען שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס: אימ איז ניט געווען צום לאכנ, אדעראבע, אימ האָט זיך געוואָלט וויינענ, ערשטנס, פארלוירנ א כאווער — פיניעלען. צווייטנס, די קינע: יענער פאָרט אוועק. אונ ווהינ? אזוי וויט! אזש קיינ אַדעס! אונ וועאל־קולאָמ — אונ דאָס איז דער איקער, — וואָס דאָס אמאָליקע שיינע כיינעוודיקע שטעטל וואָראָנקע איז עפּעס ווי קלענער געוואָרנ, קלענער אונ נידעריקער אונ טונקעלער, אונ עס האָט מיטאמאָל אָנגעוואָרנ דעמ גאנצנ כיינ, מיטנ גאנצנ גלאנצ אונ מיטנ גאנצנ קישעפ. אונ עס האָט אימ פארקלעמט בא דער נעשאָמע אונ ער איז, א באטריבטער, א פארביטערטער, מיט א צעווייטיקט הארצ, אוועק אינ כיידער ארינ...

נ. ב. אינ א צייט ארומ, עס זיינענ אוועק יאָרנ אונ יאָרנ, האָט זיך ארויסבאוויזנ, אז שמועל עליע דער כאזנ האָט ניט אומזיסט אזוי געלאכט: שימעלע איז אריבערגעפאָרנ מיט זיינ געזינדל ניט קיינ אָדעס, נאָר קיינ רזשישטשעוו, א קליינ שטעטל אינ קיעווער גובערניע, גאָרניט אזוי שטארק וויט פונ וואָראָנקע. צו וואָס האָט אימ געטויגט דער אָנשטעל פונ אָדעס אונ פונ עפּראָסינ — דארפ מענ פרעגנ בא זיינע קינדער, וואָרעמ שימעלע איז שוינ לאנג אפ דער וועלט ניטאָ.

*

18. משנה מקום—משנה מזל*

עס האלט בא פארלאָזנ קאסרילעווקע. — הערשל מיט דער סינ טומ אָנ דעמ שוטעפ א ספאָדיק. — דער באָבע מינדיס טאכריכימ.

פונוואנענ דאָס האָט זיך גענומענ — קאָנ דער פארפאסער פונ די דאָזיקע באשרייבונגענ ניט זאָגנ. נאָר שימעלע האָט געמאכט דעמ ערשטנ פעטשאטעק. טייקעפ נאָכ זיינ ארויספאָרנ האָבנ די איבעריקע וואָראָנקעווער באלעבאטימ אויכ גענומענ שמועסנ פונ „משנה מקומ — משנה מזל” אונ פונ איבערפעקלענ זיך אינ אנדערע גרעסערע שטעט: ווער קיינ באָרישפאָלי, ווער קיינ רזשישטשעוו, ווער קיינ וואסילקאָוו אונ ווער נאָכ וויטער.

---

* „מעשאנע מאָקעמ—מעשאנע מאזל”: א ניי אָרט — א ניי מאזל (בוכ־שטעבלעכ: „אז מע בייט דאָס אָרט, בייט מענ דאָס מאזל”). — ר ע ד.

אויך אַף נאָכעם וועווייקס האָבן זײַנע קינדער געהערט דערציילן: בעסאַד־סוידעס, אַז ער קלײַבט זיך אַריבער אינגיכן צוריק קיין פּערעיאַסלעוו, אין דער גרויסער שטאָט, פונוואַנען ער איז אַמאָל אַריבערגעפאָרן אַהער, קיין וואָראָנקע, ביים די קינדער זײַנען נאָך געווען גאָר קליינינקע, און אויסגעלאָזט האָט מען דעם סאָד מיט די ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל...

בײַ די קינדער האָט דאָס פּערעיאַסלעוו אויסגעזען מוירעדיק גרויס און פול מיט כיין און פול מיטן סאָד. „פּערעיאַסלעוו איז אַ מאָקעם־פּאַרנאָסע, — אַזוי האָבן צווישן זיך געשמועסט די גרויסע, און קליינוואַרג האָבן זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסן, נאָך ווינציק פאַרשטאַנען, נאָר געפילט האָבן זיי, אַז דאָס פּערעיאַסלעוו איז עפּעס אַ גוטע זאַך, האָבן זיי געקליבן טײַנעג און צו גלײַכער צײַט האָט זיי באַנג געטאָן זיך שיידן מיטן קליינעם שטעטעלע, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע בעסטע קינדערשע יאָרן, די סאַמע גאָלדענע צײַט פון זייער יוגנט.

„וואָס וועט זײַן, — האָט זיך דער קליינער שאָלעם געטראַכט, — מיט דעם וואָראָנקאָווער אַלטן בעסמעדרעש, אַז אַלע ייִדן וועלן זיך צעפּאָרן? ווער וועט זיצן אַף זייערע ערטער אין מיזרעך־זײַט? און דער באָרג, וואָס אַף יענער זײַט בעסמעדרעש, וואָס וועט זײַן מיט אים? און מיט די ייִדישע קלייטן? און מיטן אויצער?... ניט שווינזשע וועט פאַרלירן גיין אַזאַ גוטס, וואָס ליגט אָנגעגרייט פון ייִדנס וועגן טיף אין דער ערד אַזוי פיל יאָרן? ניט שווינ־זשע וועט דאָס אַלצדינג אונטערגיין!”...

וויפל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו ריידן אין שטוב פון „אַזעלכע זאַכן”, האָבן זיי דאָך געכאַפּט ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל”... „פּאַרנאָסע איז געשלאָגן”... פאַרוואָס אַז מע איז מעשאַנע דעם מאָקעם, איז מען מעשאַנע דעם מאַזל? און וואָס איז, אייגנטלעך, אַזעלכעס „פּאַרנאָסע” און וויאַזוי „שלאָגט” מען זי? — דאָס האָבן קליינוואַרג נאָך ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר לויט דער מינע, וואָס די גרעסערע האָבן בעשאַס־מײַסע געמאַכט, האָבן די קלענערע זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס טוט זיך, עפּעס קומט פאָר...

שטענדיק אַ שטילער, אַ רויִקער, אַ באַל־מאָרעשכוירע, איז נאָכעם וועוויקס געוואָרן נאָך מער שטיל און נאָך מער מאָרעשכוירעדיק. טאָמער אַן אײַנגעבויגענער, איז ער געוואָרן נאָך מער אײַנגעבויגן. אַפן הויכן ווײַסן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל קנייטשן, ווי פריִער. אינצווייען פלעגט ער זיך פאַרשליסן מיטן יִינגערן ברודער, מיטן פעטער ניסל, רייכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּעס נאָר געסוידעט זיך און נאָר געשטיקט זיך... מע האָט דעם לעצטן ווינטער אופגעהערט באַ די ראַבינאָוויטשעס פּראַווען מעלאַוועמאַלקעס פאַר דער גאַנצער שטאָט. דעם לעצטן סימכאַס־טוירע און שמיני־אַצערעס האָט מען אַפילע נאָך געהוליעט, דער פּעטער ניסל האָט אַפילע זיך נאָך געביטן מיטן סטאַנאָוואָי מיט די היטלען און קלוימערשט געטאַנצט מיט אים אַפן דאַך אויך, — נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצן, וואָס פריִער, אַפילע די מומע האָדל איז געוואָרן געלאַסן, פאַרלוירן אַ סאַך פון איר גיפט... עפּעס איז די גאַנצע מישפּאָכע געווען ווי צעשרויפן, נאָר איין באָבע מינדי האָט זיך נאָך געהאַלטן שטאָלץ, ווי אַ דעמב. די אייגענע ריינקייט און טשעפּקעקייט, וואָס פריִער. די אייגענע ציכטיקייט און זויבערקייט, וואָס אַלעמאָל. נאָר די שאַבעס־אויבסטן זײַנען געווען, דאַכט זיך, שוין ניט די, וואָס טאָמער. די עפּעלעך אַ ביסל צוגעפרוירן און צוגעלעגערט און אַ ביסעלע ווי אונטערגעפוילט, די ניסלעך פײַפּעדיק, און אין די פײַגן האָבן זיך פאַרפּלאָדעט ווערעם... געדאַוונט און געבענטשט האָט די באָבע מינדי, ווי פריִער, געשמאַק און הויך אַפּ אַ קאָל, ווי אַ מאַנצבל, פון איר גרויסן ציבטיקן קאָרבּן־מינכע אַרויס, און אויסגעשמועסט זיך מיטן ריבוינעשעל־ווילעם. נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס דאַווענען און ניט דאָס אויסשמועסן זיך מיט גאָט. עפּעס האָט זיך געטאָן אין דער מישפּאָכע, עפּעס איז פאַרגעקומען באַ די ראַבינאָוויטשעס אַ מין סאָד.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצן ווינטער, ביז עס האָט פּלוצעם אויסגעזעצט דער בלאָטער, דער עמעס איז אַרויס ווי אַ בוימל אַפן וואַסער, און די גאַנצע שטאָט איז געוווירע געוואָרן פונעם סאָד, אַז נאָכעם וועוויקס שוטעף פון דער פּאַסעסיע, אַ ייִד אַן אָנגעפּעלצטער מיט אַ רויטער נאָז (הערשל האָט ער געהייסן, נאָר ווײַל ער האָט ניט

געזעגנט ארויסריידנדיק קיין שין, נאָר א סין, האָט מען אים א נאָמען געגעבן „הערשל מיט דער סין״), האָט זיין שוטעפ נאָכעמען בעדיל־אדאל געשטעלט, פּאַשעט באַגאַנווענט, און כוצלאָזע האָט ער אים נאָך שטילערהייט אויסגערעדנט פון דער פּאַסעסיע! איז געוואָרן א ווייצאקו אין שטאָט: „סטאַטש, רעב נאָכעם, וואָס שווייגט איר אים? פארוואָס נעמט איר אים ניט צום ראָוו, צו מענטשן?״ נאָר אז ס׳איז געקומען צום ראָוו און צו מענטשן, האָט דער דאָזיקער הערשל מיט דער סין זיך אויסגעלאַכט און ארויסגערעדט זיך עפּעס מוירעדיק גראָב און דאַפקע מיט דער סין, ווי זיין שטייגער איז), אז ס׳איז גאָר א ביזויען דאָס פארן מויל צו ברענגען...

— א יונגאַטש קאָן! — האָט דער פעטער ניסל געטייַנעט, געמאַכט מיט די הענט און געריכבערט מוירעדיק גראָבע פּאַפּיראָסן, און ער האָט זיך געשוואָרן, אז זיין נאָמען וועט ניט הייסן ניסל, אויב ער וועט אָט דעם שייגעץ, דעם הולטיי, דעם גראָבן יונג מיט דער סין ניט אריינפאַקן אין אַסטראָג אריין, ווינציקסטן אַפּ פינפ און צוואַנציק יאָר!

— וואָסער פּאַקן? וואָסער אַסטראָג? וואָסערע פינפ און צוואַנציק יאָר? — אזוי האָט אים דער עלטערער ברודער, נאָכעם, אָפּגעקילט מיט א ביטערן שמייכל און אויך פאַרריכבערט א גראָבן פּאַפּיראָס — מע האָט מיר אָנגעטאָן א ספּאָדעק, און מע מוז איצטער פאָרן צוריק קיין פּערעיאַסלעוו. משנה מקום — משנה מזל...

דאָס זיינען געווען קלאָרע דיבורים, וואָס כעוורע האָבן פארשטאַנען, כאָטש איין זאַך איז זיי נאָך געווען א ביסל ניט אזוי פארשטענדלעך: פון וואָסער א „ספּאָדעק״ האָט זיך דאָ גערעדט? צוגיין צום טאַטן און פרעגן — דערופ האָט קיינער ניט געוואַגט. צופיל דערעבערעץ האָט מען געהאַט פאַר א טאַטן, מע זאָל צוגיין צו אים פרעגן: „טאַטע, וואָס פאַר א ספּאָדעק האָט מען דיר אָנגעטאָן?״ די קינדער האָבן נאָר געזען, אז דער טאַטע צאַנקט, גייט איינגעבויגן. יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רייסט אויס א שטיק הארץ.

— איר וועט דאָ בלייבן איבערן זומער לערנען — אזוי האָט אונדז אָנגעזאָגט אין מיטן זמאַן אייך אָפּצורייסן, און אימירצאשעם אַפּ סוקעס וועט מען שיקן נאָך אייך א פור, וועט איר קומען צו פאָרן.

אזוי האָט נאָכעם וועוויקס געגעבן צו וויסן די קינדער איינמאָל

אין א זומערדיקן טאָג, און צו זייער שטוב זײַנען צוגעפֿאָרן צוויי
בוידן, פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט צו שימעלען, און מע האָט זיך גענו־
מען פּאַקן אין וועג און געזעגענען זיך מיט דער שטאָט. ס'איז אָבער
געווען ניט האָט פּאַקן זיך און ניט דאָס געזעגענען זיך און ניט די
פֿריילעכע וואַרעניקעס, וואָס בײַ שימעלען. עפּעס האָט זיך אַ באַזונדער
טרויער אויסגעגאָסן אויף אַלעמען און אַ מאַרעשכווירע איז געלעגן
אויף אַלע פּנימער. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפֿילט די ראַבינאָווי־
טשעס. זאָל זיי גאָט העלפֿן; משנה מקום — משנה מזל; נעבעך אַ
ראַכמאָנעס!" — אַזוי האָט מען געשמועסט הינטער די אויגן, און די
קינדער האָבן נאָך ווינציק וואָס פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס און אויף וועמען
איז עס אַזאַ ראַכמאָנעס... אויב שוין יאָ אַ ראַכמאָנעס, איז עס געווען
אויף דער באָבע מינדי, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן באַדאַרפֿט
זיך נויפֿליִען איר קאַסטן, זיך פּאַקן אין וועג אַרײַן. יונגוואַרג האָבן
דערוויל געהאַט אַ געלעגנהייט כאַפּן אַ קוק, וואָס בײַ דער באָבען
אין קאַסטן טוט זיך: אויסער די זײַדענע אויסגעפּרעסטע טיכלעך,
וואָס זײַנען געלעגן אויסגעלייגט צווישן די בלעטער פֿון קאָרבנמינ־
כע, אויסער די יאָנטעוודיקע זײַדענע מאַלבושים און סאַמעטענע
רעזעוולקעס, עפּעס מאָדנע געניית, מיט קורצינקע אַרבעלעך אין פֿיי־
נע עקלעך — אויסער דעם גוטס און האָב, איז דאָרט געלעגן ווײַט־
ווײַט אין אַ ווינקעלע זייער אַ סאַך ווײַסשטאָף. דאָס איז געווען דער
אַלטערס טאַכריכים, וואָס זײַנען געלעגן בײַ איר צוגעגרייט פֿון ווייס
איך ווען אָן אויף איבער הונדערט יאָר, טאָמער וועט זי שטאַרבן, זאָל
זי ניט דאַרפֿן אָנקומען צו אַ קינד... דאָס האָבן געוווּסט אַלע; פֿונ־
דעסטוועגן האָבן כעוורע געהאַט אַ האַרצ אַ פֿרעג צו טאָן בײַ דער
באָבען: „צו וואָס באַדאַרף זי האָבן אַזוי פֿיל ווײַסע מאַטעריע?"...
דער פֿרעגער איז געווען ניט קיין אַנדערער, נאָר דער קלענסטער פֿון
אַלע אין ווּקס און דער גרעסטער פֿון אַלע אין שקאָצערײַ, דער שרײַ־
בער פֿון די דאָזיקע זיכרוינעס. ער האָט דערפֿאַר באַקומען פֿון דער
באָבען אַ שיינ ביסל מוסער, און זי האָט אים נאָך צוגעזאָגט צושטעלן
אַ בענקעלע פֿאַרן טאַטן. זי קלײַבט זיך שוין פֿון לאַנג, האָט זי גע־
זאָגט, אַז דעם קליינעם „לעצ". זי ווייסט, זאָגט זי, גאַנצ גוט, אַז
ער מאַכט איר נאָך הינטער די פּלייצעס, וויאַזוי זי דאַוונט און ווי־
אַזוי זי בענטשט (און דאָס איז דאַפֿקע געווען אַן עמעס). זי וועט

דאָס שוין אַלצדינג דערציילן, אַלצדינג! זי וועט זיך שוין קילן דאָס האַרץ!... צום סאָף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ווער־וואָס? די באָבע האָט אַפילע ניט אָנגעהויבן צו דערציילן. אַדעראַבע, פאַרן אוועקפאָרן, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי זיך צעקושט מיט יעדן קינד באַזונדער, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך קושן, און געוויינט, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן וויינען. און שפּעטער, אַז מע האָט שוין באַדאַרפט טאַקע זעצן זיך פאָרן, האָט זי צום לעצטן מאָל זיך אָפּגערופן צו די קינדער:

— זײַט זשע געזונט, קינדערלעך! גאָט זאָל העלפן, איר זאָלט דערלעבן אַלע צו גיין נאָך מײַן לעווייע...

אזא מין ווינטשעוואַניע!

19. דער אוילעם צעקריכט זיך

שמואל־עליע שפּילט אין שאָך. — דער אוילעם קומט זיך געזעגענען. — ווײַבער מיט פּאַרווייניטע אויגן פּיסקלען זיך. — מע דאַרף זײַן פון אײַזן, מע זאָל ניט לאַכן.

דער טאָג פון נאָכעם וועוויקס אוועקפאָרן איז געווען פאַר דער שטאָט אַ טישעבאָוו און פאַר די קינדער — סימכאַס־טוירע: אַ קלייניקײַט אַזאַ יאָנטעוו! ערשטנס, לערנט מען ניט. ווער וועט דאָס גיין אין אַזאַ טאָג אין כיידער אַרײַן? און צווייטנס, איז גלאַט לעבעדיק — מע קלײַבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלעזער, גאָפּל־מעסער, עס קומען בוידן, און עסן עסט מען ווי ערעוו פּייסעך, בעכיפּאָזנדיק! הײַנט די פּאָר גראָשנס, וואָס מע וועט באַקומען „אַטיזנע" (אָפּפאָר־געלט)? דערווײַל זעט מען עס נאָך ניט. דערווײַל קומען נאָך באַלעבאַטים זיך געזעגענען. דאָס הייסט, זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגן „זײַט געזונט", ווילן זיי זאָגן „פאָרט געזונט" און אָנווינטשן דערבײַ אַן אַ שיר גוטע זאכן, ווי געזונט און האַצלאָכע און מאַזל און אַלדאָס גוטס.

פריִער פון אַלע איז געקומען שמואל עליע דער ראָוו און כאַזן. שמואל עליע איז אַן אָפּטער אײַנגייער צו די ראַבינאָוויטשעס. ער קומט אַלע טאָג. ווי אַן ערלעכער ייִד לאָזט ניט דורך דאַוונען, אַזוי

לאָזט ער ניט דורכ קיינ שאָכ שפילנ מיט רעב נאָכעמענ. שפילנ א שאָכ איז בא אימ א פארגעניגנ. געווינענ בא רעב נאָכעמענ א שאָכ איז בא אימ א גליק. א מאָדנע טעווע. בא דעמ שמועל עליענ: פאר־שפילט ער — שרייט ער, געווינט ער — שרייט ער. נאָר געווינענ געווינט ער זעלטנ. מערסטנטייל פארשפילט ער. אונ אז ער פארשפילט, שרייט ער, אז ער האָט געהאט א טאָעס, אז ער איז געגאנגענ ניט מיט דעמ ציגל, וואָס ער האָט געוואָלט, אונ אז ער זאָל געווענ גיינ אנדערש, וואָלט דער אנדערער פארשפילט!...

בא אזא שפיל, אז ס'איז געזעסנ דער פעטער ניסל, האָט ער ניט געקאָנט ליידנ. האָט ער געפרעגט שמועל עליענ: „וואָס שרייט איר?“ דער טאטע נאָכעמ איז אָבער ניט געווענ אזא מענטש. ער האָט רויק אויסגעהערט שמועל עליענ, ווי ער קאָכט זיכ, פאוואָלינקע געשמייכלט זיכ אינ באָרד אריינ אונ געשפילט ווייטער. די מאמע כאיע עס־טער איז געווענ אויסער זיכ: „אינ אזא צייט, א שאָ פארנ אוועקפאָר, זעצט מענ זיכ אוועק שפילנ אינ שאָכ?“.

— דאָס לעצטע מאָל, כאיע-עסטער, געזונט זאָלט איר זיינ! איר פאָרט אוועק, דער אוילעמ צעקריכט זיכ, קיינער בלייבט ניט, מיט וועמענ וועל איכ שפילנ אינ שאָכ!

אזוי בעט זיכ שמועל-עליע דער כאזנ אונ פארשארט דאָס היטל ארופ, נעמט זיכ צו דער ארבעט אונ הייבט שוינ אָנ צו קאָכנ זיכ אינ צו שרייענ, אז ניט אזוי איז ער געגאנגענ, ווי ער האָט געוואָלט, אונ נאָכעמ שמייכלט אונ לאָזט אימ גיינ אנדערש.

דאָס שפילנ גייט אָבער בא זיי ניט ווי אלעמאָל. עס קומענ אלע מינוט צו גיינ נייע מענטשנ זיכ געזעגענענ. מע קאָנ ניט זיינ אזוי גראָב אונ מע מוז איבעררייסנ אינ מיטנ שפילנ, אז עס קומט צו גיינ אזא ייִד א שאָכנ, ווי רעב אייזיק. ער מעג טאקע האָבנ א ציגנ בערדל אונ דאוונענ אפ א דינ קעלכל, איז ער אָבער א ליבאוויטשער כאָסיד אונ זייער אנ ערלעכער ייִד. צי, אשטייגער, באלד נאָכ אימ איז גע־קומענ דאָנ. דאָנ איז א יונגערמאנ מיט ווייסע האָר, דאָס הייסט געל, נאָר געל ווי פלאקס. ער איז בעטעווע א שווייגער, רעדט ניט מיט קיינעמ. נאָר איצט, אז רעב נאָכעמ פאָרט ארויס פונ וואָראָנקע, האָט זיכ דאָנ צערעדט. ער וואָלט אפילע געווענ, זאָגט ער, א באלנ אויכ ארויס־פאָרנ, ער זאָל האָבנ וואָהינ. כאפט דאָס דער רועכ! ער וואָלט א באלנ

געווענ פארקויפנ זײַנ געשעפט, ער זאָל האָבנ וועמענ. כאַפּט דאָס דער רועכ!.. שמועל עליע קוקט אפ אימ, ווי א גאזלענ, אונ דאָנ הערט ניט אופ צו שיטנ מיט ווערטער. א מענטש האָט זיכ צערעדט! אנ־שוויגנ ווערט ער ערשט דעמאָלט, ווענ עס קומענ צו גײנ אנהערע זיכ געזעגענענ. אונ קומענ קומט די גאנצע שטאָט, איינס נאָכס אנדערע. פריִער ייִדנ, דערנאָכ ווײַבער. אלע אראָפּגעלאָזט די נעז, אלע פאר־זאָרגט. אנדערע פארוויינט. איינ ייִדענע האָט געבראכט צו טראָגנ די קינדער מאַנפאסיע־קאָנפעקטנ. א ייִדענע א צידקאָניס!..

שטארק פארוויינט זײַנענ די צוויי ווײַבער, וואָס האָבנ כאַסענע געהאט בא די ראבינאָוויטשעס אינ שטוב. דאָס זײַנענ „פרומע די מויד" מיטנ בלינדנ אויגל אונ „פּייגעלע אשמעדײַ". די צוויי האָבנ אזוי שטארק געווישט די אויגנ אונ געשנײַצט די נעז אונ געמאכט אזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אז ישאָלעמ, דער קליינער „לעצ", האָט זיכ ניט געקאָנט אײַנהאלטנ אונ האָט זיי בייִדנ טאקע דאָ אפנ אָרט, הינ־טער זייערע פּלייצעס, קונציק נאָכגעמאכט מיט די זעלבע פּיסקעס אונ מיטנ זעלבנ שנײַצנ די נאָז, אונ בעוורע קליינווארג האָבנ אלעמאָל אויסגעשאָסנ א הילכיקנ געלעכטער. האָט זיכ אָנגעהויבנ א כאסענע: „וואָס איז דער געלענדער?" די מאמע כאיע עסטער, א ייִדענע ביכלאָל א בייזע, אונ דערצו נאָכ פארצאָרנט אונ פארטאראראמט פונעמ אוועקפאָרנ, האָט אוועקגעוואָרפנ אלע ארבעט אונ אויסגעלאָזט איר צעוויייטיקט הארצ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגיינ דעמ סייכל: „וואָס איז דער געלענדער? אונ וואָס איז די גדולע?"... איז פרומע די מויד איר געקומענ צו הילפ אונ געזאָגט, אז זי וועט גיינ שווערנ בא א „רייניקײַט", אז דאָס שטאמט פונ אָט דעמ קליינעמ וועוריק, דעמ סאמאָוואָלעצ, דעמ זווילעוועסייוועניק, דעמ איוואנ פאפערילע, דעמ ייִמאכשמויניק, דעמ אויסוווּרפלינג, דעמ קאָלבויניק... דאָס האָט זי געמיינט ניט קיינעמ, נאָר דעמ מעכאבער פונ דעמ דאָ־זיקנ בוכ, וואָס איז געשטאנענ ביימ מײַסע א נעבעכל, גאָט די נע־שאָמע שולדיק. עס קאָנ זײַנ, אז ער וואָלט געכאפּט א רעכטע „אָטיז־נע" פונ דער מאמענ, ווענ עס מישט זיכ ניט אריינ די אלטע באָ־בע מינדי אונ לייזט אימ ניט אויס פונ מעזומענע פּעטש. דערזענ, אז מיט איר אייניקל האלט עס שמאָל, האָט זיכ די באָבע מינדי אָנגע־רופנ צומ גאנצנ אוילעמ:

— קינדערלעכ! באַ אונדז איז אַ מינהג פונ קאַדמוינימ, אז איידער מע געזעגנט זיכ פארנ אוועקפאָרנ, באַדאַרפ מענ זיכ צוזעצנ כאָטש אפ איינ מינוט...

די באָבע מינדי האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ דער פאַריאָסעמטער קאַנאַפע, וואָס צומ איבערפירנ איז זי געווענ צו אלט און פאַרקויפנ זי איז ניט געווענ ווערטנ, און דער גאַנצער אוילעמ האָט זיכ אוועקגעזעצט נאָכ איר, און ס'איז געוואָרנ אַ ווײַלע שטיל, כאָטש אַ פליג דורכצופליִענ. דערנאָכ איז געקומענ דער לעצטער אקט, דער סאַמע שווערסטער — דאָס געזעגענענ זיכ און דאָס קושנ זיכ. און דאַנקענ גאָט — מע איז דאָס אויכ איבערגעקומענ. די בוידנ זײַנענ גרייט, נאָכאַמאָל „זײַט געזונט!“ און נאָכאַמאָל „פאָרט געזונט!“ און ווידעראַמאָל אַ ווישעניש פונ אויגנ און שנײַצנ פונ נעז, און פיסקעס, פיסקעס! גוואַלד, ריבוינעשעלוילעמ! קיי האַלט זיכ אײַנ און מאַכ ניט נאָכ די ווײַבער, ווי זיי קרימענ זיכ, ציטערנ מיט די גיידערס און מאַכנ פיסקעס!.. זיי לאָזנ אפילע ניט געזעגענענ זיכ, ווי עס געהער צו זײַנ.

עס ווערט מיטאַמאָל שטאַרק אומעטיק אפנ האַרצנ. אַ ראַכמאָנעס אפנ טאַטנ, אַ ראַכמאָנעס אפ דער מאַמענ, אַ ראַכמאָנעס אפ דער באָבע מינדי. אָט טראָגט מענ איר אלטנ מיט אײַזנ געקאָוועטנ קאַסטנ; דאָרטנ ליגנ אירע טאַכריכימ... עס טוט אַ צופ, אַ נעמ אָנ באַ דער נעשאָמע. עס גלוסט זיכ אַ וויינ טאָנ. און ביפראַט, אז מע זעט, אז אַזאַ מענטש, ווי דער פעטער ניסל,ווישט אויכ די אויגנ, אז קיינער זעט ניט... דער פעטער ניסל זאָל וויינענ? ווי קומט עס?... דער טאַטע רופט צו די כעוורע איינציקוויַז, נעמט אַרויס פונ בײַטעלע צו זילבערנע מאַטבייעס, די מאַמע אויכ. און די באָבע מינדי האָט נאָכ פונ פריִער אָנגעגרייט איטלעכנ באַזונדער אײַנ אַ פאַפירל קליינגעלט — אַכאַס-לעאַכאַס* וועט דאָס זײַנ אַ רעכטע מאַטבייע! גאָט זאָל העלפנ, די בוידנ זאָלנ שוינ רירנ. אָט האָבנ זיי גערירט... די רעדער קײַקלענ זיכ. דער אוילעמ האָט זיכ געגעבנ מיטאַמאָל אַ שטופ: „פאָרט געזונט! זײַט מאַצליעכ!“ פונ דער בויד אַרויס קוקט זיכ אומ די באָבע מינדי, גלײַכ ווי זי וואָלט וועלנ נאָכאַמאָל, צומ לעצטנ מאָל, געבנ

---

*) אויפנ צו אויגנ. — ר ע ד.

א קוק אפ דעם אָרט, וואָס זי האָט פארלאָזט אפ שטענדיק, אפ אייביק... עס נעמט זיך ווידער אָן אן אומעט און דאָס געפיל פון ראכמאָנעס כאַפּט זיך אוף נאָכאמאָל בא זיי אפ א ווײַלע און ווערט פארלאָשן — עס ווילט זיך איבערצייל דאָס ביסל מינצ...

פונעם גאנצן טאראראם מיטן גאנצן הארמידער האָט זיך סאָפּקאָלסאָפּ אויסגעלאָזט א שטיל־שווײַגעניש. די בוידן זײַנען אוועק, איבערגעלאָזט נאָך זיך א גוידיכטן שטויב, א רייעך פון סמאָלע און א מאָדנע פוסטקײַט. דער אוילעם האָט גענומען ביסלעכווײַז, איינציקווײַז, ווי פארשעמט, זיך צעגיין, דער אהער, דער אהין, עפּעס גלײַך ווי אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסל — יענער איז גאָר אנטרונענ געוואָרן. געבליבן שפּעטער פון אלע איז שמועל עליע דער כאזן. ער איז נאָך לאנג, לאנג געשטאנען און נאָכגעקוקט די אָפּגעפאָרענע, פארשטעלט מיט דער האנט די אויגן פון דער זון, וואָס האָט בעמעס גאָרניט אזוי שטארק געבראָטן און גאָרניט אזוי שטארק געשײַנט. דערנאָך האָט ער מיט א ביטער שמייכעלע א זאָג געגעבן צו זיך אליין: „דער אוילעם צעקריכט זיך, אזוי ווי ווערעם”...

און ער האָט אויסגעשפּיגן.

20. גערגעלע גאנעוו

מוישע דער שויכעט — א צאדיק. — גערגעלע — א באָכער מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ. — די קונסט פון גאנווענען עפּל. — געפאקט בא דער פּושקע טאבעק. — דעם רעבנס טויט.

דאָס דארף מען פארשטיין, אז איבערגעלאָזט האָט מען קליינוואָרג אינ שטעטל עפּעס ניט גלאט אזוי אפ הפקער. דער פאָטער האָט פאר זיי געזוכט א מעלאמעד מיט א מאָדריך, אן אפּעטראָפּעס, איניינעם, דאָס הייסט: די קינדער זאָלן בא אים אי לערנען, אי עסן קעסט, און דער רעבע זאָל אפ זיי האשגאָכע געבן. און עס איז אים אָפּגעראָטן ארום און ארום. דער רעבע מיטן אפּעטראָפּעס, מיטן באלמאשגיעך, וואָס ער האָט געפונען פאר זײַנע קינדער, איז געווען אן אויסגעשפּילטער, א געראָטענער, טאקע דעם אלטן וואָראָנקעווער שויכעטס א זון, מוישע דער שויכעט.

דאָס איז געווען אַ זײַדענער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, אַ מופלגע בע־טוירע און אַ שיינער באַל־טאַנאַכ, און גלאַט אַ דימענט פון אַ מענטשן. דער כיסאָרן איז אָבער געווען, וואָס אַט דער רעבע איז געווען ניט קיין געזונטער און בעטעווע שוין צו אַ גוטער, צו אַ ווייכער, געגאַנגען מיט זײַנע טאַלמידים אָפּ אַ נײַעם דרעך — ניט מיט שמיץ, נאָר מיט גוטע, ווייכע, וואַרעמע רייד, צו וועלכע די קינדער זײַנען גאָר ניט געוווינט געוואָרן, און דעריבער טאַקע האָבן זיי אָפּגענאַרט דעם רעבן פון קאָפּ ביז די פיס, מעבילע, געפירט אים אין באָד אַרײַן ניט געדאַוונט און ניט געלערנט, און שפּעטער צו, אַז מוישע דער שווי־כעט איז שוין גאָר גוט קראַנק געוואָרן, באַקומען די „דאָר" און אוועקגעלייגט זיך, האָבן כעוורע אָנגעהויבן אַרומצוגיין פּוסטעפּאַס, שלאָגן ביידעקעס, זיך כאַווערן מיט גערגעלע גאַנעוו, אַ יינגל אַ יאָ־סעם און אַ באָרוועסער, מיט מאַמזערשע אויגן, מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — אַ רעכטער באַסיאַק! זײַן עמעסער נאָמען איז געווען גערשן, נאָר דאָס האָט אים זײַן מאַמע, סאָרע־פייגע די קעכן, זאָגט ער, אַזוי פאַרצויגן, און דעם נאָמען „גאַנעפ" האָט אים שוין צוגעלייגט, זאָגט ער, זיין שטיף־טאַטע, יויסעף מייער דער העקער, כאָטש ער האָט נאָך דעמלט, זאָגט ער, בא קיינעם קיין זאַך ניט אוועקגעגאַנוועט. מע זאָל אים ניט געווען, זאָגט ער, אַ נאָמען געבן גאַנעוו, וואָלט ער עפּשער קיין גאַנעוו קיינמאָל ניט געוואָרן.. איצט וועט ער שוין. זאָגט ער, זיי אָפּצולאָכעס, ווערן אַ גאַנעוו — האַלעווײַ עס זאָל נאָר זײַן וואָס צו גאַנווענען!..

אַזוי האָט זיך גערגעלע גאַנעוו באַרימט גאַנץ ערנסט מיט אַ מיי־נע פון אַ גרויסן פּאַר שאָלעם נאָכעם ווערוויקס, וואָס איז געווען איבעראַשט פונעם יינגל מיט די קלוגע אויגן און מיט דער צעשפּאָל־טענער ליפּ. זייער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי געשלאָסן טאַקע בא מוישע דעם־שויכעט אין כיידער. אַ גאַנצע וואָך איז מוישע דער שויכעט געווען אַ מעלאַמעד, נאָר דאָנערשטיק איז ער געווען אַ שויכעט, און אַלע ווײַבלעך, און אַלע מיידלעך האָבן זיך דעם דאָנערשטיקדיקן טאָג דאָ צונויפגעזאַמלט מיט זייערע אויפעס, גענדז און קאַטשקעס. צווישן זיי איז געווען איינער אַ באָבערל מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווען גערגעלע — אויך מיט אַן אָפּ, וואָס די מאַמע די קעכן האָט דורך אים געשיקט צום שויכעט קוילן אַ שאָבעס. זיצנדיק

צווישן די ווײַבלעך און ווארטנדיק אפן שויכעט, האָט דערווײַל אָט דער גערגעלע געווײַלט דעם אוילעם, דאָס הייסט, ער האָט געמאכט אזעלכע מעשונע אָנשטעלן, אזעלכע מאָדנע פּיסקעס און אזעלכע מעשוגענע האוויַעס, אז וויפל ס'איז געווען ווײַבלעך און מיידלעך, האָבן אים אלע געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס: „גאנעוו", און „מעשומעד", און „כאָליערע", און וואָס אין דער קאָרט, און געלאכט בײַם מײַסע צום טויט! „אָט דער איז פון מײַנע לײַט!" — האָט זיך געזאָגט שאָלעמ נאָכעמ ווערויקס און איז געוואָרן מיט אים כאווער. פארשטייט זיך, בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט וויסן, וואָרעמ א „טאטנס א קינד" וואָלט געקאָנט האָבן א מיִעסן פּסאק פאר אזא כאווערן זיך מיט א קעבנס א יִנגל און א גאנעוו דערצו.

עס איז אָבער געווען א באזונדער מין זיסקײַט אין דעמ כאווערן זיך דאפקע מיט אזא יִנגל, מיט וועלכן מע קאָן זיך באגעגענען נאָר פּארנאכטלעך, בײַן מינכע לעמײַרעוו, ריידן א פּאָר ווערטער, מאכן א פּאָר קונצן, זיך לאָזן לויפן ביידע אראָפּ בארג, אוכדוימע. עס איז געווען א באזונדער פארגעניגן ארײַנרוקן אים אין האנט ארײַן, אז קיינער זעט ניט, אמאָל א גראָשן, אמאָל א צוקערקע און אמאָל גלאט א שטיקל ברויט — גערגעלע האָט אלץ גענומען בעסימכע־ראבע, כאָלילע ניט ווי א נעדאָווע, און ניט געזאָגט קיין דאנק אפילע, נאָר צוגענומען מיט ביידע הענט, ווי א כויוו, וואָס קומט אים, און געהייסן זיך ברענגען מאָרגן נאָכאמאָל, געגעבן אייצעס, וויאזוי מע זאָל פון זײַנעטוועגן „קריגן", דאָס הייסט, מעכילע, גאנווענען. ניט אפן גראָבן ארט כאָלילע, נאָר איידל. לעמאָשל, דער אייגענער גערגעלע האָט אויסגעלערנט זײַנע כאווײרים און דאפקע אין א גאָר קורצער צײַט, וויאזוי מע קאָן קריגן אומזיסט עפּל אין מארק, אָדער בארן. מע מיינט ניט פון פרעמדע גערטנער, כאָלילע. וואָרעמ וואָס פאר א טאטנס א קינד וועט זיך עס אײַנשטעלן אריבערקריכן, ווי א גוי, איבער א פּלויט, ארײַנשפּרינגען אין א פרעמדן גאָרטן, ווו עס געפינט זיך א שוימער, וואָס קאָן ברעכן א ביין, און א הונט אפּ א קייט, וואָס קאָן דוירעס זײַן א מענטשן? קריגן אומזיסט עפּל, וויפל מע וויל, האָט זיי גערגעלע גאנעוו אויסגעלערנט גאָר שפּילנדיק זיך, און אפילע ניט אויוועך צו זײַן אפּ לאָוו פון „לוי סיגנויפּ".* וויאזוי

* זאָלסט ניט גאנווענען. — ר' ע ד.

איז דאָס מעגלעכ? אָט וועט איר האָרכנ — און זאָגט איר, אויב דאָס הייסט געגאנוועט.

זומער־לעבנ. נאָרוואָס אופגעקומענ עפּל און בארנ. שוינ פאר־נאכטלעכ. ווײַבער זיצנ נאָכ, אויסגעלייגט מיט זייער סכוירע אפ די טישלעכ, אָדער גאָר אפ דער ערד, ריידנ פונעמ געראַטעניש, וואָס הייַנטיקס יאָר איז אפ אויבסטנ, פונ דעמ, וואָס קיינ רעגנ גייט ניט, און אז עס גייט ניט קיינ רעגנ, איז א שטויב, און אז ס'איז א שטויב, איז דאָ א סאכ פליי... די מאנענ פונ די ווײַבער זײַנענ אינ בעסמעדרעש, כאפנ ארײַנ א מינכע־מײַרעוו. דעמלט איז די בעסטע צײַט. דעמלט לאָזנ זיכ ווײַסעכעוורעניקעס אפ דער ארבעט — צו קריגנ אומזיסט עפּל. כעוורע גייענ באָרוועס און אלע אָנגעוואָפנט מיט שטעקלעכ, און אפ די שטעקלעכ טשוועקלעכ, אויסגעבויגנ ווי האטש־קעלעכ, און מע לאָזט זיכ לויפנ — דאָס ווערט אָנגערופנ „פּאָטשט".
איינער איז דאָס פערד, און די איבעריקע זײַנענ פארשוינדלעכ, וואָס האלטנ אימ באמ צוימל, טרײַבנ אימ, הוקענ אונטער און פײַפנ און שרײַענ: „פּאשאָל"! און איקוראט אז עס קומט צו דער קופּע עפּעלעכ אָדער בארעלעכ, טוט געראַגעלע א קאָמאנדע: „פּאלקי דאָלאָי!" — טוענ כעוורע א שאָר מיט. די האטשקעוואטע שטעקעלעכ, און מאכ־מעם דער שטויב איז פונעמ לויפנ זייער גרויס, באמערקט מענ ניט, ווי עס קאטשענ זיכ עטלעכע אָנגעכאפּטע עפּעלעכ אָדער בארעלעכ. אָפּגעלאָפנ א ביסל, ציט זיכ געראַגעלע אויס, און נאָכ אימ — די ווײַסעכעוורעניקעס אפ דער ערד און מע נעמט זיכ צומ „רויב", צו די אָנגעכאפּטע עפּעלעכ. מע שטופּט ווער אינ די קעשענעס, ווער גלײַכ אינ מויל ארײַנ — כאַי געלעבט! ס'איז ניט אזוי זיס די גנייווע, ס'איז ניט אזוי אָנגעלייגט די עפּעלעכ, ווי ס'איז גלאט פרייִלעכ!

געראַגעלע איז איבערהויפּט א פריילעכער יונג, כאָטש ווער עס האָט גאָט אינ הארצנ, דער לייגט אינ אימ ארײַנ, וויפל ער וויל. אנ אָרעמ יינגל און א יאָסעמ — ווער וועט זיכ פאר אימ אָנעמענ? און דערצו נאָכ א גאנעוו! נאָטע דער שאמעס אינ בעסמעדרעש האָט אימ געכאפּט איינמאָל מיט א פרעמדנ סידער, און רודע־באסיע, וואָס באקט בייגל און בלינעס, האָט בא אימ אויסגעטרייסלט א האלבנ קאָרזש פונ בוזעמ — אזעלכע איז א מיצווע צו ברעכנ די ביינער! דערצו האָט ער א מויל — סאקאָנעס נעפאָשעס! אפ אלעמענ האָט ער אײַכ אנ

אנדער ביסאָרנ, אונ אפ יעדנ — א צונעמעניש, אונ ווײַל אליינ איז ער העפקער אונ אײַנצושטעלנ האָט ער ניט וואָס, האָט ער ליב איטלעכנ באַזונדער אונטערשטעלנ זײַנ באָרוועסנ פוס, ווי א קאָטשערע, אַזוי אַז יענער זאָל זיך אויסציִענ, ווי לאַנג ער איז — מעג עס זײַנ דער ראָוו אליינ, די רעבעצנ אָדער די שויכעטקע — פוצ אינ דער ערד ארײַנ! דאָס איז דעמ קליינעמ שאָלעמענ שטארק געפעלנ, אונ מיט דער צײַט האָט ער אימ אַזוי ליב געקראָגנ, אַז ער האָט אימ גע־טראָגנ גאַנצע שטיקער ברויט פונ דער שויכעטקעס טיש אינ קעשענע, מעבילע ביגנייווע, אונ אַמאָל טאַקע אוועקגעלאַקכנט פונ דער צוקער־פושקע א שטיקל צוקער אויך. ער האָט ליב געהאַט צוקער. מער פונ אַלצ האָט אָבער גערנגעלע ליב געהאַט א ציגאַר־טיטונ, אויסגעגאַנגענ נאָך א פאַפּיראָסל! נאָר ווו קריגט מענ אַזא זאַך, אַז דער רעבע איז קראַנק אונ רויכערט ניט, אונ דער טאַטע איז ניטאָ? האָט אימ גערגעלע געגעבנ אַנ אייצע, ער זאָל זיך אָפטער א ביסל ארײַנכאַפּנ צום פעטער ניסלענ — יענער רייכערט דאָך „פּערווע דיובעק“!

דאָס איז געווענ א ווילע אייצע. דער פעטער ניסל האָט געהאַט א ברייטע האַנט. די פושקע טיטונ איז בא אימ געשטאַנענ אָפּנ, פראַנק אונ פרײַ אָפּנ געזוימס, אונטערנ שפיגל. אַהינ האָט זיך דער קליינער שאָלעמ אָנגעהויבנ אָפטלעכ ארײַנכאַפּנ, ארײַנשטעקנ די יאַד, אָנעמענ א פולע זשעמניע דיובעק אונ — ארײַנ אינ די הויזנ־קעשענעס. באַדאַרפ זיך טרעפנ, מײַסע סאָטנ, אַז די מומע האָרל דערזעט דאָס (אונ דאַפקע זי דאַרפ דערזענ, ניט קיינ אַנדערער!). דאָ האָט זיך אַראָפגעלאָזט דער הימל אפ דער ערד: עק וועלט! ס'איז גאָר ניט געווענ אַזא שטראָפ, וואָס דער קליינער פאַרברעכער זאָל דאָס ניט האָבנ פאַרדינט. ארבע מיתות בית דינ!* עס האָט זיך אימ אויסגעהאַכט, אַז וואָס שטרענגער אונ וואָס גיכער דער פּסאַק זאָל שוינ זײַנ, וואָלט געווענ בעסער. האָט גאָט געטאָנ א נעס. עס האָט זיך געטראָפנ א גליק, וואָס איז געווענ, אייגנטלעכ, אַנ אומגליק, א גרויסער אומגליק: מע איז געקומענ צו לויפנ פלוצעמ צומ פעטער ניסלענ, אַז ער זאָל

*) „ארבא מיסוים בעסדינ“ — פיר מינימ טויט־שטראָפ (לויטנ כומעש איז פאַר געוויסע פאַרברעכנ געקומענ טויט־שטראָפ, אונ עס זײַנענ אָנגעווייזנ פיר מינימ טויט־שטראָפ, ווי הענגענ, פאַרברענענ אאַוו.). — ר ע ד.

גייג וואָס גיכער, וואָרעמ מוישע דער שויכעט איז פאַרבײַ, די גאַנצע שטאָט איז דאָרט, ער גויסעסט שוינ...

דאָס איז געווענ פאַרנ קליינעמ פאַרברעכער א נײַער קלאַפּ, עפּשער נאָכ א גרעסערער פונעמ ערשטנ. קיינ רעבנ האָבנ די טאַלמידימ אזוי ניט ליב געהאַט, ווי אָט דעמ רעבנ. דאָס איז געווענ עפּעס א מאַלעכ, ניט קיינ רעבע! ערשט דעמלט, ווענ כעווירע גויסיי האָמיטע האָבנ אימ, אנ איבערגעדעקטנ מיט שווארצנ, גענעבנ א כאַפּ אפּ די פּלייצעס אונ א טראָג אוועק אפנ הייליקנ אָרט, אונ די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגענ נאָכ דער לעווײַע, האָבנ נאָכעמ וועוויקס קינדער זיכ דערמאָנט, וואָס פאַר א בריליאַנטענער רעבע דאָס איז געווענ, אונ ווי ווײַט זיי האָבנ ניט געוווּסט אימ צו שאַנעווענ — אונ א קוואַל פונ טרערנ האָט זיכ אופגעעפנט בא זיי. נאָכ אנ אייגענעמ ברודער באַוויינט מענ ניט אזוי ווייטענ, ווי די האָבנ געוויינט נאָכ זייער יונגנ רעבנ, מוישע דעמ שויכעט.

מער פונ אלע אונ וואָרעמער פונ אלע האָט געוויינט שאָלעמ. דער האָט זיכ געפילט קעגנ אימ א פאַרזינדיקטער, א כויטע גאָמער.

ערשטנס, האָט אימ דער רעבע געהאַלטנ פאַרנ בעסטנ אונ פאַרנ ערלעכסטנ, צום סאָפ האָט ער זעלטנ געוווּסט דאָנערשטיק דאָס לייענענ. ער האָט זיכ נאָר געמאַכט, אז ער ווייסט, געשאָקלט זיכ אונ געזונגענ אונ געדרייט מיט דער האַנט — אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט! הײַנט וויפל מאָל האָט ער איבערגעהיפּט העכער האַלב דאַווענענ! אונ טאַקע גלאַט ניט געדאַוונט ניט קיינ מינכע, ניט קיינ מײַרעוו, נאָר ארומגעלאָפנ מיט געראָנגעלע גאַנעוו, געריייצט דעמ גאַלעכס הינט דורכ די גראַטעס, אָדער געגאַנוועט עפּעלעכ אינ מאַרק. דאָ, אפּ דער וועלט, האָט דער רעבע ניט געוווּסט, ער וואָלט זיכ עס גאָר אפּ אימ ניט געגלייבט. אָבער דאָרט, אפּ יענער וועלט, ווו ער ווייסט שוינ אלעס אלעס, אלעס?...

21. מײַער־וועלוול באלעגאָלע מיט זײַנע „סוסימ"

דער פעטער ניסל — מיט ווײַסעכעווורעניקעס א ווײַסערכעווורע־ניק. — מייער־וועלוולס בויד מיט די דרײַ סוסימ: „מודריק", „טענצער" אונ די „יאכסנטע". — דער באלעגאָלע דערציילט זײַנ ביִאָגראפיע.

סאָפ זומער (אינ דרויסנ איז נאָכ געווענ רעכט ווארעמ, נאָר גע־שמעקט האָט שוינ מיט רעשכוידעש עלעל) איז אָנגעקומענ א בויד מיט דרײַ פערד פונ דער גרויסער שטאָט, פונ פערעיאסלעוו. צוגעפאָרנ צומ פעטער ניסלס שטוב, האָט דער באלעגאָלע, א באריידעוודיקער יִיד מיטנ נאָמענ מייער־וועלוול, זיכ צעשפיליעט אונ ארויסבאקומענ ערגעצ פונ א ווײַטער קעשענע א בריוול, געשריבנ פונ נאָכעמ וועוויקס צו זײַנ ברודער ניסל ראבינאָוויטש. אינ בריוול איז געשטאנענ, אז מע שיקט נאָכ די קינדער, ערשטנס, א פור, צווייטנס, דרײַ פאָר שטיוועלעכ, אונ, דריטנס, עסנווארג: קיכלעכ, הארטע אייער אונ בארנ—דאָס איז „ציידאָ לאדערעכ" אפ צוויי טעג. אונ כוצלאָזע עקסטרע פונ דער באָבע מינדי א ווארעמע קאָלדרע מיט אנ אלטנ שאל אפ אײַנצוהילנ די קינדער, טאָמער וועט כאָלילע קאלט, אָדער עס גייט א רעגנ. דעמ באלעגאָלע האָט מענ אָנגעזאָגט, אז ער זאָל לעמאנאשעמ אופזעצנ די קינדער אפנ אנדערנ טאָג אינדערפרי באלד נאָכנ דאווענ, אונ אז נעכ־טיקנ זאָל ער מיט זיי אינ באָרישפּאָלי, וועלנ זיי קאָנענ קומענ, אי־מירצאשעמ, אפנ אנדערנ טאָג ארומ מינכע־צײַט אהיימ, קיינ פערע־יאסלעוו.

ווי נעמט מענ פארב אפ צו באשרײַבנ די סימכע פונ נאָכעמ ווע־וויקס קינדער, אז מע האָט זיי איבערגעגעבנ דעמ אינהאלט פונ דעמ דאָזיקנ בריוו טאקע אינײנעמ מיט דרײַ פאָר שטיוועלעכ? אפ וואָס זאָל מענ זיכ פריִער פרייענ: אפ די נײַע שטיוועלעכ? אָדער אפ דעמ, וואָס מע וועט צוויי טעג נאָכאנאנד פאָרנ אינ א בויד מיט דרײַ פערד, צי אפ דעמ, וואָס מע וועט איבערמאָרגנ אפדערנאכט שוינ זײַנ אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פערעיאסלעוו?

— קומט אהער, שקאָצימ, אכברושימ, ווייסעכעווורעניקעס, זעצט אײַכ אָקאָרשט אוועקעט אונ מעסט אָנ אָט די שטיוועלעכ! — אזוי

האָט געקאָמאַנדעוועט דער פּעטער ניסל, געשענקט אַלע דרײַ צו שנעל, וועמענ אינ נאָז אַרײַנ אונ וועמענ אינ אָנ אויער.

דער פּעטער ניסל האָט ליב געהאַט קינדער: אײגענע, פרעמדע — אַלצײנס, אונ דעריבער איז באַקומענ פונ אימ א שנעל געווענ ניט קײנ שטראָפ, נאָר א פאַרגעניגנ, עס האָט געמעגט אַפילע שמאַרצנ דערנאָכ א האַלבע שאָ קעסיידער. פונ דעמ, וואָס מע האָט ליב, איז א פּאַטש אויכ א מאַטאָנע. אונ ליב האָבנ אימ די קינדער געהאַט דערפאַר שוינ אַלײנ, וואָס ער איז געווענ קימאַט דער אײנציקער אינ דער מישפּאָכע, וואָס האָט קײנמאָל קײנעמ ניט געשטראָפט, קײנ מיסער ניט געזאָגט אונ ניט אַכטונג געגעבנ, ווי אַנדערע, מע זאָל לערנענ אָדער דאַווענענ. אַדרעאַבע, מיט קינדער קונדײסימ איז ער אַלײנ אויכ געווענ א קונדעס, ליב געהאַט א לאַכ צו טאָנ או א שטופּ טאָנ, אײנעמ מיט זײ אַרײַנלאָזנ א רעכטע פּאָרציע שמעק־טאַבעקע אינ נאָז אַרײַנ אָנ אַלטנ ייִדנ, וואָס איז אַנשלאָפנ געוואָרנ, זיצנדיק אינ בעסמעדרעש, אונ ווינטשעווענ אימ נאָכדעמ „צו געזונט“, אַז יענער האָט זיכ אופּגעכאַפּט מיט א ניסערײַ אונ א הוסטערײַ. אונ ווער שמורעכטס סימכאַס־טוירע — דעמאָלט איז ער געווענ מער ווײַסערכעווורעניק פונ אַלע ווײַסעכעווורעניקעס; ער אַלײנ האָט אָנגעטרונקענ גדאַליע דעמ שיקער מיט בראָנפנ אונ געהאָלפנ די קינדער, זײ זאָלנ בינדנ גדאַליענ הענט אונ פיס, ווי א באַראַנ, פאַרשליסנ אימ אינ קאַמער אונ דאָרטנ צוקרעמפּעווענ זײַנ האַנט דורכ א לאַנגנ שטריק צומ סוואָלעק מיט א גלאָק, אַזוי אַז ער וועט זיכ אויסניכטערנ אונ וועט וועלנ אופּשטײנ, זאָל ער ניט ווילנדיק אָנהײבנ קלינגענ, ווי אָפּ א סרײפע, אונ די גאַנצע שטאָט זאָל זיכ צונויפלויפנ מיט א ליאַרעמ אונ געפילדער: „ווער ברענט?“...

פונ דעמ איז צו פאַרשטײנ, ווי שווער ס'איז געווענ מיט אַזא פּעטער זיכ צו שײדנ! באַמ געזעגענענ זיכ האָט ער די כעווורע געטרײסט מיט ווערטער אונ מיט א זעצ אינ די פּלײצעס: „נישקאָשע, ניטשעוואָ, מירנ זיכ נאָכ זענ! איכ וועל דאָ אויכ לאַנג ניט פאַרבלײַבנ!“ אַזוי ווי דאָס האַרצ האָט אימ געזאָגט — ווי דער לעזער ווײסט שוינ פונ די פריערדיקע באַשרײַבונגענ.

אָנגעטאָנ די נײַע שטיוועלעכ אונ געפילט זיכ אינ זײ מעכײַעדיק גוט, ווי אויסגעוואָקסנ, האָבנ כעווורע קוידעמקאָל באַקאָנט זיכ מיט

דער בויד, מיט אלע דרײַ פערדלעכ אונ מיטנ באלעגאָלע, וואָס וועט זיי פירנ פונדאנענ אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ.

די בויד — א בויד ווי אלע בוידנ, אויבנ מיט א גרויענ געלאטעטנ דעקטוכ, גוט אויסגעבעט מיט היי אונ מיט ראָגאָזשעס, דאכט זיכ, ווייכ, דארפ זײַנ א טײַנעג צו זיצנ. דעמ „טײַנעג" זײַנענ כעוורע געווירע געוואָרנ נאָכדעמ, אפנ אנדערנ טאָג פונ דער נעסיִע, אז זיי האָבנ שוינ ניט געפילט איינ ביינ א גאנצנ. דאָס איז די בויד. אונ די פערדלעכ — זיי פארדינענ באשריבנ צו ווערנ כאָטש אינ קורצע ווערטער, נאָר יעדעס פערדל באזונדער, וואָרעמ די דרײַ פערדלעכ (בא מייער־וועלוול באלעגאָלע האָבנ זיי געהייסנ „סוסימ") האָבנ זיכ אזוי אָנגעקערט איינס מיט דאָס אנדערע, אזוי ווי עס קערט זיכ אָנ, לעמאָשל, א שטרויענער דאכ מיט א פידיענ־האבענ. דאָס איז געווענ א יִדישע „טראָיקע".

מיר הייבנ אָנ פונעמ מיטלסטנ, פונעמ „קארענאָי". בא מייער־וועלוול דעמ באלעגאָלע האָט ער געהייסנ מיטנ נאָמענ „מודריק". פארוואָס מודריק? ווייסט מענ ניט. עפּשער דערפאר, ווײַל מודריק נעמט זיכ פונעמ וואָרט „מודרי", אונ „מודרי" איז די טײַטש באָכעמ, כאָטש קיינ גרויסער כאָכעמ, דארפ מענ זאָגנ דעמ עמעס, איז דער דאָזיקער מודריק ניט געווענ. ער איז נאָר געווענ אָנגעשטאָפּט מיט יאָרנ — דאָס יאָ. דאָס האָט מענ געקאָנט ארויסזענ פונ זײַנ אלטער מאָרדע מיט די רינענדיקע אויגנ אונ פונ זײַנ אויסגעטריפעטנ עק אונ פונ די הויכע ביינער, וואָס האָבנ ארויסגעסטארטשעט פונ זײַנ אמאָליקנ ברייטנ הינטנ. אונ פונדעסטוועגנ, ניט קוקנדיק אפ זײַנ עלטער, איז דער גאנצער וואָגנ מיט דער גאנצער מאסע געלעגנ קימאט נאָר אפ אימ, מאכמעס יענע, די צוויי „פריסטיאזשנע", האָבנ זיכ נאָר געמאכט ווי זיי שלעפּנ.

די דאָזיקע צוויי „סוסימ" האָבנ אויכ געהאט נעמענ. איינעמ האָט מענ גערופנ מיטנ נאָמענ „טענצער", ווײַל דער גאנג זײַנער איז געווענ מיט א טענצל. ער האָט געהאלטנ אינ איינ טאנצנ. אלע פיר פיס האָבנ בא אימ געטאנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאנצט באזונדער. זיי האָבנ זיכ ניט אופגערעדט. אונ דערפאר איז פונ זײַנ טאנצנ קיינ גוטס ניט ארויסגעקומענ. ער האָט נאָר געשטערט מודריקנ — איז איינס; אונ ווידער האָט ער אזוי געטרייסלט דעמ וואָגנ, אז

ס'האָט אַרויסגעטרייסלט די נעשאָמע. מאָלט אײַך, מייער־וועלוול האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט: „וועסט בא מיר טאַנצן!" — האָט ער אים געזאָגט און אײַנגעטײַטשט אַמאָל מיט דער בײַטש און אַמאָל מיטן שטעקל פון דער בײַטש. דעם גאַנצן וועג האָט ער אים געהאַלטן אין איין שלאָגן, געלערנט מיט אים באָלעק. דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. טענצער איז ניט גיספּאָעל געוואָרן און ניט אופגעהערט צו טאַנצן. אַדרעאבע, אַז מע האָט אים גוט דערלאַנגט, איז נאָך געוואָרן ערגער: ער האָט אָפּגעענטפערט מיט ביידע הינטערשטע פיס, ווי איינער רעדט: „אַז דו ווילסט, נא דיר!"... אין ווּקס איז ער געווען אַ קליינער, אַ סאַך קלענער פון מודריקן, נאָר אַ מאָרדע האָט ער געהאַט אַ סאַך אַ קלוגערע פון מודריקן, גאָר קיין ערעך ניט. ס'איז מעגלעך, אַז מייער־וועלוול האָט ניט מעגאַזעם געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַרימט, אַז טענצער איז געווען אַמאָל גאָר פון די „געהויבענע סוסים", נאָר ווײַל ער איז פון אַ גוט אויג געכאַפּט געוואָרן אַפּ די ראַגלאַים און מע האָט מיט אים גאָרנישט געקאָנט מאַכן, איז ער אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די הענט אַרײַן און ער לערנט מיט אים פון דעמלט אָן באָלעק.

דערפאַר האָט מייער־וועלוול דעם דריטן סוס געלאָזן צו רו, זעלטן, פון יויצע וועגן, דערלאַנגט אַ שמיצל. געווען איז דאָס אַ שקאַפּע, אַ נידעריקע און אַ גראָבע, מיט מאָכנאַטע פיס, און געהייסן האָט זי בא אים די „יאַכסנטע", דערפאַר וואָס זי קומט אַרויס פון אַ גרויסן יִיכעס: זי איז געווען אַמאָל, — אַזוי האָט דערציילט מייער־וועלוול, פּאָרנדיק אין וועג, — אַ גאַלעכס אַ פערד. ווי קומט זי צו אים? איז דערינען אַ גאַנצע מײַסע, וואָס מע קאָן זי ניט איבערדערציילן מיט אַלע פּישטשעווקעס: ערשטנס, איז דאָס שוין זייער לאַנג — ווי קאָן מען זיך אָנגעדענקען? און, צווייטנס, האָט זיך די מײַסע נאָך דעמלט בא מייער־וועלוולען ניט געקלעפּט אַקוראַט. עס געדענקט זיך נאָר, אַז די „יאַכסנטע" איז געווען, ווי מייער־וועלוול דערציילט מיט אַ שמייכל, אַ געגאַנווּעטע. דאָס הייסט, ניט ער, כאָליִלע, האָט זי געגאַנווּעט; געגאַנווּעט האָבן אַנדערע, נאָר ער האָט זי אָוועקגעקויפט בעכאָצי כינאָם, און בײַם ער האָט זי געקויפט, האָט ער ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ער זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין צאַר און פון קיין דאַלעס, אַז זי איז אַ געגאַנווּעטע, וואָרעם ווען ער זאָל וויסן.

אז זי איז א געגאַנווּעטע, און נאָך בײַ א גאַלעך דערצו, וואָלט ער זיך ניט צוגערירט צו איר, מע זאָל אים אָפּגילטן! ניט מאַכמעס ער איז אַזאַ צאַדיק אין א פּעלץ און האָט מוירע זיך צורירן צו א געגאַנווּעט פערד. וואָס גייט אים אָן, אז יענער איז א גאַנעוו? ביסטו א גאַנעוו, וועט מען דיך שמײַסן אָפּ יענער וועלט, נאָר ער וואָלט זי ניט געקויפט איבער אַן אַנדער זאַך. ער האָט פײַנט פּאָליציע, אַזוי ווי כאַזער. ער וויל ניט האָבן קיין שום „האַטשיניעניעס” מיט פּאָליציע! וועהאָרײַע, ער האָט אַמאָל געהאַט אָפּ זיך א פּעקל, אַן אומגליק, א בילבל. סאָנים באַלעגאָלעס האָבן אים אונטערגעשטעלט א פּיסל, יאַנקל בולגאַטש, א רועך אין זײַן קוטשמע!...

און דאָ גייט אַוועק בײַ מייער־וועלוועלען א זײַטיקע מײַסע, און נאָך א מײַסע, און נאָך א מײַסע, און פון די אַלע מײַסעס האָט מען געקאָנט שטאַרק כוישעד זײַן, אַז מייער־וועלוועל האָט שטאַרקע „דאַטשיניעניעס” מיט פערד־גאַנאָווים און מיט פּאָליציע...

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט א מײַלע — ער איז געווען, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, א באַרייטהאַרציקער און האָט מיט זײַנע נײַן מאָס רייד זייער גוט אונטערגעהאַלטן די יונגע פּאַרשוינדלעך דעם גאַנצן וועג פון וואָראָנקע קיין באָרישפּאָלי און פון באָרישפּאָלי קיין פּערעיאַסלעוו — דאָס מויל האָט זיך אים ניט צוגעמאַכט אָפּ קיין מינוט אפילע. אַלצדינג זײַנען די קינדער פון אים געוווירע געוואָרן, פון זינט ער איז געווען א יינגל א שמײַסער בײַ יאַנקל בולגאַטש, און דערנאָך, וויאַזוי ער האָט כאַסענע געהאַט און אַליין געוואָרן פאַר זיך א באַלעגאָלע, האָט אים יאַנקל בולגאַטש גערוידעפט, געגראָבן, נאָר ער האָט אים אין דער ערד! און פון זײַן ווײַב האָט ער דערציילט, וויאַזוי זי איז געווען א מאָל א מיידל, און דאַפּקע א שיינע, א קראַסאַוויצע! און וויאַזוי ער איז געווען נאָך איר די קאַפּאָרע! שיר־שיר ניט אײַנגענומען א מיסע־מעשונע — אַזאַ קראַסאַוויצע איז דאָס געווען! הײַנט, ווען ער ווערט צוריק א באָכער, וואָלט ער אפילע ניט געוואָלט קוקן אָפּ איר, נאָר דעמלט איז ער נאָך געווען א „יאַט”...

דאָס וואָרט „יאַט” האָבן כעווירע ניט רעכט פאַרשטאַנען; נאָר אַז מייער־וועלוועל האָט גענומען דערציילן אין זײַן ווײַטערדיקער ביאָגראַפיע, וויאַזוי זײַן ווײַב האָט אים קאַרגער א יאָר נאָך דער כאַסענע געבאָרן א יאַטל, און שפּעטער מיט א יאָר נאָך א יאַטל, און נאָך א

יאטל, און נאָך אַ יאטל — האָבן זיך כּעוורע אָנגעשטויסן, וואָס דאָס איז.

געענדיקט דערציילן זײַנע אייגענע געשיכטע, איז מייער־וועלוול באַלעגאָלע אריבער צו דער געשיכטע פון יאנקל בולגאטש און פון אַנדערע באַלעגאָלעס, אָנגערופן אַלעמען בײַ די נעמען און באַקאַנט געמאכט, וויפל און וואָסערע פערד יענער האָט, ווער עס האָט פערד, טאקע „סוסים", און ווער עס האָט „פּגירעס, נעוויילעס, פּעל".

פון באַלעגאָלעס איז מייער־וועלוול אריבער אַף פערד־הענדלער און אַף ציגײַנערס און אַף גאַנאָווים און אַף „נעווייִם". דער בילעק פון אַ גאַנעוו ביז אַ נאָווי איז דער, — אַזוי האָט מייער־וועלוול געגעבן צו פאַרשטיין, — וואָס דער גאַנעוו פירט ארוים דעם סוס פון שטאַל, און דער „נאָווי" — דער טרעפט און ווײַזט אָן, ווו דער סוס געפינט זיך. דעריבער מוז מען מיט די נעווייִם שלאָגן בלאָט נאָך מער, ווי מיט די גאַנאָווים... ניין, די קינדער וועלן דאָס אין צוויי יאָר ניט געווירע ווערן, וואָס זיי זײַנען געווירע געוואָרן פון מייער־וועלוול באַלעגאָלע אין די צוויי טעג פון זייער נעסיִע.

אַצינד אַז מיר זײַנען שוין באַקאַנט מיטן באַלעגאָלע, מיט זײַן בויד און מיט זײַנע דרײַ סוסים, מעגן מיר זיך אומקערן אַף אַ קורצע ווײַלע צוריק קיין וואָראָנקע און דערציילן, וויאַזוי דער העלד פון דער האָזייקער באָגראַפיע האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַן שטעטעלע, איידער ער האָט דאָס פאַרלאָזן אַף שטענדיק.

22. זײַ געזונט, וואָראָנקע

האָר העלד געזעגנט זיך אָפּ מיט זײַן שטעטעלע. — ער מרויכט וועגן אויצער. — ער איז גרייט אוועקצושענקען געגעלעכן זײַנע אַלטע שיך. — אַ נאַרישער אינצידענט מיט „פרומע די מויד".

וויפל דאָס שטעטל האָט זיך ניט צוגעגעסן, וויפל די מענטשן זײַנען ניט נימעס געוואָרן, און וויפל פּיניעלע שימעלעס האָט אין זײַן צײַט ניט געמאכט עס צו קלײנגעלט, האָט וואָראָנקע פארן אוועקפאָר פון נאָכעם וועוויקס קינדער אין דער גרויסער שטאָט ארײַן צוריק באַקומען בײַ זיי אין די אויגן דעם אַמאָליקן ביין מיטן אַמאָליקן

גלאנצ, אונ עס האט בעעמעס הארציריק באנג געטאנ מיט דעמ זיכ צעשיידנ.

גלייכ ווי מיט עפּעס א לעבעדיקער זאכ, גלייכ ווי מיט א ליבנ אונ געטרייע כאווער — אזוי האט זיכ שאלעמ נאכעמ ווערוויקס געזעגנט מיטנ שטעטל, אנגעהויבנ פונ דעמ הויפ מיטנ גארטנ אונ מיט איטלעכנ בוימעלע, וואס האבנ שוינ איצטער געהערט צו אנ אנדערנ, אונ אויסגעלאזט מיטנ בארג, וואס אפ יענער זייט בעסמעדרעש, אונ מיט דער „לעוואדע", וואס אפ יענער זייט שטאט; — די ערטער, ווו ער האט פארבראכט מיט זיינע בעסטע כאווייריממ, רעכנענדיק פונ דעמ ערשטנ, פונ שמוליק רעמ יאסעמ, ביזנ לעצטנ — ביז גערשקעלע גאנעוו.

גאנצ באזונדער האט ער זיכ אפּגעשטעלט אפ יענעמ ארט, ווו עס איז געלעגנ, ווערליג שמוליק האט געוווסט קימאט פאר געווים, באהאלטנ דער אויצער. ווי א פארקישעפטער איז ער געשטאנענ איינער אליינ אינ א הייליקער שטילקייט, אונ א גאנצע ריי מאכשאוועס האבנ זיכ דורכגעטראגנ אינ זיינ קאפּ: ווו קאנ זיינ איצטער שמוליק? צי וועט ער זיכ אמאל באגעגענענ מיט שמוליקנ? אונ וואס וועט זיינ, אויב זיי וועלנ זיכ באגעגענענ? — אז זיי וועלנ זיכ באגעגענענ ערגעצווו, איז דאס ערשטע וועלנ זיי מיסטאמע ביידע קומענ צו פארנ אהער אפ א קורצע צייט, ביידע איניינעמ באקוקנ נאכאמאל די אלטע ערטער, ווו זיי האבנ איניינעמ פארבראכט זייערע בעסטע יינגלשע יארנ. אונ דערנאכ וועלנ זיי זיכ א נעמ טאנ צומ אויצער אפ אלע קיילימ: פריער וועט איינער פאסטנ טאנייסימ, דערנאכ דער אנדערער, אונ אז זיי וועלנ פארטיק ווערנ מיט די טאנייסימ אונ מיטנ טילימ זאגנ, וועלנ זיי נעמענ זוכנ דעמ אויצער. אונ אז זיי וועלנ געפינענ דעמ אויצער, וועלנ זיי זיכ מיט אימ צעטיילנ אפ דער האלב, ביילעק קעגנ ביילעק — אונ אכ! ס'ארא יאנטעוו דאס וועט זיינ! דער גרעסטנ ביילעק, פארשטייט זיכ, וועט באקומענ דער טאטע, נאכעמ ווערוויקס. דערנאכ דער פעטער ניסל — אויכ א היפּשנ ביילעק. דערנאכ דער פעטער פיניע אונ די איבעריקע קרויווימ פונ דער מישפּאכע. נאר א גרויסער טייל פונעמ אויצער וועט ארייגפאלנ טאקע דא גופע, צו די וואראנקעווער יידנ. מוישע דעמ שויכעטס ווייב, די אלמאנע נעכע — איר דארפ מענ געבנ אזוי פיל, אז זי זאל ניט ריידנ פונ כאסענע האבנ נאכאמאל אונ זאל פארשפארנ זיכ שלעפנ קיינ כוואס-

טעוו צו אירע אָרעמע קרויווים, וואָס האָבן אליין קוים אַ טאָג אוי־ בערצולעבן. די צוויי גאַבעטעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע אשמעדײַ", כאָטש זיי האָבן דאָס ניט פאַרדינט, וועלן אויך פונדעסט־ וועגן באַקומען אַזוי פיל, וואָס זייערע מאַנען האָבן עס אפילו אין כאָלעם ניט געזען. די אַלטע רודע־באַסיע, וואָס באַקט בייגל, בלינעס און קאָרזשעס און האַלט אוים מיט אירע געשוואָלענע הענט אַ גאַנצע מישפּאָכע, וואָלט שוין געמעגט אָפּ הער עלטער, נישקאָשע, זיך אַ ביסל אָפּרוען. און מײַלעך דער שאַמעס, און גדאַליע דער שוי־ קער — פאַרוואָס זאָל מען זיי דורכלאָזן? צי, אַשטייגער, שמועל עליע דער כאַזן, קלאָגט זיך, אַז ס'איז אים דאָ ענג, ער האָט אַ קאָל און וואָלט געקאָנט זינגען אַ סאַך בעסער פון די גרעסטע כאַזאָנים אין דער וועלט, ווען ער זאָל האָבן נאָטן, — באַדאַרפט מען זען, אַז ער זאָל האָבן נאָטן. בלײַבט איבער איצטער נאָר איין גערגעלע גאַנעוו. וואָס טוט מען מיט דעם יונג, אַז ער זאָל ווערן אוים גאַנעוו? קוי־ דעם דאַרף מען זען, אַז זײַן מאַמע זאָל ווערן אוים קעבן, און זײַן שטיפ־טאַטן דעם העקער באַדאַרף מען קויפן אַ שטוב אַן אייגענע, און געלט באַהאַרף מען אָנשיטן פולע קעשענעס און זאָגן אים בעפייערעש, אַז דאָס איז ניט צוליב אים, נאָר צוליב זײַן שטיפזון גערגעלע, — ער זאָל אים אופהערן צו שלאָגן און צו רופן גאַנעוו.

באַ די געדאַנקען וואַקסט אוים גערגעלע גאַנעוו! אַ באַרוועסער, ווי אַלעמאָל, און אַן אָפּגעריסענער.

— ווי קומסטו אַהער?

— און דו?...

זיי צערײדן זיך און לאָזן זיך גיין. שאָלעם איז אים מוידיע, אַז ער פאָרט אוועק. גערגעלע ווייסט עס. ער האָט שוין געהערט און געזען אפילו די בויד מיט די דרײַ פערד.

— געזען? וואָס זאָגסטו אָפּ זיי?.

— אָפּ וועמען?

— אָפּ די פערד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? פערד...

— און די בויד ווי געפעלט דיר?

— אַ בויד...

גערגעלע איז ניט אופגעלייגט, ניט גוט געלוינט. זײַן כאווער ווייל אים מאכן פרייליכער.

— דו ווייסט איך האָב נאָרוואָס פון דיר געטראַכט, ביסטו אָנגעקומען אַקוראַט אינמיטן...

—טאַקע? וואָס האָסטו געטראַכט, אשטייגער?

— איך האָב געטראַכט... איך האָב דיך אין זינען געהאַט באַם אויצער...

— באַ וואָסער אויצער?

שאָלעמען ווערט שלעכט: זאָל ער אים זאָגן, צי זאָל ער אים ניט זאָגן? גערגעלע פרעגט נאָכאַמאָל: „וואָסער אויצער?" עס העלפט ניט— מע מוז אים זאָגן. און ער דערציילט אויס וועגן אויצער. גערגעלע ווערט נײַגעריק: „ווו זשע געפינט ער זיך, דער אויצער?" זײַן כאַ־ווער ווערט נאָך ערגער: זאָל ער אים זאָגן, צי זאָל ער אים ניט זאָגן? אין גערגעלעס אויגן צינדט זיך אָן א פײַערל: „וואָס האָסטו מוירע זאָגן — איך וועל אים אויסכאַפּן"... שאָלעם האָט שוין כאַראָטע, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבן, און ער רעדט צו אים מיט דעם אייגע־נעם טאָן, ווי פיניעלע שימעלעס האָט מיט אים אמאָל גערעדט — פון אויבן אראָפּ.

— נאַרעלע, און אז איך וועל דיר אפילע זאָגן ווו, וועסטו אויך אהין ניט קאָנען צוקומען, וואָרעם מע דאַרף דערצו קאָנען קאַבאָלע — איז איינס; און, צווייטנס, באַדאַרף מען פאַסטן פערציק טאָג־ייִנים און אפּן איין־און־פערציקסטן טאָג...

— און אפּן איין־און־פערציקסטן טאָג ביסטו א שויטע! — שלאָגט אים איבער גערגעלע און כאַפּט א קוק אראָפּ אַפּ זײַן כאַווערס שטיוועלעך. אפּאָנעם, זיי זײַנען אים געפעלן.

— נײַע?

זײַן כאַווער ווערט ווי פארשעמט: שפּאָגל־נײַע שטיוועלעך אין דער צײַט, ווען גערגעלע איז א באָרוועסער! און ער רופט זיך אָן צו גער־געלען:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסלען, וועל איך דיר עפּעס שענקען...

— עפּעס שענקען? פארוואָס ניט?... — גערגעלע איז גאַנץ צע־פרידן, אוןביידע מאכן זיי גיכע טריט. געקומען אהיים צום פעטער

ניסלענ, טרעפנ זיי דאָרט א גאנצע כאליאסטרע פרײַנט און גוטע פרײַנט, וואָס האָבנ דערהערט, אז א פור איז געקומענ צו פאָרנ נאָכ נאָכעמ וועוויקס קינדער, זײַנענ זיי דאָס געקומענ זיכ געזעגענענ און לאָזנ גריסנ זייערע טאטע־מאמע גאָר פרײַנטלעכ...

צווישנ דער כאליאסטרע האָבנ זיכ געפונענ אויכ די צוויי גאבעטעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע אשמעדײַ", דערווײַלע אליינ, אָנ זייערע מאנענ. שפּעטער א ביסל וועלנ קומענ די מאנענ אויכ זיכ צו געזעגענענ און צו לאָזנ געריסנ. אלע קוקנ אפ די קינדער מיט רעספּעקט — מענטשנ פאָרנ אינ א גרויסער שטאָט, קיינ פערעיאסלעוו! מע רעדט שוינ צו זיי גאָר מיט אנ אנדער לאָשנ. מע גיט זיי אייצעס, וויאזוי זיי זאָלנ פאָרנ און ווו זיי זאָלנ זיכ אָפּשטעלנ אינ באָרישפּאָלי. דער פעטער ניסל שענקט זיי צי שנעל, ווי זײַנ שטייטער איז, און פרעגט די שקאָצימ, אויב זיי וועלנ אמאָל צושרײַבנ א בריוול? — א שײַלע א ביסל! זיי וועלנ שרײַבנ אלע וואָכ, צוויי מאָל א וואָכ, אלע טאָג!... שמועל עליע דער כאזנ בעט, זיי זאָלנ איבערגעבנ פונ אימ גאָר א באזונדערנ געריס דעמ טאטנ און זאָגנ, אז זינט יענער איז ארויסגעפאָרנ פונדאנענ, האָט ער, שמועל עליע, נאָכ איינ שאָכ אפילע ניט געשפּילט, ווארעמ וואָראָנקע איז א פּוסטקע! די מומע האָדל איז מיטאמאָל געוואָרנ גוט, כאָטש לייג זי צו א מאַקע. זי האָט געזאָגט, אז זי פארשטייט ניט, וויאזוי שיקט מענ דאָס ארויס קינדער הונגעריקע? און וואָס איז דאָס פאר א שפּײַז אינ וועג אפּ צוויי מעסלעס קיכלעכ, הארטע אייער און בארנ? די קינדער וועלנ דאָכ אויסגיינ פונ הונגער! און זי האָט גענומענ פאקנ אינ וועג ארײַנ, וואָס זי האָט געקאָנט: שמאלצ אינ א קליינ טעפּעלע, א סלאָיִקל פארצוקערטנ אײַנגעמאכצ, אפּאָנעמ פונ פאראיאָרנ זומער, און פּאָווידלע, נאָר אזא זויערע, וואָס מע קאָנ דערזענ קראָקע מיט לעמבעריק!

אינ דער צײַט, וואָס די מומע האָדל האָט געפּאקט אינ וועג ארײַנ און די קינדער זײַנענ געווענ פארנומענ מיטנ געזעגענענ זיכ, האָט זיכ דערווײַל אָפּגעשפּילט א קליינע טראגעדיע צווישנ „פרומע די מויד" און גערגעלע גאָנעוו. פרומע האָט דערזענ גערגעלענ, האָט זי א קוק געגעבנ אפּ אימ מיטנ בלינדנ אויגל און א פרעג געטאָנ בא פייגעלע אשמעדײַ: „וואָס טוט דאָ דער גאָנעוו?"... האָט גערגעלע ניט

געוואָרט, ביז יענע וועט ענטפערן, און האָט פון זיין זייט א פרעג געגעבן: „וואָס טוט דאָ די בלינדע?"... עס וואָלט געקאָנט ארויס דערפון א מיעסער סקאנדאל, ווען שאָלעם נעמט ניט זיין כאַווער גערגעלע פאַר א האַנט און פירט אים ניט ארויס אין הויף אריין (אין אזא טאָג מעג מען אלצדינג, אפילע טאַווערן זיך מיט גערגעלע גאַנעוו).

— איך האָב געזאָגט, איך'ל דיר עפעס שענקען א זאַך. נאַ!...

און שאָלעם נאָכעם וועוויקס, צעפרידן פון זיין פילאנטראָפיע, שטרעקט אויס זיין כאַווער גערגעלע גאַנעוו זיינע אַלטע שטיוועלעך, ארויסגענומענע פון אונטער דער פאָלע. גערגעלע, אפאָנעם, האָט זיך געריכט אף אן אנדער מין מאַטאָנע, ניט אף א פאָר אַלטע שטיוועלעך און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פונעם אינצידענט מיט דער בלינדער פרומע און ניט צעפרידן מיט דעם, וואָס זיין כאַווער האָט פון אים פארלייקנט דאָס אָרט פונעם אויצער, און גלאַט ניט אופגעלייגט דעם טאָג, האָט ער די שטיוועלעך בא זיין כאַווער צוגענומען, נאָר ער האָט זיי באַלד געגעבן א שמיים אוועק פון זיך מיט קאַס, און ער איז א באָרוועסער אוועק פון הויף, זיך געלאָזט לויפן — און איז פארשוואונדן געוואָרן.

— — — — — — — — — — —

א נארישער אינצידענט — נאָר וויפל געזונט האָט ער געקאָסט! גערגעלעס אנטרונענע ווערן האָט פארביטערט זיין כאַוועריס געזעגענען זיך מיטן שטעטעלע און אפגעסאַמט אים די גאַנצע זיסקייט פון דער ערשטער גרויסער, שיינער, ווייטער נעסיע. וויפל ער האָט ניט געוואָלט נאָכדעם אָפטרייבן פון זיך דאָס טרויעריקע בילד פון זיין באַליידיקטן כאַווער, איז עס דאַפקע געקראָכן אים אין פּאָנעם אריין, געשטאַנען פאַר די אויגן און גענאָגט דאָס האַרץ: „האָסט באַליידיקט, באַליידיקט דיין אָרעמען כאַווער!"...

ארויסגעפאָרן פון מארק, געפּאַטערט די קלייטן, די הייזלעך, דעם בעסוילעם און, לעהאַוודל, דעם גויישן „צווינטער" און אריבערגעפאָרן דאָס בריקל און געלאָזט הינטער זיך שוין די לעוואָדע אויך — אויס וואָראָנקע! דעמלט האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע מיטאַמאָל דערפילט עפעס א מאָדנע ענגשאַפט אין האַלדז, אין א וואָרעם געפיל פון ראַכמאָנעס צום קליינעם שטעטעלע האָט אים דורכ-

גענומענ דורכ און דורכ, גלײַכ ווי דאָס שטעטעלע וואָלט געבליבנ א יאָסעמ... דאָס דאָזיקע געפיל אינאײנעמ מיטנ פאַרדראָס פונ גערגעלעס אנטרונענע ווערנ האָבנ ווײכ געמאַכט זײַנ האַרצ און באַנעצט זײַנע אויגנ. אָפּגעקערעוועט דעמ קאָפּ אַפּ א זײַט, ביכדיי זײַנע ברידער זאָלנ עס ניט באַמערקנ, האָט ער אָפּגעווישט א טרער און האָט שטילערהײט זיכ אָפּגעזעגנט דאָס לעצטע מאָל מיטנ שטעטעלע: „זײַ געזונט וואָראָנקע, זײַ געזונט!"...

23. די נעסיע

די רײַזע בא מײער־וועלוול באַלעגאָלע אינ בויד. — פילאָזאָפישע געדאַנקענ. — די ערשטע סטאַנציע אינ וועג — באַרישפּאָלי. — „נעזיִקע" באַלעבאַטימ פונ דער אַכסאַניע. — א נאַכטלעגער אַפּ דער ערד. — דער העלד געזעגנט זיכ אַפּ שטענדיק מיט וואָראָנקע.

נאָר דער, וואָס איז אלײנ אויסגעוואַקסנ אינ א קלײנ שטעטל אינ איז דאָס ערשטע מאָל אַפּ זײַנ לעבנ אַרויסגעפאָרנ פונ קלײנעמ שטעטל אַפּ גאָטס וועלט, יענער וועט פאַרשטײנ און וועט מיטפילנ דעמ גליק מיט דעמ פאַרגעניגנ מיט דעמ ראַכוועס־האַנעפעש, וואָס קלײנוואַרג האָט געפילט פונ דער דאָזיקער ערשטער אָנגעלײגטער נעסיע. די ערשטע צײַט האָט מענ זיכ אינ בויד גאָר קײנ אָרט ניט געקענט געפינענ. האָט מענ זיכ אָנגעלײגט, ווי דער טאַטע צומ סײדער אַפּ דעמ העסעבעט, אָדער מע האָט אַרײַנגעלײגט די הענט אינ די קעשענעס און אויסגעצויגנ זיכ אינ דער לענג, אָדער מע האָט זיכ גאָר אויפגעשטעלט, אָנגעהאַלטנ זיכ מיט די הענט אינ די רײפנ פונעמ בײַדל. דאָס האָט שוינ מײער־וועלוול, דער באַלעגאָלע ניט געוואָלט לײַדנ. און כאָטש ער האָט געשלאָסנ מיט כעווירע בלאַט און א גאַנצנ וועג דערצײלט זײ באַלעגאָלע־מײַסעס, פונדעסטוועגנ האָט דאָס אימ ניט געשאַדט מאַפּטיִעכ צו זײַנ, אַז טאָמער וועלנ זײ אימ אַרויסרײַסנ א שטיקל בויד, וועט ער זײ אַרויסרײַסנ די קישקעס. מײער־וועלוול האָט דאָס אָפּגעזאָגט, א שמיצ געגעבנ די „סוסימ" און געפאָרנ ווײַטער.

ווער עס געדענקט דעם טאַם פֿון פֿאָרן דאָס ערשטע מאָל, דער ווייסט, וויאַזוי דער וועג לויפֿט, וויאַזוי די ערד ווערט פֿאַרשווונדן פֿון אונטער די רעדער, פֿון אונטער די פֿיס פֿון די פֿערד, וויאַזוי אַלץ שוועבט פֿאַר די אויגן, וויאַזוי סע שמעקט אַ פֿאַרשפּעטיקט גרעזל, אָדער אַ פֿאַרטשעפּעטע צווײַג פֿון אַן עלנטן בוים, וויאַזוי די פֿרישע לופֿט כאַפּט זיך אַרײַן דורך דער נאָז און דורך דעם האַלדז אינווייניק אַרײַן און גלעט, גלעט — אַ מעכײַע! און עס הייבט אײַך, און עס זינגט זיך אײַך — ס'איז אײַך גוט אָן אַן עק און אָן אַ שיר! דורכגעלאָזט אַלע הײַזער מיטן בריקל, מיט דער לעוואַדע, מיטן בעסוילעם, פֿליט איר ווײַטער און ווײַטער, און איר דערזעט הויכע „לעבעדיקע מייסים", וואָס דרייען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, עס נעמט אײַך אָן אַ פּאַכעד. צום סאָף, אַז מע קומט צו נאָענט, זעט מען, אַז ס'איז גאָר ווינט־מילן, נאָר אָט באַלד ווערן זיי אויך פֿאַרשווונדן, און איר זעט מער ניט נאָר הימל און פֿעלד, פֿעלד און הימל, און עס גלוסט זיך אײַך אַראָפּשפּרינגען פֿון וואָגן, אָדער בעסער אַרויספֿליִען פֿון וואָגן און אַרײַנשווימען אין דער דאָזיקער בלויקײַט, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סאָף. אַ פֿאַרהויגטער פֿון געדאַנקען, הייבט זיך אײַך אָן צו דרעמלען. נאָר אָט שנײַדט זיך אויס פֿאַר די אויגן עפּעס אַ גרויסע פֿור מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסן מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי, אַ באָרוועסער, מיט אַ גרויס היטל, גייט צו פֿוס, און מייער־וועלוול גריסט זיך מיטן גוי האַלב אויף גוייִש און האַלב אויף ייִדיש. דער גוי ווייסט ניט, וואָס דער ייִד זאָגט צו אים, צי גוטס, צי שלעכטס, שטייט ער אַ ווײַלע אַ פֿאַרטומלטער, דערנאָך טוט ער אַ מאַך מיטן קאָפּ און אַ מורקע אונטער דער נאָז אַ דאַנק און פֿאָרט ווײַטער, און כעוורע קליינוואַרג שיסן אויס מיט אַ געלעכטער. מייער־וועלוול, וואָס האָט אַפֿילו קיין שמייכל ניט געטאָן, דרייט אויס דעם קאָפּ צו זײַנע יונגע פֿאַרשוינדלעך: „וואָס פֿאַר אַ געלעכטער אויף אײַך, מאַמזיירים?" אַ שיינע מײַסע, נאָר אַ קורצע — ער פֿרעגט גאָר, וואָס פֿאַר אַ געלעכטער!... און אַזוי גייט עס ווײַטער דעם גאַנצן טאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון דער דאָזיקער גליקלעכער נעסיִע אין סאָף זומער.

די לעצטע טעג פֿון זומער — ווי שיין זיי זײַנען! די פֿעלדער

נאַקעט, ערטערווײַז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אַראָפּגענומען, נאָר וואו־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך א בלימל, א זאַנג, א קווייטל, אין די גוייִשע גערטענער ליגן נאָך די קאַווענעס און אַרבוזעס, וואָס דאַרפן פאַרטיק ווערן, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן מיט שטאָלץ, באַווײַזן זייערע געלע רײַכע קוטשמעס. און די גאַנצע וועלט איז נאָך פול מיט פליגעלעך און מורעשקעס, וואָס זשומען און הודען, מיט היישעריקלעך, וואָס שפּרינגען, מיט פּערכלעך און פלי־טערלעך, וואָס טראָגן זיך און וויגן זיך יאָנטעוודיק אינ־ערלופטן, און דער רייעך פון פעלד פאַרטראָגט אין נאָז אַרײַן, און די וועלט אַרום און אַרום זעט אויס אַזוי גרויס, און דער הימל אויבן אַזוי קײַלעכיק...

— קריכט אַראָפּ, מאַמזייִרים, מיר זײַנען שוין אין באָרישפּאָלי. דאָ נעכטיקן מיר אונטער, און „מירטשעמאָרגן" פאָרן מיר ווײַטער.

באָרישפּאָלי — א נײַע שטאָט. בעסער וועט זײַן, אז מיר וועלן זאָגן — א נײַ דאָרף, א גרויס דאָרף. הײַזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקע, מענטשן אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. א צופאַל, אָדער ס'איז טאַקע אַזוי, נאָר די בעוורע זײַנען געווען איבעראַשט פון דעם, וואָס דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע, די באַלעבאָסטע און זייערע פיר דערוואַקסענע טעכטער — אַלע זײַנען זיי געווען מיט לאַנגע נעז, און טאָמער איז קאַרג, האָט די דינסט נאָך א לענגערע נאָז פון זיי אַלע. דערהערט פונעם באַלעגאָלע, ווער די פאַרשווינדלעך זײַנען, האָט דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָס זיי אויפגענומען מיט קאָ־ווער, זיי אָפּגעגעבן שאָלעמאַלייכעם, געהייסן דער לאַנגנאָזיקער דינסט, זי זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר, א ווונק געגעבן צו דער לאַנג־נאָזיקער באַלעבאָסטע, זי זאָל דערלאַנגען פאַרבײַסן, און א קאָמאַנדע־ווע געגעבן צו די לאַנגנעזיקע טעכטער, זיי זאָלן אָנטאָן די שיך — זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס.

מיט די דאָזיקע באָרוועסע מיידלעך זײַנען די יונגע רײַזנדער געוואָרן א ביסל שפּעטער גאַנץ היימיש. מיט גרויס נײַגעריקײַט האָבן די מיידלעך זיך אויסגעפרעגט בא די יינגלעך, פונוואַנען און וווהין זיי פאָרן, און וויאַזוי זיי הייסן, און וויאַזוי געפעלט זיי באָ־רישפּאָלי — אַלצדינג האָבן זיי געוואָלט וויסן, אפילו וויפל יעדער

איז אלט. דערנאָך האָבן אַלע איניינעם, די יינגלעך מיט די מיידלעך, פאַרזוכט פון דער זויערער פּאַווידלע, וואָס די מומע האָדל האָט מיטגעגעבן, און די געלעכטערן זײַנען געגאַנגען ביז אין הימל אַרײַן.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּילן „קוציבאַבע" אָדער אין „זשמורקעס" — אַ שפּיל, וואָס מע פאַרבינדט איינעם די אויגן און מע לאָזט אים, ער זאָל כאַפּן וועמען ער וויל. די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק צעהיצט, און אַז ס'איז זיי געראָטן צו כאַפּן עמעצן פון די יינגלעך, האָבן זיי אים אַזוי שטאַרק געקוועטשט צו דער ברוסט, אַז ס'איז יענעם שיר די נשמה ניט אַרויס...

באַנאַכט האָט מען די געסט באַלייגט אַף דער ערד, מיט היי אויסגעבעט, און ביכדיי זיי זאָלן זיך ניט געפינען באַליידיקט, האָט זיי די לאַנגנאָזיקע באַלעבאָסטע באַוויזן, אַז איינעם צווייטן ווינקל פון עם זעלבן בײַדער ליגן אירע טעכטער אויך אַף דער ערד „און וואַקסן פונדעסטוועגן, קיין אײַנאָרע, גאַנץ נישקאָשעדיק", האָט זי צעגעלייגט און אויסגעשנײַצט די לאַנגע נאָז. כעוורע וואָלטן דעם דאָזיקן געלעגער אָנגענומען מיט פאַרגעניגן, ווען זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די מיידלעך אויסצוטאָן. און די מיידלעך האָבן זיך דאַפּקע ניט געשעמט און האָבן גאַנץ גרינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָפּטלעך; געבליבן באָרוועסע אין אין איינע קליידלעך, מיט נאַקעטע העלדזער, האָבן זיי צעלאָזט די האָר און מאָדנע איבערגעקוקט זיך, געוואָרפן אַף די יינגלעך מיט די אויגן און געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

— לאָז זײַן שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער באַלעבאָס און האָט אויסגעלאָשן דעם הענגלאָמפּ. עס האָט זיך אָבער אין דער פינצטער נאָך געהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון ביידע צדאָדים און אַ שאָרך פון היי. אָבער ניט לאַנג, וואָרעם ס'איז געקומען דער געזונטער יונגער אומשולדיקער שלאָף און האָט צוגעשלאָסן די געזונטע יונגע אומשולדיקע אויגן.

די „בראָכעס" פון אינדערפרי, וואָס דער באַלעבאָס האָט געזונגען מיטן געווייסן ניגן, האָבן אָנגעזאָגט די קינדער, אַז ס'איז שוין טאָג און אַז מע דאַרף פאָרן קיין פּערעיאַסלעוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי אַ ברי געגעבן און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט סימכע און מיט טײַנעג. מייער־וועלוול באַלעגאָלע האָט צונויפגעלייגט דעם טאַלעס

און טפילן, און דאָס פּנים האָט אים געשײַנט, ווי בײַ אַ צדיק. דערנאָך איז ער אוועק שפּאַנען די „סוסים". דאָרט האָט ער זיך אויסגעטײַנעט מיט „מורדיקן", מיט „טענצערן" און מיט דער „יאַכסנטע" אויף זײַן לאָשן, אײַנגעטיילט יעדן באַזונדער. נאָר דעם גרעסטן כיילעק האָט באַקומען טענצער, דערפֿאַר, ער זאָל ניט טאַנצן דעמלט, ווען מע שפּילט ניט...

די זון האָט אַראָפּגעשײַנט, און דער גאַנצער הויף איז געווען ווי אײַנגעטונקען אין גינגאָלד, און בריליאַנטן האָבן געפֿינקלט און געשפּילט זיך אומעטום — בריליאַנטן, דימענטן! אַפֿילו די קופּע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דורכן גאַנצן זומער, און עפּשער דורך צוויי זומערן, איז געווען מיט גאָלד באַדעקט. און ווער שמועסט, דער האָן מיט די הינער, וואָס האָבן זיך דאָ געפּאָרעט אויף דער קופּע, — די האָבן אויסגעזען ביזן לעצטן פֿעדערל „זהב טהור".* זייער קוואָקען האָט געגלעט. זייער שאַרן מיט די פּיסלעך האָט געהאַט דעם זיבעטן כיין. און אַז דער געלער האָן איז אַרויף אויף דער קופּע און האָט צוגעמאַכט די אויגלעך און האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן, שיינעם קאָפּלשמוינעדיקן „קוקאַריקו" אויף זײַן כאַזאַנישן שטייגער, האָט זיך דערפֿילט די שיינקייט פֿון דער וועלט.

— קריכט אין וואָגן אַרײַן, מאַמזיירים. מיר האָבן נאָך אַ טאָג צו פֿאָרן! — האָט מייער־וועלוול זיי צוגעטריבן, באַצאָלט פֿאַר היי און האָבער און געזעגנט זיך מיט די באַלעבאַטים פֿון דער סטאַנציע. כעוורע האָבן זיך אויך גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט מיט דער לאַנגנעזיקער מישפּאָכע, אַרײַן אין בויד אַרײַן. און אַ נײַע פֿרישקייט, אַ נײַע זיסקייט, אַ נײַע ראַכוועס האָט זיי אונטערגעכאַפּט און אַרומגענומען פֿון אַלע זײַטן, באַלד נאָך דעם ווי דער וואָגן האָט טרייסלענדיק זיך אַרויסגעקאַטשעט פֿון באָרישפּאָלי און אַרויסגעפֿאָרן ווידער אויף דער ברייטער וועלט פֿון פֿעלדער און גערטנער, פֿון זאַמד און פֿון וואַלד און פֿון הימל און ווײַטער הימל. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן אַ ביסל צו פֿיל הימל. עס האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צועסן זיך — ניט אַזוי דער הימל, ווי דאָס פֿאָרן, און ניט אַזוי דאָס פֿאָרן, ווי דער

---

*) „זאַהאַוו טאַהויר" — ריין גאָלד. — ר ע ד.

באַלעגאָלע מייער־וועלוול מיט זײַנע מײַסעס. און אַזוי האָט אָנגעהויבן פּויקן אין קאָפּ, שווינדלען אין די אויגן און שטעכן אין די זײַטן פֿונעם טרייסלען, וואָס האָט געטרייסלט, און פֿונעם וואַרפֿן, וואָס האָט געוואָרפֿן. טער־טער־טער־טער! עס האָט אויסגעוויזן, אַז ס'וועט אייביק אַזוי טערקען, עס וועט גאָר קיינמאָל ניט אויפֿהערן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן וועלן אַראָפּקריכן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בענקען נאָך דער ערד, בענקען אַהיים, בענקען נאָכן שטעטל, נאָך וואָראָנקע. און דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע האָט זיך פֿאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע בײַ מייער־וועלוולען אין בויד, אָפּגעזיפֿצט פֿון דער גרינג און מיט האַרצ געזעגנט זיך מיט דעם נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געשעפּטשעט שטילערהייט, זײַנע ברידער זאָלן ניט הערן:

— זײַ געזונט, וואָראָנקע! זײַ געזונט, זײַ געזונט!..

24. אין דער נײַער היים

פּערעיאַסלעוו אַ קראַך. — אַ קאַלט באַגעגעניש. — דאָס זילבער איז פֿאַרזעצט, פּאַרנאָסע געשלאָגן. — דער טאַטע איז פֿאַרזאָרגט.

נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, וואַרפֿן זיך און קאַטשען זיך, און אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, און אָנגעהערט זיך מיט באַלעגאָלע־מײַסעס, האָבן די יונגע רײַזנדער אָפּן צווייטן טאָג פֿאַרנאַכט דערפֿילט, אַז זיי זײַנען שוין אָט־אָט אינדערהיים. נאָך אַ בײַסעלע, און עס האָבן זיך אין דער פֿינצטערער נאַכט אָנגעהויבן באַווײַזן קליינע פֿײַערלעך — סימאָנים פֿון אַ שטאָט. דערנאָך האָבן די רעדער געגומענע קלאַפּן איבער שטיינער, און די בויד האָט גע־טראַסקעט נאָך ערגער ווי פֿריִער. דאָס איז שוין געווען די עמעטע שטאָט, די גרויסע שטאָט פּערעיאַסלעוו, מיט אַ ראַש און מיט אַ האַרמידער האָט זיך מייער־וועלוולס בויד צוגעקאַטשעט צו אַ פֿינצטערן הויף, ווו ס'איז געהאַנגען איבערן טויער אַ פֿאַרוויכערטע לאַמטערנע מיט אַ בעזעמל פֿון היי — אַ סימען פֿון אַן אײַנפֿאָר־הויז.

אַז זייערע עלטערנס פּאַרנאָסע איז איצט אַן אײַנפֿאָר־הויז —

דאָס איז פאַר די קינדער געווען אַ סורפּריז און אַ באַליידיקונג. סטאַטש, זייער טאַטע נאָכעם וועט אופנעמען געסט? זייער מאַמע כאַיע־עסטער וועט קאָכן פאַר זיי וואַרעמעס? זייער באָבע מינדי וועט זיי באַדינען? קיין שטאַרקערן אַראָפּפאַל, קיין גרעסערן ביזיון האָבן זיי זיך ניט געקענט פאַרשטעלן. און דער טרוימער שאָלעם, וואָס האָט שטענדיק געכאָלעמט פון בעסערע צײַטן, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זײַן אוצער, האָט דערנאָך אין דער שטיל געטרויערט, געוויינט אין דער פאַרבאָרגעניש און שטאַרק געבענקט צוריק צום ליבן קליינעם וואָראָנקע. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָבן די גרויסע געהאַט געזאָגט: מעשאַנע מאָקוים — מעשאַנע מאַזל? אַ שיינער „מעשאַנע מאָקוים — מעשאַנע מאַזל" — ניטאָ וואָס צו ריידן!...

— קריכט אַרויס, מאַמזיירים, מיר זײַנען שוין געקומען! — אַזוי האָט מייער־וועלוול אָנגעזאָגט די בשורה, נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַ לאַנגן „טפּררררו" זיך אָפּגעשטעלט באַם גאַנעק פונעם אײַנפאָרהויז.

צעבראָכענע, צעלאָמטע און הונגעריקע, האָבן בעודרע גענומען אײַנציקווײַז אַרויסקריכן פון בויד און אויסגלײַכן זיך די ביינער. גיך האָט זיך געעפנט די שטוב־טיר, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אָפן פינצטערן גאַנעק פיגורן, איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס מע האָט זיי אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געקאָנט דערקענען נאָר נאָכן קאָל. די ערשטע פיגור איז געווען אַ הויכע און אַ ברייטע. דאָס איז געווען די באָבע מינדי. זי האָט אויסגעצויגן דעם אַלטן קאָפּ און אַ זאָג געגעבן: „אָ! געלויבט ביסטו גאָט, זיי זײַנען שוין געקומען". די צווייטע פיגור איז געווען אַ קליינטשקע, אַ זשוואַווע. דאָס איז געווען די מאַמע כאַיע־עסטער. זי האָט ווי יע פרעג געגעבן עמעצן אַ דריטן: „שוין געקומען"?—„שוין געקומען"!— האָט איר אָפּגעענטפערט מיט פרייד אַ דריטע פיגור, אַ לאַנגע און יע דינע. דאָס איז געווען דער טאַטע, רעב נאָכעם וועוויקס, איצט שוין רעב נאָכעם ראַבינאָוויטש (אין דער גרויסער שטאָט האָט מען דעם זיידנס וועוויק געביטן אויף ראַבינאָוויטש).

אַ באַגעגעניש איז דאָס געווען ניט אַזאַ, ווי די קינדער האָבן גע־

וואָרט. מע האָט זיכ אפילע צעקושט, נאָר קאַלטלעכ. דערנאָכ האָט מענ זיי א פרעג געגעבנ: „ס'מאכט איר?" וואָס קאָנ מענ ענטפערנ דערויפ? — „גאָרנישט"... די ערשטע איז געוועזנ די באָבע מינדי. וואָס האָט זיכ דערמאָנט, אז די קינדער קאָנענ וועלנ עסנ. „איר זײַט הונגעריק?" נאָכ א מינ הונגעריק! „איר'ט עפּעס עסנ?" נאָכ א מינ עסנ! „מינכע־מײַרעוו געדאַוונט?" נאָכ א מינ דאַווענענ!...

די מאמע האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ אינ קיכ מאכנ עפּעס עסנ, אונ דער טאטע האָט דערווײַל פאַרהערט די קינדער, ווו זיי האַלטנ אינ לערנענ, אָ, זיי האַלטנ ווײַט! נאָר וואָס דרייט מענ זיי א מויעכ, אז עס ווילט זיכ גאָר באַטראַכטנ די נײַע הײם, די נײַע שטוב?

אונ זיי בויגנ דעמ קאָפּ אופ אַלע זײַטנ אונ קוקנ זיכ ארומ, ווו זיי זײַנענ אינ דער וועלט. זיי דערזענ פאר זיכ א גרויסע, נאָר א סומנע, א נארישעוואטע שטוב מיט א סאכ כאַדאָרימלעכ, איבערגעצוימט מיט דינע ברעטלעכ. דאָס זײַנענ כאַדאָרימ פאר אָרכימ, אונ אָרכימ—ניט איינער. אינ מיטנ שטוב איז א זאַל. אינ זאַל האָבנ כעוורע דערקענט דאָס גאַנצע וואַראַנקעווער מעבל: דעמ קײַלעכיקנ רויטנ טיש אופ דרײַ לאַפּעס, די אַלטע פאַנירטע רויטע קאַנאַפּע מיטנ אויסגעטרייטנ געזעס, דעמ קײַלעכיקנ פאַנירטנ רויטנ שפּיגל מיט די צוויי אויסגעשניצטע הענט פונ אויבנ, ווי בא קוהאַנימ צומ דוכענענ אונ די גלעזערנע שאַפע, פונוואַנענ עס האָבנ ארויסגעקוקט נאָר די פּייסעכדיקע פילפאַרביקע מעלער, דאָס זילבערנע כאַנעקע־לעמפּל מיטנ אַלטנ זילבערנעמ האָדעס־בעכער, וואָס איז געמאַכט געוואָרנ ווי אנ עפּל אופ א גרויסער צווײַג מיט בלעטלעכ. די אַלע איבעריקע זילבערנע געגילטע קויסעס, בעכער, בעכערלעכ, גאָפּלענ, מעסערס אונ לעפל אינ דאָס גאַנצע זילבער — איז ניט געוועזנ שוינ מער. ווו איז דאָס אהינגעקומענ? ערשט העט שפּעטער, אינ א צײַט ארומ, זײַנענ זיי געוווירע געוואָרנ, אז טאַטע־מאַמע האָבנ עס אינײַנעמ מיט דער מאַמעס פּערל אונ צירונג פאַרזעצט בא א פּערעיאַסלעווער נאָגיד אונ ניט געקאָנט שוינ מער אויסקויפנ קיינמאָל.

— גייט, וואַשט אײַכ! — זאָגט די באָבע מינדי נאָכדעמ ווי די מאַמע כאַיע־עסטער האָט געבראַכט צו טראָגנ פונ קיכ עפּעס ניט אזא געהויבענע וועטשערע: צוגעוואַרעמטע קאַשע מיט פאַסאָליעס,

און דאָס האָרפ מען עסן מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקן! די מאַמע אַליין שנײַדט דאָס מיט אַ מעסער און טיילט אויס יעדן זײַן ביילעך — דאָס איז בײַ זיי קיינמאָל ניט געווען. אַ קאַפּצאַנישער מינהעג!.. און דער טאַטע זיצט בײַ דער זײַט און הערט ניט אויף צו עקזאַמענירן, ווי האַלט מען אין טאַנאַך. דער טאַטע זעט אויס צופרידן. די קינדער האַלטן ווײַט. און ווער שמועסט, דער מיטלסטער, שאָלעם, דער איז קלאָר באַלפּע, קאָן זאָגן גאַנצע קאַפּיטלעך יעשײַע אויף אויסווייניק, ווי אַ וואַסער.

— נו, גענוג שוין, לאָזן זיי גיין שלאָפֿן! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט פון טיש און פאַרשליסט דאָס אין שאַפע. דאָס איז אויך ניט געווען בײַ זיי דאָרטן אין וואָראָנקע. דאָס איז גאָר אַ מיעסער מינהעג!..

עס איז שווער צו זאָגן: צי ווײַל דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער און מע איז געווען צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך, אָדער עפשער דערפאַר, וואָס דאָס באַגעגעניש איז געווען עפעס ניט אַזוי בעריק פרײַנטלעך און די אויפנאַמע קאַפּצאָניש — נאָר די נײַע היים, וואָס בעוורע האָבן וועגן איר אַזויפיל געכאָלעמט, האָט ניט געפעלן בײַ זיי אין די אויגן יענעם ביין, וואָס זיי האָבן געמיינט און געוואָלט. צופיל האָבן זיי, אויפֿפּאַנעם, געוואָרט פון דעם, — דעריבער האָבן זיי זיך געפילט ווי אָפּגעשמיסענע און זײַנען געווען צופרידן, אַז מע האָט זיי געהייסן לייענען קרישמע און גיין שלאָפן.

ליגנדיק דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבעט אויף דער ערד, אַלע קינדער איינינעם, אין אַ גרויסן פינצטערן ביידער און שום מעבל — אַ מין דורכגאַנג־ביידער פון זאַל אין קיך אַרײַן, — האָט דעת העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. אין זײַן קאָפּ האָבן זיך נעבאָמבלט אַלערליי מאַכשאָוועס און געדאַנקען מיט קאַשעס, קאַשעס און קאַשעס: פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פינצטער און אומעטיק? פאַרוואָס זײַנען דאָ אַלע אַזוי זאַרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאַמען, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי קאַרג? וואָס איז דאָס מיטן טאַטן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי אַנגעבויגן, סוטולעוואַטע און אַזוי שטאַרק פאַרעלטערט, אַז עס קלעמט דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף זײַן געל־געקנייטשט פּאָנעם? ניט שוין זשע

איז דאָס אַלצדינג נאָר צוליב דעם, וואָס מע האָט געזאָגט אין וואָ־ראַנקע, אַז די פּאַרנאָסע איז געשלאָגן? ניט שוין זשע איז אָט דאָס דער „מעשאַנע מאָקוים — מעשאַנע מאַזל"? וואָס טוט מען דערצו? דערצו איז — דער אויצער. אַך, ווען ער ברענגט מיט זיך כאָטש אַ קליינעם ביילעק פון יענעם אויצער, וואָס ליגט באַהאַלטן אין וואָ־ראַנקע!...

דערמאָנט זיך אינעם אויצער, קומט אים אַפן זינען זײַן כאַווער שמוליק דער יאָסעם מיט זײַנע וווּנדערלעכע מײַסעס וועגן שיינע אויצ־רעס פון גאָלד און זילבער, דימענטן און בריליאַנטן, וואָס געפינען זיך אין גאַניידן האַטאַכטן, און וועגן יענעם אויצער, וואָס געפינט זיך אַף יענער זײַט וואָראָנקעווער בעסמעדרעש נאָך פון כמעלניצקיס צײַטן... און עס כאָלעמען זיך אים אויצרעס, גאָלד און זילבער, די־מענטן און בריליאַנטן. און זײַן כאַווער שמוליק קומט אים צו כאָ־לעם, דער ליבער שמוליק מיט זײַן כיינעוודיקן פּאָנעם, מיט זײַנע גלאַנצנדיקע, מיט פעטן אָנגעשמירטע האָר. און עס מאָלט זיך אים אויס, אַז ער הערט זײַן ווייכן הייזעריק קאָל, ווי ער רעדט צו אים זיס־פרײַנטלעך, ווי אַן אַלטער, און ווי ער טרייסט אים מיט גוטע ווער־טער: „זאָרג ניט, שאָלעמאָני טײַערער, אָט האָסטו פון מיר אַ מאַ־טאָנע — אַ שטיין פון יענע צוויי שטיינער; קלײַב דיר אויס וועלכן דו ווילסט — דעם שטיין, וואָס הייסט „יאָשפע", אָדער דעם שטיין, וואָס הייסט „קאַדקויד"... שאָלעם איז אין פאַרלעגנהײַט. ער ווייסט ניט, ער האָט פאַרגעסן, וועלכער שטיין איז בעסער — דער שטיין, וואָס הייסט „יאָשפע", אָדער דער שטיין, וואָס הייסט „קאַדקויד"? און אַזוי ווי ער טראַכט דאָ אַזוי, שפּרינגט אונטער גערגעלע גאַנעוו, כאַפּט אויס ביידע שטיינער און ווערט מיט זיי פאַרשוווּנדן. און פּי־ניעלע שימעלעס — פונוואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער? — האַלט די הענט אין די קעשענעס און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. „פּיניעלע, וואָס לאַכסטו?" — „פון דײַן מומע האָדל מיט איר פּאָ־ווידלע — כאַ־כאַ־כאַ!"...

שטייט אויף בעוורע פלעצל! זע נאָר, ס'איז זיי גאָר ניט צו דערוועקן! מע האַרף אַרויסטראָגן דעם העקדעש! מע דאַרף קאָכן וואַרעמעס! און זיי שלאָפן — אַ זיסער שלאָף אַף זיי! — קלאָגט זיך די מאַמע באַיע־עסטער, אַ קליינימשקע, אַ זשוואַווע, אַ פאַרפּאַ־

ריטע, א פאַרטאַראַמטע פֿון דער אַרבעט אין שטוב און אין קיך — איין מענטש אַליין.

— אי־אָ־נו, דאַוונען! — העלפֿט איר אונטער די באָבע מינדי, האַלט א קאַרבנמינכע אין האַנט און מישט א בלעטל נאָך א בלעטל און זאָגט מיט קאַוואָנע, טאָר ניט מאַפסיק זײַן.

— נאָכן דאַוונען וועט איר זיך דורכגיין צו דער מישפּאָכע אָפּגעבן אַלעמען שאָלעמאַלײכעם, און אין כיידער וועט איר שוין אָנהייבן גיין, אימירצעשעם, נאָך יאָנטעוו.

אַזוי ליגט צו דער טאַטע ווייכער פֿון אַלע. ער גייט אָנגעטאָן אין עפּעס א מאָדנע כאַלאַטל, אַף קעץ אונטערגעשלאָגן, כאָטש ס'איז נאָך וואַרעם אין דרויסן, און אַן אײַנגעהויקערטער, א פאַרזאָרגטער, פאַרציט ער זיך מיט א שטאַרקן פּאַפּיראָס און זיפֿצט אַזוי טיף, אַז עס רײַסט אויס א שטיק האַרץ. עפּעס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז גאָר קלענער געוואָרן. עלטער און קלענער... און עס ווילט זיך לויפֿן פֿון שטוב אַרויס וואָס גיכער, לויפֿן אין דרויסן אַרויס, אָנקוקן די שטאָט, זיך באַקענען מיט דער מישפּאָכע.

25. די גרויסע שטאָט

מע גייט באַקענען זיך מיט דער מישפּאָכע. — די מומע כאַנע מיט אירע קינדער. — עליע און אורעמל פֿאַרהערן דעם העלד, ווו ער האַלט אין מאַנאַך. — באַם פֿעטער פּיניע פֿאַרהערט מען אים אין שרײַבן.

אַף וויפֿל די שטאָט האָט באַנאַכט אויסגעוויזן וויסט און פֿינצטער, אַף אַזוי־פֿיל האָט זי אינדערפֿרי געשײַנט און געבלישטשעט און געפֿונען כיין און לײַטזעליקײַט אין די אויגן פֿון די וואָראָנקעווער יינגלעך, די קליינשטעטלדיקע קינדער, וואָס האָבן געכאַפּט היספּײַלעס פֿון איטלעכס בריקל און טורעם. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַף זייער לעבן ניט געזען, אַז גאַסן זאָלן זײַן אַזוי ברייט און לאַנג און האָבן פֿון ביידע זײַטן הילצערנע „פּעשעכאָדן" (טראָטואַרן); אַז שטיבער זאָלן זײַן געדעקט מיט בלעך; אַז פֿענצטער זאָלן זײַן פֿון דרויסן

מיט געפּאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדן; אַז קלייטן זאָלן זײַן געמויערטע פון ציגל און האָבן אײַזערנע טירן. הײַנט דער מאַרק, די קלויסטערס און, לעהאַוודל, די באָטעמעדראָשים מיט די שולן, און אַפילע די מענטשן — אַלע און אַלץ איז אַזוי גרויס און אַזוי שיין און אַזוי ריין און אַזוי יאָנטעווודיק־פרייליכע! ניין, פיניעלע שימעלעס האָט ניט מעגאַזעס געווען, אַז ער האָט דערציילט „וווּנדירים" פון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט! אַזוי ווי אַף רעדלעך האָבן זיך געגליטשט זייערע פיס איבער די הילצערנע „פּעשעכאָדן", גייענדיק מיטן טאַטן צו דער מישפּאָכע זיך באַקענען און אָפּגעבן שאָלעם. און נאָר ווײַל דאָ איז געווען דער טאַטע, האָבן זיי פאַר דערכעררעץ ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן אַף יעדן טריט און באַוווּנדערן די כידושים וועניפלאָעס, וואָס זייערע אויגן האָבן דערזען. ווי דער שטייגער איז, איז אַפּצופּריִער געגאַנגען דער טאַטע, און די קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, פון הינטן.

אַרײַנגעטראָטן אין אַ גרויסן הויף און דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסן גלעזערנעם ליכטיקן קאָרידאָר, איז מען אַרײַנגעקומען אין אַ רײַכער פּריצישער שטוב מיט געווּקסלטע פּאָדלאָגעס, ווייכע קאַנאַפּעס און שטולן, הויכע ביז דער סטעליע שפּיגלען, געשניצטע שאַפּעס, גלעזערנע קאַנדעליאַברעס אַף דער סטעליע, מעשענע העסעס אַף די ווענט — און עמעצער „פּאַלאַץ", אַ „דירע־מעלוכע"!

דאָס איז געווען דער מומע כאַנעס שטוב — אַ מאָדנע שטוב. אַ שטוב אָן אַ טאַטן (די מומע כאַנע איז אַן אַלמאָנע). די קינדער האָבן ניט געהערט זייער מאַמע, ניט זייער רעבן, ניט קיינעם. אַ קליינע אַנאַרכיע. איטלעכער האָט זיך געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. און אַלע צווישן זיי האָבן געהאַלטן אין איין קריגן זיך, געגעבן איינע דאָס אַנדערע צונעמענישן, און געלאַכט האָט מען הילכיק, אַז געררעדט האָבן אַלע אינאיינעם, און געטומלט אַזוי שטאַרק, אַז דער קאָפּ האָט זיך אײַך געדרייט.

די מומע כאַנע אַליין — אַ ייִדענע אַ הויכע, אַ גרויסאַרטיקע. עס וואָלט איר אָנגעשטאַנען צו זײַן אַ גראַנד־דאַמע, פון די, וואָס שמעקן טאַבעקע פון אַ גאָלד־פּושקעלע, אַף וועלכן ס'שטייט אויסגעמאָלט אַ פּרינצ פון די אַמאָליקע פּרינצן, מיט אַ גרוי צעפּל און מיט

זײַדענע זאַקן. די מומע כאַנע איז געװען, װײַזט אױס, אַמאָל אַ יעפּאַסטויאַר. דאָס איז צו זען נאָך די טעכטער: זעלטענע־זעלטענע שײנהײטן.

װי נאָר קלײנװאַרג זײַנען אַרײַנגעקומען, אַזױ איז געװאָרן אַ טומל, אַ געשרײ און אַ געפּילדער:

— אָט דאָס זײַנען זײ? אָט דאָס איז ער, דער באַל־טאַנאַכ? אַנו, קום נאָר אַהער, שעם זיך ניט! זעט נאָר, װי ער שעמט זיך עס אַ ביסל, כאַ־כאַ־כאַ!

דער טאַטע האָט זיך, אַפּאַנעם, ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פון צו געבן זיך אַ באַרים מיט זײַן זון, אַז ער איז אַ גוטער באַל־טאַנאַכ, האָט מען אים געקרוינט דאָ טאַקע באַלד אָפן אָרט מיטן נאָמען: „באַל־טאַנאַכ”.

— גיס אָן דעם באַל־טאַנאַכ אַ גלעזל טײ און גיב אים אָן עפּל מיט אַ באַר. לאָז ער פאַרזוכן, דער באַל־טאַנאַכ, אונדזערע פערעיאַסלעװער אויבסטן.

— שאַט, װײסט איר װאָס? לאָז מען אַרײַנרופן אַהערצו עליען מיט אורעמלען, װעלן זײ אים פאַרהערן. — און מע האָט אַרײַנגערופן עליען מיט אורעמלען.

עליע און אורעמל זײַנען שױן היפּשע באָכערים מיט פּײַנע בערדלעך און קערן זיך אָן צו דער מומע כאַנעס מישפּאָכע פון איר מאַנס צאַר. זיצן אַ הויפּ קעגן אַ הויפּ. זײער פאָטער, ייִצכעקיאַנקל, איז אַן אָפּגעקומענער נאָגיד, לאָדט זיך קאָל־יאָמאָװ מיט „קאַזנאַ”, טראָגט אַן אױרינגל אין לינקן אויער, אַ שײנע קײַלעכיקע באָרד, קוקט ניט אָפּ קײנעם, רעדט ניט מיט קײנעם, און שטענדיק שמײכלט ער מיט אַזאַ מינע, װי אײנער רעדט: „װאָס האָב איך מיט אײַך צו שמועסן, אַז איר זײַט אַלע בעהײמעס?”

די אַרײַנגעקומענע באָכערים האָבן גלײַך, אָן צערעמאָניעס, אַ נעם געגעבן דאָס װאָראָנקעװער באָכערל צום עקזאַמען, אים פאַרהערט אין טאַנאַכ אָפּ אויסװײניק פון אײן עק ביזן אַנדערן. און מע דאַרף מודיע זײַן, אַז דאָס װאָראָנקעװער באָכערל האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן גאָר־גאָר גלענצנדיק. ער האָט ניט נאָר געטראָפן איטלעכס װאָרט, װו עס שטײט, אין װאָסער אַ קאַפּיטל, אין װאָסער

פּאָסעק, נאָכ אפילע געזאָגט, ווו ס׳געפינענ זיכ אַלע איבעריקע ווערטער פונעמ זעלבנ שוירעש. דער טאטע האָט געקוואָלנ, נעקליבנ טײַנעג, מאמעש געוואָרנ ברייטער ווי לענגער. דאָס פּאָנעמ זײַנס האָט אימ געשײַנט. די קנייטשנ, וואָס אפנ שטערנ, האָבנ זיכ אויסגעגלײַכט, אונ אַליינ האָט ער זיכ עפּעס ווי אויסגעגלײַכט, געוואָרנ גאָר אנ אנדער מענטש.

— אז ס׳איז יאָ אזוי, לאָז מענ געבנ דעמ באַל־טאַנאַכ נאָכ אנ עפּל אונ נאָכ א באַר אונ נאָכ נִיס, אונ קאָנפעקטנ, קאָנפעקטנ! —

האָבנ דער מומע כאַנעס טעכטער די יעפּאַסטויאַרס געקאָמאַנדעוועט, אונ דער נאָמענ „באַל־טאַנאַכ" איז אימ פארבליבנ אפ א לאַנגע צײַט ניט נאָר אינ דער מישפּאָכע — מע האָט אימ שוינ דערנאָכ אינ בעסמעדרעש, צווישנ יינגלעכ קונדייסימ, אנדערש ניט גערופנ, ווי „דער וואָראָנקעווער באַל־טאַנאַכ". אויכ די גרויסע, ווער עס האָט נאָר געהאט גאָט אינ הארצנ, דער האָט אימ געכאַפּט פאר אנ אויער „זאָג נאָר, דו קליינער באַל־טאַנאַכ, ווו שטייט ערגעצ אָט דער אונ דער פּאָסעק?"

דעמ באַל־טאַנאַכ איז שטארק געפעלנ געוואָרנ דער מומע כאַנעס שטוב מיט דער מומע כאַנעס קינדער, פּיניע מיט מאָכעס, צוויי יינגלעכ שקאָצימ, מיט וועלכע ער איז גיכ געוואָרנ כאַווער. עס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אז קיינ שענערע אונ קיינ רײַכערע שטוב, ווי דער מומע כאַנעס, איז ניט נאָר אינ פּערעיאַסלעוו, נאָר אפ דער גאנצער וועלט ניטאָ. וואָרעמ ווו האָט איר געזענ, אז עפּל זאָל מענ שלעפּנ פונ א פּאַס, ניסלעכ פונ א זאַק אונ קאָנפעקטנ פונ א טאָרבע?...

גאנצ אנדערש האָט אויסגעזענ דעמ פעטער פּיניעס שטוב. א שטוב א יידישע, מיט א סוקע, מיט א. סאַכ ספּאָרימ, גאנצ שאַס.* א זילבערנ כאַנעקע־לעמפּל, א לאַנגע וואַקסענע האַוודאָלע. נאָר ווי קומט עס צו דער מומע כאַנעס? א פרומע שטוב. אַלע זײַנענ דאָרטנ פרומ. אזוי ווי דער פעטער פּיניע, אזוי זײַנענ זײַנע קינדער... די זינ אינ לאַנגע קאַפּאָטקעלעכ ביז צו דער ערד, מיט ארבעקאַנפעסנ לאַנגע ביז די קניִעס. די טעכטער — צניִעסדיק אָנגערוקט די פאטשיילעס איבערנ

*) שאַס — אַלע בענדער (מעסיכטעס) פונ טאַלמוד. — ר ע ד.

פּאָנעם, קוקן ניט קיין פרעמדן גלייך אין די אויגן אַריין, נאָר אַז מע דערזעט א פרעמדן, ווערט מען רויט, ווי א צוויק, און מע לאַכט אפ קרעדיט. די מומע טעמע, א יידענע א פרומע מיט ווייסע ברעמען, און בא דער זייט איר מאמע — צוויי טראָפּנס וואסער די מומע טע־מע, גאָרניט צו דערקענען, ווער ס'איז א מאמע, ווער ס'איז א טאָכ־טער, ווען די מאמע זאָל ניט טרייסלען מיטן קאָפּ: ניין, ניין.

דאָ, באם פעטער פיניען, האָט דער טאטע נאָכעמ שוין ניט בא־רימט זיך מיט זיין באל־טאנאכ. אין דער דאָזיקער שטוב האלט מען ניט פון טאנאכ. ווער לערנט טאנאכ? טאנאכ לערנען אפּיקאָרסים. דערפאר האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאלטן פון בארימען זיך מיט זיינע קינדערס קסאוו. זיינע קינדער, האָט ער געזאָגט, שרייבן, אַז עס לאָזט זיך אוים די וועלט.

— אָט דער קליינער,—האָט ער א וויַז געגעבן אפן באל־טאַ־נאַכ, — האָט א הענטל, א קאַסווערבע!

— אנו, וויַזט נאָר אַהער א טינט און פען! — האָט דער פּע־טער פיניע א שאפּ געגעבן און האָט פארקאטשעט די ארבל פון ביי־דע הענט, גלייך ווי ער אליין באַדאַרף עפּעס טאָן אַ ארבעט. — א טינט און פען זאָל מיר באשאפן ווערן, וועלן מיר אים פאַרהערן שרייבן, אָט דעם „קאַסווערבע". אָבער גיך און באַלד!

דעם פעטער פיניעס באפעל איז געווען א באפעל פון א שטרענגן גענעראל, און אלע קינדער, די יינגלעך מיט די מיידלעך, האָבן זיך א וואָרף געגעבן אין אלע ווינקלעך נאָכ א טינט און פען.

— א שטיקל פאפיר! — האָט אויסגעקאָמאנדעוועט ווידער דער גענעראל. ס'איז אָבער ניט געווען אין ערגעץ קיין איבעריק שטיקל פאפיר.

— שאט! ווייסט איר וואָס? לאָז ער אָנשרייבן אָט דאָ אפ מיין סידערל.

אפ דער דאָזיקער האמצאָע איז געפאלן דעם פעטער פיניעס יינ־גערער זון, איצל, א טשיקאווע באָכערל מיט א שפּיצעכיק קעפּל און מיט א לאַנג נעזל.

— נעמ שרייב! — האָט דער טאטע באפוילן צו זיין „באל־טאַ־נאַכ".

— וואָס זאָל איך שרײַבן?

— שרײַב, וואָס דו ווילסט.

אײַנגעטונקען די פען, האָט דער באַל־טאַנאַב, אָדער דער „קאָס־יוערעבע", א ביסל א טראַכט געגעבן, ניט געהאַט וואָס צו שרײַבן, כאָטש גיב זיך אָן א מײַסע! דעם פעטער פיניעס הויז־געזינד האָט שוין מיסטאָמע איבערגעטראַכט, אַז דער „קאָסעווועראַבע" קאָן שרײַבן נאָר דעמלט, ווען מע זעט ניט. נאָר דאָ איז אים געקומען אויפן זיקאָרן דאָס, וואָס קימאַט אויף יעדן ייִדישן סייפער פלעגט יענע יאָרן שטיין געשריבן, און שאָלעם האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבל, געגעבן א דרײ מיט דער האַנט, אײַנגעטונקען נאָכאַמאָל די פען און אין עטלעכע מי־נוט אַרום איז געווען אָנגעשריבן אָט וואָס:

„אעפ"י שאסרו חכמים לכתוב על הספר, אלא משום סימן בעלמא מותר".

אויף ייִדיש וועט דאָס הייסן אַזוי גוט ווי:

„כאָטש אַפילו אויף א סייפער שרײַבן טאָר מען ניט, נאָר צוליב א סימען מעג מען".

דאָס איז געווען א מין האַקדאָמע, נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיקע באַקאַנטע אויפשריפט:

„זה הסדור שייך. למי שייך? למי ששייך שייך. פארט למי שייך? למי שקנה. מי קנה? מי שקנה קנה. פארט מי קנה? מי שנתן מעות. מי נתן מעות? מי שנתן נתן. פארט מי נתן? מי שהוא נגיד. מי נגיד? מי שהוא נגיד נגיד. פארט מי נגיד? הנגיד ה'ה הבחור המפורסם מוהר"ר יצחק בהרב הנגיד המפורסם מוהר"ר פינחס ראבינאָוויטש בק"ק פערעיאסלעוו"

איבערזעצט אויף ייִדיש וועט דאָס אויסקומען אַזוי:

„דאָס דאָזיקע סידערל געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידערל? צו וועמען עס געהערט — געהערט דאָס. פאָרט צו וועמען? צו דעם, וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געקויפט — האָט דאָס געקויפט. פאָרט ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט גע־געבן געלט. ווער האָט געגעבן געלט? ווער עס האָט געגעבן — האָט גע־געבן. פאָרט ווער האָט געגעבן? ווער ס'איז א נאָגיד. ווער איז א נאָ־גיד? ווער עס איז א נאָגיד—איז א נאָגיד. פאָרט ווער איז א נאָגיד?

א נאָגיד איז דער באַרימטער באָכער יצכאָק דער זון פונעם באַרימטן נאָגיד פּינכאָס ראַבינאָוויטש אין דער שטאָט פּערעיאַסלעוו".

עס איז שווער צו באַשרײַבן, וואָס פאַר א פּוראָר דאָס האָט געמאכט, העני מיצאַד האַלאָשן און העני מיצאַד האַקסאַוו! און דעריקער — דאָס קסאַוו! דער קאַסוועראַבע האָט זיך שוין גוט געפּלײַסט, אז דער טאַטע זײַנער זאָל כאָלילע ניט פאַרשעמט ווערן. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס. ער האָט געשוויצט ווי א ביבער. ער האָט אויסגעקליבן דאָס סאַמע שענסטע און סאַמע קלענסטע פּערל־קסאַוו, וואָס מע דאַרף אָנטאָן דערצו א שפּאַקטיוו, מע זאָל דערזען די אויסעסלעך. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעם גאַנצן קויעך פון קאַליגראַפיע, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט בעיערושע פון זײַן וואָראָנקעווער רעבן רעב זאָרעכל, וועלכער האָט באַשאַפן אין יענעם שטעטעלע, קאָן מען זאָגן, א גאַנצן דאָר פון קאַליגראַפן, וואָס זײַנען זיך צעקראָכן איבער דער וועלט און וואָס צייכענען זיך אויס קימאַט אַלע מיט זייער שיין־שרײַבן אד האַיאָם האַזע.

26. בײן־האַזמאַנים

אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס. — נײַע כאַווײרים. — גאַרמיזע דער מעלאַמעד א באַלקוירע. — די וואָראָנקעווער וויסעכעוורע־ניקעס באַווײַזן, וואָס זיי קענען.

בײן־האַזמאַנים — ווער וועט דאָס פאַרשטיין? וואַקאַציע, קאַניקולעס — דאָס זײַנען אַלץ ווערטער פון זעלבן באַגריף. זיי זאָגן אָבער ניט דאָס, וואָס דאָס וואָרט „בײן־האַזמאַנים" זאָגט דעם יִדישן יִנגל.

דאָס קינד, וואָס קומט פון דער שול, אָדער פון גימנאַזיע, אַפ וואַקאַציע אַהיים, האָט זיך גענוג אָנגעשפּילט האָרטן ווו מע לערנט, גענוג אָנגעטאַנצט און אָנגעהוליעט, גענוג אָנגעלאָפן זיך און גענוג אָנגעשטיפּט זיך מיט די כאַווײרים דורכן יאָר, — עס קאָן זײַן מער געשטיפּט, ווי געלערנט. דאָס יִדישע כײדער־יִנגל — דער האָט נעבעך דאָס גאַנצע יאָר געהאָרעוועט, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געלערנט — געלערנט, געלערנט און געלערנט, און מיטאַמאָל — בײן־האַזמאַנים! אָנדערהאַלבן כאָדאָשים דורכאַנאַנד, פון כאָצי עלעל ביז

סאָפ טישרע, ווערט מענ ניט גיינ אינ כיידער — וואָס קענ זײַנ א גרעסערער יאָנטעוו? דערצו גייענ נאָכ די יאָנטויווימ אויכ! יאָמימ נויראָימ! סוקעס! סימכאסטוירע! אונ דאָס אלצדינג אינייִנעמ גענומענ — אפ א נײַ אָרט, אינ דער גרויסער שטאָט, אינ פּערעיאסלעוו!

קוידעמקאָל באדארפ מענ אָנקוקנ די שטאָט. כעוורע האָבנ זי נאָכ קימאט גאָרניט געזענ. אכוצ ווי בא דער מומע כאנענ אונ באמ פעטער פיניענ אונ אכוצ ווי אינ גרויסנ בעסמעדרעש, אינ אלטנ בעסמעדרעש אונ אינ דער קאלטער שול, דאָרט ווו צאליע דער כאזנ דאוונט, זײַנענ די וואָראָנקעווער קינדער קימאט אינ ערגעצ ניט געווענ. נאָכ פאראנ גענוג גאסנ אונ גענוג ערטער. פאראנ די „אלטיצע", אונ פאראנ די „טרובײַלע" (טײַכנ אזעלכע), אונ פאראנ די לאנגע בריק. ווו זײַנענ די „פּידוואָרקעס", וואָס אפ יענער זײַט בריק?

די „פּידוואָרקעס" — דאָס איז א באזונדער מינ שטאָט, וואָס געהערט פונדעסטוועגנ צו פּערעיאסלעוו. „ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס" שטאמט פונ דאָרט. ארנאָלד קומט אָפּט ארײַנ צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ א ביסל פארברענגענ, ריידנ פונעמ ראמבאמ אונ פונ „כוזרי" אונ פונ באָרעכ שפּינאָזע אונ פונ מוישע מענדעלסאָנ אונ פונ נאָכ אזעלכע גרויסע מענטשנ, וועלכע שאָלעמ האָט ניט געקאָנט זיכ אָנגעדענקענ, כוצ איינעמ מיטנ נאָמענ דרעפּער, — דער האָט זיכ אײַנגעפונדעוועט בא אימ אינ זיקאָרנ: דרע־פּער... „ארנאָלד איז שטארק געלערנט, — זאָגט אפ אימ דער טאטע נאָכעמ, וואָס האלט פונ אימ אנ אוילעמ אומלויע, — ארנאָלד זאָל ניט זײַנ קיינ ייִד, וואָלט ער געקאָנט זײַנ א פּראָפעסאָר", פארוואָס עפּעס א פראָקוראָר? אונ פארוואָס זאָל א ייִד ניט קאָנענ זײַנ? — דאָס האָט נאָכ שאָלעמ ניט געקאָנט פארשטיינ. פינ אנטיסעמיטיזמ האָט ער געוווּסט נאָר איינ זאכ: הינט. דורכ זייִנ איינעמ דערפארנ. אינ וואָראָנקע האָבנ שקאָצימלעכ אָנגערייצט אנ אימ הינט, וואָס האָבנ אימ אוועקגעלייגט אונ צעביסנ, איבערגעלאָזט א סימענ ביז צו הײַנטיקנ טאָג.

אָט דעמ „ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס" האָט דער העלד פונ דער דאָזיקער ביִאָגראפיע א סאכ צו פארדאנקענ אינ זײַנ שפּעטערדיקנ שטודירנ, אונ מיר וועלנ זיכ דעריבער מיט אימ שפּעטער נאָכ באגעגענענ. דערווײַל איז ביינ־האזמאנימ אונ ערעוו יאָנטעוו. צײַט צו שליכנ באקאנטשאפט מיט נײַע כאווײרימ אונ גלאט ייִנגלעכ.

פון די כאַשעווע באַלעבאַטישע יינגלעך פאַרנעמען דעם אויבנאָן מוישל ייִצכאָק־ווייגדערס. א באָכערל א געלס, אַן אויסגעצוואָגנס, מיט אַן אַלפּאַגאַווע קאַפּאָטקעלע, און א גאָדלען א יונג, וואָס ס׳שטייט אים ניט אָן מיט זיך אליין צו ריידן — און ער איז גע־רעכט. ערשטנס, האָט זיין טאַטע ייִצכאָק־ווייגדער אַן אייגענע שטוב מיט א ווייסן גאַנעק. היינט איז דאָ בא דעם ייִצכאָק־ווייגדער זייגערס אין שטוב און זייגערלעך אָן א צאָל און אָן א שיר, אַז עס קומט זייגער 12, און די זייגערס הייבן אָן שלאָגן, קאָן מען פאַרטויבט ווערן. אליין איז ייִצכאָק־ווייגדער א ייִד, וואָס לאָדט זיך מיט דער גאַנצער וועלט און האָט אויגן פון א גאַזלען. אלע ייִנגלעך פון בעסמעדרעש ציטערן פאַר זיין קוק.

דער צווייטער נאָך מוישעלען גייט זיאַמע קאַרעצקי — א ייִנגל פון די גאָר גרויסע שקאָצים, א ביסל א סוטולעוואַטער, ניט מיט יעדן איז ער א מעכוטן און ניט יעדער איז מיט אים א מעכוטן, וואָרעם זיין טאַטע איז א גאָלועך מיט אַן אונטערגעשאָרענער באָרד, אַן אַדוואָקאַט אין פּעטערבורג און טראָגט מאָדנע ברילן אַף דער נאָז, וואָס מע רופט זיי „פּענצנע”. אָט דער זיאַמע האָט אויסגעלערנט די גאַנצע שטאָט קינדער שווימען, באָדן זיך, גליטשן זיך אַפן אייז און נאָך א סאך זאכן, וואָס ניט אלע ייִדישע קינדער קענען עס.

נאָך זיאַמען גייט ייִסראָעל בענדיצקים זונדל, א בלייכער און א ציטעריקער, כאַימל רודערמאַן — א מעלאַמעדס א ייִנגל מיט גראָבע פּיסקעס, אורעמל זאָלאָטושקין — א שוואַרצער, ווי אַן אראַפּ, די מער־פּערטס און די ליפּסקיס — אָפּגעפּוצטע באַנימלעך מיט אויסגעוועקסלטע שטיוועלעך. מיט די האָט מען באַדאַרפט האָבן א זכיע צו ריידן, וואָרעם ווער פאַרמאָגט אַזעלכע אויכגעוועקסלטע שטיוועלעך אינדערוואָכן? נאָך זיי גייען די קאַנאַווערלעך — קינדער מאַזיקים, וואָס האָבן צו טאָן מיט הינט, מוטשען קעץ.

מיט די אלע וויל שאָלעמ זיך ניט כאַווערן. ער האָט בעסער ליב זיך כאַווערן מיט אַזעלכע ייִנגלעך, ווי מאָטל־סריבנע, א באָכערל מיט לאַנגע פּייעלעך, וואָס שפּילט אַפן פּידל, אָדער עליע האָדים — א ייִנגל א ברען, וואָס האַלט אין איין לאכן, און נאָך אַזעלכע. מיט זיי דאַוונט ער אין איין בעסמעדרעש, קוקט מען אין איין מאַכזער אריין, מאַכט מען איניינעם „שטוקעס”: מע קרימט איבער רעפּאָעל דעם שאַ־

מעמ, ווי ער קוקט מיטנ אויגל אונ זינגט: „אכצנ גילדרינ אומ קויהענ!" יאָווע קארעצקינ, ווי ער פיפט מיט דער נאָז. בעני קאנאווער, ווי ער עסט טאבעקע. יִיצכאָק ווייגעדערנ, ווי ער מאכט מיט די פלייצעס. שאָלעמ ווילענסקינ, ווי ער גלעט זיכ דאָס בערדל אונ קאקיקעט מיט דער נאָז. ס'איז דאָ, באָרעכאשעמ, וועמענ נאָכצומאכנ. ס'איז גענוג גארמיזע דער מעלאמעד, וויאזוי ער לייענט אינ דער טוירע. אימ האָט שאָלעמ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס געשטודירט צוויי שאבאָסימ קעסיידער, וויאזוי גארמיזע דער מעלאמעד צעשאָקלט זיכ אפ איינ פוס, דערנאָכ פארקרימט ער דאָס געשטופלטע פאָנעמ, שטעלט ארויס די געלע ציינ, ציט אויס דעמ לאנגנ האלדז, טוט א פיר מיט דער שפיציקער נאָז אינדערלופטנ ארופ אונ אראָפ אונ לאָזט ארויס מיט א מעשונע־מאָדנע גאָרגל־שטימע „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע..." מע קאָנ שטארבנ פאר געלעכטער! אלע די, וואָס האָבנ געהערט שאָלעמענ נאָכמאכנ גארמיזענ, ווי ער לייענט, האָבנ געשוואָרנ, אז ס'איז גארמיזע מיט די ביינער! נאָר גארמיזע אליינ, אז ער איז געווירע געוואָרנ, אז ער מאכט אימ נאָכ, איז ער געווענ ניט צופרידנ. ער האָט זיכ ניט געפוילט אונ איז אוועק צו נאָכעמ ראבינאָוויטשנ אהיימ אונ האָט אימ דערציילט די גאנצע מייסע, אז ער, גארמיזע, האָט געהערט זאָגנ, אז בא רעב נאָכעמענ איז דאָ א יינגל, וואָס מאכט אימ נאָכ, וויאזוי ער לייענט אינ דער טוירע. דאָס האָט אָנגעמאכט א שטיקל הארמידער. נאָכעמ האָט אימ צוגעזאָגט, אז ער וועט מאכנ א „ספראווקע", לאָזנ נאָר די קינדער קומענ אהיימ. די קינדער זיינענ געקומענ אהיימ, אונ מע האָט זיכ צו זיי א נעמ גע־געבנ. דער טאטע האָט געטראָפנ, אז דאָס דארפ זיינ שאָלעמס ארבעט.

— קומ נאָר אהער, שאָלעמ. זאָג מיר, וויאזוי מאכסטו דאָס נאָכ גארמיזע דעמ מעלאמעד, ווי ער לייענט אינ דער טוירע?

— וויאזוי איכ מאכ אימ נאָכ? אָט וויאזוי.

אונ שאָלעמ האָט זיכ ניט געפוילט אונ האָט זיכ צעשאָקלט אפ איינ פוס, פארקרימט דאָס פאָנעמ, ווי גארמיזע, ארויסגעשטעלט די ציינ, אויסגעצויגנ דעמ האלדז, א פיר געגעבנ מיט דער נאָז אינ דער לופט ארופ אונ אראָפ אונ אָנגעהויבנ אפ א מעשונע מאָדנע גאָרגל־שטימע: „ראה נתתי לפניך היום את החיים..."

שאָלעמ האָט נאָכ קיינמאָל ניט געזענ דעמ טאטנ אזוי לאכנ, ווי

63—8

ער האָט געלאַכט אין יענעם טאָג. ער האָט גאָרניט געקאָנט קומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט און אויסגעהוסט און אויסגעווישט די אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלע קינדער:

— זעט איר, וואָס ביין־האַזמאַנים מאַכט? מע גייט אַרום פּוסטע־פּאַס, עס ליגט אין זינען דער רועך ווייסט וואָס, נאָכמאַכן גאַרמיזע דעם מעלאַמעד, ווי ער לייענט אין דער טוירע (דאָ האָט דער טאַטע נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך און האָט באַהאַלטן דאָס לאַכנדיקע פּאָנעם אין דער פּאַטשיילע). אימירצאַשעם, באַלד נאָך סוקעס, נעמט מען צו צו אײַך אַ רעבן, און איר'ט אָנהייבן גיין אין כיידער אַרײַן. אויס ביין־האַזמאַנים!

וויבאַלד אַז יאָ אויס ביין־האַזמאַנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקע געבן אַ לעב אונטער, ווי עס געהער צו זײַן!

און כעוורע האָבן אָנגעהויבן אויסנוצן זייער פרײַהײַט אויף סאַמע ברייטסטן אויפן, זיך באַקאַנט מיט ווי ערגעץ אַ זלידנע אַ יינגל, ניט איבערגעקליבן, מיט יעדן געשלאָסן כאַווערשאַפט, געהוליעט ווי די רעקרוטן, אייִדער מע גיט זיי אָפּ אין דער דינסט. די וואַראָנקעווער יינגלעך האָבן באַוויזן די פּערעיאַסלעווער יינגלעך, אַז כאָטש זיי זײַנען פון אַ קליין שטעטל, פונדעסטוועגן ווייסן זיי אַ סאַך זאַכן אַזעלכע, וואָס די פּערעיאַסלעווער יינגלעך ווייסן זיי ניט, לעמאָשל, זיי ווייסן ניט, אַז צו יעדן נאָמען קאָן מען צוזעצן אַ גראַם, נעמט וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט. אַשטייגער: „מאָטל" — מאָטל־קאַפּאָטל, דרומען־דראָטל, יויסעפּ־סאָטל, ערעץ־קנאָטל. „לייבל" — לייבל־קאַפּייבל, דרומען־דרייבל. יויסעפּ־סייבל, ערעץ־קנייבל, „יאַנקל" — יאַנקל־קאַפּאַנקל, דרומען־דראַנקל, יויסעפּ־סאַנקל, ערעץ־קנאַנקל. אַזוי איטלעכן, אויף וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט.

הײַנט ווייסן ניט די שטאָטישע קינדער פון טאַשראַק־לאָשן, דאָס הייסט, פון ריידן פאַרקערט, צום בײַשפּיל „טאָ וטספּאַכ אַ שטאָפּ" — הייסט דאָס אָט כאַפּסטו אַ פּאַטש". „אָנ ריד אַ גײַפ" — „נאַ דיר אַ פײַג". מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט שאָלעם געקאָנט אָוועקריידן אויף דעם לאָשן אַ שאָ קעסיידער. ס'איז דאָך אַ מעכײַע נעפאָשעם — מע קאָן אַזוי אָוועקריידן פון וועמען איר ווילט, יענעם אין די אויגן, און יענער זאָל ניט ווייסן, וער ס'האָט אים געשלייערט. הײַנט וואָס זײַנען דאָס פאַר יינגלעך, די פּערעיאַסלעווער, אַז זיי לאָזן דורך אַ גאַלעך

פארבײַגײן, גלײַך װי א גלײַכן מענטשן, און זאָגן אים קײן װאָרט אָפּ־לעך? נײן, די װאָראָנקעװער ייִנגלעך זײַנען ניט אזעלכע נאראָנים. זײ װעלן ניט דורכלאָזן קײן גאלעך גלאט אזוי. אלע ייִנגלעך, װיפל זײ זאָלן ניט זײַן, װעלן זײ זיך אױסשטעלן דעם גאלעך פון הינטן און װעלן זינגען אָפּ א קאָל מיט א ניגון: „גאלעך־צאָפּ, א רוער אין דײַן קאָפּ! מיר א ברױט, דיר א טױט! מיר א װאָגן, דיך באגראָבן! מיר א שליטן, דיך באשיטן!" די פּרעיאסלעװער ייִנגלעך זאָגן, אז דאָ, אין פּרעיאסלעװ, טאָר מען פאר א גאלעך אזעלכעס ניט זינגען, װאָרעם מע קאָן כאפּן א מיִעסן פּסאק. נאט נאָך א נײַס! גאָר מוירע האָבן פאר א גאלעך! ס'איז ניט גוט, אז א גאלעך גײט איבער דעם װעג — דאָס יאָ. אָבער מוירע האָבן? — פּרעיאסלעװ איז טאקע א גרױסע שטאָט און א שײנע — װאָס איז דאָ צו רײדן? — דאָרט, אין װאָראָנקע, איז אָבער געװען פרײלעכער אז ס'איז געקומען בײן־האזמאנים. אזױ האָבן זיך געטראכט די װאָראָנקעװער קינדער און האָבן געװאָלט פונדעסטװעגן, אז אָט די טעג פון בײן־האזמאנים דאָ אין פּרעיאסלעװ זאָלן זיך נאָך ציִען און ציִען.

27. מעלאמדים און לערערס

רעב ארן כאדאראָװער — א מעלאמעד א באל־מעגאזעם. — א גאנצע סעריע מעלאמדים. — מאָניש דער מעלאמעד מיטן „בײנדל". — די טאלמידים כאפּן א קערטל און בײדער.

די טעג פון בײן־האזמאנים זײַנען נאָך ניט אװעקגעגאנגען, די יאָנטױװים זײַנען נאָך געװען פאָרױס, און נאָכעם ראבינאָװיטש האָט שױן געפירט אונטערהאנדלונגען װעגן א מעלאמעד פאר די קינדער. מעלאמדים זײַנען געװען עטלעכע. ערשטנס, טאקע דער אױבן דערמאָנטער גארמיזע, װאָס לײענט אזױ שײן אין דער טוירע. נאָך אים א״ז געװאָנגען רעב ארן כאדאראָװער, זײער א װוילער מעלאמעד, נאָר א מאָדנער באל־מעגאזעם. ער האָט ליב צו דערצײלן מײַסעס פאר זײַנע טאלמידים, מעשונע־װוילדע מײַסעס פון פארצײַטן. לעמאָשל, א מײַסע פון זײַן זײדן, װאָס איז געװען א גװאר און האָט ניט מוירע געהאט

פאר קיינעם. איינמאל איז דער זיידע זײַנער געפֿאָרן ווינטער באַנאַכט פֿאַרבײַ אַ וואַלד, זײַנען אַרויסגעלאָפֿן פֿון וואַלד צוועלף הונגעריקע וועלף — און דאַווײַ לויפֿן נאָכן שליטן. אַז זײַן זיידע כאַפּט זיך ניט אַראָפּ, נעמט די וועלף, שטעקט זיי אַרײַן די האַנט אין מויל אַרײַן און קערט זיי איבער אַלע צוועלף אויף דער לינקער זײַט!

און נאָך אַ מעשׂה פֿון זײַן זיידן. ווי אַזוי ער האָט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע שטאָט פֿון אַן אומגליק. גויִים האָבן זיך צונויפֿגעקליבן איינמאָל אין אַ זונטיק אויף אַ יאַריד, האָבן זיך גוט אָנגעשיקערט און דאַווײַ שלאָגן ייִדן. איז זיך מעיאשעוו זײַן זיידע, ער האָט געהאַלטן סאַמע אין מיטן דאַוונען, — וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך דעם טאַלעס און טפֿילין, קלײַבט אויס דעם גרעסטן פֿון אַלע גויִחם, איוואַן פּאַפּערילע האָט מען אים גערופֿן, און נעמט אים אָן מיטביידע הענט פֿאַר די פֿיס, און דאַווײַ שלאָגן מיט איוואַנען איבער די גויִשע קעפּ. האָבן די גויִים אָנגעהויבן פֿאַלן, זײַנען זיי געפֿאַלן אַזוי ווי פֿליגן. און אַז ער האָט אויסגעקליידט אַלע גויִים ביז איינעם, האָט ער איוואַנען אָפּגעלאָזט און געזאָגט צו אים: „איצינד קאָנסטו גיין אַהיים, און איך וועל גיין דאַוונען"...

אַכוץ, וואָס זײַן זיידע איז געווען אַ גוואַר, איז ער נאָך געווען אַ צעטראָגענע בריה, זאָל גאָט שומר אומאצל זײַן! ער, אַז ער פֿלעגט זיך פֿאַרטראַכטן, — אַזוי דערציילט רעב אָרן כאַדראָווער אויף זײַן זיידן, — איז געווען מיט סאָקאָנעס נפֿשות! איינמאָל איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַ פֿאַרטראַכטער, אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען און אַרומגעגאַנגען. ער טוט אַ קוק — ער שטייט אויפֿן טיש!...

אָט אַזאַ מין מלמד איז דאָס געווען רעב אָרן כאַדראָווער. נאָך אים זײַנען געגאַנגען נאָך אַ גאַנצע סעריע מלמדים, ווי רעב יהושע דער מלמד, מייער-הערש דער מלמד, יאַקיר-סימכע דער מלמד, און דער קווידענאָווער מלמד, און מענדל דער גראָבער. האָט אָבער יעדער פֿון זיי געהאַט זײַן כיסאָרן: האָט ער געקענט לערנען — איז ער ניט געווען קיין באַלטאַנאַכ; איז ער געווען אַ באַלטאַנאַכ — האָט ער ניט געקענט לערנען. פֿון אַלע מלמדים וואָלט מענדל דער גראָבער געווען דער בעסטער מלמד, ער זאָל ניט האָבן דעם כיסאָרן, וואָס ער שלאָגט זיך. קינדער, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען „מענדל דער גראָבער", ציטערן זיי. מאָלט אײַך, מאָניש דער מע-

לאַמעד שלאָגט זיך אויך, נאָר מיט א גאַנג. יענער, מענדל דער גראָבער, קאָנ האַרגענענ אַפּ טויט. דערפאַר אָבער וויאַזוי לערנט ער! איינעמ פונ די צוויי האָט נאָכעמ צוגעזאָגט די קינדער, אז ער וועט אימירצאשעמ דינגענ.

זײַנענ זיי שוינ באַוואָרנט, הייסט עס, מיט א מעלאַמעד. איצט בלײַבט איבער שרײַבנ. ווו וועלנ די קינדער לערנענ שרײַבנ? וואָס אָנבאַלאַנגט יידיש, האָבנ זיי באַמ וואָראָנקעווער רעב זאָרעכלענ שוינ אויסגעלערנט זיך שרײַבנ. וואָס טוט מענ אָבער מיט רוסיש? האָט אפילע א גוטער פרײַנט, אַרנאָלד פונ די פּידוואָרקעס, וואָס איז שוינ דערמאָנט געוואָרנ אויבנ, געגעבנ אנ אייצע, מע זאָל די קינדער אוועקפירנ גלײַך אינ דער „יעווריסקע אוטשילישטשע“, וועט קאָסטנ וואָלוול אונ ס׳וועט זײַנ גוט. האָט דערהערט די באָבע מינדי אונ האָט געשוואָרנ, אז קאַלזמאַנ זי לעבט, וועלנ אירע אייניקלעך זײַנ יידנ — אונ עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ שמאַ־יִשׂראָעל. איז געוואָרנ א רייד וועגנ לערערס. נויעך בוסעל איז א גוטער לערער, איז ער א באַלעגאָלעס אנ איידעמ. איצי דער שרײַבער, וואָס לערנט בריוונשטעלער, האָט א שיינע האַנט, איז ער שוואַך אינ „לאָשנ“. אוורהאָמ דער שרײַבער, טאַקע איציס א ברודער, איז שוואַך אינ ביידע זאַכנ. וואָס טוט מענ? איז געבליבנ מאָניש דער מאַלאַמעד. דאָס איז א ייִד מיט אַלע מײַלעס: ער איז א באַלטאַנאַך, קענ דיקדעק, פאַרשטייט א בלאַט גמאָרע אונ שרײַבט רוסיש, אז עס לאָזט זיך אויס די וועלט! עמעס, ער ווייסט ניט וואָס ער שרײַבט, אונ אז ער שרײַבט איז דאָס ניט אַלפּי גראַמאַטיקע — מאַכט ניט אויס. די קינדער זײַנענ נאָך צו יונג. זיי וועלנ קענענ גראַמאַטיקע. לאָזנ זיי פריִער קענענ דיקדעק — דאָס איז בילכער. אַי וואָס מאָניש דער מעלאַמעד שלאָגט זיך? לאָזנ די קינדער נאָר וועלנ לערנענ, וועט מענ זיי ניט שלאָגנ. שלאָגט דענ א רעבע אומזיסט? וועהאַרײַע: די קינדער האָבנ דאָס ארויסגעזויגנ דערנאָכדעמ בעכוש. מאָניש האָט פײַנט געהאַט, ווי אַנדערע מעלאַמדימ, שלאָגנ אָדער שמײַסנ. ער האָט געהאַט אינעמ גראָבנ פינגער פונ דער רעכטער האַנט א ביינדל. מיטנ דאָזיקנ ביינדל, אז ער האָט אײַך דערלאַנגט אינ זײַט ארײַנ, אָדער הינטנ אינ דער פּלייצע, אָדער ארײַנגעקוועטשט אײַך אינ שלייפ ארײַנ, האָט איר געקאָנט דערזענ דעמ עלטער־זיידנ פונ יענער וועלט. אָט אזא ביינדל איז דאָס געווענ! שאָלעמ האָט זיך געפּלייסט, ווי ווײַט מעגלעך, אז ער זאָל דאָס

ראָזיקע „ביינדל״ אויסמײַדנ. אונ ס'וואָלט אימ עפּשער געראָטנ, ווײַל ער איז געווענ פונ די, וואָס האָבנ דאָנערשטיק די געמאָרע געוווּסט אָדער געמאַכט זיכ, אַז זיי ווייסנ. פונ טאַנאַכ איז דאָכ אָפּגערעדט. באַמ שרײַבנ איז ער אויכ געווענ נישקאָשעדיק. דערפאַר אָבער, אַז ס'איז געקומענ צו שקאָצערײַ — דאָ האָט ער שוינ געמוזט פאַרזוכנ דעמ טאַמ פונעמ „ביינדל״, וואָס ליגט אימ נאָכ אַדאַיאָמ אינ זיקאָרנ. נאָר ניט דאָס איז געווענ דער כיסאָרנ, וואָס נאָכעמ האַבינאָוויטש איז ניט געווענ צופרידנ מיטנ מעלאַמעד מאָניש. דער כיסאָרנ איז געווענ וואָס ס'האָט זיכ אַרויסבאַוויזנ, אַז מאָניש הייבט ניט אָנ צו ווייסנ וואָס דיקדעק איז. אַז מע האָט אימ אַ פרעג געגעבנ: „רעב מאָניש, פאַרוואָס לערנט איר ניט מיט די קינדער קיינ דיקדעק?״ האָט ער גע־ענטפערט: „וויים איכ וואָס, דיקדעק, דיקדעק, שמיגדרעק בלע״ז! *— אונ האָט זיכ נאָכ אויסגעלאַכט אויכ. דאָס האָט נאָכעמענ שרעקלעכ פאַרדראָסנ, אַז ס'איז געקומענ צומ צווייטנ זמאַנ, האָט ער די קינדער פונ מאָנישנ אָפּגענומענ אונ אַוועקגעגעבנ צו אַנ אַנדער מעלאַמעד.

יענער איז שוינ געווענ אַ „מעדאַקדעק״. געוווּסט דעמ „מסלול״ אָפּ אויסווייניק. האָט ער אָבער געהאַט אַנ אַנדער כיסאָרנ — ער האָט ליב־געהאַט זיכ קאָהאָלנ. אַלע טאָג האָט ער געהאַט צו טאָנ: אַז ניט אַ כא־סענע, איז אַ ברים, אַז ניט קיינ ברים איז אַ פּידיענ האַבענ, אַ באַר־מיצווע, אַ געט, אָדער גלאַט אַ פאַרלאָזעניש, אַ בוירערעס, אַנ אײַס־גלײַבעניש. נאָר פאַר וועמענ ס'איז אַ כיסאָרנ אונ פאַר וועמענ אַ מײַ־לע. פאַר די קינדער איז דער רעבע געווענ אַ מאַלעכ פונ גאָט אונ דער כיידער — אַ גאַניידנ. ומע האָט געקאָנט שפּילנ אינ וואָס פאַר אַ שפּיל איר ווילט, אַפילע אינ קאָרטנ — ניט אינ די וואָראָנקער ל״אַ־קאָרטנ! פע! נאָר טאַקע אינ עמעסע קאָרטנ. אונ געשפּילט האָט מענ אינ „טרײַ־ליסטיק״, אָדער אינ „סטאַרשי קאָזיר״ — אַ שפּיל, וואָס די אַרעס־טאַנטנ שפּילנ אינ די טורמעס. די קאָרטנ אַליינ זײַנענ אויכ געווענ „אַרעסטאַנטסקע״ קאָרטנ — שוואַרצע, פעטע, אָנגעשוואָלענע. פונ־דעסטוועגנ האָט מענ פאַרשפּילט אַלע אָנבײַסנס מיט אַלע מיטאָגס, אונ

---

* „בלאַז״ — ראָשעטייוועס פונ ווערטער, וואָס באַטײַטנ: אָפּ אַ פרעמ־דער שפּראַכ. — ר ע ד.

ווו עס איז געווענ ערגעצ א פאָר גראָשנס, זײַנענ זיי ארײַנ אינ די קאָרטנ.

דאָס גאנצע געלט האָבנ אָפגעווונענ די עלטערע באָכערימ, אזעלכע, ווי, לעמאָשל, זיאמע קארעצקי, א טשיקאווע באָכערל, וואָס איז דערמאָנט אויבנ. ער האָט ארופגעפירט זײַנע יונגע כאוויירימ אָפ אלע גוטע זאכנ. זײַנ פרינציפ איז באשטאנענ אינ דרײַ קלאָלימ: 1) טאטע־מאמע ניט פאָלגנ; 2) דעמ רעבנ פײַנט האָבנ; 3) פאר גאָט קיינ מוירע ניט האָבנ.

א מײַלע האָבנ געהאט די גרויסע באָכערימלעכ, אז זיי האָבנ אָפגעווונענ דאָס געלט בא די קליינע, האָבנ זיי זיכ נאָכ געריצט אונ געמאכט כויזעק. עמעסע קאָרטנ־שפילער טוענ דאָס ניט... פונדעסטוועגנ דארפ מענ ניט מיינענ, אז זיי איז דאָס גרינג אָנגעקומענ. זיי אליינ זײַנענ אויכ אויסגעשטאנענ גענוג צאָרעס. ערשטנס, האָט מענ געמוזט אונטערקויפנ די רעבעצנ, זי זאָל ניט דערציילנ דעמ רעבנ, אז מע שפילט אינ קאָרטנ. אונ צווייטנס, האָט דער רעבע געהאט א זונ פײַוול, נאָר גערופנ האָט מענ אימ „ליפ“, מאכמעס ער האָט געהאט א גראָבע ליפ. האָט מענ באדארפט אָט די ליפ קייכלענ אונ באנעפענענ אונ אונטערשמירנ אמאָל מיט אנ אָנבײַסנ, אמאָל מיט א נאשערײַ, מערסטנטייל מיט ניסלעכ. די „ליפ“ האָט ליב געהאט קנאקנ ניסלעכ. אָנקוקנ, ווי די „ליפ“ קנאקט ניסלעכ, האָט געשלאָגנ צו דער גאל. ביפראט נאָכ פאר פרעמדע געלט. נאָר וואָס זאָל מענ טאָנ? אז די „ליפ“ וועט דערציילנ דעמ רעבנ, אז די קינדער שפילנ אינ קאָרטנ, וועט זײַנ בעסער?

פונ די אלע מעלאמדימ אונ לערערס אונ פונ די אלע לערנעכצנ האָט נאָכעמ ראבינאָוויטש געהאט ווייניק נאכעס. אלע שאבעס האָט ער די קינדער פארהערט אונ, זיפצנדיק, געשאָקלט מיטנ קאָפ. מער פונ אלע קינדער האָט ער געטראָגנ אפנ קאָפ דעמ מיטלסטנ, דעמ „באל־טאנאכ“. ער האָט, אפאָנעמ, געווארט פונ אימ א סאכ מער. „וואָס וועט זײַנ? — האָט ער געפרעגט, — וואָס וועט זײַנ דער טאכלעס? אָט־אָט, אָקערשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו בארמיצווע, אונ דו וועסט אפילע קיינ צוויי ווערטער ניט קאָנענ זאָגנ!“.. אונ ער האָט גענומענ זיכ א רעכטנ געמאָרע־מעלאמעד, אונ ער האָט אימ געפאקט.

28. דער געמאָרע־מעלאמעד

מוישע־דאָוויד רודערמאנ — א געמאָרע־מעלאמעד. — זײַנ זונ שימענ האלט באמ שמאדנ זיכ. — די שטאָט ראטעוועט אימ ארויס פונ מאָנאכטיר. — דער פעטער פיניע קאָכט זיכ.

דאָס איז געווענ א רעבע א ליטוואק, מיטנ נאָמענ מוישע־דאָוויד רודערמאנ, א ייִד א יאדישלעווער, אנ אײַנגעהויקערטער, מיט געדיכטע שווארצע ברעמענ, א גרויסער לאמדנ, א שיינער באל־טאנאכ אונ א מעדאקדעק—מיט אלע מײַלעס. אונ דערצו נאָכ א פרומער, אנ עמעסער יערײשאָמאיִמ. גייט ריכט זיכ, אז אפ דעמ ייִדנ וועט אויכ זײַנ א פגאמ, אונ נאָכ וואָסער א פגאמ! דער פגאמ איז געווענ דער, וואָס דעמ דאָזיקנ מעלאמעדס זונ לערנט אינ דער „אויעזדנע". אינ דער גאנצער שטאָט זײַנענ דעמלט געווענ מער ניט ווי צוויי באָכערימ, וואָס האָבנ געלערנט אינ דער „אויעזדנע": מוישע־דאָוויד רודערמאנס זונ, שימענ רודערמאנ, א באָכער, וואָס סע האָט זיכ פרי אָנגעהייבנ אויסשיטנ בא אימ א שווארצ בערדל, אונ טאמארקינ, דעמ אחוואָקאטס זונדל, כאיִמ טאמארקינ, א באָכערל א קורצס אונ א גראָבס, מיט קליינע אויגעלעכ אונ מיט אנ אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגנ דאָס העמדל איבער די הויזנ, ווי א שייגעצל, געשפילט מיט די גויִשע שקאָצימלעכ אינ „מיאטש", קיינמאָל ניט געגאנגענ אינ שול ארײַנ, אכוצ יאָנקיפער, אונ שטילערהייט גערייכערט גראָבע „ציגייערנ".

דאָס זײַנענ געווענ די פיאָנערנ, אזוי צו זאָגנ, די ערשטע שוועלבעלעכ פונ דער האסקאָלע אינ דער שטאָט פערעיאסלעוו, די איינציקע צוויי ייִדישע קינדער צווישנ עטלעכע הונדערט שקאָצימלעכ. די שקאָצימלעכ האָבנ טכילעס געקוקט אפ די צוויי „זשידעניאטעס", ווי אפ בידושימ, ווי אפ קינדער פונ אנ אנדער וועלט. דערנאָכ האָבנ זיי אוועקגעלייגט די „זשידעניאטעס" אפ דער ערד אינ מיטנ הויפ פונ דער „אויעזדנע" אונ אָנגעשמירט זיי די ליפנ מיט כאזער. דערנאָכ איז מענ געוואָרנ כאווער, געשלאָסנ ברודערשאפט, גאָר נעפעש אכאס. גויִשע שקאָצימלעכ זײַנענ נאָכ דעמלט—אוי וויי! — געווענ ריינ פונ מענטשנהאס, ניט געוווּכט פונ קיינ ייִדנ־העצעס, אונ דער גיפט פונ אנטיסעמיטיזמ האָט זיי נאָכ ניט אָנגערירט. קוימ האָט מענ דעמ „זשידיאָנאָק"

אוועקגעלייגט, אָנגעשמירט די ליפּן מיט כאזער און דורכגעבראָכן די ביינער, איז כאָטש ער איז א „הערשקאָ", פונדעסטוועגן איז ער א בעוורעמאנ גלײַכ מיט אלע...

דאָס אָפּגעבנ נאָכעמ וועוויקס קינדער צו מוישע־דאָוויד רודערמאנ איז ניט אָפּגעלאָפּנ גלאט. דער פּעטער פּיניע, אז ער איז געווירע געוואָרנ, אז זײַנ ברודער נאָכעמ האָט אָפּגעגעבנ די קינדער צו אזא מעלאמעד, וואָס האָט א זונ אינ דער „אויעזדנע", האָט ער געארבעט מײַסימ. ער האָט געטײַנעט, אז פונ דער „אויעזדנע" איז איינ טריט צו שמאד. פארוואָס?

— אָט אזוי: אז מירנ לעבנ וועלנ מיר זענ...

אונ קאכאווע. עס איז, אפּאָנעמ באשערט געווענ, אז דער פּעטער פּיניע זאָל איצטיקס מאָל זײַנ א נאָווי. אונ אזוי איז געווענ די מײַסע:

איינמאָל אינ א שאבעס איז ארויס א קלאנג אינ שטאָט, אז די צוויי יידישע יינגלעכ, וואָס לערנענ זיכ אינ דער „אויעזדנע", שימענ רודערמאנ אונ כאיִמ טאמארקינ, האלטנ באמ שמאדנ זיכ! פארשטייט זיכ, אז קיינער האָט ניט געוואָלט גלייבנ: „ווײס איכ וואָס? ווער? ווע־מענ? וואָס א שטאָט קאָנ אויסטראכטנ?" נאָר אז מע קלינגט איז א כאָגע. שטעלט אײַכ פאָר, אז ס'איז דעמ זעלבנ טאָג שאבעס פּלוצעמ גע־וואָרנ א געלויפ, ווי אפ א סרייפע. די גאנצע שטאָט איז געלאָפּנ צומ מאָנאסטיר. „וואָס איז די מײַסע?" — „די מײַסע איז א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע; איר ווילט זענ א שיינס? גייט, זײַט מויכל, צומ מאָ־נאסטיר, וועט איר אָנקוקנ, ווי די צוויי בעוורע־לײַט פונ דער „אויעז־דנע" האָבנ זיכ ארופגעקליבנ גאנצ הויכ אפנ שפּיצ קלויסטער, שטיי־ענ דאָרטנ אָנ היטלענ אונ פרעסנ ברויט, מיט כאזער באשמירט, בעפארהעסיע, אלע זאָלנ זענ!"...

די בעהאָלע איז געווענ אזוי גרויס, אז ס'איז קיינעמ ניט אײַנגע־פאלנ צו פרעגנ: ווי איז דאָס מעגלעכ צו זענ פונ אונטנ ארופ, אפ אזא הויכנ מאָנאסטיר, מיט וואָס דאָס ברויט איז באשמירט: מיט כאזער? מיט פּוטער? אָדער מיט האָניק?... די גאנצע שטאָט איז געגאנגענ כאָ־דאָראָמ. די וועלט האָט זיכ געוויגט: „מיילע, אפ טאמארקינס זונדל איז כאָטש קיינ כידעש ניט — זײַנ פאָטער, דער אלטער טאמארקינ, איז אליינ א טרייפניאק, א ייִד א „זאקאָניק", א שרײַבער פונ „פּראָשע־ניעס", אונ זײַנ זונדל כאיִמ איז געווענ, זאָגט מענ, א גוי נאָכ בא דער

מאַמענ אינ בויכ. אָבער מוישע־דאָוויד רודערמאַנ! א ייִד א יעריי־שאַ־
מאַימ אונ א מעלאַמעד! דער בעסטער מעלאַמעד אינ שטאָט! ווי קאָנ
מענ עס דערלאָזנ אַזאַ זאַכ?

לאָזט זיכ אויס, אַז ס'זײַנענ דאָ ייִדנ, וואָס האָבנ געוווּסט פריִער,
אַז ס'וועט אַזוי זײַנ. פונוואַנענ האָבנ זיי דאָס געוווּסט? זיי האָבנ דאָס
פאַרשטאַנענ מיטנ סייכל, אַז מע טאָר ניט גײנ מיט א קינד צופיל מיט
סטירדעס. „מימאָנעפּעשעכ—האָט איר אָוועקגעגעבנ אײַערע קינדער אינ
דער „אויעזדנע", דאָס הייסט, איר זײַט מאַסקימ זיי זאָלנ זײַנ גויִימ,
דאַרפט איר ניט פאָדערנ פונ זיי, אַז זיי זאָלנ טראָגנ אַרבעקאַנפעס;
אונ אַז עס האָט זיכ געמאַכט, זיי האָבנ דורכגעלאָזט א מינכע, באַ־
דאַרפ מענ אָפּווישנ די ליפּנ אונ ניט צעברעכנ אָפּ זיי קיינ שטעקנ אונ
ניט שלאָגנ, ווי מע שלאָגט א הונט"...

אַזוי האָבנ געטײַנעט בעקאָוועדע באַלעבאַטימ, אונ מע האָט צונויפ־
גענומענ מענטשנ אונ מע האָט זיכ אַנ אייצע געהאַלטנ, וואָס טוט
מענ? וויאַזוי ראַטעוועט מענ אַרויס צוויי ייִדישע קינדער פונ דער
שמאַד? מע האָט אײַנגעלייגט די וועלט, געוועקט זכוס־אָוועס, אופגערו־
דערט „נאַטשאַלסטווע"... פאַרשטייט זיכ, אַז מער פונ אַלע האָט געאַר־
בעט דער פעטער פיניע. דער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, צעלאָזט די
שיווע באָרד, אַרומגעלאָפנ דעמ גאַנצנ טאָג א פאַרשוויצטער, ניט גע־
געסנ, ניט געטרונקענ — ביזנ, האַנקענ גאָט, ס'איז אָפּגעגאַלטנ. מע
האָט די צוויי בעוורע־לײַט אַרויסגענומענ פונ מאָנאַסטיר.

דער שפּיץ איז געווענ: איינער פונ זיי, כאַיִמ טאַמאַרקענ—דער
האָט זיכ טאַקע געשמאַדט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר. אונ שימענ רו־
דערמאַנ האָט מענ אַוועקגעשיקט קיינ זשיטאָמיר, אַרײַנגעגעבנ דעמ פּײַ־
נעמ באָכער אינ דער ראַבינער־שול, אָפּ „קאַזיאָנע שטשאָט", אונ ער
האָט מיט גאָטס הילפ ניט נאָר געענדיקט אָפּ ראַבינער, נאָר טאַקע
געווענ נאָכדעמ ראַבינער, אונ דאַפּקע ניט ווײַט פונ פּערעיאַסלעוו —
אינ לובענ.

— נו? ווער איז געווענ גערעכט? אַצינד וועסטו שוינ דײַנע קינדער,
צו גאָט א האָפענונג, אָפּנעמענ פונ דאָזיקנ מעלאַמעד?

אַזוי האָט דער פעטער פיניע געזאָגט צו זײַנ ברודער נאָכעמ, צע־
פרידנ פונ אַלע זײַטנ: ערשטנס, וואָס ס'איז אימ געראָטנ אַרויסצונע־
מענ צוויי ייִדישע קינדער פונ דער שמאַד; צווייטנס, וואָס זײַנ ברו־

דערמ קינדער וועלנ שוינ ניט לערנענ בײַ אַ מעלאַמעד, וואָס קענ דיקדעק און האָט אַ זונ אינ דער „אויעזדנע״; אונ דריטנס, וואָס זײַנע ווערטער זײַנענ מעקויעמ געוואָרנ, אַז אַ ייִדיש קינד לערנט אינ די שקאָלעס, איז ער מוכנ אומעזומענ צו דער שמאַד....

האָט אָבער דער פעטער פיניע איצטיקס מאָל געהאַט אַ ביטערנ טאָעס: זײַנ ברודער נאָכעמ האָט זיכ פאַראַקשנט אונ האָט בעשומוינפנ ניט געוואָלט אָפּנעמענ זײַנע קינדער פונ אַזאַ גוטנ מעלאַמעד.

— וואָס האָב איכ צו אימ? ניט גענוג יענער האָט געהאַט אַזויפיל אַגמאַס נעפעש מיט אַזאַ ביזויענ, זאָל מענ לאָזנ אַ ייִדנ אַ מעלאַמעד אינ מיטנ זמאַנ אָנ ברויט?

דער פעטער פיניע האָט אויסגעהערט דעמ ברודער מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „האַלעווײַ זאָל איכ ליגנ זאָגנ, נאָר דו פירסט די קינדער אָפּ אַ גוטנ דערעכ“... דערנאָכ איז ער אופגעשטאַנענ, געגעבנ אַ קוש די מעזוזע אונ איז אַוועק אַ ברויגעזער.

29. דער אַמאָליקער „כײדער“

א בילד פונעמ אמאָליקנ „כײדער“. — די טאַלמידימ העלפנ דעמ רעבנ אונ דער רעביצנ בײַ דער אַרבעט. — דער רעבע מאַכט בראָכע. — זײַנ מוסער זאָגנ ברענגט צו נײַע זינד.

מע האָט די קינדער פונ דעמ פאַרפלעקטנ, נאָר גראָטענעמ מעלאַמעד רודערמאַנ ניט אָפּגענומענ. אַדעראַבע, זיי זײַנענ בײַ אימ פאַרבליבנ אויכ אָפּנ אַנדערנ זמאַנ אונ אָפּנ דריטנ זמאַנ — אונ אַלע זײַנענ געווענ צעפרידנ: דער רעבע פונ זײַנע טאַלמידימ, די טאַלמידימ פונ זייער רעבנ אונ דער טאַטע — פונ די טאַלמידימ מיטנ רעבנ.

מער פונ אַלעמענ זײַנענ געווענ צעפרידנ די טאַלמידימ. גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ רעבנ, וואָס שלאָגט זיכ ניט, לעגאַמרע ניט. ער ווייסט גאָרניט, וואָס הייסט שלאָגנ זיכ. סײַדנ אַמאָל, אַז אַ ייִנגל האָט שוינ שטאַרק דעקוטשעט, אָדער ניט געוואָלט דאַווענ, אָדער ער האָט געהאַט אַזאַ פאַרשטאָפּטנ קאָפּ, כאָטש „פלעקער טעסענ“, — דעמלט איז שוינ דער רעבע רודערמאַנ אַרויס פונ די קיילימ, אַוועקגעלייגט דעמ

באָכער אפן בענקל, אראָפגענומענ די פליסענע ווייכע יארמעלקע פונעמ קאָפ, פונ דער גרינג אָפגעפיצקעט — אונ גיי!

נאָכ א מײַלע האָט געהאט רודערמאנ דער מעלאמעד — ער האָט געהאלטנ א „זשאָרנע", אזא מאשינ אפ צו „רײַסנ" גרויפנ. די מאשינ האָט געהאט א ראָד מיט א הענטל, אונ פונ אויבנ איז געלעגנ מיטנ פּאָנעמ אראָפ א זאק מיט רעטשקע. פונמ דרייענ די ראָד האָבנ זיכ די רעטשקע פּאוואָלינקע געשאָטנ אינ קעסטל ארײַנ, פונעמ קעסטל זײַנענ זיי פּאוואָלינקע געפאלנ אפנ שטיינ, דער שטיינ האָט זי פּאוואָלינקע געריבנ, אָפגעשיילט די שאָלעכצ אונ געמאכט פונ די רעטשקע — גרויפנ. אָט דאָס האָט געהייסנ א „זשאָרנע".

פארשטייט זיכ, אז דער גאנצער אנטיק פונ דער „זשאָרנע" איז געלעגנ אינעמ דרייענ. וואָס מער מע דרייט, מער שיטנ זיכ די גרויפנ. אונ באלאָנים אפ דרייענ זײַנענ געווענ א סאַכ, קימאט אלע טאלמידימ. יעדער וויל קומענ צו הילפ דעמ רעבנ מוישע־דאָוויד, וואָס קאָנ ניט לעבנ פונ מעלאמדעס אליינ אונ מוז נעבעכ אָנקומענ צו זײַטיקע פּארנאָסעס: ער רײַסט גרויפנ, זי באקט לעקעכ. באמ לעקעכ באקנ, מיינט איר, איז שוינ גאָר ניטאָ וואָס צו טאָנ? ס'איז א סאַכ דאָ וואָס צו טאָנ! אונ דאָ קאָנענ אויכ די קינדער צוהעלפנ. ניט אזוי באמ באקנ, ווי באמ „אויספּאטשנ". קאָרענעמ האָניק־לעקעכ באדארפ מענ פּאטשנ, לאנג פּאטשנ, מיט בײדע הענט, ביז ער ציט זיכ, ווי א האָניק־טייג קאָנ זיכ ציִענ. אונ ווער נאָכ קאָנ אזוי פּאטשנ, ווי א כײדער־ייִנגל? באלאָנים פּאטשערס צווישנ די כײדער־ייִנגלעכ זײַנענ דאָ אזוי פיל, אז מע שלאָגט זיכ אזש פארנ פּאטשנ. יעדער וויל פריִער.

דער לעזער באדארפ זיכ ניט וווּנדערנ, וואָס איז דאָס פאר אנ אגודע—טאַלמידימ זאָלנ „רײַסנ" גרויפנ, „פּאטשנ" לעקעכער! לעמײַ בא די וואָראָנקעווער מעלאמדימ האָבנ זיי געטאָנ א סאַכ גרעבערע ארבעט? לעמאָשל, באמ רעבנ רעב זאָרעכלענ אונ בא אנדערע מעלאמדימ האָבנ נאָכעמ וועוויקס קינדער גאנצ פײַנ געשמירט די ערד אפ שאבעס, פּאָרלעכווײַז ארויסגעטראָגנ די פּאמעניצע, איינציקווײַז געבראכט צו טראָגנ וואסער פונעמ גוייִשנ ברונעמ. אונ אלפּי גוירל געניאנטשעט זיכ מיטנ קינד אויכ. פונ גיינ מיט אנ אָפ צומ שויכעט שמועסט מענ ניט. עס איז געווענ א קאָוועד פאר די קינדער העלפנ דער רעבעצנ אָפפּליקנ דאָס אָפ. אבי אנ ארבעט, אבי ניט געלערנט. ערגער פונ אלע ארבעט איז

געווענ דאָס לערנענ, דאָס לערנענ אינ כיידער. דאָ וועט, דאכט מיר, זײַנ דאָס אָרט אָפּצומאָלנ דעמ כיידער, ווי ער האָט אויסגעזענ אינ יענע צײַטנ, ביכדיי די קומענדיקע דוירעס, וואָס וועלנ זיכ אינטערעסירנ מיטנ אמאָליקנ ייִדישנ לעבנ אינ דער גליקלעכער „טשערטא", זאָלנ עס האָבנ פאר די אויגנ.

א קליינ גוייִש שטיבל אפּ הינערשע פּיסלעכ, מיט שטרוי געדעקט, אמאָל א ביסעלע אײַנגעבויגנ אפּ א זײַט, אונ אמאָל אָנ א דאכ, ווי אָנ א היטל. איינ פענצטערל, אונ אז א סאכ — איז צוויי. די ארויסגעזעצטע טאפּלי איז אָדער פארקלעפּט מיט א פּאפּיר, אָדער פארשטעקט מיט א קאָפּנ־קישעלע. די ערד איז א „געוואלקעוועטע", באשמירט מיט לייִמ, אונ אפּ שאבעס אונ יאָנטעוו—באשאָטנ מיט זאמד. א גרויסנ טייל פונעמ כיידער פארנעמט דער אויוונ מיטנ אפּנ־אויוונ אונ מיט דער „לעזשאנקע". אפּ דער לעזשאנקע שלאָפט דער רעבע, אונ אפּנ אויוונ — זײַנע קינדער. בא דער וואנט שטייט א בעט — דער רעבעצנס בעט — מיט א סאכ קישנס צוקאָפּנס אונ קלייניטשקע קישעלעכ קימאט ביז דער סטעליע. דאָרטנ אפּנ בעט, אפּ א ווײַסנ לײַלעכ, ליגט אמאָל א בלאט לאָקשנ, אמאָל קיכלעכ אונ בייגל (אויב די רעבעצנ פארנעמט זיכ מיט בעקערײַ), אונ א מאָל א קינד (אויב ס'איז געפערלעכ קראנק). אונטערנ אויוונ א „פּאָדפּיטשניק" (אינ דער ליטע רופט מענ עס „קאטוכ"). דאָרט האָדעוועט מענ אויפעס, געוויינלעכ אפּ פּארנאָסע. בא דער קרומער מעזובערעסער וואנט—א שאפע אפּ האלטנ ברויט, קריגלעכ אונ טעפּלעכ. אפּ דער שאפע — דאָס אײַזערנע געפעס, א זיפּ, א דערקאטש, א ריבײַזנ, אונ קעדוימע אזעלכע קיילימ. פונ פאָרנט, סאמע נעבנ ארײַנגאנג, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס אונ א גרויסע פּאָמעניצע טאָמעד פול, אונ א צעבער א הילצערנער, וואָס דינט, אפּ וואסער האלטנ, אונ א האנטעכ, וואָס איז טאָמעד נאס, אפּ די הענט אָפּצווישנ. אונ אינ מיטנ שטוב א לאנגער טיש מיט צוויי לאנגע בענק. — דאָס איז, אייגנטלעכ, דער כיידער, די שול, ווו דער רעבע שטודירט מיט זײַנע טאלמידימ. אלע סײַ דער רעבע סײַ די טאלמידימ שרײַענ. דער רעבעצנס קינדער, וואָס שפּילנ זיכ אפּנ אויוונ, שרײַענ. די רעבעצנ, וואָס פּאָרעט זיכ בא דער „קיכ", שרײַט אפּ אירע קינדער, לעמײַ זיי שרײַענ. די אויפעס, וואָס אונטערנ פּאָדפּיטשניק, קוואָקענ: דאָס האָט די קאצ, אראָפּגעשפּרונגענ פונ דער לעזשאנקע, א

שטילינקע, א רויִקע, א גלאטינקע, זיכ ארײַנגעכאפּט אונטערן פּאָד־פּיטשניק און ספּאָלאָשעט די אויפּעס, — ניט געדאכט זאָל זי ווערן!

אָט אזוי האָט אויסגעזען דער אמאָליקער וואָראָנקעווער כײדער. ניט פיל שענער האָט אויסגעזען דער כײדער אין דער גרויסער שטאָט. אין פּערעיאסלעוו. דער פּערעיאסלעווער רעבע האָט, גלײַכ ווי דער וואָראָנקעווער, געקנעלט מיט זײַנע טאַלמידים, זיצנדיק ווינטער אין וואָטאָון כאלאט מיט א פּליסענער יארמעלקע, און זומער — אין אַן ארבעקאַנפעס, אין א העמד מיט ברייטע ארבל. ווינטער נאָכן שלאָפ האָט ער געטרונקען אָנשטאָט טײ „ליפּאָווע צוויט”, און זומער — קאלט וואסער פון א הילצערן קווערטל, דורכגעזײַט דורכ איינעם פון די ברייטע ארבל פונעם העמד, געמאכט דערויפ פריִער מיט גרויס קאוואָנע א בראָכע „שהכל נהיה בדברו”, און אלע טאַלמאַדים האָבן אים געענטפערט „אָמיינ”. טאָמער האָט א יינגל געבראכט עפּעס א בּיירע, האָט דער רעבע געמאכט „בורא פּרי העץ” און די טאַלמידים האָבן געענטפערט „אָמיינ”. טאָמער האָט א יינגל געבראכט א גרינע אוגערקע, האָט דער רעבע אָפּגעשיילט די אוגערקע, געמאכט אפ איר „בורא פּרי האדמה”, און די טאַלמידים האָבן געענטפערט „אָמיינ”.

ס'איז אלצדינג געווען קעדײַ, אבי ניט לערנען. צו שטארק האָט זיכ צוגעגעסן דאָס לערנען. א גאנצן טאָג געלערנט. ווינטער באנאכט געלערנט. אופּגעשטאנענע פּארטאָג און געלערנט. אפילע שאבעס באטאָג אויכ געלערנט. און טאָמער ניט געלערנט, איז כאָטש אזוי געזעסן שאבעס באטאָג אין כײדער און אויסגעהערט דעם רעבנס מוסער.

דעם רעבנס מוסער — דאָס איז געווען א רײַכע פאנטאזיע פון „טויזנט איינ נאכט“. פונעם רעבנס מוסער האָט מען זיכ געזען מיט יענער וועלט, געפילט דעם טאַם פון „כיבעט האקייווער”, זיכ צוגעהערט, ווי דער מאלעכאדוימע קומט צו מיט שטילע טריט, עפנט אײַכ אופ דעם בויכ, נעמט ארויס די קישקעס און טוט אײַכ א שמיץ מיט זיי איבערן פּאָנעם: „רשע, מה שמכ — שייגעץ, וויִאזוי רופט מען דיכ?”... און נאָכדעם, ווי צוויי מאלעכאבאָלע נעמען אײַכ און ווארפן אײַכ „קאפאקאל”, ווי א מיאטש, פון איינ עק וועלט ביזן אנדערן. און טאָמער האָט איר איינ מאָל געזאָגט א ליגן, הענגט מען אײַכ אופ פאר דער צונג אפ א פּלעקל, אזױ איר הענגט, ווי א יאטקע־פליייש, און טאָמער

האָט איר פארגעסנ אמאָל אָפּגיסנ נעגל־וואסער, שטעלנ זיכ אוועק צוויי מעכאבאָלימ אונ רייסנ אייכ מיט אָפּצווענגעס די נעגל פונ די פינגער. אונ טאָמער האָט איר אמאָל פרייטיק זיכ געשניטנ די נעגל אונ אומגערנ אראָפּגעלאָזט א נאָגל אָפּ דער ערד, לאָזט מענ אייכ אראָפּ אָפּ דער וועלט אונ מע הייסט אייכ גייג זוכנ דעם נאָגל.

דאָס איז פאר קליינע אוויירעלעכ. היינט ווי איז שוינ פאר גרויסע אוויירעס? לעמאָשל, פאר היפערנ אינ דאוונענ? פאר דורכלאָזנ א מינ־כע? פאר ניט לייענענ קרישמע? פאר א שלעכטער מאכשאָווע? פאר הירהורימ אונ כאלוימעס? — ניטאָ קיינ ראכמאָנעס דאָרטנ, ניטאָ! טשוווע, טפילע אונ צדאָקע — דאָס איז נאָר דאָ, אָפּ דער וועלט. אָפּ יענער וועלט איז שוינ שפעט, פארפאלנ! דאָרט זייט איר שוינ מיט אלע רעשאָימ גלייכ. דאָרט גייט איר שוינ גלייכ אינ אייביקנ פּייע־, אינ זודיקנ קעסל אריינ, אינ גענעמ, שקאָצימ, אינ גענעמ!"...

אזוי לאָזט אויס דער רעבע זיינ מוסער שאבעס באטאָג, אונ די קינדער הערנ צו מיט קאָפּ אונ וויינענ, האָבנ כאראָטע, שלאָגנ זיכ אל־כעט, גיבנ זיכ דאָס וואָרט שוינ זיינ גוט אונ פרומ. נאָר קוימ איז דער רעבע אופגעשטאנענ פונ טיש אונ די קינדער נאָכ אימ, אזוי איז פאר־געסנ געוואָרנ דער גאנצער מוסער; די יענע וועלט מיטנ גענעמ מיט אלע מאלעכאבאָלע זיינענ פארשווונדנ געוואָרנ, ווי א שאָטנ, וואָס גייט איבער, ווי א כאָלעמ, וואָס פליט אוועק, אונ כעוורע האָבנ זיכ אומגעקערט צו זייערע זינד אונ צו זייערע שולדנ: געהיפערט באמ דאוונענ, דורכגעלאָזט א מינכעלע, ניט געלייענט קיינ קרישמע. ווער מיר נעגל־וואסער? וואָס מיר דאוונענ? אז אינ דרויסנ שיינט די זינ, אונ די שאָטנס דראפענ זיכ אָפּ די ווענט, ווינקענ צו אייכ, רופנ אייכ: אינ דרויסנ ארויס, יינגעלע, אינ דרויסנ! דאָרט איז גוט! דאָרט איז ווויל! איינ שפרונג א רעכטער — אונ דו ביסט באמ בריקל. נאָכ א שפרונג— אונ דו ביסט אָפּ יענער זייט בריקל, ווו עס לויפט א טייכל, ווו עס זשומעט א וואסערל, ווו עס גרינט א גרעזעלע, ווו עס געלט א בלומעלע, ווו עס פליט א פייגעלע, ווו עס טאנצט א היישעריקל. אונ דאָס גרינע־גרינעלע פעלד בעט זיכ בא אייכ, איר זאָלט אייכ א וואָרפ טאָנ אָפּ דער ווייכער שמעקנדיקער ערד ווי איר שטייט אונ גייט. אונ דאָ קומט אָנ דער טאטע, אָדער די מאמע, אָדער אנ עלטערער ברו־

דער, אָדער א שוועסטער: — „האָסטו שוין גערעדט? אין כיידער אַרײַן, שקאָץ איינער, אין כיידער אַרײַן!"...

30. די בארמיצווע

דער בארמיצווע נעמט אויס. — א גאלערייע טיפּן פּערעיאסלעווער באלעבאטים. — א מאמעס טרערן.

אַרײַנטראַכטנדיק זיך אינעם לערנען אין יענעם מין „כיידער", בײַ יענע מינים מעלאמדים, וואָס זײַנען באשריבן אין די פריִערדיקע קאַפּיטלעך, האַבנדיק פאר זיך די רעבעצן, וואָס מע דארף איר העלפן, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס מע דארף זיי פאָלגן א גאַנג, און קאָלערליי מינים שקאָצערײַ, פון באָדן זיך זומער אין טײַך ביזן שפּילן ווינטער אין קאָרטן און אין קנעפּלעך, הײַנט גלאַט דאָס אומלויפן און אומשפּאַצירן איבער דער שטאָט, — איז שווער צו פארשטיין, פונוואַנען האָט זיך גענומען בײַ די קינדער דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט? מע דארף ניט פארגעסן דאָס אויך, אַז דעם רעבן האָט מען גענאַרט, דעם טאַטן האָט מען גענאַרט, און אפילע דעם ראָוו, צו וועלכן מע האָט געפירט די קינדער פארהערן, האָט מען אויך אָפּגענאַרט. הײַנט ווו האָט זיך גענומען מאַטעריאַל אָפּ אָפּצונאַרן א גאַנצע שטאָט מיט ייִדן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען אָפּ דער בארמיצווע צו נאָכעם ראַבינאָוויטשעס זונדל? דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע געדענקט פאר קלאָר, אַז ער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן פון דעם, וואָס מע האָט אים אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגן אָפּ זײַן יאָנטעוו — און דאָך האָט געקלונגען די שטאָט מיט זײַן בארמיצווע. טאַטע־מאַמע האָבן מעקאַנע געווען, מאַמעס האָבן זיך געווונטשן אַזעלכע קינדער.

ס'איז געווען אַן עמעסער יאָנטעוו, א גרויסאַרטיקער יאָנטעוו. און אין אים האָבן זיך באַשעפטיקט א סאַך הענט אונטער דער קאָמאַנדע פון דער באָבע מינדי, וואָס האָט אויסגעזען אין איר שאַבעסדיקן אָנטאָן, מיטן שטערן־טיכל, ווי אַן עמעסער קאָמאַנדיר. זי האָט געקאָמאַנדעוועט, וועמען מע זאָל רופן און וועמען ניט, ווער ס'זאָל זיצן אויבנאָן און ווער ניט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלן, וואָסערע

בראנפנס אונ וואַסערע ווײַנענ מע זאָל טרינקענ. מיט אַלעמענ האָט זי זיך איבערגעקריגט, אַפּ אַלעמענ זיך אָנגעבייזערט, ניט געשאַנעוועט אפילע דעמ באַרמיצווע־העלד אַליינ, ער זאָל זיך האַלטנ ווי אַ מענטש, ניט האָבנ קיינ טעווע בײַסנ די נעגל לאָטש צווישנ מענטשנ, ניט לאַכנ אַליינ אונ ניט מאַכנ לאַכנדיק די איבעריקע קינדער, קורצ — ניט זײַנ קיינ יימאַכשמויניק.

— גאָט האָט ראַכמאָנעס געהאַט, האָסט דערלעבט די באַרמיצווע, איז שוינ צײַט, זאָלסט ווערנ אַ שטיקל מענטש! — האָט זי אײַנגע־טײַנעט מיט אימ, באַשפּיגנ די פינגער אונ אויסגעגלעט אימ דאָס לעצ־טע רעשט פונ די פּייעלעכ, וואָס זי האָט קוימ „אָפּגעוויעוועט" בײַ איר זונ: נאָכעמ ראַבינאָוויטש האָט שוינ לאַנג כיישעק געהאַט זיי גאָר אײַנגאַנצנ אָפּשערנ, האָט די באָבע מינדי ניט דערלאָזט.

— אַז איכ וועל שטאַרבנ אונ מײַנע אויגנ וועלנ עס ניט זענ, — האָט זי אימ געזאָגט, — וועסטו דעמלט מאַכנ דײַנע קינדער פאַר גויימ. אונ איצט, קאַלזמאַנ איכ לעב נאָכ, וויל איכ זענ אַפּ זייער פּאָנעמ כאָטש אַ סימענ פונ יידישקײַט.

אכוצ דעמ גרויסנ אוילעמ, וואָס מע האָט צונויפגערופנ גלײַכ פונ שול אַפּ באַרמיצווע, איז זיך צונויפגעקומענ די גאַנצע מישפּאָכע. פאַר־שטייט זיך, אַז דער רעבע מוישע דאָוויד רודערמאַנ, אינ דער שאַבעס־דיקער געוועגטענער קאַפּאָטע, מיטנ אָפּגעבליאַקעוועטנ פּליסנ היטל, ווי אַ לאַטקע אַפנ קאָפּ, איז אויכ געווענ „בתוכ הבאימ".* ער האָט זיך אָבער געהאַלטנ זייער קליינ אונ פונדערווײַטנ. פונ דער מײַסע אָנ מיטנ זונ, וואָס האָט זיך געוואָלט שמאַדנ, איז ער געוואָרנ בײַ זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלנ. ער האָט זיך קיימאַט גאָרניט צוגערירט ניט צומ קידעש, ניט צומ פאַרבײַסנ, געזעסנ פאַרוקט אינ אַ ווינקעלע, אײַנגעבויגנ אינ דרײַענ, אונ שטילערהייט געהוסט אינ די ברייטע אַרבל פונ דער שאַבעסדיקער געוועגטענער קאַפּאָטע.

נאָר אָט איז געקומענ די כינעט פונעמ עקזאַמענ. דאָס באַרמיצווע־באָכערל האָט זיך באַדאַרפט אָוועקשטעלנ אונ אַרויסבאַוויזנ דעמ אוילעמ, וואָס ער קענ, — האָט מיטאַמאָל דער רעבע רודערמאַנ אויפ־געכאַפּט זיך; זײַנ פּלייצע האָט מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט זיך; די גע־דיכטע שוואַרצע ברעמענ האָבנ זיך אופגעהויבנ אונ זײַנע אויגנ

* בעסויכ האַבאָימ — צווישנ די געקומענע. — ר ע ד.

האָבנ זיכ אײַנגעגעסנ, אײַנגעזויגנ אינעמ טאַלמיד, אונ זײַנ גראָבער פינגער האָט מיט א קוועטש, ווי דאָס שטעקעלע פונעמ דיריזשאָר, אונטערגעזאָגט דעמ טאַלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

אונ דער טאַלמיד, דער בארמיצווע הייסט עס, איז טכילעס שיר ניט אומגעפאַלנ פאַר שרעק, געפילט א מאָדנע טרוקנקײַט אינ מויל אונ א שווינדל אינ די אויגנ. עס האָט זיכ אימ אויסגעדאַכט, אז ער גייט אָפּ אײַז, אָט־אָט צעשפאַלט זיכ דאָס אײַז, אונ טראַכ — ער טוט א פאַל מיטנ גאַנצנ אוילעמ. נאָר וואָס ווײַטער־ווײַטער איז ער, אונטער דעמ רעבנס קוק אונ אונטער דעמ רעבנס קוועטש מיטנ גראָבנ פינגער, געוואָרנ בא זיכ שטאַרקער אונ שטאַרקער, אונ ער האָט אָנגעהויבנ שפאַנענ, ווי אָפּ אנ אײַזערנער בריק, אונ ער האָט דערפילט א ווארעמקײַט אינ אַלע אייוורים, אונ עס איז אַוועק בא אימ ווי א מיזמער.

האַלטנדיק אינ מיטנ דער ארבעט אונ דרייענדיק מיטנ פינגער נאָכנ רעבנס גראָבנ פינגער, האָט דער בארמיצווע פונדעסטוועגנ גוט געקוקט אָפּנ אוילעמ, געזענ דעמ אויסדרוק פונ אַלע פּענעמער, ניט דורכגעלאָזט קיינעמ. אָט איז ייִצחאָק ווײַגדער, וואָס רירט מיט די פּלייצעס אונ קוקט מיט די גאַזלאָנישע אויגנ. אָט איז דער אַלטער יעשיע סריבנע — מע זאָגט, ער איז שוינ א בענ־מייע, אַלט הונדערט יאָר. די צונג איז בא אימ אינ מויל ווי א גלעקל, מאַכמעס קיינ ציינ האָט עס שוינ ניט. אָט איז זײַנ זונ בערקע, שוינ גענוג אַלט, די אויגנ האַלט ער צו אונ דעמ קאָפּ אָפּ דער זײַט. אָט איז אָשער ניידימ, וואָס אַלע רופנ אימ דער „פעטער אָשער" — טאַקע א פעטער, א ברייטער, א גראָבער. די זײַדענע קאַפּאָטע אָפּ אימ שפּאַלט זיכ אונ אַליינ איז ער גרוי ווי א טויב. אונ אָט איז יאָסי פּרוכשטיינ מיט די גרויסע ארײַנגעשטעלטע ציינ, מיט די גלאַנצנדיקע ברילנ אונ מיטנ שיטערנ בערדל— אנ אַפּיקוירעס א ייִד, וואָס שפּילט מיט נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ אינ שאָכ אונ לייענט אַזעלכע ביכלעכ, ווי „מסתּרי פּאַריז", „שבילי עולמ" אונ נאָכ אַזעלכע זאַכנ. נעבנ יאָסינ שטייט זײַנ ייִנגערער ברודער, מיכל פּרוכשטיינ, א יונגער מאַנ א כאָכעמ, א מאַמזער, וואָס לייקנט אָפּ אַלצדינג, הייסט דער שיקסע פארלעשנ דאָס ליכט אומ שאַבעס אונ האַלט שטאַרק פונ אַזעלכע ייִדנ, ווי מוישע בערנער אונ בעני קאַנאַווער, וואָס אַלע ווייסנ, אז אינ דער יוגנט האָבנ זיי אַמאָל פּאַרקוקט אינ א זײַט, ביימ

דער שערער האָט זיי צורעכט געמאַכט די בערדלעכ... יִסראָעל בענדיצקי איז אויכ געווענ בעסויכ האַבאָים. אַמאָל האָט מענ אימ גערופנ יִסראָעל דער קלעזמער, נאָר איצט האָט ער שוינ געהאַט אַנ אייגענע שטוב, אַ שטאָט אינ מיזרעכ, אַ באָרד האָט ער זיכ צעקעמט אַ ברייטע, אַ שוואַרצע, אַ גלענצנדיקע, אונ כאָטש ער זאָגט זיכ ניט אָפּ איצט אויכ פונ צו שפּילנ אַפ אַ געהויבענער כאַסענע, נאָר פונדעסטוועגנ וועט אימ קיינער ניט רופנ קלעזמער, אַפילע הינטער די אויגנ. אונ ער איז טאַקע אַ שיינער ייִד, פירט זיכ מײַסע באַלעבאָס. אַז ער לאַכט, לאַכט ער מיט אַלע ציינ, קליינע, שיטערע, ווײַסע ציינ. אַפילע רעפאָעל דעמ שאַמעס מיטנ אויגל האָט דער באַרמיצווע ניט דורכגעלאָזט. רעפאָעל איז געשטאַנענ האַלב אײַנגעבויגנ אונ אינגאַנצנ אַרײַנגעטאָנ אינ דעמ, וואָס דער באַרמיצווע האָט געדאַרשנט, אונ עס האָט זיכ אויסגעוויזנ נאָכ זײַנ דאַרנ פאָנעמ אונ אויסגעבויגענער נאָז, אַז אָט־אָט טוט ער אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערנ טיש אונ רופט אויס מיט זײַנ שאַבעסדיקנ נוסעכ:

„צע־הענ גיל־דוינ אומ קויהענ!”...

אַלעמענ אונ אַלצ האָט דער באַרמיצווע באַמערקט. אונ אַלע פּענעמער האָבנ אויסגעזענ יאָנטעוודיק. נאָר יאָנטעוודיקער פונ אַלע איז געווענ דעמ פעטער פּיניעס פּאָנעמ. געזעסנ גאַנצ אויבנאָנ, נעבנ באַרמיצוועס פּאָטער, אינ זײַנ שאַבעסדיקער זײַדענער קאַפּאָטע. מיט אַ ברייטנ זײַדענעמ גאַרטל, מיט אַ בלוי סאַמעטנ היטל אַפנ קאָפּ, האָט דער פעטער פּיניע געקוקט אַפנ באַרמיצווע פונ אונטנ אַרופ, געשמייכלט זיכ אינ באָרד אַרײַנ, ווי איינער רעדט: „מיילע, קענענ קענ ער, דער יִמאַכשמויניק—דאָס זעט מענ... נאָר צי דאַווענט ער אָבער אַלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגל־וואַסער? צי לייענט ער קרישמע פאַרנ שלאָפ? צי טראָגט ער ניט אומ שאַבעס?—דאָס איז בא מיר אַ גרויסער סאָפּעק.

הערפּאַר איז אָבער דער פּאָטער פונעמ באַרמיצווע געווענ — אימ ניט אינ פּאָנעמ אַרײַנצוקוקנ. עס איז געווענ צו זענ, אַז קיינ מער גליקלעכער מענטש, ווי ער, איז אַפ דער וועלט נישטאָ. דעמ קאָפּ האָט ער געהאַלטנ אַרופ, די ליפּנ האָבנ זיכ אימ גערירט, נאָכגעגאַנגענ טריט בא טריט דעמ זונ, געקוקט אַפנ אוילעמ, אַפנ ברודער פּיניע, אַפנ רעבנ רוהערמאַנ, אַפנ באַרמיצווע אַליינ אונ אַפ דער מאַמע פונעמ באַרמיצווע.

און די מאמע, די קליינינקע כאיע־עסטער, איז געשטאנען גאר אומבאמערקט, מיט דערכערעצ, בא דער זײט, צווישן די איבעריקע ווײבער, אין דער שאבעסדיקער זײדענער פאטשיילע, א פארגאפטע, שטילערהייט, זיפצנדיק, זיך אויסגעקנאקט אלע פינגער, און צוויי בלישטשענדיקע טרערן, ווי צוויי בריליאנטן, האבן זיך געקײקלט און אפגעשײנט קעגן דער זון אף איר גליקלעך, יונג, ווײס, נאר שוין געקנייטשט פאנעם.

וואס זײנען דאס געווען פאר טרערן? טרערן פון פרייד? פון טײנעג? פון גאדלעס? פון דער שלעכטער צײט? אדער עפשער האט א מאמעס הארצ אײנגערוימט איר א סאד אפן אויער, אז אט דאס בארמיצווע־באכערל, וואס קלינגט איצט אזוי שיין, וועט אינגיכן, גאר אינגיכן, זאגן קאדיש נאך איר נעשאמע?...

ווער ווייסט, וואס א מאמע קאן וויינען?

31. „דער באכער”

זײן ברודער הערשל ווערט א כאסן. — דאס פארהערעניש מיט א סופלער. — א טפילן־זעקל, א זייגער און א קאלע.

— אציינד ביסטו שוין, מיט גאטס הילף, א באכער. אויס יינגל, אויס שייגעצ, אויס קונדעס. צײט ווערן א מענטש און אן ערלעכער ייד, ווארעם די צײט שטייט ניט: אט־אט, אקערשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו א כאסן...

דאס איז געווען דאס ביסל מוסער, וואס מע האט ארײנגערעדט דעם בארמיצווע אף מארגן נאך דעם פײערלעכן שאבעס, און דער רעבע האט אים געהאלפן אנטאן די טפילן. ער האט אים אײנגעקרעמפעוועט דעם „שעל־יאד” אף דער לינקער האנט, אז די פינגער האבן זיך אנגעגאסן און געווארן בלוי, און דער גרויסער „שעל־ראש” האט זיך אלע מינוט אראפגערוקט צווישן די אויגן, אדער אראפגעפארן א ביסל אף א זײט, יעדנפאלס שטארק כיישעק געהאט אראפגליטשן זיך אראפ. דעם בארמיצווע האט געקאסט מי אײנצוהאלטן גלײכגעוויכט, ניט געקאנט זיך א ריר טאן פרײ

און אפילע א קוק צו טאָנ אפ די ווײַסעכעוורנעיקעס, וואָס האָבנ מיט נײַגעריקײַט ארומגערינגלט דעמ בארמיצווע, זענ, ווי ער דאַוונט צומ ערשטנ מאָל אינ טפילנ. און מע דארפ דעמ עמעס זאָגנ, אז ווענ ניט זיי, אָט די ווײַסעכעוורעניקעס, וואָלט דער בארמיצווע איצטיקס מאָל געדאַוונט מיט הארצ, מיט קאוואָנע און מיט ליבשאפט. עס איז אימ געפעלנ די צערעמאָניע פונ טפילנ לייגנ; עס איז אימ געפעלנ די טײַטש פונ די ווערטער „וארשתיכ"; עס איז אימ געפעלנ דער מעכײַעדיקער יוכטנ-רייעכ פונ די פרישע, נאָרוואָס אויסגעמאכטע רעצועס; עס איז אימ געפעלנ, וואָס מע זאָגט אימ, אז ער איז שוינ א באָכער; עס איז אימ געפעלנ, וואָס מע איז אימ מעצארעפ צו א מיניענ. די מאשמאָעס, אז ער איז שוינ א ייִד גלײַכ מיט אלע ייִדנ, א מענטש גלײַכ מיט אלע מענטשנ. אפילע רעפאָעל דער שאמעס מיטנ אויגל קוקט אפ אימ שוינ גאָר אנדערש, מיט פארבאָרגענעמ דערעכערעצ. פונ די כאווײרימ שמועסט מענ ניט, אז זיי זײַנענ אימ מעקאנע, וואָרעמ ער געדענקט, אז ער אליינ האָט אמאָל מעקאנע געווענ זײַנ עלטערנ ברודער הערשל צו זײַנ בארמיצווע. און ניט אזוי אפ דער בארמיצווע, ווי אפ דעמ, וואָס באלד נאָכ דער בארמיצווע איז זײַנ ברודער געוואָרנ א כאָסנ, און די קאלע האָט אימ געשענקט אנ אויסגענייט טפילנ-זעקל, און דער מעכוטנ — א זילבערנעמ זייגער. ביידע פאקטנ, דאָס הייסט, וויאזוי דער ברודער הערשל איז א כאָסנ געוואָרנ און וואָס איז געוואָרנ פונעמ מעכוטנס מאטאָנע, פונעמ זייגער, דארפנ באשרײַבנ ווערנ כאָטש אינ קורצנ.

הערשל איז געווענ א בארמיצווע-ייִנגל א ציקאווער, א שיינער, און א טשעפקע באָכערל, דאָס הייסט, ער האָט ליב געהאט גיינ ריינ אָנגעטאָנ; נאָר קיינ קאָפּ צומ לערנענ האָט ער ניט געהאט, און קיינ גרויסער וועלער איז ער אויכ ניט געווענ. פונדעסטוועגנ א טאטנס א קינד, נאָכעמ ראבינאָוויטשעס א זונדל — מע האָט אימ גערעדט די פײַנסטע שידוכימ, און ס'איז געקומענ צו פאָרנ א שיינער ייִד מיט א שווארצער באָרד — א מעכוטנ פונ וואסילקאָוו, ניט אליינ, נאָר מיט א פארהערער, א יונגערמאנטשיק מיט א געל בערדל, א גראָטענער, א קענער, א באל-טאנאכ און א באלאָשנקוידעש, נאָר א ביסל א נודניק, אנ אײַנגעגעסענער, האָט ליב ארײַנקריכנ יענעמ אינ די ביינער. צומ אלעמ ערשטנ האָט דער פארהערער גענומענ ארויסבאווײַזנ פאר די מעכו-

טאָנימ, וואָס ער קענ. צוליב דעמ האָט ער זיכ א נעמ געגעבנ צומ כאָסנס רעבנ, ארײַנגעלאָזט זיכ מיט אימ אינ א לאנגנ דיספּוט וועגנ דיקדעק. וואָס דער רעבע האָט געזאָגט, האָט ער געזאָגט פארקערט. דערנאָכ האָט ער א כאַפּ געגעבנ דעמ רעבנ, דער רעבע זאָל אימ זאָגנ, פארוואָס שטייט אינ „קהלת" „זבוכי מות יבאיש", מיט א לאָשנ יאָכיד, אונ ניט „יבאישו", מיט א לאָשנ ראַבימ? דערויפ האָט אימ דער רעבע געענטפערט: לעמאי שטייט אינ קויהעלעס טאַקע „וזכור את בוראיך", מיט א לאָשנ ראַבימ, ניט „וזכר את בוראיך", מיט א לאָשנ יאָכיד? דערנאָכ האָט ער א כאַפּ געטאָנ דעמ רעבנ גאָר מינאַצאַד: זאָגט נאָר, איכ בעט אײַכ, ווו שטייט „ויתהלכו מגוי אל גוי"? דער רעבע איז געוואָרנ א ביסל מעטושטעש, א ביסל פארשעמט, אונ געענטפערט: „דאָס איז פונעמ דאַווענענ: הודו לה' קראו בשמו"... דער יונגערמאַנ האָט זיכ ניט באַרויִקט: „אונ ווו שטייט „הודו לה' קראו בשמו"?" דער רעבע איז געוואָרנ נאָכ מער מעטושטעש אונ האָט געענטפערט: „דאָס דארפ זײַנ מיסטאַמע אינ טילימ ערגעצ"... דאָ האָט דער געלער יונגערמאַנ אויסגעבראָכנ א געלעכטער: „האָט קיינ פאריבל ניט, רעבע, דאָס שטייט ניט אינ טילימ ערגעצ, דאָס שטייט איינ מאָל אינ טילימ, אונ איינ מאָל, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאר אײַכ געדאַכט, ניט פאר קיינ שומ יידנ געדאַכט, אינ דברי הימים.*

פארנ רעבנ איז דאָס געווענ א טויטקלאַפּ, טראָפּנס שוויימ זײַנענ אימ ארויסגעטראָטנ אפנ פּאָנעמ. ער איז געווענ א געהארגעטער. „דער יונגערמאַנ איז א דרייער!" — אזוי האָט ער געזאָגט צו די קינדער אונ געווישט זיכ דעמ שוויימ מיט דער פּאָלע. — „טאָמער טוט ער א פארהער דעמ כאָסנ, איז דער כאָסנ א פארפאלענער, אונ דער שידעכ אויס שידעכ"... אונ אזוי ווי אינ דעמ שידעכ איז געווענ פארינטערעסירט אויכ ער, דער רעבע טאַקע, דאָס הייסט, ניט אזוי אינעמ שידעכ, ווי אינעמ שאַטכאָנעס־געלט, איז ער געפאלנ אפ אנ אייצע אונ האָט ארײַנגערוימט א סאָד אפנ אויער דעמ כאָסנס ברודערל, שאָלעמענ, אז ער זאָל זיכ פארקלײַבנ הינטער דער ברייטער פאנירטער קאנאַפּע, אונ אפ דער קאנאַפּע האָט ער אוועקגעזעצט דעמ כאָסנ. דערנאָכ האָבנ

---

*) „קויהעלעס", „דיוורעי־האַיאָמימ" — איינצלנע ווערק, וואָס גייענ ארײַנ אינ טאַנאַכ. — ר ע ד.

זיכ די מעכוטאָנימ אויסגעזעצט ארומ דעמ האַלב־קײַלעכיקנ פּאָנירטנ טיש מיט די לאַפּעס, אונ דער געלער יונגערמאַנטשיק האָט א נעמ געגעבנ דעמ כאָסנ אפנ צימבל. אינ דער זעלבער צײַט האָט דעמ כאָסנס מאַמע געגרייט צומ טיש, געשטעלט לעקעכ אונ בראָנפנ, געווענ, אָפּאָנעמ זיכער, אז דער עקזאַמענ וועט אָפּלויפנ גלאַט. „אנו, זאָג נאָר, באָכערל, ווו שטייט „לפּיד בוז לעשתות שאננ נכונ למועדי רגל"?"— „אינ איעוו"!" * — האָט זיכ געלאָזט הערנ פונ אונטער דער פּאָנירטער קאַנאַפּע ארויס. „אינ איעוו!" — האָט דער כאָסנ געזאָגט, ווי א מאַזיק, הויכ אפנ קאָל. „עמעס, אינ איעוו. אצינד ווייסטו ניט, ווו געפינט זיכ ערגעצ אינ טאַנאַכ, נאָכ א וואָרט פונעמ שווירעש „לעשתות"?" — פרעגט ווײַטער דער געלער פאַרהערער. „ביומ ההוא אבדו עשתונותיו", אינ טיליימ!" — פּישטשעט דער סופלער פונ אונטער דער קאַנאַפּע, אונ דער כאָסנ זאָגט אימ נאָכ וואָרט אײַנוואָרט. „זײַנען מיר מיטנ טאַנאַכ, הייסט דאָס, אזוי גרויס ווי פאַרטיק", — זאָגט דער פאַרהערער אונ וואַרפט מיט די אויגנ אפנ טיש, ווו די קליינע כאַיע־עסטער פּאַרעט זיכ באַמ לעקעכ אונ אײַנגעמאַכצ.—אצינד וועלנ מיר זיכ ארײַנטאָנ א ביסל אינ דיקדעק ארײַנ. וואָס פאַר א פּועל איז „אבדו"? וואָס פאַר א בנינ? וואָס פאַר א גופ? וואָס פאַר א מספּר? אונ וואָס פאַר א מינ?" האָט דער קליינער שאָלעמ ארויסגעקוויטשעט שטילערהייט פונ אונטער דער קאַנאַפּע ארויס, אונ דער כאָסנ האָט אימ נאָכגעזאָגט איטלעכס וואָרט: „אבדו" איז א פּועל עומד, א בנינ קל, א גופ נסתר, א מספּר רבימ אונ א זמנ עבר** אונ עס וועט זײַנ: אבדתי, אבדת, אבדת, אבד, אבדנו, אבדתמ, אבדתנ"...

„גענוג, גענוג, גענוג!" — האָט אויסגערופנ דער פאַרהערער צעפרידנ, געריבנ די הענט אונ געקוקט אפנ געגרייטנ טיש, אונ, אויסגעדרייט זיכ צומ שײַנענדיקנ מעכוטנ פונ קאַלעס צאַד, האָט ער א זאָג געגעבנ: — „אײַכ קומט מאַזלטאָוו. איר זעט דאָכ, דער יונג איז קלאָר אומעטומ ווי א וואַסער. וועלנ מיר גיינ, הייסט עס, צובײַסנ?...

---

*) „איעוו" — א ווערק, וואָס גייט ארײַנ אינ טאַנאַכ. — ר ע ד.

**) אלצ טערמינעס פונ דער העברעיִשער גראַמאַטיק (דיקדוק).—ר ע ד.

צי עס האָבנ געוווּסט פינ דעמ אָנשטעל טאַטע־מאַמע אויכ, אָדער דאָס האָבנ אָפּגעאַרבעט נאָר דער רעבע מיטנ כאָסנ אַלײנ? אינ עפשער האָט דער פאַרהערער אויכ געוווּסט פונעמ פאָקוס? — דאָס איז שווער צו זאָגנ. יעדנפאַלס, בײדע צדאָדימ זײַנענ געווענ צופרידנ, בײדע האָבנ זיכ כאָלילע ניט אָפּגענאַרט...

אצינד גײענ מיר אַריבער צו דער געשיכטע מיטנ זײגער. פאַרשטײט זיכ, אַז באַלד נאָכנ פאַרהערנ איז די מאַמע געפאָרנ אָנקוקנ די קאַלע. די קאַלע איז איר געפעלנ — זי איז אַ קלוגע; האָט מענ געפּראַוועט אַ קנאַסמאָל, געשריבנ טנאָימ אונ געבראָכנ טעלער, אונ דער מעכוטנ האָט געקויפט דעמ כאָסנ אַ מאַטאָנע — אַ זילבערנעמ זײגער. וויפל ס'איז פאַראַנ מינוטנ אינ אַ שאָ, אַזוי פיל מאָל האָט דער כאָסנ געקוקט אויפֿנ זײגער. אַ מיצווע האָט מענ פאַרדינט אינ דעמ כאָסנ, אַז מע האָט אימ געפרעגט, ווי האַלט דער זײגער. אונ דער כאָסנ האָט געהיט דעמ זײגער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעמ אויג. פאַרנ שלאָפנ גײנ האָט ער פאַרנ זײגער קײנ אָרט ניט געקאָנט געפינענ. שאַבעס, פאַרנ גײנ אינ שול אַרײַנ, איז ער אויסגעווענ מיטנ זײגער אינ אַלע שופלאָדנ אונ אינ אַלע קאַמאָדנ; ער האָט אַלצ געציטערט, מע זאָל כאָלילע נישט אַוועקגאַנווענענ דעמ זײגער...

וואַיהי האַיומ, אײנמאָל פאַרגלוסט זיכ דעמ כאָסנ, אַ טשעפּקע באָכערל, אויספּוצנ דעמ קאָסטיומ. געטראָגנ האָט מענ דעמלט גוטנ טריקאָ מיט אַ וואָרסע, אונ אַזאַ טריקאָ האָט אַ טעווע — ער נעמט אָפּ זיכ פלעקנ אונ שטויב גאַנצע פודנ. אַ שטעקל האָט דער כאָסנ געטראָגנ אַ יאַמשעווע, וואָס בויגט זיכ. האָט ער דעמ קאָסטיומ אויפגעהאַנגענ אינ דרויסנ אויפֿנ גאַנעק אונ מיט דעמ יאַמשעווע שטעקל גענומענ אויסקלאַפּנ דעמ שטויב פונעמ קאָסטיומ, אָבער גוט, וויפל ס'איז נאָר געווענ קויעכ, אונ אַז אינ קעשענע פונעמ קאָסטיומ ליגט דער זײגער — האָט ער אַקוראַט פאַרגעסנ. זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אַז פונעמ זײגער איז געוואָרנ אַ כורבנ, אַ פּראָשעק פונ שטיקלעכ זילבער, פאָרצעלײַ אונ גלאָז אונ אַ סאַכ קלײנע רעדעלעכ. אונ דער כאָסנ האָט אויפגעהויבנ זײַנ קאָל אונ האָט זיכ צעוויינט. עס האָט ניט געהאָלפנ קײנ שומ טרײסטנ מיט קײנ שומ צוזאָגעכצנ, אַז מע וועט אימ קויפנ אַנ אַנדער זײגער — עס האָט אויסגעריסנ אַ שטיק האַרצ!

דער בארמיצווע שאָלעמ האָט געקוקט אָפּ זיכ אויכ, ווי אָפּ אָט אזא מינ באָכער. זײַנ אידעאַל איז געווענ אינ יענער צײַט דרײַ זאכנ: א טפילנ־זעקל, ווי בא זײַנ ברודער הערשל, א זייגער אונ א קאַלע. די קאַלע האָט זיכ אימ פאָרגעשטעלט ניט אנדערש, ווי אינעמ געשטאַלט פונ א באַסמאַלקע, איינע פונ יענע יעפּייפּיִעס, וואָס זײַנ באַוועגער שמוליק דער יאָסעמ פלעגט זיכ אָנדערציילנ פונ זיי. זי איז אימ געווענ אזוי קלאָר, אז ער האָט זי אָפּט געזענ אינ כאָלעמ, אונ איינמאָל, באַלד נאָכ דער בארמיצווע, האָט ער זי דערזענ אָפּ דער וואָר אונ — ער האָט זיכ פאַרליבט אינ איר, ווי עס ווערט באַשריבנ אָט דאָ באַלד אינ א באַזונדער קאַפּיטל.

32. די ערשטע ליבע

ראָזע בערנער די שולאַמיס פונ „שיר האשירימ. — באַוּמ פרוכ־שטוינ — א געפערלעכער קאָנקורענט. — סקריפּענדיקע שטיוו־לעטנ אונ פראַנצויזיש. — פידל־שפּילנ. — זיסע כאַלוימעס.

ווענ זיי זאָלנ ניט געווענ זיכ באַגעגענענ דערנאָכ אינ לעבנ א סאַכ מאָל, וואָלט דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראַפיע זיכער גע־מיינט, אז די, וועלכע האָט אימ צו פערצנ יאָר געפלעפט, איז געווענ א דימיענ, א פאַנטאַזיע, א כאָלעמ. געהייסנ האָט זי ראָזע, אונ ער האָט זי קיינמאָל ניט געזענ, זי זאָל גיינ אליינ. שטענדיק מיט א כאַליאַסטרע „קאַוואַליערנ", די פײַנסטע יידישע באָכערימ, די רײַכ־סטע יונגע לײַט פונ שטאָט, אונ אמאָל אויכ קריסטנ, אָפיצערנ. א רוסישער אָפיצער זאָל שפּאַצירנ מיט א יידיש מיידל — דאָס אליינ איז געווענ אזא סענסאַציע, וואָס די שטאָט האָט מיט דעמ גע־קאָכט. אונ ניט א יעדעמ מיידל וואָלט זיכ דאָס דערלויבט אונ ניט א יעדנ מיידל וואָלט דאָס די שטאָט מויכל געווענ. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איר קאָנ מענ דאָס מויכל זײַנ, וואָרעמ זי איז ראָזע, וואָרעמ זי איז די איינציקע אינ שטאָט, וואָס שפּילט פּיאַנע, די איינציקע אינ שטאָט, וואָס רעדט פראַנצויזיש, אונ רעדט הויכ, אונ לאַכט הויכ — א קלייניקײַט — ראָזע? אונ דערצו איז זי א טאַטנס

א קינד אויכ. איר פאָטער איז איינער פונ די רײַכסטע אונ פאָרנעמסטע ייִדנ אינ שטאָט, א ייִד אנ אריסטאָקראַט. אינ דער יוגנט, זאָגט מענ, איז ער געווענ א גאָלעכ. איצט איז ער שוינ אלט אונ גרוי, האָט ער זיכ פאַרלאָזט א באָרד, טראָגט ברילנ, האָט קישעלעכ אונטער די אויגנ. די אייגענע קישעלעכ אונטער די אויגנ האָט געיאָרשנט פונ אימ זײַנ טעכטערל ראָזע, אונ זיי פאַסנ זיכ איר אזוי צו אירע שיינע בלויע אויגנ, אונ צו אירע זײַדענע אויסגעבויגענע ברעמענ, אונ צו איר ייִדיש־גריכיש נעזל, אונ צו איר קלאָר־ווײַס געזיכט, אונ צו איר קליינער, נאָר מאיעסטעטיש גרויסאַרטיקער פיגור, וועלכע האָט געפלעפט דאָס הארצ פונעמ ציקאָווע פארכאָלעמטנ כיידער־ייִנגל, שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, וואָס האָט זיכ דורכ איינ קוק פונ אירע שיינע שולאַמיס־אויגנ פאַרליבט אינ דער דאָזיקער שולאַמיס מיטנ הייליקנ פײַער פונ אנ אומשולדיק בארמיצווע־ייִנגל.

יאָ, שולאַמיס. נאָר די שולאַמיס, וואָס אינ „שיר השירים”, פאַרמאָגט אזעלכע שיינע געטלעכע אויגנ. נאָר די שולאַמיס, וואָס אינ „שיר השירים”, קאָנ אזוי זיס־ליבלעכ אונ שטרענג טיפ ארײַנדרינגענ אײַכ אינ דער נעשאָמע ארײַנ, ווענ זי קוקט אפ אײַכ. אונ א קוק געגעבנ האָט זי אפ שאָלעמענ, קאָנ איכ אײַכ אָרעוו זײַנ, מער ניט אז איינ מאָל, אונ אז א סאַכ — איז צוויי מאָל. אויכ דאָס — פאַרבײַגייענדיק אינ גאַס שאַבעס באַטאָג מיט א גאַנצע כאַליאַסטרע „קאַוואַליערנ”, צווישנ וועלכע ס'איז געווענ איינער א גליקלעכער מיטנ נאָמענ כאַימ פרוכשטיינ. כאַימ איז יאָסי פרוכשטיינס א זונדל, א בעניאָכיד, א קורצפיסיקער, זייער א קורצפיסיקער, נאָר מיט א לאַנגער נאָז, אונ אפ דער נאָז — רויטע ווײַמפערלעכ, אונ ציינ גרויסע, מוירעדיק גרויסע. נאָר אָנגעטאָנ איז ער, ווי דער גרעסטער פראַנט. שטיוולעטנ לאַקירטע אונ סקריפנדיקע אפ הויכע, זייער הויכע אָפצאַסנ — ביכדיי ער זאָל אויסזענ העכער. א זשילעט א ווײַסער, ווי געפאַלענער שניי. די האָר פאַרקעמט מיט א שרונט אקוראַט אינ מיטנ אונ שטענדיק אָנגעשמירט מיט שמעקנדיקע פאַרפומענ, וואָס לאָזנ זיכ הערנ אפ א מײַל. אָט דאָס איז געווענ דער גליקלעכסטער פונ אלע ראָזעס קאַוואַליערנ, אונ אימ האָט די שטאָט געקרוינט פאַר איר כאָסנ, דערפאַר געקרוינט, ווײַל ער איז יאָסי פרוכשטיינס זונ אונ יאָסי

פּרוכשטײַנ איז א נאָגיד, און א נאָגיד מיט א נאָגיד זײַנע גלײַכע מעכוטאָנים. און אויסער דעם, איז ער דער אײנציקער באָכער אינ פּערעיאסלעוו, וואָס רעדט פראַנצויזיש; ער רעדט פראַנצויזיש און זי רעדט פראַנצויזיש — קאָנ דענ זײַנ נאָכ מער גלײַכ ווי דער דאָזיקער שידעכ? און נאָכ א זאַכ: זי שפּילט פּיאַנע און ער שפּילט פידל, אינ אַז די בײדע שפּילנ, מעג מענ פאַרזעצנ וואָס מע האָט און מע קאָנ, שטײנ א גאַנצע נאַכט אונטערנ פענצטער און האָרכנ. שאָלעם איז געשטאַנענ ניט אײנמאָל בא ראָזענ אונטערנ אָפענעם פענצטער זומער פאַרנאַכט אינ דרויסנ און צוגעהערט זיכ צו די זיסע הימלישע טענער, וואָס די שײנע ראָזע האָט מיט אירע שײנע פינגער ארויסגעצויגנ פונ דער גרויסער, שוואַרצער, גלאַנצנדיקער פּיאַנע מיט די ווײַסע בײנדלעכ, און צו די זיסע הימלישע געזאַנגענ, וואָס דער קורצפּיסיקער כאַיִם פּרוכשטײַנ האָט ארויסגעריסנ פונ די דינע סטרונעס פונ זײַנ קלײנבײַכיק פידעלע — און אכ! וואָס ער האָט איבערגעלעבט אינ די מינוטנ! ער האָט געשעפּט טײַנעג און געערגערט זיכ, געבענטשט און געשאָלטנ צו גלײַכער צײַט. געשעפּט טײַנעג פונ דער שײנער זעלטענער הימלישער מוזיק, און געערגערט זיכ, וואָס ניט ער שפּילט דאָס מיט ראָזענ, נאָר אַנ אַנדערער. געבענטשט האָט ער די הענט, וואָס ציִענ ארויס אַזעלכע זיסע הימלישע טענער, מיט אַזעלכע זיסע מאַלאָכימשע געזאַנגענ פונ טויטע אינסטרומענטנ, און געשאָלטנ דעם טאָג, וואָס ער איז געבוירנ געוואָרנ בא נאָכעם ראַבינאָוויטש, ניט בא יאָסי פּרוכשטײַנ, און וואָס כאַיִם פּרוכשטײַנ איז א נאָגידס א זונ, און ער, שאָלעם, איז נעבעכ אַפּ גרויסע צאָרעס! ניט נאָר ער קאָנ ניט אויספירנ בא זײַנ טאַטע־מאַמע לאַקירטע שטיוולעטנ מיט סקריפּקעס און אַפּ הויכע אָפּצאַסנ — זײַנע שטיוועלעכ, וואָס ער טראָגט, זײַנענ אָפּגעפּאָרנ, די אָפּצאַסנ אויסגעדרײט, די פּאָדעשוועס אָפּגעריבנ. און אַז ער זאָל זאָגנ, ער וויל לאַקירטע שטיוולעטנ, וועט מענ אימ פרעגנ: אַפּ וואָס? און אַז ער זאָל זאָגנ, אַז ער וויל, זײַנע שטיוועלעכ זאָלנ סקריפּענ, וועט ער קריגנ פּעטש...

אכ, ווי גוט עס וואָלט געווענ, ווענ ער האָט אַנ אויצער! אָט א יענעם אויצער, וואָס זײַנ וואָראָנקעווער כאַווער שמוליק דער יאָסעם פלעגט אימ דערצײלנ וועגנ דעם אַזוי פיל שײנע מײַסעס. נאָר בלאָ־

טע! ס'איז ניטאָ קיין אויצער. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער אים צו געפינען — ער ליגט זייער טיף פארבאָרגן. און אז מע געפינט אים שוין — אנטלויפט ער און באהאלט זיך נאָך טיפער...

און דער אומגליקלעכער שאָלעם האָט פארשאָלטן דעם טאָג, לעמײַ ער איז געבוירן געוואָרן בא די מעיוכאָסים, בא די ראבינאָוויטשעס, ניט בא די פרוכשטיינס. און ער האָט פײַנט געקראָגן מער פון אַלעמען אָט דעם קורצפיסיקן כאַיִם פרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווײַמפערלעך, פײַנט געקראָגן טאכליס־סינע — דערפאר, וואָס גאָט האָט אים, דעם קורצפיסיקן כאַיִם, געבענטשט מיט אַלע דרײַ גוטע זאכן: מיט סקריפנדיקע שטיוולעטן, מיט ריידן פראנצויזיש און מיט שפילן פידל.

און דער אומגליקלעכער שאָלעם האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן און געשוואָרן זיך בא דער לעוואָנע און בא די שטערן דאָ אין דרויסן, און בא די זיסע הימלשע טענער און בא די זיסע מאלאָכימשע געזאנגען, וואָס גיסן זיך פון דאָרטן, פון אינווייניק, אז פון הײַנט אָן און ווײַטער וועט ער זיך אויסלערנען שפילן אפן פידל, אזוי ווי דער גליקלעכער כאַיִם פרוכשטיין, אז ער וועט מיט זײַן פידל־שפילן פארשטעקן אין גארטל צען אזעלכע, ווי כאַיִם פרוכשטיין, און ריידן פראנצויזיש וועט ער זיך אויסלערנען אזוי ווי כאַיִם פרוכשטיין, און ער וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגלײַכן מיט כאַיִם פרוכשטיין, און ער וועט אים נאָך עפשער אריבעריאָגן, — און דעמלט ערשט וועט ער קומען צו איר, צו ראָזען, גלײַך אהיים, און ער וועט איר זאָגן מיטן לאָשן פון שיר האַשירים: „שובי שובי האשולמית — קער זיך אויס צו מיר, שולאמים, מיטן פּאָנעם אפ איין ווײַלע און הער זיך אײַן, וויאזוי איך שפיל אפן פידל!" און ער וועט געבן א פיר מיטן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולאמים־ראָזע וועט דאָס דערהערן, וועט זי שטוינען, און זי וועט אים פרעגן: „פונוואנען?" — וועט ער איר ענטפערן: „פון זיך אליין". און כאַיִם פרוכשטיין וועט שטיין פון דער זײַט און וועט גאפן און וועט אים, שאָלעמען, מעקאנע זײַן — וועט ער צוגיין און וועט וועלן זאָגן ראָזען עפעס אפ פראנצויזיש, וועט שאָלעם זיך ארײַנמישן אין מיטן, אים איבערהאקן און וועט צו אים זאָגן אויך אפ פראנצויזיש; „היט זיך, רעב כאַיִם, מיט אײַער לאָשן, וואָרעם איך פארשטיי איטלעכס וואָרט".

וועט ער נאָך מער גאפנ, אונ שולאמיס־ראָזע וועט א פרעג טאָנ בא שאָלעמענ: „דו רעדסט פראַנצויזיש אויכ? פונוואַנענ?" — וועט איר שאָלעמ זאָגנ: פונ זיכ אַליינ". דעמלט וועט שולאמיס־ראָזע אופשטיינ, וועט נעמענ שאָלעמענ פאר א האנט אונ וועט אימ זאָגנ: „קומ". וועלנ זיי גייִנ אינ צווייענ, ער מיט ראָזענ, אפנ שפּאציר איבער די פּערעיאסלעווער „פּעשעכאָדנ" אונ וועלנ ריידנ ביידע אפּ פראנצויזיש, אונ די גאנצע כאליאַסטרע קאוואליערנ, אונ דער קורצפּיסיקער כאיִמ פרוכשטיינ בעסויכעמ, וועלנ זיי נאָכגייִנ פונ הינטנ, אונ די גאנצע שטאָט וועט טײַטלענ מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקלעכע פּאָרל?" וועט מענ זיי ענטפערנ: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָכ ראָזע מיט איר אויסדערוויילטנ!" „ווער זשע איז איר אויסדערוויילטער?" „איר אויסדערוויילטער — דאָס איז דאָכ דער וואָראָנקעווער באל־טאַנאָכ אונ קאסוועראבע שאָלעמ נאָכעמ וועוויקס, שאָלעמ ראבינאָוויטש"... אונ שאָלעמ הערט דאָס אַלצדינג, נאָר ער מאכט זיכ, ווי ער הערט ניט, אונ ער גייט ווײַטער אונ ווײַטער, האנט בא האנט מיט דער שיינער ראָזענ, אונ ער זעט אירע שיינע בלויע אויגנ, ווי זיי קוקנ אפּ אימ אונ לאכנ. אונ ער פילט איר קליינ ווארעמ הענטל אינ זײַנ האנט, אונ ער הערט, ווי דאָס הארצ בא אימ קלאפּט: טיק־טאק, טיק־טאק. אונ די שטיוועלעכ אונטער אימ האָבנ ווי פונ זיכ אליינ אָנגעהויבנ צו ריידנ: „סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ". אונ דאָס איז שוינ א וווּנדער פאר אימ אליינ. מיילע, פידל שפּילנ אונ פראנצויזיש ריידנ — דאָס האָט ער זיכ אויסגעלערנט. אזוי לאנג געהאָרעוועט, ביז ער קענ. אָבער די שטיוועלעכ — פונוואַנענ האָבנ זיי געכאפּט דעמ סקריפּ? אויכ פונ זיכ אַליינ? אָדער עפּשער ווײַזט זיכ אימ אויס? אונ ער קוועטשט־קוועטשט מיט ביידע פיס, שטארק־שטארק, אונ ער כאפּט א שטורכ פונ זײַנ עלטערנ ברודער, מיט וועלכנ ער שלאָפט אינ איינ בעט: „וואָס דרײַגעסטו מיט די פיס, ווי א לאָשעקל?" אונ ער כאפּט זיכ אופ — ניט שוינ זשע איז דאָס געווענ נאָר א כאָלעמ?... אונ ער הערט ניט אופ צו טראכטנ פונ דעמ דאָזיקנ כאָלעמ. אונ ער הערט ניט אופ צו כאָלעמענ אפּ דער וואָר. אונ עס גיסנ זיכ צונויפ בא אימ דער כאָלעמ מיט דער וואָר, די פאנטאזיע מיט דער ווירקלעכקײַט... אונ עס ציט זיכ אזוי, ער ווייסט ניט וויפל צײַט, ביז עס קומט א גאנצ

קיינ פערעיאפּלעוו, א שרעקלעכער גאָסט, אנ אונטערגאַנג, אנ עפּידעמיע. ווי אנ אוראַגאַנ וואַלגערט ער אומ אלצדינג מיטנ פּאָנעמ אראָפּ אונ מאַכט א איבערקערעניש, א כורבנ אינ א סאַכ הײַזער, אונ אויכ בא נאָכעמ ראַבינאָוויטשנ אינ שטוב, אונ עס ווערט פאַרשוווּנדנ די שיינע שולאַמיס־ראָזע אונ זײַנ ליבע צו דער שיינער שולאַמיס־ראָזענ, ווי א כאָלעמ, ווי א פאַנטאַזיע, ווי א נעכטיקער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווענ די כאָליערע.

33. די כאָליערע

די עפּידעמיע. — די רײַבערס. — די באָבע מינדי קאָמאַנדעוועט. — זי רײַסט קוואָריממ, זוכט זכוס־אָוועס, ארבעט מיט די דאָקטוירימ. — דער מאַמעס טויט. — דער פעטער פיניע לאָזט ניט וויינענ — ס'איז שאַבעס.

אָנגעהויבנ האָט זיכ עס טכילעס זומער, באַלד נאָכ פּייסעכ, אזוי ווי אפ קאַטאָוועסנ, נאָר שפּעטער צו, ארומ נאָכ שוועס, אז ס'זײַנענ אונגעקומענ אויבסטנ אונ גרינע אגרעסנ זײַנענ געוואָרנ וואָלוול, בעכאָצי כינאָמ, האָט זיכ עס צעשפּילט שוינ אפ דער עמעסנ, אונ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ לאָזנ הערנ אלץ אָפטער אונ אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג", עפּידעמיע" אונ „כאָליערע": באַמ וואָרט „כאָליערע", אז ס'איז ארויסגערעדט געוואָרנ, איז דאָס אנדערש ניט ארויסגערעדט געוואָרנ נאָר מיט א שפּײַ אויס דערבײַ, אונ ס'איז געפאַלנ א מוירע, א פּאַכעד אפ דער שטאָט.

פאַרשטייט זיכ, אז דער פּאַכעד איז געפאַלנ נאָר אפ די גרויסע, אפ די עלטערע. פאַר קליינוואַרג איז דאָס, אדרעבע, געווענ א שטיקל יאָנטעוו. מע האָט אָנגעהויבנ אכטונג געבנ אפ זייער עסנ אונ אפ זייער טרינקענ, טאַפּנ זיי אלע אײַנדערפרי אונ אפדערנאַכט בא די קעפּלעכ, זיכ געהייסנ באַווײַזנ די צונג, אונ סאָפּקאָלסאָפּ צעלאָזט די כאַדאָרימ, ביז גאָט וועט העלפנ, דער אונטערגאַנג וועט אוועק אהינ, פונוואַנענ ער איז געקומענ. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט

אַזוי גיך געוואָלט אוועק, און די כאָליערע האָט געבושעוועט אַף וואָס די וועלט שטייט.

די שטאָט האָט אָבער אויך ניט געשוויגן, געטאָן אַלצדינג, און קוידעמקאָל זיך א נעם געגעבן צום „ריַבן". גיך און געשווינד איז באַשאַפֿן געוואָרן א בעוורע „ריַבערס". זייער אַוודע איז געווען — קוים איז עמעצן געוואָרן „ניט גוט", איז מען געקומען צו אים, אוועקגעלייגט און „געריבן". א סאַך מענטשן האָט מען טאַקע מיט אָט דעם ריַבן אָפּגעראַטעוועט. צווישן די בעוורע „ריַבערס" האָבן זיך פאַרשריבן די ריַכסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. די שטאָט גופא איז איַנגעטיילט געוואָרן אין „אוטשאַסטקעס", אַף יעדן „אוטשאַס-טאָק" — באַזונדערע ריַבערס. דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט אַף זיי געקוקט מיט גרויס דערעכערעץ און מיט פאַרוווּנדערונג, ווי אַף עמעסע העלדן, גיבוירים. עס איז געווען צו זען, אַז זיי האָבן קיין ברעקל מוירע ניט, ניט פאַר דער כאָליערע, ניט פאַרן טויט. איינס דאָס אַנדערע האָבן זיי זיך געשטאַרקט, געערדט מיט א שמייכל, געטרונקען לעכאַיִם און געווינטשעוועט, „דער אויבערשטער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און די עפּידעמיע זאָל געשטילט ווערן"...

פאַרשטייט זיך, אַז די ראַבינאָוויטשעס זיַנען אויך געווען צווישן די „ריַבערס". יעדן אָפּדערנאַכט, געקומען פון זיַן אוטשאַסטאָק, האָט נאָכעם ראַבינאָוויטש געהאַט צו דערציילן ניַעס און ניַעס: וויפל מאָל אין וועמען מע האָט היַנטיקן טאָג „געריבן", וועמען מע האָט אָפּגעריבן און וועמען ניט. אַלע זיַנען געשטאַנען אַרום אים און געקוקט מיט דע-רעכערעץ און אויסגעהערט מיט ניַגעריקיַט און מיט שרעק די דאָזיקע ניַעס. די קליינינטשקע כאַיע-עסטער האָט געבראָכן די פינגער, און, קוקנדיק אַף איר כאַליאַסטרע קינדער, האָט זי א זאָג געגעבן פאַרביַגיי-ענדיק: „ער זאָל כאָטש ניט פאַרשלעפּן, כאָלילע, די כאָליערע אין שטוב אַריַן". דערויף האָט איר נאָכעם אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל, אַז „די כאָליערע איז ניט אַזאַ קרענק, וואָס מע פאַרשלעפּט זי; וועמען ס'איז באַשערט, טרעפט זי אינדערהיים"...

אַפּאָנעם, אַז דער קליינינטשקער כאַיע-עסטער איז עס באַשערט גע-ווען. איינמאָל, אין א שיינעם פרימאָרגן, איז זי אופגעשטאַנען און האָט דערציילט פאַר דער שוויגער, פאַר דער באָבע מינדי, וואָס פאַר א מאָדנער כאָלעם עס האָט זיך איר געכאָלעמט. ס'האָט זיך איר געכאָ-

לעמט, אז ס׳איז פֿרײַטיק צו נאַכט און זי בענטשט ליכט. פּלוצעם קומט צו גיין פֿרומע־סאָרע סריבניטשקע, די, וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבן פֿון דער עפּידעמיע, און נעמט און טוט א בלאָז — פֿו־פֿו — און פֿאַרלעשט איר די בענטש־ליכט... אויסגעהערט דעם מאָדנעם חלום, האָט די באָבע מינדי זיך אויסגעלאַכט און, געוויינלעך „אויסגעלייגט" איר צו גוטן, נאָר געזען האָט מען, אז בא ביידע ווײַבער איז געלעגן א שרעק אפֿן פּנים. דערנאָך האָט זיך די מאַמע כאַיע־עסטער צוגעלייגט זיך געהייסן דערלאַנגען א שפּיגל, א קוק געטאָן אין שפּיגל אַרײַן און א זאָג געגעבן צו דער באָבע מינדי: „שוויגער, ס׳איז שלעכט! טוט א קוק אף מײַנע נעגל"... אוודע האָט זי די שוויגער אויסגעלאַכט און אויסגעבאַטלט אלע ביזע וויסטע חלומעס אף די סאָנימס קעפּ, און שטילערהייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלן אופֿזוכן און אַראָפּברענגען דעם טאַטן, וואָס איז געווען דעמלט פֿאַרנומען אין זײַן „אוטשאַסטאָק" מיט „רײַבן". און ניט געוואַרט אפֿן טאַטן, האָט די באָמינדי פּאַרוקט גרויסע „טשאַוונעס" און טעפּ מיט וואַסער אין אויוון אַרײַן און אליין דערוויַל גענומען ראַטעווען די קראַנקע. זי האָט געטאָן אלצדינג, וואָס אין א מענטשנס קויעך איז צו טאָן, און האָט ניט פֿאַרגעסן אויך צו שיקן נאָכן דאָקטער קאַזאַטשקאָווסקי, דער בעסטער דאָקטער אין שטאָט. ער איז א קריסט, א דיקער, מיט א רויט פּנים. אף אים, אף דעם קאַזאַטשקאָווסקי דעם דאָקטער, זאָגן יידן מעווינים, אז ער איז אזוי געזונט, אז ער וועט אמאָל שטאַרבן גייענדיק. און כאָטש דער דאָקטער קאַזאַטשקאָווסקי איז טאַקע דער בעסטער דאָקטער, פֿונדעסטוועגן האָט די באָבע מינדי אַראָפּגעבראַכט אויך יאַנקל דעם רויפֿע — ער איז א ייד און מע קאָן זיך מיט אים בעסער דורכשמועסן. יאַנקל דער רויפֿע איז טאַקע מער ניט ווי א רויפֿע, נאָר א טענדעווערענדע (אזא מין הענגקאָלנער) טראָגט ער, ווי א דאָקטער, און שרײַבט רעצעפּטן, ווי א דאָקטער, און לייענט לאַטײַן, ווי א דאָקטער, און געלט נעמט ער אויך, ווי א דאָקטער, דאָס הייסט, אז מע גיט אים אין האַנט אַרײַן א מאַטבייע, נעמט ער צו די מאַטבייע, קלוימערשט, ווי איבערגוואַלד, און טאַפּט אין קעשענע די מאַטבייע, און טרעפֿט אלעמאָל וויפֿל דאַרטן איז. א סימען — טאָמער איז ווינציקלעך, הייסט ער זיך געבן אן אנדער מאַטבייע, נאָר אײדל, מיט א שמייכל און מיט א גלעט די לאַנגע האָר און מיט א צורעכט מאַכן די ברילן.

מיט אים, מיט יאַנקל דעמ רויפע, האָט זיכ די באָבע מינדי פאַרשלאָסנ בא זיכ אינ אַלקערל, פריִער אַרויסגעטריבנ די קליינע קינדער אינ דרויסנ אַרויס, אונ האָט זיכ דאָרט מיט אים לאַנג געשושקעט, ביז דער טאַטע איז געקומענ. אונ אַז דער טאַטע איז געקומענ ניט טויט ניט לעבעדיק, איז די באָבע מינדי אָנגעפאַלנ אַפ אים, געגעבנ אים אַ מיִעסנ פּסאַק, אונ ס'איז געווענ, אַ קאָמעדיע צו זענ, ווי דער טאַטע פאַרענטפערט זיכ פאַר איר... אַכ! ווער עס האָט ניט געזענ אינ יענע טעג די באָבע מינדי, דער האָט קיינ שיינס ניט געזענ. אַ ייִדענע אַ קאָמאַנדיר! אַ ייִדענע אַ פעלדמאַרשאַל! די זײַדענע טונקל־גרינע פאַטשיילע מיט די זילבערנע עפל אויסגעמאָלט, וואָס אַפנ קאָפּ, פאַרבונדנ מיט ביידע עקנ אַהינטער, די אַרבל פונ דעמ וואָלענעמ שאָקאָלאַד־פאַרביקנ קלייד פאַרקאַשערט אַרופ, דער שוואַרצער ריפּסענער פאַרטעכ אַפנ קלייד אונ די ריינ אויסגעוואַשענע הענט האָבנ צוגעגעבנ איר אַלט געקנייטשט שטרענג פּאָנעמ אַנ אויסזענ — גלײַכ ווי זי וואָלט געטאַראַראַמעוועט אַפ אַ כאַסענע, ניט אַרומ אַ געפערלעכ קראַנקער שנור, וואָס ליגט אַפ כאָליערע אונ וואָס באָרעט זיכ מיטנ טויט. עס האָט אויסגעזענ, אַז ניט די מאַמע כאַיע־עסטער באָרעט זיכ מיטנ טויט, נאָר זי, די באָבע מינדי, באָרעט זיכ פאַר איר, פירט אַ מילכאָמע מיטנ מאַלכאַמאָוועס, וואָס לאָזט זיכ שוינ הערנ מיט זײַנע שוואַרצע פליגלענ. ער לאָזט זיכ הערנ, נאָר זענ זעט מענ אים נאָכ ניט. די קינדער ווייסנ נאָכ ניט, וואָס דאָ טוט זיכ, נאָר זיי פילנ מיט זייער אינסטינקט, אַז דאָ קומט עפּעס פאָר אַ גרויסע זאַכ, וואָס איז נאָכ אַ סאָד פאַר זיי. אַפ דער באָבע מינדיס פּאָנעמ לייענענ זיי: „דער טויט וויל צונעמענ בא די קינדער זייער מאַמע, נאָר איכ וועל עס מיטנ אויבערשטנס הילפ ניִשט דערלאָזנ"... אונ אַז זי זאָגט, זי וועט ניט דערלאָזנ, קאָנ מענ איר גלייבנ, דער באָבע מינדי מוז מענ גלייבנ! איינמאָל, ביים דער דאָקטער קאַזאַטשקאָווסקי איז געווענ בא דער קראַנקער, וועלכע האָט שוינ געהאַלטנ, אַפּאָנעמ, זייער שמאָל — דאָס האָט מענ געקאָנט זענ נאָכנ דאָקטערס רויט פּאָנעמ, וואָס איז געוואָרנ נאָכ רויטער, — האָט די באָבע מינדי צונויפגערופנ אַלע קינדער, האָט זיי אויסגעשטעלט אינ דער ריי איינציקווײַז, פונעמ עלטסטנ (אַ באַלעבעסל שוינ מיט אַ בערדל) ביזנ קלענסטנ (אַ מיידעלע פונ קוימ אַ יאָר), אונ אַז דער דאָקטער קאַזאַטשקאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגענ פונ דער קראַנ־

63—10

קערם כיידער, איז זי אים געפאלן פאר די פיס, געקושט אין די הענט און צוגעפירט אים צו דער כאליאסטרע: „נא זע, פארעצ־לעבן, וויפל ווערעם, וויפל יעסוימימ די קראנקע לאזט איבער, טאמער, כאלילע, די שא זאל ניט זיין! טאקע א יוישער, האב ראכמאנעס, פארעצ־לעבן, אפ די דאזיקע ווערעם, אפ די אומשולדיקע שעפעלעך!.. מיר דאכט, אז אפילע א שטיין האט דאס געקאנט רירן. עס האט גערירט אפילע דעמ דאקטער קאזאטשקאווסקי. ער האט צענומען מיט די הענט: „וואס קאן ער טאן?" ער טוט אלצדינג, וואס ער קאן. אט וועמען מע באדארף בעטן!.. און ער האט א וויז געגעבן מיטן פינגער ארופ: צו גאט, הייסט עס... נאר א דאנק פאר דער אייצע, פארעצ־לעבן! צו גאט באדארף זי אים ניט פאר א מייליץ־יוישער! צו גאט ווייסט זי שוין אליין דעמ וועג. זי איז שוין געוועז אין שול. זי האט זיך שוין פארזארגט מיט א טילים־זאגער אפ א גאנצן מעסלעס. זי איז שוין געוועז אפן הייליקן ארט אויך, געריסן קווארים, געוועקט זכוס־אוועס. אזא מאמע, ווי איר נאכעמס וויב, באדארף ניט לאזן איר זון אן אלמען און די קינדער יעסוימימ! אזא צאדייקעס, ווי כאיע־עסטער, טאר ניט שטארבן! „ניין, גאטעניו, דו ביסט א גוטער גאט, דו וועסט דאס נישט טאן!"...

עס האט אבער ניט געהאלפן קיין זאך. גאט איז טאקע א גוטער גאט, נאר די קלייניטשקע כאיע־עסטער איז שוין מער ניט אופגעשטאנען. זי איז געשטארבן. שאבעס אינדערפרי איז דאס געוועזן, דעמלט, ווען יידן זיינען נאך אין שול.

געשטארבן? — פאר כעוורע קליינווארג איז דאס געווען נאכן רעבנס טויט (מוישע דעמ שויכעטס) דער צווייטער טויט, וואס זיי האבן מער געפילט ווי פארשטאנען — און עס האט זיי ווי געטאן שטארק־שטארק! עמעס, זייער מאמע איז ניט געווען אזא וויכע, אזא צוגעלאזטע, ווי אנדערע מאמעס. עמעס, מע פלעגט כאפן פון איר אפטע פעטש, סטוסאקעס און בוכענצעס—„קינדער זאלן ניט זיין קיין נאשערס און ניט וועלן נאך! קינדער זאלן ניט האבן קיין טעווע זיך פלאנטערן פאר די פיס! קינדער זאלן ניט ליב האבן שטשירען די ציין, ראהאטשען זיך!" דאס האט באדארפט הייסן, אז קינדער זאלן ניט לאכן. און קינדער האבן דאפקע יא געלאכט, ווארעמ ווי קאן מען ניט לאכן, אז עס לאכט זיך? אזא געלעכטער האט זיי געקאסט

טײַער. זיי האָבן באַצאָלט מיט אָנגעריסענע אויערן און מיט אופּגע־לאָפּענע באַקן פון דער מאַמעס קלײנע, נאָר שטאַרקע הענטלעך, וואָס לאָזן זיך פילן... איצט אָבער האָבן דאָס קלײנוואַרג פאַרגעסן די פּעטש מיט די קולאַקעס מיט די סטוסאַקעס, און דערמאָנט זיך בע־סער, ווי די מאַמע פלעגט אַרײַנלייגן די האַנט אין קעשענע זוכן פאַר יעדער קינד אַ גראָשן; ווי די מאַמע פלעגט זיי אײַנגעבן אַלע רעש־כוידעש ווערעם־קרויט מיט האָניק; ווי די מאַמע פלעגט ניט אָפּטרעטן פון בעט, אַז אַ קינד האָט זיך אָוועקגעלייגט; ווי דער מאַמעס קלײנע הענטל האָט געטאַפּט באַם קאָפּ, געהאַלטן באַם דויפעק, געגלעט די בעקלעך; ווי די מאַמע האָט געניית אַלע ערעוו־יאָנטעוו מאַלבושימ־לעך פאַר די קינדער; ווי די מאַמע פלעגט אַלע ערעוו־שאַבעס צוואָגן די קעפּלעך; ווי די מאַמע האָט געלאַכט פייסעך באַם סיידער, אַז קינדער האָבן זיך אָנגעשיקערט פונעם אַרבעקויסעס־ווײַן; און נאָך און נאָך זאַכן האָבן די קינדער דערמאָנט זיך, געלעגן יעדער באַזונ־דער אײַנגעגראָבן מיט די פּענעמער אין די קישנס און צעגאַנגען געוואָרן פאַר געוויין... אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער איז געוואָרן דער געוויין, אַז זיי האָבן דערהערט דעם טאַטן וויינען — אַ טאַטע זאָל גאָר וויינען! — און אַז זיי האָבן דערהערט, ווי די באָבע מינדי יאָמערט און קלאָגט און לייענט מיט אַ ניגן, ווי פון אַ טכינע, טײַנעט זיך אויס מיטן ריבוינעשעלוילעם: „פאַרוואָס האָט ער ניט צוגענומען בעסער זי, די באָבע מינדי, איידער אַזאַ יונג צווײַגעלע, אַ מאַמע פון, קיין אײַנאָרע, אַזוי פיל ווערעם?“... דאָס פאַרגלײַכן אירס די קינדער צו ווערעם רופט אַרויס בא די קינדער אין דער דאָזיקער טרויעריקער מינוט ניט ווילנדיק אַ שמייכל: וואָס עפּעס גראַד ווערעם? נאָר פּלוצעם עפנט זיך די טיר און ווי אַ וויכער רײַסט זיך אַרײַן אין שטוב אַרײַן דער פעטער פיניע מיט זײַנע צוויי זינ גלײַך פון אַלטן בעסמעדרעש — דאָרטן דאַוונט דער פעטער פיניע — מיט אַ ברייטן „גוט שאַבעס“. דערזען, ווי דער אוילעם וויינט און קלאָגט און יאָמערט — אַז ער צעשרײַט זיך ניט אָפּ אַ קאָל און צעבייזערט זיך אָפּן טאַטן און אָפּ דער באָבע מינדי: „וואָס איז דאָס? אום שאַבעס וויינט איר? רעשאָ־ים! גאַזלאָנים, וואָס טוט איר עס? איר זײַנט מעשוגע? צי כאָסערדייע? צי איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן הײַנט שאַבעס, און שאַבעס טאָר מען ניט וויינען?! נאָכעם,

וואָס טוסטו? מע טאָר ניט — ס'איז שאבעס! וואָס ס'זאָל ניט זײַן — איז שאבעס בילכער!"... און אליינ האָט זיך דער פעטער שוין אָפּגעקערעוועט אפ א זײַט, קלוימערשט אויסגעשנײַצט די נאָז, מעכילע, נאָר אינ איינוועגס געכאַפּט א קוק מיט איינ אויג אהינ, ווו די מאמע ליגט איבערגעדעקט מיטנ שווארצנ. האָט ער אויסגעווישט אפּ גיך די אויגנ, מע זאָל ניט זענ, אז ער וויינט, כאָטש אינ קאָפּ גופע האָבנ זיך געלאָזט הערנ טרערנ, און גערעדט האָט ער שוינ א ביסל ווייכער:

— פּאָלג מיך, נאָכעמ! גענוג! דו נעמסט אפּ זיך צו פיל!.. נו, גענוג שוינ! מע טאָר ניט — ס'איז שאב...

דער פּעטער פּיניע האָט ניט געקאָנט ארויסריידנ דאָס וואָרט „שאבעס", וואָרעמ די טרערנ, וואָס ער האָט די גאנצע צײַט געשלונ־גענ, האָבנ זיך אימ אוועקגעשטעלט אינ האלדז פּאָפּעריק. האָט ער ניט געקאָנט מער באהערשנ זיך, איז ער צוגעפאלנ צומ טיש אפּ דער לינקער האנט, ווי מע פאלט „תחנונ", און האָט זיך צעוויינט, ווי א קליינ קינד, און אויסגערופנ אפּ א דינ קאָל: „כאיע־עסטער! כאיע־עסטער!"...

34. די שיווע־זיצערס

דער טאטע קוקט ארײַנ אינ סוופער אײַנ. — מע רעדט אימ שידוכימ. — די קינדער ווערט מענ אָפּשיקנ קיינ באָסלעװ צומ זיידנ מױשע־יאָסי.

קיינמאָל האָט דער העלד פונ די באשרײַבונגענ אזוי ניט געבענקט נאָכנ אויצער, וואָס זײַנ כאווער שמוליק האָט אימ אמאָל דערציילט, ווי אינ דער צײַט, ווענ ער און דער טאטע און אלע זײַנע ברידער און שוועסטער זײַנענ געזעסנ אינ די זאָקנ אפּ דער ערד „שיווע" נאָכ דער מאמענ.

„ווענ איך האָב איצט אנ אויצער, — האָט ער געטראכט, — אָט יענעמ אויצער, וואָס ליגט דאָרט אינעמ קליינעמ שטעטעלע באהאלטנ, כאָטש ניט אינגאנצנ, כאָטש א טייל פונ יענעמ אויצער, — אכ, ווי

וואָלט עס מיר איצט צונויצ געקומען!... די באָבע מינדי וואָלט אופגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן און צו אויסטײַנען זיך מיטן ריבוינעשעלוילעם, אים פירהאַלטן, אַז ער האָט ניט גוט געטאָן, וואָס ער האָט צוגענומען פריִער די שנור ניט זי, די שוויגער... דער טאַטע וואָלט אופגעהערט צו זיפצן און קרעכצן און צו טײַנען, צו וואָס לעבט ער אַפ דער וועלט און וואָס איז ער אַן כאַיע־עסטערן?.. און אויך זיי, די קינדער, ווי וואָלטן זיי איצט געווען? געווים ערגעץ מיט אַלע ייִנגלעך באַם טײַך, געשווומען, געכאַפּט פישלעך, אָדער גלאַט געלאָפן אין דער וועלט אַרײַן — אַזאַ זון! אַזאַ היץ! וואָלוול ווײַנשל, ווײַמפערלעך, בעכאַצי־כינאָם, און גרינע אוגערקעלעך, נאָך מיט די שפּיצנאָדלען, לאָזן זיך שוין הערן. אָט באַלד וועלן אופקומען אויך דיניעס געלע, שמעקנדיקע, און אַרבוזעס רויטע ווי פײַער, הירזשענדיקע ווי זאַמד, זיסע ווי צוקער, — אַך, אַן אויצער! אַך, אַן אויצער!".. און די געדאַנקען הייבן אים אוף און טראָגן אים אַוועק אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און כאַלוימעס, זיסע, גוטע כאַלוימעס. און עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער האָט אים שוין, דעם אויצער — פּלוצעם האָט ער זיך אים אַנטפּלעקט מיט אַלע זײַנע טײַערע זאַכן, סגולעס און שטיינער, אַז ער האָט שוין דאָס גאָלד און זילבער, און די האַלבע אימפּעריאַלן, און די דימענטן און בריליאַנטן, און אַז דער טאַטע איז איבעראַשט! „פונוואַנען האָט זיך, שאָלעם, פּלוצעם גענומען צו דיר אַזאַ גוטס?" „איך קאָן דיר ניט זאָגן, טאַטע, פונוואַנען, וואָרעם קוים זאָג איך דיר פונוואַנען, הייבט זיך עס אוף און עס ווערט פאַרשווונדן"... און שאָלעם פילט זיך אין זיבעטן הימל, וואָס ס'איז אים געראָטן אַרויסציִען דעם טאַטן פון דער נויט, און עס טוט אים נאָר באַנג, האַרצעדיק באַנג, וואָס די מאַמע נעבעך איז ניטאָ דערבײַ. „ניט באַשערט! — זאָגט די באָבע מינדי. — אַלע אירע יונגע יאָרן איז זי נעבעך אָפּגעקומען אַף דער וועלט צוליב די קינדער, און איצט, אַז ס'איז געקומען צום לעבן, זײַנען אויסגעגאַנגען די יאָרן!"...

נאָר אָט דערהערט זיך אַ זיפץ פונעם טאַטן: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן" — און דער קליינער באַלכאַלוימעס קערט זיך אום פון יענער גליקלעכער וועלט פון פאַנטאַזיעס און כאַלוימעס צוריק אַהער, אין דער דאָזיקער וויסטער וועלט פון זאָרג

און טרערן, ווי מענטשן ריידן פון מעל אפ באקן כאלע, פון געלט אפ גיין אין מארק, פון אָרכים, וואָס ווילן ניט פּאָרן, פון פּארנאָסע, וואָס איז „געשלאָגן“, — און די אלע רייד ווערן צוגעדעקט מיטן טאטנס קרעכץ און מיטן טאטנס זיפץ: „גוואלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?“...

— וואָס הייסט, וואָס טוט מען? — פאלט אפ אים אָן דער פעטער פיניע שוין אפן לעצטן טאָג שיווע. — ווייסט טאָן דאָס, וואָס אלע ייִדן טוען — ווייסט אימירצאשעם כאסענע האָבן...

כאסענע האָבן?.. דער טאטע וועט כאסענע האָבן? מיר וועלן האָבן א נײַע מאמע? וויאזוי וועט זי זײַן?.. — אזעלכע געדאנקען קריכן אין קאָפּ ארײַן. די קינדער קוקן אפן טאטן, וואָס וועט דער טאטע זאָגן?.. דער טאטע וויל ניט הערן, ניט זען. ער זאָגט:

— כאסענע האָבן? איך זאָל כאסענע האָבן? נאָך אזא כאיע־עסטערן זאָל איך גיין כאסענע האָבן? און דאָס זאָגסטו דו, אָן אייגענער ברודער? ווער נאָך האָט זי אזוי געקענט, ווי דו?..

עס שטיקן אים די טרערן. ער קאָן ניט ריידן מער. דער פעטער פיניע ווישט אָפּ די ליפּן, מאכט א שוויַיג.

— צײַט מינכע דאווענען, — זאָגט דער פעטער פיניע, און אלע שיוועזיצערס, דער טאטע מיט די קינדער, שטייען אוף פון דער ערד, שטעלן זיך דאווענען מינכע, און אלע קינדער, זעקס באָנים, צווישן זיי איינער א באלעבעסל שוין מיט א געל בערדל, עליע הייסט ער, טוען א קלאָפּ אָפּ דעם קאדיש — א מעכײַע צו הערן! די מישפּאָכע קוקט מיט גאדלעס אפ די „קאדיישימ“, פרעמדע ווײַבער זײַנען מעקאנע: „מיט אזעלכע קאדיישימ נישט אָנקומען גלײַך אין גאניידן ארײַן — איז שוין עק וועלט“... דאָס זאָגט א שטיקל קרויווע, בליומע רופט מען זי, א ראבעטיני ייִדענע, האָט א מאן, איז ער א שטומער. זי האָט אוועקגעוואָרפן איר מאן מיט אירע קינדער און איז געקומען העלפן עפּעס — אין שטוב, אין קיך אָדער בא די קינדער. די קינדער קאָנען זיך ניט באקלאָגן, אז מע האָט אָן זיי פארגעסן. אדרעאבע, זינט די מאַ־ איז געשטאָרבן, זײַנען זיי געוואָרן בא אלעמען כאָשעווער — יעסוי־ מים! עס זײַנען געווען מאָמענטן, וואָס דאָס שיווע־זיצן איז בא זיי געווען גאָר א גאנצער יאָנטעוו. ערשטנס (און דאָס איז דער איקער פון אלע איקרים), מע גייט ניט אין כיידער. און צווייטנס, מע גיט

זיי זיסע טיי מיט בולקע, וואָס זיי זײַנען דערצו גאָרניט געווינט געוואָרן, און מע טאַפּט זיי בײַ די קעפּלעך און בײַ די בײַכלעך און מע פֿרעגט זיי נאָך אַף זייערע מאָגנס. זיי האָבן שוין גאָר באַקומען „מאָגנס"! הײַנט וואָס איז ווערט גלאַט זיצן אַלע מיטן טאַטן אַף איין קאָלדרע, זען, ווי דער טאַטע קוקט אַרײַן מיט זײַן גרויסן גע־קנייטשטן שטערן אין סייפער „איעוו" אַרײַן, הערן, ווי ייִדן און ווײַבער קומען צו גיין, אַלע מאָל נײַע פֿאַרשוינען, מענאַכעם אָוול זײַן, ריידן עפּעס אַלע אַזעלכע מאָדנע דיבורים, קומען אַרײַן אָן אַ „גוטמאָרגן", גייען אַוועק אָן אַ „זײַט געזונט", בלינצלען עפּעס אַזוי מאָדנע מיט די אויגן און מורמלען עפּעס אונטער דער נאָז: „מי... מי... מי... ציוין ווערושאָלאַיִם!"...

פֿאַרן קליינעם ווײַסכעווורעניק, פֿאַר שאָלעמען, זײַנען אָט די ווײַ־זיטן אַ גאַנצער אויצער פֿון טיפֿן און בילדער, וואָס איינס צום אַנדערן זײַנען ניט גלײַך און וואָס בעטן זיך אַפֿן פּאַפּיר. דער ערשטער קומט דער פֿעטער פּיניע. ניט אַליין, נאָר מיט זײַנע צוויי אויבן דערמאָנטע זין מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס—ייִסראָעל און איצל. דער פֿעטער פּיניע פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און רעדט. די זין שווײַגן. דער פֿעטער פּיניע רעדט פֿון אַ דין—ווען, אייגנטלעך, עס דאַרפֿן זיך ענדיקן די זיבן טעג שיווע: אינדערפֿרי צו אָפּדערנאַכט? ער שטייט אויף, זאָגט צו, אַז ער וועט נאָך אַ קוק טאָן בײַ זיך אין אַ פּאָר ספֿאָרים, וועט ער וויסן אַקוראַט. דערווײַל געזעגנט ער זיך ניט, זאָגט עפּעס אַף דער גיך אין איינעם מיט ביידע זין „ציוין ווערושאָלאַיִם" און אַוועק. נאָך אים קומט די מומע כאַנע מיט אירע טעכטער, הייבן אויף אַ קווייטשערײַ אַפֿן טאַטן: געווען שוין, גענוג! ער זאָל אויפֿהערן וויינען אַף דער מאַמען, וואָרעם ער וועט זי לעבעדיק ניט מאַכן! פֿאַרן אַוועקגיין זאָגט זי, אַז מע קען דערשטיקט ווערן, טוט אַ שמעק טאַבעקע פֿון אַ קליין זילבערן פּושקעלע און מאַכט אַ גוואַלד, מע זאָל עפֿענען כאָטש איין פֿענצטער, וואָרעם מע וועט דאָ דערוואָרגן ווערן צו אַלדי גוטע יאָר!.. דערנאָך קומט די מומע טעמע, אַ ייִדענע אָן ציין, שאָקלט אַ ביסל מיטן קאָפּ, דאָס פּאָנעם לאַכט, און די אויגן וויינען. זי רעדט אויס דאָס האַרץ, דערציילט אַ נײַעס: אַז מירן אַלע שטאַרבן...

דאָס איז מישפּאָכע. דערנאָך קומען פֿרעמדע. אַלערליי פֿאַרשוי־נען, אַזעלכע, וואָס גלייבן שטאַרק אין גאָט און אין יענער וועלט, און

אזעלכע, וואָס האלטנ ווינציק וואָס פונ גאָט אונ פונ יענער וועלט. לעמאָשל, ארנאָלד פונ די פידוואָרקעס — דער מאכט כויזעק פונ אלצדינג. „לית דינ ולית דיינ.* סע שטייט, זאָגט ער, בעפיירעש געשריבנ: „ומותר האדמ מנ הבהמה אינ” — „קיינ כילעק ניט צווישנ א מענטשנ, אונ, לעהאוודל, א בעהיימע”... א שרעק, וואָס דער ארנאָלד רעדט זיכ אָנ! „על ה׳ ועל משיחו”!** אונ אַלצדינג קומט אויס בא אימ אזוי קאַלעכיק, אזוי געשליפנ! ער איז דער איינציקער, וואָס גייט אוועק מיט א „זײַ געזונט”. א מענטש, וואָס גלייבט ניט אינ קיינ זאכ, איז דאָכ ניט שײַעכ — קעדײַ צו וויסנ, וואָס וועט זײַנ מיט אזא ארנאָלדנ, ווענ ער נעמט אונ טוט א שטארב־אוועק? „מיכ מעגט איר נעמענ באלד נאָכ מײַנ טויט אונ פארברענענ אפנ פײַער אונ דאָס אַש צעשפרייטנ אפ אַלע זיבנ יאמימ — ארט מיכ אויכ ניט!”... אזוי זאָגט ארנאָלד אונ כאפט א מיִעסנ פסאק פונ דער באָבע מינדי: „לאָזנ שוינ, זאָגט זי, אײַערע סאָנימ ריידנ פאר אײַכ!” אונ ארנאָלד — ס׳זאָל אימ רירנ! ער לאכט זיכ אויס, גייט אוועק, אונ עס קומט אָנ יאָסי פרוכשטיינ מיט די גרויסע ציינ אונ בייזערט זיכ אפנ טאטנ, לעמײַ ער ווײינט אזוי. „ער האָט זיכ אפ אימ, זאָגט ער, אזעלכעס ניט געריכט”... דאָדי יִצכאָק־וויגדערס זאָגט אויכ דאָס אייגענע. ער שווערט בא זײַנ הייליקע נעמאָנעס, אז ווענ בא אימ טרעפט זיכ אזא־נ־אומגליק, וואָלט ער, כא־כא, ארײַנגעוואָרפנ אינ מייער באַלנעס־פּושקע.... אז דאָדי גייט אוועק, ווערט א געלעכטער, וואָרעמ אַלע ווייסנ, אז דאָדי יִצכאָק־וויג]דערס האָט א ווײַב, הייסט זי פייגע־פערל — איז דאָס א פייגע־פערל פונ גאָט!.. דאנקענ האשעמיסבאָרעכ, וואָס מע קאָנ שוינ באָטש געבנ א לאכ... דער טאטע קוקט נאָכ אַלצ ארײַנ אינ סייפער „איעוו”, נאָר ער ווײנט שוינ ניט אזוי שטארק, ווי ער האָט געוויינט די ערשטע טעג. אונ ער בייזערט זיכ שוינ ניט אפנ פעטער פיניע, לעמײַ ער וואַרפט ארײַנ א וואָרט וועגנ כאסענע האָבנ. ער

---

*) „לעס דין וועלעס דאַיען” — „ניטאָ קיינ געריכט אונ קיינ ריכטער”. — ר ע ד.

**) „אל האשעם ועאל מעשיכוי” — אפ גאָט אונ אפ זײַנ מאָשיאַכ”. — ר ע ד.

זיפֿצט נאָר און קרעכצט נאָר, און פֿרעגט: „וואָס טוט מען מיט די קינדער? מיט די קינדער וואָס טוט מען?"

— מיט די קינדער וואָס טוט מען?—ענטפֿערט אים דער פֿעטער פֿיניע און גלעט זיך די באָרד — די עלטערע וועלן זיך לערנען, ווי זיי האָבן געלערנט; און די קלענערע וועסטו אָפּשיקן צו זייער זיידן קיין באָסלעוו.

דאָס מיינט ער דעם זיידן מוישע־יאָסי מיט דער באָבע גיטל פֿון דער מאַמעס צאַד, וועלכע די קינדער האָבן קיינמאָל ניט געזען, נאָר געהערט דערציילן, אַז ערגעץ ווײַט, אין אַ שטאָט, וואָס הייסט באָסלעוו, האָבן זיי אַ זיידן מיט אַ באָבען, וואָס זײַנען, זאָגט מען, גאַנץ רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אהין, הייסט עס, וויל מען זיי אוועקשיקן? זעט איר, דאָס איז דאָפּקע אַ פּלאַן! ערשטנס, דאָס פֿאָרן,— דאָס אַליין וואָס איז ווערט? צווייטנס, זען אַ נײַע שטאָט. הײַנט באַקענען זיך מיט אַ זיידן און מיט אַ באָבען, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט געזען — דאָס איז בא אײַך גאָרניט? עס בלײַבט איבער נאָר (איין זאַך: וועמען רעכנט דאָס דער פֿעטער פֿיניע צווישן די „עלטערע" און וועמען צווישן די „קלענערע"? ס'איז גאָר קיין ספֿק ניט, אַז אַ יינגל, וואָס איז שוין באַרמיצווע, ער מעג זיך האַלטן מיט אַ קאָפּ ניז־עריקער פֿון אַ הונט, באַהאַרפֿ גערעכנט ווערן צווישן די „עלטערע". — און דאָס האָט דעם באַרמיצווע־באָכערל אַזוי ווײַט פֿאַרינטערעסירט, אַז ער האָט שוין קוים אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן אָן דער מאַמען, נאָך וועלכער ער זאָגט אַלע אינדערפֿרי און פֿאַרנאַכט קאַדיש, אָן דעם טאַטן, וואָס הערט ניט אויף צו זיפֿצן און צו קרעכצן, אָן דעם אוצער, נאָך וועלכן עס בענקט זיך אים אַזוי שטאַרק. אים האָט געצויגן איצט צו עפּעס אַנדערש — צו דער נעסיע, צו דער נײַער גרויסער שטאָט — קיין באָסלעוו, צום זיידן מוישע־יאָסי מיט דער באָבע גיטל פֿון דער מאַמעס צאַד, וואָס, מע זאָגט, זיי זײַנען אַזוי רײַך! אַזוי רײַך!...

35. באם דניעפּער

די נעסיע קיין באָסלעוו. — שימען־וואָלף באַלעגאָלע א שוויגער. — מע וואַרט אפן פּאראָם. — דער באַלעגאָלע כאַפּט א מיכבע באם ברעג טײַך. — עס דאַוונט זיך געשמאַק.

איינמאָל — סאָף זומער, פאַר יאָמים־נויראָים איז דאָס געווען — איז צוגעפאָרן צום גאניק א בויד, און מע האָט אופגעזעצט די קלענערע קינדער, פיר יינגלעך און צוויי מיידלעך, — שאָלעם דאָס באַרמיצווע באָכערל איז געווען צווישן זיי, — מיטגעגעבן צו צוויי זעמדלעך, עסנווארג אף א פּאָר טעג און א בריוו צום זיידן מוישע־יאָסי און דער באָבע גיטל און אָנגעזאָגט זיי א מאָל צוואַנציק, זיי זאָלן זײַן געהיט באם אריבערפאָרן מיטן פּאראָם איבערן דניעפּער.

פאָרן איבערן דניעפּער — און נאָך מיט א פּאראָם דערצו! קיינער פון זיי האָט קיין פּאראָם קיינמאָל ניט געזען און ווייסט גאָרניט, מיט וואָס מע עסט עס. נאָר מע איז זיך מעשאַער, אז עס דאַרף זײַן ניט שלעכט, און מע פאַרגעסט, אז די מאַמע איז געשטאָרבן, און מע פאַרגעסט אלצדינג, און מע קלערט נאָר וועגן דער נעסיע, וועגן דניעפּער, וועגן פּאראָם. נאָר מע דערמאָנט זיי, אז די מאַמע איז געשטאָרבן. ס'איז דאָ א באָבע מינדי, וואָס זאָגט זיי אָן נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, זיי זאָלן ניט פאַרגעסן און כאָלילע ניט דורכלאָזן זאָגן קאַדיש נאָך דער מאַמען, און זי גלעט זיי מיט קאַלטע, גליטשיקע פינגער, און זי קושט זיי אין די בעקלעך, און זי געזעגנט זיך מיט זיי אף שטענדיק, אף אייביק, וואָרעם גאָט ווייסט, אויב זי וועט נאָך זוכע זײַן מיט זיי זיך צו זען נאָכאמאָל... און אזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: אז די קינדער זײַנען געקומען נאָכדעם צוריק אהיים פון באָסלעוו, איז שוין די באָבע מינדי געווען דאָרט, וווּ די מאַמע זייערע — א קייווער נעבן א קייווער, — און דער טאַטע האָט געזאָגט קאַדיש נאָך זײַן מאַמע איינענעם מיט די קינדער נאָך זייער מאַמע. דאָס איז געווען א יאָר פון קאַדיישים, דאָס יאָר פון כאָליערע — אָן א שיר קאַדיש־זאָגערס! א גאַנצע שול האָט געזאָגט קאַדיש.

דער כילעק פון א מענטשן ביז א מענטשן! אף וויפל מייערוועלוול דער באַלעגאָלע, וואָס האָט געפירט די קינדער פון וואָראָנקע

קיינ פּערעיאַסלעוו איז געווענ א מענטש א לעבעדיקער, אַפּ אַזוי פּיל איז שימענזוואָלפּ דער באַלעגאָלע, וואָס האָט געפירט די קינדער פונ פּערעיאַסלעוו קיינ באָסלעוו, געווענ א פאַרזאָרגטער, א פאַרשלאָפענער אונ א שוויַיגער — גאָט זאָל היטנ! כאָטש טעסעט אינ אימ פלעקער, כאָטש שיסט אינ אימ מיט האַרמאַטנ, וועט ער אייַכ קיינ וואָרט ניט אַרויסלאָזנ פונעמ מויל, אַכוץ: „קריכט אינ וואָגנ", אָדער: „אַרויסט פונעמ וואָגנ". די קינדער זיַינענ אויסגעגאַנגענ צו וויסנ: ווענ וועט שוינ זיַינ דער דניעפּער? ווענ וועט מענ אימ אַריבערפאָרנ מיטנ פּאַראָמ? אונ וואָס הייסט עס „פּאַראָמ"? נאָר גייט טוט עפּעס — אַז א ייִד רעדט ניט! זיצט ווי א נאַפּודעלע אַפּ דער קעלניע, שמיַיסט די פערדלעכ, סמאָציקעט זיי צו מיט די גראָבע ליפּנ, אונ פונ ציַיט צו ציַיט הערט מענ נאָר די איינציקע ווערטער: „נאָ, כאָליערע, א כאָליערע אַפּ אייַכ!" אָדער: „נאָ, פּעגירעס, א פּעגירע אַפּ אייַכ!" אונ אַז ניט, שעפּטשעט ער עפּעס מיט די ליפּנ צו זיכ אַליינ אונ זינגט עפּעס שטיל אַפּ א דינ קעלכל. דאָס זאָגט ער טילימ אַפּ אויסווייניק.

אונ אַזוי ווי מענטשנ זיַינענ פאַראַנ אַלערליי, פאַרשיידענע כאַראַקטערנ, אַזוי זיַינענ, לעהאַוודל, פערד אויכ פאַראַנ אַלערליי סאָרטנ. די פערד פונ שימענ־וואָלפּ דעמ באַלעגאָלע זיַינענ שטאַרק געראָטנ אינ זייער באַלעבאָס: זיי זיַינענ שלעפּעריק אונ האָבנ א טעווע — זיי ניסנ. א גאַנצנ וועג ניסנ זיי. ניסנ אונ פּאָרשקענ אונ שמיַיסנ מיט די עקנ אונ שלעפּנ זיכ, אונ שלעפּנ זיכ. עס דאַכט זיכ אויס, אַז מע שלעפּט זיכ שוינ אַזוי — מע האָט שוינ קימאַט פאַרגעסנ פונ ווענ אָנ. אונ גאָט ווייסט, אויב מע וועט זיכ אַמאָל דערשלעפּנ ערגעץ צו א יִשעוו. הימל אונ ערד אונ זאַמד. זאַמד אָנ א שיר. אונ טאָמער איז קאַרג, שטעלנ זיכ די פערדלעכ גאָר אַנידער אינ מיטנדרינענ, שימענ־וואָלפּ קריכט אַראָפּ פונ וואָגנ, לאָזט אויס אַפּ זיַינ דינ קעלכל מיט א ניגנ אויסגעצויגנ: „אַש־רי כל־ חו־סי בו"... דערנאָכ טוט ער א זאָג צו די קינדער: „אַרויסט פונ וואָגנ!" די קינדער קריכנ אַרויס פונ בויד. וואָס וועט דאָ זיַינ? גאָרנישט! אַזוי ווי עס איז זאַמדיק, איז פאַר די פערד צופיל מאַסע, וועט מענ גיינ א ביסל צופוס. מיילע, אויכ אָנ אַנ אומגליק, צופוס איז צופוס. אַדעראַבע, צופוס איז נאָכ פריילעכער. נישמער — דאָס ייִנגסטע יעסוימעלע, א יאָר אַלט, וויל ניט בליַיבנ אַליינ אינ וואָגנ. וויינט עס, מוז מענ דאָס טראָגנ אַפּ די הענט —

איז שוין ניט אזוי פויגלדיק. א גליק, וואָס דאָס ציט זיך ניט אזוי לאַנג. באַלד ווערט הער וועג ווידער א וועג, און שימען־וואָלף דער באַלעגאָלע טוט א זאָג צו די קינדער: „קריכט אין וואָגן". קלעטערט מען ארויף צוריק אין בויד אַרײַן און מע גלײַכט זיך אויס די ביינער ביז עס קומט ווידער צו א טיפן זומפּיקן זאמד, איז ווידער: „ארויסט פון וואָגן", און ווידער: „קריכט אין וואָגן".

נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּעס דאָרטן פון דער ווײַטן? וואָס בלישטשעט עס אזוי ווי גלאָז און שײַנט אָפּ אף דער זון מיט א זילבערנעם קאָליר, און שפּילט און שעמערירט אין די אויגן? אָט דאָס זאָל זײַן דער דניעפּער?! כעוורע זיצן קוים אײַן אין וואָגן. און דער וואָגן, ווי אף צולאָכעס, גייט פּאַוואָליע, וואָרעם איידער מע קומט צו צום דניעפּער באַדאַרף מען דורכמאַכן נאָך א זאמד און נאָך א זאמד, געל און געדיכט און טיף, טיף ביז די קניִעס. פּאַוואָליע, טריט בא טריט, שלעפּן זיך די פערדלעך, קוים וואָס זיי רײַסן ארויס די פיס פון זאמד. טיף שנײַדן די רעדער, און דער וואָגן קרעכצט, און נעענטער און נעענטער באַווײַזט ער זיך, דער דניעפּער, אין זײַן גאַנצער ברייטקײַט און שיינקײַט. יאָ, דאָס איז ער, דער דניעפּער. ער גלאַנצט, שײַנט אָפּ אָפּ דער זון און שמייכלט צו די יונגע אָרכים, וואָס זײַנען געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל מעקאַבל פּאָנעם זײַן דעם אלטן זאָקן. „שאָלעמאַלייכעם, וואָס מאַכסטו זיידע?"...

א הויכער, גרינער, ערטערווײַז פאַרגעלטער אָטשערעט באַם ברעג טײַך, צעלאָזט מיט די לאַנגע, שאַרפע שפּיציקע בלעטער, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער, גיט אים צו, דעם אלטן, א באַזונדערן חיין. ס'איז שטיל.

לאַנג און ברייט האָט ער זיך צעוואָרפן, ווי א יאַם, אהין און אהער. און דאָס וואַסער לויפט ערגעץ, לויפט, נאָר שטיל. וווּהין? ס'א סאָד. דער בלויער הימל קוקט אראָפּ פון אויבן און שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער אינײנעם מיט דער זון, וואָס האַלט נאָך ניט באַם אונטערגיין. ריין דער הימל. ריין דאָס וואַסער. ריין דאָס זאמד. ריין די לופט. און שטיל... ברייט.... פררררר! דאָס איז ארויסגעפלויגן פון אָטשערעט ארויס מיט א געשריי א פויגל. דורכגעשניטן, ווי א פײַל די רייען שטילע לופט, לאָזט ער זיך מיט א זיגזאַג שוועבן ווײַט־ווײַט, נאָר ער האָט באַלד באַראָטע, קערט זיך אום צוריק מיט א זיגזאַג און ווערט פאַרשוווּנדן

ווידער צוריק אינעמ געל־גרינעמ אָטשערעט. עס נעמט אָנ אַ כײשעק, ווי אָט דער פויגל, אַרויספליִענ פונ וואָגנ אַרויס, זיך לאָזנ פליִענ אויבנ איבערנ וואַסער, אָדער, ווייניקסטנס, זיך אויסטאָנ נאַקעט און אַרײַנשפּרינגענ אינ וואַסער אַרײַנ, זיך פּאָליאָסקענ און שווימענ, שווימענ און שווימענ...

— אַרויסט פונ וואָגנ! — טוט שימענ־וואָלפ אַ קאָמאַנדעווע אויס, קריכט אַליינ אויכ אַרויס פונ וואָגנ, פאַרשטעקט די בײַטש אינ גאַרטל, טראָגט צו ביידע הענט צומ מויל, פאַרבײַסט דעמ קאָפּ אַרופ און לאָזט אַרויס אַ מאָדנע פאַרדומפּטנ קאָל, ווי פונ אַ צעבראָכענער פּאַס:

— פּאַראַ־אַ־אַ־אַמ! פּאַראַ־אַ־אַ־אַ־אַמ!

די מאַשמאָעס, אַז דער פּאַראָמ איז אַ לעבעדיקע זאַכ, וואָס געפינט זיכ ערגעצ דאָרט אויפ יענער זײַט, און מע באַדאַרפ אימ אַרויסרופנ. כעווערע קלייניוואַרג, אַרויסגעקראָכנ פונ וואָגנ און אויסגעגלײַכט זיכ די פאַרזעסענע, פאַרגליווערטע אייוורימ, שטעלנ זיכ אַוועק העלפנ דעמ באַלעגאָלע אַרויסרופנ דעמ פּאַראָמ, גלײַכ מיט אימ צוגעטראָגנ די הענט צומ מויל, פאַרריסנ די קעפּ אַרופ און אויסגעשריגנ מיט אַ קוויטש:

— פּאַראַ־אַ־אַ־אַמ! פּאַראַ־אַ־אַ־אַ־אַמ!

און עס פאַלט אָנ אויפ זיי אַ געלעכטער — זיי ווייסנ ניט וואָס. עס לאַכט זיכ זיי אָנ אַ שומ „וואָרעמ". עס לאַכט זיכ זיי, ווײַל ס'איז זיי גוט, ווײַל זיי זײַנענ יונג און געזונט און זיי געפינענ זיכ באַמ דניעפּער, און זיי פאָרנ באַלד אויפנ דניעפּער מיטנ פּאַראָמ — ווער איז צו זיי גלײַכ?...

נאָר אָט הייבט אָנ צו געזעגענענ זיכ די זונ מיטנ טאָג. מיט אירע לעצטע, נאָר שאַרפע, גינגאָלדענע שטראַלנ שפּיגלט זי זיכ אָפּ אינעמ זילבערנעמ וואַסער פונ דניעפּער — און מע הערט אופ צו לאַכנ. עס לאַכט זיכ ניט מער. צו שטיל איז אָט דאָ, באַמ ברעג פונעמ דניעפּער. אַ הייליקע שטילקײַט. און עפּעס קילבלעכ איז געוואָרנ, און דאָס וואַסער שמעקט מיט אַ מאָדנעמ רייעכ, און עס זשומעט, עס מורמלט, עס ליופּעט... און דערצו האָט שימענ־וואָלפ דער באַלעגאָלע אַרומגעבונדנ די קאַפּאָטע מיט אַ פּאַטשיילע, אַרײַנגעשטעקט די בײַטש און אַוועקגעשטעלט זיכ מיטנ פּאָנעמ צו מיזרעכ, צוגעמאַכט די אויגנ, מײַסע ערלעכער ייִד, צעשאָקלט זיכ און אויפ זײַנ דינ קעלכל גענומענ דאַווענענ מינכע. שימענ־וואָלפ מינכע דאָ אינ דרויסנ, אונטער דעמ פאַר־

פארבטנ הימל, באמ ברעג פונעמ אלטנ, שיינעמ, שמעקנדיקנ דניעפּער האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיטנ זשומעני אונ מיטנ מורמלענ פונעמ וואסער אונ ארויסגערופנ באַ די פריילעכע יונגע וואָיאזשערנ א נײַע שטימונג. עס פארגלוסט זיכ זיי אויכ דאווענע מינכע. דאָס איז געווענ באַ זיי, מע קאָנ זאָגנ, די ערשטע פּרײַוויליקע, ניט געצוווּנגענע מינכע, אָט אָ דאָ אונטערנ הוילנ הימל. עס האָט זיכ זיי קיינמאָל אזוי ניט געוואָלט דאווענע, ווי אצינד, אינ דעמ פארנאכט, אונטער דעמ הימל, אפנ ברעג פונ אָט דעמ דניעפּער. דורכגעלאָזט די „קטורת", — נישקאָשע, אינ וועג קענ מענ זיכ באגיינ אָנ „קטורת", — האָבנ זיי אָנגעהויבנ גלײַכ פונ „אשרי יושבי ביתך"—פײַנטשיק, מיט א ניגנ, אונ אוועקגעשטעלט זיכ אלע פיר שמײַנעסרע מיטנ פּאָנעמ צו מיזרעכ, צוגעמאכט די אויגנ אונ צעשאָקלט זיכ, ווי דער באלעגאָלע... דאָ, אינ דעמ פארנאכט, אונטער דעמ הימל, אפנ ברעג פונעמ דניעפּער. אונ עס דאוונט זיכ אזוי גוט, אזוי זיס, אזוי געשמאק, ווי נאָכ קיינמאָל ניט פריער!

36. אפנ פאראָמ

אנ אומגעריכטע באגעגעניש אפנ פאראָמ. — אייסעוו — א קליינ גאָיעצל, א מעשומעד. — זיי האָבנ זיכ דערקענט. — צעגייענ זיכ אָנ ווערטער.

די קליינע וואָיאזשערנ-יעסוימימ זײַנענ נאָכ ניט אויסגעשטאנענ שמוינעסרע, אז זיי האָבנ דערזענ פונדערווײַטנ, אפנ גלאנצ פונ דניעפּער, פריער א שווארצנ קנויל, וואָס באקומט אפנ שײַנ פונ דער פארגייענדיקער זונ אלעמאָל אנדערע פארבנ. דער דאָזיקער קנויל וואקסט ווערט אלעמאָל גרעסער אונ גרעסער, טוקט זיכ, פארגייט אונ באווײַזט זיכ ווידעראמאָל. דערנאָכ האָבנ זיי דערהערט א מאָדנעמ גערויש אונ א גערודער, א קײַקלענ זיכ פונ רעדלעכ אונ א קרעכצ פונ א שטריק. האָבנ זיי געמאכט קעקיצער מיט דער מינכע, אפּדערגיכ אויסגעשטאַנענ שמוינעסרע אונ צוגעלאָפנ צומ ברעג. דערזענ א גראָבנ קאנאט, וואָס ציט זיכ איבער דער ברייט פונעמ דניעפּער, צוגעקרעמפּעוועט צו א קלאָצ פונ דער זײַט וואסער. אונ דער קנויל איז געוואָקסנ אונ איז

אויסגעוואַקסנ: אינ אַ מינ הילצערנע מעגושעמדיקע בריַע, אַ מינ באַשעפעניש אינעמ געשטאַלט פונ אַ שטוב, וואָס רירט זיכ אונ שווימט אפנ וואַסער.

אויבנ, אפנ רוקנ פונ דעמ באַשעפעניש, געפינט זיכ עפעס אַ מינ רעדל, וואָס דרייט זיכ, אונ מיטנ קויעכ פונ אָט דעמ רעדל רירט זיכ אָט דאָס מעגושעמדיקע באַשעפעניש איבערנ וואַסער, פּאַמעלעכנ, נאָר זיכער, אונ אַלצ נעענטער אונ נעענטער צומ ברעג, ביז מע קאָנ שוינ זענ דאָס באַשעפעניש פונ דער נאָענט אונ באַטראַכטנ עס פונ אַלע זײַטנ, אַז דאָס איז גיט קיינ באַשעפעניש, ניט קיינ לעבעדיקע זאַכ, נאָר אַזאַ מינ שיפ, אַ באַרקע, אָדער אַ בערלינע, אונ אפ דער בערלינע שטייענ פורנ, פערד אונ מענטשנ — אונ אָט אָ דאָס איז געווענ, אייגנטלעכ, דער „פּאַראָמ״, וואָס כעווריע האָבנ אפ אימ אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, אונ אָט אפ דעמ פּאַראָמ וועלנ זיי דאָס איצטער זיכ לאָזנ פאָרנ, אַריבערפאָרנ דעמ דניעפּער.

איצט איז שוינ אַ ביסל גרינגער אפנ האַרצנ. איצט קענ מענ שוינ אַ ביסל צוזעצנ זיכ אפנ זאַמד אונ צוואַרטנ, ביז דער פּאַראָמ וועט צוגיינ אונ זיכ אָפּשטעלנ. וואָרעמ ניט אַזוי גיכ גייט אַ פּאַראָמ. ער גייט זייער, זייער פּאַוואָלינקע, קוימ־קוימ וואָס ער רירט זיכ. די זונ גייט שוינ אַ סאַכ גיכער פונ אימ. אָט איז זי נאָר וואָס געווענ אינ עק הימל, אונ אָט נידערט זי, ווי באַרג־אַראָפּ, זעצט זיכ אונ זינקט אונ ווערט פאַרשווונדנ אפ יענער זײַט טײַכ, לאָזט איבער נאָכ זיכ אַ ברייטנ רויטנ פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קילער אונ קילער. די קינדער האָבנ זיכ דערווײַל אָוועקגעזעצט אינ זאַמד. דער עלטערער האָט דאָס קלייניטשקע, וואָס איז אַ יאָר אַלט, אפ די הענט גענומענ; דאָס אויפּעלע איז געשלאָפנ.

דער פּאַראָמ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. די מענטשנ מיט די פורנ מיט די פערד זײַנענ פּאַמעלעכנ, איינציקווײַז אונ שטיל, אָנ ווערטער, אַראָפּ פונעמ פּאַראָמ אינ שימענ־וואָלפּ דער באַלעגאָלע איז אַרופ אפנ פּאַראָמ, אויכ קיינ איינציק וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט, גלײַכ ווי אַלע וואָלטנ זיכ אָנגערעדט, אַז ס'איז „אָסער לעדאַבער״. פריַער האָט ער אַרופגעפירט דעמ וואָגנ מיט די פערדלעכ, אפילע ניט אויסגעשאָלטנ זיי, ווי זײַנ שטייגער איז, מיט דער כאָליערע. דערנאָכ האָט ער אַ מאַכ געגעבנ מיט דער האַנט צו זײַנע יונגע פאַרשווינדלעכ, זיי זאָלנ אויכ אַרופ אפנ פּאַ־

ראָמ. נאָכ אַ מינוט — אונ דער פּאַראָמ, מיטנ ווילנ פונ איינ מענטשנ, וואָס האָט זיכ אָנגעלענט מיטנ גאַנצנ קויעכ איבערנ גראָבנ קאַנאַט, איז אַוועק זײַנ וועג גאַנצ שטיל, אַזוי שטיל, אַז קימאַט מע הערט גאָרניט ווי ער גייט. עס דאַכט זיכ אויס, אַז ניט דער פּאַראָמ גייט אַהינ, נאָר, פאַרקערט, דער טײַכ, דער דניעפּער גייט צוריק, טרעט אָפּ, מאַכט אַ „באו בשלום“, שטייט אויס שמוינעסרע. אונ ערשט דאָ זעט מענ, ווי גרויס דער דניעפּער איז, ווי ברייט אונ ווי שיינ, גרויסאַרטיק שיינ. מע פאָרט, מע פאָרט אונ מע פאָרט — אונ מע איז נאָכ ווײַט פונעמ צווייטנ ברעג.

די זונ איז שוינ לאַנג אונטערגעגאַנגענ אפ יענער זײַט טײַכ, אונ די לעוואָנע איז אַרויס, פריִער אַ רויטע, דערנאָכ איז זי געוואָרנ ווײַס, אַ העל־ווײַסע, אַ זילבערנע לעוואָנע. אייניציקווײַז, ווי שאַבעס־ליכטלעכ, האָבנ זיכ אָנגעצונדנ די שטערנ אינעמ טיפנ הימל, אונ דער דניעפּער האָט אינ אָוונט באַקומענ אַנ אַנדער פּאָנעמ מיט אַנ אַנדער פאַרב, מיט אַנ אַנדער געשטאַלט, גלײַכ ווי ער וואָלט זיכ אײַנגעהילט אינ אַ טונקל מאַלבעש. אונ אַ נײַע, פרישע, שטילע קילקײַט האָט ער אַרויסגעגעבנ פונ זיכ, אַ גלאַטע, גרינגע שטילקײַט, עס האָט זיכ געטראַכט טויזנטער, טויזנטער מאַכשאָוועס: פונ דער נאַכט, פונעמ הימל, פונ די שטערנ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשפּיגלט אינעמ וואַסער פונעמ רויִקנ דניעפּער. די דאָזיקע שטערנ זײַנענ דאָכ יעדעס שטערנדל אַ נעשאָמע פונ אַ מענטשנ... אונ פונעמ קויעכ פונ דעמ פּאַראָמ האָט זיכ געטראַכט, וויִאַזוי איינ מענטש, סאַכאַקל איינ גאָיעצ טרײַבט אימ, ער לענט זיכ אָנ מיט איינ האַנט אפנ קאַנאַט, ציט דעמ קאַנאַט, דרייט זיכ דאָס רעדל — אונ דער פּאַראָמ גייט.

שאָלעמ איז אַ באַלנ אָנצוקוקנ דעמ גאָיעצ אינ דער נאָענט, וויִאַזוי ער אַרבעט באַמ קאַנאַט אונ טרײַבט דעמ פּאַראָמ. אונ ער גייט צו נאָענט צומ גאָיעצ, צומ פּאַראָמשטשיק. נאָכ גאָר אַ יונגער גאָיעצ אינ אַ גרויער סוויטקע, גרויסע שטיוואָלעס אונ מיט אַ קוטשמע אַפנ קאָפּ, הערט ניט אופ מיטנ גאַנצנ קויעכ זיכ אָנצושפּאַרנ אַפנ מוירעדיק גראָבנ קאַנאַט. שאָלעמ קוקט זיכ אײַנ אינעמ דאָזיקנ פּאַראָמשטשיק דעמ גאָיעצ, ווי ער אַרבעט דאָס אפ אַלע קיילימ, מאַכט מיט דער פלייצע אַרופ אונ אַראָפּ, אַרופ אונ אַראָפּ, אַזש די ביינער

טרישטשענ! „אייסעוו, — טראַכט זיך שאָלעם באַ זיך אינ האַרצנ — אייסעוו!.. דאָס קאָנ נאָר אַ גוי, ניט קיינ ייִד. ווי קומט אַ ייִד צו אַזאַ גראָבער ארבעט? „ואת אחיך תעבוד" — און דײַנ ברודער וועסטו דינענ, — שטייט אינ חומש. גאַנצ גוט, וואָס איך בינ יאַנקעווס אַנ אייניקל, ניט אייסעווס..."

אונ עס טוט אים ווי דאָס האַרצ פונדעסטוועגנ אפנ דאָזיקנ יונגנ גאָיעצ, אפנ דאָזיקנ אייסעווס אייניקל: נאָך צו אַ יונגער פּראָמשטשיק, צו אַ יונגער אייסעוו... אונ ער קוקט זיך אײַנ אינ אים אינ פּאָנעם אַ ביסל נעענטער — אונ... ער שפּרינגט אָפּ צוריק! עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אים קענטלעך. קענטלעכע אויגנ!.. אונ שאָלעם פוילט זיך ניט, גייט צו נאָכאַמאָל, שוינ גאָר נאָענט, צומ גאָיעצ: ס'איז גאָרניט קיינ גאָיעצ — ס'איז נאָך גאָר אַ יונגער שייגעצ, מיט אַ מוירעדיק פאַרשוואַרצט, פאַרגרעבט פּאָנעם, מיט מוירעדיקע פאַרשוואַרצטע פאַרגרעבטע הענט. אויגנ — ייִדישע, אונ הענט גוייִשע... אונ ער דערמאָנט זיך אינעם פּאָסוק: „והידים ידי עשו", — אייסעווס הענט... נאָר לעמײַ איז ער אים אַזוי קענטלעך? ווו האָט ער אים געזענ?..

אונ ער הייבט זיך אָנ צו גראָבנ אינ זײַנע זיכרוינעס, אונ עס קומט אים אפנ זינענ איינער פונ זײַנע וואָראָנקעווער כאַווייריִמ, בערל דער אַלמאָנעס, אַ שוואַרצער באָכער מיט מעגושעמדיק גרויסע ציינ. ניט שוינ זשע איז דאָס ער? גיינ, עס קאָנ ניט זײַנ! עס דאַכט זיך אים נאָר אויס!.. נאָר ריבוינעשעלוילעמ! ס'איז דאָך פּאָרט ער!.. דאָס גאָיעצל, דערזענ, אַז מע קוקט זיך איינ אים אַרײַנ, האָט נאָך מער אָנגערוקט דאָס היטל, נאָר מינאַצאַד געכאַפּט אַ קוק אָפּ דעמ, וואָס באַטראַכט אים אַזוי געשמאַק. זייערע אויגנ האָבנ זיך באַגעגנט אינ דער פינצטערניש פונ דער נאַכט אונ — זיי האָבנ זיך דערקענט...

די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש רופט אַרויס אַ שלאַל מיט געדאַנקענ: בערל אַ גוי? אַ ייִד אַ גוי?.. אונ ער דערמאָנט זיך, אַז מע האָט נאָך דעמלט געהאַט געזאָגט, אַז בערל האָט זיך געשמאַדט... ניט אומזיסט האָט מענ דעמלט געזאָגט אפּ אים, אַז ער איז אַ „מומער לעהאַכיס"... צוגיינ צו אים, לאָזנ זיך דערקענענ, אויספרעגנ זיך בײַ אים — דערלאָזט אים עפּעס ניט, שאָלעמענ. עס פילט זיך אַ פרעמדקײַט, אַ דערווײַטערטקײַט, אַ קעלט אונ צו גלײַכער צײַט — אַ ראַכ-

מאָנעס. א ראַכמאָנעס אפ א ייִדנ, וואָס איז געוואָרנ א גוי. צוליב וואָס? צוליב דעמ, ער זאָל אָנטאָנ א גרויסע סוויטקע, א גרויס מאָכנאַטע היטל אונ ווערנ א העלפער באַם פּאַראָמשטשיק, א באַטראַק?.. אונ דער „באַטראַק"—גאָרנישט! ער זאָל אפילע א ריר טאָנ זיכ. אפּאָנעמ, ער קאָנ ניט קוקנ זײַנ כאַווער אינ די אויגנ ארײַנ... ער קוקט אראָפּ, אינ וואַסער ארײַנ, גלײַכ ווי מע זעט עפּעס דאָרטנ. בערל דער גאָיעץ האָט זיכ נאָכ מער אײַנגעהילט אינ דער סוויטקע, נאָכ מער אָנגערוקט דאָס היטל, באַשפּיגנ ביידע הענט אונ א נעמ געגעבנ זיכ צו דער ארבעט נאָכ מיט מער פרישקײַט, אָנגעלענט זיכ מיט אלע קויכעס אפנ מוירעדיק גראָבנ קאַנאַט. דער קאַנאַט האָט געקרעכצט, די רעדלעכ האָבנ זיכ געקײַקלט. דער פּאַראָמ האָט זיכ געגליטשט אלצ ווײַטער אונ ווײַטער — מע איז געקומענ צו פאָרנ.

— קריכט אינ וואָגנ! — האָט דער שווײַגנדיקער באַלעגאָלע אויסגעקאָמאַנדעוועט נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ ארויסגעקײַקלט מיטנ וואָגנ פונ פּאַראָמ, געגעבנ א שמײַס די פערדלעכ, מעכאַבער געווענ זיי מיט די ווערטער „כאָליערע" אונ „פּגירעס" — אונ איז אוועק, איבערגעלאָזט הינטער זיכ דעמ דניעפּער מיטנ פּאַראָמ, מיטנ באַטראַק פונעמ פּאַראָמשטשיק, וואָס איז נעבעכ געווענ אמאָל א ייִדיש קינד, יאַנקעוו אָווינוס אנ איינִיקל. אונ הײַנט וואָס? נעבעכ! נעבעכ!..

37. אינ באָסלעוו אפ דער „טאָרהאָוויצע"

אָנגעקומענ קיינ באָסלעוו גלײַכ אפנ יאַריד. — זיי ווייסנ ניט, יאָסער מוישע־יאָסי איז זייער זיידע. — א ייִד מיט א טאַלעס־קאָטנ נעמט זיכ אונטער ברענגענ די קינדער צומ זיידנ.

עס איז שוינ געווענ גרויסער טאָג, אז די קליינע וואָיאַזשערנ־יעסוימימ זײַנענ ארײַנגעפאָרנ מידע, הונגעריקע אונ שלעפעריקע אינ דער שטאָט באָסלעוו. פונ יענער זײַט וואָלד האָט זיכ אויפגעהויבנ די זונ, א קלאָרע, א בריליאַנטענע, א וואַרעמע זונ. צומ אלעמ ערשטנ זײַנענ זיי דורכגעפאָרנ פאַרבײַ א מוירעדיק גרויסנ בעסוילעמ, מיט אזוי פיל אײַנגעבויגענע, האַלב אײַנגעפאַלענע שטיבלעכ אונ אלטע

מאציוועס מיט אָפּגעריבענע אויסיעס „ת. נ. צ. ב. ה.", אַז לויט דעם רעכן בעסוילעם האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די שטאָט איז מי יודייע וואָס פאַר אַ קראַכ! פונעם בעסוילעם איז מען אַרײַן גלײַך אין דער „טאָרהאָוויצע" — אַ מאַרק אָדער אַ מין יאַריד אַזעלכער, ווו אַלץ איז אויסגעמישט אינײַנעם: גויִים, פערד, בעהיימעס, און כאַזיירים, און ציגײַנער, און וועגן, און רעדער, און כאָמוטעס, און ייִדן פון קאָלאָמיִינים: ייִדן מיט פעלכלעך, ייִדן מיט היטלען, ייִדן מיט „קראַסנע" סכוירע, ייִדן מיט בולקעס, מיט אייערבייגל, מיט קיכלעך, מיט עפּל־קוואַס און מיט וואָס איר ווילט. הײַנט ווײַבער! ווײַבער מיט קאָשיקעס, ווײַבער מיט עפּעלעך, און ווײַבער מיט אויפעס, און ווײַבער מיט געפּרעגלטע פיש, און גלאַט ווײַבער. און דאָס אַלץ רעדט און קוויטשעט און גראַגערט. און די פערד מיט די בעהיימעס מיט די כאַזיירים העלפן אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפּילן אַפּ דער לירע — מע קאָן טויב ווערן. און אַ שטויב שטייט אַזעלכער, וואָס מע זעט קוים איינס דאָס אַנדערע. און רייכעס אַזעלכע, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן.

בעוורע זײַנען געקומען אין אַ גוטער צײַט — אין אַ מאַרק־טאָג. דער באַלעגאָלע האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן מיט זײַן בויד דורכן יאַריד, אָנגעווינטשעוועט דער שטאָט מיטן יאַריד אַכצן כאָליערעס, ווי זײַן שטייגער איז, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער רעכטער שטאָט אַרײַן, וואָס כאַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פונעם בעסוילעם — די זעלבע אײַנגעפאַלענע שטיבלעך־מאַציוועס, צווישן וועלכע עס וואַרפן זיך דורך ווי ניט ווו אַ פּאָר נײַע הײַזלעך אויך, וואָס זעען אויס פרעמד, ווי נעגידישע מעכוטאָנים, אײַנגעלאַדן אַפּ אַן אָרעמער כאַסענע, — און דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער עמעסער טומל: שימען־וואָלף דער באַלעגאָלע האָט געוווסט, אַז מע האָט אים באַשטעלט, ער זאָל אָפּפירן זײַנע יונגע פאַרשוינדלעך קיין באָסלעוו צו זייערן אַ זיידן מיט אַ באָבע. מע האָט אים אַפילע געהאַט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם זיידן מיט דער באָבע, נאָר ער האָט שוין פאַרגעסן. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָר! שימען־וואָלף האָט זיך געשווירן, אַז דעם גאַנצן וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איר זעט אים אַ ייִדן, און ווי נאָר ער איז אַרײַנגעפאָרן אינעם דאָזיקן יאַריד, אַזוי זײַנען זייערע

נעמען ארויסגעפלויגן בא אים פונעם קאָפּ — אַ כאָליערע!.. (אָפּ-
וועמען — זאָגט ער ניט).

דערוויילע קומט צו אַ ייִד, און נאָך אַ ייִד, און נאָך אַ ייִד, און נאָך
צוויי ייִדן, און דריי ייִדן, און ווייבער פון קאַלאַמינים, ווייבער מיט קאָ-
שיקעס און ווייבער אָן קאָשיקעס, און עס ווערט אַ האַרמידער מיט אַ
ריידערײַ,—אַלע ריידן זיי אינאיינעם און מע דערציילט איינס דאָס אנ-
דערע כידושים: אַז עפּעס קינדער האָט אַ באַלעגאָלע געבראַכט צו פירן.

— פונוואַנען?

— פון יענער זײַט דניעפּער.

— פון רזשישטשעוו?

— וואָס עפּעס רזשישטשעוו? פאַרוואָס ניט קאַניעוו?

— ניט פון רזשישטשעוו, ניט פון קאַניעוו, נאָר פון פּערעיאַסלעוו!

— וואוהין?

— איר זעט דאָך וואוהין — ניט קיין יעהופּעץ, קיין באָסלעוו האָט
ער זיי געבראַכט צו פירן.

— צו וועמען?

— הערסטו, מע זאָל וויסן צו וועמען, וואָלט דאָך גוט געווען!
צו אַ זיידן, זאָגט ער, צו זייערן אַ זיידן.

— וואָסער זיידן?

— הערסטו, מע זאָל וויסן, צו וואָסער זיידן, וואָלט דאָך גוט
געווען!..

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז מען אַ פרעג טאָן בא די קינדער,
וויאַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קערן וויסן.

— פונוואַנען זאָלן זיי וויסן?

— פאַרוואָס זאָלן זיי ניט וויסן?..

ביז עס רוקט זיך ארויס איינער אַ ייִד, וואָס פאַרקויפט בייגל, מיט
אַ צעשפּאָלטענעם האַשעק אויפן קאַשקעט. מיט ביידע עלנבויגנס שטופּט
ער פאַנאַנדער דעם עולעם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פרעגן. קינדער! וויאַזוי רופט מען
אײַער זיידן?

די קינדער זײַנען פונעם האַרמידער מיטן געשריי שוין גאָר צע-
טומלט, נאָר פונדעסטוועגן דערמאָנען זיי זיך, אַז ער הייסט מוישע-
יאָסי. יאָ, מוישע-יאָסי הייסט ער.

— געווים מוישע־יאָסי?

— מוישע־יאָסי, געווים!..

ווייסט מען שוין, הייסט עס, אַז דער זיידע זייערער הייסט מוישע־יאָסי. בלײַבט איבער איין זאַך: וואָסער מוישע־יאָסי? פֿאַראַן אַזוי פֿיל מוישע־יאָסיס. פֿאַראַן מוישע־יאָסי דער סטאָליער, מוישע־יאָסי דער בלעכער, מוישע־יאָסי לייע־דוואָסיעס און מוישע־יאָסי דעם האַמאַרניקס. נאָר פֿרעגט זיי עפּעס גרינגערס.

— שאַ, ווייסט איר וואָס? וויאַזוי רופֿט מען אײַער טאַטן? —

דאָס זאָגט שוין אַן אַנדער ייִד, ניט יענער פֿון די בייגל, נאָר אַ ייִד מיט אַ טאַלעסקאָטן, ווײַזט אויס, אַ בעסמעדרעש־ייִד. די קינדער זאָגן, אַז זייער טאַטן רופֿט מען נאָכעם. דערהערט אַזאַ זאַך, שטופּט דער ייִד מיטן טאַלעסקאָטן אַוועק אַלע אַנדערע ייִדן און נעמט די קינדער גאָר אָפּ אַן עמעסן „דאָפּראָס”:

— אײַער טאַטן, זאָגט ער, רופֿט מען נאָכעם? הייסט ער ניט ראַבינאָוויטש?

— ראַבינאָוויטש.

— און אײַער מאַמע האָט געהייסן כאַיע־עסטער?

— כאַיע־עסטער.

— איז זי געשטאָרבן?

— געשטאָרבן.

— פֿון דער כאָליערע?

— פֿון דער כאָליערע.

— אָט אַזוי זשע רעדט!

דער ייִד מיטן טאַלעסקאָטן דרייט זיך אויס צום גאַנצן עולעם. דאָס פּאָנעם שײַנט אים.

— אויב אַזוי, פֿרעגט מיך, איך וועל אײַך זאָגן אַקוראַט! זייער זיידע איז מוישע־יאָסי דעם האַמאַרניקס, זייער באָבע איז גיטל מוישע־יאָסי דעם האַמאַרניקס, זייער זיידע, מוישע־יאָסי הייסט עס, ווייסט שוין, אַז זײַן טאָכטער כאַיע־עסטער איז געשטאָרבן פֿון דער כאָליערע, ניט דאָ געדאַכט, און זייער באָבע, גיטל־יאָסיס, ווייסט נאָך ניט. מע וויל איר ניט אָנזאָגן די בסורע: אַן אַלטע ייִדענע, אַ קאַליקע נעבעך...

דער ייִד מיטן טאַלעסקאָטן דרייט זיך אויס צו די קינדער מיטן זעלבן שײַנענדיקן פּאָנעם:

— קריכט אראפּ, קינדער, פונ וואגנ, וועט מענ אײַך ווײַזנ, ווו אײַער זיידע זיצט. צופארנ אהינ קאנ מענ נִיט — צו א שמאל געסל. סײַדנ פונ יענער זײַט? וועט מענ אבער נִיט קאנענ אויסקערעווענ זיך מיטנ וואגנ. ווי מײנסטו מאטל, מע וועט קאנענ?..

דאס איז געזאגט געווארנ צו א יונגערמאנ מיט אנ אויסגעבויגענער נאז, וואס הייסט מאטל. מאטל פארוקט דאס היטל ארופ:

— פארוואס זאל מענ ניט קאנענ?

— פארוואס? פאר שאבעס? האסט פארגעסנ, אז הערשקע איצי־ליאבעס בויט א שטאל פונ יענער זײַט?

מאטל טוט זיך ניט קײנ ריר אונ פרעגט ווײַטער:

— אונ אז ער בויט א שטאל פונ יענער זײַט, איז וואס?

— וואס הייסט איז וואס? האט ער אנגעפירט געהילצ!

— אנגעפירט געהילצ? לאז אימ ווויל באקומענ!..

— וואס איז צו ריידנ מיט א שטיק האלצ!..

אונ וואס מער מאטל איז רויִק, היצט זיך יענער אלצ מער, ביז ער ג׳ייט ארויס פונ די קײלימ, טוט א שפּײַ אפּ מאטלענ, רופט אימ אנ מיטנ נאמענ „שויטע בענ פיקהאלצ”. ער נעמט די קינדער פאר א האנט: „קומט, קומט מיט מיר — איך וועל אײַך צופירנ. מע דארפ גיינ צופוס”. אונ דער ייִד מיטנ טאלעסקאטנ אונ מיטנ שײַנענדיקנ פאנעמ לאזט זיך מיט די יונגע וואיאזשערנ־יעסוימימ פונעמ יאריד ארויס צופוס צו זייער זיידנ מוישע־יאסי אונ צו זייער באבע גיטל.

38. א שיינער בארוכאבע

די געליבטע באבע גיטל — דער זיידע מוישע־יאסי מיט דער בולבעוואטער נאז אונ געדיכטע ברעמענ. — דער פעטער איצי אונ די מומע סאסי.

די פערעיאסלעווער יעסוימימ האבנ געהאט דאס רעכט פארשטעלנ זיך דעמ זיידנ מוישע־יאסיס שטוב — א מינ פאלאצ. דער זיידע מוי־שע־יאסי אליינ האט זיך זיי פארגעשטעלט א פאטריארכ אינ א זײַדע־נער זשופּעצע. א קלייניקײַט — מע זאגט, זיי זײַנענ אזוי רײַך, אזוי

רײַכ! צומ סאָפ האָט זיי דער בעסמעדרעש־ייִד מיטנ שײַנענדיקנ פּאַנעמ צוגעפירט צו א גאַנצ געווײַנלעכ שטיבל, עמעס, מיט א גלעזערנעמ גאַנעק, אונ האָט זיי א זאָג געגעבנ: „אָט א דאָ זיצט אײַער זיידע, מוישע־יאָסי האַמאַרניקעס". אלײנ איז דער ייִד נעלעמ געוואָרנ. ער האָט ניט געוואָלט זײַנ דערבײַ. די קינדער האָבנ דורכגעשפּאַצירט דעמ גלעזערנעמ גאַנעק, געעפנט די טיר אונ דערזענ פאַר זיכ אקוראַט אקעגנ דער טיר, אפ א הילצערנ בעט, זיצנ א מענטשנ ניט קיינ מענטשנ, א באַשעפעניש ניט קיינ באַשעפעניש, אינעמ געשטאַלט פונ א נעקייווע, אָנ פּיס, מיט עפּעס מאָדנע אויסגעדרייטע הענט. די ערשטע מינוט האָבנ זיי געוואָלט גיינ צוריק. נאָר דאָס באַשעפעניש האָט זיכ שטאַרק אײַנגעקוקט אינ זיי מיט אירע גלאַנצנדיקע רויטע אויגנ אונ האָט מיט א זייער אײַנגענעמענ קאָל א פרעג געטאָנ בא זיי: „ווער זײַט איר, קינדער?" עפּעס אייגנס, נאָענטס האָט זיכ געלאָזט הערנ אינ דעמ קאָל, אונ די קינדער האָבנ איר א זאָג געגעבנ: „א גוט מאָרגנ. מיר זײַנענ פונ פּערעיאַסלעוו"...

דערהערט דאָס וואָרט „פּערעיאַסלעוו" אונ דערזענ א גאַנצ רעמל מיט קינדער, צווישנ זיי א מיידעלע נאָכ קיינ יאָר ניט אַלט, האָט די אַלטע באַלד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע טראַגעדיע, אונ זי האָט פאַרבראָכנ מיט אירע אויסגעדרייטע הענט אונ אויסגעשריגנ: אפ א קאָל:

— אוי, א ווייטעק איז מיר! אוי, א דונער איז מיר! מײַנ כאַיעסטער איז געשטאָרבנ! — אונ גענומענ זיכ שלאָגנ מיט די הענט אינ קאָפּ. — מוישע־יאָסי! מוישע־יאָסי! וווּ ביסטו? אהער גיי! מוישע־יאָסי!

אפ איר געשריי איז געקומענ צו לויפנ פונ א זײַטיק אַלקערל אנ אַלטער, א נידעריקער, אינ טאַלעס־אונ טפילנ, מיט א מעשונע מעגושעמדיק פּאַנעמ, מיט א ברייטער בולבעוואַטער נאָז, מיט מוירעדיקע גרויסע געדיכטע ברעמענ, אָנגעטאָנ אינ שמאַטעס אונ אינ שקראַבעס. — „אָט דאָס איז דער זיידע מוישע־יאָסי? אָט דער איז דאָס אזוי רײַכ? אזוי רײַכ?"...

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע מוישע־יאָסי האָט געטאָנ — ער האָט גענומענ שרײַענ אפ די קינדער, בייזערנ זיכ אונ מאַכנ אפ זיי מיט די הענט. אונ מאַכמעס ער האָט געהאַלטנ אינ מיטנ דאַווענענ אונ ניט געטאָרט אפּאַנעמ מאַפסיק זײַנ, האָט ער גערעדט צו זיי אפ לאָשנ־

קוידעש: „אי־אָ־נו, ראָצכים! גאַזלאָנים!"... און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט אַף לאַשנקוידעש, און דאָס קאָל האָט געציטערט: „אי־אָ־נו, ידעתי... בתי... ה' נתנ וה' לקח *"!

דאָס האָט באַדאַרפט הייסנ, אַז ער ווייסט, אַז זײַנ טאָכטער איז געשטאָרבנ, און דער גאָט, וואָס האָט געגעבנ, דער אייגענער גאָט האָט גענומענ... האָט דאָס אָבער די אַלטע ווינציק וואָס באַרויִקט, און זי האָט ניט אופגעהערט צו וויינענ און צו קלאָגנ און צו שלאָגנ זיכ מיט די הענט אינ קאָפּ און צו שרײַענ: „באַיע־עסטער! מײַנ באַיע־עסטער איז געשטאָרבנ!" — ביז עס זײַנענ זיכ צונויפגעלאָפּנ נאָכ מענטשנ, עפּעס איינער א ייִד מיט אַזעלכע לאַנגע פּייעס, וואָס די קינדער האָבנ אַזעלכע אינ פּערעיאַסלעוו ניט באַגעגנט. דאָס איז געווענ זייער מאַמעס איינציקער ברודער, דער פעטער איצי. נאָכנ פעטער איצי איז אַרײַנגעלאָפּנ א ייִדענע מיט א פאַרפלאַמט פּאָנעם, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט א פּאָלאָניק פונ קיכ. דאָס איז געווענ זײַנ ווײַב — די מומע סאָסי. און מיט איר איז אַרײַנגעקומענ א מיידעלע מיט רויטע בעקלעכ און מיט קליינע ליפּעלעכ — זייערע א באַסיעכידקע, א שיינינקע, נאָר א שעמעוודיקע, מיטנ נאָמענ באַווע־ליבע. און אַכוץ זיי זײַנענ זיכ צונויפגעלאָפּנ נאָכ ייִדנ און ווײַבער, נאָענטע שכיינים, און אַלע מיטאַמאָל האָבנ גענומענ ריידנ, טרייסטנ די באָבע גיטל מיט ווערטער: אַז ווײַבאַלד די טאָכטער איז שוינ טויט, הײַנט וואָס וועט העלפנ דער געוויינ? און דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, איז דאָכ פאַרפאַלנ. און די יונגע געסט האָט מענ אַכוץ גענומענ זאָגנ מוסער, אַז מע קומט ניט אַרײַנ, אָט אַזוי, הולאָמ אַפ דער קאַראָביקע, און מע זאָגט ניט אָנ יענעמ גלײַכ אַזא בסורע... כאָטש גאָט איז יוידייע דעמ עמעס, אַז די קינדער האָבנ, אייגנטלעכ, גאָרניט אָנגעהויבנ צו „זאָגנ".

דערווײַל האָט דער זיידע מוישע־יאָסי אויסגעטאָנ דעמ טאַלעס־און טפילנ און האָט פונ זײַנ זײַט גענומענ פירהאַלטנ די אייניקלעכ, לעמײַ זיי זײַנענ ניט אַרײַנגעקומענ פריִער צו אים. זיי זאָלנ זײַנ באַלדערעכערעצ, וואָלטנ זיי באַדאַרפט זיכ זענ פריִער מיט אים, פּאַוואָלינקע איבערריידנ, וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס, פּאַוואָלינקע איבערגע־

---

* „יאדאטי... ביטי.. האשעמ נאָסאנ וועהאשעמ לאָקאכ" — איכ האָב געוווסט... די טאָכטער... גאָט האָט געגעבנ, גאָט האָט צוגענומענ. — ר ע ד.

רעדט מיט דער באָבע, זי צוגעגרייט ביסלעכווײַז, ניט אַזוי העגדומ־פענדום! אַזוי טוען פֿערעאַדאָמס, ניט קיין מענטשן...

דאָס האָט שוין, אַפּאָנעם, די באָבע גיטל ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן, און ווי ווײַט דער בראָך איז ניט געווען פֿאַר איר גרויס, איז זי אָנגעפֿאַלן אויף זיידן:

— אַלטער הורינ! וואָס האָסטו צו די קינדער נעבעך? וואָס זײַנען זיי שולדיק? פֿונוואַנען זאָלן זיי דיר וויסן, אַז דו ליגסט דאָרט ערגעץ אויף די פֿעלדן און דאַוונסט? אַ שיינער באָרוכאַבע! קומט אַהער, קינ־דערלעך, צו מיר, ווי־אַזוי רופֿט מען אײַך?

און אײנציקווײַז האָט זי צוגערופֿן צו זיך די קינדער, און אײנציק־ווײַז האָט זי זיי אויסגעפֿרעגט בײַ די נעמען, געגלעט און געקושט און באַנעצט מיט אירע געזאַלצענע טרערן, באַוויינט שוין ניט איר טאָכ־טער, נאָר די קליינע עלנטע יעסוימימלעך נעבעך... זי האָט זיך גע־שוואָרן, אַז זי האָט קימאַט געוווּסט, אַזוי זיכער, ווי עס איז הײַנט טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, אַז איר כאַיע־עסטער איז געשטאָרבן, וואָרעם ס'איז שוין עטלעכע נעכט, אַז זי קומט צו איר צו כאָלעם און פֿרעגט זיך נאָך אויף אירע קינדער, זי זאָל איר זאָגן, ווי געפֿעלן איר אירע קינדער?..

— לאָז מען זיי געבן עפּעס עסן. מוישע־יאָסי, וואָס שטייסטו, ווי אַ נעכטיקער, זעסט דאָך, אַלטער הורינ, אַז די קינדער זײַנען נעבעך פֿאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט און ניט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. ווינד איז מיר — אַבי ער זאָגט זיי מוסער! אַ שיינער זיידע! אַ שיינער באָרוכאַבע!..

39. צווישן פֿעלצן

דעם זיידנס בוכהאַלטעריע — זײַן מוסער־זאָגן, זײַנע ספֿאָרים און זײַן צדאָקע — וואָס וועט זײַן, אַז מאָשיעך וועט קומען — דעם זיידנס עקסטאַז.

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע מוישע־יאָסי האָט פֿירגענומען פֿאַר זײַנע אייניקלעך, איז זיי האָבן אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן, — ער האָט זיי פֿאַרהערט.

פֿאַרגעקומען איז דער עקזאַמען טאַקע בײַ אים, אין זײַן כיידער

מעיוכעד, וווּהין קיין בענאָדאָם האָט ניט געטאָרט אַרײַנקומען. ניט געטאָרט און ניט געקאָנט, וואָרעם ס'איז ניט געווען ווו.

דאָס איז געווען אַ בײדערל עטוואָס גרעסער פון אַ שטײַג, וווּ מע האַלט אויפעס. אין דער דאָזיקער שטײַג האָט זיך געפונען, ערשטנס, דער זיידעס דערנאָך זײַנע ספאָרים, גאַנצע שאַס און פּאָסקים און קאַבאָלע־ספאָרים, און כוץ לאָזע זײַנען דאָרטן געווען מאַשקאָנעס: זילבערנע לעפל, טעצלעך, האָדעסלעך און לעמפלעך, קופּערנע פּאַנען, סאַמאָוואַרן, יידישע קאַפּאָטעס, גוייִשע קאַרעלן, סוויטקעס און פּעלצן, אָן אַ שיר פּעלצן!

דאָס איז געווען אַ מין לאָמבאַרד, געפירט פון דער באָבע גיטל שוין פון יאָרן לאַנג. זיצנדיק אַ געלײמטע אין בעט, האָט זי געפירט דאָס געשעפט בעיואַד ראָמאַ, געהאַלטן דאָס ביסל מעזומען בײַ זיך אונטער די קישנס, ניט צוגעלאָזט צו דער קאַסע קיינעם. נאָר אויף די מאַשקאָנעס האָט געוועלטיקט דער זיידע. צונעמען אַ מאַשקן און אַרויסגעבן אַ מאַשקן — דאָס איז געווען זײַן אַרבעט. אָנגעדענקען זיך, צו וועמען וואָסער מאַשקן עס געהערט — האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. עס קאָן זײַן, אַז דער זיידע מוישע־יאָסי האָט טאַקע געהאַט אויף זיך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, האָט ער זיך אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זײַן מיניסטערשן קאָפּ אַליין. אַ קאַשע, וואָס סע מאַכט זיך! איז ער געפאַלן אויף אַ האַמצאָע: אויף יעדן מאַשקן האָט ער צוגענייט מיט אַ נאָדל־פאָדעם — און דאַפקע אַליין — אַ שטיקל פּאַפּיר, און אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר האָט ער געשריבן מיט זײַן האַנט: „זה הקאַפּאָטע שייך לבעריל“, אָדער: „זה הפּעלץ שייך להערל איוואַן“ אָדער „זה קאַרעלן שייך להערלית יאַוודאָכע“. און ס'האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז בערל איז געקומען צו גיין אויסקויפן די קאַפּאָטע און מע האָט אים אַרויסגעגעבן אַן אַנדערנס אַ קאַפּאָטע, וואָס יענער הייסט אויך בערל? — איז דאָ אַן אייצע: מע טראָגט אַרויס ביידע בערלס קאַפּאָטעס, און מע הייסט אים, ער זאָל דערקענען. אַ ייִד וועט דאָך ניט גיין זאָגן אויף אַ פרעמדער קאַפּאָטע, אַז ס'איז זײַנע. זעט איר, מיט אַ גוי, אַז סע מאַכט זיך אַזאַ זאַך, איז שוין ניט אַזוי גוט. איז דערצו אויך דאָ אַ האַמצאָע (אַ ייִד אַ לאַמדן גיט זיך אַן אייצע): מע הייסט איוואַנען, ער זאָל זיך מאַטריעך זײַן זאָגן עפּעס אַ סימען אויף זײַן פּעלץ. יעדער איוואַן קאָן אַזוי גוט זײַ

פעלצ, אז עפּעס א סימענ מוז ער אפ אימ האָבנ. פונדעסטוועגנ, ניט קוקנדיק אפ די אלע האמצאָעס, זײַנענ גאנצ אָפּטלעכ ארויס מיִעסע מאכלויקעסנ צווישנ דער באָבע מיטנ זיידנ. די באָבע האָט אלצ געטײַנעט צומ זיידנ:

— איכ פרעג דיכ, אלטער דורינ וואָס דו ביסט, אז דו האלסט שוינ יאָ בא שרײַבנ אונ שרײַבסט שוינ יאָ „זה הקאפּאטע שייכ לבעריל", — וואָס וועט דיכ ארנ, אז דו וועסט שוינ צושרײַבנ נאָכ איינ וואָרט — „בעריל זאיקע"? אָדער אז דו שרײַבסט שוינ יאָ „זה הפּעלצ שייך להערל איוואנ", — שרײַב שוינ אינגאנצנ דעמ נאָמענ זײַנעמ: איוואנ זלאָדי". אָדער: „זע הקארעלנ שייכ להערלית יאוודאָכע די קורנאָסע"...

איז אָבער דער זיידע מוישע־יאָסי — ס'זאָל אימ צו קיינ בארפּע ניט זײַנ אפ יענער וועלט — געוועזנ א מוירעדיקער אקשנ. אָט דאפּיִע ווײַל זי וויל אזוי, וויל ער ניט. אונ ער איז געוועזנ ניט אינגאנצנ אומגערעכט: א ייִדענע א קאליקע, ליגט אינ בעט — אונ פארגינט זיכ אזוי צו קאָמאנדעווענ מיט א מאנ, אימ רופנ „אלטער דורינ" פאר די אייניקלעכ אינ די אויגנ! ער איז דאָכ עפּעס ניט קיינ אבי־וועררעב מוישע־יאָסי דעמ האמארניקס! א ייִד, וואָס זיצט יאָמימ וועלײַלע אל האטוירע וועאל האווידע. אָדער ער לערנט, אָדער ער דאוונט. הײַנט פאסט ער אלע טאנייסימ אונ אלע מאָנטיק אונ דאָנערשטיק, אונ קיינ שטיקל פלייש קומט גלאט ניט ארײַנ צו אימ אינ מויל ארײַנ א גאנצע וואָכ, כוצ שאבעס אונ יאָנטעוו. אינ שול קומט ער פריִער פאר אלעמענ אונ גייט ארויס שפּעטער פונ אלעמענ. מאכט קידעש דעמלט, ווענ אלע ייִדנ שלאָפנ שוינ, — וואָרטשעט זי טאקע, די באָבע גיטל, אונ בייזערט זיכ. מיילע, פאר זיכ אלײנ ארט זי שוינ ניט — זי איז שוינ געווינט געוואָרנ צו הונגערנ. אָבער אפ די קינדער נעבעכ, אפ די יעסוימימ, איז א ראכמאָנעס!

פונ אלע קינדער די יעסוימימ האָט דער זיידע מוישע־יאָסי ליב געקראָגנ נאָר איינעמ — שאָלעמענ. טאקע א שקאָצ, א ייִנגל א ברענ, דערפאר אָבער א גוט קעפּל. פונ אימ וואָלט געקאָנט זײַנ א לײַט, ער זאָל נאָר א ביסל וועלנ זיצנ מער מיטנ זיידנ אינ זײַנ כיידער מעיוכעד צווישנ די פּעלצנ, אונ ניט האָבנ קיינ טעווע לויפנ מיט די באָסלעווער

יינגלעכ צום „ראָס", זענ ווי מע כאַפּט פיש, אָדער אינ וואַלד אַרײַנ טרייסלענ באַרלעכ, אָדער נאָכ אַזעלכע קונדעסרײַענ.

— דײַנ טאַטע זאָל זײַנ אַ מענטש, — אַזוי האָט דער זיידע מיט אימ אײַנגעטײַנעט — דײַנ טאַטע זאָל ניט זײַנ אָנגעשמעקט מיטנ טאַנאַכ אונ מיטנ דיקדוק אונ מיט מוישע דעסעווער* אונ מיט די איבעריקע אַפּיקאָרסישע גענג, וואָלט ער דיכ אַלפּי יווישער באַדאַרפט איבערלאָזנ דאָ בא מיר כאָטש אַפּ עטלעכע זמאַנים, וואָלט איכ דיכ מיט גאָטס הילפ געמאַכט פאַר אַנ ערלעכנ יידנ. עס וואָלט פונ דיר אַרויס דער עמעסער כאָסיד מיטנ עמעסנ באַלקאַבאָלע מיטנ עמעסנ ברענ. אונ אַזוי וואָס וועט פונ דיר זײַנ? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ שייגעצל, אַ קנאַקער, אַ פּײַפער, אַ יימאַכשמויניק, אַ דער רועכ ווייסט וואָס, אַ הולטײַ, אַ ראָשע מערושע, אַ שמאַדראַלניק, אַ מעכאַלעלשאַבעסניק, אַ טרייפניאַק; — אַ פּושע באַלקי ישראל!..**)

— מוישע יאָסי! טאָמער וואָלט געוועג געגוג מוטשעג אַ קינד?

„לאָנג לעבנ זאָל די באָבע גיטל"! — טראַכט זיכ דער אויכגעוועג לייזטער פונעמ זיידנס הענט, אַפּ וועמענ עס וואַרטנ שוינ באָסלעווער יינגלעכ קונדייסימ אינ דרויסנ.

פונדעסטוועגנ זײַנענ געווענ מינוטנ, וואָס דער זיידע מוישע יאָסי איז אימ געווענ אויכ צום האַרצנ, ליב אונ טײַער. אייגמאָל האָט ער אימ געטראָפּנ זיצנ מיטנ טאַלעס־זאַק אונטער דער האַנט בא דער באָבע אינ בעט. ער האָט זי עפּעס זייער שטאַרק געכאַנפעט, גערעדט שטילערהייט, געדונגענ זיכ אונ געבעטנ בא איר נאָכ געלט, אונ זי האָט ניט געוואָלט געבנ מער. דאָס האָט ער זיכ געדונגענ ניט פאַר זיכ— פאַר צדאָקע, פאַר זײַנע אָרעמע כסידימ, וואָס אינ קלויז, אונ זי האָט געטײַנעט איינס: „מע דאַרפ ניט. זי האָט אירע אייגענע יעסוימימ — אַפּ זיי איז מער ראַכמאָנעס"...

נאָכ איינ מאָל האָט ער געטראָפּנ דעמ זיידנ זיצנ בא זיכ אינ כיידער מעיוכעד, אָנגעטאָנ אינ טאַלעס אונ טפילנ, דעמ קאָפּ פאַר־

---

* מוישע דעסעווער — מוישע מענדלסאָנ. אַ באַקאַנטער יידיש־דײַטשישער בירגעלכער פילאָזאָפ פונ סאָפ XVIII יאָרהונדערט. דער פאָטער פונ דער האַסקאָלע־באַוועגונג. — ר ע ד.

** אַ זינדיקער קעגנ יידישנ גאָט. — ר ע ד.

וואָרפֿנ, די אויגנ צוגעמאַכט, עפּעס געאָרנישט בהאי עלמא,* אונ אז ער האָט זיכ אופֿגעכאַפּט, האָבנ בא אימ די אויגנ געשײַנט אונ געלויכטנ, אונ זײַנ מעגושעמדיק פּאָנעמ האָט אויסגעזענ שוינ ניט אזוי מעגושעמדיק. „די שכינע האָט אפ אימ גערוט״... אונ ער האָט גערעדט ווי צו זיכ אלײנ, אונ מיט א שמייכל אפ די מוירעדיק גרויסע גערדיכטע וואָנצעס:

— עדוימ וועט נישט לאַנג געוועלטיקנ... די יעשועס איז נאָענט, נאָענט, נאָענט!.. קומ אהער, מײַנ קינד, זיצ א ביסל, וועלנ מיר שמועסנ פֿונעמ קעצ, פֿונ מאָשיעכנ — וואָס וועט זײַנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ...

אונ דער זיידע מוישע יאָסי האָט גענומענ דערציילנ פֿאַר זײַנ אייניקל, וואָס וועט זײַנ, אז מאָשיעכ וועט קומענ, מיט אזא היסלײַוועס, מיט אזוי פֿיל היצ אונ מיט אזעלכע פֿלאַמענדיקע פֿאַרבנ, אז דעמ איי־ניקל האָט זיכ ניט געוואָלט אָפּטרעטנ פֿונ זיידנ, אונ ניט ווילנדיק איז אימ געקומענ אפֿנ זינענ זײַנ ערשטער אונ זײַנ בעסטער כאַווער שמוליק. דער כילעק צווישנ די צוויי איז געווענ דער, וואָס שמוליק האָט גערעדט פֿונ אויצרעס, מעכאַשפֿימ, פּרינצנ אונ פּרינצעסנס — אַלצ פֿונ אזעלכע זאַכנ, וואָס זײַנענ שײַעכ צו ד ע ר וועלט; אונ דער זיידע מוישע יאָסי האָט מעוואַטל געווענ ד י וועלט לעגאַמרע אונ האָט זיכ אריבערגע־טראָגנ אינגאַנצנ אײנײנעמ מיטנ אייניקל, וואָס האָט אימ אויסגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אהינ, אפ י ע נ ע ר וועלט, דאָרטנ, צווישנ סאַמע צאַדיקימ אונ מאַלאָכימ אונ סראָפֿימ אונ קרוווימ, ניט ווײַט שוינ פֿונעמ קיסיי האַקאָוועד, גאָרגאָר נאָענט שוינ טאַקע צו אימ אלײנ, צומ מעלעכ מאַלכיי האַמלאָכימ האַקאָדויש באָרוכ הו... דאָרטנ זײַנענ געווענ דער שוויראַבאָר מיטנ לעוויאָסנ, אונ דער טײַערסטער בוימל, וואָס הייסט „אַפּאַרסמוינ״, אונ דער טײַערסטער ווײַנ דער „יאַינ מעשומער״, אונ צאַדיקימ זיצנ אונ לערנענ אונ האָבנ האַנאָע פֿונ דער שכינע אונ פֿונעמ „אור הגנוז״, פֿונ יענער ליכטיקײַט, וואָס בײמ גאָט האָט באַשאַפֿנ די וועלט, האָט ער געזענ, אז די מענטשנ זײַ־נענ ניט ראָע צו אזא ליכטיקײַט, האָט ער עס איבערגעלאָזט אפ „לע־תיד לבוא״..** אונ האַקאָדויש באָרוכ הו אלײנ, ביכווידוי אוווּעצמוי, שטייט אונ באַדינט זיי, די צאַדיקימ, ווי א טאַטע. אונ פֿונ אויבנ, פֿונעמ

* „בעהאי אלמע״ — פֿונ ד ע ר וועלט. — ר ע ד.

** אפ דער קומענדיקער צוקונפֿט. — ר ע ד.

הימל, לאָזט זיך אַראָפּ פּונקט אױפֿן זעלבן אָרט, װוּ דאָס אַמאָליקע בית־המיקדש איז געשטאַנען, אַ נײַ בית־המיקדש, פֿון סאַמע גינגאָלד און פֿון די טײַערסטע שטײנער, דימענטן און בריליאַנטן, און די כּוהנים דוכענען, און די לוויִים זינגען, און דוד־המלך קומט אַרױס אַקעגן מיט אַ פֿידל און זינגט „רננו צדיקים",* בײַ! בײַ!..

דאָ הײבט אָן דער זײדע מױשע יאָסי זינגען אױף אַ קול, צוקנאַקן מיט די פֿינגער, און די אױגן פֿאַרגלאָצט ער אַרױף, דאָס פּנים לױכט אים, און אַלײן איז ער ניט „בהאי עלמא": ער איז דאָרטן ערגעץ װײַט, װײַט, אױף יענער װעלט, אױף יענער װעלט!..

40. ימים נוראים

דער באָסלעװער טײַך „ראָס". — דער באָסלעװער װאַלד. — די באָסלעװער אַלטע קלױז. — די באָבע גיטל שלאָגט מיט די אײ־ניקלעך כּפּרות. — דער זײדע בענטשט זײַנע יאָנקיפּער און זײַנע אױגן זײַנען נאַס.

עס איז שװער צו זאָגן, װוּ איז געװען מער לעבן, מער פּאָעזיע — בײַם טײַך ראָס, אָדער אינעם באָסלעװער װאַלד, אָדער אין דער אַלטער קלױז? עס איז שװער צו זאָגן, װאָס פֿון די דרײַ האָט געהאַט אין זיך אַ גרעסערן יעצר־הרע? בײַם „ראָס" — דאָרט איז אַ לעבן, דאָרט איז פֿרײלעך! דאָרט טרינקען אָן באַלאַגאָלעס זײערע פֿערד; דאָרט שעפּן װאַסערפֿירערס װאַסער אין זײערע פֿעסלעך; דאָרט שטײען װײַבלעך און מײדלעך, באָרװעסע, מיט רױטע פּולקעס, און װאַשן גרעט, קלאַפּן און שפּריצן מיטן פּראַטש, אַזש פֿונקען פֿליִען; דאָרט באָדן זיך, פּלאָסקען זיך, לערנען זיך שװימען און כאַפּן פֿישלעך יִנגלעך אָן אַ שיִר, טוען זיך אױס צװישן די שטײנער, שפּרינגען אין טײַך אַרײַן — און אַלע שרײַען, אַלע פֿילדערן: „זע, װי איך שװים! זע, װי איך ליג אױפֿן רוקן! זע בעסער, װי איך גײ טריט־װאַסער! זע, װי איך טוק זיך! זע, װי איך מאַך בולבעס!"... אַלע רײדן, אַלע באַװײַזן קונצן, אַלע קענען. די פֿערד־

* רננו צדיקים — זינגט צדיקים. — ר ע ד.

יאסלעווער יעסוימימ זײַנענ זיי שרעקלעכ מעקאנע. איינער פונ די כעווריע גייט צו א נאקעטער, ווי די מאמע האָט אימ געהאט. אוורעמל רופט מענ אימ. א באָכערל שווארצ ווי א טאָטער, אויגנ באנקעוואטע, א פּאָ־נעמ ווי א לאָקשנ־בריעט, א נעזל, ווי א פּאסאָלי. „וויאזוי רופט מענ דיכ?". — שאָלעמ. „שווימענ קאָנסטו?". — ניינ. „וואָס זשע שטייסטו? קומ אהער, וועל איכ דיכ אויסלערנענ"... איר פאַרשטייט? ניט ל ע ר נ ע נ, נאָר א ו י ס ל ע ר נ ע נ! — דאָס איז גאָר אנדערע ווערטער.

ניט ווינציקער פּאָעזיע איז אינ וואלד. דער באָסלעווער וואלד איז רײַכ אינ בארלעכ. די בארלעכ זײַנענ אפילע הארט ווי שטיינדלעכ אונ זויער — עסיק! נאָר פּאָרט בארלעכ. אונ קאָסטנ גאָרניט. איר קאָנט רײַסנ, וויפל איר ווילט — העפקער! מע באדארפ נאָר קאָנענ דערלאנגענ. וואלד־בארלעכ וואקסנ הויכ. מוז מענ ארופּקלעטערנ ארופ אפנ בוימ אונ טרייסלענ דעמ בוימ מיט אלע קויכעס, אניט וועלנ די בארלעכ ניט פאלנ. אויסער בארלעכ זײַנענ אינ באָסלעווער וואלד פאראנ ניסלעכ אויכ. האָזענע ניסלעכ. זיי ווערנ שפּעט פארטיק אונ זײַנענ באוואקסנ מיט א מינ שאָלעכצ — ביטער גאל. אונ קיינ יאָדערנ זײַנענ אינ די ניס־לעכ ניטאָ. זיי וועלנ ערשט אמאָל זײַנ. נאָר עס מאכט ניט אויס. פּאָרט ניס. מע קאָנ אָנלייגנ פולע קעשענעס. דאָס, וואָס מע רײַסט אלײנ — איז אָנגעלייגט. אונ רײַסנ בארלעכ אונ טרייסלענ ניס באדארפ מענ קאָנענ. אוורעמל קאָנ. אוורעמל איז אפ אלצדינג א כוואט. איז א גוטער בעטעווע, א מעזעגטאָוו, א מענטש אָנ א גאל. איינ כיסאָרנ נאָר וואָס ער איז א קאפּצנס א יינגל. זיינ מאמע איז אנ אָרעמע אלמאָנע אונ א קעכנ בא די יאמפּאָלסקימ. געווירע געוואָרנ דערפונ איז דער פעטער איצי אונ האָט עס באלד אָפּגעטראָגנ דער באָבע גיטל אינ אויער ארײַנ. האָט די באָבע גיטל צוגערופנ דעמ אייניקל שאָלעמ צו איר בעט, אימ געשענקט א באר פונ אונטער דעמ קישנ אונ אָנגעזאָגט עטלעכע מאָל, אז ער זאָל ניט דערוועגנ מער באגעגענענ זיכ אונ זײַנ באקאנט מיט אזעלכע יינג־לעכ, ווי אוורעמל, וואָרעמ טאָמער דערוויסט זיכ דער זיידע מוישע יאָסי, אז זײַנע אייניקלעכ באגעגענענ זיכ מיט אזעלכע יינגלעכ, וועט זיכ טאָנ כוישעכ!..

זיי איז גרינג צו זאָגנ „ניט באגעגענענ זיכ" — אז מיט דעמ אוו־רעמלענ מוז מענ זיכ באגעגענענ כאָטש צוויי מאָל א טאָג, אינדערפרי

און אפדערנאכט — באמ קאדיש זאגנ. אוורעמל איז אויכ א יאסעמ. ער זאגט קאדיש נאכ זײַנ טאטנ אינ דער אלטער קלויז. אכ, וויפל קאדיישימ דארטנ איז! און אלע זאגנ קאדיש אינ מיזרעכ!.. מוישע־יאסי דעמ האמארניקס אייניקלעכ, אז זיי זײַנענ געקומענ מיטנ זיידנ דאס ערשטע מאל אינ דער אלטער קלויז, האט זיי דער זיידע צוגעפירט גלײַכ צומ שאמעס און האט אימ אנגעזאגט מיטנ הארבנ ווארט, אז ער וויל, אז זייער ארט אפ זאגנ קאדיש זאל זײַנ נעבנ אמעד, ווארעמ דאס זײַנענ „טאטנס קינדער"... דער שאמעס, א זאקנ מיט אנ אויסגעבויגענעמ רוקנ און מיט אלטע טראכאמעדיקע אויגנ, וואס זעענ אויס ווי ארומגעליאמעוועט מיט רויטנ, האט אויסגעהערט דעמ זיידנ מיט דערעכערעצ, ניט געענטפערט קיינ ווארט, ארײַנגעכאפט אינ נאז א רעכטנ שמעק טאבעקע, גיכ אפגעטרייסלט די פינגער און אונטערגעטראגנ דעמ זיידנ אויכ דאס פושקעלע, א קלאפ געגעבנ מיטנ נאגל איבערנ דעקל און מעכאבעד געווענ אימ מיט א שמעק טאבעקע אנ ווערטער. דאס האט באדארפט הייסנ: „גוט, וואס איר האט מיר געזאגט, אז דאס זײַנענ טאטנס קינדער, זײַנענ זיי שוינ, זײַט זיכער, בא מיר דאס שווארצאפל פונעמ אויג, וואס איז שײַעכ"...

די באסלעווער אלטע קלויז האט געהאט אינ זיכ אזא קויעכ, אז די פערעיאסלעווער יעסוימימ, ווי מע האט זיי דארט גערופנ, האבנ זיכ צוגעבונדנ צו איר, גלײַכ ווי זיי וואלטנ דארט געבוירנ און אופגעצויגנ געווארנ. אלצדינג האט בא זיי אויסגעזענ מוירעדיק גרויס און שיינ און הייליק. ואפ אלצדינג איז געלעגנ א באזונדער כסימע פונ אלטער שיינקײַט, פונ פארגאנגענער גרויסקײַט, פונ פארצײַטיקער הייליקײַט — א שטיק בעסאמיקדעש.

נאר אויב די באסלעווער אלטע קלויז האט אויסגעזענ בא די פערעיאסלעווער יעסוימימ אינ אלע טעג פונ א גאנצ יאר ווי א שטיק בעסאמיקדעש, איז זי צו יאמימ נויראימ, צו ראשעשאנע און יאנקיפער, געווארנ פאר זיי טאקע א גאנצער בעסאמיקדעש. זיי האבנ נאכ קיינמאל אזוי פיל יידנ ניט געזענ און האבנ נאכ קיימאל אזא דאוונענ ניט געהערט. דאס איז געווענ א מישמאש פונ אלערליי מינימ כסידימ און כאבאדניקעס, וואס האבנ באמ דאוונענ אײַנגעלייגט די וועלט, געפאטשט מיט די הענט, געקנאקט מיט די פינגער, און געזונגענ מאד־

נע ניגונימ, געברומט אונ געבאמקעט אונ מיטאמאָל פארגאנגענ זיכ אונ פארדווייקעט זיכ אפ עטלעכע מינוט, אונ ווידער גענומענ זיכ זינגענ אונ ברומענ אונ באמקענ אונ קנאקנ מיט די פינגער. פאר די פערעיאסלעווער יעסוימימ איז אזא מינ דאווענענ געווענ א נײַעס, א גאנצער ספעקטאקל. נאָר שענער פונ אלצ איז געווענ דאָס, וואָס דער זיידע מוישע־יאָסי האָט מיט זײַנ דאווענענ איבערגעשטיגנ אלע דאווענער פונ דער אלטער קלויז. ער איז געווענ ניט קיינ כאבארניק, נאָר גלאט א מאָדנער כאָסיד מיט אייגענע גענג, אייגענע מינהאָגימ אונ אייגענע מעשוגאסנ. ער האָט זיכ פארגונענ בלײַבנ אינ קלויז שאבעס אונ יאָנטעוו לאנג־לאנג נאָכ אלעמענ. דער פעטער איצי, וואָס האָט געוווינט אינ דער אנדערער האלבער שטוב, האָט שוינ געהאלטנ אינ עסנ, פונ אויווּנ האָט זיכ געלאָזט הערנ א רייעכ פונ געפילטע פיש אונ יאָנטעוודיקע מײַכאָלימ, עס האָט געקלעמט דאָס הארצ אונ אזש דערלאנגט ביזנ לעפעלע, — אונ דער זיידע האָט נאָכ אלצ געדאווונט, געזונגענ אונ געבאמקעט. די באָבע גיטל האָט עטלעכע מאָל בישטיקע אונטערגערוקט די אייניקלעכ, כאיע־עסטערס קינדער, צו שטיקלעכ לעקעכ — זאָל זיי ניט איבערכאלעשנ דאָס הארצ, אונ א זאָג געגעבנ צו זיי מיט א געלעכטער: „איר וועט שוינ געדענקענ, ווענ איר האָט זיכ ארײַנגעכאפט צווישנ מעשוגאָימ”.

דער פעטער איצי דערווײַל האָט שוינ אָפגעגעסנ אונ אָפגעבענטשט, ארײַנגעשטעקט דעמ קאָפ פונ דער אנדערער האלבער שטוב: „ניטאָ דער טאטע? כא־כא!” לויטער ער האָט אָפגעגעסנ, לאכט ער נאָכ!.. קוימ מיט צאָרעס, גאָט האָט ראכמאָנעס געהאט — דער זיידע איז שוינ דאָ! ארײַנגעפלויגנ, שלעפנדיק די רעזשוולקע מיט די ארבל אפ דער ערד, איז ער מיט א ברייטנ גוט־יאָנטעוו, אונ גלײַכ צומ קידעש מאכנ, אָבער מיט אזעלכע קולעס, אז די גאנצע גאס האָט געמוזט הערנ.

— צוליב די קינדער, צוליב די יעסוימימ נעבעכ, וואָלסטו, דאכט זיכ, געמעגט אמאָל פארבויגנ דײַנע מעשוגענע שטיק אונ מאכנ עס בעקיצער, — האָט אימ די באָבע פירגעהאלטנ. נאָר ס'איז געווענ ארויסגעוואָרפנ. ער האָט ניט געהערט. ער איז נאָכ אלצ געווענ פארדווייקעט אונ ארײַנגעטאָנ אינ די אוילעמעס עליוינימ, מיט איינ האנט געגעסנ, מיט דער אנדערער געמישט אנ אלטנ סייפער, אונ, שאָקלענ־

דיק זיכ פונ דער גרינג, ארײַנגעקוקט אהינ מיט איינ אויג, מיטנ אנ־דערנ אויג געכאפט א קוק אפ די איניקלעכ אונ געזיפצט, שטארק געזיפצט. דאס זיפצנ איז געווענ טאקע אפ די אייניקלעכ די יעסוימים, וואס זייערע נעשאמעס ליגנ אינ גאשמיעס, האבנ אינ זינענ די אבילע גיבנ נאכ דעמ יעיצערהארע מיט אלע זײַנע טײַוועס... נאכנ עסנ האט ער זיי דאס פירגעהאלטנ, געזאגט א היפש ביסל מוסער, גערעדט, ס'זאל זיי אויספאלנ באקאמ דער פרישער קוילעטש מיט די געפילטע פיש מיטנ זיסנ פאסטערנאק־צימעס מיט די אלע איבעריקע יאנטעווריקע מײַכאלימ, וואס די באבע גיטל האט, ליגנדיק אינ בעט א געליימטע, נאר מיט איר סייכל געקאנט צוגרייטנ אפנ בעסטנ אויפנ.

דאס איז געווענ ראשעשאנע. ערעוו יאנקיפער איז געווענ נאכ שענער. דער ערעוו יאנקיפער האט זיכ אויסגעפײַנט אינ באסלעוו באמ זיידנ מוישע־יאסינ מיט צוויי זעלטענע צערעמאניעס, וואס האבנ גע־מאכט אפ די יעסוימימ א באזונדערנ אײַנדרוק. די ערשטע צערעמאניע איז געווענ דאס שלאגנ קאפארעס מיט א נאכט פריער פאר ערעוו יאנקיפער. שלאגנ קאפארעס האבנ זיי געשלאגנ אינדערהיימ אויכ, נאר דא, אינ באסלעוו, איז געווענ אנ אנדער מינ קאפארעס שלאגנ. די באבע גיטל האט גענומענ די דאזיקע מיצווע אפ זיכ. זי, הייסט עס, האט געשלאגנ מיט איר כאיע־עסטערס יעסוימימ קאפארעס. זיצנדיק א געליימטע אינ בעט, האט זי צוגערופנ די גאנצע כאליאסטרע צו זיכ, געגעבנ יעדנ זײַנ קאפארע, די יינגלעכ צו הענער אונ די מייד־לעכ צו הינער, געעפנט איר גרויסנ סידער אונ אנגעוויזנ מיט אירע אויסגעדרייטע פינגער אפנ „בניי אדאמ". די עלטערע האבנ דעמ „בניי אדאמ" געזאגט אליינ, אונ מיט די קלענערע, מיט די מיידלעכ, האט די באבע געזאגט דעמ „בניי אדאמ" ווארט בא ווארט אונ הויכ אפ א קאל אונ מיט א ניגנ: „בניי אדמ, יושבי חושכ וצלמות! אסירי עני וברזל!".. אונ געוויינט ביימ מײַסע אזוי, ווי מע קאנ וויי־נענ נאר סײַדנ אפ א טויטנ. אונ ווער שמועסט, אז ס'איז געקומענ צו דער יינגסטער פונ די יעסוימימלעכ, צומ מיידעלע, וואס איז אלט כוימ א יאר, האט די באבע שיר געכאלעשט פאר געוויינ! אפ איר קוקנדיק, האבנ זיכ די קינדער אויכ צעוויינט אונ אפ זיי קוקנדיק — אויכ די עלטערע, אונ ס'איז געווארנ א געוויינ מיט סאקאנעס נעפא־

שעס. אינ יענעמ ביעטרנ שאבעס, ביים די מאמע זייערע איז געלעגנ מיט שווארצנ איבערגעדעקט אפ דער ערד, האבנ די יעסוימימ קיינ צענטכיילעק אפילע ניט געוויינט, ווי אצינד, בא דער באבעס „בניי אדאמ”.

די צווייטע צערעמאניע איז געווענ אפ מארגנ, ערעוו יאנקיפער, נאכנ קומענ פונ דער אלטער קלויז, ווו כעוורע האבנ באקומענ לעקעכ פונעמ גאבע רישוינ פולע קעשענעס. דער זיידע מוישע־יאסי האט נאכ נעכטנ אנגעזאגט, באלד נאכנ קאפארעס שלאגנ, אז די קינדער זאלנ נאכנ דאוונענ אינדערפרי לעמאנאשעמ קומענ צו אימ זיכ בענטשנ.

מאדנע יאנטעוודיק אנגעטאנ אונ יאנטעוודיק געשטימט איז געווענ דער זיידע מוישע־יאסי. אפ דער אלטער צעהאקטער אטלאסענער קאפאטע האט ער געטראגנ א מאדנעמ מינ טיזליק פונ א מאדנעמ מינ הארטנ שרײַענדיקנ שטאפ, וואס מע קריגט שוינ ניט הײַנטיקע צײַטנ אינ ערגעצ, מע זאל וועלנ באצאלנ דערפאר מי יוידייע וויפל. אפנ קאפ האט ער געטראגנ א שטרײַמל מיט א סאכ עקנ, אונ אפנ אפענעמ האלדז — א ברייטנ קלאר־ווײַסנ קאלנער מיט צוויי שפיצנ. אפ דער קאפאטע — א בײַגארטל א ברייטנ מיט לאנגע קאטעסנ מיט באמבע־לעכ. די מוירעדיקע ברייטע וואנצעס מיט די מוירעדיק געדיכטע ברע־מענ האבנ איצטיקס מאל אויסגעזענ ניט אזוי בייז, ווי אלעמאל, אונ דאס גאנצע פאנעמ האט אויסגעזענ בא אימ איצטיקס מאל ווייכ, מויכלדיק ווייכ, אונ גאר פרײַנטלעכ.

— קומט אהער, קינדער, וועל איכ אײַכ בענטשנ! — האט ער יאנטעוודיק ברייט ארײַנגערופנ די יעסוימימ צו זיכ אינ זײַנ ענגנ פינצטערנ כיידער מיט די פעלצנ, ארופגעלייגט אפ יעדנ פונ זיי בײדע הענט מיט די ברייטע ארבל פונ זײַנ אטלאסענער קאפאטע, צוגעמאכט די אויגנ, פאריסנ דעמ קאפ ארופ אונ געזאגט, אונ געזאגט, אונ גע־זאגט עפעס שטילערהייט, אונ שטארק געזיפצט אונ געקרעכצט. אונ אז ער האט אפגעזאגט, האבנ די יעסוימימ אימ א קוק געגעבנ אינ פאנעמ, האבנ זיי דערזענ זײַנע אויגנ לויכטנ, נאר זיי זײַנענ רויט, די ברעמענ נאס אונ די וואנצעס נאס, אונ די באָרד נאס — נאס פונ טרערנ.

41. סוקעס

א בעשוטפעסדיקע סוקע. — דער זיידע דאוונט, און די קינדער ווילן עסן. — סימכאסטוירע איז דער זיידע זיך מעסאמייעך מיט דער שכינע.

דאָס ערשטע פלעקל פון דעם זיידנס מוישע־יאָסים סוקע איז ארײַנגעשלאָגן געוואָרן, פארשטייט זיך, מאָצע־יאַנקיפּער, טייקעף נאָכן אָפּפאסטן זיך. געבויט האָט די סוקע דער פעטער איצי, און די יעסוי־מים האָבן אים אונטערגעהאָלפן. נאָר געקאָמאנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבן אייצעס, ווי אן אויבער־ארכיטעקטער: „דאָס אהער!" „דאָס אהין!" „דאָס וועט ארײַן!" „דאָס וועט ניט גיין!" נאָך מער קונצ — וואָס דער זיידע מיטן פעטער ריידן צווישן זיך ניט קיין וואָרט. ברויגעז. די באָבע האָט דערפון יעסורים: א בעניאָכיד, דער איינציקער קאדיש איבער הונדערט און צוואנציק יאָר, און רעדט ניט מיטן טאטן — ווו האָט מען געהערט אזא רעציכע?...

אין דער בעשוטפעסדיקער סוקע זײַנען געשטאנען גרייט צוויי טישן, פארן זיידן באזונדער און פארן פעטער באזונדער. אף יעדן טיש איז געווען צוגעגרייט באזונדער ווײַן אף קידעש, באזונדערע כאלע, באזונדערע לײַכטער מיט ליכט. די מומע סאָסי האָט זיך גע־בענטשט ליכט בא איר טיש, און די באָבע גיטל האָט מען ארויסגע־טראָגן מיטן בעטל, זי זאָל בענטשן ליכט בא איר טיש. דערנאָך איז געקומען צו גיין דער פעטער איצי פונעם קלויז און געמוזט ווארטן, ביז דער זיידע וועט אמאָל דערמאָנען זיך קומען און מאכן דעם ערשטן קידעש. מע קאָן דאָך ניט זײַן אזוי גראָב קעגן א טאטן — קיבעד אָוו! אלע ווײַלע איז דער פעטער איצי ארויסגעגאנגען פון שטוב און ארײַנגעקוקט אין סוקע ארײַן, און אלעמאָל מיט אן אנדער אויסרייד: „ניטאָ נאָך?"... „הײַנטיקס יאָר שפעטער ווי אלע יאָר בא די כסידים!"... „המ... אָט באלד גייען אויס די ליכט און מע וועט דארפן עסן אין דער פינצטער"... אפן פעטער איצי האָבן די קינדער דערלעבט א נעקאָמע: א הארטער ייִד, אָן א נעשאָמע — לאָז ער אויך ווייסן, וואָס הייסט זײַן הונגעריק!..

נאָר אָט איז געקומען דער זיידע מיטן טיזליק, אָפּגעגעבן דעם

ברייטנ גוט־יאָנטעוו, ארויסגעקראָגנ רעב יאנקעוו עמדינס סידער, א קורצער סידער, נאָר א גראָבער, א געפּאקטער, אונ אוועקגעזעצט זיכ זאָגנ די „אושפּיזינ”, אונ האָט געזאָגט אונ געזאָגט, אונ געזאָגט אונ געזאָגט.... אונ פונ קיכ האָבנ, ווי אפ צעלאָכעס, זיכ געלאָזט הערנ די פיש מיט זייער געפּעפּערטנ געפּילעכצ, אונ די פרישע צוגעברוינטע כאלעס האָבנ זיכ גערייצט: „אונדז, אז איר׳ט אײַנטונקענ אינ דער הייסער פיש־יויכ, וועט איר פילנ דעמ עמעסנ טאמ גאנייִדנ”... אונ דער זיידע, מוישע־יאָסי דעמ האמארניקס, טוט זיכ זײַנס: ער זאָגט! די ליכט אינ סוקע לעשנ זיכ — אונ ער זאָגט! די קינדער כאלעשנ עסנ, גייענ אוימ שלאָפנ — אונ ער זאָגט! מיטאמאָל האָט דער זיידע זיכ געגעבנ א כאפּ אוף, צוגעלאָפנ צומ טיש אונ געגעבנ א ליוג! אוועק דעמ יאָנטעוודיקנ קידעש, איז געוואָרנ א ליכט אינ די אויגנ. נאָכ אימ — דער פעטער איצי בא זײַנ טיש. נאָכנ פעטער איצי — כאַיִע עסטערס יעסוימימ, איינציקווײַז, אונ די באָבע גיטל ביימ מײַסע האָט געלאָזט א טרער — האקיצער, עס האָט נאָכ לאנג גענומענ, ביז מ׳ע האָט דערלעבט אײַנטונקענ די האמויצע אינ האָניק אונ דערזענ זיכ מיטנ שטיקל פיש אונ דערפילנ דעמ פעפער אפנ שפּיצ צונג...

דאָס איז געווענ די ערשטע טעג סוקעס. די אנדערע טעג סוקעס איז געווענ נאָכ ערגער. אזוי אז סימכאסטוירע אפ דער נאכט האָט שוינ דער פעטער איצי ניט געקאָנט אויסהאלטנ. ער האָט ארײַנגערופנ די פרעיאָסלעווער יעסוימימ צו זיכ אונ האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איר ווילט זענ א שיינע זאכ? טאָ גייט זיכ דורכ אינ קלויז ארײַנ, וועט איר עפּעס אָנקוקנ...

לאנג בעטנ האָט מענ זיי ניט געדארפט. מע האָט זיכ גענומענ פאר די הענט אונ מע איז אוועק. אינ גאס איז געווענ כוישעכ־פינצטער. אלע יידנ זײַנענ געזעסנ אינ די הײַזער אונ געגעסנ. אלע שולנ זײַנענ שוינ געווענ געשלאָסנ אונ שטאָק־פינצטער. נאָר אינ דער אלטער קלויז האָט זיכ נאָכ געלײַכט. שטיל האָבנ כעווורע אופגעעפנט א שטיקל טיר, ארײַנגעקוקט אונ דערזענ אזעלכעס, וואָס זיי האָבנ ניט געגלייבט זייערע אויגנ. אינ דער גאנצער קלויז איז געווענ מער ניט ווי איינ מענטש — דער זיידע מוישע יאָסי, אינ א טאלעס, מיט רעב יאנקעוו עמדינס סידער אינ איינ האנט אונ מיט א סייפער־טוירע אינ דער

אנדערער האנט. צוגעטוליעט די סייפערטוירע צום הארצן, איז ער
ארומגעגאנגען ארום באלעמער, מיט פאוואליעדיקע טריט, געזאגט אפ
א קאל ווי א כאזן, די האיקאפעס: „עזור דלים הושיע נא!"...

אפ די קינדער איז אנגעפאלן א פאכעד מיט א געלעכטער אינייי־
נעם און זיי האבן זיך גענומען בא די הענט און זיך געלאזן לויפן
אין איין אטעם צוריק אהיים.

— נו? וואס'ט איר געזען? איא, א שיינס?..

מיט די ווערטער האט זיי באגעגנט דער פעטער איצי, און בייס
מייסע האט ער געלאכט, נאר די אויגן האבן געטרערט. און די קינדער
האבן געוואָרפן אן אומכיין ניט אפן זיידן — ניין, נאר אפן פעטער
איצי.

דערפאר אבער האט זיך אפ מארגן, סימכאסטוירע, די דעקאראציע
אינגאנצן איבערגעביטן. דעם זיידן מוישע יאסין איז געווען ניט צו
דערקענען. די קינדער געדענקען נאך פון דער אלטער היים, פון וואראנ־
קע, וואס פאר א סימכע ס'איז געווען, אז ס'איז געקומען סימכאס־
טוירע. דאס גאנצע שטעטל איז געווען שיקער־לאט. פונעם ראוו
ביזן פריסטעוו, לעהאוודל, האבן אלע געטרונקען בראנפן, געהוליעט,
געטאנצט און געמאכט אזעלכע אנשטעלן, וואס מע האט באדארפט
שטארבן פון געלעכטער.

אויך אין דעם האלב־גוייִשן פערעיאסלעוו איז סימכאסטוירע גע־
ווען סימכאסטוירעדיק. אפילע אזא ייִד, ווי דער פעטער פיניע, איז
געווען שיקער־לאט און געטאנצט א קאזאק. מע האט באדארפט גיין אפ
כידושים קוקן, ווי א ייִד א כאסיד מיט א לאנגן טאלעסקאטן טאנצט
א קאזאק! פון האדי קאהאנאוון שמועסט מען ניט. האדי, אז ער האט
זיך אנגעשיקערט, האט ער געזידלט די גוטע פריינט, אויסגעוואָרפן זיי
וואס אין דער קארט, קלוימערשט אין גוטן מוט, קושנדיק. מע האט
זיך אריינגעריסן צו יענעם אין שטוב מיט א גוט־יאנטעוו, ארויסגע־
שלעפט פון אויוון וואס ס'איז געווען, פון קעלער ארויסגעטראגן די
זויערע אוגערקעס, און בראנפן האט זיך געגאסן אזוי ווי וואסער. נאר
וואס פאר א ווערט האבן יענע אלע סימכאסטוירעס געהאט אקעגן דעם
סימכאסטוירע, וואס די פערעיאסלעווער יעסוימים האבן ביי געוווינט
דא, אין דער ייִדישער שטאט באסלעוו? די הייזער, די גאסן, די שטיי־

נער פון די גאסן — אלץ, אלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרייט זיך. ניט נאָר עלטערע ייִדן, — ייִנגלעך זײַנען געווען שי־קער, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מע דאַרף ניט מער ווי דער פעטער איצי, אַ ייִד אַ שטילער, אַ ווילדער באַלמאַרעשכווירע, — איז ער אויך געווען בעגילופין, פאַרלייגט די פייעס אָפּ יענער זײַט אויער, פאַרקאַ־טשעט די פּאָלעס און געגאַנגען אַ דײַטש! נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס עס האָט ארויסגעוויזן אין יענעם טאָג דער זיידע מוישע יאָסי. אויסגעטרונקען האָט ער עפּעס סאַכאַקל איין גלעזל בראָנפן מיט אַ האַלב גלעזל ווײַן, נאָך שיקער איז ער געווען, ווי אַכציק שיקורים מיטאַמאָל קאָנען ניט זײַן אַזוי שיקער, און אַרויסבאַ־וויזן אַזעלכע גוואַלדעס, אַז די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געקלונגען:

— וואָס זאָגט איר צו מוישע יאָסי דעם האַמאַרניקס!

— גייט, וועט איר זען, וואָס מוישע יאָסי דעם האַמאַרניקס טוט!

און מוישע יאָסי דעם האַמאַרניקס האָט ניט געטאָן גאָרנישט. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און געטאַנצט. און נאָך ווי־אַזוי געטאַנצט! געטאַנצט און געשפּרונגען, געפּליעסקעט און געזונגען. און ניט אַליין האָט ער געטאַנצט: נאָר אין צווייען — מיט דער „שכינע", מיט האַקאָדויש באָרוך הו... צענומען אַ פאַטשיילע און געהאַלטן בײַ איין עק — באַם אַנדערן עק האָט באַדאַרפט האַלטן די „שכינע" — און געדרייט זיך, ווי מע דרייט זיך מיט אַ קאַלע, געמאַכט פאַרשיידענע טריט, אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אַהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס, און אַזוי קעסיידער, דעם קאָפּ פאַריסן אַרויף, די אויגן געהאַלטן צו, אַפן פּאָנעם אויסגעגאָסן אַ גליקלעך שמייכל, צוגעקנאַקט זיך מיט די פינגער, געהעפּעט און געזונגען אַלע־מאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

— מוישע סאַמאַך בעסימכאַסטווירע
לאַמטעדרידאַם, האַי־דאַ!
— סיסו ועסימכו בעסימכאַסטווירע
לאַמטעדרידאַם, דאַם־דאַם־דאַם!
האַי־דאַ, דרי־דאַ־דאַ!
טווירעס מוישע, האַ!...

וואָס ווײַטער, איז דער אוילעם געוואָרן אַלץ גרעסער און לענגער.

וויפֿל יינגלעכ ס'זײַנענ געווענ אינ שטאָט, זײַנענ זיי ארויס אינ גאס מעקאבל פּאָנעמ זײַנ מוישע יאָסי דעמ האמארניקס, זענ, ווי ער טאנצט אונ דרייט זיכ, זינגט אונ פּליעסקעט. יינגלעכ שקאָצימ האָבנ אימ געמאכט א הורא, געהאָלפֿנ אימ זינגענ זײַנ סימכאסטוירעדיקנ ניגנ, אונ די פּענעמער פֿונ זײַנע פּערעיאסלעווער אייניקלעכ האָבנ געפֿלאמט פֿאר בושע. אונ ער, דער זיידע מוישע יאָסי, זאָל דאָס אפֿ עמעצנ אפֿילע א קוק טאָנ! ער טוט זיכ זײַנס: ער גייט מיט זײַנ געליבטער שכינע א פֿריילעכס. איינ עק פּאטשיילע האלט ער, דעמ אנדערנ האלט האַ־קאָדויש באָרוכ הו, אונ ער שמייכלט אונ קנאקט מיט די פֿינגער, טאנצט אונ העפּעט אונ זינגט שטארקער אונ שטארקער:

מוישע סאָמאכ בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאמ, האי־דאַ!
סיסו וועסימכו בעסימכאסטוירע —
לאמטעדרידאמ, דאמ־דאמ־דאמ!
האי־דא, דריי־דא־דא!
טויראס מוישע, הא!..

42. אויס יאָנטעוו—צוריק אהיימ

אינטריגעס אונ פּליאָטקעס צווישנ דער מישפּאָכע. — די קינדער ווערנ אויס מעיובאָסימ אינ באָסלעוו. — עס ציט זיי צוריק אהיימ.

שווער אפֿנ הארצנ, אומעטיק אפֿ דער נעשאָמע אונ שטארק־שטארק וואָכעדיק איז געוואָרנ די קינדער אפֿ מאָרגנ נאָכ יאָנטעוו, אז מע האָט גענומענ צעוואלגערנ די סוקע. אָנ א טראָפּנ ראכמאָנעס האָט דער פֿעטער איצי (א מענטש אָנ א הארצ!) קוידעמקאָל ארומגעריסנ די ווענט, אראָפּגעריסנ דעמ סכאכ, צענומענ די ברעטער, מיט אנ אומגע־הייערער רעציכע ארויסגעשלעפּט די צוועקעס (וואָס האָט ער געהאט צו די צוועקעס?), נאָר די פֿיר סטויפּעס האָט ער געלאָזט שטיינ, — דאָס איז געווענ א סאכ ערגער. וואָרעמ די פֿיר הוילע סטויפּעס האָבנ גע־זאָגט איידעס אפֿנ כורבנ, געקלאָגט אונ באקלאָגט זיכ: „זעט, יידישע

קינדער, וואָס פון אַ ייִדישער סוקע קאָן ווערן!"... די ייִדן, וואָס ערשט נעכטן זײַנען זיי געווען שיקער־לאָט, געטאַנצט און געפּליעסקעט און געמאַכט זיך נאַריש ווי קינדער, זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן אַלע ניכטער, סטאַטעטשנע און קימאַט זיך געשעמט קוקן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן. אַ מאָדנער אומעט האָט אַרומגענומען די שטאָט, אַ זעלטענע מאָרעשכוירע האָט זיך אָנגערוקט אַף באָסלעוו.

און אומעטיקער און טרויעריקער פון אַלע זײַנען געוואָרן די קינ־דער, די פּערעיאַסלעווער יעסוימים. וואָרעם קאַלזמאַן די קינדער זײַנען נאָך געווען געסט, האָבן זיי זיך געפילט ניט שלעכט אין דעם באָסלעוו, נאָר וואָס ווײַטער, האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ מער געוווירע ווערן, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק. דער זיידע מוישע־יאָסי איז זיך געזעסן בעיעכידעס אין טאַלעס און טפילן אַף די פּעלצן, אָדער געדאַוונט, אָדער געלערנט, אָדער געבאַמקעט, צוגעקנאַקט מיט די פינגער, אָדער געזיפצט און שטילערהייט גערעדט מיט גאָט, אָדער דערציילט פאַר די קינדער זײַנע שיינע מײַסעס פון אַמאָל, אָדער געזאָגט מוסער, פאַרוואָס זיי זײַנען ניט פרום, ווילן ניט גאָט דינען, פאַרלענגערן דערמיט דעם קעץ, דורך זיי קומט ניט מאָשיעך און דורך זיי לײַדן נעבעך ייִדן אין גענעם און טויזנטער־טויזנטער נעשאָמעס קאָנען ניט געלײַטערט ווערן... דאָס אַלצדינג האָבן די קינדער שוין געהערט וויפל מאָל אין ביידער פון זייער רעבן, אין דער היים פון דער באָבע מינדי און פון גלאַט ייִדן, וואָס האָבן ליב זאָגן מוסער און סטראַשען מיטן גענעם, און דאָס אַלצ־דינג האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסן. זיי איז געווען אַ סאַך מער אינטערעסאַנט צו זען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בײַ זייער זיידן מוישע־יאָסי מיט דער באָבע גיטל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זײַנען דאָרטן געווען אינטריגעס מיט סוידעס, מיט שושקערײַען, מיט רעכילעסן. דער פעטער איצי מיט דער מומע סאָסי האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך אַף דער באָבע גיטל, אַז ס'איז שווער בײַ איר אַ גראָשן אַרויסבאַקומען פון אונטער די קישנס, און אָפּן זיידן, אַז ער איז שוין צו פרום, אַזוי פרום, אַז ער איז שוין אויוועבאָטל... „שוין צו אַלט" — האָבן זיי געטײַנעט שטילערהייט, מאָדנע דערבײַ געשמייכלט און צונויפגענומען די ליפּן... און די באָבע גיטל האָט זיך באַקלאָגט אַף איר שנור און אַף איר בעניאָכיר, אַז זיי

גיבן איר ניט אַף קיין קאָוועד, ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקן שוין ארוים — זי ווייסט עס גאַנץ גוט! — זי זאָל צומאַכן מיט אַן אויג: אַף דער יערושע, אַף דער יערושע קוקן זיי ארוים!.. זיי אַפּצולאָכעס וועט זי אָבער נאָך לעבן און לעבן, כאָטש דער טויט איז טויזנט מאָל מער ניבע, וואָרעם וואָס טויג איר דאָס לעבן, מישטיינס געזאָגט, אַ קאַליקע, באַגראָבן אַזאַ טאָכטער, אַזאַ כאַיע-עסטער, אַ מאַמע פון אַזויפיל קינדער, וויינד איז איר און ווי!.. מיט די אויסגעדרייטע עלנ־בויגנס קוועטשט זי ארוים אַ טרער פון אירע קאַליע אויגן, רופט צו די קינדער, שאַרט מיט די אויסגעדרייטע הענט אונטער די קישנס, און נעמט ארוים און שענקט זיי איטלעכן באַזונדער אַ פּאָר גראָשן. דערזעט דאָס די קליינע כאַווע־ליבע מיט די רויטע בעקלעך און מיט די קליינע ליפּעלעך און טראָגט עס אַף באַלד צו דער מומע סאָסי. און די מומע סאָסי גיט עס באַלד איבער דעם פעטער איציג און ביידע שושקען זיי זיך, און פאַר אירע אייגענע קינדער זשאַלעוועט מען אַ קאָפּעקע, און די פרעמדע קינדער צעטיילט מען מאַיאָנטקעס גאַנצע!.. און די קינ־דער הערן דאָס, און עס גייט זיי ניט אַן. עס שלאָגט זיי צו דער גאַל.

וואָס ווײַטער — אַלץ ערגער. די קינדער פילן, אַז זיי זײַנען דאָ איבעריק, זיי זעען, ווי מע קוקט אַף זיי, ביים זיי עסן, זיי הערן הינ־טער די פּלייצעס, אַז מע רעדט פון זייערע „אַפּעטיטלעך". עס שטעלט זיך זיי שוין דער ביסן אין האַלדז. עס איז זיי שוין דאָרט אַלצדינג נימאס און טריף. זיי קוקן שוין ארויס אַף אַ בריוול פון עם טאַטן, ווי אַף משיחן, — ווען וועלן זיי שוין פאָרן אהיים?..

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפן, דאָס גוטע בריוול איז שוין דאָ: דורך אַ פּערעיאַסלעווער באַלעגאָלע אָנגעקומען מיט אַ צושריפט, אַז מיטן דאָזיקן באַלעגאָלע טאַקע — ער הייסט נויעך — זאָלן די קינדער זיך אופזעצן און פאָרן אהיים. לאָזט זיך אויס, אַז דער באַלע־גאָלע איז טאַקע אַ באַלעגאָלע מיט אַ בויד און מיט סוסים, ווי עס געהער צו זײַן, און הייסן הייסט ער טאַקע נויעך, כאָטש ער אַליין זאָגט אַף זיך, אַז ער הייסט רעב נויעך; האָט ער אָבער אַ כיסאָרן — ער איז אַ הייזעריקער און האָט אַ פליך. וואָלט דאָס אויך ניט אויס־געמאַכט, הייזעריק איז ער, זאָגט ער, געוואָרן פון סימכאַסטוירע. הײַנטיקן סימכאַסטוירע האָט ער געטרונקען בראָנפן, דאָס הייסט,

בראָנפנ טרינקט ער אַלעמאָל, נאָר צוליב סימכאסטוירע האָט ער געמאכט גאָר גאָר א היפּשע קויסע! א סוואָרע, אז מע האָט אים אָפּגעמינטערט... און דאָס, וואָס ער האָט א פּליכ אפנ קאָפּ, איז איבער דעמ, וואָס קינהוויַז פּלעגט ער זיכ ניט לאָזנ ניט צוואָגנ, ניט קעמענ. געווענ אנ אקשנ. האָט מענ אים מיט גוואַלד געמוזט רײַסנ די האָר איינציקוויַז. נאָר די אַלע זאכנ, זאָג איכ נאָכאמאָל, האָבנ זיכ מיט דער נעסיע גאָרניט אנגעקערט. געשאדט האָט צו דער נעסיִע אנ אנדער זאכ: כאָטש נויעכ איז געשיקט געוואָרנ פונ פּערעיאסלעוו קיינ באָסלעוו ספּעציִעל, ער זאָל ברענגענ צו פירנ פונ דאָרטנ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס קינדער, פונדעסטוועגנ האָט ער ניט געקאָנט בײַשטיינ דעמ ניסויענ — טאָמער וועט אים גאָט צושיקנ אפ צוריקוועגס כאָטש א פּאָר פארשווינדלעכ, וועט דאָס זײַנ ווי געפונענ. האָט ער זיכ ארומגעדרייט אינ מארק מיט דער בײַטש א טאָג אונ צוויי אונ דרײַ, די פּערדלעכ האָבנ געכראָמקעט דעמ האָבער — אונ פארשווינדלעכ ניט א לעק! די קינדער איז דאָס וואַרטנ געווענ „על אפּמ ועל חמתמ"!*

און אָט זאָגט מענ זיי אָנ די גוטע בסורע — זיי פאָרנ! א סימענ: נויעכ האָט שוינ אפילע ארויסגעקאטשעט דעמ וואָגנ אונ שמירט שוינ די רעדער. „איצט מעגנ שוינ קומענ קאָל מאלכיי מיזרעכ אומײַרעוו — פּארפאַלנ! איצט מעג מענ אים אָנשיטנ אָט א די בויד מיט גאָלד, ער זאָל בלײַבנ אנ איבעריקע שאָ אינ באָסלעוו, מעג די שטאָט פארברענט ווערנ אָדער אײַנגעזונקענ ווערנ! אז איר קענט ניט רעב נויעכנ!"... די קינדער כאפּנ זיכ ארײַנ אינ שטוב ארײַנ. זיי קלײַבנ זיכ אינ וועג ארײַנ, געזעגענענ זיכ אָפּ מיט די באָסלעווער כאווײרימ, מיט דער אַלטער קלויז אונ מיטנ געלנ קלײַזל אונ מיטנ ראָס אונ מיטנ זיידנ אונ מיט דער באָבע. דער זיידע מוישע־יאָסי ביים מײַסע זאָגט זיי מוסער, פארשטייט זיכ, אונ הייסט זיי זײַנ ערלעכע ייִדנ אונ די באָבע גיטל ווישט די אויגנ מיט אירע אויסגעדרייטע הענט. נאָר פונעמ פעטער איצי מיט דער מומע סאָסי הערנ זיי א קאַלטנ „פאָרט געזונט". די צוויי וואַלטנ דאפּקע געווענ צופרידנ, וואָס די „פרעמדע" קינדער פאָרנ אוועק, — איז זיי פארשטערט געווענ די סימכע, וואָס ניט אַלע פאָרנ זיי אוועק. עס פאָרנ נאָר די ייִנגלעכ. די צוויי מיידלעכ זײַנענ געבליבנ

---

* דאָ באטײַט עס: קעגנ זייער ווילנ, ניט אויסצוהאַלטנ. — ר ע ד.

אין באָסלעוו. וואָס איז די מײַסע? א פּראָסטע מײַסע. די באָבע גיטל האָט געזאָגט: זי וועט זיי ניט לאָזן. זי וויל ניט, איר כאַיע־עסטערס קינדער זאָלן אַרײַנפאַלן צו א שטיפמאַמע.

טײַנעט דער פעטער איצי מיט א שמייכעלע, גלעט זיך די פּײ־עס און קוקט אַף די קישנס, ווו עס ליגט דער באָבעס פּאַרמעגן:

— נו, און אַז די יינגלעך פאַלן אַרײַן צו א שטיפמאַמע, איז גוט? בע־בע!

— וואָס גלײַבסטו יינגלעך צו מיידעלעך? וואָס האָרכט א יינגל א שטיפמאַמע? א יינגל גייט אוועק אַף א גאַנצן טאָג אין כיידער אַרײַן. און א מיידל וואָס? א מיידל בלײַבט אינדערהיים ניאַנטשען דער שטיפמאַמעס קינדער.

דער פעטער איצי איז מיט דעם נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט. ער גלעט זיך די פּייעס, קוקט אַף די קישנס און רעדט טיף דיפּלאָמאַטיש, קוים וואָס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואָלט געווען, לעמאָשל, ווען אַלע קינדער זאָלן זײַן מיידלעך? בע־בע!

— וואָלט איך אַלע מיידלעך, — ענטפערט אים די באָבע, — געלאָזט בא זיך.

דער פעטער איצי רעדט ווײַטער, נאָר אָן א שמייכעלע, און אַלץ פאַרשטעלט:

— ווו וואָלסטו גענומען געלט, לעמאָשל, אַף אויסצוהאַלטן אַזוי פיל מיידלעך? (שוין אָן א בע־בע).

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפן, — ענטפערט די באָבע רויק. — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפן אויסהאָדעווען אַזא קאַדיש, ווי דו, וואָס קוקט אַרוים אַף מײַן יערושע, האָט מוירע, עס וועט אים ניט קלעקן...

— איצי! — רופט אים די מומע סאָסי פון איר כיידערל. — איצי! קום אהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן!..

די קינדער קוועלן אָן פון דער באָבע גיטל, וואָס זי האָט אַזוי קונציק אָפּגעשניטן דעם פעטער איצין, און זײַנען זיך מעכײַע, וואָס זיי פאָרן שוין צוריק אהיים.

א ביסל איז זיי נאָר אַרײַן אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפמאַמע", וואָס זיי האָבן דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל. זיי ווילן, הייסט עס, האָבן

א שטיפמאמע? וואָס איז דאָס אזוינס „שטיפמאמע"? און מיט וואָס איז א שטיפמאמע אזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטל האָט שוין באַצײַטנס אָפּ זיי ראכמאָנעס?.. ס'איז קעדײַ, כלעבן, אָנצוקוקן די שטיפמאמע. ס'איז קעדײַ שוין צו פאָרן אהיים.

אהיים! אהיים! אהיים!

43. א מײַנעלאָשן פון א שטיפמאמע

א שטיפמאמע.—קלאָלעס נאָכן אלעפבייס. — דאָס ערשטע װערק— א לעקסיקאָן פון קלאָלעס.

וואָס האָבן זיך מענטשן אָנגעכאפּט „שטיפמאמע"? ווערליק די קינדער האָבן זיך אָנגעהערט „שטיפמאמע" און „שטיפמאמע", האָבן זיי געמעגט מיינען, אז א שטיפמאמע איז טאקע בעעמעס מיט הערנער. אז אָפּ יעדן טריט און אָפּ יעדן שריט האָט מען זיי געסטראשעט מיט דער שטיפמאמע: „וואָרט אוים, שקאָצים, אָט וועט דער טאטע ארויספאָרן אָפּ דער וועלט און וועט אײַך ברענגען א שטיפמאמע, וועט איר וויסן, וואָס פאר א גאָט מיר האָבן!"... וואָס דאַרפט איר מער,— טאָמער וואָרעמט די זון ניט אזוי פֿײַגלדיק, זאָגט מען: „די זון וואָרעמט, ווי א שטיפמאמע"... עס מוז דאָך עפּעס זײַן אין דעם. א וועלט איז דען מעשוגע?

מיטאמאָל איז דער טאטע נעלעם געוואָרן. ס'איז אוועק א וואָך, און א וואָך, און נאָך א וואָך. ווו איז אהינגעקומען דער טאטע? מע זאָגט ניט! עלטערע ריידן צווישן זיך, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלן ניט הערן, און מער אפן ווונק. נאָר איין מאָל האָט אין כיידער דער רעבע זיך ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט. ער האָט א פרעג געגעבן בא די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאטע פון בערדיטשעוו?" צו דער דאָזיקער דיפּלאָמאטישער פראגע האָט די רעבעצן צוגעזעצט פון איר זײַט נאָך מער דיפּלאָמאטיש: „וואָס זשע? אזוי גרינג קומט עס אָן אָן אלמען אראָפּצוברענגען א שטיפמאמע פאר די יעסוימים?"... ווייסן מיר שוין, הייסט עס, אז דער טאטע איז אין בערדיטשעוו, און אז ער זוכט א שטיפמאמע צו זײַנע קינדער. וואָס זשע, פרעגט זיך, באדאַרפ

מען זיך דאָ באַהאַלטן? וואָס איז דאָ דער סאָד? וועהאַרײַע: אַז ער האָט באַדאַרפט קומען אַהיים מיט דער סכוירע פֿון בערדיטשעוו, האָט ער פֿריִער צוגעשיקט אַ „שטאַפֿעט", אַז גאָט האָט אים מעזאַקע געווען זײַן גליק, וואָס איז אַ מעציע אין אַלע אויפֿאַנים, הען אין יִכעס, הען אין געלט, און אַז ער וועט איינגיכן, אימירצאַשעם, קומען מיט דער מעציִע, און ער בעט, מע זאָל איר ניט זאָגן אַזוי גיך, וויפֿל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסן מיטאַמאָל? מיט דער צײַט וועט זי דאָס אַליין געוווירע ווערן. סײַוויסײַ זײַנען ניט אַלע קינדער כאַל אַף איר: די עלטערע זײַנען דאָך עלטערע, און די צוויי מיידלעך — די זײַנען דאָך בײַ זייער באָבען. ער וואַשט זיך ניט אָפּ די הענט כאָלילע פֿון זיי. קינדער זײַנען קינדער. נאָר בײַ אָט אַזעלכע בײַטערע אָבסטאָיאַטעלסטוועס איז געזינטער, אַז מע פֿאַרלייקנט אַ ביסל קינדער אַף אַ קורצע צײַט. „יותר איִן לחדש רק היים ושלום*. האַשעמיסבאָרעך זאָל העלפֿן, מע זאָל זיך זען זיך איינגיכן בעשאָלעם. מימעני"...

דער דאָזיקער בריוו וואָלט געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, ווען ניט דער קנייטש מיט די קינדער. ערגער פֿון אַלץ איז דאָס געווען פֿאַר די קינדער גופֿע. עמעס, זיי האָבן געפֿילט, אַז דער טאַטע האָט זיי ליב, אַז זיי זײַנען אים טײַער איטלעכס קינד באַזונדער, נאָר וואָס זיי זײַנען אַף אַ ווײַלע געוואָרן אַ מין קאָנטראַבאַנדע־סכוירע — דאָס האָט זיי אַ ביסל אַ פּאָרקע געגעבן און אַרויסגערופֿן מאָדנע מאַכשאָוועס און געדאַנקען. אָבער ניט אַף לאַנג, וואָרעם אָט איז מען געקומען צו זיי אין כיידער אַרײַן און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ פּסורע: „דער טאַטע איז געקומען און געבראַכט צו פֿירן פֿון באַרדיטשעוו אַ שטיפֿמאַמע". „מאַזלטאָוו! — האָט זיך אַרײַנגעמישט די רעבעצן. — איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע פּסורעס!"... און דער רעבע האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פֿאַר דער צײַט.

געקומען אַהיים, האָבן די קינדער געטראָפֿן די גאַנצע מישפּאָכע: דעם פֿעטער פֿיניע מיט זײַנע זין, די מומע כאַנע מיט אירע טעכטער, אַלע אַרום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, קלוימערשט געגעסן לעקעך

---

* „יוסער איין לעכאַדעש ראַק כאַיִם ווּעשאָלעם" — מער קיין נײַעס איז ניטאָ — אויסער, אַז מע לעבט און מע איז געזונט. — ר ע ד.

און אײַנגעמאכט, און געראַכערט פּאַפּיראָסנ, און גערעדט פּוסטע רייד, וואָס א וואָרט צו א וואָרט האָט זיכ ניט געקלעפּט, וואָרעמ קיינער האָט ניט געהערט, וואָס דער אנדערער זאָגט. יעדער איז געוועג אריינגעטראָגנ אינ זײַנע אייגענע געדאנקענ, און אלע אינײנעמ האָבנ געהאלטנ אינ איינ קוקנ אפ דער שטיפמאמע און אינ איינ באטראכטנ און אָפּשאצנ די מעציִע, וואָס דער טאטע האָט אײַנגעהאנדלט אינ באַרדיטשעוו — און דאכט זיכ, מע איז געוועגנ צעפרידנ מיטנ אָנקוק. א יִדענע א בעקאָוועדע, ניט קיינ נארישע, און דעריקער — א ליבלעכע, א צוגעלאָזטע, א גוטע, א מענטש אָנ א גאל! הײַנט וואָס האָבנ זיי דאָ געפּילדערט, געמאכט אָנשטעלנ — „שטיפמאמע"?..

ערשט העט שפּעטער, אינ א וואָכ ארומ אָדער אינ צוויי, האָט זיכ די שטיפמאמע ארויסגעוויזנ מיט איר היציקנ טעמפּעראמענט און קוידעמקאָל ארויס מיט איר שפּראכ, מיט איר עמעס באַרדיטשעווער שטיפמאמע־לאָשנ, א שפּראכ א גלאטע, א רײַכע, א בלומענדיקע. אפ איטלעכס וואָרט א קלאָלע, און צומ גראמ, און דאפּקע אינ גוטנ מוט. לעמאָשל: עסנ — עסנ זאָלנ דיכ ווערעמ! טרינקענ — טרינקענ זאָלנ דיכ פּיאווקעס! שרײַענ — שרײַענ זאָלסטו אפ די ציינ! פאַרנייענ — נייענ זאָל מענ אײַכ טאכריכימ! גייִנ — גייִנ זאָלסטו אינ דער ערד! שטייִנ—שטייִנ זאָלסטו פּראווצעמ! זיצנ—זיצנ זאָלט איר אינ געהאקטע וווּנדנ! ליגנ — ליגנ זאָלט איר אינ דער ערד! ריידנ — ריידנ זאָלט איר פונ היצ! שווײַגנ — אנשוויגנ זאָלט איר ווערנ אפ אייביק! זאָגנ — געזאָגט זאָל אײַכ ווערנ אלדאָס בייז! האָבנ — האָבנ זאָלסטו מאקעס בעכוירעס! ניט האָבנ — ניט האָבנ זאָלסטו קיינ גוטס צײַט דו לעבסט! טראָגנ — טראָגנ זאָל דיכ דער רועכ אפ די פּלייצעס! אריינטראָגנ — אריינטראָגנ זאָל מענ דיכ א קראנקנ! ארויסטראָגנ — ארויסטראָגנ זאָל מענ דיכ א טויטנ! ארומטראָגנ — ארומטראָגנ זאָל מענ דיכ אפ די הענט! אוועקטראָגנ — אוועקטראָגנ זאָל מענ דיכ אפנ בעסוילעמ! צי, אשטייגער, לעמאָשל, נעמט אזא אומשולדיק וואָרט, ווי שרײַבנ — איז שרײַבנ זאָל מענ דיר רעצעפּטנ! פאַרשרײַבנ — פאַרשריבנ זאָלסטו ווערנ צומ טויט! אָפּשרײַבנ — אָפּשרײַבנ זאָל מענ דיכ פונ קאָראָכעס! ארײַנשרײַבנ — א מעשוגענעמ אויסמעקנ און דיכ ארײַנשרײַבנ!.. און אמאָל איז זי געוועג אופגעליִגט און א וואָרט האָט זיכ איר ארײַנגעכאפּט אינ מויל ארײַנ — האָט זיכ עס

נעֵריִיט און געפּלאָכטן און געגאָסן זיך און געצויגן זיך, ווי אַ גוטער בוימל, גאָר אָן אן אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי בײַ אַ גוטן כאַזן אין „עשרת בני המן".* „ס'זאָל דיך אָנכאַפּן, ריבוינעשעלוילעם, אַ שטעכעניש און אַ ברעפעניש, אַ רײַסעניש און אַ בײַסעניש, אַ טריקעניש, אַ פאַרטריקעניש, אַן אויסטריקעניש, יאָן אײַנטריקעניש, אַ דאַרעניש, אַ פאַרדאַרעניש, אַן אײַנדאַרעניש, אַ שרימפּעניש, אַן אײַנשרימפּעניש, ליבער גאָט! האַרציקער פאָטער, געטרײַער!"...

דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע איז זיך מודה, אַז אַ היפּש ביסל קלאָלעס און שלאָגווערטער פון זײַנע שפּעטערדיקע ווערק האָט ער געגאַשט פון דער שטיפמאַמע און פון איר מײַנעלאָשן. נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָרן, ער האָט נאָך גאָרניט געוווּסט, וואָס שרײַבן באַטײַט, און האָט נאָך גאָר אפילע ניט געכאָלעמט, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ שרײַבער, האָט זיך אים, אַלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרײַבן אַלע קלאָלעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זײַן שטיפמאַמע, צונויפזאַמלען זיי אינאיינעם, מאַכן אַ מין ווערטער־ביכל. האָט ער זיך ניט געפוילט, געזאַמלט און געזאַמלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירן נאָכן אַלעפבייז, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט אַ גאַנצן פײַנעם לעקסיקאָן, אַלפי אַלעפבייז, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבן נאָר אַפּן זיקאָרן:

א—אומגליק, אָזעספּאָנעם, אידיאָט, אייזל, איפּעש, אײַנגעגעסענע בריע, אָני וועוויען, אָפּגעריסענער נאַר, אַקשן, אַשמעדײַ.

ב—באַלוואַן, באָד־יונג, באַטלען, בײַטלשנײַדער, בלינדער־האָץ, בעדער, בעהעם, בעטלער, בערנטרײַבער, באַלעגאָלע, באַשעפעניש.

ג—גוי, גוילעם, גאַדלען, גאַזלען, גאַנעוו, געשלייערטע האַנזי.

ד—דאָנאָשטשיק, דאָווער־אָכער, האַלעס, דערקאַטש.

ה—האָלעדראַנצים, האָצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטײַ, הינטשלעגער, הינקעדיקער שנײַדער, האָמאָן, העפקער־יונג.

ו—וואַנץ, ווילסטע קאַליקע, וועוורעק, ווערעמיקער, ווייציידקאַסכאָ.

---

* „אסערעס בניי האָמאָן" — צען זין האָמאָנס. בײַם מע לייענט פּורים די מעגילע, כאַפּט דער באַלקוירע זייערע נעמען אין איין אָטעם.—ר ע ד.

ז—זאַאיקע, זאַק פּאַלאַווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגל, זויפּער, זיצפלייש.

ט—טאַטער, טאַרבע, טויגעניכצ, טיפּעש, טערקישער פּעפּער, טע־רעכ, טרייפע קישקע.

י—יאַטקע־הונט, יונגאַטש, יורקע, יִמאַכשמוּיניק, יאַמקאַטער.

כ—כאַליפּוסניק, כאַפּער, כויזעק, כאַזער, כאַימריאַנקל, כאַבעמ, באַלייִלע, כאַליערע.

ל—לאַבוס, לאַבאַזניק, לאַדער, לוייִצלאַכ, לאַמטערנ־שיסער, ליגנער, לאַמעדוואָווניק, לײַדיקגייער.

מ—מאַלפּע, מאַמעטליווע באַכער, מאַנדריש, מאַגיד, מעלאַמעד, מע־שומעד.

נ—נאַריש פּאַנעמ, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, ניכפּעניק.

ס—סאַוולע, סוואַלאַטש, סווישטשונ, סמאַרקאַטש.

ע— עוויענ, עקדיש.

פּ— פּאַסקודניאַק, פּאַציאַרע, פּאַרטאַטש, פּאַרכ, פּוסטעפּאַסניק, פּו־פּיק, פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּערעאָדאָמ, פּריטשעפּע.

פ—פאַנפאַטש, פאַלשער מענטש, פאַרשלעפּטע קרענק, פויליאַק, פײַפער, פליאַסקעדריגע, פלאַכט, פלאַקנשיסער, פערדאַטש, פרעסער.

צ—צוואַק, צאַדיק אינ פּעלצ, צורעמעלוכע, צײַלעמ־קאָפּ, צעבראָ־כענער שאַרבנ, צאַראַאַס.

ק—קאַזוענ, קאַטאַרזשניק, קאַכלעפל, קאַלבויניק, קאַליקע, קעלעוו־שעבעקלאַוימ, קאַרטאָפלשלינגער, קאַרטנשפּילער, קאַפּעלושמאַכער, קאַפּצנ, קוימענקערער, קישקע אָנ א דנאָ, קלעק, קריכער, קאַשקעשעמ.

ר—רויטער, רעצייעכ, רעכילעסניק, רעטעכ, ראָשע־מערושע.

ש—שאַרלאַטאַנ, שאַבעס־גוי, שוּיטע בענ פּיקהאָלצ, שוסטער, שוּיי־געצ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלימאַזל, שמאַטע, שמאַד־קאָפּ, שמינדער־בעגעצ שמענדריק, שנויצ מיט ברויט, שקראַב. *

דאָס איז געווענ, קאָנ מענ זאָגנ, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קומענדיקער שאָלעמ־אליכעמ האָט פאַרפאַסט, אונ א נאָמענ געגעבנ

* דער אלעפבייז גייט דאָ ניט ווי בײַ שאָלעמ אליכעמענ: בײַ אימ איז ער געווענ לויט דעמ העברעיִשנ אויסלייג, בײַ אונדז לויט דעמ ייִדישנ. — ר ע ד.

האָט ער עס: „אַ מײַנעלאָשן פון אַ שטיפּמאַמע"... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפן אַ מײַסע, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרענדיקן מיט גאָר אַ מיִעסער קאַטאַסטראָפע.

מאַכמעס עס האָט געמוזט זײַן אויסגעשטעלט שטרענג נאָכן אַלעפ־בייז, האָט דער פאַרפאַסער שטאַרק געשוויצט, עטלעכע מאָל איבערגע־שריבן דאָס ווערטער־בוך. האָט דער טאַטע, אַפּנעם, באַמערקט, אַז דער בעוורעמאַנ־ אַרבעט עפּעס זייער געשמאַק, איז ער אונטערגעגאַנגען איין מאָל באַנאַכט פון הינטן, אַרײַנגעקוקט אינווייניק און אַ נעם געגעבן צו זיך דעם קסאַוויאַד און איבערגעלייענט פון אַלעף ביז סאָף. און לווידאַי, וואָס ער האָט עס אַליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פאַר דער שטיפּמאַמע. און עס איז געשעען אַ נעס: ס'איז שווער צו וויסן, צי ווײַל ס'איז גראַד געווען אין אַ גוטער מינוט, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט, צי ווײַל זי האָט זיך געשעמט צו זײַן אין קאַס, — נאָר ס'איז אָנגעפאַלן אָפּ איר אַ מאָדנער בייזער געלעכטער. יענע האָט אַזוי געלאַכט, אַז געקוויטשעט. מע האָט גע־מיינט, אַז זי וועט דעם שלאַק באַקומען! מער פון אַלץ זײַנען איר געפעלן די ווערטער „פּופּיק" און „קאַשקעשעס". „פּופּיק" האָט באַ איר געהייסן טאַקע דער העלד פון דער דאַזיקער באַשרײַבונג, און „קשקשת" (קאַשקעט) — מיט דעם נאָמען האָט זי געקרוינט אַן עלטער באָכערל דערפאַר, וואָס ער האָט געטראָגן אַ נײַעם קאַשקעט.

נו, גייט זײַט אַ נאָווי, אַז ס'וועט זיך ענדיקן גאָר מיט אַ געלעכ־טער! אוואדע האָט דער מעכאַבער פונעם לעקסיקאָן באַ זיך אין האַרצן געבענטשט גוימל, וואָס ס'האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלאָזט.

44. אָפּן בענקעלע באַם טויער

דער „אײַנפאָר". — דאָס פאַרופן אָרבים. — ווידער באַלוימעס וועגן אויצער.

ווייסט איר, וואָס הייסט אַן „אײַנפאָר"? — אַן אײַנפאָר איז ניט קיין אַכסאַניע און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישן די דאָזיקע צוויי מינים, אָדער — ביידע מינים אינאיינעם. די אַכסאַניע, אָדער דער טיפּ האָטעל, וואָס נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט גע־

האלטנ אינ דער שטאָט פּערעיאַסלעוו און געלעבט דערפונ, איז געווענ
דער עמעסער „אײַנפאָר". א גרויסער הויף מיט גרויסע שטאַלנ פאַר
פערד און וואָגנס און גרויסע כאַדאָרימ מיט בעטלעכ פאַר די אָרכימ.
מײנסטנס זײַנענ אינ די כאַדאָרימ געשטאַנענ צו עטלעכע בעטלעכ,
און דער אויִרעכ, וואָס איז פאַרפאָרנ, האָט נאָר אָפּגעדונגענ א בעטל,
ניט קײנ כײדער. סײַדנ א נאָגיד, אַנ אָפּגעפּוצטער, א מעיוכעס. אַזעל-
כע זײַנענ אָבער געווענ זעלטנ, און די האָבנ געהײסנ „פּעטע" אָרכימ.
דאָס ראָוו אָרכימ זײַנענ געווענ „בעטלעכ". די האָבנ ניט באַדאַרפט
באַזונדער קײנ סאַמאָוואַרנ מיט קײנ באַדינערס. אײנ סאַמאָוואַר א
גרויסער איז אַרײַנגעטראָגנ געוואָרנ אינ „זאַל", און יעדער פונ די
„בעטל־אָרכימ" האָט זיכ געהאַט זײַנ טשײַניק מיט זײַנ ביסל טײ —
גיסט אײַכ, ייִדישע קינדער, און טרינקט אײַכ וויפל אײַער האַרצ גע-
לוסט !..

א מעכײַע געווענ אָנצוקוקנ אינדערפרי אָדער אַפּדערנאַכט בא
ראַבינאָוויטשנ אינ אײַנפאָר. א גאַנצ בינטל ייִדנ אַרומ טיש, מע טרינקט
און מע רעדט אַלע אינאײנעמ און מע גרעגערט און מע רײכערט —
דעמ רויכ כאָטש שנײַד מיט א מעסער! און רײדנ רעדט מענ פונ
וואָס איר ווילט. דער רעדט פונעמ יאַריד — א יאַריד־מענטש. דער
רעדט פונ ווײצ — א ייִד, וואָס האַנדלט מיט ברויט. דער רעדט פונ
דאָקטוירימ — א ייִד א קראַנקער, וואָס הוסט, און דער רעדט גאָר פונ
כאַזאָנימ — א ייִד, וואָס האָט ליב נעגינע, — און טײַט אימ עפּעס!
און יענער זיצט זיכ אינ א ווינקל, שאָקלט זיכ און דאַווענט דערווײַלע
פונ פאָרנט מיט א קאָל פונ א נעקײווע. און דער באַלעבאָס אַלײנ, רעב
נאָכעמ ראַבינאָוויטש, א ייִד א כאָלוש, ווי אײַכ איז שוינ באַקאַנט,
מיט א קעצנ כאַלאַטל, מיט א קײַלעכיק יאַרמלקעלע אָפנ קאָפּ און מיט
א גראָבנ פּאַפּיראָס, זיצט צווישנ די אָרכימ אויבנאָנ, ווי א מײלעכ,
און הערט זײ אויס אַלעמענ אינ אײנ צײַט, אָבער נאָר מיט אײנ
אויער, ווײַל מיטנ אַנדערנ אויער הערט ער זיכ צו, עפּשער ניט ווילנ-
דיק, צו דער שטיפמאַמעס מײַנעלאָשנ, וואָס גיסט זיכ אַזוי ווי בוימל
און ציט זיכ אַזוי ווי האָניק. דאָס רעכנט זי זיכ מיט אירע שטיפקינ-
דער אָפנ ניכטערנ האַרצנ, טײלט זײ אויס בראָכעס יעדנ באַזונדער
מיט דער פולער האַנט. דערלאַנגט דעמ א זעצ אינ זײַט אַרײַנ, דעמ

א סטוסאק אין האלז־און־נאקן, און יענעם איז זי מאכעבעד מיטן רעכטן פוס אין בויך אריין. זי וויל, אז איינער זאל גיין פארוויגן איר דאס קינד, אז דער אנדערער זאל גיין אין מארק אריין איר העלפן טראגן דעם קויש, און אז דער דריטער זאל גיין גלאט אין דער ערד אריין... און די קינדער פאלגן, טוען אלץ, וואס מע הייסט זיי, ווארעם די צייט איז שלעכט, פארנאסע איז געשלאגן, אין כיידער גייט מען נאר א האלבן טאג, דעם אנדערן האלבן טאג העלפט מען אויס דעם טאטן ווי וויים מע קאן. ווער אין שטוב ארום די ארכים, און ווער אין דרויסן אפן בענקעלע באם טויער — צו פארופן די דורכפארנדיקע באלעגאלעס: „אהער פארפארט, אהער!"...

אוודע איז אין דרויסן אפן בענקעלע באם טויער שוין בעסער, ווי אויסצוּשטיין דעם הו־הא, מיטן גענעם, מיטן גאלעס־שטיפמאמע אינוויינינק אין שטוב. דאס זיצן באם טויער אפן בענקעלע איז גאר קיין ארבעט ניט. דאס איז א שפילכל, א פארגעניגן. ווער שמועסט זי־מער, אז די באלעגאלעס פליען מיט א הוק, מיט א פייפ און מיט א קנאק. דאס פארן זיי פונעם פאראכאד מיט פארשוינדלעך, ווילן אי־בעריאגן איינס דאס אנדערע, הייבן זיי אופ אזא שטויב, אז מע זעט ניט ארויס די פאסאזשירן, וואס פאר א פאנעם זיי האבן. נאר אז אין וואגן געפינען זיך פאסאזשירן — דאס זעט מען. און אלע יינגלעך מיט אלע מעשארסים פון די איינפארהייזער טוען זיך א לאז אקעגן דעם באלעגאלע מיט א פרייליכן געפילדער: „אהער, פעטער! אהער פארפארט!" און דער באלעגאלע ענטפערט זיי אפ מיט דער בייטש, פליט דורכ פארביי און ווערט פארשווּנדן אינעם געדיכטן שטויב, לאזט איבער די יינגלעך און די מעשארסים מיט א נאז.

דאס איז אבער נאר זומער־צייט, ביים נאוויגאציע, ווען דער דניעפער גייט. ווינטער, אז דער דניעפער שטעלט זיך אוועק, לעבט דער איינפאר פון אן אנדער סארט ארכים. ווינטער פארן אריין גרויסע בוכטעס, אדער בוידן, געפאקט מיט א מין סכוירע, וואס איז איינ־געוויקלט אין ציגאוּקעס און שטינקט מיט טאראן. דאס זיינען שוין ניט קיין ארכים אפ צו עסן שאבאסים און פארנעמען בעטלעך. זיי זיינען ניט קליין צו ליגן אלע אינייינעם אפ דער ערד, אדער אין הויף בא די וואגנס, און זיי גיבן צו לייזן נאר פאר היי און האבער. פון אזעלכע פארשוינען האט מען ווינציק נאכעס, און פארנאסע — נאכ

ווינציקער. היינט דאָס זיצן אַליין אױפֿן בענקעלע באַם טויער אױפֿן פּראָסט איז אויך עפּעס ניט אַזױ זיס.

דער העלד פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען געדענקט גאַנץ גוט יענע צײַט, ווען ער איז געזעסן אױפֿן בענקעלע באַם טויער. זומער אין דער גרעסטער היץ געבראָטן זיך אױף דער זון, און ווינטער אױף דער קעלט געפֿרוירן, ווי אַ הונט, אײַנגעהילט אין אַ צעריסן פּעלצל מיט אַזעלכע שטיוועלעך, וואָס האָבן זיך געבעטן צום שוסטער. און ער האָט גע־קלאַפּט אַ פֿוס אָן אַ פֿוס און אַרויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באַווײַזן אַ באַלעגאָלע, אָדער אַ בוכטע מיט אָרכים, וועט ער אױפֿשטיין, זיך לאָזן אַקעגן: „אַהער פֿאָרט! פֿאַרפֿאָרט אַהער!" זײַנען אָבער באַלעגאָלעס, ווי אָפּצולאָכעס, דורכגעפֿלויגן פֿאַרבײַ און זײַנען גאָר פֿאַרפֿאָרן אין אַ צווייטן, אַ רײַכערן אײַנפֿאָר, טאַקע אַקעגן, צו רוון יאַסנעגראַדסקי. דאָרט זײַנען, זאָגט מען, פֿאַראַן כאַדאָרים גרויסע, מיט ווייכע בענק־לעך, מיט שפּיגלען, מיט נאָך און נאָך זאַכן, וואָס די ראַבינאָוויטשעס פֿאַרמעגן דאָס ניט. דערפֿאַר איז דאָרט טאָמער פֿול געפּאַקט מיט פֿעטע אָרכים, און באַ זיי, באַ די ראַבינאָוויטשעס אין אײַנפֿאָר, איז פּוסט, כאָטש הינט צו פֿאַרטרײַבן. און דאָס פֿאַרדריסט שאַלעמען זייער שטאַרק — אױף וועמען? אױף גאָט! פֿאַרוואָס האָט גאָט ניט גע־מאַכט אַזױ, אַז ער זאָל בעסער געבוירן ווערן באַ רוון יאַסנעגראַדסקי, אײדער באַ נאָכעם ראַבינאָוויטשן פֿאַר אַ זון?..

און רוון יאַסנעגראַדסקי ווערט באַ אים אַ סימבאָל פֿון מאַזל. פֿון אַשירעס און פֿון אַלדאָס גוטס. און אַ סאַך אָרכים ווערט באַ אים אַ אידעאַל, אַ צווייטער „אויצער", פֿון וועלכן ער האָט געכאָלעמט אַמאָל, אין שמוליקס צײַטן. און עס שטעלט זיך אים פֿאָר אין יעדן פֿורל, וואָס פֿאָרט דורך פֿאַרבײַ, אַז דאָס פֿאָרט אַ באַלעגאָלע מיט בע־קאָוועדע פֿאַרשוינען, פֿעטע אָרכים אין בערענע פּעלצן. עס פֿאָרט דורך דער באַלעגאָלע אַקוראַט נעבן זייער אײַנפֿאָר, און אײדער שאָלעם באַווײַזט אַרויסצורײדן דאָס וואָרט „אַהער", האָט דער באַלעגאָלע שוין אַליין אָפּגעשטעלט די פֿערדלעך: „טפּררררו!" — און עס קריכן אַרויס פֿון דאָרטן איינס נאָך דאָס אַנדערע די בעקאָוועדע פֿאַרשוינען אין זייערע בערענע פּעלצן, און מע טראָגט אַראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, אָנגעפּאַקט מיט קאַלטוו, יעדער טשעמאָדאַן ווענט אַ

פּוד! אונ זיי מאַרשירנ ארײַנ אינ שטוב ארײַנ, אונ זיי הייסנ זיכ געבנ איטלעכנ באַזונדער אַ נומער, אונ בעטנ, מע זאָל זיי דערלאַנגענ סאַמאָווארנ, אונ הייסנ קאָכנ וואַרעמעס אונ וועטשערע. אונ עס קומט ארײַנ צו זיי דער טאַטע אינ דער יאַרמעלקע, מיט אַ שמייכלענדיק פּנעמ, אונ שטעקט זיי אָפּ אַ ברייטנ שאָלעמ־אַלײכעמ אונ פרעגט זיי, צי רעכענענ זיי דאָ שאַבעס האַלטנ? צעלאַכנ זיי זיכ אונ זאָגנ: „וואָס עפּעס איינ שאַבעס? פאַרוואָס ניט דרײַ שאַבאָסימ?“ אונ לאָזנ לאָזט זיכ אויס, אז דאָס זײַנענ גאָר סאָכרימ, וואָס זײַנענ געקומענ קויפנ ווייץ, אונ באַ קויפנ ווייץ וועט דער טאַטע קאָנענ כאַפּנ אַ שיינ פאַרדינסטל, קאָמיסיע, אונ טאַקע פאַרוואָס ניט אָפּלעקנ אַ ביינדל?.. אינ דעמ קומט אָנ די שטיפמאַמע, ארופגעכאַפּט אָפּ זיכ די שאַבעסדיקע זײַדענע פאַטשיילע; דאָס פּנעמ פלאַקערט איר פאַר פרייד, אונ זי קוקט מיט איינ אויג אָפּ די פעטע אָרכימ אונ טוט אַ פרעג שטילערהייט: „ווער האָט דאָס זיי געבראַכט צו פירנ?“ „ס'איכ האָב זיי פאַרופנ, איכ!“ — ענטפערט איר שאָלעמ מיט גאַדלעס אונ איז גליקלעכ, מיטנ ליגנ, וואָס ער האָט דאָ נאָרוואָס אָפּגעטאָקט. גליקלעכ, וואָס אויכ באַ זיי וועט אַמאָל זײַנ אַ גוטער טאָג, כאָטש איינ טאָג אַ גוטער. אונ אַ שאַבעס אויכ אַ גוטער — אַכ! וואָס פאַר אַ פרייִלעכער שאַבעס באַ זיי וועט זײַנ! אונ פאַרוואָס עפּעס נאָר איינ שאַבעס! פאַרוואָס ניט אַלע דרײַ שאַבאָסימ? דאָס אַלצדינג וואָלט געווענ זייער גוט, עס זאָל ניט זײַנ קיינ דימיענ, קיינ כאָלעמ. די דאָזיקע פעטע אָרכימ אינ די בערענע פעלצנ מיט די געלע טשעמאָדאַנעס זײַנענ טאַקע צוגעפאָרנ אונ טאַקע אָפּגעשטעלט זיכ, נאָר ניט באַ זייער אײַנפאָר — אַקוראַט אַקעגנ האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט, באַ רוווע יאַסנעגראַדסקיס אײַנפאָר.... „אַכ! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אָרכימ! וואָס וואָלט זיי געאַרט, זיי זאָלנ בעסער געווענ פאַרפאָרנ צו אונדז?“ — טראַכט זיכ דער שטענדיקער באַלדימיענ אונ קומט ארײַנ אינ שטוב אַ דורכגעפרוירענער דורכ אונ דורכ, אונ טרעפט דעמ טאַטנ אינעמ קעצענעמ כאַלאַטל, אײַנגעבויגנ אינ דרײַענ איבער אַ סייפער, אונ די שטיפמאַמע גליט, ווי אָפּ פּאָקנ: „נישט געקומענ קיינער? וואָס וועט זי טאָנ מיטנ ברויט, וואָס זי האָט אָנגעבאַקנ, אונ מיט די פיש, וואָס זי האָט אָנגעקאָכט? כאָטש נעמ וואַרפ זיי ארויס פאַר די הינט! צי איר מיינט עפּשער, אז ס'וועט זײַנ פונ אײַערטוועגנ?“ — ווענדט זי זיכ צו די

שטיפקינדער, — איר זײַט גאָר נעבעכ קראַנק צו עסנ אַלטגעבאַקנ ברויט! ס'וועט זיכ אײַכ אוואַדע שטעלנ פּאָפּעריק אינ האַלדז, אָדער אײַער מאָגנ וועט עס כאָלילע ניט פאַרדײַענ! א קלײניקײַט, אַזעלכע איבערגעוואַשענע קינדערלעכ, א גאַנצע כאַליאַסטרע, קײנ אײַנאָרע, אונ אַלע אַזוי אײדל געפּאַצקעט! מע האָט זײ גאָרניט געקאָנט איבערלאָזנ, ווי די מײדלעכ אינ באָסלעוו באַמ זײדנ מיט דער באָבע, זײ זאָלנ בעסער דאָרטנ קרענקענ, אײדער נעמענ זײ אַהער, נעמענ זאָל אײַכ דער רוח, זײ זאָלנ העלפנ עסנ, עסנ זאָלנ אײַכ ווערעמ אונ טאָטשענ אײַער לײַב לעבעדיקערהײט, ס'זאָלנ פאַלנ פונ אײַכ שטיקער, ווי סע פאַלט פונ מיר, אַז עס קומט דער ווינטער, קומענ זאָל אָפּ אײַכ אַנ אויסדאַרעניש מיט אַנ אײַנדאַרעניש מיט אַנ אײַנשרימפּעניש!"...

דאָ גײט אַוועק א באַקאַנטער מײַנעלאָשנ, אונ שאָלעמ דער באַל־כאַלוימעס פאַרגעסט, אַז ס'איז אימ קאַלט, אונ ער לויפט אַרויס צו־ריק אָפּ דער קעלט, צוריק צומ טויער אָפּנ בענקעלע. דאָרט איז בעסער. דאָרט קאָנ מענ כאָטש זיצנ רויִק אונ כאַלעמענ וועגנ דעמ, טאָמער וועט גאָט פאָרט צושיקנ עפּעס פּעטע אָרכימ מיט בערענע פעלצנ, מיט געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, וואָס וועלנ זיכ עפּשער פאָרט אָפּשטעלנ באַ זײ אינ אײַנפאָר, ניט אַקעגנ, באַ רעבנ יאַסנעגראַדסקי?.. גאָט, אַז ער וויל, קאָנ ער!

45. דער קאָלעקטער

זאַקסישע אונ בראַנשווײַגער לאָטערײ־צעטלענ. — גרויסע האָ־פּענונגענ, נישטיקע געווינסנ. — ער שרײַבט א ראָמאַנ אָפּנ שניט פונ מאַפּוס „אַהבת ציונ"

צו באַוווּנדערנ, וואָס פאַר א שטאַרקער מענטש אָט דער שוואַכער ייִד, דער שטילער אונ פאַרטראַכטער נאָכעמ ראַבינאָוויטש, האָט באַ־דאַרפט צו זײַנ, אַז ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגנ דעמ גאָלעס פונ דער שטיפמאַמע, אויסהערנ איר מײַנעלאָשנ מיט אירע בראָכעס, צוזענ, ווי זי פּײַניקט זײַנע קינדער, אונ ניט אַרויסטרעטנ מיט א וואָרט אַפילע. וואָס דער מענטש האָט אַריבערגעטראָגנ אינעווייניק באַ זיכ אינ

האָרצנ — קאָנ מענ ניט וויסנ. ארויסבאוויזנ האָט ער עס אָבער קיינמאָל ניט און ארויסגעזאָגט האָט ער עס קיינעמ ניט. און דערפאר, אפּאָנעמ, האָט זי געלייגט אפ אימ קאָווער, געערט, רעספּעקטירט, ניט באגאנגענ זיכ קעגנ אימ אזוי גראָב, ווי צו זײַנע קינדער, לעמאָשל, און געשעצט אימ אזוי הויכ, ווי ס׳איז נאָר מעגלעכ געווענ פאר אזא ייִדענע. וואָס האָט אליינ אויב קיינ האָניק ניט געלעקט, נעבעכ גוט אויסגעריסנ געוואָרנ, געהאָרעוועט, ווי אנ אָקס, אפ אזא גרויסער שטוב מיט א כאליאסטרע קינדער, אייגענע און פרעמדע.

און עפּשער האָט זיכ איר רעספּעקט גענומענ דערפונ, וואָס זי האָט געזענ, מיט וואָס פאר א קאָוועד מע האלט איר מאנ אינ שטאָט, כאָטש אלע וויסנ, אז ער איז ווײַט פונ א נאָגיד, פארדינט קוימ דאָס שטיקל ברויט. קיינ נארישע ייִדענע, ווי געזאָגט, איז זי ניט געווענ, נאָר א פארביטערטע נעשאָמע, ניט קיינ אויסגעהאלטענע בעשאס קאס און בעטעווע אנ אָפּנטלעכער מענטש: וואָס אפ דער לונג, דאָס אפ דער צונג. דערפאר, וואָס דער טאטע האָט איר קיינמאָל ניט געשטערט אינ איר מײַנעלאָשנ, האָט זי אימ ניט געשטערט אינ זײַנע זאכנ — ארײַנקוקנ אינ א בוכ, שפּילנ א שאָכ אָדער אזוי פארברענגענ מיט א מענטשנ. און די מענטשנ, מיט וועלכע דער טאטע האָט פארבראכט, זײַנענ געווענ לויטער מאסקילימ, אויפגעקלערטע יונגעלײַט און גלאט „קאָפּמענטשנ", מע קאָנ זאָגנ, די סמעטענע פונ דער דעמלטיקער שטאָט־אינטעליגענצ. דאָס איז געווענ א גאנצ בינטל מאסקילימ, וואָס פארדינענ אויסגערעכנט צו ווערנ בא די נעמענ און אפּגעמאָלט צו ווערנ, ווי זיי שטייענ און גייענ מיט זייער גאנצער פיגור.

דער ערשטער באדארפ באשריבנ ווערנ דער „קאָלעקטער", א ייִד א באל־באָסאָר, א שווערער ייִד, נאָר א „קאָפּמענטש" און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט — א שטיקל אפּיקוירעס, כאָטש ער האָט געטראָגנ א לאנגע קאפּאָטע און געדיכטע פּייעס. נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט געזאָגט אפ אימ, אז דער ייִד איז „אָמוק"* און אז ער „ווייסט א שלאָל". גאנצע טעג האָבנ זיי געקאָנט אוועקזיצנ אינצווייענ און ריידנ און רײדנ אָנ א שיר. פונוואנענ האָט זיכ גענומענ בא זיי אזוי

* „אָמוק" — א טיפער. — ר ע ד.

פיל רייד? אָפּטמאָל פלעגט דער קאָלעקטער קומענ מיט א ביכל, אָפּטמאָל נעמענ אַ ביכל. בא דער שטיפמאמע האָט ער געהאט א צונעמעניש: „דער קאָלטונ" — דערפאר, וואָס ער האָט געהאט א קאָלטונעוואטע באָרד. נאָר אינ שטאָט האָט ער געהייסנ „דער קאָלעקטער". געהאנדלט מיט צעטלעכ, זאקסישע אונ ברוינשווײַגער צעטלעכ. געטראָגנ האָט ער שווארצע ברילנ (געהאט קאליע אויגנ), זומער אונ ווינטער איז ער געגאנגענ אינ טיפע קאלאָשנ. קיינ שטיוול ניט, נאָר קאלאָשנ, — ווײַסע זאָקנ אונ קאלאָשנ. א גרויסער עוויענ, נאָר א מוירעדיקער באלביטאָכנ. געווענ זיכער, אז זײַנע קונדנ מוזנ אמאָל אויסנעמענ דאָס גרויסע געווינס, אונ דורכ דעמ וועט ער שוינ אליינ אויכ נעהאָלפנ ווערנ, אונ געווינענ, האָט ער געזאָגט, וועט ניט קיינ אנדערער, נאָר נאָכעמ ראבינאָוויטש. ער איז אימ מאפטיעכ, וואָרומ קיינער באדארפ ניט אזוי נייטיק דעמ גרויסנ געווינס, — האָט ער געזאָגט מיט א טאמ, — ווי רעב נאָכעמ ראבינאָוויטש... עס קאָנ זײַנ, אז דאָס איינענע האָט ער מאפטיעכ געווענ אויכ זײַנע אנדערע קונדנ. ער האָט זיי געהאט א כאַב, קימאט די גאנצע שטאָט יידנ האָבנ געשפּילט לאָטעריי. נאָר נאָכעמ ראבינאָוויטש האָט אינ אימ געגלייבט, ווי אינ א רעבנ, אונ גלײַכ מיט אימ ארויסגעקוקט אפנ גרויסנ געווינס, ווי אפ מאָשיעכנ, געזיפצט אונ געבענקט אונ געווארט, אז אָט־אָט קומט דער קאָלעקטער מיט דער גוטער פסורע: „מאזלטאָוו, רעב נאָכעמ, איר האָט געוווּנענ די 25 טויזנט"...

דער העלד פונ דער באשרײַבונג געדענקט, אז אלעמאָל, ווענ ס'האָט געהאלטנ בא דער לעצטער ציִונג פונעמ לעצטנ קלאס, האָט דער טאטע ניט געקאָנט אײַנזיצנ אפ איינ אָרט, געזיפצט מער ווי אלעמאָל, שטארק געגענעצט אונ געצויגנ זיכ, ווי אינ א פיבער. גלײַכ מיטנ טאטנ האָט אויכ שאָלעמ געפיבערט אונ ארויסגעקוקט אפנ גליקלעכנ טאָג, עפּשער נאָכ מער ווי דער טאטע. ער איז געווענ זיכער, אז ניט קיינער, נאָר זײַנ טאטע, איז דער קאנדידאט אפנ גרויסנ געווינס. דאָ האָט זיכ איבערגעכאזערט ווידעראמאָל דער אויצער פונ זײַנ כאווער שמוליק. ער האָט געטראכט וועגנ דעמ גאנצע טעג. ער האָט געקענט אויסווייניק די נומערנ פונעמ טאטנס צעטלעכ. ער האָט זיי געזענ אינ כאָלעמ. ער האָט זיכ גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלנ, אז גאָט זאָל זײַנ אזא שלעכטער. וואָס וועט אימ ארנ, דעמ ריבוינעשעלוילעמ, אז ס'וועט ארויס דעמ

טאַטנס נומער? דאָס איז דאָך שוין בא גאָט אַזוי גרינג, וואָס גרינגער קאָן שוין גאָר ניט זיין....

שאָלעם, זיצנדיק אין דרויסן אַפן בענקעלע באַם טויער, דערזעט פונוויטנס דעם קאָלעקטער, ווי ער שפּרייזט מיט די טיפע קאָלאָשן גלייך צו זיי, — לויפט ער אַנזאָגן דעם טאַטן א פּסורע: „ער גייט!" — „ווער?" „דער קאָלעקטער".—„און אַז דער קאָלעקטער, איז וואָס?" — וואָס הייסט? היינט איז דאָך דער לעצטער טאָג פון דער ציונג!"...

אַזוי זאָגט שאָלעם צום טאַטן, און ער באַמערקט, ווי דעם טאַטנס געל געקנייטשט פּאָנעם איז בלאַס געוואָרן. זיינע פאַרזאָרגטע אויגן האָט זיך באַוויזן א פּייערל און איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן.

דער קאָלעקטער קומט אַריין א פאַרסאָפּעטער — ער האָט אַן אַסטמע („בא אים בלייבט עס", זאָגט די שטיפמאַמע). מוז ער ברייער איבערכאַפּן דעם אָטעם און זאָגט א גוט־מאָרגן. דער טאַטע פרעגט ניט בא אים גאָרנישט. ס'זאָל עפּעס זיין, וואָלט ער דאָך אַליין געזאָגט.... יענער זעצט זיך אַוועק, פאַרשאַרט דאָס היטל, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם פאַרשוויצטן שטערן און דערציילט א נייס, אַז ס'איז הייס מיט סאַקאָנעס נעפאָשעס! מאַמעש עס ברענט!... א פּויזע. ביידע שווייגן, דערנאָך בינדט ער אויף די פּאַטשיילע, א פאַרסמאַלצעוועטע, א רויטע, מיט גרינע פּליאַמעס און שמעקט מיט הערינג. דאָרט ליגן בא אים אַלע לאָטעריי־צעטלען. ער נעמט אַרויס מיט ציטערנדיקע באַוואַקסענע הענט א גרויסן בויגן פּאַפּיר מיט א סאַך ציפערן פון אויבן ביז אַראָפּ, זוכט און זוכט מיט די שוואַרצע ברילן. שאַט! ער האָט געפונען! ער שטעלט אָן די שוואַרצע ברילן אַפן טאַטן:

— אייער נומער, רעב נאָכעם, איז, דאַכט זיך, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זעכצן טויזנט דריי הונדערט פיר און אַכציק?

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איר פרעגט בא מיר, — ענטפערט אים דער טאַטע מיט א שמייכל. — מיר דאַכט, אַז איר האָט א גוטן זיקאָרן: איר ווייסט אַלעמענס נומערן אַפּ אויסווייניק.

— אַפּ אויסווייניק, זאָגט איר? סע קאָן זיין. האַקלאַל, זעכצן טויזנט, זאָגט איר, דריי הונדערט מיט פיר און אַכציק.

ער קוקט דורך די שוואַרצע ברילן און טאַפּט מיט די פינגער

אינעם ציפּערדיקן פּאַפּיר, שאָלעם פילט, אַז אָט־אָט שפּרינגט אים ארויס דאָס האַרץ. נו? לאָמיר שוין הערן!... נאָר דער קאָלעקטער האָט צײַט. ער רעדט זיך פּאַוואָליע:

— אײַער נומער, רעב נאָכעם, האָט געווּנען... יאָ, ער האָט געווּנען...

שאָלעם זעט, ווי אפן טאַטנס פּאָנעם פליט דורך א גל כמאַרעלע און ווערט פאַרשווּנדן, און אַליין גלוסט זיך אויסשרײַען מיט א קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האַלט זיך אײַן און שלינגט איטלעכן וואָרט, וואָס גייט ארויס פונעם קאַלעקטערס מויל.

— געווּנען... אָבער א קליין געווינסל. גאָר א קליין געווינסל! עס וועט זיך אָנעמען, אחר נכיונ״* פּעט און קאָל האַהוציאָעס, אַזוי גרויס... אַזוי גרויס...

דער קליינער כאַלעשט שיר!

— אַזוי גרויס, ווי אַכט רובל מיט זעכציק. קומט פון אײַך אָפּאָ־נעם, אויב איך בין מיך ניט טויע, צוועלף מיט פופציק, און פון פריִער, אויב, איר געדענקט, דרײַ מיט אַכציק. האָבן מיר, הייסט עס, א קײַמעלען פון זעכצן מיט דרײַסיק? נימצע, אַז איר בלײַבט מיר שולדיק אַפּ לעהאַבע אַזוי גרויס אַפּאָנעם ווי זיבן מיט זיבעציק. האַ? איז עס אַזוי, צי ניין? אַצינד ווילט איר דאָך מיסטאַמע א נײַ צעטל? וועל איך אײַך געבן. נעמט, רעב נאָכעם, קלײַבט אײַך אויס א נומער. הײַנטיקס מאָל אימירצאַשעם וועט איר שוין געווים געווינען. דאָס איז אַזוי זיכער, הערט איר, ווי מיר האָבן הײַנט יום גימל** אַפּ דער גאַנצער וועלט! שוין? האָט איר שוין אויסגעקליבן? וואָס פאַר א נומער? אַכט טויזנט זעקס הונדערט דרײַצן? לאָז גאָט געבן מיט גליק, אין א גוטער שעה זאָל זײַן!.. וואָס קוקסטו זיך אַזוי אײַן, — זאָגט ער צו שאָלעמען, — דו קונדאַס אײנער? (א קוועטש דעם „אם") ווי האַלסטו אינעם „שירי תפארת", דו שייגאַץ אײנער? (א קוועטש דעם „אצ").

דער „שירי־תפארת" פון נאַפּטאָליע הערצ ווײַזל — דאָס איז א

---

* „אבאר ניקאָיענ" — נאָכן אָפּרעכענען. — ר ע ד.

** דריטער טאָג, דינסטיק. — ר ע ד.

ביכל, וואָס דער קאָלעקטער האָט געהאַט געבראַכט צו טראָגנ דעמ שייגאַצ, ער זאָל לייענענ, מיט נאָכ ביכלעכ פונ אָדאָמ האַקויענ לעבנזאָנ אונ פונ קאַלמאַנ שולמאַנ אונ פונ רעב יִצכאָק בער לעווינזאָנ. אינ דער שייגאַצ (שאָלעמ) האָט זיי געשלונגענ, זיצנדיק אינ דרויסנ אפנ בענקעלע באַמ טויער. אונ דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלנ וואָס זײַנ זונ לייענט שוינ אַזעלכע ביכלעכ, אונ געפרעגט בא אימ, צי פאַרשטייט ער כאָטש וואָס ער לייענט? שעמט זיכ שאָלעמ זאָגנ, אז ער פאַרשטייט, וואָרעמ ווי אַזוי רעדט מענ דאָס מיט אַ טאַטנ? ענטפערט פאַר אימ דער קאָלעקטער, אז ער פאַרשטייט זייער גוט, דער „שייגאַצ", פאַרוואָס זאָל ער ניט פאַרשטיינ? זעט איר, מאַפו אונ סמאָלענסקינ איז פאַר אימ נאָכ אַ ביסל פרי, פאַר אַזאַ וועוריק, נאָכ צו פרי! — אַזוי לאָזט אויס דער קאָלעקטער, אונ מעהאַיטײַמע, ווײַל דער קאָלעקטער האָט געזאָגט, אז ס'איז נאָכ צו פרי, האָט דער וועוריק באַקומענ ערשט רעכט כיישעק צו אָט די דאָזיקע ביכלעכ, אונ ער האָט ביגנייווע זיכ צוגעכאַפּט צו מאַפונ אונ צו סמאָלענסקינענ אונ אַ נאַש געגעבנ בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט זענ, אַ ביסל מאַפו אונ אַ ביסל סמאָלענסקינ.

דאָס ערשטע, וואָס איז אימ געקומענ צו דער האַנט, איז געווענ דער ערשטער יידישער ראָמאַנ „אהבת ציונ"* פונ אווראָמ מאַפו. מאַפוס „אהבת ציונ" האָט ער אײַנגעשלונגענ אינ איינ שאַבעס, פונ אָנהייב ביזנ סאָפ, ליגנדיק אפנ בוידעמ אונ ברענענדיק ווי אַ שטרויענער דאַכ. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערנ אפנ אומגליקלעכנ אַמנונ, געוויינט אונ געכליפּעט! אונ האָט זיכ שטערבלעכ פאַרליבט אינ דער שיינער געטלעכער טאָמאָר, גלײַכ מיט דעמ העלד פונ דעמ ראָמאַנ, מיט אַמנונענ. אויב ניט מער נאָכ פונ אַמנונענ, געזענ זי אינ כאָלעמ אונ גערעדט מיט איר אפ שיר־השירימ־שפּראַכ. אַרומגענומענ זי אונ געהאַלדזט זי אונ געקושט זי...

אפ מאָרגנ איז דער פאַרליבטער שאָלעמ אַ גאַנצנ טאָג אַרומגע־

* „אהאוואס ציוינ" — דער ערשטער ראָמאַנ אפ העברעיִש, וועלכער האָט אינ זײַנ צײַט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אפ די לאָשנקוידעש־לייענער. — רעד.

גאַנגענ ווי אַ שאָטנ, מיט אַ מוירעדיקנ קאַפּוויטעק, פאַרלוירנ דעמ אַפּעטיט צומ עסנ אָבער טאַקע לאַכלוטנ, — וואָס ס'איז געווענ פאַר דער שטיפמאַמע אַ רעטעניש: „געפּײגערט אַ בער אינ וואַלד! נישט אַנדערש!" — אַזוי האָט די שטיפמאַמע געזאָגט אונ גענומענ נאָכ־קוקנ אונ נאָכפאָרשנ, וואָס איז די מײַסע, וואָס דער באָכער האָט אויפגעהערט צו עסנ?...

דער סאָפ פונעמ „אהבת ציונ" איז געווענ אָט וואָס פאַר אַ סאָפ. פונ די אָרכימ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט בא זײ אינ אײַנפאָר, זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אימ אָפּטמאָל עטלעכע גראָשנס פאַר פאָלגנ אַ גאַנג. אָט די גראָשנס האָט שאָלעמ אויסגעגעבנ אַפּ פּאַפּיר, צונויפגענײט דאָס פּאַפּיר אינ אַ ביכל, צעווירעט אַלע בלעטלעכ פונ בײדע זײַטנ, אונ האָט זיכ אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט — שרײַבנ אַ ראָמאַנ אַפּנ שניט פונ מאַפּוס „אהבת ציונ", אַנ אײגענעמ ראָמאַנ, נאָכגעגאַנגענ מאַפּונ פּיס־טריט, מיטנ לאָשנ אונ מיטנ סטיל אונ מיטנ גאַנצנ פּלאַנ, נאָר אונטער אַנ אַנדער נאָמענ: ניט „אהבת ציונ", נאָר „בת ציונ", אונ די העלדנ האָבנ ניט געהײסנ ניט אַמנונ אונ ניט טאָמאָר, נאָר שלוימע אונ שולאַמיס. אונ אַזוי ווי באַטאָג איז ניט געווענ קײנ סאַכ צײַט צו שרײַבנ — אַ האַלבנ טאָג דאַרפ מענ גײנ אינ כײדער אונ אַ האַלבנ טאָג העלפנ אינ אײַנפאָר, — לאָכײנ האָט ער געמײנט אויסנוצנ דערצו אויכ די נאַכט, אַוועקגעזעצט זיכ בא אַ לאָמפּ אונ געשריבנ מיט קלײנע אויסעסלעכ אונ געשריבנ אונ געשריבנ ביז... ביז די שטיפמאַמע האָט דערהערט, סע סקריפּעט עפּעס, אונ דערזענ, אַז עס לײַכט זיכ, האָט זי זיכ ניט געפּוילט אונ איז אַראָפּ פונ בעט אַ באָרוועסע, זיכ אונטערגעגאַנוועט אונ דערזענ דעמ כעוור־רעמאַנ זיצנ אונ שרײַבנ. האָט זי אויפגעהויבנ אַזאַ גוואַלד, אַז די גאַנצע שטוב האָט זיכ אויפגעכאַפּט אינ אײנ שרעק, געמײנט, אַז סע ברענט. דער גאַנצער גוואַלד איז אָבער געווענ נאָר איבערנ קער־ראָסינ, וואָס איז אויסגעברענט. „גאָז וועלנ זײ ברענענ, ברענענ אונ סאַרפּענענ זאָלט איר, ליבער גאָט! אַ מיסע מעשונע! אַ כאָליערע! אַ סרײפע! אַ מאַגײפע!"...

אוואַרע האָט דער טאַטע דעמ ניט געענדיקטנ ראָמאַנ „בת ציונ" צו־גענומענ צו זיכ, אײנײנעמ מיטנ גענאַנוועטנ „אהבת ציונ", אונ דער

מעכאַבער פונ דעמ „בת־ציונ" האָט שוינ געוואָרט אָפּ אַ רעכטנ
פּסאַק. צומ סאָפ לאָזט זיכ אויס. אַז דער טאַטע האָט דעמ „בת־ציונ"
באַוויזנ, צומ אַלעמ ערשטנ, דעמ קאָלעקטער, האָט דער קאָלעקטער
זיכ גאָרניט געקאָנט אָנקוקנ אינעמ קסאַוו אונ אינעמ לאָשנ אונ אינ
דער מעליצע! אונ ער האָט געשענקט דעמ „קונדאַס" אַזאַ קניפּ אינ
באַק, אַז ס'איז געבליבנ שטיינ אַ בלויער סימענ.

— איר ווייסט גאָרניט, רעב נאָכעמ, וואָס פאַר אַ פּיירע דאָס
איז! שטראָפ מיכ גאָט, אויב איר ווייסט! פונ אימ וועט עפּעס אויס־
וואַקסנ! אָט וועט איר זענ, וואָס פונ אימ וועט אויסוואַקסנ!... קומ
נאָר אַהער, דו שייגאַץ אײנער, לאָמ איכ דיר שענקענ כאָטש נאָכ אַ
רעכטנ קניפּ אינ דײַנע רויטע פּאָמפּעשקעס, אַ רועכ אינ דײַנ פּאָרנט
אונ מיטנ אַרײַנ!

46. די געראָטענע איידעמס

דער „מיראָוואָי סודיאַ", אַ גוי, זאָגט מוסער די ייִדנ. — לייזער־יאָסל אונ מאַגידאָוו. — צאַצקעוואַטע איידעמס. — טויזנט בלאַט געמאָרע אויסנווייניק.

נאָכנ „קאָלעקטער" זײַנענ אָפּטע אַרײַנגייעריס צו נאָכעמ ראַבי־
נאָוויטשנ געווענ די „געראָטענע איידעמס", די עמעסע זײַדענע יונ־
געלײַט, די צאַצקעס, די אינטעליגענץ פונ שטאָט.

איטלעכע שטאָט מיט אירע האָסאָנעס אונ מיט אירע מאָדעס. אינ
פּערעיאַסלעוו איז געווענ אויכ יענער צײַט אַ מאָדע — איידעמס. בײַ
די האָרטיקע באַלעבאַטימ איז דאָס געווענ אַ מינ ספּאָרט, וואָס בײַ
האָט זיכ דערופּ אויסגעבראַכט, זיכ געלאָזט קאָסטנ געלט, אַבי צו
קריגנ אַ רעכטנ איידעמ. באַצויגנ האָט מענ די סכוירע מײַנסטנס פונ
דער פרעמד. זעלטנ ווער עס האָט אַ שידעכ געטאָנ אינדערהיימ.
סײַדנ אַזעלכער, וואָס האָט ניט צו באַצאָלנ. ווער אָבער עס האָט גע־
קאָנט אונ געוואָלט געבנ נאַדאַנ, דער האָט זיכ געבראַכט צו פירנ
פונ דער ליטע אָדער פונ פּוילנ אַנ איידעמל אַ צאַצקע, יעדער נאָכ
זײַנ גוסט, נאָכ זײַנ פּאַסאָנ, נאָכ זײַנ האַסאָגע אונ נאָכ זײַנ פאַרמעגנ.

לעמאָשל, דער פעטער פיניע האָט זיך געבראַכט אנ איידעמל דאָפקע ניט פונ ווײַט, פונ לובענ, א יונגערמאַנ א בענטוירע, א רובניעס, וואָס האָט ניט געוווּסט קיינ צוראַס מאַטבייע. די מומע כאַנע פאַר איר שיינער טאָכטער האָט אַראָפּגעבראַכט אנ איידעמ פונ יאַגאָטינ, א פאַרשוינ, אז מע האָט געמעגט אימ אָנקוקנ אַפ בילעטנ! ניט קיינ איבעריקער כאָכעמ אונ ניט קיינ גרויסער לאַמדנ, דערפאַר א פאַרשוינ! שאַבעס נאָכ דער כאַסענע, אז מע האָט געפירט דאָס פאָרל אינ שול אונ פונ שול, האָבנ יידנ אונ ווײַבער געשטופּט זיכ קאָפּ אפ קאָפּ, אײַנגעקוקט זיכ אונ באַוווּנדערט אונ געשאַצט, ווער פונ די צוויי איז שענער? אונ האָפקע הויכ אפ א קאָל. אייניקע האָבנ געזאָגט, אז זי איז שענער, אנדערע האָבנ געהאַלטנ, אז ער איז שענער. דער „ער" מיט דער „זי" האָבנ דאָס ביידע געהערט, זיכ פאַרויטלט אונ דערפונ געוואָרנ נאָכ שענער. מער האָבנ די עלטערנ ניט געדאַרפט, אבי זיי האָבנ אויסגענומענ, זייער סכוירע איז געפעלנ, אונ די שטאָט רעדט פונ זיי. וואָס נאָכ דאַרפ מענ האָבנ צו פאָפּוליאַ-ריטעט?.. אָפּטמאָל האָט זיכ געמאַכט, אז מע האָט זיכ געשלאָגנ פאַר איידעמס. דאָס הייסט, מע מיינט ניט, כאָלילע, זיכ געשלאָגנ מיט שטעקנס. געשלאָגנ הייסט — מעכוטאָנימ האָבנ זיכ געקריגט אונ געזידלט, ווער עס האָט א שענערנ איידעמ. מעכוטענעסטעס האָבנ זיכ געשטעלט פײַגנ, אונ עס איז טאַקע דערגאַנגענ אמאָל צו פעטש אויכ, אונ ראַמאַנאָווסקי דער „מירעזשאָוואַי סודיא", א גוי א כאַרוצ, וואָס פאַרשטייט יידיש, האָט זיי געזאָגט מוסער... פאַרט א גוי! ווי קאָנ א גוי פאַרשטיינ דער טײַנעג פונ פירנ אנ איידעמ שאַבעס אינ שול אַרײַנ, אַוועקזעצנ אימ אינ זײַנע נײַע בעגאָדימ פונ קאָפּ ביז פיס גאַנצ אויבנאָנ אינ מיזרעכ, אפ דער אויסשטעלונג, אימ אָפּגעבנ מאַפטער, אונ ער זאָל אַרופגיינ אפ דער בימע אונ אָפּקלינגענ א האַפטוירע, אז ס'זאָל קנאַקנ, אונ די ווײַבער פונ עזרעס-נאָשימ זאָלנ זיכ שטופּנ דורכ די פענצטערלעכ: „ווו איז ער? ווו?".. ניינ, דאָס וועט א גוי קיינמאָל ניט פאַרשטיינ, ער מעג זײַנ דער גרעסטער כאָכעמ אינ דער וועלט!

מערסטנטיילס אָבער איז דער האָזיקער אַרטיקל געווענ אַזאַ מינ, וואָס ווערט גיכ אָפּגענוצט, טוט א גלאַנצ אונ ווערט וואָכעדיק, ווי

יעדער מינ סכוירע, וואָס הייבט אָנ ווערנ אַלט אָדער גייט אַרויס פונ דער מאָדע. א יאָר, צוויי יאָר — אונ דער געוועזענער איידעמ, די צאַצקע, דער נעכטיקער פּרינצ, ווערט א ייִד גלײַכ מיט אַלע ייִדנ, עס הייבט זיכ אימ אָנ אויסשיטנ א בערדל, אונ ס'איז צו זענ, ווי ער הייבט אָנ צו טראָגנ אַפּ זיכ דעמ עול פונ פּאַרנאָסע. א ראַכמאָנעס צו קוקנ, וויאַזוי דער געוועזענער איידעמ, דער נעכטיקער פּרינצ, וואָס איז, דאַכט זיכ, ערשט פאַראַכטאָגנ שאַבעס געשטאַנענ אינ בעסמעד־רעש אינ מיזרעכ אַפּ דער אויסשטעלונג, האָט אָפּגעטראָטנ מעכילע דעמ אויבנאָנ א נײַעמ איידעמ, א צאַצקע, א נײַעמ פּרינצ, אונ ער קוקט אַפּ אימ אונ ער איז אימ מעקאַנע, אונ זײַנ יונג ווײַבל, וואָס איז ערשט אָט דאָ ניט לאַנג געווענ א קעניגינ, שטופּט זיכ מיט אַלע ווײַבער גלײַכ צו עזרעס נאָשימ אַהינ, צומ פענצטערל: „ווו איז ער? ווו?“... אָט אַזוי איז אַלצדינג אַפּ דער וועלט. מיר וואָלטנ דאָ באַדאַרפט זאָגנ: „דור הולכ ודור באַ“,* אונ עס וואָלט געווענ א יוישער אַרײַנצולאָזנ זיכ א ביסל אינ לעבנס־פילאָזאָפיע, נאָר מיר האַלטנ בא די געראָטענע איידעמס, גייענ מיר דעריבער אונדזער וועג.

צוויי אַזעלכע געראָטענע איידעמס זײַנענ געווענ, קאָנ מענ זאָגנ, אָנ אויסנאַמ פונעמ קלאַל איידעמס, אונ זיי זײַנענ דעריבער פאַרבליבנ אינ דער שטאָט פּערעיאַסלעוו מיטנ גאַנצנ גלאַנצ אַפּ א לאַנגער, לאַנגער צײַט נאָכ זייער כאַסענע, ניט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלע אַנדערע איידעמס, אונ ניט אַרויס אַזוי גיכ פונ דער מאָדע. איינער האָט געהייסנ ליוזער־יאָסל, דער אַנדערער — מאָטיהאָוו. דעמ ערשטנ האָט אַראָפּגעבראַכט פונ קאָרסונ א נאָגיד א לעדער־הענדלער, וואָס האָט געהאַט ניט קיינ איבעריק שיינע טאָכטער אונ האָט אָבער געקאָנט רעכט באַצאָלנ. דעמ אַנדערנ האָט אויסגעשריבנ פונ דער ליטע ערגעצ א נאָגיד א ליוועראַנט, וואָס שטעלט צו פערד אינ „קאַזנא“, אונ אימ געגעבנ ביידע זאַכנ: אי א שיינע טאָכטער, א געזונטע שטיק, אי היפּשלעכ נאַדאַנ, אַכוצ מאַטאָנעס אינ קעסט אונ וואָס איר ווילט. אונ אַז מע האָט זיי אַראָפּגעבראַכט, האָט געקלונגענ די שטאָט, מאַמעש געגאַנגענ „כאָראָשאָ“! כאַסענעס זײַנענ געווענ אַזעלכע, וואָס ליגנ אַר־

* „דור הולכ ודור באָ“ — איינ דאָר גייט אַוועק אונ דער אַנדערער קומט. — ר ע ד.

איאָמ אין טאַמ און זײַנען אַ לאַנגע צײַט ניט פֿאַרגעסן געוואָרן. מע האָט גערעדט פֿון זיי נאָכדעם אין שטאָט און אויסער דער שטאָט און אין אַנדערע שטעט אַרום און אין דער גאַנצער סוויווע. אַ קלייניקייט, וואָס די צוויי כאַסענעס האָבן אָפּגעקאָסט!.. אויב די טעכטער זײַנען געווען גליקלעך אָדער ניט — דאָס איז זיך אַ באַזונדערע זאַך. אַפֿ וויפֿל אונדז איז באַוווסט, האָט איינע פֿון זיי זיך געגעט מיט איר מאַן שוין דער נאָכדעם, אַז זי האָט געהאַט פֿון אים אַ מאַטאָנע — עטלעכע קינדערלעך, — און זי איז אַוועק קיין אַמעריקע... די אַנדערע — דער מאַן אירער איז, דאַכט זיך, אָדער אַ מעלאַמעד, אָדער אַ שאַדכן, אָדער ביידע זאַכן אינאיינעם, פֿאַר זיכער איז שווער צו זאָגן, נאָר אַז ער איז אַן אָרעמאַן — דאָס איז געוויס. מיר ריידן אָבער ניט פֿון איצט. מיר ריידן פֿון דעם, וואָס איז געווען אַמאָל, מיר ריידן פֿון דעמאָלט! דעמאָלט זײַנען די פֿאָטער און מוטער, די שווער און שוויגער, הייסט עס, געווען אַפֿן זיבעטן הימל! איינע פֿאַר דער אַנדערער האָבן זיך די שוויגערס באַרימט מיט די „מעציִעס“, וואָס זיי האָבן אײַנגעהאַנדלט. איינע האָט זיך אַרויסגערעדט פֿאַר די ווײַבער, אַז זי האָט געבראַכט אַ פֿאָרוויכעסל אין שול אַרײַן, האָט די אַנדערע זיך אויסגעדריקט נאָך שאַרפֿער, אַז זי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ סייפֿערטוירעלע אין אָרנקוידעשל אַרײַן (צוליבן פֿאָרוויכעסל מיטן סייפֿערטוירעלע איז שוין דער אָרנקוידעש געוואָרן באַ איר „אָרנקוידעשל“...).

און באַרימען זיך האָבן זיי געמעגט. זיי האָבן געהאַט מיט וואָס. לייזער-יאָסל איז געווען אַ אַיליי: אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געקענט — אַזוי האָט מען געשמועסט — טויזנט בלאַט גמאָרע באַל-פּע; 1000 — ניט קיין 999! פֿון טאַטאַכ שמועסט מען ניט. הײַנט אַ באַל=לאָשנקוידעש, און אַ באַלמײַליץ, און אַ קאַסוועראַבע, און אַ ברען, אַ לעץ, אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק... בעסאָד האָט מען אַפּילע אונטערגעשמועסט, אַז ער איז אַ ביסל „געכאַפּט“: פֿאַרקנייטשט דאָס האַוונען, האַלט ניט פֿון טאַנייסים, טראָגט דאָס נאָזטיכל צום שאַבעס, שרעקט זיך ניט איבער פֿאַר אַ נעקייווע — און נאָך אַזעלכע זאַכן האָט מען געקאָנט האָרכן באַם פֿעטער פֿיניע אין שטוב, לעמאָשל. דאָס איז אָבער אַלצדינג געווען באָטל אַקעגן די טויזנט בלאַט גמאָרע אויסווייניק.

דער צווייטער איידעמ, מאגיחאָוו, איז אויכ געווענ א אילוי, אויכ טויזנט בלאַט גמאָרע אויסווייניק—1000, ניט קיינ 999 — און אויכ א באַלטאַנאַכ און א באַלדיקדוק און א באַל־לאָשנקוידעש און א שיינער באַלהאַבאָרע, נאָר שוינ ניט קיינ לעצ און ניט קיינ פאַרשלעפּטע קרענק, ווי לייזער־יאָסל. אדרבא, שוינ א ביסל צו א באַקרענ, צו א טיפער פאַרדרייטער מויעכ. אַלצדינג, וואָס איר זאָלט ניט זאָגנ, איז פונקט קאַפּויער. א שטיק אַקשנ — א „ליטוואַק״!

פאַרשטייט זיכ, אַז נאָכעמ ראַבינאָוויטש האָט ניט דערלאָזט אַזא טײַערע געלעגנהײַט, אַז די דאָזיקע געראָטענע איידעמס זאָלנ פאַרהערנ זײַנ קליינעמ באַל־טאַנאַכ און זונ, ווי דער יִמאַכשמויניק שאָלעמ שרײַבט לאָשנקוידעש. ביידע איידעמס האָבנ געפונענ, אַז דער יִמאַכשמויניק איז טאַקע א יִמאַכשמויניק, און מע טאָר אים ניט לאָזנ גיינ לעבעדיקער. מע דאַרפ זענ פאַר אים עפּעס א „טאַבלעס״, מאַכנ דאָס קינד פאַר א „מענטשנ״. איינער פאַרנ אַנדערנ האָבנ זיי אים אָפּגעלויבט אינ טאָג אַרײַנ, געזאָגט, אַז „מע קאָנ גאָר ניט וויסנ, הערט איר, וואָס פונ דעמ יִמאַכשמויניק קאָנ אַמאָל זײַנ״... און דער קאַלעקטער מיט די שוואַרצע ברילנ, וואָס רײַבט זיכ־אַרומ יונגעלײַט, האָט אויכ צוגעבאַמקעט, אַז ער זאָגט שוינ לאַנג, אַז מע קאָנ גאָר ניט וויסנ, וואָס פונ דעמ „שייגאַצ״ (א קוועטש אויפ דעמ „אַצ״) קאָנ אַמאָל זײַנ... און דער יִמאַכשמויניק, אָדער דער שייגאַצ, וואָס איז געשטאַנענ דערבײַ, האָט דאָס אַלצדינג געהערט, און די נעשאָמע האָט אים געצאַפּלט, און דאָס האַרצ איז אים געוואַקסנ, און דער קאָפּ האָט זיכ אים געדרייט, ווי בײַ איינעמ, וואָס קלעטערט אויפ א גאַנצ הויכנ לייטער, און מענטשנ שטייענ אַרומ אים און זענ, ווי ער קלעטערט גוט, און גיבנ אים אונטער הייצ און מאַכנ אים קוראַזש. א קליינ־קײַט, אַזעלכע מענטשנ לויבנ אים, זאָגנ, אַז „מע ווייסט ניט, וואָס פונ אים קאָנ אַמאָל זײַנ!״... און דער טאַטע — שמועסט מענ ניט. יענער איז געווענ אויפנ זיבעטנ הימל! יעדער זיפּצ פונדעסטוועגנ האָט אַרויסגעריסנ א שטיקל האַרצ. דאָס זיפּצנ האָט באַדאַרפט זאָגנ: „איכ ווייס אַליינ, אַז מע קאָנ גאָר ניט וויסנ, וואָס פונ דעמ יִמאַכשמויניק קאָנ אַמאָל זײַנ; נאָר גיט מיר אַנ אייצע, ייִדישע קינדער, וואָס טוט מענ מיט אים? ווי אַזוי מאַכט מענ אים פאַר א „מענטשנ?״ אדרבא, גיט עפּעס אַנ אייצע״...

און עס האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט אים געגעבן אַן אייצע, אַ שאַרפֿע, אַ ראַדיקאַלע, גאָר אַ רעכטע אייצע — און אים האָט דער טאַטע געפֿאָלגט. דאָס איז געווען איינער פֿון די ערשטע פּערעיאַסלעווער אינטעליגענטן מיטן נאָמען „אַרנאָלד", אַ יונגערמאַן אַ פֿילאָזאָף פֿון הינטער דער שטאָט, פֿון די אַזוי גערופֿענע „פּידוואָר־קעס". אים שענקען מיר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

47. אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס

די פֿאָרשטאָט פֿון פּערעיאַסלעוו. — אַרנאָלד אַן אַפּיקורס. — יציאַס מיצרַיִם אַ לעגענדע. — וואָס דרעפּער זאָגט אַפֿן ראַמבאַם. — ראַבינער־שול און גימנאַזיע.

קימאַט יעדע שטאָט פֿון דער געבענטשטער „טשערטאַ" האָט זיך איר פֿאָרשטאָט, איר „סלאָבאָדקע", וואָס איר באַפֿעלקערונג באַ־שטייט מער פֿון גוים איידער פֿון ייִדן און די ייִדן, וואָס זיצן דאָ, זײַנען ניט די ייִדן, וואָס אין שטאָט. אַן אַנדער טיפּ ייִדן. זיי זעען אויס מער דאָרפֿיש, זײַנען ניט אַזוי פּיפּיק, ווי די שטאָט־ייִדן, אַ ביסל פֿאַרגרעבט, טראָגן גרויסע שטיוול. שמעקן מיט פֿעלץ. אַנשטאָט „גענוג" זאָגן זיי „האָדי". לאַכן לאַכן זיי הויך און מיט אַ קאָמע: כאָ־כאָ! און די „רייש" — ריידן זיי אַרויס האַרט, ווי צוויי רייש, אָדער נאָך מער. „ררעבע! דער פֿעטער מאָרדכע האָט אײַך גערופֿן אַפֿן בורים"...

אין דער געגנט פֿון פּערעיאַסלעוו געפֿינט זיך אַזאַ מין סלאָבאָד־קע, וואָס איז אָפּגעטיילט פֿון דער שטאָט מיט אַ הילצערנעם בריק און מיט אַ טײַכל, און רופֿן רופֿט זיך עס מיטן נאָמען אַף ייִדיש: „די פּידוואָרקעס". דאָס איז אַן ערטל מיט אַן אַנדער אויסזען, מיט אַן אַנדער אַטמאָספֿערע. אַהין גייט מען זיך דורך אַמאָל, אַז מע האָט צײַט, כאַפּן פֿרישע לופֿט, ווײַל דאָרטן זײַנען דאָ סעדער, דאָרט וואַקסט גראָז. אַהין גייען שפּאַצירן שאַבעס באַטאָג ייִנגלעך און מיידלעך. דאָס הייסט, ניט כאָליע ייִנגלעך מיט מיידלעך אייניי־

נעמ — ייִנגלעכ באַזונדער און מיידלעכ באַזונדער. נאָר ס'איז שוינ בעסמיילע, אז מע באַגעגנט זיכ איבער דעמ בריק גייענדיק, שטעלט מענ זיכ אָפּ, כאַפּט מענ א קוק, וואַרפּט מענ זיכ דורכ מיט א וואָרט. אַמאָל טוט מענ זיכ א שאַר אויכ, א ריר־אָנ איינס דאָס אַנדערע מיטנ עלנבויגנ, און דער באָכער מיטנ מיידל ווערנ רויטלעכ, יונגע הערצ-לעכ קלאַפּנ... פונ עטלעכע מאָל אַזוי באַגעגענענ זיכ אויפ די „פּידוואָר-קעס" הייבט מענ אָנ זיכ איבערשרײַבנ בעסאָד־סוידעס מיט בריוולעכ. און עס פּיקט זיכ אויס אַמאָל א ראָמאַנ. מיט וואָס אָט אַזאַ ראָמאַנ ענדיקט זיכ — דאָס וועלנ מיר האָבנ א געלעגנהייט זענ ווײַטער. דערווײַל האַלטנ מיר נאָכ בײַ „אַרנאָלדנ פונ די פּידוואָרקעס", און אָט מיט אימ ווילנ מיר זיכ דאָס באַקענענ.

דאָרט, אויפ די „פּידוואָרקעס" האָט נאָכעמ ראַבינאָוויטש געהאַט א באַקאַנטנ און א גוטנ פרײַנד מיטנ נאָמענ „בעניאָמינ־קאַלמענ פונ די פּידוואָרקעס". אַמאָל, שוינ גאַנצ לאַנג, האָט בעניאָמינ=קאַלמענ פונ די פּידוואָרקעס געהאַנדלט מיט בעשוטפעס מיט נאָכעמ ראַבינאָ-וויטש, אײַנייִנעמ „געגרוזעט" באַרקעס און בערלינעס קיינ קעניגסבערג און קיינ דאַנציק. די לעצטע צײַט איז ער א ביסל אַראָפּ, אָנגעווירנ דעמ גלאַנצ, געהאַנדלט קליינ, געטאַנגענ האָרט בײַ די ווענט. נאָר די גוטפרײַנטשאַפט פונ די געוועזענע שותפים איז פאַרבליבנ די זעלבע, וואָס אַמאָל. ער איז אָפט אַרײַנגעקומענ א ביסל זיצנ און שמועסנ. געשמועסט האָט, אייגנטלעכ, בעניאָמינ-קאַלמענ. ער האָט ליב געהאַט ריידנ. צומיינסנטס — דערציילנ מײַסעס פונ זײַנ ייִנגערנ ברודער אַרנאָלד. „מײַנ אַרנאָלד! ווו האָט איר נאָכ אַזאַ קאָפּמענטש ווי מײַנ אַרנאָלד? אַזאַ קענער, ווי מײַנ אַרנאָלד? אַזאַ ערלעכנ מאַנ, ווי מײַנ אַרנאָלד? וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר אַנ אַרנאָלד דאָס איז! שוינ איינמאָל אַנ אַרנאָלד!"... און אַזוי ווײַטער.

ניט נאָר דער ברודער בעניאָמינ=קאַלמענ — אַלע האָבנ גערעדט פונ אַרנאָלדנ. „אַרנאָלד פונ די פּידוואָרקעס" איז געווענ א מינ העלד אינ שטאָט. ערשטנס, א באַראָרטער באָכער, אָדער אַנ אַלמענ, און עפּשער א גאָרוש, נאָר סײַוויסײַ — אָנ א ווײַב. א ייִד אָנ א ווײַב איז דאָכ גלאַט א זעלטנהייט. אַכוצ דעמ איז ער א נאָטאַריוס. א ייִד א נאָטאַריוס — דאָס איז דאָכ שוינ אַוודאי א זעלטנהייט! איר האָט

עפּעס אַ סאַך געזעסנ יידישע נאָטאַריוסנ בא אונדז? דאָס הייסט, ער איז נאָך דערווײַל ניט קיינ נאָטאַריוס, נאָר ער וועט זײַנ א נאָטאַ־ריוס. וואָרעמ ער שטודירט אַפ נאָטאַריוס. ער שטודירט שוינ פונ לאַנג. ער דאַרפ נאָר אָפּגעבנ „עקזאַמענט", אַזוי ווערט ער באַלד א נאָטאַריוס. סײַדנ ער וועט ניט אָפּגעבנ דעמ „עקזאַמענט". נאָר פאַר־וואָס זאָל ער ניט אָפּגעבנ? „ער וועט געוויס אָפּגעבנ, — אַזוי זאָגט בעניאָמינ־קאַלמענ, — אונ ער וועט געוויס זײַנ נאָטאַריוס, ס'איז נאָר ניטאָ וואָס צו ריידנ. איר שפּילט זיך מיט מײַנ אַרנאָלדנ?"...

וואָס א נאָטאַריוס איז — דאָס ווייסנ אַלע, אונ שאָלעמ אויכ. פאַראַנ אינ פּערעיאַסלעוו א נאָטאַריוס, איז ער א גוי אונ הייסט נאָ־וואָ. נאָוואָ דער נאָטאַריוס. נאָר וואָס הייסט „אָפּגעבנ עקזאַ־מענט" — דאָס ווייסט ער שוינ ניט. וואָס דאַרפ ער אָפּגעבנ אונ וועמענ דאַרפ ער אָפּגעבנ, אונ ווי אַזוי גיט מענ דאָס אָפּ „עקז־זאַמענט" — דאָס זײַנענ פונ די זאַכנ, וואָס מע הערט פונ זיי אונ מע רעדט זיי נאָך, נאָר מע זאָל פאַרשטיינ, וואָס דאָס איז — דאָס ניט. לעמאָשל, אַפ אַרנאָלדנ פונ די פּידוואָרקעס זאָגט מענ, אַז ער שרײַבט אינ די גאַזעטנ. אונ אַז די גאַנצע שטאָט סײַ יידנ סײַ קריסטנ, האָבנ מורע פאַר אימ, ער זאָל זיי ניט באַשרײַבנ אינ „קיִעווליאַנינ". פאַרשטייט ניט שאָלעמ, ערשטנס, וואָס האָבנ זיי מורע? אונ צווייטנס, ווער איז געוועזנ דער „קיִעווליאַנינ?" ער הערט אַלע זאָגנ,—זאָגט ער נאָך, אַז אַלע ציטערנ פאַר אַרנאָלדנ, פאַר זײַנ מויל אונ פאַר זײַנ פּענ, ווי פאַרנ מאַלכאַמאָוועס. אויסבאַהאַלטנ זיך פאַר אימ איז אוממעגלעכ, אונ אונטערקויפנ אימ — פאַרמאָגט קיינער ניט אַזוי פיל געלט. „זיי וועלנ זיך דערשפּילנ! — אַזוי פלעגט בענ־יאָמינ־קאַלמענ זאָגנ מיט א שמייכעלע. — לאָז מײַנ אַרנאָלד נאָר וועלנ זיך פאַצקענ די הענט, אַזוי באַשרײַבט ער זיי אינ „קיִעווליאַ־נינ" פונ קאָפּ ביז די פיס אַלעמענ, לאָזט ניט איבער איינעמ ניט קיינ באַשריבענעמ! איר שפּילט זיך מיט מײַנ אַרנאָלדנ?"...

שענער פונ אַלצ איז דאָס — אונ זייער כאַראַקטעריסטיש, -- וואָס אַרנאָלד איז געזעסנ מיט זײַנ ברודער בעניאָמינ־קאַלמענ אַפ די פּידוואָרקעס אונטער איינ דאַכ יאָמימ וועשאָנימ באַרויגזע, ניט אויס־

גערעדט א וואָרט צווישן זיך, נאָר איינער פֿאַרן אַנדערן האָבן זיי זיך געלאָזט די פֿינגער שנײַדן! „מײַן אַרנאָלד...“ „מײַן בעניאָמין־קאַלמען“... קיינער, ניט אף די פּידוואָרקעס, ניט אין שטאָט, האָט געזען אַמאָל גיין די ברידער בײַדע אינאיינעם, אָדער געהערט אויסריידן זיי א וואָרט. אַפֿילו בא איין טיש ניט געזעסן. אַרנאָלד האָט זיך געהאַט בא בעניאָמין־קאַלמענען אין שטוב זײַן כײַהערל, פֿול מיט ביכער און ספֿרים ביז דער סטעליע, און געלעבט זיך גאַנץ אַליין — א מין פּאָרוש. מאָדנע ברידער! א מאָדנער מענטש אָט דער אַרנאָלד!

און דער איז דאָס געווען פֿון די אָפּטע אַרײַנגייער צו נאָכעם ראַבינאָוויטשן. זײַן אַרײַנגיין איז אָבער געווען ניט ווי דאָס אַרײַנגיין פֿון די איבעריקע מאַסקילים. ער איז אַרײַנגעקומען ניט גלאַט פּלאַפּלען, ריידן דוואָרים בעטיילים, נאָר אָדער מיט א בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט געזען, אָדער מיט א בלאַט „קיעווליאַנין“, אָדער מיט א טײַנע צו דער שטאָט און צו אירע רעדלפֿירער. שאָלעם האָט פֿאַר אים געהאַט מער רעספּעקט ווי פֿאַר אַלע אַנדערע. ער איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון אים, געקוקט אים גלײַך אין מויל אַרײַן און אײַנגעהערט זיך, ווי אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס וועט אָפּגעבן דעם „עקזאַמענט“ און וועט זײַן א נאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער אַרנאָלד, וואָס שרײַבט אין „קיעווליאַנין“, נאָר ער וויל זיך ניט פּאַצקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פּאַצקען די הענט, אַז מע שרײַבט אין „קיעווליאַנין“?.. און ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פֿון אַרנאָלדן. דער אַרנאָלד איז אים געפֿעלן. זייער א סימפּאַטישער, אַן אײַנגענומענער פּאַרשוין. ניט קיין גרויסער, א דאַריקער, נאָר א פּעכטער, ווי פֿון שטאָל אויסגעגאָסן. א געל בערדעלע, און דאַפּקע גוט אונטערגעשאָרן, קיין סימען פֿון קיין פּייעס. א קורץ רעקעלע, א דין שטעקעלע, און א צינגעלע — שאַרף ווי א גאָלמעסער! פּעך אין שוועבל! רעדט „על ה׳ ועל משיחו“! לאַכט אָפּ פֿון די כסידים,- מאַכט א טעל פֿון די „פּאַטאַטיקער“. „ערלעך דאַרף מען זײַן — וואָס טויג מיר פֿרומקײַט? איך בין אײַך מוחל אײַער פֿרומקײַט, זײַט בעסער ערלעך!“ — און זײַן שאַרפֿער גיפּטיקער געלעכטער הילכט אָפּ ווײַט־ווײַט!

ווונדערט זיך שאָלעם, וויאַזוי שטעלט זיך אײַן א ייִד אזוי צו רייִדן און אזעלכעס צו זאָגן? אפּאָנעם, אז ער מעג. ארנאָלד פֿון די פּידוואָריקעס מען אלצדינג, וואָרעם ער הייסט ארנאָלד און איז א נאָטאריוס, דאָס הייסט, ער וועט זײַן א נאָטאריוס.

מאכט זיך אמאָל, אז דער פֿעטער פּיניע זיצט אויך דערבײַ און הערט ווי ארנאָלד פֿון די פּידוואָריקעס דארשנט, קוואטשעט ער זיך פֿון געלעכטער און זאָגט: „ארנאָלד! אוי, ארנאָלד, ארנאָלד!" דער פּשאט דערפֿון אפּאָנעם דארף זײַן: „ווי טראָגט אף זיך די ערד אזא ראָשע, ווי דו ביסט?!"... פֿונדעסטוועגן האלט אפֿילע דער פֿעטער פּיניע אויך פֿון ארנאָלדן. איבער זײַן ערלעכקײַט. זײַן ערלעכקײַט האָט א שעם אין שטאָט. א מ ע ש ו ג ע נ ע ר ע ר ל ע כ ע ר! א מענטש, וואָס האָט פֿאר קיינעם קיין מוירע ניט, זאָגט אלעמען דעם ריינעם עמעס -- אין גלײַך אין די אויגן, און דעריקער — ער לאכט זיך אויס פֿון די גווירים, שפּײַט אף געלט! נו, זאָגט שוין איר אליין, וויאזוי האלט מען ניט פֿון אזא מענטשן? האלט אָבער ארנאָלד ניט פֿון אײַך, ניט פֿון קיינעם. לעמאָשל, פֿונעם פֿעטער פּיניען איז ער אויך ניט גיס-פּאָעל. טאָקע א שיינער ייִד מיט א שיינער באָרד, נאָר ארנאָלד האלט ניט פֿונעם פֿעטער פּיניע. ער האלט פֿון זײַן ברודער נאָכעמען א סאך מער. דערפֿאר, זאָגט ער, וואָס נאָכעם ראבינאָוויטש איז א ייִד אָן א מאסקע און ניט קיין פֿארנארישטער כאָסיד; אים קאָן מען זאָגן, וואָס מע וויל, רייִדן ניט נאָר אפֿן רעבן, אפֿילע אף מוישע ראבייִנו. שאָלעם אליין האָט געהערט ארנאָלדן זאָגן דעם טאטן, אז ער, אר-נאָלד פֿון די פּידוואָריקעס, גלייבט ניט אין יעציִעס מיצראיִם! ס'איז א „לעגענדע", האָט ער געזאָגט. די גאנצע מײַסע איז א „לעגענדע". שאָלעם האָט אָפּגעשאצט דאָס וואָרט „לעגענדע", און עס נעמט זיך מיסטאָמע פֿונעם וואָרט „ליגן". א „לעגענדע" הייסט, אפּאָנעם, א קליין ליגנדל. נאָך גוט, וואָס ניט קיין גרויסער ליגן... הערט א שיינס: איינמאָל איז ארנאָלד פֿון די פּידוואָריקעס געקומען צו לויפֿן מיט א גראָבן בוך: „נאט זעט, וואָס דרעפּער זאָגט אף אײַער ראמבאם. *

* ראמבאם — ראָשעטייוועס: רעב מוישע בען מאימאָן („מאימאָניד"). איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע מיטלאלטערלעכע דענקער. זײַן ווערק „מורה

דער ראַמבאַם איז געווען הויף־דאָקטער באַם טערקישן סולטאַן דרייצן יאָר. האָט ער זיך צוליב דעם געשמדט. דרייצן יאָר געווען אַ טערק. אַ ייִער רמב״ם, אַ ייִער „מורה נבוכים״ — וואָס וועט איר היינט זאָגן?״...

אַ גליק, וואָס דער פעטער פיניע איז דערביַי ניט געווען! ווײ־ווײ, וואָס וואָלט געווען, אַשטייגער, ווען דער פעטער פיניע זיצט דערביַי?..

פאַר נאָט דעם כעוורעמאַן האָט זיך, אַפּאָנעם, שאָלעמס פאָטער באַרימט מיט זיין זונס שרייבעכצן, און מיט אים, אַפּאָנעם, זיך אָנ אייצע געהאַלטן, וואָס טוט מען מיטן קינד, וויאַזוי מאַכט מען אים פאַר אַ „מענטשן״? שאָלעם איז אָנגעקומען אָפּ די דאָזיקע רייד פון אָרנאָלדן:

— די שרייבעכצן זיינע ביז איך אַיך מוֹיכל. נעמט וואַרפט זיי אַרויס אָפּן מיסט. אַזעלכע שרייבעכצן זיינען ניט ווערט דאָס פּאַפּיר. און דעם קליינעם, אויב איר ווילט אים מאַכן פאַר אַ מענטשן, נעמט און גיט אים אַוועק אין דער „אוייעזדנע״. פון דער „אוייעזדנע״ זיי־נען פאַר אים דערנאָך אַלע וועגן אָפּן: ווילט איר אין ראַבינער־שול— איז אין ראַבינער־שול. ווילט איר אין גימנאַזיע — איז אין גימ־נאַזיע...

מיט שאָלעמס אַריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן. און דער גאָנס אָרנאָלדס קריטיק איבער זיינע „שרייבעכצן״ איז געווען פאַרן יונגן שריפטשטעלער עפּעס גיט אַזוי פריילעכדיק, און אָן אָרט האָט מען זיי אַוועקגעגעבן עפּעס ניט אַזאַ בעקאַוועדיקס (אָפּן מיסט), פאַרשטייענדיק איז שאָלעם געוואָרן אָט דעם אָרנאָלדן פון די פיר־וואָרקעס דער גרעסטער גוטער פריינט — נאָר פאַרן וואָרט „גימנאַ־זיע״, וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויערן ווי די שענסטע מוזיק און געהאַט דעם זיבעטן כיין ביי אים אין די אויגן. ניט אַזוי נאָך דאָס וואָרט גימנאַזיע, וואָס ער האָט נאָך, אייגנטלעך, ניט געוווּסט, מיט וואָס מע עסט דאָס, ווי דאָס וואָס ער וועט זיין אַ „גימנאַזיסט״! אַ קלייניקייט אַ גימנאַזיסט? אַ גימנאַזיסט האָט ער געוווּסט, געקענט,

---

נבוכים״ („וועגווייזער פון די פאַרבלאָנדזשעטע״) האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אָפּ דער אַנטוויקלונג פונעם בורזשואַזן פרייַדענקער אין דער ייִדישער סוויווע. — ר ע ד.

געזעענ מיט זײַנע אויגנ. דאָס איז געווענ דער איינציקער ײדישער גימנאַזיסט אינ פּערעיאַסלעוו. אונ ניט קיינ גימנאַזיסט, נאָר א „גימ־זיסטל" מיט ווײַסע זילבערנע קנעפּלעך אונ מיט א זילבערנער צאַצקע אפנ קאַשקעטל. אונ געהייסנ האָט ער אויך שאָלעמ, נאָר גערופנ האָט מענ אימ סאָלאָמאָנ — א ײנגל גלײַך מיט אלע ײנגלעך, נאָר פאָרט ניט גלײַך, פאָרט א „גימנאַזיסטל", גאָר אנ אנדער מינ באַשעפעניש, ווי מיר וועלנ דאָס באַלד ארויסזענ. דערווײַל האַלטנ מיר נאָך בײַ דער אײַצע, וואָס ארנאָלד פונ די פּידוואָריקעס האָט אופגעגעבנ. ער האָט מיט זײַנ אײדיי ארײַנגעלאָזט א גריל, אונ פונ דעמלט אָנ האָבנ די ווערטער „קלאַסנ", „עקזאַמענט", „ראַבינער־שול", „גימנאַזיע", „דאָקטער" זיך באַזעצט בײַ די ראַבינאָוויטשעס אינ שטוב. פונ וואָס מע זאָל ניט רײדנ, איז מענ ארופ אפ איינס פונ די אויבנ דערמאָנטע ווערטער. איטלעכער האָט געהאַט וואָס צו דערציילנ א שיינס: וויאַזוי אנ אָרעמבאָכער פונ דער יעשיווע האָט זיך אוועקגעלאָזט א באָרוועסער קיינ זשיטאָמיר אינ דער ראַבינער־שול... וויאַזוי א מעלאַמעדס א ײנגל, א ליטוואַק, איז פאַרפאַלנ געוואָרנ אפ עטלעכע יאָר, געמיינט, ער איז אינ אמעריקע. צומ סאָפ לאָזט זיך אויס, אז ער האָט אָפגעגעבנ „עקזאַמענט" אפ אלע אכט קלאַסנ גימנאַזיע אונ איצט שטודירט ער, זאָגט מענ, אפ דאָקטער. דאָס קאָנ נאָר א ליטוואַק!

— שאַט! וואָס דאַרפט איר א סאַך? אמער נעמט אונדזער יאַנקל דעמ רויפעס זונדל. וויפל, מיינט איר, גייט אימ אָפעט צו ווערנ א דאָקטער?

— פאָלג מיך א גאַנג! עס דאַרפ נאָך אוועקגיינ א יאָר מיט א מיטוואָך ביז יאַנקל דעמ רויפעס זונדל וועט אמאָל זײַנ א דאָקטער...

יאַנקל דעמ רויפעס זונדל — דאָס איז דער גימנאַזיסט, אָדער „גימנאַזיסטל סאָלאָמאָנ", וואָס איז דערמאָנט בײַ אונדז אויבנ, אונ פונ אימ גייענ מיר דערציילנ אינ קומענדיקנ קאַפּיטל.

48. גימנאזיסטל סאָלאָמאָן

יאנקל דעם דאָקטערס זונדל א גימנאזיסטל. — ער איז אים שרעקלעך מעקאַנע — דער ווייס-קעלער „יוזשנאהא בערעגא“.— ווימאָראַזיק פון ראָזינקעס. — „צערקאָווניע קאָשער לעפּייסעך“.

עס זײַנען געווען אין פּערעיאסלעוו עטלעכע דאָקטוירים, און יעדער מיט זײַן צונעמעניש: דער גראָבער דאָקטער, דער הארבאטער דאָקטער, דער שווארצער דאָקטער. די אלע דאָקטוירים זײַנען געווען קריסטן, און נאָר איין דאָקטער איז געווען א ייִד, אז דאָס — ניט קיין גאנצער דאָקטער, א האלבער דאָקטער — יאנקל דער רויפע. געהאלטן האָט ער זיך אָבער, ווי א גאנצער דאָקטער. געטראָגן א טענדעווערענדע, פארשריבן א רעצעפּט און אָנגערופן אים דאפּקע היזיכ און דאפּקע אַפּ לאטײַן:

— איר וועט מוחל זײַן אײַנעמען אלע צוויי שאָ אַן עס-לעפל „קאלי בראָמאלי“, און אלע דרײַ שאָ א טיי-לעפעלע „נאטרי בראָמאטרי“, וועט אײַך מאָרגן ווערן בעסער. און אז ס'וועט ניט ווערן בעסער, וועט אײַך ווערן ערגער, וועט איר מיך רופן, וועל איך קומען נאָכאמאָל...

די שטאָט האָט ליב געהאט יאנקל דעם רויפע א סאך בעסער, ווי אלע דאָקטוירים. דערפאר, וואָס מיט יאנקל דעם רויפע קאָן מען זיך דורכשמועסן, געווירע ווערן, פונוואנען נעמט זיך דאָס, וואָס סע שפּארט אונטערן לעפעלע? און וואָס איז דער סייכל, אז מע האָט א רעמאטיז אין א פוס, זאָל מען טרינקען טראָפּן? וואָס פאר א שײַכעס האָט א מאָגן מיט א פוס? — און נאָך אזעלכע זאכן. היינט האָט ער אײַך א מײַלע — ער דינגט זיך ניט. ער נעמט. וויפל מע גיט אים. קוקט גאָר אפילע ניט. ער שארט נאָר מיט די פינגער עטלעכע מינוט און טרעפט שוין אין דער פינצטער, וואָס פאר א מאטבייע מע האָט אים ארײַנגערוקט. אויב ס'איז אַן אָפּגעריבענער דרײַער, וואָס האָט ניט קיין שום ווערט, גיט ער אײַך אָפּ צוריק און זאָגט, אז מע האָט געאָרנט. ווערט אײַך איבער דער טעות, גיט איר אים שוין אַן אנדערע מאטבייע.

און נאָך א מײַלע האָט ער: ער לאָזט זיך ריידן און האָט אויב

אַלײן ליב רײדן, דערצײלן מעשׂיות, און צומײנסטנס — פֿון זײַנע קינדער, װאָסערע געראָטענע קינדער ער האָט. אײנער, דער עלטערער, שאָלעם הײסט ער — סאָלאָמאָן — איז ער שױן אַ גימנאַזיסט. ער װעט, אימירצעשעם, ענדיקן די גימנאַזיע און װעט אַרײַן אין אוניװערסיטעט און װעט אַרױס פֿון דאָרטן אַ דאָקטער, אַ פּראַקטישער דאָקטער. טאַקע אַ גאַנצער האָקטער!

— כ׳װאָלט שױן געװען, ס׳זאָל שױן זײַן יאַנקעלע! — זאָגט יאַנקל דער רױפֿע מיט אַ זיפֿץ. — אימירצעשעם, אַז יאַנקעלע קומט ער צו פֿאָרן, מײַן סאָלאָמאָן, װעט איר זען אַ גימנאַזיסטל!..

שאָלעם װאָלט שױן אױך געװען, ס׳זאָל שױן זײַן יאַנקעלע, און ער זאָל אָנקוקן דאָס גימנאַזיסטל, װאָס פֿאַר אַ פּאָנעם האָט דאָס אַ גימנאַזיסטל.

קױם דערלעבט יאַנקעלע, פּייסעך. אָט דאָ װעט ער שױן זען, װאָס הײסט אַ גימנאַזיסטל.

יאַנקל דער רופֿא איז ניט אַזאַ גרױסער האָנער, װאָס זאָל לױפֿן יאַנקעלע אין שול אַרײַן. ער איז דאָך עפּעס אַ דאָקטער! טאַקע נאָר אַ האַלבער דאָקטער, און דאָך אַ דאָקטער, פֿונדעסטװעגן צוליבן זונדל, דעם גימנאַזיסטל, איז ער שױן אױך געקומען אין שול אַרײַן. אַן אױסגעצװאָגענער, אַן אָנגעפּאָמאַדעטער און אַ גליקלעכער. ער זיצט אין שפּיגלבאַנק, אַקוראַט אַקעגן מיזרעך. נעבן אים שטײט זײַן זונדל שאָלעם, אָדער סאָלאָמאָן, אָנגעטאָן אין אַ מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך פֿון אױבן ביז אַראָפּ, מיט אַ מאָדנע היטעלע אױפֿן קאָפּ, אַ היטעלע מיט אַ צאַצקע. אין די הענט האַלט ער אַ קלײן סידערל און דאַװנט, װי אַ געװײנלעכער מענטש און אַלע באַלעבאַטים און אַלע קינדער לאָזן ניט אַראָפּ קײן אױג פֿונעם גימנאַזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך. דאַכט זיך, אַ מענטש גלײַך מיט אַלע מענטשן, אַ יינגל גלײַך מיט אַלע יינגלעך — און פֿאָרט ניט גלײַך: אַ גימנאַזיסטל! און עס רײַסט זיך אַרױס אַ טיפֿער זיפֿץ פֿון האַרצן.

אָפּגעדאַװנט, כאַפּט זיך יאַנקל דער רופֿא נאָך ניט אַװעקצוגײן פֿון שול. װעמען ער דאַרף נאָך זאָגן אַ גוט־יאָנטעװ, װער עס דאַרף אים זאָגן אַ גוט־יאָנטעװ, און דערײַקער װעט דאָך װערן אַ שמועס מיסטאַמע פֿון זײַן זונדל, דעם גימנאַזיסטל, און קאַנאַװע.

— אָט דאָס איז ער, אײַער גימנאַזיסטל, רעב יאַנקל? נא דיר אָפּ שאָלעמ.

אונ מע שטעקט אימ אָפּ שאָלעמ פונ אלע זײַטנ. דאכט זיכ, א יינגל — אונ יידנ מיט בערד גיבנ אימ שאָלעמ־אליכעמ! אנדערע שטעלנ זיכ אָפּ א ביסל שמועסנ מיט יאַנקל דעמ רויפע טאקע פונ זײַנ זונדל: ווו לערנט ער? אונ וואָס לערנט ער? אונ וואָס וועט זײַנ, אז ער וועט שוינ אויסלערנענ? צו וואָס וועט ער זיכ דערלערנענ?..

— צו וואָס וועט ער זיכ דערלערנענ? — זאָגט יאַנקל דער רויפע מיט א געלעכטערל. — ער וועט זיכ שויג דערלערנענ, כע־כע־כע. ער וועט שוינ זײַנ א דאָקטער. טאקע א גאנצער דאָקטער, כע־כע־כע.

יאַנקל דעמ רויפעס זונדל וועט זײַנ א דאָקטער? א גאנצער דאָקטער?! — וואָס־וואָס, נאָר מיט פארנאָסע וועט ער שוינ זײַנ באַוואָרנט... אפילע גרויסע, אלטע יידנ וווּנדערנ זיכ, כאָטש מע פארשטייט ניט, אונ זיי אליינ פארשטייענ ניט, ווער שטערט זיי, לעמאָשל, אז זייערע קינדער זאָלנ זײַנ דאָקטוירימ? קיינער שטערט זיי ניט. נאָר אז זייערע מאַמעס האָבנ זיי גיט געוואָלט מאַכנ פאר דאָקטוירימ וועלנ זיי ניט, אז זייערע קינדער זאָלנ זײַנ דאָקטוירימ. טרייסטנ זיי זיכ דערמיט, וואָס זייערע קינדער וועלנ זײַנ יידנ. אי וואָס — פארנאָסע? עט! „מאנ דיהיב חיי יהיב מזוני“. דער פשאט איז: ווער עס גיט לעבנ, דער וועט געבנ צומ לעבנ, אונ גלײַכ איז בא גאָט... אָט האָט יוזי פינקלשטיינ ניט געענדיקט אפ דאָקטער אונ איז פונדעסטוועגנ — בוצ זײַנ שאָדנ אפ אונדז אלעמענ געזאָגט געוואָרנ כאָטש האלב!..

— איז וויפל, זאָגט איר, רעב יאַנקל, דארפ ער נאָכ לערנענ, אײַער דאָס, אײַער גימנאַזיסטל? — פרעגנ אימ די יידנ, קוקנדיק פונ אויבנ אראָפּ.

— מײַנ סאָלאָמאָנ? — זאָגט יאַנקל דער רויפע אונ גלעט זיכ דאָס בערדל און טאנצט אונטער אפ איינ פוס. — אָ! ער דארפ נאָכ לאנג־לאנג שטודירנ! — אונ ער רעכנט אויס אפ די פינגער, וויפל יאָר ער דארפ נאָכ שטודירנ אינ גימנאַזיע, וויפל יאָר אינ אוניווערסיטעט, אונ דערנאָכ ארבעטנ אינ שפיטאָל אָדער גאָר ארײַנ אינ א „וואָיענע האָספיטאל“, ווערנ „וואָיענע דאָקטער“, דאָס הייסט, קימאט אליינ אָפיצער, מיט פאָלעטנ, כע־כע־כע...

און ס'איז ניטאָ קיינ מער גליקלעכער מענטש אפ דער וועלט, דאכט זיכ, ווי יאנקל דער רויפע, — א קליינ ייִדעלע מיט אנ איינ-געפאלענער נאָז, נאָר מיט געקרײַזלטע, שטארק אנגעפאָמאדעטע האָר אונ מיט א טענדעווערענדע, ווי אנ עמעסער דאָקטער. אונ ס'איז ניטאָ קיינ מער גליקלעכער אפ דער וועלט, ווי אָט דאָס גימנאזיסטל מיט די רויטע בעקלעכ אונ מיט די זילבערנע קנעפלעכ אונ מיטנ מאָדנעמ היטעלע מיט דער צאצקע. ביידע גייענ זיי פונ שול, ארומ-גערינגלט פונ א סאכ באלעבאטימ. ייִדנ רײַבנ זיכ ארומ יאנקל דעמ רויפע. ייִנגלעכ רײַבנ זיכ ארומ זײַנ גימנאזיסטל, ווילנ זײַנ וואָס נענטער. עס דאכט זיכ אויכ, אז ער איז גאָר עפעס אנ אנדער מינ באשעפעניש. ער ש מ ע ק ט ג אָ ר א נ ד ע ר ש...

ניינ, שאָלעמ האָט נאָכ אפ זײַנ לעבנ קיינעמ אזוי ניט מעקאנע געווענ, ווי אָט דעמ גליקלעכנ גימנאזיסטל. „פארוואָס איז ער ניט אפ זײַנ אָרט? פארוואָס איז ער בעסער ניט יאנקל דעמ רויפעס זונ? ער הייסט דאָכ אויכ שאָלעמ... דאכט זיכ, וואָס וואָלט גאָט געארט, אז נאָכעמ ראבינאָוויטש זאָל זײַנ יאנקל דער רויפע, אונ יאנקל דער רויפע, זאָל זײַנ נאָכעמ ראבינאָוויטש?"... ער האָט אימ געזענ נאָכ-דעמ אינ כאָלעמ. ער האָט פונ אימ געכאָלעמט אפ דער וואָר. ער איז אימ ניט ארויסגעקראָכנ פונ קאָפ אפ א מינוט. ער איז געוואָרנ בא אימ א מעשוגאס, א „אידיי-פיקס", דער צווייטער כאימ פרוב-שטיינ... ער האָט אימ מעקאנע געווענ, שטארק מעקאנע געווענ! צוגיינ צו אימ אונ ריידנ האָט ער ניט געהאט קיינ מוט. וויאזוי רעדט מענ דאָס מיט א גימנאזיסטל?.. וויאזוי טרעט מענ צו צו א ייִנגל, וואָס הייסנ הייסט ער שאָלעמ אונ רופנ רופט מענ אימ סאָלאָמאָנ?.. נאָר פארגעשטעלט האָט ער זיכ אינ דער פאנטאזיע, אז ער איז אליינ א גימנאזיסטל, אונ הייסט שוינ אליינ אויכ ניט שאָלעמ, נאָר סאָלאָ-מאָנ, אונ אז ער טראָגט א מונדירל מיט זילבערנע קנעפלעכ אונ א צאצקע אפנ היטעלע, אונ אלע ייִנגלעכ זײַנענ אימ מעקאנע, אונ אלע ייִדנ כידעשנ זיכ: „אָט דאָס איז נאָכעמ ראבינאָוויטשעס זונדל, דאָס גימנאזיסטל?.. אָט דער האָט אמאָל געהייסנ שאָלעמ?"...

מע קאָנ זיכ פארשטעלנ, וואָס פאר א גדולע, וואָס פאר א יאָנטעוו ס'איז געוואָרנ בא שאָלעמענ אינ הארצנ יענעמ טאָג, אז דער

מאַטע האָט אים געגעבנ צו וויסנ, אַז מאָרגנ, אימירצאַשעמ, הייבט ער אָנ גייג אינ די קלאַסנ. ער איז שוינ געווענ, זאָגט ער, בײַמ דירעקטאָר, אײַנגעגעבנ אַ „פּראָשעניע“, דערווײַל אינ „פּריגאָטאָווי-טעלנע“.

— אינ זעקס יאָרנ וועסטו ענדיקנ די „פּריגאָטאָוויטעלנע“, וועסט אַרײַנ אימירצאַשעמ, אינ דער „אויעזדנע“ אונ פונ דאָרטנ, אַז גאָט וועט וועלנ, אינ גימנאַזיע, אונ פונ דאָרטנ נאָכ ווײַטער... בײַ גאָט איז אַלצ מעגלעכ, אַבי זאָלסט נאָר וועלנ זיכ צוסטאַרענ אַ ביסל.

שאָלעמ האָט שיר ניט אַרויסגעלאָזט קיינ קוויטש, — ער זאָל זיכ ניט שעמענ פאַרנ טאַטנ. אַ שפּילע, אויב ער וועט זיכ צוסטאַרענ! ער האָט גאָר ניט געוווּסט אַקוראַט, וואָס איז „אויעזדנע“, ווער איז דער דירעקטאָר אונ וואָס הייסט „פּריגאָטאָוויטעלנע“? ער האָט גוט גע-דענקט, וואָס אַרנאָלד האָט געזאָגט, אַרנאָלד פונ די פּידוואָרקעס. אונ פאַר די אויגנ איז אימ געקומענ יאַנקל דעמ רויפעס גימנאַזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעכ אונ מיטנ מאָדנעמ היטעלע מיט דער צאַצ-קע, — אונ דאָס האַרצ איז אימ געוואָרנ פול, אונ דער קאָפּ האָט זיכ אימ געדרייט, אונ טרערנ, טרערנ פונ פרייד האָבנ זיכ אימ געשטעלט אינ די אויגנ. נאָר ער איז געבליבנ שטיינ ווי אַ סטאַטיק, אַ נעבעכל, וואָס קאָנ קיינ צוויי ניט ציילנ. דער סטאַטיק האָט אָבער אַרויסגע-קוקט אַפ דער מינוט, ווענ ער וועט קענענ בלײַבנ אַליינ, וועט ער זיכ שוינ ראָסקאָשעווענ: ער וועט שענקענ זיכ אַליינ צוויי פּעטש אינ די באַקנ, אָדער אינ ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבנ זיכ אַ וואָרפ אַפ דער ערד אונ איבערקוליענ זיכ דרײַ מאָל הינ אונ צוריק, אָדער אויפשפּרינגענ אַפ איינ פוס ווײַט-ווײַט אונ אויסרופנ מיט אַ ניגונ:

סאָלאָמאָנ! סאָלאָמאָנ!
גימנאַזיסטל סאָלאָמאָנ!..

— אונ דערווײַל גיי, זײַ מויכל, פּאַרוויגנ דאָס קינד, דערנאָכ וועסטו זיכ זעצנ העלפנ האַקנ ראָזינקעס...

דאָס, פאַרשטייט זיכ, זאָגט די שטיפמאַמע. אונ בכדי דעמ לעזער זאָל ניט זײַנ קיינ קאַשע, וואָס איז פאַר ראָזינקעס, וואָס מע דאַרפ זיי האַקנ, באַדאַרפ מענ אימ דאָ געבנ צו וויסנ, אַז ווײַל פונעמ אײַנ-

פאַר אַליין קאָן מען ניט לעבן, האָט נאָכעם ראַבינאָוויטש געעפֿנט א קעלער, א ווײַנקעלער, און אויפֿגעהאַנגען א שילד:

„פּראָדאַזשאַ ראַזניכ ווינ יוזשנאַהאָ בערעגאַ".

ער אַליין טאַקע האָט געמאַכט די ווײַנען פֿון געהאַקטע ראָזינקעס אונטער אַלערליי נעמען, פֿון וועלכע עס געדענקט זיך „ווימאַראַזיק", „כערעס", „מאַדעראַ" און נאָך א סאָרט רויטער ווײַן מיטן נאָמען „ציערקאָווניע קאָשער לעפּייסעכ". דעם סאָרט ווײַן האָבן די קינדער ליב געהאַט מער פֿון אַלע ווײַנען — איבער דעם, וואָס דער „צער־קאָווניע קאָשער לעפּייסעכ" איז געווען זיס און טערפּקע. זײַן זיסקייט האָט זיך גענומען פֿון אַזא מין סיראָפּ, וואָס מע האָט אין אים אַרײַנגעטאָן, און זײַן טערפּקייט האָט געשטאַמט פֿון די קערלעך פֿון די ראָזינקעס. און פֿונוואַנען האָט זיך גענומען זײַן רויטקייט — האָט דער טאַטע געהאַלטן בעסאָד... אַלעמאָל, ווען מע האָט די קינדער געשיקט אין קעלער נאָך א קוואָרט ווײַן, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צום „ציערקאָווניע קאָשער לעפּייסעכ" און אויסגעזשליאָקעט צוויי מאָל אַזוי פֿיל — און פֿונדעסטוועגן האָט זיך געצויגן פֿון דעם ווײַן דאָס שטיקל ברויט גאָר נישקאָשעדיק, מער פֿון אַלע אַנדערע פּאַרנאָסעס.

49. די „פּענסיע"

דער טאַטע שטאָל און אײַזן פֿאַרן „קלאַסניק". — דער העלד באַקומט א סטיפּענדיע. — א ראָש אין שטאָט. — די כאַלוימעס וועגן אויצער הייבן אָן מקויעם צו ווערן.

ניט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. דאָס אַרײַנטרעטן אין דער „אויעזדנע" איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג און ניט אָפּגע־לאָפֿן גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געווען דער פּעטער פּיניע. ער האָט געאַרבעט מײַסים: „סטײַטש, נעמען קינדער און מאַכן זיי פֿאַר גויִים! — האָט ער געטײַנעט, זיך שטאַרק געערגערט, און האָט זיך ניט באַרויִקט, ביז ער האָט ניט גענומען באַם ברודער דאָס וואָרט, אַז ער וועט כאָטש ניט לאָזן זײַנע קינדער שרײַבן אים שאַ־בעס. דעם טנײַ האָט טאַקע נאָכעם ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן

דירעקטער (סמאטריטעל) פונ דער „אויעזדנע״ בעפיירעש, אז שאבעס באדארפנ זיינע, ראבינאוויטשעס, קינדער זיינ פריי. נאכ א תנאי האט ראבינאוויטש אויסגענומענ מיטנ דירעקטער (דאס איז געווענ א צייט, וואס יידנ האבנ דיקטירט טנאימ), אז זיינע קינדער זאלנ ניט זיינ אינ קלאס, ווענ דער גאלעכ גיט אפ זיינ שטונדע—אונ אויסגעפירט האט ראבינאוויטש.

די צווייטע שוועריקייט פאר די קינדער איז געווענ די שפראכ. זיי האבנ באמ אריינטרעטנ אינ קלאס פארשטאנענ אזוי ווינציק רוסיש, אז אלע האבנ פונ זיי געמאכט כוויזעק — סיי דער לערער, סיי די כאוויי־רימ. עס האט זיכ אויסגעוויזנ, אז די בענק לאכנ. אונ דאס האט דעמ ציקאוונ שאלעמענ פארדראסנ. ער איז געוווינט געווענ אפצולאכנ פונ דער גאנצער וועלט, צומ סאפ לאכט מענ נאר פונ אימ!.. אונ די כא־ווייריִמ, די שקאציִמלעכ, האבנ אויכ ניט געשוויגנ. קויִמ האט זיכ געענדיקט דאס לערנענ אינ קלאס, אונ די יידישע קינדער, די „זשי־דעניאטעס״, האבנ זיכ באוויזנ אינ הויפ, אזוי האט מענ זיי, בימ־כילאס קווידאמ, אוועקגעלייגט אפ דער ערד, אונ דאפקע אינ גוטנ מוט, צוגעהאלטנ די הענט מיט די פיס, אונ גוט אנגעשמירט זיי די יידישע פיסקעס מיט גויִישנ כאזער... געקומענ דערנאכ אהיימ מיט באטריבטע הערצער, האבנ זיי מוידע געהאט צו דערציילנ דעמ עמעס, מע זאל זיי ניט אפנעמענ פונ די קלאסנ. די שטיפמאמע האט אזוי אויכ גע־קאכט אונ געגראבנ אפ די „קלאסניקעס״ (אזוי האבנ געהייסנ בא איר די קינדער נאכנ אריינ אינ דער „אויעזדנע״). אונ ווייל שאלעמ איז געווענ מער מאסמיד פונ אלע, האט זי אימ געראדעפט מער פונ אלע־מענ. האט זיכ אבער געטראפנ א מייסע אונ מע האט איר אפגעהאקט די פליגל, איז זי געווארנ שטיל. „וכך היה מעשה״: *

איינמאל, אינ א שיינעמ פרימארגנ, האט שאלעמ געלערנט, ארומ־געשפאנט איבער דער שטוב אונ איינגעטאזערט דעמ „אוראק״ אפ אויסווייניק, אונ דער טאטע איז געשטאנענ אינ טאלעס אונ טפילנ אונ האט געדאוונט. אונ די שטיפמאמע האט זיכ געטאנ איר ארבעט: זי האט געיאדעט דעמ טאטנ, אופגעווארפנ אימ די אלטע אווייִרע, וואס ער האט אמאל פארלייקנט פונ איר די עלטערע אונ די קלענערע

* וועקאכ האיא מייסע — אונ די מייסע איז געווענ אזא. — ר ע ד.

קינדער, די מיידלעכ, זיכ דורכגעשמועסט וועגנ דעמ, וואָס פאַר א גוטנ אפעטיט, קיינ אײַנאָרע, זײַנע קינדער האָבנ צומ עסנ אונ וואָסע־רע גוטע מאָגנס זיי פאַרמאָגנ. ניט פאַרגעסנ אָנרירנ אויכ די „מיש־פאָכטערע" זײַנע... דאָס אַלצדינג האָט דעמ טאַטנ ניט גערירט. ער איז געשטאַנענ מיטנ פאָנעמ צו דער וואַנט אונ האָט געהאַוונט, גלײַכ ווי ניט אימ מיינט מענ. נאָר אָט האָט זי זיכ צעלאָזט מיט איר מײַ־נעלאָשנ אָפ שאָלעמענ, לעמײַ ער גייט אַרומ אונ לערנט.

— ער מיינט, דער שיינער קלאַסניק, אַז כריינ איז זײַנ פעטער אונ אַז ער איז שוינ א גאַנצער פאָרעצ אונ איז שוינ פאָטער פונ אַלצ־דינג, אכוצ עסנ! די סאַכ מעשאָרסימ, וואָס מע האָט דאָ, מיט די דינסטנ! נײַשקאָשע, עס מעג דיר נאָכ אָנשטיינ, דו שיינער קלאַסניק מיט די אויסגעדרייטע שטיוועלעכ, זיכ מאַטריעכ זײַנ אַרײַנטראָגנ דעמ אוירעכ דעמ סאַמאָוואַר, עס וועט כאָלילע ניט אָפפאַלנ פונ דיר קיינ האָר אפילע, אונ צומ אפעטיט וועט דאָס דיר ניט שאַטנ, אונ צומ שידעכ אַוואַדע ניט...

דער „קלאַסניק" איז שוינ גרייט געווענ אוועקלייגנ דעמ „אוראָק" אונ לאָזנ זיכ אינ קיכ אַרײַנ נאָכנ סאַמאָוואַר,—אַז עס טוט זיכ ניט א וואָרפ דער טאַטע אונ כאַפּט אימ ניט אָנ פאַר א האַנט אונ צע־לאָזט זיכ גיט מיט אימפעט אָפ לאָשנקוידעש (ניט געוואָלט אינ האַוו־נעג מאַפסיק זײַנ):

— אי־א־נו־פע—לוי! בעשומויפנ! מע דאַרפ ניט! איכ הייס ניט! איכ וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אָפ יידיש אונ איז אָנגע־פאַלנ אָפ דער שטיפמאַמע מיט א פײַער, עפשער דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז זײַנ ווײַב. אַז זי זאָל זיכ ניט דערוועגנ מער שאַפנ מיט אימ פונ האַנטנ אַהינ! מיט אַלע קינדער קאָנ זי זיכ שאַפנ, נאָר ניט מיט שאָלעמענ! שאָלעמ איז ניט גלײַכ צו אַנדערע! שאָלעמ באַדאַרפ לערנענ!

— איינמאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איכ, אונ אָט אַזוי איז דאָס, אונ אָט אַזוי וועט דאָס זײַנ!

צי דערפאַר, וואָס יעדער דעספאָט, יעדער שלאַקפוראָניעס, אַז ער דערהערט א הויכ וואָרט, דערשרעקט ער זיכ אונ ווערט אײַנשווײַגנ, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווענ דעמ טאַטנס ערשטער ווידער־

שטאנד, זינט זיי קענענ זיכ אונ פירנ אזא זיס לעבנ, — נאָר ס'איז געשענ א נעס: די שטיפמאמע האָט צוגעביסנ די צונג אונ איז אנשוויגנ געוואָרנ, ווי א קעצעלע, פונ דעמלט אָנ איז זי צו שאָלעמענ געוואָרנ גאָר אנ אנדער מענטש. דאָס הייסט, שטעכ־ווערטלעכ אונ קלאָלעס האָט זי ניט געזשאלעוועט, אלע מינוט אימ אופגעוואָרפנ די „קלאסנ", גע־געבנ אָנצוהערענישנ בעדערעכ גוזמע, אז עס גייט אוועק א פונט פא־פיר א וואָכ אונ דריי פלעשער טינט א טאָג, אונ זי פלעגט פארגעסנ מיט א קיוונ אָנצוגיסנ דאָס לעמפל אפ באנאכט, אָנצוגרייטנ אָנבייסנ, אונ נאָכ אזעלכע זאכנ. דערפאר אָבער שאפנ זיכ האָט זי מיט אימ מער ניט געשאפט. סיידנ אזוי, אינ גוטנ מוט, אז ער האָט געוואָלט פאָלגנ א גאנג, אָדער א קוק טאָנ צומ סאמאָוואר, אָדער פארוויגנ דאָס קינד — מאכטייסע.

— שאָלעמ? — זאָגט צו אימ די שטיפמאמע ווייכ אונ מיט א ניגנ, ווי מע רעדט אינ בארדיטשעוו, — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אז דו טוסט נאָר א קוק צומ סאמאָוואר, אזוי הייבט ער אָנ זידנ?

אָדער:

— שאָלעמ? וואָס געדויערט בא דיר א שפרונג אינ מארק הינ אונ צוריק? א האלבע מינוט! קיינ האלבע מינוט אויכ ניט!...

אונ דערצו האָט אימ צוגעשפילט די האצלאָכע אויכ א ביסל. אז עס הייבט אָנ גיינ א מענטשנ, גייט עס. איינמאָל אינ קלאס האָט דער „סמאָטריטעל" פונ דער „אויעזדנע", א גאנצ ווילער גוי, אָנגענומענ שאָלעמענ באמ אויער אונ געהייסנ, אז דער טאטע זאָל קומענ צו אימ צו גיינ אינ קאנצעליאריע. ער דארפ אימ עפעס זאָגנ. דערהערט, אז דער „אָדנ דער דירעקטאָר" רופט אימ, האָט זיכ נאָכעמ ראבינאָוויטש ניט געלאָזט לאנג בעטנ, אָנגעטאָנ די שאבעסדיקע קאפאָטע, נאָכ שטאר־קער אונטערגעקאטשעט די אונטערגעקאטשעטע פייעס אונ איז אוועק צומ דירעקטער הערנ, וואָס וועט ער זאָגנ. לאָזט זיכ אויס אזא גע־שיכטע: אזוי ווי זיינ זונ שאָלעמ לערנט זיכ אויסגעצייכנט גוט, וואָלט ער, אייגנטלעכ, „פאָ זאקאָנו", באדארפט אימ צונעמענ אפ „קאזיאָנע שטשאָט". נאָר אזוי ווי ער איז א ייִד, קאָנ ער אימ שענקענ א פענסיע (דאכט זיכ, אויב ניט הונדערט צוואנציק רובל א יאָר, אָדער הונדערט צוואנציק רובל א האלב יאָר.

דאָס האָט אָנגעמאכט א מאָדנעמ ראש אונ א טומל אינ שטאָט. איינער נאָכנ אנדערנ איז מענ געקומענ געווירע ווערנ, צי ס׳איז עמעס.

— וואָס זשע, א ליגנ?

— פענסיע?

— פענסיע.

— נאזנאטשעט פונ קאזנא?

— ניט פונ קאזנא, נאָר פונ „נאראָדנע פראָסוועשטשעניע".

א מענטש, וואָס געהער זיכ אָנ מיט „נאראָדנע פראָסוועשטשעניע" — א קאטאָוועס א ביסל?!.. פארנאכט קלייבנ זיכ צונויפ די מישפּאָכע — אָנקוקנ, וואָס פאר א פּאָנעמ ער האָט, „דער באל־האפּענסיע"?.. אכ! ווער עס האָט ניט געזענ דעמלט דעמ טאטנ, ווי ער האָט געשייַנט אונ געלויכטנ, דער האָט גאָר קיינ גליקלעכע מענטשנ אפּ זייַנ לעבנ ניט געזענ! אפילע די שטיפמאמע, וואָס האָט זיכ מעסאמייעכ געווענ גלייַכ מיט אלעמענ אונ איז דעמ האַזיקנ טאָג געווענ מאָדנע גוט, מעכאבעד געווענ די מישפּאָכע מיט טיי אונ מיט אייַנגעמאכצ, האָט באקומענ כיינ אינ די אויגנ פונ באל־האפּענסיע, וואָס האָט איר פארגעסנ אונ מויכל געווענ אלצדינג. „וואָס איז געווענ — איז געווענ"... איצט איז ער א העלד. אלע קוקנ אפּ אימ. אלע ריידנ פונ אימ. אלע לאכנ אונ פרייענ זיכ. דער מומע כאנעס קינדער, וואָס האָבנ ליב טרייַבנ מיט אימ קאטאָוועס, פרעגנ אימ: „וואָס רעכנט ער צו טאָנ מיט אזוי פיל געלט?" גלייַכ ווי זיי ווייסנ ניט, אז פונעמ געלט וועט ער ניט זענ א גראָשנ אינ די אויגנ, גלייַכ ווי זיי ווייסנ ניט, אז דאָס געלט וועט צונויפ קומענ דעמ טאטנ אינ געשעפט אריינ, אינ ווייַנקעלער „יוזשנאַיאָ בערעגא"...

שאט! אָט איז ער אויכ דאָ — דער גראָבער קאָלעקטער מיט די שווארצע ברילנ אונ מיט די טיפע קאלאָשנ. ער וויל נאָר א קוק טאָנ מיט זייַנע בלינדע אויגנ דעמ קונדאס (א קוועטש אפּנ „אס") אונ געבנ אימ, דעמ שייגאצ (א קוועטש אפּנ „אצ"), א קניפּ אינ בעקל, ארויסרייַסנ א שטיק פלייש! אויכ די „איידעמס", לייזער־יאָסל אונ מאגידאָוו, זייַנענ ארייַנגעקומענ צומ טאטנ אָפּגעבנ א מאזלטאָוו אונ א ביסל זיצנ אונ שמועסנ פונ האסקאָלע אונ פונ ליכטיקייַט, פונ פראָ-

גרעס אונ פונ ציוויליזאציע... אונ נאָכ זיי איז געקומענ ארנאָלד פונ די פּידוואָריקעס אונ האָט א ביסל פארשטערט שאָלעמענ די סימכע. ערשטנס, האָט ער באווויזנ די יידנ, אז זיי זײַנענ בעהיימעס, זיי ווייסנ ניט, וואָס זיי ריידנ. די פּענסיע איז ניט קיינ פּענסיע, נאָר א סטיפּענדיע. פּענסיע איז פּענסיע, אונ סטיפּענדיע איז סטיפּענדיע... וועהאשיינים, איז שאָלעמ ניט דער איינציקער — ס'איז דאָ נאָכ איינער אינ דער אויעזדנע, וואָס האָט באקומענ א סטיפּענדיע. אויכ אפּ הונדערט אונ צוואנציק רובל, אונ דאָס איז געווענ שאָלעמס נײַער כאווער פונ אויעזדנע. עליע האָט ער געהייסנ. נאָר וועגנ אימ שפּעטער. דערווײַל איז דער העלד פונ דער האָזיקער באשרײַבונג געווענ אפּנ זיבעטנ הימל. ער האָט ארויסגעזעענ בעכויש, אז זײַנע אמאָליקע באלוימעס וועגנ זײַנ כאווער שמוליקס „אויצער" הייבנ אָנ פּאוואָלינקע מעקויעמ צו ווערנ... אונ זײַנ פאנטאזיע טאָפּט אימ אופּ אפּ אירע פליגלענ אונ פארטראָגט אימ ווײַט־ווײַט, אינ אוילעמ האדימיענ ארײַנ אונ ער זעט זיכ ארומגערינגלט מיט זײַנע כאווײרימ, וואָס קוקנ אפּ אימ מיט שטראלנדיקע אויגנ אונ זײַנענ אימ מעקאנע. אונ דעמ טאטנ זעט ער, נאָכ גאָר א יונגערמאנטשיק עפּעס. ווו איז אהינגעקומענ דער אויסגעבויגענער רוקנ? די טיפע קנייטשנ אפּנ שטערנ? דאָס געלע פארזאָרגטע פּאָנעמ? גאָר אנ אנדער מענטש געוואָרנ! אונ ער זיפצט שוינ גאָר ניט מער. אונ די גאנצע מישפּאָכע — שטעלט זיכ אימ פאָר — רינגלט אימ ארומ, גיט אימ אָפּ גרויס קאָוועד, אימ אונ זײַנ זונ שאָלעמענ, דעמ אויסדערווײלטנ, דעמ גליקלעכנ, וואָס פונ אימ ווייסנ הײַנט אלע, אפילע „קאזנא" אונ אפילע די „נאראָדנע פּראָסוועסטשעניע" — אלע, אלע, עפּשער טאקע ביזנ קייסער — ווער ווייסט?...

50. כאווער עליע

עליע דאָדיס. — די ערשטע באקאנטשאפט אפ א סרייפע. — שמועסנ וועגנ קאָסמאָגראפיע מיטנ פעטער פיניע. — דער העלד איז מעכאלעל שאבעס בעפארהעסיע. — ער ווערט געקרוינט מיטנ נאָמענ „פיסאטעל“.

א פּאָנעמ א וויַס, א קיַלעכיקס, א ביסל א געשטופלט. האָר שטייענדיקע, הארטע, שווארצע, געדיכטע, שטעכנדיקע — א גאנצע גריווע. אויגנ לאכנדיקע, ציינ געזונטע, וויַסע. פינגער קורצע. א געלעכטער א הילכיקער, א שיסנדיקער. א טעמפעראמענט א פיַערדיקער, — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פונ שאָלעמס כאווער עליע, פונעמ ערשטנ קלאס אויעזדנע ביזנ סאָפ.

זייער ערשטע באקאנטשאפט איז געשלאָסנ געוואָרנ באנאכט אפ א סרייפע.

א סרייפע — דאָס איז א ספעקטאקל, אנ אומזיסטע פאָרשטעלונג, א העכסט אינטערעסאנטע פארזאמלונג פונ אלערליי טיפנ ייִדנ און וויַבער, אנ אָפּשפּיגלונג פונ אלערליי סצענעס, טרויעריקע און פרייַלעכע — מע דארפ ניט קיינ טעאטער. די נאכט איז שטיל, דער הימל איז טיפ, די שטערנ פינקלענ. ווו ניט ווו לאָזט זיכ הערנ דאָס בילנ פונ א הונט. און דאָס שטיבל ברענט זיכ ווי א ליכטל, רויִק, פּאמעלעכ. ס'האָט ציַט. פונ אלע גאסנ ציִענ זיכ מענטשנ. פריִער שלעפעריק, דערנאָכ לעבעדיקער און האמעטנער. פריִער איינציקוויַז, דערנאָכ מאכנעסוויַז, און ייִדישע קינדער — א גאנצע כאליאסטרע. ייִדנ מיט ארבעקאנפעסנ ווארפנ זיכ אינ פיַער אריַנ ראטעווענ, וויַבער קוויטשענ, קליינע קינדער וויינענ, באָכערימ זאָגנ ווערטלעכ, אונטערגעוואקסענע מיידלעכ לאכנ. ראבינאָוויטשעס קינדער זיַנענ אויכ דאָ. פלוצעמ דערהערט שאָלעמ עמעצנס קאָל, א קאָל פונ א ייִנגל, און גליַיכ צו אימ אפּנ אויער.

— זיי פאָרנ!

— ווער?

— די „פּאָזשארנע קאָמאנדע“. קומ, וועלנ מיר העלפנ לעשנ.

און ביידע ייִנגלעכ נעמענ זיכ פאר די הענט און מע לאָזט זיכ

לויפנ איבערנ גאנצנ מארק צו באגעגענענ די „פּאָזשארנע קאָמאנדע".
לויפנדיק, ווערט שאָלעמ געוווירע, אז דעמ כאווער רופט מענ עליע
אונ אז ער איז דאָדי דעמ שרייבערס א יינגל. אונ עליע ווערט געוווי־
רע, אז זיינ כאווער הייסט שאָלעמ אונ אז ער איז נאָכעמ ראבינאָ־
וויטשעס א יינגל.

זייער צווייטע באגעגעניש איז פאָרגעקומענ א ביסל שפּעטער, שוינ
האפקע באטאָג, אויכ אינ גאס אונ אויכ אפ אנ אומזיסטער פאָרשטע־
לונג. עפּעס א שווארצער מיט ווייסע ציינ ווייזט א מאלפּע, אונ די
גאנצע שטאָט מיט יינגלעכ לויפנ אימ נאָכ. דאָס איז איינס פונ די
כידושימ, וואָס מע זעט זעלטנ אינ פּערעיאסלעוו. אָדער מע פירט
ארומ א בער מיט אויסגעברענטע אויגנ, וואָס טאנצט אפ א שטעקנ.
אָדער א וואנקא רוטוטיעוו מיט רויטע הויזנ, וואָס מאכט אָנשטעלנ.
אָדער א ציגיינער ווייזט א מאלפּע. דער ציגיינער מיט דער מאלפּע
האָבנ איינ פּאָנעמ, גלייכ ווי איינ מאמע וואָלט זיי געהאט. ביידע
האָבנ אלציינע געקנייטשטע באוואקסענע פּענעמער, אלציינע
אויסגעקראָכענע קעפּ, אונ קוקנ ביידע מיט אלציינע ראכמאָנעסדיקע
אויגנ. אונ ציִענ אויס די באוואקסענע ברודיקע הארע הענט, מע זאָל
זיי עפּעס געבנ. אונ ריידנ רעדט דער ציגיינער מיט אזא מאָדנע
קאָל אונ אפ אזא מאָדנע שפּראכ, שאָקלט מיטנ קאָפּ אונ מאכט
אזא מאָדנע גרימאסע דערביי, אז מע מוז לאכנ: „דאי, בארינ!
כאראָש אָבעזשיאנ! אמעריקאנסקו!"... אונ כעוורע שיסנ אויס א גע־
לעכטער.

די דאָזיקע צוויי באגעגענישנ זיינענ שוינ גאנצ גענוג, אז אזעלכע
צוויי יינגלעכ, שקאָצימ, ווי שאָלעמ נאָכעמ ראבינאָוויטשעס אונ עליע
דאָדי דעמ שרייבערס, זאָלנ ווערנ כאווײרימ. דארפ נאָכ גאָט פירנ
אזוי, אז זיי טרעפנ זיכ ביידע אינ איינ קלאס אינ דער אויעזדנע, א
באנק נעבנ א באנק, אונ אקוראט דעמאלט, ווענ דער לערער האלט אָפּ
זיינ ערשטע לעקציע פארנ גאנצנ קלאס. דערזעט שאָלעמ זיינ נייעמ
כאווער עליע, ווי ער ציט אויס די האנט, שאָקלט מיטנ קאָפּ, מאכט
דעמ ציגיינערס גרימאסע: „דאי, בארינ! כאראָש אָבעזשיאנ! אמערי־
קאנסקו!" — זייט א בעריע, האלט זיכ איינ אונ צעלאכט זיכ ניט.
אוואדע באקומענ ביידע כאווײרימ א מיִעסנ פּסאק, בלייבנ ביידע אי־

בער „אַנ װאַרעמעס", אונ זײער פֿרײַנטשאַפֿט װערט געשלאָסנ אױפֿ שטענדיק, אױפֿ אײביק.

פֿונ דעמלט אָנ װערנ זײ נעפֿעש־האַכאָס, אײנ זעל, אײנ נעשאָמע װי אײנער, דאָרט איז דער צװײטער. בײדע אײנײנעמ לערנענ, אונ לערנענ גוט. מע האָט זיכ דאָס װאָרט געגעבנ, אז מע זאָל זײַנ די ערשטע, די בעסטע טאַלמידימ אינ קלאַס. אונ מע האָט אױסגעפֿירט. מע איז געגאַנגענ פֿונ קלאַס צו קלאַס די ערשטע בעסטע טאַלמידימ, אָבער אױכ די ערשטע גרעסטע שקאָציִמ אינ שטאָט. װאָס די צװײ האָבנ זיכ דערלױבט אָפּצוטאָנ אינ שטאָט, האָבנ דאָס אַנדערע ייִנגלעכ ניט געװאַגט. די בעסטע ייִנגלעכ, פּענסיאָנערנ, סטיפּענדיִאַטנ, אַ קלײ־ניקײַט? הײַנט זײער קענענ רוסישע גראַמאַטיקע! הײַנט געאָגראַפֿיע! װער נאָכ װײסט אַזױ װי זײ? פֿאַרװאָס איז די ערד קײַלעכיק? װער דרײט זיכ אַרומ װעמענ — די ערד אַרומ דער זונ, צי די זונ אַרומ דער ערד? אונ פֿונװאַנענ נעמט זיכ אַ װינט? אונ װאָס איז פֿריִער — דער דונער, אָדער דער בליץ? אונ פֿונװאַנענ נעמט זיכ אַ רעגנ?

פֿונ אַלע לערנעכצנ, װאָס מע לערנט אינ די קלאַסנ, געפֿעלט שאָ־לעמס טאַטנ נאָר געאָגראַפֿיע. מאַכמעס פֿונ געאָגראַפֿיע װערט מענ געבילדעט, אױפֿגעקלערט. כעזשבענענ איז אױכ אַ גוטע זאַכ. מאַטעמאַ־טיקע שאַרפֿט אױס דעמ מױעכ. אָבער ניט מער. אָט איז יאָסי פּרוכ־שטײנ אַ פּראָסטער ייִד, ניט געלערנט אינ ערגעצ, פֿונדעסטװעגנ גיט אימ די שװערסטע „זאַדאַטשע", װעט ער זי אײַכ מאַכנ אױפֿנ קאָפּ. צי, אשטײגער, נעמט דעמ קאָלעקטער. װו האָט ער שטודירט? ערגעצ אינ דער יעשיװע. נו, קענ ער ניט, מײנט איר, קײנ אַלגעברע? פֿונ לײזער יאָסלענ שמועסט מענ ניט, אונ אַרנאָלד פֿונ די פּיכװאָרקעס — פֿונ יענעמ איז אָפּגערעדט. אַרנאָלד איז דאָכ גרײט אָפּגעבנ „עקזאַמענט". נײנ, זאָגט אײַכ. װאָס איר װילט, געאָגראַפֿיע איז ניט מאַטעמאַטיקע. געאָגראַפֿיע דאַרפֿ מענ לערנענ. געאָגראַפֿיע דאַרפֿ מענ קענענ. אונ שאָלעמ קענ געאָגראַפֿיע. זײַנ פֿאָטער האָט ליב מיט אימ צו פֿאַרברענ־גענ נאָר װעגנ געאָגראַפֿיע. אונ איז צופֿרידנ, אונ איז גליקלעכ, אז עס זיצט דערבײַ אַ דריטער.

אַ קאָמעדיע איז, אז דער פֿעטער פּיניע זיצט דערבײַ. דער פֿעטער פּיניע גלעט די באָרד, שמײכלט, מאַכט כװיזעק פֿונ דעמ קלײנעמ פֿי־

לאַזאָפּ, ווי ער צעשפּרייט זיכ עס א ביסל מיט זײַנ געאָגראַפיע. א יינגל א שנעק האָט א האָזע צו זאָגנ פאַר אַנ עלטערנ יידנ, פאַר א פּעטער, אַז די ערד דרייט זיכ, ניט די זונ. אי, עס שטייט בעפּייִרעש: „שמש בגבעונ דומ"? — „דו, זונ, אינ גיוווינ, בלײַב שטיינ"? בלײַבט א קאַשע... „צי, אַשטייגער, דו זאָגסט, אַז דער דונער קומט פריִער פאַרנ בליצ. אי, מיר זעענ פריִער דעמ בליצ אונ ערשט נאָכהעמ קומט דער דונער?" — פרעגט בא איומ דער פּעטער פּיניע אַפּ א טשיקאַוועס אונ קאַטשעט זיכ פאַר געלעכטער. „צי דו זאָגסט, אַז די ערד איז א קאַדור, קײַלעכיק, הייסט דאָס, ווי אַנ עפּל. מיט וואָס וועסטו מיר דאָס באַווײַזנ?" ענטפערט איומ שאָלעמ: „אויב איר ווילט זיכ מאַטריִעכ זײַנ, פּעטער, שטייט אוף, זײַט מויכל, מאָרגנ גאַנצ פרי אונ טוט א קוק אַפנ שפּיצ מאָנאַכטיר, בײַמ די זונ גייט אוף, וועט איר זענ, ווי דער שפּיצ קלויסטער ווערט באַלייכט פריִער פונ אַלצדינג"... „אוואדע האָב איכ מער ניט וואָס צו טאָנ, נאָר אופשטיינ דיר קאַיאָר אונ קוקנ אַפנ שפּיצ קלויסטער צוליב דײַנ געאָגראַפיע — כאַ־כאַ־כאַ!"...

ניינ, דער פּעטער פּיניע איז ניט צופרידנ ניט מיט דער געאָגראַפיע, ניט מיט די קלאַסנ, אונ ניט מיט דעמ, וואָס זײַנ נאָכעמס זונ איז א כאַווער מיט דאָדי דעמ שרײַבערס יינגל. ער וועט איומ אַרופירנ ווער ווייס אַפּ וואָסערע דראָכימ... דער פּעטער פּיניע האָט געהערט אַז זיי ניט אַזוינע שיינע זאַכנ. ער האָט געהערט, אַז די יינגלעכ גייענ שאַבעס שפּאַצירנ אַפּ די פּידוואָרקעס, אונ אַז זיי טראָגנ טיכלעכ אומ שאַבעס, אונ אַז זיי ריידנ — ריידנ זיי צווישנ זיכ אַפּ רוסיש ניט אַפּ יידיש.

אוי־וויי — ס'איז נעבעכ אַלצדינג געווענ עמעס, קוידעש קאַדאָשימ! נאָכ מער: זיי גייענ אַלע שאַבעס אַפּ די פּידוואָרקעס, אָבער ניט שפּאַצירנ, ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ... זיי טראָגנ ניט נאָר טיכלעכ אומ שאַבעס, נאָר קלייִנגעלט אַפּ צו קויפנ באַרלעכ, אונ ריידנ אַזעלכע זאַכנ — אַכ! ווענ דער פּעטער פּיניע זאָל נאָר וויסנ, וויאַזוי מע רעדט!... דער פּעטער פּיניע זאָל נאָר וויסנ, וויאַזוי די צווײ באָכערימלעכ שיפנ זיכ אַפּ א שיפל, פאַרקלײַבנ זיכ אינ צווייענ העט ווײַט אַפּ יענער זײַט טײַכ. דאָרט אַפנ גרינעמ גראָז לייענט מענ ביכלעכ (רוסיש) אונ מע זינגט לידלעכ (גוייִשע) אונ מע באַלעמט אַפּ דער

וואָר, מע בויט אינײנעם לופט־שלעסער, וואָס וועט זײַנ אַמאָל, אַז מע וועט ענדיקנ די אײַעזהנע? ווהינ וועט מענ פאָרנ? אַפ וואָס וועט מענ שטודירנ? וואָס וועט מענ זײַנ? און דער עכּעס מוז דאָ געזאָגט ווערנ, עס האָט געהערשט אזוי צו זאָגנ, א פויִשע שטימונג, און קיינ יִדישער אינהאַלט איז אינ די דאָזיקע זיסע כאַלוימעס ניט געווענ, וואָרעמ דער כאַווער עליע איז געוואָקסנ אינ א שטוב, וואָס איז געווענ ווײַט פונ יִדישקײַט, כאָטש — איינס צום אַנדערנ געהער זיכ ניט אָנ — פעטש פאַר ניט ווענ דאַוונענ האָט עליע געכאַפּט פונ זײַנ טאַטנ ניט ווינציקער, ווי אַלע אַנדערע יִנגלעכ פונ זייערע טאַטעס. איכ האָב מוירע, אַז אַלע טאַטעס זײַנענ אזוי. איר קאָנט נאָכ הײַנט אויכ באַגעגענענ אַזוינע טאַטעס, וואָס אַליינ טוענ זיינ קאָל דאַוואָר אָסור און ווילנ, אַז זייערע קינדער זאָלנ זײַנ גוט און פרום, ניט אינ זיי געראָטנ...

ניט ווענ דאַוונענ — דאָס איז געווענ בא בעורע יונגוואַרג אַנ אַלטע קרענק נאָכ פונ כיידער. היפּערנ אינ דאַוונענ איז געווענ א וואָכעדיקער גאַנג. און פונ זינט זיי זײַנענ אַרײַנ אינ די „קלאַסנ", האָבנ זיי דאָס דאַוונענ גאָר אינגאַנצנ פאַרבויגנ. דער טאַטע האָט דאָס געוווּסט, נאָר געמאַכט זיכ קעלעיאָדע. האָבנ זיכ אָבער געפונענ אַזעלכע, וואָס האָבנ נאָכגעקוקט און געעפנט דעם טאַטנ די אויגנ, ער זאָל זענ, ווי זײַנע קינדער גייענ ביכלעכווײַז אַראָפּ פונ דערעכהאַיאָשער — און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די קינדער זאָלנ נאָכ מער ניט ווענ דאַוונענ און זאָלנ אינ דעמ ניט ווענ דאַוונענ פילנ א מינ גײַסטיקנ פאַרגעניגנ. ניט אומזיסט האָט דער רעבע געגעבנ צו פאַרשטיינ זײַנע טאַלמידימ, די קליינע באַלאַווייערעניקעס, דעמ סייכל פונ אַנ אַווײַרע, אַז די אַווײַרע אַליינ איז ניט אזוי מוירעדיק, ווי די *טײַווע פונ טאָג אַנ אַווײַרע*... שאָלעמ געדענקט נאָכ אַדאַיעמ דעמ טאַמ פונ דער ערשטער אַווײַרע, פונ „בילעל־שאַבעס". אזוי איז געווענ די מײַסע:

שאַבעס באַטאָג, יִדנ האָבנ אָפּגעגעסנ וואַרעמעס און געהאַלטנ אינ רעכטנ שלאָפ. אינ גאַס איז נאָכ ניטאָ קיינ מעשוגענער הונט. שטיל און רויִק, כאָטש צי זיכ אויס. די זונ באַקט, ווי אינ דעמ מידבער. די ווענט פונ די געפּאַטשטע הײַזער און די הילצערנע פאַרקנס פונ די הויפנ בעטנ זיכ, מע זאָל עפּעס אַפ זיי אָנצייכענענ, אָנ־

שרייבנ. שאָלעמ האַלט די הענט אינ די קעשענעס. דאָרט ליגט בא אימ א קריידל פונ די קריידלעכ, וואָס ווערנ באנוצט אינ קלאס צו דער מאטעמאטיקע. ער קוקט זיכ ארומ אפ אלע זייטנ — ניטאָ קיינ מענטש. די לאָדנ זיינענ פארהאקט. אונ דער יעיצערהאָרע רעדט אי'מ אָנ: „מאָל!“... וואָס זאָל ער מאָלנ? נעמט ער אפדערגיכ אונ טוט א מאָל אויס דאָס באוווּסטע לידל, וואָס קינדער זינגענ אונ מאָלנ בייכ מייסע:

טאַטשקא, טאָשקא, זאפיאטאיא,
מינוס, ראָזשיצא קריוואיא,
רוטשקא, רוטשקא, אי קרוזשאָק,
נאָזשקא, נאָזשקא, אי פופאָק...*

פארטיק א מענטשל מיט א קיילעכיק פּאָנעמ, מיט הענטלעכ אונ מיט פיסלעכ אונ מיט א מויל, וואָס לאכט... דער מאָלער איז צופרידנ מיטנ בילד, עס פעלט נאָר אנ אונטערשריפט. שאָלעמ קוקט זיכ ארומ אפ אלע זייטנ — ניטאָ קיינ מענטש. די לאָדנ זיינענ פארהאקט אונ דער יעיצערהאָרע רעדט אימ אָנ: „שרייב!“... וואָס זאָל ער שרייבנ? נעמט ער אונ שטעלט אוועק פונ אונטנ, אונטערנ בילד, מיט שיינע קיילעכיקע אויסיעס אפ רוסיש, צומ גראמ:

קטאָ פיסאל — ניע זנאיו,
א יא, דוראק, טשיטאיו... **

אונ איידער ער באווייזט איבערצוליינענ, וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבנ, דערפילט ער ווי עמעצנס צוויי פינגער האלטנ אימ באמ לינקנ אויער, אָבער שטארק!....

איכ מיינ, אז קיינעמ פונ די לעזער וועט ניט איינפאלנ צו טרעפנ, ווער האָט דאָס געקאָנט זיינ אָט דער, וואָס האָט געפאקט דעמ העלד פונ דער ביאָגראפיע מיט דער דאָזיקער מיעסער אוויירע פונ בילעל ישאבעס בעפארהעסיע? פארשטייט זיכ, אז ניט קיינ אנ-

---

* א פונקט, א פונקט, אונ א קאָמא,
א פּאסיקל א גלייכס. א פּענעמל א קרומס,
א הענטל, א הענטל, אונ א קיילעכל,
א פיסל, א פיסל אונ א בייכל.

** ווער ס'האָט געשריבנ — ווייס איכ ניט.
נאָר איכ, שוטע, לייענ דאָס.

דערער, נאָר דער פעטער פיניע! גראָד ער באַהאַרפט היינט פריִער פון אַלעמען אויפשטיין פון שלאָף און פריִער פון אַלעמען גיין מיט אַ וויזיט גוט־שאבעס זאָגן! וואָס ווייטער איז געווען — איז איבעריק צו דערציילן. יעדער קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז עס האָט ניט געהאָלפן קיין זאַך, קיין בעטן זיך, קיין טרערן — דער פעטער פיניע האָט זיעם באַכער, און אויסגעשמירטן אין קרייד, אָפּגעפירט גלייך אַהיים און איבערגעגעבן אים אין טאַטנס הענט. נאָר דאָס איז געווען גאָרניט אַקעגן דעם, וואָס איז געשען נאָכדעם, אַז די גאַנצע שטאָט איז געוווירע געוואָרן פון דער מעשׂה, און ס'איז דערגאַנגען צו דער נאַטשאַלסטווע פון דער אויעזדנע. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מע זאָל דאָס באָכערל „אויסשליסן". דער טאַטע האָט געוויינט מיט טרערן און האָט נעבעך געמוזט גיין צום אָרט צום דירעקטער (סמאָטריטעל), בעטן פאַר זיין זון ראַכמים, און נאָר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע טאַלמידים אין קלאַס, אַ סטיפּענדיאַט, האָט מען אויף אים געלייגט קאָוועד, ראַכמאָנעס געהאַט אויף טאַטן און ניט אויסגעשלאָסן. דערפאַר האָבן די לערערס געבענטשט דעם טאַלמיד מיט אַ נייעם נאָמען. אַז זיי האָבן אים באַדאַרפט אַרויסרופן אין קלאַס צו דער ברעט, האָבן זיי ניט געזאָגט, ווי ביז אַהער: ראַבינאָוויטש! זיי האָבן אים אַרויסגערופן אָדער „כודאָזשניק" (מאָלער), אָדער „פּיסאַטעל" (שריפטשטעלער) און צעצווייגן האָט מען דאָס וואָרט אויף דריי קלאַפּטער די לענג:

— פּי—סאַ—טעל!...

אָט דער נאָמען איז אים פאַרבליבן אויף לאַנג, שוין ביזן סאָף.

51. צווישן כאַזאָנים און קלעזמאָרים

א מעשׂה מיט אַ ייִדיש ביכל, וואָס רופט אַרויס געלעכטער. — כאַזאַנים מיט אַ „קאָלאָראַטור". — יעשוע־העשל דער קלעזמער מיט זיין כאַליאַסטרע. — דער יעניצער־האָרע פון פידל.

צו „שרייבעריי" האָט דער העלד פון דער האָזיקער ביאָגראַפיע געהאַט אַ נייגונג פון טאָמעד אָן. זיין אידעאַל איז געווען צו זיין אַ מעכאַבער, אַ שרייבער, ניט נאָר מיטן קריידל אויף די ווענט, נאָר טאַקע

בעעמעס א שרײַבער, א פּראָפעסער פון א בוך. אַפ איִם האָט נעוויִעס געזאָגט נאָך זײַן אַלטער פרײַנט דער קאָלעקטער, אַז ער וועט אַמאָל זײַן א שריפטשטעלער און וועט שרײַבן העברעיִש, אַזוי ווי צעדערבוים, גאָטלאָבער, יהל"ל *. און נאָך א סאַך אַנדערע גדולים. האָט אָבער אַרנאָלד פון די פּירוואָרקעס געדרונגען פאַרקערט: אַז אויב אָט דער בעוורעמאַן וועט אַמאָל שרײַבן, וועט ער שוין בעסער זײַן א רוסישער שרײַבער, ניט קיין העברעיִשער. אין „המליץ", האָט ער געזאָגט, זײַנען פאַראַן אָן איִם גענוג דילעטאַנטן, איגנאָראַנטן, מעלאָמדים און באַטלאָניִם! ניט צעדערבוים, ניט גאָטלאָבער, ניט יהל"ל, נאָר טורגעניעוו און גאָגאָל, פּושקין און לערמאָנטאָוו — אָט ווער עס באַדאַרף איִם שטיין פאַר די אויגן!...

מיט איינעם וואָרט, אָדער העברעיִש אָדער רוסיש. אַז דער „בעוורעמאַן" וועט אַמאָל שרײַבן ייִדיש — דאָס איז קיינעם אַפ די געדאַנקען ניט געקומען, וואָרעם ייִדיש איז דען אויך א שפּראַך? דאָס הייסט, ריידן האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער ייִדיש, נאָר אַז מע קאָן שרײַבן אַפ ייִדיש — ווער האָט דאָס געוווּסט? „זשאַרגאָן", „איוורע-טײַטש" — דאָס איז א מײַכל פאַר ווײַבער. א ייִד האָט זיך געשעמט צו האַלטן א ייִדיש ביכל אין די הענט — מע וועט זאָגן: א גראָבער יונג!...

פונדעסטוועגן געדענקט זיך א מעשׂה נאָך פון קינדווײַז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעטעלע, אין וואָראָנקע, האָט א ייִדיש ביכל, און דאַפקע אַפ „זשאַרגאָן" געשריבן, געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. וואָס דאָס איז געווען פאַר א ביכל — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז געווען א ביכעלע א קליינטשיקס, א חאַריִנקעס, מיט געלע, פאַרסמאַליצעוועטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָן טעוולעך, און אַפּילע אָן א פאָדערבלעטל. שאַבעס צונאַכט, אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך צונויפגעקליבן בײַ רעב נאָכעמס וועוויקס אַפ „מעלאַווע מאַלקע". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן „וואַלכישן באָרשטש", און דער אוילעם האַלט זיך אונטער דערווײַל. רעב נאָכעם לייענט א

* א העברעיִשער דיכטער יעהודע לייב לעווין (ראַשעטיוועס, יהל"ל. — ר. ע ד.

מײַסע־ביכל. דער טאטע לייענט, אונ דער אוילעמ זיצט ארומ טיש, רייכערט פאפיראָסנ אונ מע קאטשעט זיכ, מע האלט זיכ בא די זײַט: פאר געלעכטער, אונ מע אונטערברעכט אלע מינוט דעמ פאָרלעזער אונ מע דריקט אויס די גרויסע היספײַלעמ הויכ אפ א קאָל, אונ עס שיטנ זיכ קלאָלעס אפנ באלמעכאבערס אדרעס: „אָט א יִמאכשמויניק! א קאָלבויניק! א מאמזער! א רועכ אינ זײַנ טאטנס טאטנ ארײַנ!"...
אפילע דער פאָרלעזער אליינ קאָנ זיכ ניט אײַנהאלטנ, ווערט שיר דערשטיקט פאר געלעכטער! די קינדער ווילנ ניט גיינ שלאָפנ, אונ שאָלעמ אוואדע ניט. פארשטיינ וואָס דער טאטע לייענט — פארשטייט ער ניט, נאָר ס'איז אימ גלאט געפעלנ צו זענ, ווי ייִדנ מיט בערד קאטשענ זיכ, האלטנ זיכ בא די זײַטנ אונ שיסנ אויס אלע מאָל מיט א געלעכטער. אונ ער זיצט פונ דערווײַטנס אונ קוקט אינ אלעמענס פּנעמער, ווי זיי שײַנענ, אונ ער איז מעקאנע יענעמ ייִדנ, וואָס האָט געמאכט אָט דאָס ביכל, אונ זײַנ טיפסטער ווונטש איז, אז גאָט וועט העלפנ, ער וועט אויסוואקסנ אונ ווערנ א גרויסער, וועט ער אויכ אָנשרײַבנ אזא מינ ביכעלע, וואָס ייִדנ וועלנ דאָס לייענענ אונ וועלנ לאכנ אונ וועלנ אימ שעלטנ אינ גוטנ מוט, גלאט אזוי זיכ, אינ טאטנס טאטנ ארײַנ...

נאָר ווי די מײַסע איז — אויב ער וועט זײַנ א שרײַבער אָדער ניט, אויב ער וועט זײַנ א העברייִשער שרײַבער אָדער א רוסישער,— א „קענער" וועט ער שוינ זײַנ געוויס. ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידנ. זײַנ א „קענער" — דאָס האָט ער געמוזט אונ דאָס האָט ער געוואָלט. ער האָט געוואָלט קענענ אלצדינג. אפילע אזא זאכ, ווי פידל שפילנ. דאכט זיכ, וואָס פאר א שײַכעס האָט שפילנ אפנ פידל צו האסקאָלע? נייִנ, עס האָט א שײַכעס. שפילנ אפנ פידל איז אינ יענער צײַט געשטאנענ אינ פראָגראמ פונ קענטעניש גלײַכ מיט אנדערע זאכנ אונ האָט זיכ אָנגעקערט מיט לערנענ, ווי, אשטייגער, א טאטנס א קינד האָט געלערנט דײַטש, אָדער פראנצויז. קיינ פראקטישע נוצנ האָט דערפונ קיינער ניט גשווארט, נאָר א טאטנס א קינד, וואָס וויל זײַנ א מושלעמ, באדארפ אלצדינג קענענ. קימאט אלע פײַנסטע באלעבאטישע באָכערימלעכ אינ שטאָט האָבנ דעריבער זיכ געלערנט שפילנ פידל. כאימ פרוכשטיינס האָט געשפילט פידל, צאלי מער־

פֿערטס האָט געשפּילט פֿידל, מאָטל סריבנעס האָט געשפּילט פֿידל. נאָך אַ סך ייִנגלעך האָבן געשפּילט פֿידל. מיט וואָס איז שאָלעמ ראַבינאָוויטש ערגער פֿון זיי? האָט אָבער דער טאַטע ניט געוואָלט. ער האָלט ניט דערפֿון. עס איז אַן איבעריקע זאַך, האָט ער געזאָגט, אַן אווײרע די צײַט, און עס קומט אויס בײַ אים מיִסע קלעזמער. מאַטעמאַטיקע, געאָגראַפֿיע, מעליציע — דאָס איז אַ זאַך. אָבער רימפּלען אַפֿן פֿידעלע — וואָס איז פֿאַר אַן אַוודע?..

אַזוי טײַנעט נאָכעם ראַבינאָוויטש און איז פֿון זײַן שטאַנדפּונקט עפּעס גערעכט. הערט זשע אָבער, וואָס זאָגט דערויף יעשוע העשל דער קלעזמער? יעשוע העשל דער קלעזמער איז אַ ייִד אַן ערלעכער, אַן איידעלער ייִד, מיט צוויי גראָבע געדיכטע פּייעס. זאָגט ער בעפֿירעש: „וואָס געהער זיך אָן דאָס מיט דעם? ער האָט, זאָגט ער, אויך קינדער, ניט ערגער פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע קינדער, און שקאָציִם אויך גוטע, דער רועך האָט זיי ניט גענומען! עלע דעריבער איז וואָס! האָט איר מוירע, אַז זיי שפּילן ניט בײַ אים אויף אַלע אינסטרומענטן? און בענציִען דער קלעזמער וואָס זאָגט? אָט דער בענציִען, וואָס האָט אויסגעלערנט די אַלע אויסגעצייכנטע באַרימלעך פֿידלשפּילן, איז אַליין אַ ייִד מיט אַן אײַנגעפֿאַלענער נאָז, און דעריבער פֿאָנפֿעט ער אַ ביסל אונטער. האָט ער אויסגעפּרוּווט נאָכעם ראַבינאָוויטשעס ייִנגל, געגעבן אים די ערשטע פּאָר לעקציעס פֿון ערשטן ביילעק „בעריאָט", האָט ער אַליין געזאָגט פֿאַר אַלע ייִנגלעך, אַז אָט דאָס באָכערל איז אַ „פֿאַלאַנט". אויף בענציִענס פֿאָנפֿעוואַטן לאָשן האָט דאָס באַדאַרפֿט הייסן אַ „טאַלאַנט"... צי ער האָט טאַקע געהאַט אַ טאַלאַנט אָדער ניט — דאָס ווייסט ניט שאָלעמ. ער ווייסט נאָר, אַז פֿון קינדווײַז אָן גייט ער אויס שפּילן און איז די קאַפּאָרע נאָך אַ פֿידל, און ווי אויף צולאָכעס, גלײַך ווי מע וואָלט זיך וועלן רייצן מיט אים, האָט ער זיך שטענדיק געפֿונען אין אַ וועלט פֿון געזאַנג און מוזיק, צווישן כאַזאָנים און קלעזמער.

כאַזאָנים און מעשוירערים זײַנען קימאַט קיינמאָל ניט אַרויס פֿון זייער שטוב, ווײַל נאָכעם ראַבינאָוויטש איז אַליין געווען אַ באַלטפֿילע און אַ יוידייע נאַגן, און דערצו איז זייער אײַנפֿאָר געווען, קאָן מען זאָגן, די איינציקע סטאַנציע פֿאַר כאַזאָנים. עס איז ניט אַוועק קיין

שאַבעס־מעוואָרכים, ס'זאָל ניט קומען צו פֿאָרן אַ בויד, אָנגעפּאַקט מיט מאָדנע פּאַרשוינען, לעבעדיקע, רירעוודיקע, אַלע הונגעריקע. נע־גאַנגען זײַנען זיי מערסטנטייל אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, קימאַט נאַ־קעט און באָרוועס, נאָר די העלדזער אַרומגעוויקלט מיט שאַרפֿעס, וואָ־לענע, וואַרעמע שאַרפֿעס, אַזוי ווי די הייזעריקן זײַנען זיי באַפֿאַלן די אַכסאַניע, געגעסן אַלצדינג, וואָס מע האָט זיי געגעבן. דאָס איז שוין געווען אַ קלאַל, אַז ווײַבאַלד הונגעריקע — זײַנען דאָס געווען משוררים מיט אַ וועלט־באַרימטן כאַזן. גאַנצע טעג האָט זיך דער וועלט־באַרימטער כאַזן געקאַמישעט אַפֿן האַלדז, אויסגעפּרוווט זײַן „קאָ־לאָראַטור" און געשלונגען רויע אייער, און די זינגערלעך האָבן זיך געריסן אויף די גלײַכע ווענט, מערסטנטייל געהאַט שוואַכע קוילעס, נאָר שטאַרקע אַפּעטיטן צום עסן, האָבן זיי דערובער מיט זייער האַוונען עפּעס ניט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, נאָר אָנגעגעסן און אָנגעטרונ־קען זיך און אַוועקגעפֿאָרן אומבאַצאָלטערהייט. דאָס האָט דער שטיפֿ־מאַמע, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט. האָט זי ביסלעכווײַז אַטלעגנטשעט די וועלט־באַרימטע כאַזאָנים, געבעטן, זיי זאָלן שוין מויכל זײַן פֿאַרפֿאָרן בעסער צו רוון יאַסנעגראָדסקי, מאַממעס עסער האָט זי, קיין אײַנאָרע, אַליין גענוג, און שרײַערס איז בײַ איר אויך דאָ אַ היפּש ביסל, ניט צו פֿאַרזינדיקן... דער פּויעל־יויצע איז געווען וואָס ראַבינאָוויטשעס קינדער האָבן זיך אָנגעהערט אַזוי פֿיל נעגינע, אַז זיי זײַנען געווען קלאָר אויף אויסווייניק, וועמען געהער אָט די און די „קדושע", און וועמען געהער דער און דער „תכנת־שבת": צי פּיצי דעם כאַזן, אָדער מיצי דעם כאַזן, אָדער דעם קאַשטאַנער כאַזן, אָדער דעם שעדליצער, אָדער דעם קאַלוואַריער כאַזן, אָדער גאָר ניט־בעלזער? עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס געזאַנגען האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, געטראָגן אַליין פֿון זיך אין דער לופֿטן, און אין קאָפּ האָט זיך געפֿלאָכטן אַ געדאַנק, און אין האַלדז האָט זיך געקײַקלט און געקײַקלט עפּעס אַ ניגנדל און ניט געלאָזט שלאָפֿן.

דאָס איז געווען מיט נעגינע. און וואָס אָנבאַלאַנגט מוזיק, האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע געהאַט די זעלבע געלעגנהייט צו הערן קלעזמער נאָך מער ווי כאַזאָנים, וואָרעם סײַ יעשוע־העשל דער קלעזמער מיט די גראָבע פֿייעס סײַ בעניציען מיט דער אײַנגעפֿאַלענער

נאָכ האָבנ געוווינט ניט ווײַט פונ כיידער, אַזוי אַז מע איז געגאַנגענ אינ כיידער אַרײַנ, האָט מענ באַדאַרפט דורכגיינ פאַרבײַ יעשוע העש־לענ און פאַרבײַ בענציִענענ. דאָס הייסט, קיינ מוז איז דערבײַ ניט געווענ: מע האָט זייער שיינ געקאָנט אויסמײַדנ, און ווענ מע מײַדט זיי אויס, וואָלט געווענ אַ סאַך נעענטער. האָט אָבער שאָלעמ ליב גע־האַט דאַפקע גיינ פאַרבײַ זיי און דאַפקע בלײַבנ שטיינ אונטערנ פענ־צטער און הערנ, ווי בענציִענ דער קלעזמער לערנט די יִינגלעכ פידל שפּילנ, אָדער ווי יעשוע העשל דער קלעזמער מאַכט רעפּעטיציע מיט זײַנע באָנימ, וואָס שפּילנ אויפ אַלערליי אינסטרומענטנ. און דערמיט איז געווענ אימ ניט אָפּצורײַסנ און ניט אָפּצוטרײַבנ. יעשוע העשלס באָנימ האָבנ דאָס באַמערקט, האָט דער עלטערער, העמעלע, אימ מע־כאַבעד געווענ איינמאָל מיטנ סמיטשיק, דאָס אַנדערע מאָל מיט אַ קוואָרט וואַסער, — עס האָט אָבער ניט געהאָלפנ. דורכ איינ ציגאַר־טיטונ איז מענ מיט העמעלענ געוואָרנ כאַווער, און שאָלעמ איז גע־וואָרנ אַ בענבאַיִס בײַ יעשוע העשל דעמ קלעזמער, ניט דורכגעלאָזט קיינ איינ רעפּעטיציע — און רעפּעטיציעס זײַנענ געווענ דאָרטנ אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, — און דורכ זיי האָט ער זיכ באַקענט מיטנ גאַנצנ בינטל מוזיקאַנטנ, מיט דער גאַנצער קלעזמערישער מישפּאָכע, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט אַלע זייערע זיטנ און מינהאָ־גימ, מיט זייער אַרטיסטיש ציגײַנער־לעבנ, און אַפילע מיט זייער שפּראַכ, „קלעזמער־לאָשנ", וועלכעס ער האָט דערנאָכדעמ, שוינ אַלס שאָלעמ אַליי כעמ, טיילווײַז אויסגענוצט אינ זײַנע ווערק: „אָפּנ פידל", „סטעמפּעניו", „בלאָנדזשענדע שטערנ" און אַנדערע.

אַלזאָ, ווי איר זעט, איז אינ לערנענ פידל־שפּילנ ניט געווענ קיינ מעניִע. געהער האָט ער געהאַט גענוג. אַ טאַלאַנט, זאָגט בענציִענ דער קלעזמער, האָט ער אויכ געהאַט. וואָס זשע נאָכ פעלט? אַנ אינסטרו־מענט, אַ פידל. און אַ פידל קאָסט געלט, און קיינ געלט איז ניטאָ! וואָס טוט מענ? — דאַרפ מענ, הייסט דאָס, קריגנ געלט... אָט דאָ, בײַ דעמ געלט קריגנ, האָט זיכ געטראָפנ אַ מײַסע, אַ קאָמישע, נאָר אַ טרויעריקע. אַ מינ טראַגיקאָמעדיע.

52. „לא תגנוב" *

דעמ אוירעכס בײַטעלע מיט קליינגעלט. — ער באַגייט א גנייווע
אונ האָט כאַראָטע. — וויאַזוי ווערט מענ פאָטער פונעמ בײַטעלע.

צווישנ די אָרכימ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט בא די ראַבינאָוויטשעס אינ „אײַנפאָר", איז געווענ איינער א באַשטענדיקער אוירעכ, א ייִד א ליטוואַק, א טווע-הענדלער פונ פינסק, מיטנ נאָמענ וואָלפסאָנ. דער וואָלפסאָנ פלעגט אײַנשטיינ כאָדאָשימ-לאַנג אונ האָט זיכ געהאַט זײַנ שטענדיקנ כיידער, וואָס מע האָט אימ גערופנ „וואָלפסאָנס כיידער" (אפילע דעמלט, ווענ וואָלפסאָנ אַליינ איז גאָר געווענ אינ פינסק). אונ אויכ א סאַמאָוואַר א באַזונדערנ האָט ער געהאַט — „וואָלפסאָנס סאַמאָוואַרל". אונ געווענ איז דער וואָלפסאָנ בא די ראַבינאָוויטשעס א מענטש א היימישער. געגעסנ דאָס, וואָס אַלע עסנ, אונ אַז די באַלעבאָסטע (די שטיפמאַמע) איז געווענ עפּעס ניט אַזוי אויפגעלייגט, האָט ער געכאַפּט פונ איר א פּאַטש גלײַכ מיט אַלעמענ, ווי אַנ אייגענער... געטראָגנ האָט ער אינ שטוב א קורצ כאַלאַטל, אונ אַמאָל איז ער געגאַנגענ גאָר אָנ א כאַלאַט, אונ גערייכערט האָט ער מוירעדיק גראָבע געבלעטערטע ציגאַרנ, אונ ליב געהאַט צו ריידנ, האַלטנדיק די געבלעטערטע ציגאַרנ אינ מויל, די הענט אינ די הויזנ, אונ גערעדט, אונ גערעדט — נײַנ מאָס רייד! דער כיידער איז געווענ אָפנ, דאָס סאַמאָוואַרל באַמ טיש, דאָס טיש-קעסטל צוגעשלאָסנ, נאָר די שליסעלעכ הענגענ דערבײַ — א דריי מיטנ שליסל, אונ דאָס טיש-קעסטל איז אָפנ. וואָס אינ טישקעסטל טוט זיכ — ווייסנ אַלע. דאָרט געפינענ זיכ ביכער, בריוו, כעזשבוינעס אונ געלט. איינ טײַסטער א גרויסער, א גראָבער אָנגעשטאָפּט מיט אַסיגנאַציעס — ווער ווייסט, וויפל דאָרט איז. אונ אַכוצ דעמ טײַסטער — א לעדערנ בײַטעלע, אַנ אַלטס, אַנ אָפּגעקראַכנס, נאָר שטענדיק פול מיט קליינגעלט, זילבערנע אונ קופּערנע מאַטבייעס, אויכ היפּשלעכ — האַלעווײַ פאַרמאָגט דאָס אַזאַ ייִנגל, ווי שאָלעמ, כאָטש האַלב, וואָלט אימ אויכ גענוג געווענ אַפּצו קויפנ די בעסטע פידל אינ דער וועלט...

---

* לוי סיגנויוו" — „זאָלסט ניט גאַנווענענ"! — רעד.

ניט איין מאָל האָט וואָלפסאָן געהאט געעפנט דאָס טישקעסטל פאר איטלעכן אין די אויגן, און, ניט ווילנדיק, האָט שאָלעם געכאפט א קוק אויף אָנגעפאקטן טייסטער מיט אסיגנאציעס, און דערהויפט — אויף לעדערן ביטעלע מיט מינץ, און זיין גרעסטער ווונטש איז געווען, אז וואָלפסאָן זאָל אמאָל פארלירן אָט דאָס ביטעלע, און ער, שאָלעם, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, א קאָשערער טאָפ מיט א קאָשערן לעפל... „השבת אבידה"* איז טאקע איינע פון די גרעסטע מיצוועס, נאָר פארמאָגן אָט אזא ביטעלע מיט קליינגעלט איז נאָך מער מיצווע... ווייל ער אָבער ניט פארלירן דער ליטוואק!.. פועלט בא זיך שאָלעם און איז זיך מאטיר ניידער, אז ווען וואָלפסאָן גיט אים, לעמאָשל, די הויזן אויסצופוצן און פארגעסט דאָרטן דאָס ביטעלע, וואָלט ער עס אים א מאכע אָפגעגעבן צוריק! ס'האָט זיך ארויסגעגליטשט פון קעשענע בעשאס רייניקן — וואָס איז ער שולדיק?.. איז אָבער וואָלפסאָן אויך ניט קיין נאר. אלעמאָל, ווען ער גיט די קינדער פוצן די מאלבושים, ליידיקט ער פריִער אויס אלע קעשענעס — א ליטוואק בלייבט א ליטוואק! פארדריסט דאָס שוין שאָלעמען. איז ער זיך מעיאשעוו איינמאָל, אז ס'איז יאָ אזוי, אז פארלירן ניט און פארגעסן אויך ניט, באדארף מען געבן א קוק ארײַן אין ביטעלע, כאָטש וויסן, וויפל קליינגעלט דאָרט געפינט זיך... און מיט דער דייע, ניט כאָלילע אפ צו באגיין א גנייווע, נאָר גלאט אזוי אויס נייגעריקייט, האָט שאָלעם איינמאָל אין א פרימאָרגן ארײַנגעכאפט זיך צו וואָלפסאָנען אין כיידערל ארײַן, זיך ארומגעדרייט א ווײַלע, קלוימערשט אויפגעראמט באם טיש, בעשאס דער ליטוואק איז געשטאנען אין זאל מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאר אין מויל און געגראגערט. פונעם דאָזיקן ארומדרייען זיך איז אָבער ניט ארויסגעקומען גאָרניט. באם אָנרירן מיט דער האנט די קאלטע שליסלעך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאָס בינטל שליסלעך האָט אָנגעהויבן א גוואלד ביזן הימל, און עס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. האָט ער זיך געגעבן א דריי אויס און אוועק פון וואָלפסאָנס כיידערל מיט ליידיקע הענט.

דער ערשטער סעאנס איז אים ניט געראָטן, האָט ער געוואַרט אפ

* „האשאָוואס אווײדאָ" — אומקערן דאָס פארלאָרענע. — רעד.

א צווייטנ מאָל, זיכ אליינ אויסגעוואָרפנ, אז ער איז א גאנעוו. „ביסט א גאנעוו, שאָלעמ! האָסטו נאָר געהאט איינ מאכשאָווע א שלעכטע, ביסטו שוינ א גאנעוו... א גאנעוו! א גאנעוו!"...

דער צווייטער סעאנס האָט זיכ ניט געלאָזט לאנג ווארטנ. וואָלפ־סאָנ האָט פיינט געהאט זיצנ איינער אליינ בא זיכ אינ די פיר ווענט. אינ זאל זיינענ געווענ נאָכ אָרכים. האָט ער בעסער פארבראכט אינ זאל, גערייכערט אונ גערעדט, ווי אלעמאָל. שאָלעמ האָט זיכ ווידעראמאָל אריינגעכאפט אינ וואָלפסאָנס כיידערל. איצטיקס מאָל שוינ מיט דער רייע ניט א קוק צו טאָנ, נאָר טאקע עפעס געניסנ אויכ. סיי ווי סיי א גאנעוו... אריינגעכאפט זיכ, האָט ער זיכ איבערגעבויגנ מיטנ גאנצנ גופ איבערנ טיש, גלייכ ווי ער וואָלט וועלנ עפעס דערלאנגענ פונ אנדערנ ברעג טיש, מיט דער לינקער האנט געגעבנ א נעמ דעמ קאלטנ שליסל, א דריי רעכטס — דער שלאָס האָט זיכ געעפנט מיט א שטילנ קלאנג — חזינ? — אונ אנשוויגנ געוואָרנ. ער האָט געגעבנ א קוק ארייננ אינעווייניק אונ איז געבליבנ א פארציטערטער. צוערשט האָט ער דערזענ פאר זיכ דעמ גראָבנ טייסטער אָנ אָפענעמ. פול אונ פול געפאקט מיט פאפיר־געלט: צענערלעכ רויטע, פינפערלעכ בלויע, דרייערלעכ גרינע, אונ איינערלעכ געלע — ווער ווייסט, וואָס דאָס האָט געקאָנט באטרעפנ?! איינ פאפירל א רויטינקס ווענ ער טוט נאָר א שלעפ ארויס פונ דאָרטנ — איז ער דאָכ שוינ א געהאָלפענער! ווער וועט זיכ ארומקוקנ? נעמ זשע, שוטע, אונ שלעפ ארויס — ניינ! קאָנ ער ניט! ס'טרייסלענ זיכ אימ די הענט, ס'קלאפט אימ א צאָנ אָנ א צאָנ אונ עס פארציט אימ דער אָטעמ. ער כאפט בעסער א קוק אָפנ לעדערנעמ ביטעלע — ס'איז געפאקט! ער וויל דאָס א נעמ טאָנ — פאָלגט אימ ניט די רעכטע האנט. עפענענ דאָס ביטעלע אונ ארויסנעמענ פונ דאָרט עטלעכע זילבערנע מאטבייעס וואָלט אויכ געווענ נישקאָשע — איז צופיל זארבעט. נעמענ דאָס ביטעלע אונ ארייננרוקנ דאָס איז קעשענע — וועט מענ זיכ באלד ארומקוקנ. דערווייל די צייט שטייט ניט אונ די מינוטנ ציענ זיכ. א מינוט א יאָר... אונ דאָ דערהערט זיכ א שאָרכ — אהא, ער שקראבעט זיכ. דער ליטוואק, מיט די אויסגעטראָטענע שטעק־שיכ... א דריי דעמ שלאָס מיט דער רעכטער האנט צוריק — אונ לאָזט זיכ גיינ פונ כיידער ווידער מיט ליי־

דיקע הענט, רעכנט באגעגענענ ′זיכ מיט עמעצנ, צומ סאָפ — ווער? וואָס? ניטאָ קיינער! גיינ נאָכאמאָל. צוריק — שווינ צו שפּעט. באַ־דאַרפט פריִער! דורכגעלאָזט אזא געלעגנהייט!.. „ביסט א אידיאָט, שאָלעמ! דו ביסט ביידע זאכנ — אי א גאנעוו, אי א אידיאָט!"...

דער דריטער סעאַנס, אינ א צייט ארומ, איז שוינ גאָר אָפּגעלאָפנ גלאַט. ער האָט אויסגעמיטנ די פריִערדיקע האכאָנעס, ניט געמאכט קיינ שיִעס, נאָר גלייכ צומ טיש, אופגעעפנט דעמ שלאָס, ארייַנגע־שטעקט די האנט אינ שופלאָד, געגעבנ א נעמ דאָס בייטעלע, געגעבנ דאָס א לאָז אינ קעשענע, צוגעמאכט צוריק דעמ שופלאָד אונ אוועק מיט די ביכלעכ אינ קלאַס ארייַנ, דאַפקע ניט געכאַפּט זיכ, דאַפקע פּאַוואָליע, אונ, דאַכט זיכ, אזוי קאלטבלוטיק, קימאַט שלעפעריק. נאָר ארויסגייענדיק פונ שטוב, האָט ער דערפילט, אז דאָס בייטעלע בריט איִמ דורכ דער קעשענע דאָס לייב, אונ אז ער דאַרפ עס באַ זיכ ניט האלטנ בעשומויפנ וועוויפנ! ווער שמועסט, דעמ ערשטנ טאָג, — אוואַדע אונ אוואַדע ניט! אונ אָנשטאָט דעמ, ער זאָל גיינ אינ קלאַס, כאַפּט ער זיכ ארייַנ אינ שטאל ארייַנ, דאָרט, ווו מע האלט האָלצ, אָנגעהאַקט האָלצ, בויגט זיכ אָנ אונ טוט א רוק ארייַנ דאָס בייטעלע אינ ווייטנ, פינצטערנ ווינקל ארייַנ, צווישנ האָלצ אונ צווישנ דער וואנט, מאכט א סימענ מיטנ אויג, ער זאָל געדענקענ דאָס אָרט אקו־ראַט — אונ מאַרש אינ קלאַס ארייַנ.

האָט זיכ אייַכ געטראָפנ ווענ באַגעגענענ איינעמ מיט א פלאַמע־דיק פּאָנעמ, מיט ברענענדיקע אויגנ, וואָס איז מאָדנע אופגערוימט אונ איז גרייט פאר אייַכ אינ פייַער אונ אינ וואסער, נאָר ער איז עפּעס צעטראָגנ, ארייַנגעטאָנ אינ זיכ — זאָלט איר וויסנ, אז דער בעוורעמאַנ ווייסט עפּעס א זאכ, וואָס נאָר ער ווייסט אונ גאָט, אונ ווייַטער קייִ־נער ניט. אָט אזוי האָט אויסגעזעענ יענעמ פרימאָרגנ דער העלד פונ דער דאָזיקער ביִאָגראפיע. ער האָט אלעמענ געקוקט אינ די אויגנ ארייַנ, ווי א זינדיקער מענטש. ס′האָט זיכ איִמ אויסגעדאכט, אז אלע זעענ, אז ער ווייסט עפּעס זייער־זייער א הייליקנ סאָד... זייַנ כאַווער עליע, וואָס האָט איִמ געקענט מער ווי אלע, האָט איִמ א פרעג גע־געבנ: „שאָלעמאנטשיק! וואָס איז מיט דיר? האָסט שוינ ווידער עפּעס אויסגעמאָלט א צאַצקע מיט א קרייַדל אפנ פּאַרקאַנ?"... „האלט׳ס

מויל, עליק, וואָרעמ אָט מאָל איכ דיר אויס א צאַצקע אפ דער פיזיאָנאָמיע, וועסטו פאַרגעסנ, ווי מע רופט דיכ!" „טאַקע? אַנו, פּרווו, לאָמיר זענ, ווער וועמענ?" — אונ עליע האָט שוינ פאַרקאַטשעט די אַרבל גרייט געווענ צו געבנ אויסגאָב, ווי ער קאָנ. זײַנ כאַווער איז אָבער ניט געלעגנ אינ זינענ שלאָגנ זיכ. זײַנ קאָפּ אונ אַלע זײַנע נעדאַנקענ אונ אַלע זײַנע כושימ זײַנענ געווענ דאָרטנ, אינ שטאַל פונ געהאַקטנ האָלץ, באַמ בײַטעלע... פאַר גרויס אימפּעט האָט ער אַפילע פאַרגעסנ געבנ א קוק אַרײַנ, וואָס אינ בײַטעלע טוט זיכ... ער האָט קוימ דערלעבט, די לעקציעס זאָלנ זיכ ענדיקנ אונ ער זאָל שוינ קומענ אַהיימ, וועט ער זיכ אַרײַנכאַפּנ אפ א רעגעלע אינ שטאַל, א קוק טאָנ כאָטש פונ אויבנ אופ — וויפל? וואָס פאַרמאָגט ער איצטער?..

געקומענ אַהיימ, האָט ער געטראָפנ א כורבנ, אַנ איבערקערעניש! דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אינ צעוואָרפנ, די קיכ — מיטנ קאָפּ אַראָפּ. די שיקסע וויזגט, שווערט, כאַפּט די ערד, אַז זי ווייסט ניט פונ וואָס צו זאָגנ. דער טאַטע איז אויס מענטש, שוואַרצ ווי די ערד. אַזוש אײַנגעבויגנ אינ דרײַענ. די שטיפמאַמע פײַערט, שעלט, לייגט די טויכעכעצ אפ וועמענ? שווער צו וויסנ, וואָרעמ די קלאָלעס גייענ בא איר מיט א לאָשנ האַבוים, אינ א מערצאָל: „פונ אונטער דער נאָז זאָל מענ צונעמענ — נעמענ זאָל אײַכ דער שוואַרצער יאָר!" „אַרײַנ א בײַטל מיט געלט אינ דער ערד אַרײַנ — אינ דער ערד זאָלט איר אַרײַנ!" „קיינער האָט ניט געזענ דאָס בײַטעלע — ניט זענ זאָלט איר די וועלט!" „וואָסער אוירעכ וועט דאָ וועלנ שטיינ — שטיינ זאָלט איר פּראַווצעמ!".. אונ דער אוירעכ אַליינ, וואָלפסאָנ מיטנ כאַלאַטל, שטייט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אינ מויל, האַלט די הענט אינ די קעשענעס, קוקט אפ די קינדער, שמייכלט אונ רעדט צו זיכ אַליינ: „ערשט הײַנט אינדערפרי געהאַלטנ דאָס בײַטעלע, פונ שטוב ניט אַרויסגעגאַנגענ"...

— האָט איר ניט געזענ דאָס בײַטעלע? — פרעגט דער טאַטע בא די קינדער, אונ שאָלעמ שטעלט זיכ אַרויס פאַר אַלע:

— וואָסער בײַטעלע?..

זעלטנ ווענ דער טאַטע איז אינ קאַס. איצט קאָנ ער שוינ ניט אײַנהאַלטנ זיכ אונ פאַלט אָנ אפ זײַנ ליבלינג אונ קרימט אימ איבער:

— „וואָסער בײַטעלע?" וואָס זאָגט איר אַפ דעמ טאַמ? א גאַנצ פּרימאָרגנ הערט ער „בײַטעלע—בײַטעלע! בײַטעלע—בײַטעלע!" — פֿרעגט ער גאָר: וואָסער בײַטעלע!"...

און צומ אויבערכ זאָגט דער טאַטע:

— וויפֿל פּאָרט איז דאָרט געווענ געלט בא אײַכ אינ בײַטעלע?

— עס האַנדלט זיכ ניט אומ געלט, — ענטפֿערט וואָלפֿסאָנ אַפ זײַנ ליטוויש לשונ — דאָ האַנדלט זיכ אומ די בײַטעלע! ערשט הײַנט אינדערפֿרי געהאַלטנ די בײַטעלע, ניט ארויסגענומענ פֿונ שטוב, ניט ארויסגעגאַנגענ!..

ניינ, איצט איז ניט די צײַט אַפ געוויינע צו ווערנ, וויפֿל געלט עס געפֿינט זיכ אינ בײַטעלע. שאָלעמ איז ניט אזא אידיאָט, ער זאָל איצטער, אַפ דער הייסער שאָ, גײנ אינ שטאָל ארײַנ טרייבערנ דאָס בײַטעלע. ער קאָנ באַשטיינ אָפּלייגנ די אַרבעט אַפ מאָרגנ, אָדער אַפ איבערמאָרגנ. דערווײַל דאַרפֿ מענ זיכ נעמענ צו די ביכלעכ, כאַזערנ די געאָגראַפֿיע מיט דער היסטאָריע אַפ אויסווייניק, מאַכנ א פּאָר טער־אָרעמעס פֿונ געאָמעטריע... נעבעכ גאָט די נעשאָמע שולדיק. און דאָ אינ שטוב קאָכט זיכ! די שיקסע האָט מענ שוינ אָפּגעשאַפֿט. די שטיפֿ־מאַמע פֿײַערט. דאָס גאַנצע הויז איז אַפ רעדלעכ. אַלע זוכנ דאָס בײַ־טעלע, און שאָלעמ זוכט גלײַכ מיט אַלעמענ. טוט א קוק אַפנ טאַטנס פּאָנעמ, און ס'פֿאַרגייט אימ דאָס האַרצ, קאָנ ניט זענ, ווי ער גייט אײַנגעבויגנ, קאָנ ניט הערנ, ווי ער זיפֿצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דערפֿילט דער גאַנעוו, וואָס פֿאַר א מיִעסע זאַכ ער האָט אָפּגעטאָנ, און ער האָט כאַראָטע אַפ דער מײַסע, איז אָפּגעטראָגנ אַפנ יעיצערהאָרע, וואָס האָט אימ אָנגערעדט אַפ אזא אַוויירע, ארופֿגעפֿירט אַפ א גליטש...

ווי א יאָר האָט זיכ געצויגנ יעדע שאָ, ווי אַנ אייביקײַט האָט אויסגעוויזנ דער טאָג. קוימ דערלעבט דעמ פֿאַרנאַכט, ווענ דער ראַש מיטנ טאַראַראַמ האָבנ זיכ א ביסל אײַנגעשטילט, און די שטוב־צאָרעס מיט די דײַגעס־פֿאַרנאָסע האָבנ ארויסגעשטויסנ אַפ א ווײַלע דעמ האַרמידער פֿונ דער גנייווע, האָט זיכ דער קליינער גאַנעוו ארײַנגע־כאַפּט אינ הויפֿ, ארײַנגעכאַפּט זיכ אינ שטאָל פֿונ האָלצ, פּאַוואָליע זיכ אראָפּגעלאָזט אַפ דער ערד, ארויסגעצויגנ פֿונ צווישנ וואַנט דאָס

בײַטעלע, אופגעעפנט דאָס, געגעבנ א קוק ארײַנ — אונ... דאָרט איז געלעגנ אנ אלטע, אָפּגעריבענע מאַטבייע פונ פארצײַטנ, וואָס האָט אמאָל געהאַט באַטרעפנ צענ קאָפּעקעס, נאָר הײַנט איז זי ניט ווערט גאָרניט, וואָרעמ קיינער נעמט זי ניט!.. אונ דאָס בײַטעלע אליינ איז אויכ ניט ווערט גאָרניט. א בײַטעלע א פארזשעניש, א שלעפּל דער רועכ ווייסט וואָסערס, דאָס לעדער אָפּגעבארעט אונ פעט פארסמאָלצעוועט, בא די ברעגעס אײַנגעקאָרטשעט אונ פארהגעלט, ווי בא אנ אלטער באָביצע די הויט פונ פּאָנעמ — אזא בײַטעלע האלטנ אינ די הענט איז מוקצע מאַכמעס מיִעס!.. טאקע קעדײַ געווענ צוליב אזא פּאס־קודסטווע אָפּטאָנ אזאַ מיִעסע זאַכ, אויווער זײַנ אפ א לאַוו פונ די אסערעס האדיברעס „לא תגנוב"!..

ארײַנגעקומענ אינ שטוב ארײַנ, איז אימ די שטיפמאמע מעכאבעד מיט ארײַנטראָגנ דעמ אוירעכ דעמ סאמאָוואר. דער אוירעכ (וואָלפסאָנ) האָט א טעווע איטלעכס מאָל, ווענ מע טראָגט אימ ארײַנ דעמ סאַמאָוואר, רײַבט ער א האנט אָנ א האנט אונ טוט א זאָג מיט א ניגנ אונ מיט א גראַמ: „אָט אזוי! אצינד וועלנ מיר טרינקענ טיי!"... איצטיקס מאָל האָט ער צוגעלייגט אויכ די ווערטער: „וואָס זשע הערט זיכ — ניטאָ די בײַטעלע?"... אונ האָט געגעבנ ביים מײַסע א קוק דעמ באָכערל אינ די אויגנ ארײַנ, אונ ס'האָט זיכ גילאָזט הערנ א פארבאָרגענע איראָניע סײַ אינ די ווערטער סײַ אינעמ קוק... אונ עפשער האָט זיכ עס נאָר אויסגעוויזנ אזוי? ווי זאָגט מענ דאָס: „אפנ גאנעוו ברענט דאָס היטל"... יעדנפאלס, האָט דער גאנעוו אינ דער מינוט ופײַנט געהאט דעמ אוירעכ וואָלפסאָנ מיט סאקאָנעס, ניט גע־קאָנט אָנקוקנ זײַנ ליטוויש פּאָנעמ מיט זײַנ ליטוויש לאָשנ: „די בײַ־טעלע", אונ ער האָט זיי בײדנ בא זיכ אינ הארצנ געשאָלטנ מיט קלאָ־לעס נימראָצעס!.. וואָס טוט מענ מיטנ פארשאָלטענעמ בײַטעלע? ס'איז ניט קיינ טאַכלעס, וטאָמער געפינט מענ דאָס אינ שטאָל צווישנ די האָלצ! וואָלט מענ זיכ ניט צוגעײַלט אזוי אָפּצושאפנ די שיקסע, וואָלט געווענ הער בעסטער פלאָנ אונטערוואַרפנ דאָס בײַטעלע. איצט אָבער, אז די שיקסע האָט מענ שוינ לאַנג דורכגעטריבנ, קאָנ דאָכ ערשט פאלנ דער כשאָד אפ די קינדער — שלעכט!..

באַנאַכט האָט ער לאנג ניט געקענט אנשלאָפנ ווערנ. ער האָט בא

זיכ אלײנ ניט געקאָנט פויעלנ, אַז דאָס איז ניט קײנ כאָלעם, קײנ בײזער כאָלעם. ניט שוינ זשע איז דאָס עמעס? ניט שוינ זשע איז ער א גאַנעוו? א פּאַשעטער גאַנעוו?!.. אונ עס באַשלאָגט אים אַזש א שווײס, ווי אַזוי א מענטש קאָנ פאַלנ!.. אונ וואָס וועט זײנ ווײטער!.. ווײַטער ווערט ער אײנשלאָפנ אונ עס פּלאָנטערנ זיכ אים בײַטעלעכ, אונ די בײַטעלעכ זײַנענ ניט קײנ בײַטעלעכ, נאָר לעבעדיקע מיִעסע באַשעפענישנ, אָפּגעקראַכענע, געלע אונ אײַנגעקנײטשטע, אונ קאַלטע, אונ נאַסע, אַזוי ווי שראַצים, זשאַבעס... אונ זײ רירנ זיכ אונ זײ קריכנ אים איבערנ לײַב, פאַרקריכנ אונטערנ קאָלנער, אונטער די פּאַכ־וועס — בררר!..

ער כאַפּט זיכ אויפ, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאַפּט זיכ דאָס לײַב — דאַנקענ אונ לויבנ גאָט, ס'איז נאָר א כאָלעם... יאָ, אָבער וויִאַזוי ווערט מענ פּטור פונעם בײַטעלע? ס'איז ניטאָ קײנ אַנדער אײצע, סײַדנ פאַרוואַרפנ דאָס ערגעץ אינ אַזא אָרט, אַז קײנ פויגל זאָל ניט וויסנ. פרעגט זיכ: „וווּהינ? צום גויִישנ שאָכנ אינ גאָרטנ אַרײַנ? ערגעץ ווײַט אַפנ הײליקנ אָרט? אינ דער ווײַבער־שער שול? נײנ, דאָס בעסטע וועט זײנ — פונ דעם בריק אינ טײַכ אַרײַנ. אונ די בעסטע צײַט דערצו איז שאַבעס. אונ אַזוי איז דאָס געבליבנ.

שאַבעס באַטאָג, סאָפּ זומער. אינדרויסנ איז נאָכ וואַרעם. ייִדישע קינדער שפּאַצירנ נאָכ אָנ אויבערשטע מאַלבושים. מײדלעכ גײענ נאָכ מיט זאָנטיקלעכ. צווישנ די, וואָס האָבנ שפּאַצירט, האָט זיכ געפונענ אויכ דער העלד מיטנ בײַטעלע. ס'איז געלעגנ פאַרבאָרגנ בײַ אים ווײַט אינ א קעשענע, אָנגעפּילט מיט שטײנדלעכ, ביכדײ אַז ער וועט עס אַראָפּלאָזנ פונ בריק אינ טײַכ אַרײַנ, זאָל עס מיט זיכערקײַט אַראָפּ טיפ אַפנ גרונט פונ וואַסער. איז אָבער די צאָרע, וואָס דער בריק איז פאַרפּלײצט מיט מענטשנ — אונ ער האַרפּ, אַז קײנער זאָל ניט זענ, וויִאַזוי ער וועט מאַכנ די אָפּעראַציע. דרײט ער זיכ אַרום הינ אונ צוריק, פאַרקוקט איטלעכנ אינ די אויגנ, אונ ער וואָלט געמעגט שווערנ, אַז אַלע קוקנ אָפּ אים עפּעס מאָדנע... אונ עפּשער ווײַזט זיכ אים נאָר אויס אַזוי? אַלץ די אײגענע מײַסע: „אַפנ גאַנעוו ברענט דאָס היטל"... נאָר אָט האָט אים גאָט געהאָלפנ — ער האָט זיכ פאַרשלאָגנ אינ א

ווינקל אונטער א גרויסנ סלופ פונ די סווײַעס, אפ וועלכע עס האלט זיכ דער בריק, אריבערגעבויגנ זיכ מיטנ גאנצנ קערפער איבער דער פארענטשע, אריַנגעקוקט זיכ קלוימערשט אינ וואסער אריַנ, גליַיכ ווי דאָרטנ וואָלט ער דערזענ גאָט ווייסט וואָס פאר א כידושים, אָנגעטאפט מיט דער האנט זיַנ קעשענע, ווו דאָס פארשאָלטענע ביַיטעלע ליגט, דערפילט אינ האנט א מיִעסקײַט, א לעבעדיקע זאכ, א מינ שערעצ... ארויסגעצויגנ דאָס פאוואָלינקע פונ קעשענע אונ צענומענ די פינגער אונ ארויסגעלאָזנ דאָס פונ דער האנט. פליוכ — אויס ביַיטעלע! אפנ אָרט, ווו דאָס ביַיטעלע איז געפאלנ האָט זיכ באוויזנ א רעדל, דאָס רעדל איז געוואקסנ ברייטער אונ ברייטער, אונ פונ דעמ רעדל איז באשאפנ געוואָרנ נאָכ א רעדל אונ נאָכ א רעדל. ער האָט גאָרניט געקאָנט אָפריַיסנ די אויגנ פונ דעמ אָרט, ווו זיַנ אוויירע איז געווענ דערטרונקענ, אונ זיַנ סאָד איז געווענ באגראָבנ אפ אייביק. נאָר א שיינע שטימע האָט אימ אופגעוועקט פונ זיַנע מאכשאָוועס, אונ א זיסער געלעכטער האָט אימ אָפגעקלונגענ אינ די אויערנ:

— פישעלעכ שווימענ? כא-כא, וואָס דענ שטייט מענ אזוי לאנג אונ מע קוקט?

ער דרייט אויס דעמ קאָפ אונ דערזעט דעמ כאזנס מיידל מיט אירע א כאווערטאָרנ.

— איר זיַט דאָ שוינ לאנג? — טוט ער א פרעג באמ כאזנס מיידל מיט דער כאווערטאָרנ.

— די גאנצע צײַט, כא-כא! — ענטפערנ זיי אימ ביידע מיט א געלעכטער. בא זיי איז דאָס א געלעכטער, אונ אימ ווערט איַנגעפאלנ אינווייניק, טאָמער האָבנ זיי געזענ, וואָס ער האָט געטאָנ...

נאריש באָבערל! אומזיסט געווענ זיַנ מוירע. אימ האָט אָפגעוואָרט אנ אנדער צאָרע, וואָס דערופ האָט ער זיכ גאָר ניט גערעכט. אימ איז באשערט געווענ איבערצולעבנ, ווי מיר וועלנ באלד זענ, א נײַע דראמע מיטנ נאָמענ „דעמ כאזנס מיידל".

53. דעמ כאַזנס מיידל

צאַליע דעמ כאַזנס טאָכטער. — א פּלאַמ־פֿײַעריק פֿאַרליבעניש. — אַנ איבערשרעקעניש צווישנ צוויי יונגע הערצער. — זײַנ בריוו פֿאַלט אַרײַנ אינ פֿרעמדע הענט.

די זעלבע ראָליע, וואָס אינ דער גרויסער שטאָט שפּילנ איצט גימנאַזיסטנ אונ סטודענטנ, האָבנ אינ דער קלענערער שטאָט אינ יענער צײַט געשפּילט די טאַלמידימ פֿונ דער „אויעזדנע". איינ זאַכ האָט זיי נאָר געפֿעלט — א באַזונדער אוניפֿאָרמ. ווײַטער זײַנענ דאָס געווענ העלדנ אינ פֿולנ זינ פֿונ וואָרט. זיי איז געווענ דערלויבט אַלצדינג, וואָס פֿאַר סתּמ ייִדערײַנגלעכ איז ניט געווענ דערלויבט. אַשטייגער, אָפּצוטאָנ א שפּיצל דעמ שאַמעס פֿונ שול, באָדנ זיכ אינ טײַכ אויסער דער „קופּאַלניע", פּראָווענ לײַצאָנעס מיט וועמענ זייער האַרצ געלוסט, אונ אַפֿילע ריידנ מיט א מיידל, נאָר אַבי פֿונ לײַטישנ שטאַנד, פֿונ באַלעבאַטישנ גראַד. אונ מיידלעכ זײַנענ געווענ נאָכ זיי די קאַפּאָרע! איכ מוז מיכ אָבער פֿאַרכאַפּנ באַלד אָפּנ אָרט אונ מאַכנ א באַמערקונג, אַז דאָס איז ניט געווענ קיינ „פֿלירט" אונ ניט קיינ ראָמאַנענ. דאָס זײַנענ געווענ די ריינסטע אונ סאַמע הייליקסטע באַציִונגענ, וועלכע זײַנענ נאָר מעגלעכ צווישנ יונגע קינדער פֿונ ביידע מינימ. ס'וועט ניט זײַנ איבערטריבנ אָפּ א האָר, ווענ איכ וועל זאָגנ, אַז די באַציִונגענ צווישנ מאַלאָכימ קאָנענ ניט זײַנ ריינער אונ אומשולדיקער, ווי יענע באַציִונגענ, וואָס זײַנענ געווענ צווישנ דעמ כאַזנס מיידל אונ צווישנ דעמ יונגנ העלד פֿונ דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע. ווי, ווענ אונ בא וועלכע אומשטענדנ זייער ערשטע באַקאַנטשאַפֿט איז פֿאָרגעקומענ — איז שווער צו געדענקענ אַקוראַט, אונ ס'איז אויכ ניט אַזוי וויכטיק. קיינ אַנדער צײַט אונ קיינ אַנדער פּלאַץ אָפּ צו באַגעגענענ זיכ אינ שטאָט איז ניט געווענ, אויסער שאַבעס באַטאָג אָפּנ בריק, וואָס פֿירט צו די „פּיהוואָרקעס". ווער פֿונ די צוויי האָט אָנגעהויבנ פֿריִער צו ריידנ, דער באָכער אָדער דאָס מיידל, אונ וואָס איז צומ ערשטנ מאָל גערעדט געוואָרנ — איז אויכ ניט מעגלעכ פֿעסטצושטעלנ. אָנגעהויבנ האָט זיכ עס זיכער פֿונ א שאַרפֿנ קוק. דערנאָכ א שמייכל. דערנאָכ אָנגערירט זיכ קלוימערשט אומגערנ מיט די עלנבויגנס. דערנאָכ

א נעם געגעבנ זיכ צום היטעלע: „זדראסטי" (גוט מאָרגנ), דערנאָכ שוינ אָנ א נעם געבנ זיכ צום היטעלע: „קאַק פּאָזשיוואיעטע"? (וואָס מאכט מענ). דערנאָכ, בא שפּעטערע באגעגענישנ, שטעלט מענ זיכ אָפּ אפ א פּאָר מינוט א רעד טאָנ וועגנ גאנצ אומבאדייטנדיקע זאכנ אונ מע טוט א שמועס וועגנ א צווייטער באגעגעניש:

ע ר: אפ ווידערזעהנ.

ז י: ווענ? ווידער שאבעס?

ע ר: ווענ זשע, אז ניט שאבעס?

ז י: ווו? ווידער אָט דאָ, אפנ בריק?

ע ר: ווו דענ זשע?

ז י: עפּשער אינ אנדער אָרט?

ע ר: דעהיינע?

ז י: ווו ווערט איר זיינ סימבאסטוירע צו האקאָפּעס?

ע ר: וואָס הייסט ווו? אינ גרויסנ בעסמעדרעש.

ז י: פּארוואָס ניט אינ דער קאלטער שול?

ע ר: דאָרט, ווו אייער טאטע דאווענט?

ז י: וואָס מאכט עס אויס?

ע ר: מיינ טאטע וועט זיכ כאפּנ, ווו איכ בינ.

ז י: אויב איר זיינט א יינגעלע, וואָס האָט מוירע פּארנ טאטנ...

ווייטער לאָזט ער זי ניט ענדיקנ. וואָרעמ עס דערלאנגט אימ בא דער זיבעטער ריפּ. ס'טייטש — מע זאָגט אימ, אז ער איז א יינגעלע, וואָס האָט מוירע פּארנ טאטנ! אונ ווער זאָגט דאָס אימ?!.. ער געפינט אינ אויסרייד אפ ארויסצודרייענ זיכ, אָבער קונציק, ווי א מאזיק. ער האָט איר וואָס צו זאָגנ א נייטיקע זאכ. נאָר אזוי ווי זי איז ניט אליינ זי איז מיט איר כאווערטאָרנ, קאָנ ער עס איר ניט זאָגנ. דעם כאזנס מיידל ווערט רויט אונ טוט א ווונק צו איר כאווערטאָרנ, זי זאָל אָפּגיינ א פּאָר טריט ווייטער. יענע פּאָלגט, אונ זיי בלייבנ אינצווייענ. זי איז גרייט אויסצוהערנ דעם סאָד. ער לאָזט זיכ ניט לאנג וואַרטנ אונ, פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג, גיט ער איר איבער אָט וואָס: „ער

האָט איר שוינ לאנג געוואָלט זאָגנ, אז ער וואָלט א באלנ געווענ זענ זיכ אמאָל מיט איר אליינ, אָנ באגלייטערנס, אָנ באוווערטאָרנס". „מאלע וואָס! אונ זי וואָלט דענ ניט געוואָלט ריידנ מיט אימ אונטער פיר אויגנ, אָנ באגלייטערנס אונ אָנ באוווערטאָרנס? — קאָנ זי אָבער ניט. מע לאָזט זי ניט אָפ אליינ. די מאמע היט אכטונג זי זאָל ניט זיינ אליינ. נאָר ער באדארפ ניט מוירע האָבנ פאר איר באוווערטאָרנ. זי איז א מיידל א שטילע, אנ ערלעכע, אונ האָט אליינ אויכ גערנ, א באָכער זאָל מיט איר ריידנ, אונ אויב ער וויל וויסנ, איז אָט דאָס מיידל אויכ פארליבט אינ א באָכער"... „אויכ פארליבט? איז די מאשמאָעס, אז זי. דעמ כאזנס מיידל, איז אוואדע פארליבט? וואָלט ער וועלנ וויסנ, ווער איז יענער גליקלעכער?"... „אז ער וועט אלצדינג וויסנ, וועט ער גיכ אלט ווערנ"...

דארפ מענ נאָכ האָבנ א ווייטערנ פירעש אפ די דאָזיקע ווערטער? פארשטייט מענ דענ ניט, אז דער דאָזיקער גליקלעכער, — דאָס איז ניט קיינ אנדערער, נאָר ער אליינ טאקע? אונ טאָמער איז נאָכ פאראנ א שטיקל ספּאָפעק אינ דעמ, איז גענוג איינ קוק אפ איר ליכטיק שיי־נענדיק פּאָנעמ אונ אפ אירע מיט גליק שטראלנדיקע אויגנ. א באַ־קאנט פּאָנעמ. באקאנטע אויגנ. ווו האָט ער געזענ אָט דאָס ווייסע מיידל מיט די בלאָנדע געקרייזלטע האָר? אפילע די האנט אירע איז אימ קענטלעכ. א ווייס הענטל מיט דינע לאנגע פינגער. א ווייס הענטל, א גלאטס אונ א ווארעמס. דאָס ערשטע מאָל אפ זיינ לעבנ ביכלאל, אז ער האלט א מיידלס האנט...

ווי אנ ערלעכער ייִד, וואָס קוקט ארויס אפ מאָשיִעכנ, אזוי האָט ער גענומענ ארויסקוקנ אפ דעמ גליקלעכנ יאָנטעוו סימכאסטוירע. די צייט איז אימ אָבער געווענ צו לאנג צו ווארטנ. ווי פונ פעכ האָבנ זיכ געצויגנ די טעג. ער איז שיר ניט מעשוגע געוואָרנ. אונ ער האָט זיכ אנטשלאָסנ אויסגיסנ דאָס הארצ אפ פּאפיר. אינ דער פאָרמ פונ א בריוו, אליינ ניט צו וויסנ, צוליב וועמ אונ צוליב וואָס. א טאָג מיט א נאכט האָט דאָס שרייבנ צוגענומענ, אונ געשריבנ האָט זיכ עס ווי א וואסער, וואָס לויפט אומגעשטערט, ווי א פאָנטאנ, וואָס מע האָט אָפ־געלאָזט אלע זיינע קראנענ. דאָס שרייבנ וואָלט קיינמאָל קיינ עק ניט געהאט, ווענ ס'זאָל ניט געווענ אויסגיינ פּאפיר. ווי דער פארפאסער

זאָל זײַנ ניט קײנ גוויר, וואָלט ער הײַנט א סאַך, א סאַך באַצאָלט פאַרנ דאָזיקנ דאָקומענט!..

איצינד איז געבליבנ נאָר אײנ זאַך: וויאַזוי קומט די קאַץ איבערנ וואַסער? וויאַזוי וועט זי באַקומענ דעמ דאָזיקנ בריוו? אײנ אײצע איז נאָר פאַראַנ: איבערשיקנ איר דעמ בריוו דורכ איר כאַווערטאָרנ. דאָס וועט הײסנ אַזוי גוט, ווי אַרײַנצונעמענ אײנעמ סאָד א דריטע פּערזאָנ, פאַרטרויענ זיכ פאַר א זײַטיק מײדל, וואָס מע קענ זי ניט אונ מע ווײסט זי ניט. וואָלט עפּעס אײנ דעמ אויכ ניט געווענ קײנ מעניע, איז אָבער א כיסאָרנ: וויאַזוי קומט מענ צו צו אָט דער דריטער פּערזאָנ? איז דערצו אויכ דאָ א רעפּוּע: מע וועט מוזנ אַרײַנשלעפּנ נאָכ א פערטע פּערזאָנ. דאָס איז דער באָכער, וואָס דעמ כאַזנס מײדלס כאַווערטאָרנ איז אינ אימ פאַרליבט. א באָכער מיט א באָכער — איז גאָר אַנדערע ווערטער. א באָכער מיט א באָכער קאָנענ אומגעשטערט זיכ צונויפרײדנ אונ אָפּהאַנדלענ צווישנ זיכ די גרעסטע סודעס. איצט איז געבליבנ נאָר אײנ קלײניקײט — אופזוכנ דעמ באָכער אונ פאַרבינדנ מיט אימ ברודערשאַפט. דאָס איז, דוכט זיכ, גאָר א גרינגע זאַך. נאָר ניט אַזוי גיכ טוט זיכ עס, ווי סע רעדט זיכ.

דער באָכער איז געווענ א יונג א פּריקאַזטשיק אינ אַנ אײַזנ-געשעפט („זאַליאַז”), א גאַנצ שײנער אָפּנ פּאָנעמ, נאָר הענט האָט ער געהאַט א פּאָר, — דאָס, וואָס מע רופט אָנ „יאַדאַימ”. צוטרעטנ צומ באָכער איז ניט אַזוי שווער, ווי ס'איז שווער געווענ צו זאָגנ אימ, אָפּ וואָס מע דאַרפ אימ האָבנ. שוינ באַמ ערשטנ אַרויסטריט איז שיִער אויסגעפאַלנ א שטיקל סקאַנדאַל. דער באַלעבאָסטע פונעמ אײַזנ-געשעפט, א ייִדענע אַנ אָנגעפּעלצטע, גאָרניט נאָכנ סעזאָנ, מיט שוואַרצע הענט אונ מיט אַנ אונטערגעשוואַרצטער נאָז (פונ דעמ, וואָס זי וועגט שרויט אונ צוועקעס מיט די הוילע הענט אונ שנײַצט מיט די זעלבע הענט די נאָז), איז ניט געפעלנ די מײַנע, וואָס איר פּרי-קאַזטשיק קענ זיכ מיט ראַבינאָוויטשעס ייִנגל. וואָס פאַר „דאַטשיניע-ניעס” קענ האָבנ א באָכער א פּריקאַזטשיק מיט רעב נאָכעמ ראַבינאָ-וויטשעס א ייִנגל? איז אײנ מאָל אַוועק. דאָס אַנדערע, אַז ס'איז גע-קומענ צומ רעכטנ שפּיצ, אונ שאָלעמ האָט אימ א זאָג געגעבנ, אַז

ער האָט א באקאָשע צו זײַנ קאלע, האָט זיכ דער פריקאזטשיק אופגעבלאָזנ, ווי א האָנ אפ א קאצ, ווענ זי כאפט זיכ ארײַנ צו זײַנע הינער: „פונוואנענ ווייסטו, אז איכ האָב א קאלע?" „איכ בינ באקענט מיט איר כאווערטאָרנ". „מיטנ כאזנס מיידל? הע! דאָרט וועסטו האָבנ א בײַנברעכער". שאָלעמ פארשטייט ניט, וואָס הייסט דאָס, אייגנטלעכ, א „בײַנברעכער". נאָר נאָכנ פריקאזטשיקס געלעכטערל שטויסט ער זיכ, אז דאָס דארפ זײַנ ניט פונ די אָנגענעמע זאכנ. טוט ער אימ א פרעג: „ווער איז דער בײַנברעכער?"... „דאָס איז שוינ מײַנ אייסעק... נאָר לאָמיר האָרכנ, וואָס איז די באקאָשע?" שאָלעמ ציט ארויס דעמ געפאקטנ בריוו פונ קעשענע אונ גיט אימ איבער דעמ פריקאזטשיק: „אָט דאָס דארפ אײַער קאלע איבערגעבנ דעמ כאזנס מיידל אונ איבערשיקנ מיר דורכ אײַכ טאקע אנ ענטפער". דער פריקאזטשיק נעמט צו דעמ בריוו, באטראכט דעמ קאָנווערט פונ אלע זײַטנ: „אָט דאָס איז גאָר? קומ צו גיינ מאָרגנ, וועסטו מיסטאָמע באקומענ אנ ענטפער".

אראָפ א שטיינ פונעמ הארצנ. אפ מאָרגנ אינ דער אָפגעשטעלטער צײַט האָט שאָלעמ באקומענ פונעמ פריקאזטשיק אנ ענטפער, אז ער האָט נאָכ ניט קיינ ענטפער. „קומ צו גיינ מאָרגנ, וועט געוויס זײַנ אנ ענטפער". אפ מאָרגנ ווידער דאָס אייגענע — ניטאָ נאָכ קיינ ענטפער! דאָ האָט שאָלעמ באמערקט — אונ עפשער האָט זיכ אימ נאָר אויסגעוויזנ אזוי, — אז דער פריקאזטשיק שמייכלט עפעס מאָדנע אונטער. צו דעמ כשאד איז געקומענ נאָכ א כשאד: דער פריקאזטשיק האָט אימ א זאָג געגעבנ מיט א זיפצל: „ווענ איכ זאָל קאָנענ שרײַבנ אזוי ווי דו!"... „פונוואנענ ווייסטו, וויאזוי איכ שרײַב?" „מײַנ קאלע האָט מיר דערציילט". „פונוואנענ ווייסט דײַנ קאלע?" „זי ווייסט עס פונ דעמ כאזנס מיידל".

א טערעצ איז דאָס אפילע א נישקאָשעדיקער, אונ ס'איז אוואדע זייער אָנגעלייגט צו הערנ אזא קאָמפלימענט פונ א מיידל, וואָס מע האָט זי ליב. נאָר פונדעסטוועגנ אונ ניט ווילנדיק גאנוועט זיכ ארײַנ א מאכשאָווע: טאָמער האָט דער פריקאזטשיק ניט איבערגעגעבנ דעמ בריוו אונ האָט אימ בעסער אליינ געלייענט?... דער דאָזיקער געדאנק לאָזט ניט שלאָפנ. קוימ דערוואַרט זיכ אפ אנ ענטפער! דאָס איז גע-

ווען שוין ערעוו יאָנטעוו. דער פּריקאַזטשיק איז אים גלאָפן אַקעגן און אַרײַנגערוקט אין האַנט אַרײַן אַ געל שטיקל פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין פֿירן, אָן אַ קאָנווערט, נאָר מיט טריוואַקס פֿאַרזיגלט און צוגע־קוועטשט מיט אַ מאַטבייע. דאָס איז געווען דאָס לאַנג דערוואַרטע בריוול פֿון דעם כאַזנס מיידל, געשריבן מיט דינע לאַנגע אויסיעס, וואָס האָבן דערמאָנט אירע דינע לאַנגע פֿינגער. דאָרט איז געשטאַנען, אַז זי האָט זײַן בריוו מיט טרערן אין די אויגן געלייענט עטלעכע מאָל, און עס טוט איר באַנג, וואָס זי קאָן ניט אַזוי שרײַבן, ווי ער. „זי זאָל האָבן פֿליגל, וואָלט זי צו אים געפֿלויגן. זי זאָל קאָנען שווימען, וואָלט זי אַלע יאַמען איבערגעשווומען, אַבי צו אים צו קומען. און אויב ער מיינט, אַז זי קאָן יאָ שלאָפֿן רויִק, האָט ער אַ טאָעס. און זי קוקט שוין אַרויס אויף סימכעסטוירע מיט אַלע אויגן, וואָרעם אַ האַרץ פֿילט אַ האַרץ!“... צום סאָף האָט זי אים געוואָרנט, ער זאָל צו איר מער קיין בריוו דורך אַזאַ וועג ניט שרײַבן, וואָרעם זי איז זיכער, אַז דעם בריוו האָבן געהאַלטן פֿרעמדע הענט... דאָ קומען אים אַקעגן דעם פּריקאַזטשיקס „יאַדאַיִם“ און עס וואַרפֿט אים אַרײַן אין אַ קעלט מיט אַ היץ, אַז ער שטעלט זיך פֿאָר, וויאַזוי דער פּריקאַזטשיק האָט געעפֿנט דעם קאָנווערט און געלייענט זײַן בריוו, וואָס ער האָט אויסגעגאָסן פֿאַרן כאַזנס מיידל!.. נאָר ער עסט זיך ניט אָפּ לאַנג דאָס האַרץ, וואָרעם אָט־אָט איז סימכאַסטוירע און אָט באַלד וועט ער זי זען, שטיין נעבן איר, ריידן מיט איר — מיטן כאַזנס מיידל...

54. סימכאַסטוירע צו האַקאָפֿעס

די נאַכט פֿון סימכאַסטוירע. — די פּאָעזיע, וואָס פֿאַר האַקאָ־פֿעס. — ייִדן כאַפּן אַ טענצל. — וויַיבלעך און מיידלעך קושן די רייניקײַטן. — די הימלען עפֿענען זיך און מאַלאָכים זינגען שירע.

ווען איך בין געווען — אָסער אויב איך וואָלט באַשרײַבן די צאָרעס פֿון אַ יונגן ווערטער. איך וואָלט שוין בעסער באַשרײַבן די צאָרעס פֿון אַן אָרעם באָכערל, וואָס איז געפֿעלן פֿאַרליבט אין אַ כאַזנס אַ

מיידל. אָדער ווענ איכ בינ היינע — אָסער אויב איכ וואָלט באַזונגענ די „פלאָרענטינישע נעכט“. איכ וואָלט שוינ בעסער באַזונגענ די נאַכט פונ סימכאַסטוירע, ביים יידנ גייענ צו האַקאָפעס, אונ יונגע ווײַבלעכ אונ שיינע מיידלעכ קלײַבנ זיכ צונויפ אינ שול, מישנ זיכ אויס מיט די מאַנצבילענ — סימכאַסטוירע מעג מענ. זיי קושנ די טוירע, שפרינגענ אונ רופנ אונ קוויטשענ אַפ אַלערליי טענער: „דערלעבט איבער אַ יאָר!“ אונ באַקומענ צוריק אַ ענטפער: „גאַמ אַטעמ! גאַמ אַטעמ“!..

נאָכ מיט אַ שאָ אָדער צוויי פאַר די האַקאָפעס קומענ זיכ צונויפ די קליינע קינדער, יינגלעכ אונ מיידלעכ, קלעטערנ אַרופ אַפ די בענק, די פאָנענ פלאַטערנ, די עפל זײַנענ רויט, די ליכטלעכ ברענענ, אונ די בעקלעכ זייערע זײַנענ ניט ווינציקער רויט ווי די עפל, אונ די אויגנ לויכטנ ניט ערגער פונ די ליכטלעכ. דאָס איז קליינוואַרג. די עלטערע באָכערימלעכ, די געמאָרע־יינגלעכ, אָדער טאַלמידימ פונ די קלאַסנ, די שפאַצירנ נאָכ דערווײַל אַרומ אינ דרויסנ אַפנ שולהויפ. די לופט איז נאָכ לינד אונ שיטער. דער הימל איז אויסגעשטערנט. עס פילט זיכ יאָנטעוו אינ דער גאַנצער וועלט. אפילע די שטילקײַט איז אַ יאָנטעוו־דיקע. קיינ זאַכ איז ניט אימשטאַנד צו שטערנ די הייליקײַט פונ דער דאָזיקער נאַכט פונ סימכאַסטוירע, ווענ דאָס אויסדערווײלטע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט פרייט זיכ מיט זײַנ הימלישער מאַטאָנע. אונ טאָמער פאָרט דורכ דערבײַ אַ גוייִשע פור אונ הייבט אופ אַ געדיכטנ, שטיקנדיקנ שטויב, טאָמער פליט דורכ אַ פאָטשטאָווע גלעקל — „דזינ, דזינ, דזינ“, עס פאָרט אַ „קנעפל“ — ווער הערט זיי? דער שטויב וועט זיכ אָפלייגנ, אונ דאָס גלעקל וועט פאַרלוירנ ווערנ ערגעצ ווײַט־ווײַט — אונ די נאַכט בלײַבט אַלצ הייליק, אַלצ יאָנטעוודיק, וואָרעמ ס'איז דאָכ סימכאַסטוירע אַפ דער וועלט! אַ שוואַרצע קאַצ לויפט דורכ פאַרבײַ מיט אירע גלאַטסאַמעטענע טריט אונ שנײַדט דורכ דעמ גאַנצנ שולהויפ אינ דער ברייט אונ ווערט פאַרשווונדנ. אַ הונט רופט זיכ אָפ ערגעצ פונ ווײַטער גוייִשער גאַס מיט אַ בילנ אינ אַ לאַנגנ מינאָרנעמ טאָנ אונ ווערט אַנשווייגנ — אונ די נאַכט בלײַבט אַלצ הייליק, אַלצ יאָנטעוודיק, וואָרעמ ס'איז דאָכ סימכאַסטוירע אַפ דער וועלט, אונ עס אָטעמט זיכ אַזוי גרינג. אונ אַפנ האַרצנ איז אַזוי גוט, אַפ דער נע־שאָמע אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי גאַדלדיק איז מענ בײַ זיכ, אַ קלייניקײַט—

דאָס בינ איכ, אונ דאָס איז די נאַכט פונ סימכאַסטוירע, אונ דאָס איז א הימל, — מײַנ הימל, מײַנ יאָנטעוו!

— קינדער! מע גייט שוינ מיט די האַקאָפּעס!

מע כאַפּט זיכ אַרײַנ אינעווייניק אינ שול — ווער? וואָס? עס הייבט זיכ גאָרנישט אָנ. דערווײַל דאַווענט מענ ערשט מײַרעוו. צאַליע דער כאַזנ פונ דער קאַלטער שול שטייט באַם אָמעד מיט זײַנע צוויי מעשוירערים. איינער, א שוואַרצער באָכערעצ מיט גראָבע ליפּנ — א באַס. דער אַנדערער, אַנ אויסגעדאַרט ייִנגעלע מיט א ווײַס פּעניעמל — א כאָפּראַנאָ. אונ דער כאַזנ אַליינ, רעב צאַליע, מיט זײַנ גאָלדענער האַלדז — א ייִד א הויכער, א געלער, מיט אַנ אויסגעבויגענער נאָז, ווי א שויפער, מיט דינע געקרײַזלטע פּייעלעכ אונ מיט א געלע געקרײַזלטע באָרד, וואָס זעט אויס, ווי א צוגעבונדענע — ווער וועט דאָס גלייבנ אַז אַזאַ פּאַרזעניש וועט האָבנ אַזאַ שיינע, צאַרטע, איידעלע, ליבע טאָכטער?.. „דעם כאַזנס מיידל" — דאָס איז זײַנ טאָכטער, אונ צאַליע דער כאַזנ — דאָס איז איר פאָטער, וואָס באַרימט זיכ פאַר איטלעכנ, אַז ער האָט א מיידל — איז זי איינע בײַ גאָט, די אַנדערע בײַ אים. איינ כיסאָרנ נאָר — זי וויל ניט א קאַלע ווערנ. „ווען מע זאָל איר ניט ריידנ — איז איינ מאָל ניינ. נאָר ס'וועט איר העלפנ, ווי א טויטנ באַנקעס. אַז ס'וועט קומענ דער רעכטער זיוועק, וועט זי שוינ מוזנ זאָגנ יאָ. אַניט, נעמט מענ זי פאַר די צעפּ, אונ פאַר נויט איז דאָ א שטעקנ!"... אַזוי זאָגט ער אַליינ, צאַליע דער כאַזנ, געוויינלעכ אינ א שפּאַס, אונ באַווײַזט זײַנ יאַמשעווע שטעקנ מיט דער אַלטער פאַרגעלמער עלפאַנט-ביינעריקער גאָלקע.

מע האָט שוינ אָפּגעדאַוונט מײַרעוו אינ דער קאַלטער שול, אונ צו האַקאָפּעס איז נאָכ ווײַט: מע האַלט ערשט בײַ „אתה הראית לדעת" אונ מע טיילט אויס צווישנ די מיזרעכ-וואַנט-באַלעבאַטים די פּסוקים פונ „אתה הראית", וועלכע יעדער זאָגט זיכ אָפּ שטייענדיק אַפּ זײַנ פּלאַצ, אונ איטלעכער באַזונדער מיט אַנ אַנדער קאָל אונ מיט אַנ אַנדער נוסעכ. דאָס הייסט, דער נוסעכ איז איינ אונ דער זעלבער נוסעכ אַפּ דער גאַנצער וועלט, נאָר מאַכמעס יעדער האָט זיכ זײַנ שטימע מיט זײַנ טעמבער אונ מע שרעקט זיכ א ביסל איבער פאַר דעם אייגענעם קאָל, קומט אויס ניט דאָס, וואָס מע וואָלט אַליינ געוואָלט, אונ

דאָס דריידל, וואָס מע לאָזט איבער אפנ סאָפ פּאָסעק, גייט אינגאַנצנ פאַרלוירנ...

די קאַלטע שול איז געווענ גרויס און ברייט און הויכ און אָנ א סטעליע, נאָר מיט א דאַכ — און דערפאַר רופט מענ זי די „קאַלטע שול”. דער דאַכ איז צעמאָלט ווי א הימל,—בלוי, שוינ א ביסל צו בלוי, אזש גרינ. דער פאַרבער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. און די גלאַנצנדיקע שטערנ זיינענ א ביסל צו גרויס. יעדער שטערנ איז א ביסל קלענער פונ אנ עפּל און כאַפּט דעמ אָפּבליק פונ א קאַרטאָפל, ארומ און ארומ באַגילט מיט גאָלד. אויסגעלייגט זיינענ די קאַרטאָפל, דאָס הייסט די שטערנ, ניט אזוי, ווי די שטערנ אינ הימל, אָנ א שומ אָרדענונג — ניינ! נאָר אויסגעלייגט שורעסווייז, נאָענט און געדיכט איינס נעבנ דאָס אנדערע. פונ אינ מיטנ צענטער, אפ לאַנגע מעשענע שטריק, הענגענ אראָפּ אַלטע פאַרצייטיקע הענגלייכטער פונ אַלטנ געלנ פאַרגרינטנ מעש. פונ דעמ זעלבנ אַלטנ פאַרגרינטנ מעש זיינענ אויכ די העסעמ, וואָס אפ די ווענט — און אַלצ איז אָנגעפּאַקט מיט ליכט. אַלע ליכט ברענענ. כ'איז אזוי ליכטיק, אז עס דאַכט זיכ, אז ליכטיקער קאָנ שוינ גאָר ניט זיינ.

פונוואַנענ האָבנ זיכ גענומענ אזוי פיל ייִדנ, קיינ איינאָרע, און ווייבער, און ווייבלעכ, און באָכערימ, און מיידלעכ, און קליינע קינדער? שאָלעמ איז דאָס ערשטע מאָל אינ דער קאַלטער שול, און ניט ווילנדיק קומט אימ אפנ זינענ דער פּאָסעק: „מה טובו אוהליך יעקב” — ווי שיינ זיינענ דיינע געצעלטנ, יאַנקעוו!... עס קומט אימ אָנ ניט גרינג צו באַקומענ אנ אָרט אפ צו זיצנ. א גליק, וואָס דער שאַמעס האָט אימ דערקענט — ס'איז דאָכ רעב נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס א זונדל, דאַרפ מענ אימ מאַכנ אנ אָרט, און האָפּקע אינ שפּיגל-באַנק, צווישנ באַלעבאַטימ.

ווו האַלט מענ? דער ראַש מיטנ טומל זיינענ אזוי גרויס, אז מע הערט ניט דעמ כאַזנ, ניט זיינע מעשוירערימ. אומזיסט איז דעמ אויסעמס שרייענ „שאַ!”, אומזיסט איז דעמ שאַמעס קלאַפּנ אינ טיש. ווייבערלעכ גראַגערנ, מיידלעכ לאַכנ, קינדער פּישטשענ. אָט שטייט א יונגערלע מיט ביטערע טרערנ. „וואָס וויינסטו, יינגעלע?” — מע האָט אימ אראָפּגעוואָרפנ דעמ עפּל פונ דער פאָנ אומגערנ און צעטראָטנ מיט די

בימ. וואָס וועט ער איצטער טאָנ אָנ אנ עפּל?... אונ נעבנ יינגעלע זיצט א באָכער אונ שטשירעט די ציינ. לאכט פונ דעמ יינגעלעס טראַ־געדיע. פארדריסט דאָס שאָלעמענ, לאָזט ער זיכ ארײַנ מיטנ באָכער אינ א דיסקוסיע: „וואָס איז דער געלעכטער?״ — ענטפערט אימ אָפּ דער באָכער אונ הערט ניט אופ צו באווײַזנ די ציינ: „א יינגעלע א שויטע!״ פארדריסט דאָס שאָלעמענ נאָכ מער: „נו, אונ דו אינ זײַנע יאָרנ האָסט געהאט מער סייכל? דאָ הערט דער באָכער אופ צו לאכנ אונ ענטפערט אָפּ שוינ ווי א שייגעץ: „וויפל סייכל איכ האָב געהאט אינ זײַנע יאָרנ געדענק איכ ניט, נאָר אז איצט האָב איכ מער סייכל אינ פּיאטע, וויפל דו אינ קאָפּ — דאָס איז זיכער, כאָטש דו גייסט אינ די קלאסנ אונ כאָטש דו ביסט נאָכעמ ראבינאָוויטשעס זונ״... יוואָלט דאָס ניט געווענ אינ דער קאלטער שול צווישנ פרעמדע, וואָלט נאָכעמ ראבינאָוויטשעס זונ זיכ אנדערש אָפּגערעכנט מיט אימ. דאָ האָט ער אָבער געמוזט כאפּנ א שווײַג. וואָרעמ צווישנ יאָ אונ ניינ וואָלט ער געקאָנט זײַנ א געפּאטשטשער פונעמ דאָזיקנ באָכער דעמ איעספּאָנעץ אינ אזוי האָט ער שוינ דערהערט אינעמ גרויסנ טומל מיטנ גרויסנ ראַש די ליבע ווערטער: „התורני רעב שימשנ־זייוו בערעב כאיִמ צווי האקויהענ, תנ כבוד לתורה!״, התורני רעב מוישע יאקוווו בערעב נאכמענ דוייוו האלייווי, תנ כבוד לתורה!״...* די מאשמאָעס, אז די האקאָפעס האָבנ זיכ שוינ אָנגעהויבנ. וווּ זשע איז דעמ כאזנס מיידל?..

„אנא ה׳ הושיעה נא!״ — דער ערשטער טור האָט זיכ געענדיקט מיט א ניגנ, מיט גראָבנ ניגנ „הײַדא״ אונ מיט א טענצל. אונ „עד כאנ הקפה א״!* אונ דער שאמעס רופט שוינ ווידער אויס מיט זײַנ הייזעריקנ קאָל אונ מיטנ זעלבנ נוסעכ: „התורני דער אונ דער, תנ כבוד לתורה״. התורני דער אונ דער, תנ כבוד לתורה״ אונ אָט אזוי האָט זיכ געענדיקט די צווייטע האקאָפע, די דריטע, די פערטע. נאָכ יעדער האקאָפע דער זעלבער גראָבער ניגנ מיטנ זעלבנ טענצל — אונ דעמ כאזנס מיידל זעט מענ ניט.

---

* „התורני... טיינ קאָוויד לאטוירא“ — „דער לערנער (טוירע־קענער)... גיב אָפּ קאָוועד דער טוירע“. — ר ע ד.

* „אד קאנ האקאָפע אלעפ“ — ביז דאנענ די ערשטע האקאָפע, ד.ה. געענדיקט די ערשטע האקאָפע. — ר ע ד.

שאָלעם רוט ניט. קוקט אַף אַלע זײַטן, טאָמער וועט ער זי פּאָרט אַמאָל דערזען! ניטאָ זי! ניט זי, ניט איר כאַוועךטאָרן! ניט שוין זשע האָט זי אים אַזוי מיִעס אָפּגענאַרט?.. אָדער עפּשער האָט זי ניט געקאָנט קומען? עפּשער האָט זיך מיט איר עפּעס געטראָפן? עפּשער איז מען זיך דערגאַנגען פֿון זייער אָפּרייִדן און מע האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב אונטערן שלאָס? אַף צאַליע דעם כאַזן איז צו גלייבן! אַ מענטש, וואָס שלעפּט פאַר די צעפּ און גיט מיט אַ שטעקן!... און די שוואַרצע געדאַנקען און פֿינצטערע מאַכשאָוועס האָבן גאָר קיין גרעניצ...

אָפּאָנעם, דעם שאָמעס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז האָס, וואָס נאָכעם ראַבינאָוויטשעס באָכערל דרייט זיך, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, זיצט ניט אײַנן אַף אַן אָרט, איז אַ סימען, אַז ער גאַרט, ער גײט אויס נאָך אַ האַקאָפּע. און עפּשער האָט אים איינער פֿון די גאַבאָיִם אַ ווונק געגעבן ער זאָל ראַבינאָוויטשעס זונדל אויך מעכאַבעד זײַן מיט אַ האַקאָפּע? יעדנפאַלס, האָט זיך צווישן אַנדערע נעמען פּלוצעם אויך דערהערט זײַן נאָמען: „האַבאָכער שאָלעם בערעב מענאַכעם, תן כבוד לתורה!”... דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַרײַן אין פּאָנעם, ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די באַלעבאַטישע אויגן, וואָס האָבן אַף אים געקוקט. ער האָט זיך געפילט, ווי עס פילט זיך יעדער באָכער, אַז מע רופט אים אוף מאַפּטער. און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו ער איז אין דער וועלט, האָט אים שוין דער שאָמעס אונטערגעטראָגן אַ רײַניקײַט, און ער שטייט שוין אין דער ריי מיט אַ בינטל ייִדן און מיט אַ גרויסער סייפערטוירע אין די הענט, און די פּראָצעסיע גייט שוין אָן: דער כאַזן רעב צאַליע גייט אָפּצופריִער און זינגט: „עוזר דלים הושיעה נא!” ווײַבלעך און מיידלעך רײַסן זיך, קושן די סייפערטוירע און ווינטשן אים „דערלעבט איבער אַ יאָר!” ער פילט זיך מאָדנע, וואָס מע זאָגט „איר” און איז צעטומלט פֿון אומגעריכטן קאָוועד, און איז גרויס בא זיך, וואָס ער גייט אין דער ריי, איין באָכער צווישן אַזוי פיל ייִדן — און נאָך דערפֿאַר, וואָס ער איז ניט קיין אַבי־ווער, רעב נאָכעם ראַבינאָוויטשעס אַ זונדל, פּאָרט אַ „טאַטנס אַ קינד”!... נאָר סאָמע אין רעכטן טומל דערפילט ער אַ קוש אין האַנט אַרײַן: „דערלעבט איבער אַ יאָר!” ער הייבט אוף די אויגן, דערזעט ער —

ס'איז זי, דעם כאַזנס מיידל, און איר כאַוועוואַרן, פֿאַרשטייט זיך, נעבן איר.

— — — — — — — — — — —

אַלע הימלען עפֿענען זיך און מלאָכים נידערן אַראָפּ און זינגען שירה. זיי באַזינגען די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן — אַזאַ גוטע, זיסע, שיינע, ליבע וועלט! זיי באַזינגען די מענטשן, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן — אַזעלכע גוטע זיסע, שיינע, ליבע מענטשן! ס'איז אַזוי גוט, אַז עס ווילט זיך וויינען פֿאַר גוטקייט. און אין האַרצן זינגט זיך אים צו די מלאָכים: „שלום עליכם מלאכי השרת!"...

עמעס, די ערשטע מינוט איז אים געווען פֿריקרע און ווונדערלעך. אַנשטאָט דעם זי זאָל קושן די סייפערטוירע, האָט זי אַ קוש געגעבן זײַן האַנט! איז דאָס עפּשער געווען אומגעריכט? ניין, ניט אומגעריכט. ער האָט דאָס אַרויסגעזען פֿון אירע שמייכלענדיקע אויגן. ער איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז ס'איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, ער זאָל אַרויסלאָזן די ריינקייט פֿון די הענט. ער האָט כיישעק געהאַט זיך אָפּשטעלן, נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן איר אין די שיינע אויגן אַרײַן, אויב ניט זאָגן אַ צוויי ווערטער, — לאָזט מען אים אָבער ניט. די ייִדן, וואָס גייען אים נאָך פֿון הינטן, לאָזן אים ניט. מע דאַרף גיין ווײַטער. מע דאַרף איבערגעבן די ריינקייט צו אַנדערע. די האַקאָפֿעס האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט. ערשט דאָ, באַם אָרנקוידעש, איבערגעגעבן דעם שאַמעס די סייפערטוירע, קוקט ער זיך אום צוריק, טאָמער וועט ער זי דערזען נאָכאַמאָל, כאָטש פֿון ווײַטן. מע זעט זי ניט. לאָזט ער זיך מיט דער ווײַטערדיקער האַקאָפֿע, גייט נאָך נאָך די ייִדן גלאַט אַזוי, מאַכט אַ טור, זוכט זי מיט די אויגן — ניטאָ דעם כאַזנס מיידל, נעלעם געוואָרן! לויפֿט ער אַרויס אין דרויסן, זוכט זי אויפֿן שולהויף — ניטאָ זי אין ערגעץ ניט!... עפּשער איז דאָס געווען אַ כאָלעם? עפּשער איז דאָס געווען אַ דימיען? ניין. ס'איז ניט געווען קיין כאָלעם. ס'איז ניט געווען קיין דימיען. ער פֿילט נאָך איצט אויף דעם קוש פֿון אירע ליפּן אויף זײַן האַנט. ער גייט ווײַטער און ער פֿילט ניט די ערד אונטער זיך. עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער האָט פֿליגלען און אַז ער פֿליט, ער שוועבט, און די מלאָכים שוועבן אויף אים, טראָגן זיך אין דער לופֿטן, באַגלייטן אים גלײַך ביזן גרויסן בעסמעדרעש.

דאָרט האַלט מענ נאָכ אינ מיטנ האַקאָפעס. דער טאַטע איז מאָדנע אופגעלייגט, יאָנטעוודיק געשטימט אונ זעט אויס אינ דער אַלטער צעהאַקטער זיידענער קאַפּאָטע, פונ וועלכער עס קוקט אַרויס ערטערווייז דער געלער אונטערשלאַק, אַזוי שיינ, אַזוי גרויסאַרטיק, ווי קיינמאָל ניט. נעבנ אימ שטייענ ביידע גראָטענע איידעמס, פונ איינ זייט לייזער־יאָסל, פונ דער אַנדערער זייט מאַגידאָוו. ביידע וויצלענ זיכ, אונ דער טאַטע הערט זיכ איינ, ווי זיינ שטייגער איז, אונ לאַכט. „ווו ביסטו געווענ אַזוי שפּעט?” — טוט דער טאַטע אַ פרעג, כאָלילע ניט אָפּ צו באַשטראָפנ, נאָר גלאַט אַזוי, אויס נייגעריקייט. „אינ דער קאַלטער שול” — ענטפערט אימ שאָלעמ אונ באַרימט זיכ, אַז מע האָט אימ מעכאַבעד געווענ דאָרט מיט אַ האַקאָפע. איז דאָס דעמ טאַטנ געפעלנ אונ ער זאָגט: „ס'איז זייער שיינ פונ זיי”. אונ די גראָטענע איידעמס וויצלענ זיכ איבער ראַבינאָוויטשעס באָכערל. אונ אַלע דריי לאַכנ זיי פונ די כאָכמעס, אונ שאָלעמ העלפט זיי לאַכנ. עס גייט זיכ אויס אַ נאַכט! אַזאַ נאַכט קאָנ געמאָלט זיינ נאָר סימכאַסטוירע צו האַקאָפעס.

55. דער קריזיס

זיכ מיִעס אָפּגענאַרט אינ די הייליקסטע געפילנ. — ווערט קראַנק אַפ טיפוס. — שטייט אופ אַנ אַנדער מענטש. — געזעגנט זיכ אָפּ מיט זיינע קינדערשע יאָרנ.

אַלעמאָל, ווענ דער פאַרפאַסער פונ די דאָזיקע באַשרייבונגענ לאָזט זיכ אַראָפ אינ די טיפע קאַטאַקאָמבעס פונ זיינ ווייטער קינדהייט, טראָגט אַרויס אַפ גאָטס וועלט אונ לופטערט דורכ זיינע זיכרוינעס פונ די אַפ אייביק פאַרגאַנגענע קינדערשע יאָרנ, פאַרטיפט זיכ אינ זיינע שפּעטערדיקע דערפאַרונגענ פונעמ גרויסנ וועלט־יאַריד, וואָס מע רופט דאָס „לעבנ”, אונ באַטראַכט דאָס אַלצדינג מיט אַ קלאָרנ קאָפ אונ מיט אַ קאַלטנ מויעכ, — באַוווּנדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגנ אַזעלכע אומדערבאַרעמיקע קלעפ, מיִעסע אָפּנאַרעכצנ אונ ביטערע אַנטוישונגענ, אונ בלייבנ גאַנצ אַפ צו כאַפּנ פרישע קלעפ מיט נייע אָפּנאַרעכצנ מיט נאָכ גרעסערע אַנטוישונגענ? די קלעפ אַליינ זיי־

נענ נאָכ ניט אזוי מעסוקנ, ווי די אנטוישונגענ, וואָס מע בלײַבט אָפּגענאַרט. א קלאַפּ פאַרהײלט זיכ, אָבער אנ אנטוישונג לאָזט איבער נאָכ זיכ א קרעל אינ דער נעשאָמע אפ אײביק.

שוינ אינ יענער עפּאָכע, ווענ ער איז געווענ נאָכ גאָר א שנעק אונ האָט זיכ נאַריש פאַרליבט אינעמ כאַזנס מײדל, האָט ער שוינ געכאַפּט דעמ ערשטנ קלאַפּ פונ שרעקלעכער אנטוישונג, אזא קלאַפּ, וואָס ניט ער, ניט קײנער האָט זיכ געקאָנט דערופ ריכטנ. מע האָט געקאָנט דערוואַרטנ, לעמאָשל, אז די עלטערנ זאָלנ געוווירע ווערנ פונ דעמ אומגעלומפּערטנ ראָמאַנ אונ צעשטערנ דעמ נארישנ שידעכ. מע האָט געקאָנט דערוואַרטנ, אז צאַליע דער כאַזנ זאָל נעמענ די טאָכטער פאַר די צעפּ, אָדער דערלאַנגענ איר מיטנ שטעקנ ניט אפּ קאַטאָוועס, נאָר טאַקע אפּ דעמ רעכטנ עמעס. נאָר ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזנ, אז דעמ כאַזנס מײדל זאָל אינ דער זעלבער צײַט, וואָס זי האָט געשפּילט א ראָמאַנ מיט נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס באָכערל, גאָר זײַנ פאַרליבט אינ א גוי, א פּריקאַזטשיק בײַ קאָטעלניקאָוונ אינ דעמ גרויסנ אײַזנ־געשעפט, אונ זאָל מיט איִמ אײנמאָל אינ א שאַבעס־צונאַכט, ניט ווײַט פונ יענעמ סימכאַסטוירע, וואָס איז באַשריבנ אויבנ, אנטלויפנ, ארײַנגעבנ זיכ אינ א פרויענ־מאָנאַסטיר, צווישנ מאָנאַשקעס, זיכ דערנאָכדעמ אָפּשמאַדנ אונ כאַסענע האָבנ טאַקע פאַר דעמ זעלבנ קאָטעלניקאָווס פּריקאַזטשיק?!...

קײנ פאַנטאַזיע פונ א שרײַבער וועט ניט צוטראַכטנ דאָס, וואָס דאָס לעבנ אלײנ קאָנ צוטראַכטנ. אוואָדע איז נעבעכ צאַליע דער כאַזנ ארומגעלאָפנ, געזוכט זכוס־אָוועס, פּראָטעקציעס צומ ארכימאַנדריט, צו דער איהומענשע פונ מאָנאַסטיר אונ אלײנ צומ גובערנאַטער — עס האָט ניט געהאָלפנ קײנ שמאַ־יִסראָעל. די שטאָט האָט געקאָכט, ווי א קעסל, די „גאַנצע וועלט” האָט געצוויגט זיכ. וואָלט דאָס כאָטש געווענ גלאַט א מײדל, א יִדיש טאָכטער — עס מאַכט זיכ אַנ אומגליק, וואָס זאָל מענ טאָנ? איז נײנ. דאַרפ זיכ עס טרעפנ מיט א כאַזנ, א קלײ־קוידעש! ווער וועט איִמ איצט צולאָזנ צומ אָמעד? פרעגט זיכ א קאַשע: פונוואַנענ וועט ער לעבנ? הײַנט דער ביזויענ פאַר די באַלעבאַטימ פונ דער קאַלטער שול איז אויכ עפּעס ווערט. וואָרעמ פאַרוואָס האָט זיכ עס געטראָפנ גראַד מיט זײער כאַזנ פונ זײער שול?...

וואָס פאר א ווערט האָבנ אָבער געהאט די אלע אויסגערעכנטע צאָרעס, ביזיוינעס און יעסורימ קעגנ דעמ גענעמ, וואָס האָט זיכ אָפּ-געטאָנ אינ דער נעשאָמע פונ יענעמ באָכערל, וואָס איז געווענ מיט סאקאָנעס פארליבט אינ דעמ כאזנס מיידל און וועלכנ דאָס מיידל האָט אזוי מיִעס אָפּגענארט, פארביטנ אימ, א טאטנס א קינד, אפּ א גוי א פּריקאזטשיק בא קאָטעלניקאָוונ?! צוליב וואָס האָט זי באדארפט נארנ אנ אומשולדיקנ באָכערל, שרײַבנ אימ אזעלכע בריוולעכ? קושנ אינ דער האנט סימכאסטוירע צו האקאָפעס? שווערנ אימ אייביקע ליבע און נאָכ אזעלכע זאכנ? דאָס אנטלויפנ מיטנ פּריקאזטשיק איז דאָכ ניט געווענ קיינ פּלוצלינגע, אומגעריכטע פארליבעניש. דאָס איז געווענ אנ אָפּגערעדטע זאכ שוינ פונ לאנג. און ער דערמאָנט זיכ, וואָס איר כאווערטאָרנס כאָסנ, דער פּריקאזטשיק מיט די „יאָהאימ", האָט אימ געהאט א זאָג געגעבנ, אז באמ כאזנס מיידל וועט ער זיכ באגע-גענענ מיט א ביינברעכער. איצט ווייסט ער שוינ, ווער דער ביינברע-כער איז... און דאָס ווארפט אימ ארײַנ אינ אזא פײַער, אז ער פאר-שעלט זיכ זײַנ געביינ. ער שעלט דעמ טאָג, וואָס ער האָט זיכ באקענט מיטנ כאזנס מיידל. ער שעלט דעמ באָכער, דעמ פּריקאזטשיק פונ דער „זאליאזנע" קראָמ, און קאָטעלניקאָווס פּריקאזטשיק, און אלע פּרי-קאזטשיקעס פונ דער גאנצער וועלט. אכ! ווי גוט ס'וואָלט געווענ, ווענ א פײַער ברעכט אויס און פארברענט אלע „זאליאזנע" קראָמענ פונ שטאָט, אָדער ווענ א שטורעמווינט הייבט זיכ אופּ און טראָגט אראָפּ אלע קראָמענ און אלע הײַזער פונ שטאָט, אָדער די ערד עפנט זיכ אופּ און די גאנצע שטאָט פערעיאסלעוו מיט דעמ בריק מיט די פּיהוואָר-קעס ווערנ אײַנגעזונקענ, אזוי ווי קוירעכ! ניטאָ בא אימ קיינ טראָפּנ ראכמאָנעס אפּ אייגענע, אפּ פרעמדע, אפּ אלטע לײַט, אפּ קליינע קינ-דערלעכ, אויפעלעכ — אלע און אלצ זאָל גיינ צו אלדי שווארצע יאָר!..
און ער פארשעלט די וועלט, וואָס גאָט האָט באשערט—אזא פאל-שע, אזא מיִעסע, פּאסקודנע וועלט! און ער פארשעלט די מענטשנ, וואָס גאָט האָט באשאפנ — אזעלכע פאלשע, מיִעסע, פּאסקודנע מענטשנ!...

•

פארטיפט אינ אזעלכע מיזאנטראָפּישע געדאנקענ, קומט ער איינ-מאָל פונ קלאָס אהיימ און פילט, אז דער קאָפּ איז אימ עפּעס אָנגע-

גאָסנ מיט בלײַ. פאר די אויגנ שוועבנ אימ רעדלעכ מיט עפעס מאָדנע פיגורנ. די רעדלעכ ברייטלענ זיכ. די פיגורנ ווערנ צעגאנגענ, אזוי ווי שניי אפ דער זונ, און אפ זייער אָרט קומענ אנדערע פיגורנ. קיינ ווארעמעס עסנ וויל ער ניט. די שטיפמאמע כידעשט זיכ: „געפייגערט א גבער אינ וואלד", — זאָגט זי מיט איר געוויינלעכנ גיפט. ער קאָנ זיכ נימ האלטנ אפ די פיס. ער לייגט זיכ אפ דער קאנאפע. דער טאטע גייט צו, כאפט אימ באמ קאפ. עפעס פרעגט בא אימ דער טאטע און ער ענטפערט, נאָר וואָס מע האָט אימ געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט — ווייסט ער ניט. ער געדענקט ניט. דאכט זיכ, עפעס האָט מענ גערעדט וועגנ „מאָגנ"... „דאָקטער"... „אפטייק"... און עפעס ביטערס פילט ער, ווי מע גיט אימ איינ דורכ א טיי-לעפל, און סע שמעקט מיט מאנדלענ... און דער קאָפ, אוי דער קאָפ!.. און עס וויקלענ זיכ קנוילנ פאר די אויגנ, און זיי שפארנ זיכ דורכ די אויערנ ארויס און גייענ אוועק מיט א לאנגנ-לאנגנ פײַפ און ווי קלײנע מוררעשקעס גראבלענ זיי זיכ אינווייניק אונטער דער הויט, אינ די אָדערנ, קיצלענ, זידנ, הייבנ זיכ אינווייניק אינ לײַב, און בײַטעלעכ, בײַטעלעכ קאטשענ זיכ אראָפ א בארג, אָנ א שיר בײַטעלעכ... און מענטשנ ווילנ כאפנ די בײַטעלעכ—און קאָנענ ניט.. דער אנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האלט, דאכט זיכ, צוגעמאכט די אויגנ, און זעט פונדעסטוועגנ אלצ, וואָס סע טוט זיכ, ער הערט ניט—איבערנ פײַפנ, וואָס פײַפט אימ אינ די אויערנ, קאָנ ער ניט הערנ, נאָר זענ זעט ער אלעמענ. אלע זײַנענ דאָ. א מישמאש פונ אמאָליקע און הײַנטיקע כאווײרימ און גלאט מענטשנ. זײַנ כאווער שמוליק, פיניעלע שימעלעס, עליע דאָדיס, איצל דעמ פעטער פיניעס, דער אוירעכ וואָלפסאָנ... נאָר שענער פונ אלצ איז דאָס, וואָס קאָטעלניקאָווס פריקאזטשיק דאוונט פארנ אמוד, זינגט „אתה הראית", און דעמ כאזנס מיידל שלאָגט זיכ „אלכעט"... און עפעס א קאָל, א פארדומפענע שטימע, הערט זיכ פונ דער קאלטער שול ארויס — מאָדנע וויינענדיקע שטימענ מיט א כליפענ. דאָס דאוונענ די מייסימ. מייסימ דאוונענ אלע שאבעס צו נאכט אינ דער קאלטער שול. מיט א מיניענ דאוונענ זיי. ווער ווייסט עס ניט? און ס'איז אימ קיינ זאכ ניט קאָשע, אפילע דאָס, וואָס קאָטעלניקאָווס פריקאזטשיק, א גוי, זינגט „אתה הראית לדעת" מיטנ ייִדישנ ניגנ... איינ זאכ נאָר איז אימ יאָ קאָשע: ווי קומט דאָס, וואָס אָט איז דאָ נאָר-

וואס געווען זיינען כאוועד שמוליק דער יאסעם, — פארוואס האט ער אים ניט געפרעגט, וואס הערט זיך מיטן „אויצער?" ווי קומט דאס, ער זאל פארגעסן אזא וואזשנע זאך? ער עפנט אוף די אויגן און זוכט שמוליקן און קאן אים ניט געפינען. ניטא קיין שמוליק, ניט קיינער פון די, וואס זיינען דא נארוואס געשטאנען. ווו האבן זיי געקאנט אהינטאר מען? און ער מאכט צו צוריק די אויגן, און ער הערט זיך צו צום הארצן, ווי עס קלאפט, און צו די שלייפן, ווי זיי שלאגן. און ער פילט, אז ער איז אפגעגאסן מיט שווייס, ער איז אין א טייך פון שווייס. די שפיץ פינגער זיינען אויפגעבלעזלט, ווי נאך א שוויץ-באד, און די האר פון קאפ זיינען נאס און קלעפן זיך צום שטערן. און ער פילט א קאלטע האנט אף זיך. און ער דערהערט א באקאנטן זיפץ. עפנט ער אוף די אויגן — ס'איז דער טאטע! און נעבן אים דער אוירעך וואלפ-כאן, און דער קאלעקטער מיט די שווארצע ברילן, און נאך און נאך מענטשן, און ער זעט, אז אלע קוקן אף אים מיט ראכמאנעס. און ער הערט און פארשטייט, אז מע רעדט פון אים. „קריזיס", הערט ער, זאגט מען. און ער פארשטייט נאך ניט, וואס פאר א „קריזיס"? און ער איז גאנץ צופרידן, וואס ער איז מיט איינמאל געווארן אזא מע-יוכעס בא אלעמען, וואס אלע אינטערעסירן זיך מיט אים אזוי. מער פון אלע אינטערעסירט זיך דער טאטע. ער בויגט זיך אן איבער אים און פרעגט אים: וואס וואלט ער געוואלט? ער ענטפערט ניט באלד. ער וויל זיך פריער גוט באטראכטן, ווו ער איז אין דער וועלט און וואס טוט זיך דא מיט אים? עס נעמט היפשע עטלעכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך און פארשטייט, וואס מיט אים איז — אז ער איז קראנק געווען, אפאנעם זייער קראנק, און אז איצט איז אים בעסער. בעסער? אויסגעצייכנט גוט. ערשט דעמלט, אז ער האט שוין קימאט אלץ באגריפן, באנעצט ער מיט דער צונג די פארטריקנטע ליפן און לאזט ארויס א ווארט, מער ניט אז איין ווארט:

— אגרעסן!...

קוקט זיך דער טאטע איבער מיט די איבעריקע מענטשן, וואס שטייען ארום קראנקן, און טוט אים א פרעג איבער:

— אגרעסן? וואסערע אגרעסן?

— איינגעמאכץ! — ענטפערט דער קראנקער מיט א מאדנער גרא-

בער שטימע, וואָס הייבט זי זיך אָנ דינ, סאָפּראַנעדיק, און לאָזט זיך אויס גראָב מיט א באַס. דער קראַנקער האָט זיך אַזש אַליינ איבערגעשראָקנ, ניט דערקענט זײַנ קאָל. אינ דער צײַט, וואָס ער איז קראַנק געווענ, האָט ער זיך אַזוי פֿאַרענדערט, אַז ווענ ער איז אינ א פֿאַר וואָכנ אַרומ אַראָפּ פֿונ בעט, קוימ דערשלעפּט זיך אינ זאַל אַרײַנ, א קוק געטאָנ אָפּ זיך אינ שפּיגל, האָט ער זיך קוימ דערקענט. פֿאַר אימ איז איצט געשטאַנענ שוינ גאָר אַנ אַנדער מענטשל. פֿריִער איז דאָס געווענ א ציקאַווע ייִנגל מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, א רירעוודיקס, א לעבעדיקס, מיט שמייכלענדיקע אויגלעך, קײַלעכיק אונטערגעשאָרנ, מיט א געקרײַזלט טשובעקל פֿונ בלאָנדע האָר פֿונ פֿאָרנט אָפּנ שטערנ. איצט האָט זיך דאָס פּאָנעמ אויסגעבלייכט, די בעקלעך זײַנענ אָפּגעפֿאַלנ, די אויגנ זײַנענ גרעסער געוואָרנ, דער קוק פֿאַרטראַכט, און אַליינ האָט ער זיך אויסגעצויגנ אינ דער לענג. די בלאָנדע געקרײַזלטע האָר האָט מענ אימ אָפּגעשאָרנ ביז דער הויט, ווי א טאָטער. גאָר אַנ אַנדער באָכערל איז דאָס געווענ אַצינד.

אָבער ניט נאָר אינ זײַנ אויסזעענ אַליינ האָט ער זיך פֿאַרענדערט. ער האָט זיך אינגאַנצנ איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפֿילט, אינווייניק בא זיך, אינ דער נעשאָמע איז פֿאָרגעקומענ א קריזיס. און עס טוט אימ באַנג, האַרצעדיק באַנג, זײַנ נאַרישע נאַיִווע פֿאַרגאַנגענהײַט, וועלכע וועט זיך שוינ ניט אומקערנ און ניט איבערכאַזערנ קיינמאָל, קיינמאָל!... און אויך איצט, איבערלעבנדיק אינ דעמ זיקאָרנ נאָכאַמאָל יענע גליקלעכע יאָרנ און אַריבערגייענדיק צו די ווײַטערדיקע באַשרײַבונגענ, קוקט ער זיך אומ צוריק מיט א שטילער בענקשאַפֿט און געזעגנט זיך אָפּ שוינ אָפּ אייביק מיט זײַנע גוטע ייִנגלשע יאָרנ:

— זײַ געזעגנט, קינדהײַט!

56. ער גיט שטונדנ

דער פשאט פונ „געבנ שטונדנ". — יונגע אונ אלטע לערערס. — דער קויעכ פונ גראמאטיקע". — מע גייט צו אימ מיט פראָטעקציעס. — אינ פערעיאסלעווער שטאָט-גאָרטנ אונ בא דער שטיפ־מאמע אינדערהיימ. — דעמ קאָלעקטערס פשאָרע. — ער באקומט א שטעלע אונ פאקט זײַנע ביכער.

איצט איז שווער צו זאָגנ, צו וועמענ האָט געהערט די איניציאטיווע, דאָס הייסט, וועמענ איז דאָס אײַנגעפאלנ צומ ערשטנ, אז א באָכערל, נאָכ קיינ פולע זיבעצנ יאָר ניט אלט, נאָכ קיינ סימענ פונ וואָנצעלעכ אפ דער אויבערשטער ליפ, נאָכ ניט געענדיקט דעמ גאנצנ קורס פונ דער „אויעזדנע" — זאָל ער שוינ נעמענ דאָס שטעקעלע אינ האנט, ארופוואָרפנ דאָס אויבער־רעקל אפ די פלייצעס אָנ די אחבל אונ שוינ מארשירנ פונ שטוב צו שטוב „געבנ שטונדנ"? „געבנ שטונדנ" האָט געהייסנ — לערנענ מיט יינגלעכ אונ מיט מיידלעכ אלצ, וואָס מע לערנט אינ די קלאסנ, אונטערנעמענ זיכ דורכגיינ מיט זיי א געוויסנ קורס אונ צוגרייטנ זיי צו א געוויסער צײַט, זיי זאָלנ קאָנענ ארײַנ אינ די קלאסנ אָדער אָפגעבנ עקזאמענ.

אָפגעבנ עקזאמענ איז געוואָרנ א גאנג, כ'איז ארײַנ אינ דער מאָדע. אלע אונ אלצ האָט זיכ געגרייט צומ עקזאמענ. יינגלעכ אונ מיידלעכ, כאסאנימ אונ יונגעלײַט, באלעבעסלעכ, יידנ מיט בערד שוינ — האָבנ זיכ א נעמ געגעבנ צו גאָוואָראָווס גראמאטיקע, צו יעווטושעווסקיס אריפמעטיקע, צו סמירנאָווס געאָגראפיע, צו דיסטערוועגס געאָמעטריע. אונ גענומענ לערנענ אפ אויסווייניק „באסני קרילאָווא", שטודירנ דאָס ווערטער־בוכ. ס'איז געוואָרנ א מינ עפידעמיע — עקזאמענעס! פארשטייט זיכ, אז בא אזא עפידעמיע איז ניט געווענ גענוג לערערס אינ שטאָט. פראָפעסיאָנעלע יידישע לערערס זײַנענ געווענ אינגאנצנ צוויי: דער אלטער מאָגיסאָוו — איז ער געווענ אָנ ציינ, געשפיגנ, ניט גערעדט, אונ דערצו נאָכ טויב, ווי די וואנט; אונ דער יינגערער, נויעכ בוסעל, — דער האָט געלערנט פראנצויז, געטראָגנ א בלויענ מונדיר, גלאנצנדיקע שטיוול, אונ איז געווענ א יאקרענ, געגנערענ צו טײַער. אונ ווײַטער איז געווענ איצי דער שרײַבער אונ זײַנ

ברודער, אווראָם דער שרײַבער — ביידע אויסגעפּוצטע ייִדלעכ מיט רויטע בעקלעכ־פּאַמפּעשקעס, די האָבנ שוינ גענומענ צו וואָלוול, זײַ־נענ זיי אָבער געווענ צעקריגט מיט דער רוסישער גראַמאַטיק אַפּ מער־סער־שטעכ און האָבנ ניט געוווּסט, וויאַזוי עס לייגט זיכ אויס דאָס וואָרט „פּעטשעניעגי“. דאָס הייסט, זיי האָבנ געוווּסט, אַז אינעם וואָרט „פּעטשעניעגי“ באַדאַרפ ערגעץ זײַנ א „יאַט“, נאָר זיי האָבנ ניט געקענט טרעפנ, ווו אַוועקצושטעלנ די „יאַט“: נאָכ דער „פּע? נאָכ דער „טשע“? נאָכ דער „ניע“? אָדער גאָר נאָכ דער „גי“? דאָס אייגענע איז געווענ מיט א „עס“ אָדער מיט א „שאַ“. אַז ס'איז געקו־מענ, לעמאָשל, צו סושאַ (טריקעניש) אָדער סאַשאַ (אַלעקסאַנדער), איז געווענ רעכט באַ זיי צו שרײַבנ: סושאַ, שוכאַ, אָדער שושאַ; סאַשאַ, אָדער שאַשאַ. אינ שטאָט, צווישנ יונגוואַרג, איז געגאַנגענ אַנ אַנעק־דאָט, אַז מע האָט פאַרגעלייגט די ברידער, זיי זאָלנ מויכל זײַנ איבער־זעצנ אַפּ רוסיש די ווערטער: „סאַשאַ האָט זיכ געטריקנט אַפּ דער טרי־קעניש“, — האָט איינער אָנגעשריבנ: „שאַסאַ שוסילסיאַ נאַ שוסיע“, און דער אַנדערער האָט אַוועקגעשטעלט: „שאַשאַ שושילסיאַ נאַ שושיע“.

פאַרשטייט זיכ, אַז דאָס איז נאָר געווענ אַנ אַנעקדאָט, נאָר וויאַזוי האָט דאָס נעבעכ זיי געקרענקט, אַז דער אַנעקדאָט איז דערגאַנגענ צו זיי! און ס'איז טאַקע געווענ א פּאַרדראָסיקע זאַכ: סטײַטש, זיי האָבנ אויסגעלערנט שרײַבנ א גאַנצע שטאָט מיט קינדער און קינדס־קינדער,— קומענ צוגייִנ יונגע צוציקעס, וואָס די מילכ איז זיי נאָכ ניט אָפּ־געטריקנט אַפּ די ליפּנ, און דערציילנ אַנעקדאָטנ!... עס האָבנ אָבער ניט געהאָלפנ קיינ כאָכמעס — גראַמאַטיקע איז געוואָרנ א גאַנגבאַ־דער אַרטיקל. אָנ גראַמאַטיקע האָט מענ זיכ ניט געקאָנט געבנ א ריר. עס איז דערגאַנגענ אַזוי ווײַט, אַז אַפילע דער פעטער פיניע, וואָס האָט, ווי איר ווייסט, פײַנט געהאַט די קלאַסנ, ווי א קאָשערער ייִד האָט פײַנט כאַזער, האָט אויכ מודע געווענ, אַז גראַמאַטיקע איז א גוטע זאַכ. ער איז א ייִד, וואָס קאָטאָרי פאָרט אַפּ יאַרידנ, האַנדלט מיט מאָסקווע, איז א כאָשעווע באַ „פּאַניענ“ און רעדט רוסיש אויסגע־צייכנט, נאָר ער פילט, אַז עס פעלט אים גראַמאַטיקע (דאָס וואָרט „גראַמאַטיקע“ האָט ער באַווייזנ מיט צונויפגעלייגטע פינפ פינגער).

פונדעסטוועגן, זײַן פּלימעניק שלעמע זאָל זיך ניט אַזוי שטאַרק איבערנעמען, האָט דער פעטער פיניע געפונען פאַר נייטיק צוזעצן, אַז ער פאַרשטייט ניט, צו וואָס מע דאַרף נאָך גיין דערצו אָן א היטל, עסן אומגעוואַשן און שרייבן אום שאַבעס? אים האַלט זיך אויס, אַז מאַכטייסע, — מע קאָן קענען גראַמאַטיקע און דאַרפֿט גיין און א היטל, און דאַרפֿט וואַשן זיך צום עסן, און דאַרפֿט ניט שרייבן אום שאַבעס! דער פעטער פיניע איז, אַפּאָנעם, געווען א נײַיקעם וועגן־ווייטער, ווי און עמעסער טאַלמיד־כאָכעם. ער וויל ניט פאַרגעסן, יענע אַלטע אַוויירע פון שרייבן אום שאַבעס אָפן פאַרקאַן... נאָר וועד רעכנט זיך מיט אים? א באָכערל, וואָס נעמט סטיפּענדיעס, גיט שטונדן, פאַרדינט געלט — מע צערייסט אים אָפ שטיקער, מע שלאָגט זיך גאָר פאַר אים: אַלע ווילן, אַז האַפֿקע ער זאָל גרייטן זייערע קינדער אין די קלאַסן, ניט קיין אַנדערער — וויאַזוי זאָל ער זיך ניט איבערנעמען? ייִדן גייען צו אים מיט א פּראָטעקציע דורכן קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילן, וואָס איז א גוטער ברודער מיט רעב נאָכעם ראַבינאָוויטש, אַז ער זאָל זײַן אַזוי גוט און זאָל פּועלן בײַ דעם פּאָטער, אַז דער פּאָטער זאָל פּועלן בײַ זײַן זון כאָטש איין האַלבע שאָ אין טאָג: „מע זאָגט, אַז זײַן שלעמע האָט א גרינגע האַנט, און אַז דורך אים גיט מען אָפּ עקזאַמענס בעסער, ווי דורך אַלע אַנדערע"... און דעם טאַטנס האַרץ וואַקסט, די נעשאָמע קוועלט — א קלייניקייט, אַזאַ קאָוועד דערלעבט זיך, כאָטש נאָכעם ווינציק, זייער ווינציק! וואָס פאַר א נאָכעס, איך בעט אײַך, אַז מע קוקט ניט אָן קיין קינד אין די אויגן? דעם ערשטן האַלבן טאָג איז ער אין קלאַס, דעם אַנדערן האַלבן טאָג ביז אין דער נאַכט — פאַרנומען מיט די שטונדן. און קומט פאַרנאַכט, שפּאַצירט מען אַרום מיט באַווײַרים אין שטאָט־גאָרטן. זומער איז דער פּערעיאַסלעווער שטאָט־גאָרטן א גאַניידן. דאָרט שפּילט מוזיק — די מיליטער־מוזיק — מיטן פּאָלקאָוואָי קאַפּעלמײַסטער, א ייִד מיט א שוואַרצער באָרד, מיט שוואַרצע אויגן, ווי קאַרשן, און מיט גראָבע ליפּן. אַלע מיידלעך זײַנען פאַרליבט אין זײַן שטעקעלע, און ער האָט זיי ליב אַלע גלײַך, שמייכלט צו זיי פון דער ווײַטן מיט זײַנע שוואַרצע קאַרשן־אויגן און מיט זײַנע גראָבע ליפּן און מאַכט מיטן שטעקעלע נאָך שטאַרקער. און די טרובעס טרובען, און דער קעסל־פּויק

באַראַבאַניעט, אונ דער שטויב פונ די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעכ צווישנ די אַלייענ קאָנקורירט מיטנ שמעקנדיקנ רייעכ פונ דער נאַרוואָס אָפּ־געצוויטעטער בוזינע, וואָס פילט אָנ די לופט מיט א געדיכטער זיס־קייט. דאָס איז דער רייעכ אונ דאָס איז די זיסקייט, וואָס נאָר דער דאָרטיקער, פונ יענע מעקוימעס, פונ מאַלאָראָסיע, — דער ווייסט עמ, דער געדענקט עמ אונ דער קענ אָפּשאַצנ, וואָס הייסט א זומער־אָוונט אינ א שפּאַציר־גאַנג אינ שטאָט־גאָרטנ. באַלויכט איז דער גאָרטנ זייער געמיינ. אינגאַנצנ געפינענ זיכ דאָרט א דריי—פיר לאַמטערנעס מיט גאַז־לעמפּלעכ, אינ דאָס פאַרויכערטע, פאַרכוישעכטע, מיט צעבראָכענע גלעזלעכ, אַזוי אַז עס הייבט זיכ אופ צו א שטאַרק ווינטל, בלאָזנ זיכ די לעמפּלעכ אָנ אונ ווערנ גאָר פאַרלאָשנ. נאָר ווער קוקט דערויפ? אַדרעבע, אויב איר ווילט, איז נאָכ גלייַ־כער, וואָס ס'איז פינצטער. קאָנ מענ דעמלט אָפּשטעלנ זיכ, באָכע־רימלעכ אונ מיידלעכ, אונ א שמועס טאָנ, א לאַכ טאָנ אונ געבנ א רייד אָפּ אָפּ מאָרגנ אינ דער צייט נאָכאַמאָל זיכ באַגעגענענ אָט דאָ, אינ דער אַלייע, אונטער דער נאַרוואָס אָפּגעצוויטעטער שמעקנדיקער בוזינע...

אונ מע קומט אַהיימ א פאַרפאַליעוועטער, א צעהיצטער אונ א הונ־געריקער אונ מע עסט וואָס גאָט גיט — א שטיקל הערינג, א טאַראַנקע, א גרינע אוגערקע, א ציבעלע מיט ברויט. אַז אַפּעטיט איז, קיינ אייַנ־אָרע, דאָ א פייַנער. ווער וואַשנ זיכ? וואָס בענטשנ? דער טאַטע פרעגט שוינ אַפילע ניט וועגנ מעריעוו דאַוונענ... קרענקענ קרענקט דאָס אימ, נאָר ער מאַכט זיכ ניט וויסנדיק. ריידנ מיט די קינדער א וואָרט — איז קיינ צייט ניטאָ. אָפּגעגעסנ, דאַרפ מענ זיכ זעצנ לערנענ, צוגרייטנ די אוראָקנ אָפ מאָרגנ. זעצט זיכ אַוועק שאָלעמ בײַ א לאָמפּ לערנענ, ברענט קעראָסינ — וויל די שטיפמאַמע ניט ליידנ, בורטשעט זי, פאַר־דריסט עס דעמ טאַטנ. זאָגט שאָלעמ, אַז ער וועט זיכ קויפנ קעראָסינ פאַר זייַנ געלט, אונ א לאָמפּ אַנ אייגענע וועט ער זיכ אייַנפירנ. זאָגט דער טאַטע,, ער זאָל זיכ ניט דערוועגנ טאָנ אַזאַ זאַכ אונ זאָל אימ ניט מעקאַצער יאָמימ זייַנ. דערהערט דער קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילנ אונ זאָגט, אַז ער האָט פייַנט מאַכלויקעס. מישט ער זיכ אַרייַנ אונ מאַכט א פּשאָרע. באַשער בעכיינ, אַזוי ווי דאָס באָכערל איז שוינ

א מענטש פאר זיכ, פארדינט שוינ, קיינ אײנאָרע, א קערבל, אונ לער־נענ דארפ ער אויכ, עס שטייט אים פאָר אפּגעבנ דעמ לעצטנ עקזאַ־מענ, איז א יוישער, מע זאָל דעמ קונדעס (שוינ אויס „קונדאס", נאָר „קונדעס") לאָזנ צו רו. אונ ער לאָזט אויס: „עצתי",* אז ער זאָל זיכ ערגעצ אָנדינגענ א קוואַרטיר מיט קעסט ביז איבער די עקזאַמענעס, אונ לאָז ער זיכ לערנענ געזונטערהייט". אונ טאָמער איז אים שווער צו געפינענ, נעמט ער, דער קאָלעקטער, אפּ זיכ די דאָזיקע טירחע.

פארשטייט זיכ, אז טכילעס האָט דער טאטע ניט געוואָלט הערנ, ניט זעענ פונ אזא מעשוגענעם פּלאַנ. דער קאָלעקטער האָט אָבער אײנ זיכ געהאט אזא קויעכ, אז ער האָט געקאָנט איבעריידנ א וואַנט. אונ דערצו האָט ער פיינט געהאט ריידנ. ער האָט ליב געהאט טאָנ. איז ער אוועק אונ געקומענ מיט א געדולע — ס'איז אים אפּגעראָטנ „על צד היותר טוב"!** ער האָט געקראָגנ אײנעמ א באַלנ, וואָס גיט אָפּ א כײדער מיט קעסט מיט אלעמ גרייטנ. אומזיסט, נאָר מיט א טנײ. אז דער קונדעס זאָל לערנענ סאכאקל נאָר אײנ האלבע שאָ אינ טאָג אינטערהפרי אונ אײנ האלבע שאָ באטאָג מיט די עלטערע קינדער אונ אמאָל נאָכ א האלבע שאָ אָדער א שאָ באנאכט מיט די קלענערע קינדער.

— וויפל זשע זײנענ פאראנ קינדער ארומ אונ ארומ? — פרעגט דער טאטע.

— וואָס מאכט אײכ אויס וויפל? ער דארפ זײ דענ געבנ עסנ? ער דארפ דאָכ נאָר לערנענ. וואָס זשע איז אים די נאפקעמינע, צי דרײ קינדער, צי פינפ קינדער, צי זיבנ קינדער? דאכט זיכ, איר ווייסט גאנצ גוט, אז איכ בינ אײכ א גוטער פרײנט אונ וועל אײכ ניט פארפירנ — וואָס איז שײעכ? אצאָסי, אז דער קונדעס זאָל זיכ צונויפפאקנ אונ זאָל זיכ אריבערפעקלענ הלײכ מיט מיר, אונ טאקע באלד, אונ טאקע שוינ, ווארעמ באלאָנימ אפּ אזא שטעלע וועלנ זיכ געפינענ א סאכ. הײדא!

דער קונדעס נעמט זיכ פאקנ. קײנ סאכ צײט דארפ עס בא אים ניט נעמענ. זײנ גאנצער גארדעראָב באשטייט פונ א פּאָר העמדער, אײנ פּאָר זאָקנ, א טפילנ־זעקל, א סידערל אונ ביכער, ביכער. פאקנ־

---

* „אצאָסי" — מײנ אײצע איז. — רעד.

** „אל צאד האיוישער טויוו" — אפנ בעסטנ אופנ. — רעד.

דיק, כאַפּט ער אַ קוק אפנ טאַטנ — זײַנ פּאָנעמ איז געל, אַזוי ווי וואַקס. ער דרייט דאָס שיטערע בערדל אונ קײַט עס מיט די ציינ. ער האָט ניט קיינ ווערטער, נאָר יעדער זיפּצ רײַסט אַרויס אַ שטיק האַרצ. דערפאַר אָבער האָט זיכ די שטיפמאַמע צערעדט, גענומענ באַדויערנ, זאָגנ, אַז עס געפעלט איר ניט דער פּלאַנ. ערשטנס, וואָס וועט די וועלט זאָגנ? די וועלט וועט זאָגנ, געזאָגט זאָל זיי ווערנ פאַרעס מאַקעס, אַז שולדיק איז די שטיפמאַמע. איז איינ מאָל אַוועק. אונ ווידער — וועמענ מאַכט קאַליע אַ קינד, אַז ער איז בײַ זײַנ טאַטנ? מער מיט אַ מויל, ווינציקער מיט אַ מויל, — מע וועט שוינ דערמיט די יויכ ניט פעט מאַכנ... אונ אַז ס'איז געקומענ צומ געזעגענענ זיכ, האָט זי געלאָזט אַ טרער.

אַרויסבאַגלייט דעמ קונדעס, האָט דער טאַטע גענומענ בײַ אימ טקיאַסקאַפּ, אַז שאַבעס איז ער אַ היימישער. מײלע, אַ גאַנצע וואָכ — ווי די מײַסע איז. אָבער שאַבעס — אינ גאָטעס ווילנ, שאַבעס!.. דאָס שטיקל נאַכעס פאַרוואָס זאָל ער אימ ניט צוטיילנ? ביפראַט, אַז ס'איז פאַר אימ אַליינ אַ גענוס אונ אַ פאַרגעניגנ, וואָרעמ וווּ ריכט מענ אָפּ אַזאַ שאַבעס, ווי בײַ דעמ טאַטנ? ווער זאָגט אַזוי די „שאָלעמ אַליי־כעמ", ווי זײַנ טאַטע? בײַ וועמענ קלינגט אַזוי שיינ דער „אשת חיל מי ימצא", ווי בײַ אימ? ווער קאָנ אַזוי זינגענ זמירעס, ווי זײַנ טאַ־טע? אונ דער קידעש? אַלע ייִדנ מאַכנ קידעש. נאָר ניט אפ אַלע ייִדנ רוט די שכינע. אינ אַלע ייִדישע הײַזער פּראַוועט מענ שאַבעס. אָבער ניט אינ אַלע ייִדישע הײַזער נידערנ אַראָפּ די „מאַלאַכיי האַ־שאָלוימ, מאַלאַכיי עליוינ", שוועבנ, טראָגנ זיכ אינ דער לופטנ אונ פּילנ אָנ די שטוב מיט אַ שטילער הייליקייט אָדער מיט אַ הייליקער שטיל־קייט פונעמ הייליקנ, גרויסנ, ליבנ טאָג שאַבעס...

63—18

57. א אידיליע

אַרכימ אפ שאַבעס.—א העברעייִשער מעשוירער בעניאָמינזאָנ.— דאַנטעס גענעמ אונ בעניאַמינזאָנס „עמק יהושפט או ההלירע".— וויאַזוי א דיכטער בראָט א שטיקל הערינג אפ קויל. — שאבעס באַמ טיש. — „פיגע-לייע די גאבעטע" קוקט ארויס אפ שאבעס.

האָבנ אנ אוירעכ אפ שאבעס איז געווענ ניט נאָר א מיצווע — עס איז ארײַנ אינ דער טעווע, עס איז געוואָרנ א מינ רעגילעס. אזוי איז דאָס געווענ בא באַלעבאטישע ייִדנ אינ יענער צײַט. אזא ייִד א באַלעבאָס, ווי נאָכעמ ראבינאָוויטש, לעמאָשל, האָט ניט געקאָנט פאַרשטיינ, וואָס הייסט זעצנ זיכ שאבעס צומ טיש אָנ אנ אוירעכ? דאָס וואָלט געווענ בא אימ א פארשטערטער שאבעס.

אלעמאָל האָט אימ גאָט צוגעשיקט אנ אנדער אוירעכ. איצטיקס מאָל איז דער זונ געווענ אנ „אוירעכ". אויכ גוט. ער איז אָבער געווענ ניט איינער — אכוץ אימ זײַנענ געווענ נאָכ צוויי. דער קאָלעקטער מיט די שווארצע ברילנ — אימ קאָנט איר. דער אנדערער האָט געהייסנ בעניאָמינזאָנ — מיט אימ וועל איכ אײַכ באקאנט מאכנ.

א מעשוירער, ניט קיינ מעשוירער בא א כאזנ, נאָר א פאָעט, א דיכטער, א העברעייִשער שרײַבער, ער האָט געמאכט א בוכ מיטנ נאָמענ: „עמק יהושפט או החלירע", אינ זייער א שיינער מעליצע-שפראכ שילדערט דער מעכאבער, וויאַזוי גאָט האָט זיכ צעבייזערט אפ דער פארדאָרבענער מענטשהײַט אונ האָט אראָפּגעשיקט אפ דער ערד די כאָליערע, נאַטירלעכ, אינ דער געשטאלט פונ א נעקייווע, א מיִעסע, א שרעקלעכע, א „כאָליערע", מיט א גרויסנ כאלעפ אינ די הענט, אונ זי שנײַדט רעכטס אונ לינקס. פארשטייט זיכ, אז דער גענעמ פונ דאנטע איז באשריבנ מיט מער שרעקלעכע פארבנ אונ מאכט אפנ לעזער א מער טיפנ אײַנדרוק, ווי די „כאָליערע", נאָר ניט דאָס איז דער איקער. די הויפטזאכ איז דאָ די שפראכ. דאָס איז געווענ א מינ פילפארביקע, גרויסארטיקע, זיס-צוקערדיקע מעליצע-שפראכ, וואָס די „כאָליערע" האָט אזעלכעס זיכער ניט פארדינט. דאָס איז, וואָס איז שײַעכ צומ ווערק. אצינד קומט דער מעכאבער אליינ.

א טרוקענער, נאָר א ברייטביינערדיקער, מיט א ברייט, פירעקעכיק

גלאַנצנדיק פּאָנעם, שיטער באַוואַקסן, אַזוי שיטער, אַז בײַם ער עסט, קאָן מען זען יעדן שלונג, וואָס גייט אַראָפּ אין האַלדז, ווי בײַ אַ הונ־געריקער גאַנדז. בײַ יעדן שלונג טוט ער אַ גאַב מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, אויך ווי אַ הונגעריקע גאַנדז. די האָר, וואָס אויפֿן קאָפּ, זײַנען אויך שיטער, דערפֿאַר זײַנען זיי לאַנג און הענגען אַראָפּ מיט פֿאַר־קרײַזלטע קוטשערלעך, אַלעמאָל מיט עפּעס אַ פֿעטער זאַך אָנגעשמירט, ס'זאָל גלאַנצן. אָנגעטאָן גייט ער, ווי אַ דײַטש, מיט אַ הויכן האַרטן קאַפּעליוש. אַלץ, וואָס אויף אים, איז שרעקלעך אַלט, נאָר מיט סאַקאָ־נעם ריין, ציכטיק, אויסגעבערשטלט און צוגעפּרעסט. און אַלצדינג אַליין. אַליין געריי‌ניקט, אַליין געפּרעסט, אַליין פֿאַריכט, אַליין אַ קנעפּל אײַנגענייט. אַ סוואָרע, אַז ער וואַשט זיך אַליין באַנאַכט אויס דאָס העמד, וואָס ער טראָגט בײַטאָג, און אַפֿילו דער שנופּס, וואָס בײַ אים אויפֿן האַלדז, איז אויך זײַן אייגענע מעלאָכע. אַז ער רעדט, רעדט ער מיט אַלע איבֿרים, מיט אַ האַרציק קול, מיט אַ ראַכמאָנעס־פּאָ־נעם, און די אויגן האַלב צוגעמאַכט, פֿאַרגלאָצט אַרויף. קוקנדיק אויף דעם פֿאַרשוין, האָט דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע ניט איין מאָל געטראַכט בײַ זיך: „טשיקאַווע צו וויסן, וויאַזוי האָט אויסגעזען אָט דער בעניאָמינזאָן מיט אַ יאָר דרײַסיק אָדער פֿערציק צוריק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יינגל?"...

פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער — ווייסט קיינער ניט. אויסדריקנדיק זיך מיט דעם לשון פֿון דער שטיפֿמאַמע, האָט אים „פֿאַרנאַדעט" אַהערצוצו דער קאָלעקטער. „איין שלימאַזל שלעפּט דעם אַנדערן"... אויף זײַן „טרייפֿענעם" גליק, האָט אים דער קאָלעקטער גע־בראַכט צו פֿירן איינמאָל אין אַ שיינעם טאָג מיט אַ גרוי טשעמאָדאַנדל אַקוראַט אין דער שאָ, ווען זי, די שטיפֿמאַמע, איז ניט געווען אינדער־היים. אַז זי איז געקומען און געטראָפֿן דעם פֿאַרשוין מיטן טשעמאָ־דאַנדל, ליגנענדיק פֿאַרן טאַטן עפּעס פֿון אַ ביכל, האָט זי באַלד גע־זאָגט, אַז ס'איז אַ שלימאַזל, איינער פֿון יענע שלימאַזלען, וואָס „מע דאַרף זיי געדיכט זייען און זיי זאָלן שיטער אויפֿגיין", און געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָט ער בעסער ניט געטראָפֿן צו רעב יאַסנעגראַדסקין אויף סטאַנציע? עס איז שוין אָבער געווען פֿאַרפֿאַלן. מע טרײַבט ניט קיין מענטשן פֿון שטוב, בפֿרט אַזאַ מין נעפֿעש, וואָס דאַרף ניט קיין זאַך

און וויל ניט קיין זאַך און פֿאַרערט ניט קיין זאַך. שלאָפֿן שלאָפֿט ער אויף דער אַלטער סאַראַטאָווער קאַנאַפּקע, אין אַ פֿינצטערן קאָרידאָר, צווישן צוויי באַדאָרים. אַז מע טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, צאַפּט ער זיך אָן אין זיין אייגענעם גרויסן טשייניק זודיק וואַסער, פֿול ווי אַן אויג, שיט זיך אַרויף פֿון אַ געל פּאַפּירל עפּעס אַ מין „סענעס בלעטלעך", וואָס ס'איז „גוט צום האַרצן", נעמט זיך אַרויס פֿון קעשענע זיין שטיקל צוקער און טרינקט זיך זיין טיי.

מיטן עסן איז אויך דאָס אייגענע. ער האָט זיך זיין ברויט בײַ זיך אין גרויען טשעמאָדאַנטל. דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקן. וואָס עלטער — איז בעסער (שפּאָרעוודיקער). און הערינג קויפֿט ער זיך אַלע טאָג, פֿאַר אַ קאָפּעקע אַ שטיקל הערינג, גייט מיט דעם פּאַוואָלינקע, אויף די שפּיץ פֿינגער, אין קיך אַריין, אַנטשולדיקט זיך אַ מאָל פֿופֿצן־צוואַנציק פֿאַר דער שטיפֿמאַמע, זי זאָל אים דערלויבן אויסקלייבן דאָס שטיקל הערינג אין אויוון אין אַ ווינקעלע מיט הייסע קוילן, סע זאָל זיך אַ ביסעלע צובראָטן: און אַז דאָס שטיקל הערינג הייבט זיך אָן צו צובראָטן הייבט עס אָן צו פּראָטעסטירן, זשומען און פּרעגלען זיך, און לאָזט אַרויס אַזאַ געשטאַנק, אַז מע דאַרף אַנטלויפֿן פֿון שטוב. שווערט די שטיפֿמאַמע, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט זי אים אַרויסוואַרפֿן מיטן הערינג. נאָר איר שווערן איז זי ניט מעקאַיעם. וואָרעם מע דאַרף האָבן אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער, מע זאָל אַזעלכעס טאָן מיט אַ מענטשן, וועלכער לעבט אַ גאַנצע וואָך מיט אַ שטיקל געבראָטענעם הערינג.

אַן אויסנאַמע איז שאַבעס. קומט שאַבעס, איז ער אַן אוירעך בײַם טיש גלײַך מיט אַלעמען. און נאָך מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אַלע אַנדערע אָרכים. אַ ייִד אַן איידעלער, אַ טאַלמיד־כאָכעם, אַ מאַסקיל, אַ שרײַבער, אַ מעשוירער! אײַ וואָס, ער איז נעבעך אַן אָרעמאַן, — וואָס זאָל ער טאָן? ס'זאָל זיין אין אים געוועלדט, וואָלט ער בעסער געווען אַ נאָגיד. נאָר אַז ס'איז ניטאָ קיין מאַזל... און ער טוט אַ זיפֿץ. דער באַלעבאָס ענטפֿערט אים מיט אַ זיפֿץ און גיסט אים אָן אַ גלעזל וויין, און גיסט זיך אָן אַ גלעזל וויין, און גיסט אָן דעם קאָלעקטער אויך אַ גלעזל וויין, און אַלע דרײַ טרינקען לעכאַיִם, און ניט נאָר פֿאַר זיך, נאָר פֿאַרן קלאַל־ייִסראָעל. און פֿון אַ גלעזל וויין ווערט מען לעבעדיק, און די צונג ווערט אויפֿגעבונדן, און מע הייבט אָן ריידן אַלע

אינגיינעמ — ניט קיינ הוואָרימ בעטיילימ, כאסוועשאָלעמ, נאָר דיוור־ריי־טוירע, פונ ספאָרימ, ביכער, כאָכמע, האָסקאָלע, וויסנשאפט...

דער יינגסטער פונ די „אָרכימ”, דער פארפאסער פונ די דאָזיקע באשרײַבונגענ, מישט זיכ אויכ ארײַנ אינ געשפרעכ, נאָר ער היט זיכ מיט אנ איבעריק וואָרט צווישנ גרויסע, כאָטש מע קוקט אפ אימ שוינ קימאט ווי אפ א גרויסנ. א באָכערל, וואָס פארדינט שוינ אליינ געלט, גיט שטונדנ — א קלייניקייט?

פונ זינט דאָס באָכערל איז אראָפ פונ קעסט און איז געוואָרנ א מענטש פאר זיכ, האָבנ די צוויי אנדערע אָרכימ זיכ גענומענ רעכענענ מיט אימ, ווי מיט א גרויסנ, אימ זאָגנ „איר”. באמ קאָלעקטער איז ער געוואָרנ א „קונד”, א הוינע. ער האָט אימ פארשריבנ אנ אכטל ברוינשווייגער לאָטעריי, צוגעזאָגט מיט דעמ זעלבנ טאָג און מיט דער זעלבער זיכערקייט, ווי זײַנ טאטנ, אז ער וועט, אימירצאשעמ, מיט גאָטס הילפ, אויסנעמענ דאָס גרעסטע געווינס. און דער דיכטער בענ־יאָמינזאָנ — דער איז גלאט געוואָרנ אנ אָפטער ארײַנגייער צומ כעוור־רעמאנ, וואָס גיט שטונדנ, געשריבנ אפ זײַנ טישל אינ דער צײַט, ווענ ער איז געווענ אפ די שטונדנ, געבראַכט צו טראָגנ איינמאָל זײַנ גרוי טשעמאָדאנדל מיט די פאפירנ מיטנ אלטגעבאקענעמ ברויט, און אָנ־שטאָט דעמ ער זאָל בראָטנ אלע פרימאָרגנ א שטיקל הערינג בײַ ראַ־בינאָוויטשנ אפ דער אכסאניע און אויסשטיינ ביזיוינעמ פונ דער שטיפמאמע, האָט ער שוינ בעסער זיכ פארגונענ צו טאָנ די דאָזיקע ארבעט בײַ דער באלעבאָסטע פונ זײַנ יונגנ פרײַנט שאָלעמ, צו וועלכנ ער האָט זיכ סאָפקאָלסאָפ אינגאנצנ אריבערגעקליבנ און באזעצט אפ שטענדיק.

דאָס איז אויסגעקומענ גאנצ פראָסט און נאטירלעכ. צוויי מענטשנ האָבנ זיכ ניט פײַנט און קאָנענ נוצלעכ זײַנ איינער דעמ אנדערנ — פארוואָס זאָל מענ ניט זײַנ אינגיינעמ? בעניאָמינזאָנ איז א שיינער העב־רייער, א מעשוירער. זײַנ יונגער פרײַנט האָט א באזונדער כיידער, א בעט א ברייטס, א פעלד ניט קיינ בעט — וועמענ שאדט עס, אז עס וועלנ ליגנ צוויי, ניט איינער? אי, דער דיכטער בעניאָמינזאָנ האָט אינ זיכ נײַנ מאָס רייד און הערט ניט אויפ צו לויבנ זײַנע אייגענע שירימ, לייענענ גאנצע פאָעמעס ביז שפעט אינ דער נאכט, און דאפקע מיט

אזא היסלײַוועכ, מיט אזא היספּײַלעס, אז עס שטייענ אימ אזש טרערנ אינ די אויגנ, — איז דאָס אויכ פונ די קליינע אומגליקנ. זײַנ יונגער פרײַנט שאָלעמ האָט, דאַנקענ גאָט, א גוטנ שלאָפ, אונ דער פּאָעט בעניאָמינזאָנ קימערט זיכ ווייניק, וואָס יענער שלאָפט, ווארעמ אז ער, בעניאָמינזאָנ, האַלט אינ לייענענ זײַנע אייגענע פּערזנ, מעג זיכ דעמלט די גאַנצע וועלט איבערקערנ!

דאַכט זיכ, אינ פלוג, וואָס האָבנ זיכ אָנגעקערט די דאָזיקע אַלע באַשרײַבענע פאַרשוינענ, איינס מיט דאָס אַנדערע? וואָס פאַר א מע־כוטנ, לעמאָשל, איז נאָכעמ ראַבינאָוויטש, א ייִד א באַלעבאָס, א האַל־בער כאָסיד אונ א האַלבער מאַסקל, מיט אזא ייִדנ א ליטוואַק אונ א מיסנאַגעד, ווי דער קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילנ? וואָס פאַר א סמיכעס־האַפאַרישעס איז צווישנ די צוויי מיט א הונגעריקנ עקזאַל־טירטנ מעשוירער בעניאָמינזאָנ? אונ ווי האָט זיכ געקאָנט אינ דער דאָזיקער כוויוו פילנ א ציקאַווע באָכערל מיט פוכקע בעקלעכ, מיט בלאָנדע געקרײַזלטע האָר (נאָכנ טיפּוס האָבנ די האָר גענומענ וואַקסנ בא אימ, ווי גראָז נאָכ א רעגנ)? וואָס האָט דאָ געהאַט צו טאָנ א באָכערל אינ די יאָרנ, ווענ עס ציט אימ גאָר אינ דרויסנ ארויס, אינ שטאָטגאָרטנ, אָפּנ שפּאַציר מיט כאַוויירימ, מיט האַלב־באַקאַנטע מיידלעכ? אונ דאָכ דאַרפ מענ זאָגנ, אז דאָס איז א זעלטענע אידיליע, אנ אומפאַרשטענדלעכע פרײַנטשאַפט, אנ אומבאַשרײַבלעכע אינטימי־טעט, אונ דער שאַבעס איז געווענ א געווינטשטע באַגעגעניש, אָפּ וועלכע זיי אַלע האָבנ ארויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די גאַנצע וואָכ. וואָס עמעצער פונ די פיר האָט געהאַט עפּעס א גוטע זאַכ צו זאָגנ, צו באַווײַזנ, צו דערציילנ, האָט ער עס איבערגעלאָזט אָפּ שאַבעס. בעניאָמינזאָנ דער מעשוירער, וויפל ער האָט אײַכ ניט געמאַ־טערט א גאַנצע וואָכ מיט זײַנע שירימ, האָט ער די בעסטע פונ זיי דאָכ איבערגעלאָזט אָפּ שאַבעס, נאָכנ טיש. דאָס הייסט, עס רעדט זיכ אזוי „נאָכנ טיש“. אינדערעמעסנ האָט ער ארויסבאַוויזנ אַלצ, וואָס עס האָט זיכ בא אימ אָנגעזאַמלט פאַר דער וואָכ, פאַרנ טיש, באַמ טיש אונ נאָכנ טיש.

דער קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילנ איז שוינ געווענ א סאַכ פּראַקטישער פונ אימ. אז מע איז געקומענ פונ שול, אונ דער טאַטע

האָט אָפגעזאָגט אַלץ, וואָס מע דאַרפ, אָפגעמאַכט קידעש און געגאַנגענ זיכ וואַשנ, האָט ער, דער קאָלעקטער, אַרײַנקוקנדיק דורכ די שוואַרצע ברילנ אינ טעלער אַרײַנ, אַ זאָג געטאָנ: „איצט וועט אונדז אונדזער מעשוירער מיסטאָמע עפּעס זאָגנ“... און דער מעשוירער, כאָטש ער איז נעבעכ גוט אויסגעהונגערט, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסזענ פונ זײַנ כאַראַקטעריסטישנ שלינגענ, לאָזט זיכ ניט לאַנג בעטנ, אינ דער קאָלעקטער דערווײַל פּאַקט אָפּ בײדע באַקנ, טונקט די פרישע כאַלע אינ דער שטאַרק-געפּעפּערטער פיש-יויכ, פּאַרטרינקט מיט אַ קליינ קעלישעקל שטאַרקנ בראָנפנ, און ווישנדיק אַ האַנט אָנ אַ האַנט, טוט ער אַ זאָג מיט היסלײַוועס: „אויסגעצייכנט! עס לאָזנ זיכ אויס אַלע וועלטנ!!“...

עס איז נאָר שווער געווענ צו טרעפנ, מיט וואָס לאָזנ זיכ אויס באַ אים אַלע וועלטנ: מיט בעניאָמינזאָנס שירים? אָדער מיט דער געפּעפּערטער פיש-יויכ? אָדער מיטנ קעלישעקל בראָנפנ? אָדער מיט אַלע זאַכנ אינאיינעמ? יעדנפאַלס, איז די שטימונג אַזאַ הויכע, אַז אַפילע אַזאַ פּראָזאַישע נעשאָמע, ווי די שטיפמאַמע, הייבט זיכ אויכ אופ דעמ דאָזיקנ שאַבעס אָפּ אַ האָר העכער, און, אויסגעשלייערט לעקאָוועד שאַבעס אינ איר באַרדיטשעווער פּריזורקע, קוקט זי מיט אַ פרײַנטלעכ אויג אָפּ די שאַבעסדיקע אָרכים און טרײַבט זיי אונטער, זיי זאָלנ שוינ אַמאָל עפּעס עסנ אויכ און איבערלאָזנ דאָס איבעריקע ביסל רייד אָפּ נאָכ עסנ.

ביכדיי דאָס בילד זאָל זײַנ פאַרענדיקט און די אידיליע זאָל זײַנ נאָכ מער בולעט, מוז דאָ געזאָגט ווערנ כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגנ נאָכ אַ לעבעדיקנ נעפעש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אָפּ די שאַבעסדיקע אָרכים. דאָס איז געווענ „פייגע-לייע די גאַבעטע“. דער מעכאַבער פונ די דאָזיקע זיכרוינעס האָט זי שוינ געהאַט אַמאָל באַשריבנ טאַקע אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ אינ אַנ אַנדער אָרט (אינעם בוכ „מאָטל פּייסי דעמ כאַזנס“). דאָס איז געווענ אַ קאַץ. און ווײַל זי איז געווענ אַ גראָבע, האָבנ איר כעווירע אַ נאָמענ געגעבנ „פייגע-לייע די גאַבעטע“. כעווירע האָבנ געהאַט אַ שוואַכקײַט צו קעצלעכ, און פייגע-לייע האָט אַלע יאָר אָראָפּגעבראַכט אַ דאָר פונ שיינע ראַבע קעצלעכ. די קעצלעכ זײַנענ אונטערגעוואַקסנ, האָט מענ זיי צעשענקט, צעוואָרפנ,

און פייגע־לייע איז פאַרבליבן אַן אַלטגעזעסענע, אַן אײַנגעוואָרצלטע, אַ פאַרפינדעיוועטע, אַ קאַץ, וואָס פאַרשטייט איר ווערט און לאָזט זיך ניט טרעטן מיט די פיס. עמעס, קיין גרויסע מעיוכעסעס איז זי בײַ דער שטיפמאַמע ניט געווען. געכאַפּט אַ שמיץ מיטן פוס, אַ בוכצע אין זײַט אַרײַן, אַמאָל מיט דער באַרשט איבערן קאָפּ, — נאָר מיט וואָס איז זי מער צאַצקע פון דער שטיפמאַמעס אייגענע קינדער? און דער שטיפמאַמעס קינדער באַגייען זיך מיט איר, מיט פייגע־לייען, אויך ניט איבעריק קוצעניו־מוצעניו, טוען איר צום טויט, שלעפן בײַ איר אַוועק די קליינע קעצעלעך פון דער ברוסט און מוטשן זיי מיט סאַקאָנעם נעפאָשעס! ס'איז אָבער דערויף אויך פאַראַן אַ טערעץ (אַף אַלצדינג קאָן מען געפינען אַ טערעץ): פאַרוואָס זאָלן קינדער זיך באַגיין מיט אַ קאַץ בעסער, ווי זייער אייגענע מאַמע באַגייט זיך מיט אירע אייגענע קינדער?.. אַוואַדע, ווען שאָלעם איז געווען אַ היימישער, האָט ער אַכטונג געגעבן, מע זאָל פייגע־לייען אומזיסט ניט באַליידיקן. איצט, אַז ער איז נאָר אַ גאַסט, קומט צו גיין איינמאָל אין אַ וואָך, שאַבעס, איז אים פייגע־לייע מעקאַבל פּאָנעם, ווי אַן אייגענע, שטייט אויף, אַז ער קומט אַרײַן, בויגט אויס דעם רוקן, טוט זיך אַ רײַב מיטן קאָפּ בײַ זײַנע פיס און ציט אויך אַ לאַנגן געניעץ און באַלעקט זיך. „וואָס איז דיר, פייגע־לייע?" — טוט ער זי אַ גלעט איבערן קעפּל, אָנגעבויגן זיך צו איר אויף דער ערד. „מניאַאו!" — ענטפערט אים אָפּ פייגע־לייע מיט אַזאַ טאָן, וואָס דאַרף הייסן: „עט! אַבי מע לעבט און מע זעט זיך"... — און הערט ניט אויף צו רײַבן זיך אָן זײַנע פיס און צו מורליקען, קוקן ווי אַ זינדיקער מענטש און וואַרטן, מע זאָל איר עפּעס צוּוואַרפן.

— צאַרבאַלעכאַיִם! — זאָגט דער קאָלעקטער מיט אַ זיפץ. טוט בעניאַמינזאָן אַ שלונג, אַ קוק אויף אַלע דרײַ און זאָגט, אַז ער האָט דערויף אַ שיר, הייסט ער: „ורחמיו על כל מעשיו". און ניט געוואַרט, ביז מע וועט אים בעטן, פאַרגלאָצט ער די אויגן אַרויף און זאָגט דעם שיר.

58. די צעשטערטע האָפענונגענ

די עקזאַמענעס אַפ דער נאָז. — ער בויט לופט-שלעסער מיט זײַנ באַוועער עליע דאָדים. — „למנצח על השלישית". — ער שרײַבט א מעליצע-בריוו צו ח"י גורלאַנד. — דער „קלוב" אינ דער טאַבאַטשנע. — ח"י גורלאַנד ענטפערט מיט א בריוו אונ די לופט-שלעסער צעפאַלנ זיכ.

די צײַט איז געגאַנגענ, קינדער וואַקסנ. עס קומט אָנ דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דאַרפ ענדיקנ דעם קורס. די עקזאַמענעס זײַנענ אַפ דער נאָז. אָט נאָכ א וואָכ, נאָכ צוויי — ווערט מענ פּאַטער פונ דער „אויעזדנע", וואָס האָט זיכ שוינ צוגעגעסנ. דער העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט קיינמאָל ניט געפילט קיינ באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסנ. קיינ קוואַל אַפ צו שעפּנ פונ דאָרטנ כאָכמע אונ וויסנשאַפט איז זי פאַר אים קיינמאָל ניט געווענ. דאָס ביסל, וואָס ער האָט יאָ גענאַשט, איז דאָס געווענ גיכער פונ דעם בוימ, וואָס האָט געוואַקסנ אינ יענער צײַט „האַסקאָלע". ביכער, רוסישע אונ העברייִשע, בלעטער, צײַטונגענ, זשורנאַלנ — דאָס זײַנענ געווענ די פּיירעס, וואָס ער האָט געגעסנ מיטנ פולנ מויל. א סאַכ האָט אים מיטגעהאָלפנ דער „קלוב", די דעמאָלטיקע פּערעיאַסלעווער אינטעליגענצ, מיטנ קאָלעקטער, מיט בעניאָמינזאָנענ אונ מיט די געראָטענע אייִדעמס בעראָש, אונ דער אידעאַל איז געווענ — אַרנאָלד פונ די פּידוואָרקעס מיט זײַנ גרויסער ביבליאָטעק.

דאָס אייִנציקע, וואָס אים האָט געבונדנ מיט דער „אויעזדנע", איז געווענ זײַנ באַוועער עליע דאָדים, וועלכנ ער האָט בעעמעס ליב געהאַט פאַר זײַנ לעבעדיקנ כאַראַקטער אונ פאַר זײַנ קאָנענ איבערמאַכנ אונ איבערקרימענ אַלע לערערס, ווי אַנ עמעסער אַקטיאָר, א קאָמיקער. ביידע אינצווייענ האָבנ זיי איבערגעקערט די וועלט, בײַדע אייִנייִנעמ האָבנ זיי געלייענט ביכער, געלעבט א גוטנ טאָג, געווענ אָפּגעטיילט פונ אַלע איבעריקע כאַווײרימ, צומיינסטנ פאַרשטאָפּטע קעפּ, פלעקער. אינ דער צײַט, ווענ יענע האָבנ זיכ געגרייט צו די עקזאַמענעס, געפיבערט, מוירע געהאַט פאַר א דורכפאַל, האָבנ די צוויי כאַווײרימ, שאָלעמ ראַבינאָוויטש אונ עליע דאָדים, געמאַכט

בויזעק פונ דער גאַנצער וועלט, געהאַט די עקזאַמענעס אינ דער לינקער פויסט. זומער לעבנ. אינ דרויסנ איז אַ גאַניידנ. די בעסטע צייט אַפּ צו באָדנ זיכ אינ טייכ, אַפּ צו שיפנ זיכ אינ אַ שיפל, העט־ווייט אַפּ יענער זייט ברעג, אינ הויכנ גרינעמ אָטשערעט. דאָרטנ איז דאָ אַ לעוואַדע, אַ פעלד, מיט אַ סאַכ ווייסע אונ רויטע מאַרגאַריטקעס באַשפּרענקלט. אונ ווייטער פונ דער לעוואַדע גייט אַ וועלדל, טאַקע אַ גאַנצער וואַלד. לאָזנ זיכ לויפנ איבערנ גאַנצנ פעלד ביז צומ וואַלד, אינ איינ אָטעמ — איז ניט פונ די קליינע זאַכנ. ווער פונ זיי, ער אָדער זיינ כאַווער עליע, וועט קומענ צו לויפנ פריער? זיי בלייבנ ביידע אָנ אָטעמ. טוט מענ זיכ אַ וואָרפ אַפנ גרינעמ שמעקנדיקנ גראָז, מיטנ פּנעמ אַראָפּ ליגט מענ אונ מע גראַבלט די פרישע, רויע, זאַמדיקע ערד, ווו עס קריכט אַ פליגעלע, שפּאַצירט אַ זשוקל, פויזעט אַ מורעשקע, שלעפּט מיט די פעדערשטע פיסעלעכ אַ גאַנצע שטרוי, אַ שטיקל קאָרע, אַ נאָדל פונ אַ בוימ. ס'איז שטיל. אַ מאָדנע, אַ הייליקע, אַ פאַרוויגנדיקע, אַ פאַרשלעפערנדיקע שטילקייט. זעלטנ ווערט די שטילקייט געשטערט דורכ אַ צוויטש פונ אַ ריי שוועלבעלעכ, וואָס טראָגנ זיכ דורכ איבער די קעפּ — אַ סימענ אַפּ אַ רעגנ. אָדער עס דערהערט זיכ אַ קוואָק פונ אַ פאַריאָסעמטער זשאַבע ערגעצ ווייט פונ אָטשערעט אַרויס: קוואַ! — אונ ווערט אַנשוויגנ. אויכ אַ סימענ אַפּ אַ רעגנ, כאָטש דער הימל איז ריינ, קלאָר, ווי זעפיר, קיינ שפּרענקעלע אַפנ האָריזאָנט. עס פילט זיכ אַ נאָענטע שייכעס מיט אָט דעמ וואַלד, מיטנ פעלד, מיט די מאַרגאַריטקעס, מיט דער פרישער ערד, אונ מיטנ שמעקנדיקנ גראָז, אונ מיטנ פליגעלע, מיטנ זשוקל אונ מיט דער מורעשקע, וואָס פויזעט, מיט די שוועלבעלעכ, וואָס פליענ, אונ מיט די זשאַבעס, וואָס קוואַקענ, אונ מיט דער גאַנצער נאַטור אַרומ אונ אַרומ — יעדע זאַכ באַזונדער איז אַ ביילעק פונ דער וועלט אונ אַלצ אינאיינעמ מיט די מענטשנ גענומענ — דאָס איז איינ וועלט, איינ מישפּאָכע, איינ געזינדל. אונ דאָס ווימלט אונ דאָס גריבלט, אונ דאָס ליאַרעמט, אונ דאָס טאַראַראַמט — עס איז אַ יאַריד, עס איז אַ וועלט, עס הייסט „לעבנ”. ביידע יונגע כאַווייריִמ פילנ זיכ גוט אינ דער דאָזיקער וועלט. ביידע זיינענ צופרידנ מיט זייער לעבנ, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קאָנטעט מיט זייער הייַנט אונ דערוואַרטנ

נאָכ מער פונ דעמ, וואָס וועט זײַנ, פונ דעמ, וואָס קומט. זיי פירנ א לאנגנ, שטילנ, רויִקנ געשפרעכ, א געשפרעכ, וואָס האָט ניט קיינ אָנהייב אונ האָט ניט קיינ סאָפ. דער גרעסטער טייל פונ זייער געשפרעכ דרייט זיכ ארומ דעמ, וואָס זיי שטייט פאָר: וואָס וועט ווײַטער זײַנ? אונ מע לייגט פאָר פלאנענ אונ מע בויט לופט-שלעסער, אונ מע שטעלט זיכ פאָר א זיס, פילפארביק לעבנ, וועלכעס שפיגלט זיכ אָפ אינ דער פאנטאזיע פונ יעדנ יונגנ מענטשנ אונ וועלכעס גיט זיכ קיינמאָל ניט אײַנ אפ דער וועלט...

מע קאָנ אָבער דאָ אזוי לאנג ניט פארברענגענ. די צײַט שטייט ניט. עקזאמענעס איז פאָרט ניט קיינ שפילכל. זיי זײַנענ טאקע די ערשטע אונ די בעסטע אינ קלאס, נאָר א קאשע וואָס סע מאכט זיכ? עס קאָנ זיכ אמאָל טרעפנ, אז דער בעסטער זאָל דורכפאלנ. נאָר איינ מענטש איז געווענ געזיכערט — אונ דאָס איז געווענ דער קאָלעקטער מיט די שווארצע ברילנ. „וואָס מיר עקזאמענעס? ווער מיר עקזאמענעס? מע שטעלט זיי א פײַג!" — אזוי האָט געטײַנעט דער קאָלעקטער, וואָס האָט געטראָגנ אפ זיכ די דײַגעס פונעמ קונדעס מער ווי זײַנ אייגענער פאָטער. אונ דעריבער האָט זיכ קיינער ניט אזוי דערפרייט, ווי דער קאָלעקטער, מיט דער גוטער בשורע, וואָס שאָלעמ האָט איינמאָל געבראכט צו טראָגנ אהיימ, אז ער אונ זײַנ כאווער עליע דאָדיס זײַנענ פונ עקזאמענ אינגאנצנ באפרײַט.

— דאנקענ גאָט! מיר זײַנענ פרײַ! פרײַ פונ עקזאמענעס! מיר וועלנ הוליענ!... אזוי האָט געזאָגט דער קאָלעקטער.

אונ פאר גרויס סימכע האָט דער קאָלעקטער אינ דעמ אייגענעמ טאָג, אפ דער נאכט, געבראכט צו טראָגנ צומ „קונדעס" אפ דער קוואַרטיר א הערינג מיט צוויי פראנצויזלנ, אונ אינ קעשענע — א פלעשל בראנפנ, אונ אינדרײַענ מיטנ מעשיירער בעניאָמינזאָנ האָט מענ געגעבנ א לעב-אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטנ. אפ בעניאָמינזאָנענ איז אָנגעפאלנ, ווי ער אליינ האָט געזאָגט, דער רואכאקוידעש, אונ ער האָט אפנ אָרט אָנגעשריבנ א שיר:

„למנצח על השלישית מזמור שיר"...

„על השלישית" — מיינט מענ דאָס די דרײַ קלאסנ, וואָס שאָלעמ האָט געענדיקט. אונ איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַע סעדרע: וואָס

טוט מענ ווײַטער? וואָס וועט זײַנ דער טאַכלעס? עס זײַנענ ארופּ אפּ דער סצענע אלע אונדזערע אלטע באקאנטע פּארשוינענ: בײדע געראָטענע אײדעמס, ארנאָלד פונ די פּידוואָרקעס, די יאלע איבעריקע פרײַנט און גוטע פרײַנט, יעדער מיט אנ אנדער אײצע: גימנאזיע, ראַבינער־שול, אוניווערסיטעט, דאָקטוירימ, אַדוואָקאַטנ, אינזשעניערנ... דער טאַטע איז ארומגעגאנגענ א צעטומלטער: אזוי פיל וועגנ, פּראָפעסיעס, פּארנאָסעס — אזש דער קאָפּ דרייט זיכ!

פונ אלע פּראָיעקטנ האָט מענ זיכ אָפּגעשטעלט אפּ דעמ זשיטאָמירער לערער־אינסטיטוט, ווו מע האָט צוגעזאָגט ארײַנצונעמענ אפּ „קאַזיאָנע שטשאָט" בײדע אויסגעצײכנטע טאַלמידימ — שאָלעמ נאָכעמ ראַבינאָוויטשעס און זײַנ כאַווער עליע דאָדיס. עס זײַנענ שוינ וועגנ דעמ אָוועקגעגאנגענ פּאַפּירנ קײנ זשיטאָמיר, צומ דירעקטער פונ אינסטיטוט, ח"י גורלאַנד., ליתר בטחונ* האָט שאָלעמ צוגעלײגט צו די פּאַפּירנ פונ זיכ א בריוו אפּ העבריייִש, אינ זײער א שײנער מעליצע־שפּראַכ — צו באַווײַזנ דעמ דירעקטער גורלאַנדנ, אז ער האָט צו טאָנ מיט ניט קײנ יינגעלע און דער קאָלעקטער איז געווענ מאָלעגדולע.

— באָרוכ שעפּאָטראַני! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאָסער פּאָלע די שוואַרצע ברילנ (אָנ די ברילנ זעט אויס דעמ קאָלעקטערס פּאָנעמ ווי געשוואָלנ, און די אויגנ — ווי קישעלעכ). דער קונדעס איז שײנ א באַוואָרנטער, וואָלט איכ שוינ האָבנ אזא דײַגע מיט פּארנאָסע, ווי איכ האָב א דײַגע מיט אימ. וואָס ער זאָל שוינ ניט זײַנ, א ראַבינער אָדער א לערער — א מענטש וועט ער שוינ זײַנ, דאָס איז זיכער! און פונ פּריזיוו זײַנענ מיר אויכ באַוואָרנט. קאַזיאָנע לערערס און קאַזיאָנע ראַבאָנימ דינענ ניט. איצט בלײַבט איבער נאָכ א שײנע קאַלע פונ א לײַטיש אָרט מיט א פּופּצנ הונדערט קאַרבונימ נאַדאַנ, וועט זײַנ, ווי זאָגט איר, כאַי געלעבט! הײסט עס, רעב נאָכעמ, דערלאַנגענ א ביסל „צערקעווונע קאָשערלעפּײסעכ"...

לאָזט זיכ אויס, אז דער קאָלעקטער האָט זיכ צו פרי מעסאַמײעכ געווענ. און אָט וואָס עס האָט זיכ געטראָפנ.

---

*) צוליב מער זיכערקײַט. — ר ע ד.

די אַלע פּאַרנאָסעס, וואָס נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פּאַרנומען, זײַנען סאָפּקאַלסאָפּ געווען ניט גענוג אָפּ צו לעבן. האָט זיך געפֿונען אַ רײַכער באַלעגופֿ, אַ גוי מיטן נאָמען זאַכאַר נעסטאָראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטן פֿון ראַבינאָוויטשן אַן אוילעם אומלויע און האָט אים אָפּגעטראָטן אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פּראָנט פֿון זײַן נײַעם גרויסן מויער, און דאָרט האָט ער אים געעפֿנט אַ געשעפֿט פֿון טאַבעק, גילזעס און פּאַפּיראָסן, און אויך דעם ווײַנשענק „ראַזניטש ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ" האָט מען אַריבערגעטראָגן אַהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווײַזן פּאַרנאָסע בעשעפֿע. דאָס הויז פֿון נאָכעם ראַבינאָוויטש איז, ווי איר געדענקט, טאָמעד געווען אַ קלוב פֿון מאַסקילים און גלאַט יונגעלײַט. איצט איז דער קלוב געוואָרן נאָך לעבעדיקער און מער באַזוכט פֿון פֿרײַנט און גוטע פֿרײַנט און גלאַט קוינים. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל פֿרײַע צײַט, געוואָלט זען זיך מיט אַ מענטשן, וויסן, וואָס הערט זיך אָפּ דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע" רייכערן אַ פּאַפּיראָס און ריידן אַ וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב", אָדער אין דער „טאַבאַטשנע", צונויפֿגעזאַמלט די גאַנצע סמעטענע פֿון דער פּערעיאַסלעווער אינטעליגענץ. דאָרט זײַנען געווען אַלע אונדזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען: יאָסי פּרובשטיין, ביידע געראָטענע איידעמס, אַרנאָלד פֿון די פּידוואָרקעס און, פֿאַרשטייט זיך, דער קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילן, און בעניאָמינזאָן דער מעשוירער און זייער יונגער פֿרײַנט דער קונדעס האָבן אויך ניט געפֿעלט. עס איז געווען זייער אַ לעבעדיקער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגעשאָסן אַ הילכיקער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט אַרויסגערופֿן איינער פֿון די געראָטענע איידעמס, לייזער־יאָסל. ער האָט געפֿאָדערט פֿון יעדן איינציקן אַ קליינינקײַט: ער זאָל מויכל זײַן געבן צו פֿאַרשטיין דעם פּשאַט פֿון דעם וואָרט „מאַסיוו", נאָר אָן הענט. און אַזוי ווי עס איז אַן אוממעגלעכקײַט, אַז אַ ייִד זאָל קענען געבן צו פֿאַרשטיין אַזאַ זאַך אָן הענט, האָט יעדער איינציקער אָפּ זײַן אויפֿן באַווײַזן מיט די הענט, וואָס באַטײַט דאָס וואָרט „מאַסיוו". און אָט דערפֿון זײַנען דאָס געפֿלויגן די דאָזיקע געלעכטערן. נאָר פּלוצעם, סאַמע אין רעכטן מיטן לאַכן, עפֿנט

זיך די טיר און עס קומט אריין דער בריוטרעגער מיט א פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע". אויפן קאָנווערט שטייט אויף רוסיש מיט גרויסע אותיות: „קאַנצעלאַריא זשיטאָמירסקאַווא קאַזיאָנאַווא יעווריסקאַווא אוטשי־טעלסקאַווא אינסטיטוטא".

— אהאַ! דאָס איז פון אים, ח"י גורלאַנדן!

מע האָט געעפנט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט א בריוו פון דעם דירעקטאָר גורלאַנד. אין בריוו איז געשטאַנען: „אַזוי ווי אין אינסטיטוט דאַרף מען לערנען פיר יאָר, און אַזוי ווי פון די פּאַפּירן און פון די מעטריקעס איז צו זען, אַז דער באַזיצער פון זיי איז געבאָרן געוואָרן דעם 18־טן פעברואַל 1859, — קומט אויס, אַז אין דעם יאָר 1880, דאָס הייסט, אין דריי יאָר אַרום שוין, אין אָק־טיאַבער, וועט ער זיך דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט א יאָר פריער, איידער ער וועט ענדיקן דעם גאַנצן קורס פון דעם לע־רער־אינסטיטוט".

ווי א באַמבע, ווי א דונער אין מיטן העלן טאָג, איז געווען די דאָזיקע ידיעה. צום אַלעם ערשטן האָט מען זיך גענומען שפּאַרן און לערנען דעם פּשט פון דעם בריוו: מאי קאַ משמע לאַן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערן? און פאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעפירט, טאָ־קע אָט דער ח"י גורלאַנד, דעם האָוויצע־לאַנו־מיזע? און טאָמער איז פאַראַן עפּעס אן אייצע, א דריידל, אויף אַרויסצודרייען זיך פונעם דאָ־זיקן פּלאָנטער? ס'איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּאַרן זיך מיטן רעבאַטירן. אַלע האָבן אַרויסגעזען, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז דאָס שפּיל איז פאַרן טייוול — די שאַנסן אויף אַריינצוטרעטן אין אינסטיטוט זיינען פאַרלוירן. די מעטריקעס קאָן מען שוין ניט איבערמאַכן. און ח"י גורלאַנד איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס מע מאַכט מיט אים דרייד־לעך. פאַרפאַלן!

דער העלד פון די דאָזיקע באַשרייבונגען שטעלט זיך פאָר יענע צייט אַלס זיין איבערגאַנגס־עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אַנדע־רער. ס'האָט באַדאַרפט אויסגעווײַלט ווערן א וועג, וווּהין צו גיין, אויסגעאַרבעט ווערן א פּלאַן, וואָס צו טאָן, און באַשטימט ווערן, אַזוי צו זאָגן, א פּראָגראַם שוין אויפן גאַנצן לעבן. צווישן אים מיט זיין באַוווער עליע דאָדים איז שוין לאַנג געווען אן אָפּגעמאַכטע זאַך,

וויאזוי מע וועט ביידע איניינעמ פאָרנ קיינ זשיטאָמיר, ביידע ווינענ אינ איינ צימער, ביידע לערנענ, שפאצירנ, באָדנ זיכ, שיפנ זיכ... אונ אז ס'וועט קומענ „קאניקולעס", וואקאציעס, וועט מענ פאָרנ ביידע אהיימ — אונ אכ! ווי זיי וועלנ דאָס איבעראשנ זייערע געוועזענע כאווײרימ מיט זייער זשיטאָמירער אוניפאָרמ, זיכ האלטנ פונ זיי פונ דערווײַטנ, אונ ריידנ פונ פושקינ אונ פונ לערמאָנטאָוו, פונ בײַראָנ אונ פונ שעקספיר, הויכ אפ א קאָל, אלע זאָלנ הערנ אונ וויסנ, אז דאָס ריידנ ניט קיינ פארכעס... די כאווײרימ וועלנ דאָס הערנ אונ שטוינענ, מעקאנע זײַנ. מיידלעכ וועלנ זיכ רויטלענ, דרייענ ארומ זיי, קלוימערשט פאריכטנ די הענטשקעלעכ, ווארפנ מיט אויגעלעכ, וועלנ זיכ וועלנ באקענענ נעענטער — קורצ, דאָס וועט זײַנ א גאניידנ!

אונ מיטאמאָל האָט זיכ פונ אלע כאלוימעס אויסגעלאָזט א טײַכ. אויס זשיטאָמיר! אויס לערער־אינסטיטוט! אויס באָדנ זיכ, שיפנ זיכ! אויס וואקאציעס! אויס כאווײרימ! אויס מיידלעכ! אויס גאניידנ! אויס קאריערע! אונ דאָ דעמ טאטנס פאָנעמ — א ראכמאָנעס א קוק צו טאָנ. געל, ווי וואקס. נײַע קנייטשנ, נײַע זאָרגנ, נײַע זיפצנ: „גוואלד, וואָס טוט מענ? וואָס הייבט מענ אָנ צו טאָנ?"... בעניאָמינ־זאָנ דער פאָעט פילט זיכ ניט גוט. ער וויל ברענגענ א טרייסט כאָטש מיט א נײַעמ שיר, נאָר — אוי וויי! עס זינגט זיכ ניט!

דעמ קאָלעקטער זעט מענ עפעס ניט. ער האָט זיכ א פאָר מאָל געהאט באוויזנ אפ א פאָר מינוט, געזאָגט, אז ער האָט עפעס זייער א גוטנ פלאנ פארנ קונדעס, וואָס וועט אימ פארזאָרגנ אפנ גאנצנ לעבנ מיט קינדער אונ קינדס־קינדער, נאָר ער האָט איצט זייער קיינ צײַט ניט. אונ ער איז אוועק, אונ פונ דעמלט אָנ הערט מענ ניט פונ אימ אונ מע זעט ניט.

59. דער סאָפ פונ דער אידיליע

ווער איז געווענ דער קאָלעקטער? — דרײַ רובל מיט „גראמאַטיקע" אפ יאָנטעוו. — דעמ קאָלעקטערס טויט. — די לעווײַע — „געווענ א מאָדנער מענטש". — דער מעשוירער בעניאָמינזאָנ פארשווינדט אונ ווערט מעגולגל קיינ אמעריקע.

ניטאָ קיינ אייביקע זאַכ אפ דער וועלט. געקומענ א סאָפ צו דער אויבנ באַשרײַבענער אידיליע. איינער פונ די אויסגערעכנטע פרײַנט איז אוועק פאַר דער צײַט. אונ באַלד נאָכ אימ — דער אנדערער, אונ די קנופּיע איז צעפאַלנ געוואָרנ. דעמ ערשטנ פעטשאַטעק האָט געמאַכט אונדזער אלטער באַקאַנטער קאָלעקטער מיט די שווארצע ברילנ אונ מיט די גרויסע טיפע גומענע קאַלאָשנ, אונ נאָכ אימ האָט זיכ אײַנגיכנ אָפּגעטראָגנ אויכ דער מעשוירער בעניאָמינזאָנ.

ווער איז געווענ, אייגנטלעכ, אָט דער ייִד דער קאָלעקטער? פונ וואַנענ האָט ער זיכ גענומענ? ווו אונ וועמענ האָט ער געהאַט אינ דער דאָזיקער וועלט? פונ וועמעס וועגנ האָט ער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבנ? טאָג־אײַנ טאָג־אויס זיכ געטיאָפּקעט אינ דער בלאָטע, געשוויצט אונ ארויסגעקוקט אפנ גרויסנ געווינס? — דאָס זײַנענ זאַכנ, וואָס איז שווער אפ זיי צו געבנ מער אָדער ווייניקער א קלאָרע טשוווע. עס געדענקט זיכ נאָר, אז ער האָט אָפּטמאָל געבעטנ בײַ זײַנ יונגנ פרײַנט, באַמ „קונדעס", ער זאָל זיכ מאַטריעכ זײַנ אפ א ווײַלע אָנשרײַבנ מיט זײַנ שיינ הענטל אפ רוסיש אנ אדרעס. דעמ אדרעס האָט ער אזוי דיקטירט: „מיעסטעטשקאָ פאַגאָסט, פינסקאָוואָ אויעזדא, מינסקאָי גובערני, גאָספּאַזשא פריידקאָ עטקא..."

— גאָספּאָזשע פריידקע עטקע, — פאַריכט אימ דער קונדעס אלפּי גראמאַטיקע, אונ דער קאָלעקטער דיקטירט ווײַטער:

סאָ וואָזשעניעמ טרי רובליא.*

— טריאָכ רובלײ — פאַריכט אימ ווידעראַמאָל דער קונדעס אלפּי גראמאַטיקע.

— צו וואָס גראמאַטיקע? — שפאַרט זיכ דער קאָלעקטער. —

* מיט בײַגעלייגטע דרײַ רובל. — ר ע ד.

דאָרט דאַרפֿ מענ ניט קײנ גראַמאַטיקע אַפֿ יאָנטעװ, דאָרט קוקט מענ אַרוים אַפֿ געלט...

ניט אומזיסט גײט בא אונדז אינ װאָלינ א שפּריכװאָרט, אַז א ליטװאַק פֿאַרט אַװעק אַפֿ זיבנ פֿײַסעכנ פֿונ דער הײמ אונ פֿאַרגעסט דעמ זײַ־געזונט. דער קאָלעקטער האָט געהאַט א טעװע — אַװעקגײנ אַפֿ א װײַלע אונ פֿאַרפֿאַלנ װערנ אַפֿ א צײַט, אונ װיפֿל איר זאָלט אימ דערנאָכ ניט מוטשענ, װו ער איז געװענ — װעט איר קײנמאָל ניט דערגײנ בא אימ קײנ טאָלק: „ניט געװענ — א דײַגע איר האָט!“

אױכ איצט איז דער קאָלעקטער פֿאַרשװוּנדנ געװאָרנ, אונ קײנער האָט ניט געװוּסט, װו ער איז.

אײנמאָל — דאָס איז געװענ נאָכ אינדערפֿרי, שאָלעמ איז געזעסנ בא זיכ אַפֿ דער קװאַרטיר, געמאַכט מיט זײַנע טאַלמידימ די אור־ראָקנ, — עפֿנט זיכ די טיר אונ עס קומט אַרײַנ א גאַסט — דער מאַטע! שאָלעמ האָט זיכ דערשראָקנ: „װאָס האָט זיכ געטראָפֿנ?“ — גאָרנישט. דער קאָלעקטער איז ניט געזונט. מע דאַרפֿ זיכ דורכגײנ צו אימ, מעװאַקער כוילע זײַנ...

אַפֿנ װעג װערט ער געװוירע פֿונ דעמ טאַטנ אײנצלהײַטנ, אַז דער קאָלעקטער איז, אײגנטלעכ, שױנ לאַנג ניט מיט אַלעמענ. נאָר די לעצטע צײַט איז ער שױנ גאָר ערנסט קראַנק. װאָס װײַטער װערנ די אײנצלהײַטנ אַלץ טונקעלער אונ געדיכטער. עס לאָזט זיכ אויס, אַז ער איז געפֿערלעכ קראַנק. „א סװאָרע, אַז ער האַלט זײער שמאָל. דאָס הײסט, ער װיל זאָגנ, אַז דער קאָלעקטער איז פֿאַרבײַ“... אונ אַזױ רײדנדיק, קומענ זײ צו צומ שול־הויפֿ.

דער שול־הויפֿ איז באַגאָסנ מיט די שטראַלנ פֿנ דער ברענענדי־קער זונ אינ די לעצטע זומערדיקע טעג. א גאַנצע כאַליאַסטרע ייִדישע קינדער, האַלב־נאַקעטע אונ גאַנצ באָרװעסע, שפּילנ אינ פֿערדלעכ אונ פֿילנ אָנ דעמ שול־הויפֿ מיט הילכיקע קולעס פֿונ זײערע יונגע געזונ־טע העלדזער. עס איז א לעבנ אונ א פֿרײד אַפֿ דער ייִדישער גאַס. די לופֿט, סע זאָל דאָ ניט זײַנ ענג אונ געשטיקט, איז דאָכ א מע־כײַע. װו ניט װו װאַרפֿט זיכ דורכ א בײמל. שלאָגט זיכ דורכ אונ קוקט אַרוים א גרעזל. די אויסגעגאָסענע פּאָמעניצע שלאָגט צו דעמ שטױב, װאָס די קינדער (די פֿערדלעכ) האָבנ אופֿגעהױבנ מיט זײער־

לויפנ. עס איז פאָרט זומער, מע איז פאָרט אינ דרויסנ און עס איז פאָרט גוט אפ גאַנצ וועלט!

— אָט דאָ ווײנט דער קאָלעקטער, — רופט זיכ אָנ דער טאַטע, און בײדע לאָזנ זײ זיכ אַראָפּ אינ א מינ קעלער, אָדער אזוי א פינצ־טערע גרוב, האַלטנ זיכ אָנ בא די נאַסע ווענט, עפענענ אופ א טיר מיט א גרויסער שווערער אײַזערנער קליאַמקע, און פאַר זײערע אויגנ באַווײַזט זיכ אזא מינ בילד:

אפ דער הוילער ערד, מיט שוואַרצנ איבערגעדעקט, ליגט עפּעס א זאַכ, אינ מיטנ קײַלעכיק פאַרשפּיצט. צוקאָפּנס בא דער זאַכ צאַנקענ צוויי ליכט, אַרײַנגעשטעקט אינ צוויי פלעשלעכ פונ פאַרשײדענער גרויס און פאַרשײדענער פאַרב. פונ יענער זײַט ליכט, אפ א בענקל, אינ מיטנ שטוב, זיצט עפּעס א ייִד א שאַמעס מיט א קאָלטונעוואַ־טער באָרד און מיט א צעפליקטער קאַפּאָטע. בא דער רעכטער זײַט, בא דער וואַנט, שטײענ פאַריאָסעמט, אײנס נעבנ דאָס אַנדערע, ווי א צווילינג, א פאָר אַלטע טיפע צעריסענע גומענע קאַלאָשנ און אפנ בײַשטידל פונעמ אײנ־און־אײנציקנ פענצטער וואַלגערנ זיכ א פאָר גרויסע שוואַרצע ברילנ.

— — — — — — — — —

דעמ זעלבנ טאָג איז געווענ די לעווײַע. מע קאָנ זיכ פאָרשטעלנ, וואָס פאַר א לעווײַע האָט דאָ געקאָנט זײַנ, אז דער געשטאָרבענער איז, ערשטנס, א ייִד אנ אָרעמאַנ — ווער קאָנ אימ און ווער ווײסט אימ? און, צווײטנס, האָט ער געהאַט א שעמ אינ שטאָט פונ א שטילנ אפּיקוירעס. נאָר אזוי ווי אינ זײַנ אַרויסבאַגלײטנ האָבנ זיכ מיס־אַסעק געווענ אַזעלכע ייִדנ, ווי רעב נאָכעמ ראַבינאָוויטש, יאָסי פרוכ־שטײנ, בײדע געראָטענע אײדעמס, און אַרנאָלד פונ די פּידוואָרקעס איז אויכ געקומענ — דאָס איז געווענ די ערשטע, אויב ניט די אײנ־ציקע לעווײַע, וואָס אַרנאָלד זאָל זײַנ דערבײַ, — האָט זיכ די שטאָט פאַרינטערעסירט, און קוקנדיק אײנער אפנ אַנדערנ, האָט דער עולעמ גענומענ קלײַבנ זיכ און וואַקסנ — און ס'איז געווענ גאָר אומגעריכט א לעווײַע א גרויסאַרטיקע, א אימפּאָזאַנטע. אָרעמעלײַט האָבנ דערשמעקט א „פעטע" לעווײַע, איז מענ זיכ צונויפגעקראָכנ

קאַליקעס פֿון אַלע ווינקעלעך, געשלעפּט פֿאַר די פּאָלעס, געמאַכט גוואַלדן, פֿאַרוואָס מע טיילט קיין געלט ניט פֿאַר דער מיטע. עס איז שווער געווען איינצורייִדן זיי, אַז דאָס איז געשטאָרבן אַ ייִד אַן יעוור־יען גלייך מיט זיי.

— פֿאַרוואָס זשע קומט אים אַזאַ לעווייע? — האָבן זיי געטײַנעט, — אַז קיין גוויר ניט, און קיין ראָוו, ווי מ׳ע זעט אַרויס, אויך ניט, הײַנט וואָס איז מיט אים דער ייִכעס?...

די זון האָט נאָך געהאַלטן אין רעכטן בראָטן, אַז מע האָט אַרויסגעטראָגן די מיטע, מיט שוואַרצן איבערגעדעקט, פֿון פֿינצטערן קעלער אַרויס. דער שול־הויף און די גאַנצע גאַס איז געווען פֿאַרפּלייצט, שוואַרץ פֿון מענטשן. קיינער האָט אָבער קיינעם ניט גערופֿן. מע איז אַליין געקומען. קיינער האָט ניט געוויינט, נאָר זיפֿצן האָבן זיך געלאָזט הערן. קיינער האָט קיין העספּעד ניט געמאַכט, קיין קריִע ניט געריסן, קיין קאַדיש ניט געזאָגט, קיין שיווע ניט געזעסן. נאָר שוואַכע האָבן זיך געהערט, געטראָגן אין דער לופֿט: „אַ ווילער ייִד געווען“... „ניט קיין צאַדיק, נאָר אַ ווילער, גוטער מענטש“... „אויסגעהאַלטן אַ שטאָט מיט אָרעמעלײַט“... „וויפֿל ער האָט פֿאַרדינט — אַוועקגעגעבן“... „דעם לעצטן ביסן“... „זיך מאַפקיר געווען פֿון יענעמס וועגן... „געריסן פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע צוליב קראַנקע אַלטע ייִדן“... „פֿײַנט געהאַט, מע זאָל אים האַנקענען“... „קיינמאָל ניט געערדט פֿון זיך, נאָר יענעמס אין זינען געהאַט“... „געווען אַ מאָדנער ייִד“... „ניט קיין מאָדנער ייִד, נאָר אַ מאָדנער מענטש“... „יאָ, אַ מענטש איז דאָס געווען“...

דאָס איז געווען אַ שטילע, נאָר אַ שיינע לעווייע. עפּעס האָט זיך געפֿילט אַ באַפֿרידיקונג. אַ האַנט גאָט דערפֿאַר, וואָס מענטשן צאָלן אָפּ, אויב ניט פֿאַרן לעבן, איז כאָטש נאָכן טויט, כאָטש וויפֿל ס׳ניט איז, כאָטש אַ טראָפּן קאָווע פֿאַר אַזוי פֿיל יאָרן פּײַן און לײַדן, צאָרן, מאַטערניש און ביטערניש. ס׳איז נאָר אַ ווייטעק, וואָס ער אַליין, דער קאָלעקטער מיט די שוואַרצע ברילן, קאָן ניט אויפֿשטיין כאָטש אויף אַ מינוט, כאָטש אויף אַ רגע, אַ קוק טאָן אויף דעם קאָוועד, וואָס ער האָט... און עפּעס ווער ווייסט? וואָס ווייסן מיר?... און עס

פלאָנטערן זיך מאכשאָוועס און גערדאנקעס פון „השארת־הנפש", * אין וועלכן דער ניפטער האָט געגלויבט, כאָטש ער האָט געשעמט פאר אן אפיקוירעס. עפשער גייט דאָ זײַן נעשאָמע נאָך דער מיטע גלײַך מיט אונדז און ווייסט מער פון אונדז, א סאך, א סאך מער?... ווער ווייסט? ווער ווייסט?...

וואָס ווײַטער ווערט דער אוילעם שיטערער. ביזן בעסוילעם זײַנען געבליבן נאָר די סאמע נאָענטע פרײַנט. דער גאנצער „קלוב". אַז אָרט האָט מען אים אָפּגעגעבן א באשיידענעם, ווי ער אליין. אין א זײַט האָט מען אים באהאלטן, א בערגל ערד האָט מען אָפּן פרישן קייווער אָנגעשאָטן. און מע איז זיך צעגאנגען. קיינער האָט נִיט געווײנט. קיינער האָט קיין העספּעד ניט געמאכט, קיין קאדיש ניט געזאָגט, קיין שיווע ניט געזעסן. די ערשטע צײַט האָט מען נאָך פון אים אין „קלוב" א פּאָר מאָל גערעדט. דערנאָך האָט מען אופגעהערט פון אים צו רײדן — און פארגעסן.

גאָר אינגיכן נאָך דעם איז פארשוווּנדן געוואָרן אויך בעניאָמינזאָן דער מעשוירער. א שטיק צײַט האָט מען ניט געוווּסט, ווו ער איז אהינגעקומען. דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט, אַז ער איז אין קיִעוו. אין א צײַט ארום האָט זיך דער נאָמען בעניאָמינזאָן געלאָזט הערן אין דער גרויסער „מילכאָמע", וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די „באכמיי־קיִעוו", מיט וועלכע מיר וועלן זיך נאָך באגעגענען אין די ווײַטערדיקע קאפּיטלעך. זײַן נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אײנײנעם מיט די נעמען פון מוישע ארן שאצקים, יצכאָק יאנקעוו ווײַסבערג, דובזעוויטש, הארעווסקי, און גאָר גאָר שפּעטער איז ארויס א קלאנג, אַז בעניאָמינזאָן איז מעגולגל געוואָרן אין אמעריקע און אַז ער איז דאָרטן א רעווערענד און איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אָל־רײַט.

און אָט אזוי איז „נתפרדה החבילה" ** געוואָרן. צעשלאָגן געוואָרן די קנופיע, צעשטערט געוואָרן די זעלטענע גוטפרײַנטשאפט. אוים אידיליע.

---

* „האשאָראס האנעפעש" — דער געדאנק, אז נאָכן טויט בלײַבט די נעשאָמע לעבן. — ר ע ד.

**) צעפאלן דאָס בינטל. — ר ע ד.

60. א האלב יאָר נאָוועגאד

עלנט און פאַריאָסעמט. — „דער ייִד פון די שמויסן“. — ער לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליק. — ניט אייביק איז מען א גאסט. — קאָנקורענץ פון מיידלשע שרײַבערס און קליינשטעטלדיקע קינע־סינע. — אַוראָם דער קלעזמער. — א מין סטעמפּעניו.—ער אַנטלויפט פון דער „וועלט“ צוריק אהיים.

פארלוירן אזעלכע צוויי נאָענטע גוטע פרײַנט, ווי דער קאָלעקטער און בעניאָמינזאָן, האָט דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך געפילט פאַריאָסעמט. נאָך מער עלנט האָט ער זיך דערפילט, ווען זײַן איינציקער איבערגעבליבענער כאַווער עליע איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר. דאָ האָט זיך, ניט ווילנדיק, צוגעמישט אויך א געפיל פון קינע. ער האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז א מיִעסע מידע, ניט קיין ריינער געפיל. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז ס'האָט אים פאָרט פאַרדראָסן— פאַרוואָס קומט זײַן כאַווער אַזאַ גליק און אים ניט? מיט וואָס איז ער שולדיק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט געבוירן ווערן מיט א פּאָר באַראָשים פריִער? איבער אַזאַ נאַרישקייט זאָל ער פאַרלירן זײַן קאַריערע? פאַרשפּילן דאָס גאַנצע לעבן? ער האָט באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין קישן און לאַנג אין שטאַרק געוויינט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער הימל איז צו דער ערד געפאַלן, און די גאַנצע וועלט האָט אים אויסגעזען פינצטער־כוישעך. נאָר צו וועלכער מאַקע איז ניטאָ קיין רעפוּע? דער בעסטער דאָקטער איז די צײַט.

מיר וועלן בעטן דעם לעזער זיך מאַטריעך זײַן מיט אונדז צוריק צו דער אַמאָליקער אַכסאַניע, וואָס די ראַבינאָוויטשעס האָבן געהאַלטן און צו אירע שטענדיקע אָרכים. צווישן זיי איז געווען נאָך איינער א שטענדיקער אוירעך. ער האָט געהייסן מיט א מאָדנעם נאָמען: „דער ייִד פון די שמויסן“. ער האָט געהאַנדלט מיט שמויסן (שאָפן־פעל). די שמויסן האָט ער עקספּעדירט צו זיך אין דער גאַרבאַרניע. דאָרט האָט מען די שמויסן גערייניקט, געפאַרבט, אויסגעאַרבעט און געמאַכט פון זיי גוייִשע היטלען און פעלצן. אַז דער ייִד פון די שמויסן איז געקומען צו פאָרן, האָט מען דאָס געקאָנט הערן

אינ דער צווייטער גאס. אזוי שארפ איז געווענ דער רייעכ פונ די שמויסנ, אז די גאנצע שטוב האט די ערשטע צייט געהאלטנ אינ איינ ניסנ, דערנאכ זיינענ בא אינדז אלעמענ פארלייגט געווארנ די נעזער אונ מע האט שוינ ניט געהערט קיינ שומ רייעכ.

דערפאר אבער איז ער אליינ, דער ייִד פונ די שמויסנ, געווענ א ליבער מענטש, א פראסטער, א גוטער, אנ אפנהערציקער, אונ גערעדט האט ער מיט דער „סינ". א גראבער יונג איז ער אויכ געווענ א גוטער אונ ער האט ליב געהאט דאווענ דאפקע הויכ, אפ א קאל. אז ס'איז געקומענ שאבעס צומ קידעש מאכנ, האט ער גענומענ דעמ קאס אינ דער האנט, צוגעמאכט די אויגנ אונ אויסגעשריגנ אפ א קאל:

„יומ הסיסי ויכולו הסמימ"...

האבנ כעווריע קליינוואַרג זיכ באהאלטנ אונטערנ טיש. דער ייִד פונ די שמויסנ האט געוווּסט, אז דאס לאכט מענ פונ אימ, נאר סע זאל אימ אנהייבנ ארנ!

— סקאצימ! אבברייסימ! טאר מענ לאכנ פונ אנ עלטערנ מענטשנ? גאט וועט אייכ סטראפנ, סארלאטאנעס!...

דאס האט ארויסגערופנ נאכ א גרעסערנ געלעכטער. עס האבנ געלאכט גרויס אונ קליינ, אונ ער אליינ האט אויכ געלאכט.

אט דער ייִד פונ די שמויסנ האט א סאכ מיטגעהאלפנ, אז דער פארפאסער פונ די דאזיקע באשרייבונגענ זאל פארלאזנ זיינ געבורט־שטאט אונ אוועקלאזנ זיכ אינ דער וועלט ארייִנ זוכנ גליק. אונ אוועק־געלאזט האט ער זיכ ניט, באלילע, קיינ אמעריקע, קיינ לאנדאנ, אדער קיינ פאריזש, אונ ניט אפילע קיינ אדעס, קיינ ווארשע אדער קיינ קיעוו. נאר גאר ניט ווייט פונ פערעיאסלעוו אינ א קליינ שטעטעלע, קיינ רזשישטשעוו (קיעווער גובערניע). „בא אימ אינ רזשישטשעוו,—אזוי האט געזאגט דער ייִד פונ די שמויסנ, — איז ניטא קיינ לערערס. מע וועט אייער זונ דארטנ אפגילטנ!" ער אליינ האט קינדער, זיינע פרייִנט אונ באקאנטע האבנ קינדער, וואס ווילנ לערנענ, אונ קיינ לערערס איז ניטא, כאטש צי זיכ אויס אונ שטארב!

— גלייבט מיר, בענעמאנעס, אז אייער זונ וועט בא מיר זיינ, ווי אנ אייגענער, דאס שווארצאפל פונעמ אויג!...

האקיצער, ער האט ארייִנגעגעבנ אי דעמ פאטער, אי דעמ זונ אזוי

פיל ביישעק, אז ס'איז שווער געווענ בײַצושטיינ דעמ ניסאָיענ, און נאָכעמ ראַבינאָוויטש האָט גענומענ דעמ זונ און האָט זיכ אופגעזעצט מיט אימ אפנ פאַראַכאָד און איז אוועק קיינ רזשישטשעוו.

פאַרפאָרנ איז מענ גלײַכ צומ ייִדנ פונ די שמויסנ, און מע איז געווענ אזעלכע געסט, אז מע האָט דעמ ערשטנ טאָג גאָרניט געוווּסט, ווו זיי אוועקצוזעצנ און וואָס מע זאָל מיט זיי טאָנ. דעמ באַלעבאָס אליינ האָבנ זיי געטראָפנ בא דער ארבעט — סאָרטירנ די שמויסנ — אינ א לײַבל, אָנ א קאַפּאָטע און באָרוועס. דערזענ אזעלכע געהויבענע געסט, האָט ער קוידעמ אָנגעטאָנ די שטיוול, געכאַפּט אפ זיכ די קאַפּאָטע און גענומענ שרײַענ אינ צווייטנ צימער ארײַנ ניט מיט זײַנ קאָל:

— סיינע-סיינדל! כיינע-כיינדל! סטעל דעמ סאַמאָוואר! מיר האָבנ געסט!

גיכ איז באַשאַפנ געוואָרנ א סאַמאָוואר, גלעזער, טיי, און קאַווע, און ציקאָריע, און מילכ, און פוטער-געבעקס, אזעלכע, וואָס א ייִד קאָנ זיכ פאַרגינענ נאָר שוועס צו דער מילכיקער סודע אָדער צו א קימפעט. און א וואַרעמעס איז צוגעגרייט געוואָרנ — קעיאַר האַמעלעכ. פיש געפילטע, פיש געפּרעגלטע, פיש געבאַקענע. יויכ מיט לאָקשנ, יויכ מיט רײַז, יויכ מיט מאַנדלענ, — קלײַבט אײַכ אויס וואָס איר ווילט. פליישנ שמועסט מענ ניט — אלערליי סאָרטנ. און אפילע צימעסנ צווייערליי. דערנאָכ — דעמ סאַמאָוואר. ווידער טיי, אײַנגעמאַכצ, פאַרבײַסעכצ. און אז ס'איז געקומענ צו וועטשערע, האָט דער באַלעבאָס זיכ גענומענ נאָכפרעגנ בא די געסט: וואָס האָבנ זיי בעסער ליב פונ מילכיקע מײַכאָלימ — קרעפּלעכ, וואַרעניקעס אָדער „קאַסניקעס"? די געסט האָבנ באַשיידנ געענטפערט, אז פאַר זיי איז אלציינס. אוואַדע האָט מענ דערלאַנגט צומ טיש אלע דרײַ אויסגערעכנטע מײַכאָלימ, פאַרטרונקענ מיט קאַווע און פאַרביסנ ווידער מיט אלערליי אײַנגעמאַכצ. דעמ פאַטער האָט מענ באַלייגט אינ זאַל אפ א סאַמעטענער קאַנאַפּע, דעמ זונ — אפ דער אַנדערער קאַנאַפּע, אויסגעבעט, ווי מע בעט פאַר א מיילעכ מיט א פרינצ. אפ מאָרגנ האָט זיכ דער טאַטע אָפּגעזעגנט און איז אוועקגעפאָרנ אהיימ, און דער זונ איז געבליבנ בא דעמ ייִדנ פונ די שמויסנ אפ קעסט און קוואַרטיר און דערפאַר געלערנט מיט זײַנע קינדער.

אפ דעם אנדערנ טאָג איז דער ווארעמעס געווענ שוינ ניט מיט אזא שיק אונ אזא קנאק ווי דער ערשטער. א געוויינלעכע קאשע מיט מילכ, א שטיקל פלייש — אונ פארטיק. די וועטשערע אויכ א מילכיקע, נאָר באשטאנענ איז זי פונ א שטיקל קעז אונ פוטער מיט ברויט. ברויט לאָרויוו. באלייגט האָט מענ דעם גאסט שוינ ניט אינ זאל אונ ניט אפ קיינ סאמעטענער קאנאפע, נאָר אפ אנ אײַזערנעמ קאסטנ, פונ וועלכנ מע איז אויפגעשטאנענ א צעבראָכענער, אָנ א האלדז אונ נאקנ. אפ איבערמאָרגנ איז דער ווארעמעס באשטאנענ פונ א געקאָכטער טאראנ־קע מיט קארטאָפל, וואָס האָט דערנאָכדעמ אויסגעברענט דאָס הארצ אפ צו באלעשנ. קיינ וועטשערע האָט מענ ניט געגעבנ, נאָר א גלעזל טיי מיט ברויט, אונ באלייגט האָט מענ דעם לערער אפ דער ערד, אויסגע־בעט אפ אויסגעמאכטע שמויסנ. מע האָט באדארפט זײַנ שטארקער פונ אײַזנ, מע זאָל איבערטראָגנ דעמ רייעכ פונ די שמויסנ. דערצו האָט א גאנצע נאכט געקאוויאקעט א קינד אינ וויגעלע, זיכ געריסנ די קישקעלעכ, ניט געלאָזט שלאָפנ. א קליינ לעמפל האָט גערייכערט אונ געטשאדעט, פארהאקט דעם קאָפ, אונ דאָס אויפעלע האָט ניט אופגע־הערט צו שרײַענ אונ צו גוואלדעווענ — ס'איז געווענ א גאָטס ראכ־מאָנעס! דער רעפעטיטער האָט געזענ, אז שלאָפנ וועט ער שוינ סײַ ווי סײַ ניט, איז ער אופגעשטאנענ פונ די שמויסנ, צוגעגאנגענ צומ קינד א קוק טאָנ, וואָס שרײַט דאָס. לאָזט זיכ אויס, אז די קאצ האָט זיכ פארקליבנ צומ קינד אינ וויגעלע, האָט זיכ צעלייגט, ווי באמ טאטנ אינ ווײַנגאָרטנ, זיכ געמאכט נאכטלעגער. פארנ לערער איז געווענ אנ אלטערנאטיווע: וואָס טוט מענ? ארויסווארפנ די קאצ? — א ראכמאָ־נעס אפ דער קאצ. צארבאלעכאַיִמ. איבערלאָזנ די קאצ? — שרײַט דאָס קינד. פאלט ער אפ א האמצאָע (א יונג א כאָכעמ גיט זיכ אנ אייצע): ער וועט נעמענ וויגנ דאָס קינד, וועט די קאצ אליינ אוועק. דאָס ווייסט ער פונ דער פראקטיק. בא אימ אינדערהיימ, ווי אויכ אינ כיידער, איז אימ אויסגעקומענ צו זענ אלע מאָל אזעלכעס. איידער מע האָט אוועקגעלייגט א קליינ קינד צומ ערשטנ מאָל אינ א נײַ ווי־געלע, איז געווענ א סגולע, מע זאָל פריער אויסוויגנ אינ וויגעלע די קאצ. האָט אָבער קיינ קאצ ניט געלאָזט זיכ וויגנ בעשומויפנ. קיימ האָט מענ זי אראײַנגעלייגט אינ וויגל אונ געגעבנ איינ ריר — אזוי איז

זי אופגעשפרונגען, גרייט געווענ אויסדראפּענ יעדנ איינציקנ די אויגנ. אזוי איז געווענ אויכ איצט. דער רעפּעטיטער האָט זיכ נאָכ צוגערירט צומ וויגל, אזוי האָט זיכ די קאַצ אופגעהויבנ אונ געגעבנ א שפּרונג ארויס פונ וויגל — אונ ניטאָ זי. דערפאר אָבער האָט דאָס אויפעלע דערפילט, אז מע וויגט דאָס, אופגעהערט שרײַענ, זיכ באַרויִקט אונ אנשלאָפנ געוואָרנ. אפ מאָרגנ, אז ער האָט דאָס דערציילט דער מיטער פונעמ אויפעלע, האָט זי געשאָלטנ די קאַצ מיט טויטע קלאָלעס, געהאַלובעט דאָס קינד — איר זאָל זײַנ פארנ קינדס ביינדעלעכ! נאָר דאָס, וואָס דער לערער איז א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפנ — דאָס גייט איר אָנ, ווי דער פאַראיאָריקער שניי.

אײַנגעזענ, אז ס'איז קיינ טאַכלעס ניט אזוי צו לעבנ אפ דער וועלט, האָט דער לערער זיכ גענומען אָנדינגענ קעסט אונ קוואַרטיר אפ אַנ אַנדער פּלאַצ אונ באַצײַטנס זיכ געזעגענט מיט די שמויסנ. אונ דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַר אימ א גאַנצע ריי פונ אַלערליי צאָרעס, שלעק, פוראָניִעס. א כעדרע פונ בייזע באַלעבאָסטעס, אײַנגעגעסענע טאַראַקאַנעס, בײַסנדיקע וואַנצנ, לויפנדיקע מײַז, שטשורעס אונ אַנדערע מיִעסקײַטנ. נאָר די אַלע יעסורימ, צאָרעס אונ ווייטיקנ זײַנענ געווענ גאָלד אַקעגנ די אינטריגעס, וואָס איז אימ אויסגעקומענ אויסצושטייג פונ זײַנע קאָנקורענטנ די לערערס. דאָס זײַנענ געווענ יידנ מעלאַמדימ, מיידלשע שרײַבערס, וואָס האָבנ געפירט צווישנ זיכ א מוירעדיקע קאָנקורענצ אונ אַלע איינייִנעמ — א קאַמפ קעגנ דעמ נײַעמ לערער פונ פערעיאַסלעוו. ווי ס'איז פאַראַנ ערגעצ א שמוצ אפ דער וועלט — האָט מענ אפ אימ אַרופגעוואָרפנ. צוהערנ זיכ צו זיי — איז דאָס געווענ א קרימינאַליסט, א גאַנעוו, א גאַזלענ, וואָס אינ דער קאָרט. זיי האָבנ אָנגעפירט צווישנ אימ אונ די באַלעבאַטימ אַזעלכע פּליאָטקעס, אז ער האָט געבעטנ גאָט, דער זמאַנ — דער זומער — זאָל שוינ אַוועקגיינ, אונ ער זאָל קאָנענ אַנטלויפנ פונ דאָרטנ מיטנ לעבנ. די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אינ רזשישטשעוו, איז געווענ ווי א קאָשמאַר, ווי א בייזער כאָלעמ. דאָס איינציקע הויז, וווּ ער איז אַרײַנגעקומענ אונ געפילט זיכ צווישנ מענטשנ, איז געווענ בײַ אוראַמ דעמ קלעזמער. אוראַמ דער קלעזמער — דאָס איז א טיפּ פונ אַנ אַרטיסט, אַנ עמעסער מאַעסטראָ, וואָס פאַרדינט באַשרײַבנ צו ווערנ.

א הויכער מענטש, א ברייטער, מיט א קײַלעכיק־ברייט פּאָנעם, מיט קליינע אויגעלעך, געדיכטע ברעמען, שוואַרצע לאַנגע געקרײַזלטע האָר. הענט ברייטע, גראָבע, באַוואַקסענע, אַזוי אַז די פידל האָט אין זײַנע הענט אויסגעזען ניט ווי א פידל, נאָר ווי א פידעלע, א שפּילכל. קיין נאָטן האָט ער ניט געקענט, און דאָך האָט ער געהאַט זײַנע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. און שפּילן האָט ער געשפּילט אַזוי, אַז ׳מע האָט געקאָנט ממש אויסגיין אונטער זײַנע הענט. דאָס איז געווען א מין סטעמפּעניו און עפּשער מיט א קאָפּ העכער פון סטעמפּעניו. א מאָדנער פּאַרשוין. א פּאָעטישע נאַטור און א גרויסער ליבהאָבער פון שיינע ווײַבלעך און מיידלעך... דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט א ווײַב — ניט אַזאַ שלאַק ווי סטעמפּעניוס. אַדרבא, זײַן ווײַב, אוורעמיכע די קלעזמערן, איז געווען פּונקט אַזוי ווי ער. א הויכע, א גרויסע, א שיינע און א ברייטע. שוין א ביסל צו ברייט. מע האָט פון איר געקאָנט מאַכן דרײַ ווײַבער. אויך מיטן כאַראַקטער איז זי געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער איר מאַן. ביידע זײַנען קיינמאָל ניט געווען אופגערעגט, טאָמער פריילעך, אופגעלייגט, שטענדיק געלאַכט, און ליב געהאַט גוט עסן, גוט טרינקען, גוט לעבן. איז געווען פאַר וואָס — האָט מען אײַנגעקויפט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. איז ניט געווען — האָט מען פאַרוואָרפן די ציין אפ דער פּאָליצע און געוואַרט, ביז גאָט וועט צושיקן א פּאַרדינסטל, וועט מען קויפן א הערינג און ׳מע וועט געבן א לעב אונטער, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. מיט קינדער האָט זיי גאָט אויך ניט פאַרזען. עס איז געווען בא זיי א גאַנצע כאַליאַסטרע, און אַלע מיט געבאָרענע טאַלאַנטן. אַלע אויסגעצייכנטע מוזיקער אפ אַלערליי אינסטרומענטן — א זעלטענער אָרקעסטער.

אהין האָט זיך דאָס אַרײַנגעכאַפּט דער מאָדערנער לערער פון פּערעיאַסלעוו. דאָרט האָט ער זיך געפילט, ווי א פיש אין וואַסער. דער מאַעסטראָ אַליין האָט אים געלערנט פידל שפּילן. געצאָלט האָט ער גאָרניט. אוורעם דער קלעזמער איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פאַר אַזאַ הייליקע זאַך, ווי די געטלעכע מוזיק, נעמען געלט. „נאָר אויב דער לערער איז רײַך אין א פּאָר גראָשנס, בעט ער בא אים א גמילעסכעסעדל”. דאָס אייגענע אויך זײַן ווײַב, אוורעמיכע די קלעזמערן. זי באַדאַרף גראָד אצינד האָבן עטלעכע קאָפּיקעס אין מאַרק

אַרײַנ... „וועט זיכ ניט געפֿינענ בײַ אײַכ עפּעס קליינגעלט אינ קעשענע״?

פֿאַרשטייט זיכ, אַז קליינגעלט וועט זיכ טאָמער געפֿינענ אונ אַזוי ווערט ער דאָרט אַ הײמישער, אַ בענ־בית, אַנ אײגענער — אונ דאָס איז גענוג פֿאַר זײַנע קאָנקורענטנ די לערערס, זיי זאָלנ אים באַריידנ, באַוואָרפֿנ מיט שמוצ, אים אונ דעמ קלעזמער מיט דער קלעזמערנ מיטנ גאַנצנ געזינדל. זיי האָבנ צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז אַלצ, וואָס דער פּרעיאַסלעווער לערער פֿאַרדינט, גיט ער אַוועק דער קלעזמערנ, אונ אַז מע פּראַוועט דאָרט אַלע נאַכט הוליאַנקעס, די קלעזמער שפּילנ אונ זיי טאַנצנ — ס'איז כאַי געלעבט! עס גייט זיי ניט אָנ, וואָס אָרעמעלײַט גייענ אויס פֿונ הונגער אונ קליינע קינדער שטאַרבנ... דער, וואָס דערציילט, מאַכט אַ פֿרומ פּאָנעמ אונ פֿאַרגלאָצט די אויגנ אַרופֿ, אונ די, וואָס הערנ, שפּײַענ אויס... וואָס פֿאַר אַ סמי־כעב־האַפֿאַרשעס איז דאָס מיט אָרעמעלײַט? אינ וואָס האָט דאָס צו טאָנ מיט קליינע קינדער? וואָס באַטײַט דער שפּײַ? — דאָס דאַרפֿ מענ ניט פֿרעגנ. דאָרט, ווו עס האַנדלט זיכ פֿונ קאָנקורענצ, שווײַגט דער געזונטער פֿאַרשטאַנד. קורצ, ער האָט קוימ דערצויגנ דעמ זמאַנ אונ איז אַנטלאָפֿנ פֿונ דעמ פֿאַרשאָלטענעמ שטעטל אַהיימ, מוירע געהאַט אַפֿילע זיכ אַרומקוקנ צוריק, פֿאַרזאָגט קינדער אונ קינדס־קינדער מער קיינ שטונדנ אינ די קליינע שטעטלעכ ניט געבנ. ער האָט באַשלאָסנ צו זוכנ זיכ אַנ אַנדער קאַריערע אינ לעבנ.

61. ווידער אינדערהיימ

די זיסקייט פֿונ צוריקקערנ אַהיימ. — ער באַגעגנט זיכ ווידער מיט זײַנ באַוווער עליע. — מע שמועסט אינ שטאָט, אַז ער שרײַבט אינ „המגיד״. — דאַרווינ, באָקל אונ ספּענסער. — צוויי טיפּנ פֿונ די אַמאָליקע ערשטע „עקסטערנעס״.

קיינ נאָמענ קלינגט ניט אַזוי שיינ, ווי דער נאָמענ „מאַמע״. קיינ וואָרט רעדט ניט אַזוי צומ האַרצנ, ווי דאָס וואָרט „היימ״. אַז מע וויל קענענ אונ אָפּשאַצנ די היימ, זאָל מענ באַטש אַפּ אַ קורצע צײַט זיכ אַוועקלאָזנ, זיכ וואַלגערנ אַ ביסל אינ דער פֿרעמד אונ דערנאָכ אומקערנ

זיך צוריק אַהיים, אין דאָס הײמישע נעסט אַרײַן. יעדע זאַך באַקומט אַן אַנדער פּנים, אַ אַנדער כײן. אַלצדינג ווערט צוויי מאָל אַזוי ליב און טײַער. מע פילט זיך אַן איבערגעביטענער, אַ נײַגעבאָרענער אויף דער וועלט.

דער העלד פון די דאָזיקע געשיכטעס, אַז ער איז געקומען אויף ראָשעשאָנע אַהיים, האָט ער זיך צום אַלעם ערשטן געלאָזט איבער דער שטאָט שפּאַצירן, אויסגעמאָסטן אַלע גאַסן, געפונען אַלע הײַזער און הויפן און געדענקען אויף זײערע ערטער. די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבן זיך ווינציק וואָס איבערגעביטן. זײ האָבן אים פרײַנטלעך געגריסט, און ער איז געווען צו אַלעמען פרײַנטלעך, ווי ווײַט ער האָט געקאָנט. נאָר דאָס יונגוואַרג, וואָס ער האָט אָוועקגעלאָזט, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די פיס און איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן. און אַלײן איז ער, ווי מע האָט אים פאַרזיכערט, אויך אויסגעוואַקסן, געוואָרן „מענעשער". דערצו האָט ער זיך אויסגעקלײדט טשאַקנדיק און קנאַקנדיק, ניט געזשאַלעוועט קײן סקריפּעס אין די שיך, אָפּצאַסן הויכע, הויזן ברײטע און לאַנגע — נאָך דער מאָדע. אַ רעקעלע אַ קורץ, אַ קאַפּעלושל אַ ווײכס, אַ העלס, אַ ביסל געלבלעך. די האָר פאַרלאָזט לאַנגע, מײַסע פּאָעט, און פאַרקעמט אַראָפּ, אַליאַ גאָגאָל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען זײַן כאַווער עליע, וועלכער איז אויך נאָרוואָס געקומען צו פאָרן אויף יאָנטעוו אַהיים פון זשיטאָמיר. זײַן אוניפאָרם איז באַשטאַנען אין אַ קורץ ווײטיקל, פאַרשפּיליעט, ווי אַ טוזשורקע, ביז אַרויף. קורצע שמאָלע הויזן, אַ בלויער קאַשקעט מיט אַ ברײטן דאַשעק, און אָפּגעשוירן, ווי אַ סאָלדאַט. די ברוסט אַרויסגעשטעלט, די צײן ווײַס, די אויגן פרײלעך — ער קאָן זיך גאָר זאַט ניט אָנדערצײלן, ווי גוט עס איז אין אינסטיטוט. מע גײט דורך, זאָגט ער, העכערע מאַטעמאַטיק, מע לײענט רוסישע ליטעראַטור, מע לערנט גימנאַסטיקע, און יידיש — אָפּן שפּיץ מעסער: אַ פאַרשע כומעש, אַ קאַפּיטל פּאָסעק, אַ שטיקל „היי־אָדם" און פּאַרטיק. „אָט דאָס איז די גאַנצע טוירע פונעם לערער־אינסטיטוט? אָט דער עליע וועט דאָס זײַן אַ יידישער לערער? אַ ראָוו בא יידן?"...

אויך איז ער געוועזן איבעראַשט פון דעם, וואָס זײַן כאַווער עליע האָט געבראַכט צו פירן פון דעם יידישן זשיטאָמירער לערער־אינסטי־

מיט אַ גאַנצן פּאַק מיט רוסישע לידער, און ניט איינס אַ ייִדיש, גלײַך ווי ער וואָלט דאָס געקומען צו פֿאָרן פֿון אַ „בורסע", פֿון אַ גוייִשער סעמינאַריע. דאָס האָט אָבער ניט געשאַדט, זיי זאָלן בלײַבן די זעלבע כאַווערים, וואָס געווען. שטענדיק אײַנעם, אומעטום אײַנצווייען. ביידע האָבן געהאַט געניג שטאָף אָפּ צו ריידן, און נאָך מער — אָפּ צו לאַכן און אָפּשפּעטן פֿון דער גאַנצער שטאָט. און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, איז מען אַוועק צום טײַך, געדונגען אַ שיפֿל און אַרי־בערגעפֿאָרן ווײַט, הינטער דער שטאָט אַרויס.

סאָף זומער. די קעלט איז נאָך ניט אַרײַנגעטראָטן. נאָר דאָס פֿעלד איז שוין ניט מער גרין. ניטאָ שוין קיין זייכער פֿון די ווײַסע און רויטע מאַרגאַריטקעס. דער אָטשערעט שטייט נאָך אין דער בלאָטע, נאָר ער איז שוין געל און שיטער. רויטלעך איז דאָס וועלדל פֿון אים. אַוועק איז די צײַט פֿון אויסציִען זיך אָפּ דער ערד. די ערד איז פֿײַכט אין זומפּיק. די כאַווערים זוכן אָפּ אַן אויסגעהאַקטן בוים. אין וואַלד און זעצן זיך אַוועק אַ ביסל רוען. און מע דערציילט זיך איינס דאָס אַנדערע אַלצדינג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָר פֿון זייער צעשיידן זיך. מע לאָזט ניט דורך קיין קלייניקײַט, קיין ברעקל. עס ווערט איבערגעגעבן יעדער אײַנדרוק, יעדע באַגעגעניש, אַי־טלעכע געשעעניש. און נאָך מער קונץ, וואָס ביידע אײַנײנעם ריידן, ביידע לאַכן, שלאָגן זיך איבער איינס דאָס אַנדערע אין דער רעכטער מיט—און דאָך הערט מען זיך און מע פֿאַרשטייט זיך און מע האָט האַנאָע.

דערנאָך ווערט מען אַנשוויגן. יעדער פֿאַרטיפֿט זיך, קוקט אַרײַן צו זיך אין דער נעשאָמע אַרײַן, בלײַבט אַליין מיט זײַנע געדאַנקען. מע איז טאַקע נאָענטע כאַווערים. מע האָט זיך גערן. מע זאָגט אַרויס איי־נער דעם אַנדערן אַלץ, נאָר ניט אײַנגאַנצן. ניין, ניט אײַנגאַנצן, ניט אײַנגאַנצן. יעדער איינער האָט זיך זײַנע געדאַנקען, זײַן אידעאַל, זײַן אייגן וועלטל, וווּ קיין אַנדערער, עס מעג זײַן דער בעסטער כאַ־ווער, האָט קיין שליטע...

עס הייבט אָן ווערן ווי קילבלעך. אויסגעלאָשן דער טאָג. די זון זעצט זיך. דער וואַלד ווערט פֿאַרצויגן, ווי אײַנגעהילט אין אַ דינעם רויך. עס פֿאַלט אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ ווידערקאָל. ביידע כאַפּן זיך אויף ווי פֿון אַ קישעף.

— צײַט פֿאָרן אַהײם?

צײַט פֿאָרן אַהײם.

און מע הײבט זיך אױף. און מע שפּאַנט דורך דאָס גאַנצע פֿעלד דורך אײנע אױסגעטראָטענע, קרומע, שמאָלע סטעזשקע. מע זעצט זיך אַרײַן אין אַ שיפֿל און מע זינגט אַ לידל (אַ גױיִש, ניט קײן ייִדיש) און מע גליטשט זיך איבערן שמאָלן געדרײטן טײַכל, פֿאַרבײַ דעם געלן אַטשערעט. און אַז מע קומט אַהײם, איז שױן פֿינצטער. די באַקן פֿלאַמען. די אױגן גלאַנצן. דער אַפּעטיט איז גרױס. מע האָט געיענדיק געקױפֿט אַ זיסן קאַװן (אַרבוז, װאַסער־מעלאָן), מיט צװײ פֿרישע, װײכע, נאָר װאַרעמע פֿראַנזעלן. און מע פֿראַװעט אַ װעטשערע. און מע איז פֿריילעך. און עס לאַכט זיך גאָר אָן אַ „װאָרום" און אָן אַ זין.

דער זײַטיקער האָט געקאָנט מײנען, אַז בײדע זײַנען זײ גלײַך צעפֿרידן, גלײַך גליקלעך — יונגע, געזונטע קינדער, װאָס פֿעלט זײ? אין טאָך אַרײַן איז אָבער נאָר אײנער פֿון זײ (עליע) געװען בעעמעס אַ גליקלעכער. דער צװײטער (שאָלעם) האָט זיך געפֿילט אָנגעבראָכן, ניט אױפֿן ריכטיקן װעג. זײַן אײנציק שטיקל טרײסט איז געװען דאָס, װאָס די שטאָט האָט געקלונגען מיט זײַן האַפֿטױרע זאָגן אין בעסמעדרעש און מיט זײַן קענען טאַנאַך און העברעיִש און מיט זײַן שרײַבן. אַלץ אַזעלכע זאַכן, װאָס פֿאַר זײַן באָװער עליע איז דאָס אַ סאָד — ניט פֿאַר אים געדאַכט. װי קומט צו עליען אַזאַ ייִדיש שרײַבן? לאַשנקױדעש? מעליצע? דערױף איז נאָר ער, נאָכעם ראַבינאָװיטשעס זונדל, קלאָר אין אַלע האָסקאָלע־ביכלעך, װי אַ װאַסער. לײענט דעם „המגיד". אַ װוּנדער, װאָס ער אַלײן שרײַבט נאָך ניט אין „המגיד". נאָר פֿונװאַנען װײסט מען, אַז ער שרײַבט ניט? עפּשער שרײַבט ער אונטער אַ פֿאַרשטעלטן נאָמען?...

אַזױ שמועסט מען אין פּערעיאַסלעװ. און מע רינגלט אים אַרום מיט אַ באַזונדערן אָרעאָל, און ער װאַקסט אױס בא זיך אַלײן אין די אױגן מיט אַ קאָפּ העכער. און ער װערט סאָליד. ער זוכט ניט מער קײן באַװערשאַפֿט מיט קײנעם פֿון די פֿריִערדיקע װײַסעכװאָרעניקעס. ער פֿאַרשרײַבט זיך אין דער שטאָט־ביבליִאָטעק. טראָגט אַהײם גראָבע ביכער. לײענט דאַרװין, באָקל, ספּענסער. שאַרט זיך אַרום די גרױסע, באַרימטע, אױפֿגעקלערטע באַכערים אין שטאָט. באָכערים אװטאָרי־

ראקטנ, אזעלכע, וואס האבנ אליינ, מיט זייער זיצנ אונ קוועטשנ די באנק, דורכגעמאכט א גאנצנ קורס, בײַגעקומענ לאטיינ אונ גריכיש, דורכגעגאנגענ געאמעטריע אונ אלגעברע, אונ טריגאנאמעטריע, אונ פסיכאלאגיע, אונ פילאזאפיע. גרייט געווענ כאטש הײַנטיקנ טאג ארײַנטרעטנ גלײַכ אינ אוניווערסיטעט ארײַנ. זיי האבנ נאר ניט אפ דער הויצאע. צוויי טיפנ פונ די אמאליקע ערשטע עקסטערנעס. איינער האט געהייסנ בייטע רודערמאנ, דער אנדערער — אווערמאל זאלאטושקינ. בײדע זײַנענ טויט אונ פארדינענ באשריבנ צו ווערנ כאטש אינ עטלעכע שורעס אינ די דאזיקע זיכרוינעס.

בייטע רודערמאנ איז געזעסנ ווײַט הינטער דער שטאט ארויס, אפגעזונדערט פונ דער וועלט אונ פונ מענטשנ. דאס איז געווענ א זונ פונ דעמ מעלאמעד מוישע־דאוויד רודערמאנ, וועלכער איז באשריבנ אינעמ ערשטנ טייל פונ דער ביאגראפיע, אונ א ברודער פונ שימענ רודערמאנ, וואס האט געהאלטנ באמ שמאדנ זיכ, נאר די שטאט האט אימ ארויסגעראטעוועט פונ מאנאסטיר אונ אוועקגעשיקט קיינ זשיטאמיר אינ דער ראבינער־שול. בייטע איז גארניט געווענ געראטנ אינ זײַנ בלאסנ יארעשליוונ ברודער שימענ. דאס איז געווענ א באכער א געזונטער, א ברייטביינִיקער, א שיינער יונגאטש מיט רויטע פוכקע באקנ. מוישע־דאוויד דער מעלאמעד איז געשטארבנ פונ אנ אסטמע־הוסט, אונ זײַנ ווײַב די אלמאנע, בייטעס מוטער, איז געווארנ א סארווערקע אפ פרעמדע כאסענעס, געבאקנ לעקעכער. דאס האט איר געגעבנ מיטלענ צומ לעבנ אונ אויסצוהאלטנ איר זונ, וואס האט געוווסט נאר איינ זאכ — ביכער, ביכער אונ ביכער. מיט קיינעמ אינ דער וועלט האט זיכ בייטע ניט אנגעקערט. זעלטנ ווער עס האט זויכע געווענ מיט אימ צו ריידנ. נאר אלע האבנ געוווסט, אז בייטע קענ, בייטע איז קלאר אומעטומ, בייטע איז טיפ. ווער עס האט געהאט אמאל א זכיע מיט אימ צו באגעגענענ זיכ, איז געווענ איבעראשט פונ אט דעמ באהאלטענעמ פילאזאפ. בייטע, אז ער האט זיכ צערעדט, האט ער געשאטנ מיט פײַער, געמאכט א טעל פונ אלצ אונ פונ אלעמענ, מעוואטל געווענ די גאנצע וועלט. זײַנ צונג איז געווענ א פײַער. זײַנ געלעכטער איז געווענ מיט גאל. זײַנ וויצ איז געווענ גיפט. פונוואנענ האט דער פארוש אזוי געקענט די וועלט? דאכ בלײַבט א סאד אונ א רעטעניש אפ

פאַראיביק. איינמאָל אינ א זומער האָט ער זיכ אָפּגעבאָדנ אינ טײַכ, פאַרקילט זיכ, אונ איז פונ טובערקוליאָז, א באָכער פונ צוויי אונ צוואַנציק יאָר, געשטאָרבנ.

דער צווייטער פילאָזאָפ־אווטאָדידאקט, אווּרעמל זאָלאָטושקינ, איז שוינ געווענ ניט קיינ פאָרוש, ניט קיינ פאַרבאָרגענער. א יונג א פריילעכער, א הייסער ברונעט, מיט פײַעריקע שווארצע אויגנ, מיט שווארצע, שטארק געקרײַזלטע האָר, אַליינ אויכ א שווארצער ווי אנ אראַבער, מיט ווײַסע לאַנגדיקע ציינ, א ביסל א הייזעריקע שטימע, ליב געהאט אָנטאָנ זיכ, ווי אנ ענגלענדער, קעסטלדיקע הויזנ, א מאָדנע מיצל אפנ קאָפּ אונ ווינטער א מעגושעמדיקנ הענגקאָלנער. אָנגעלייענט איז דער זאָלאָטושקינ געווענ ווי א פויק. געקענט הײַנע אָפ אויסווייניק. נאָר ליב האָט ער געהאט דיקענס אונ טעקערײ, סוויפט, סערוואנטעס אונ אונדזער גאָגאָלנ. אונ איז אַליינ אויכ געווענ א הומאָריסט. דאָס הייסט, ער האָט שטילערהייט פאַר זיכ געשריבנ א סאַכ הומאָריסטישע זאַכנ, אונ קיינ איינציקע שורע ניט געוואָלט ניט אָפּדרוקנ, ניט באַווײַזנ קיינעמ. בעטעווע געווענ א גרויסער אקשנ, א צולאָכעסניק, אנ אָפּשפּעטער, אונ פאַרטיפּטער אינ זיכ. געלעבט האָט ער פונ דעמ, וואָס ער איז געווענ א שרײַבער אינ דער מעשטשאנסקע אופראווע. זײַנ קסאוויאַד איז געווענ פונקט אזוי געקרײַזלט, ווי זײַנע האָר. ער איז געשטאָרבנ אנ אַלטער באָכער אַריבער פערציק.

אָט דאָס זײַנענ געווענ די צוויי גרויסע שטערנ, ארומ וועלכע שאָלעמ האָט זיכ געריבנ אונ פונ וועלכע ער האָט גענאשט וויפל עס האָט זיכ געלאָזט. צווישנ זיכ זײַנענ די צוויי שטערנ, כייטע רודערמאנ אונ אווּרעמל זאָלאָטושקינ, געווענ פײַער מיט וואסער. זיי האָבנ זיכ קיינמאָל ניט באַגעגנט אונ ניט געקענט אפילע. אונ דאָכ האָבנ זיי זיכ אזוי פײַנט געהאט, אז מע האָט ניט געטאָרט דערמאָנענ פאַר איינעמ דעמ אנדערנס נאָמענ. מיר וועלנ זיכ נאָכ מיסטאָמע באַגעגענענ מיט זיי אינ אונדזערע ווײַטערע באַשרײַבונגענ.

62. ער פאָרט אפ א רײַכע שטעלע

„פוסטעפּאס". — ייִסראָעל בענדיוצקי גיט אנ אייצע, אונ דער פאָטער שרײַבט א בריוו צום „מאַגנאַט". — ער לאָזט זיכ ווידער אינ דער וועלט ארײַנ אונ בלײַבט מיט איינ פיאטאקל. — בא די טויערנ פונ גאַנײדנ. — דער קאלטער באָרוכאבע.

וואָס וועט זײַנ ווײַטער?

פונ אלע פּראָפּעסיעס, וואָס זײַנענ פריער געווענ א גאַנצער שלאַל, האָט זיכ אויסגעלאָזט א בוידעם. די שטונדנ זײַנענ זיכ צעקראָכנ. פאָרנ שטודירנ—איז ניט געווענ מיט וואָס. זיצנ באַם טאטנ אפ קעסט איז אויכ ניט זייער ליב, ביפראט נאָכ דעם, ווי מע איז שוינ געווענ א זעלבשטענדיקער מענטש פאר זיכ. אונ כאָטש דער טאטע האָט גע־קליבנ טיינעג פונ זײַנ זונ דעם קענער אונ דעם מאַסקל, דאָכ האָט דאָס אים געקרענקט אונ געעלטערט, וואָס זײַנ זונ גייט ארום באָטל אָנ א שום ארבעט. וואָס וועט זײַנ דער טאַכלעס? אונ די שטיפמאמע, וועלכע האָט געהאט געקוקט אפנ זעלבשטענדיקנ שטיפזונ מיט א גע־ווייסער דאָזע פונ רעספּעקט, האָט אצינד פארלוירנ דאָס גאַנצע ביסל דערעכערעץ פארנ „פוסטעפּאסניק". זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבנ אירע אמאָליקע זאַכנ: קוקנ מיט איינ אויג, ארײַנוואַרפנ א שטעכ־ווערטל, זאָגנ דער שוויגער אונ מיינענ די שנור... דאָס אלצ האָט דעם טאטנ מעקאַצער יאָמימ געווענ, אונ דער העלד אליינ האָט פארטיפט זיכ אינ זײַנע ביכער, אָדער אָנגערוקט דאָס היטל, גענומענ דאָס שטעקעלע אונ אוועק צו זײַנע אויבנ באַשריבענע באַקאַנטע פילאָזאָפנ, צו בייטע רודערמאַנ אָדער צו אוורעמל זאָלאָטושקינ. מיט זיי האָט ער ליב געהאט צו דיסקוסירנ וועגנ אבסטראַקטע זאַכנ, וועלט־פּראָבלעמענ. בייטע רודערמאַנ דער פּעסימיסט, האָט, ווי זײַנ שטייגער איז, געזידלט די גרעסטע מענטשנ, ניט אנערקענט קיינ אווטאָריטעטנ, געפײַפט אפ דער גאַנצער וועלט. דערפאר האָט אָבער דער אָפּטימיסט זאָלאָטושקינ ציטירט פונ היינע אונ בערנע גאַנצע שטיקער מיט א באַזונדערנ ניגנ, געקרײַזלט ביים מײַסע דעמ טשוביק פונ זײַנע געקרײַזלטע האָר אונ זיכ אָנגעוואַרעמט מיט אַזאַ היסלײַוועס, ווי א פארברענטער כאָסיד, ביים ער זאָגט נאָכ דעמ רעבנס טוירע.

דאָס אַלצדינג איז אָבער געווענ ניט מער ווי א מיטל אפ די צײַט צו פארטרײַבנ. עס האָט זיך געפילט א פוסטקײַט אינ דער נעשאָמע און אנ אומזיסט פארלירנ צײַט און ענערגיע. עס האָט זיך געבענקט נאָך ארבעט. עס האָט זיך געריסנ אינ דער וועלט ארײַנ. עס איז ניט ליב געווענ דאָס לעבנ. זיך אַליינ נימעס. נימעס און מיִעס.

נאָר דער גאָט, וואָס פארלאָזט ניט קיינעמ, האָט זיך אומגעקוקט אויך אפנ פארלוירענעמ העלד פונ דער דאָזיקער ביאָגראפיע. איִמ איז געקומענ צו הילפ זײַנ טאטנס א גוטער פרײַנט מיטנ נאָמענ יִסראָעל בענדיציקי. דער דאָזיקער פארשוינ, כאָטש ער איז, איינגנטלעכ, געווענ ניט מער ווי א קלעזמער, דאָך האָט ער געשפילט אינ שטאָט א ראָליע פונ א זייער אָנגעזעענעמ באלעבאָס. געשפילט האָט ער נאָר אפ געהויבענע רײַכע כאסענעס, זיך גערעכנט פאר דיריזשער און קאפעלמייס־טער. זײַנ הויפט־געשעפט איז געווענ — א רײַכע פריצישע אכסאניע. ער איז אויכ געווענ דער איינציקער פאָטאָגראפ אינ שטאָט. דערצו איז ער געווענ גלאט א שיינער ייִד, א הויכער, אנ אויסגעפוצטער, מיט א זעלטנ שיינער קײַלעכיקער שווארצער באָרד. געטראָגנ א שווארצנ גע־ווענטענעמ הענגקאָלנער, א הויכנ קאפעלוש און לעדערנע קאָלאָשנ מיט מעשענע אָפצאסנ. א צינגל האָט ער געהאט א געשליפנס, גערעדט זיס און קײַלעכיק און מער אפ רוסיש: „ווידטילי"... „מעזשדו פראָ־טשימ"... „סליעדאָוואטעלנאָ"...

דער דאָזיקער בענדיציקי איז געווענ אנ אָפטער ארײַנגייער אינ קלוב, דאָס הייסט, צו ראבינאָוויטשנ אינ דער „טאבאטשנע" — א ביסל שמועסנ. איינמאָל איז מענ געזעסנ אזוי און געשמועסט, דער־ציילט בענדיציקי ווי א „מסיח לפי תומו",* אז די טעג האָט זיך אָפ־געשטעלט בא איִמ איינער א ייִד, אנ אוישער, א גוויר, אנ אדיר, א מאגנאט, מיטנ נאָמענ ק. זיצנ זיצט דער דאָזיקער „מאגנאט" אינ א קליינ שטעטעלע אינ ט. (קיעווער גובערניע). מע קאָנ זאָגנ, אז ס'איז א דאָרפ, ניט קיינ שטעטל. און ער האָט קינדער, צו וועלכע ער זוכט מיט ליכט עפעס א רעכטנ לערער, א רעפעטיטער, אפ ייִדיש און רו־

* מאסיאכ לפי טומוי" — רעדט גלאט אזוי, אָנ א באזונדערער קאוואָנע. — ר ע ד.

סיש צוזאמענ. נאָר דער לערער זאָל זײַנ א געראָטענער, א קענער אונ, „מעזשדו פּראָטשימ", א טאטנס א קינד.

לאָזט זיכ אויס, אז דער טאטע קענ דעמ דאָזיקנ „מאגנאט" נאָכ פונ לאנג. אמאָל, מיט יאָרנ צוריק, אז דער „מאגנאט" ק. איז נאָכ געווענ א קליינ מענטשעלע, זיכ געדרייט ארומ א פּאָרעצ, איז ער געשטאַנענ סטאנציע בא ראבינאָוויטשנ אינ דער אלטער אכסאניע אונ געווענ דאָס, וואָס מע רופט אָנ א „גוט ברודערל". דערהערט אזא מײַסע, רופט זיכ אָנ בענדיצקי: „סליעדאָוואטעלנאָ, האָט דאָכ גאָט אליינ מיכ צוגעשיקט צו אײַכ פאר א שאָליעכ! אויב אזוי, וועל איכ אײַכ געבנ אנ אייצע, אז איר זאָלט באלד אוועקזעצנ זיכ אונ אָנשרײַבנ א רעכטנ, א פײַנעמ בריוו, מעזשדו פּראָטשימ, אפ לאָשנ קוידעש, אזוי ווי איר קענט אונ אזוי ווי אזא מאגנאט שטייט אָנ, אונ דער באָכער, ווידטילי, זאָל ניט מעדליווענ אונ זאָל גלײַכ אוועקפאָרנ מיט דעמ דאָזיקנ בריוו קיינ ט. אונ פארנעמענ די שטעלע, אונ סע זאָל זײַנ אינ א גוטער שאָ — אָמיינ".

אונ אזוי איז עס טאקע געווענ. עס איז באשאפנ געוואָרנ א בריוו, א שיינער פײַעריקער מעליצע־בריוו מיט אזא שיינער שפּראכ, אז עס קאָנ רירנ אפילע א שטיינ. דער טיטל אליינ האָט פארנומענ דרײַ לאנגע שורעס, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ אויסגערעכנט אזוי פיל מײַלעס אונ שוואָכימ, אז ווענ אפילע דער מאגנאט זאָל פארמאָגנ נאָר א דריטביילעק פונ זיי, וואָלט ער אויכ געקאָנט זײַנ א אידעאל פונ א מענטשנ... אָנגעוואָפּנט מיט אזא שטארקער פּראָטעקציע, לאָזט זיכ דער יונגער רעפּעטיטער אוועק נאָכאמאָל אינ גאָטס וועלט זוכנ גליק. קיינ איבעריקע געלטנ מיט זיכ, דארפ מענ דעמ עמעס זאָגנ, האָט ער ניט מיטגעפירט, קיינ אקרעדיטיוונ אינ די בענק האָט ער אויכ ניט געהאט. דאָס ביסל, וואָס ער האָט פארדינט פונ זײַנע שטונדנ, האָט ער דעמ גרעסטנ טייל פארטראנזשירט, זיכ אויסגעקלײַדט ווי א פּרינצ. דאָס איבעריקע האָט צוגענומענ די באנ. הײַנט איז מענ דאָכ עפּעס א לעבעדיקער מענטש. אפ יעדער סטאנציע שטעלט מענ זיכ אָפּ. די פּאסאזשירנ שיטנ ארויס פונ די וואגאָנעס אונ לויפנ צו צומ בופעט. מע כאפּט זיכ צו, ווער צו די פלעשלעכ מיט די גלעזלעכ, ווער צו די היי־

סע פּירעזשקעס. ווער עס הייסט זיך געבן אַ גלעזל טיי און ווער אַ פלעשל סאָדע־וואַסער. מע טרינקט דאָס אויס אַף איין פּוס און מע באַצאָלט דעם קעלנער טרינקגעלט פון דער ברייטער האַנט, מײַסטע באַנקיר אָדער אָפיצער — לאָז ער וויסן דערעכערעצ, — און אַזוי איז אַף יעדער סטאַנציע. דאָס ביסל מינוט ווערט צעקראָכן, צעגאַנגען, אַזוי ווי שניי אַף דער זון. און בײַטעלע באַמבלט זיך עפּעס נאָך אַ מין פּיאַטאַקל. נאָר ווער טראַכט וועגן דעם? אַ מענטש פֿאָרט אַף אַ גרייטער זאַך. אַזאַ שטעלע! און אָנגעוואָפּנט מיט אַזאַ פּראָטעקציע — וועמען הערט ער?

— — — — — — — — — —

און אַז ער איז געקומען קיין ט., אַרום פאַרנאַכטלעך איז דאָס געווען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז נאָקעט, ריין פון געלט, פאַרמאָגט זײַן אייגנס דאָס איינע פּיאַטאַקל. און דאָך האָט ער אפילע אַף קיין מינוט זיך ניט פאַרטראַכט. אַדרבא, ער האָט זיך געפילט אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן. דאָס אַליין, וואָס ער איז פרײַ געוואָרן פון די הזשישטשעווער אינטריגאַנעס־לערערס, טאַראַקאַנעס און וואַנצן — וואָס איז דאָס ווערט? מיט פולע לונגען האָט ער אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די געזונטע אָסיענדיקע לופט. די זון איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן אַף יענער זײַט וואַלד, וואָס האָט געשמעקט מיט דעמבענעם און סאָסנאָווע רייעך.

אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, האָט זיך דער יונגער רעפּעטיטער געלאָזט גלײַך צום גוויר — אים איבערגעבן דעם בריוו. פאַרגינט זיך אַזאַ „מאַגנאַט" צו זיצן העט־ווײַט אַרויס פון דער שטאָט, אין אַ ווײַסן פּאַלאַץ מיט אַ גרויסן גרינעם גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט געפאַרבטע שפּיציקע צאַצקעדיקע שטאַכעטן. צוטרעטן צו אים איז ניט אַזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאַרשטעלן. ערגער ווי צו אַ פּאָרעצ. נאָר אַז מע איז אָנגעלאָדן מיט אַזאַ שטאַרקער פּראָטעקציע, קאָן מען שוין גיין אפילע צום קייסער אַליין... אַזוי טראַכט זיך דער העלד, נאָר ער האָט אַ טאָעס. וואָרעם נאָך אַלעמען איז דער גאַניידן גאָר ניט אַזוי גוואַלדיק, ווי דער וועג, וואָס פירט צום גאַניידן. אַ סוואָרע, אַז איידער מע טרעט צו צו אַזאַ גוויר, מוז מען דורכגיין פריער אַלע שיווע מעדורויי גענעם. בײַ אַזאַ „מאַגנאַט" איז פאַראַן דרײַ זאַכן, וואָס מע מוז פריער

דורכמאכנ, אײדער מע איז זוכע צו זען זײנ פּאָנעמ. און אַפילע אַז איר האָט שוינ דורכגעמאכט אַלע דרײַ זאכנ, זעט איר נאָכ אַלצ ניט פּאַרטיק. איר קאָנט גײנ און גײנ און אַװעקגײנ מיט דעמ, מיט װאָס איר זעט געקומענ. װאָס זײנענ די דרײַ זאכנ?

1) א סטרוזש. א הױכער טרוקענער אָרל מיט קרומע פיס, אַז ער גײט, קאַטשעט ער זיכ. זײנ נאָמענ איז פּאַנטעלײ און זײנ אַװודרע— ער זיצט באַמ טױער, אַזױ װי, לעהאַװדל, מאָרדכע דער ייִד באַמ קע־ניג אַכאַשװײרעש. 2) א שװאַרצער קעלעװ, א בלינדער אַפ אַנ אױג, אַזױ װי בילעמ. זײנ נאָמענ איז זשוק. דעמ דאָזיקנ קעלעװ שעבעקלאָ־װימ האַלט מענ צוגעבונדנ צו א בױמ אַפ אַנ אײַזערנער קײט — אַניט װאָלט ער דוירעס געװענ מענטשנ. און 3) א יונג א מעשאָרעס, װאָס טראָגט א קוטיקע מאַנישקע, א גאָלדענעמ רינג און גײט פּאַרקעמט מיט א שרונט אקוראט אינ מיטנ קאָפּ. די שװאַרצע האָר שטאַרק אָנ־געשמירט מיט פעטנ און שמעקנ מיט א רײעכ פונ אָדעקאָלאָנ, גע־מישט מיט ציבעלעס, נאָר די אױערנ זײנענ פול מיט בלאָטע און די נעגל אַרומגעברענט מיט שװאַרצנ.

דורכגײנ אָט די דרײַ אינסטאַנציעס איז ניט פונ די קלײניקײטנ. קױדעמקאָל דאַרפט איר זיכ באַקענענ מיטנ סטרוזש פּאַנטעלײ, װאָרעמ אַז ער דערזעט א פרעמדנ מענטשנ, טוט ער אימ א פרעג: „שטאָ נאַדאָ?“ גײט דערצײלט פּאַנטעלײענ א מײַסע װעגנ א בריװ און װעגנ א שטעלע. איז אָבער פּאַנטעלײ ניט קײנ שלעכטער גױ. א „פּיאַטאַקל“ איז בא אימ א מאַטבײע. אַװעקגעשװוּמענ דאָס אײנציקע, דאָס לעצ־טע פּיאַטאַקל!... דערפאַר איז פּאַנטעלײ א גוטער ברודער. א סאַכ ער־גער פונעמ אָרל איז זשוק. דער קעלעװ איז טאַקע אַפ א קײט. נאָר א הונט בלײַבט א הונט. ער שפּרינגט און בילט און רײַסט זיכ, דער קע־לעװ שעבעקלאָװימ, מיט אַלע קױכעס. א גליק, װאָס פּאַנטעלײ איז דאָ בא דער זײט. שרײַט ער אָנ אַפ אימ, שעלט אימ מיט טױטע קלאָלעס און זאָגט אימ מוסער — א גאַנצע דראָשע. נאָר שװערער פונ אַלצ איז די דריטע אינסטאַנציע — דער מעשאָרעס. דער האַלט זיכ גאָר פאַר א גאַנצ קנעפּל, פרעגט אױס בא אײַכ איטלעכס ברעקל, נעמט אָפּ אַנ עקזאַמענ: װער איר זײט? פונװאַנענ איר קומט? און װאָס איר דאַרפט? א יונג א בלאָזנע. מיט אימ איז גלײַכער, איר זאָלט זיכ

האַלטנ פונ דער ווײַטנ, קוקנ אַפּ אימ פונ אויבנ אַראָפּ. אַניט — וועט ער אײַכ קריגנ אַפּנ קאָפּ. דער העלד פונ די געשיכטעס ווייסט עס פונ זײַנ אייגענעמ דערפאַרנ. דער מעשאָרעס האָט אימ א נעמ געגעבנ אַפּנ צימבל: פינ וועמענ איז דער בריוו? וואָס שטייט אינ בריוו? אונ וואָס פאַר א געשעפט ער האָט? א שטעלע? וואָס פאַר א שטעלע? אינ „זאַ־וואָד״? אָדער אינ די „עקאָנאָמיעס״? אויב אינ „זאַוואָד״ — זײַנענ אַלע שטעלעס פאַרנומענ. אונ אויב אינ די „עקאָנאָמיעס״ — זײַנענ אויכ אַלע שטעלעס באַזעצט. סײַדנ א לערער־שטעלע? — זײַנענ אָבער דאָ באַלאָנימ איבער גענוג. אַט גייט נאָכ איינער מיט א הענגקאַלנער, זייער א וואַזשנער לערער — האָט ער אָבער א כיסאָרנ: ער איז א שויטע. כאָטש בראָקט אימ אינ קרויט. דערפאַר האָט ער א מײַלע, וואָס ער איז מיט א באָרד, וועלנ די פּאַניטשלעכ מיט די באַרישניעס פאַר אימ האָבנ דערעכערעצ.

— פאַר אײַכ ניט, ווײַל איר זײַט נאָכ צו יונג, וועלנ זיי אײַכ אָפּ־דרייענ דעמ קאָפּ... אונדזערע פּאַניטשלעכ מיט אונדזערע באַריש־ניעס — עס וואָלט געמעגט קומענ אַפּ זיי א כאָליערע אינ איינ טאָג...

אַזוי לאָזט אויס דער מעשאָרעס אונ פאַרבײַסט מיט א שיינעמ יברכך,* נעמט צו באַמ באָכער דעמ בריוו, לייגט אימ אַרופּ אַפּ א זילבערנ טעצל אונ ווערט פאַרשווונדנ אינ די ווײַטע אַפּאַרטאַמענטנ. אינ עטלעכע מינוט אַרומ איז דער מעשאָרעס געקומענ צוריק מיט ליי־דיקע הענט אָנ א שומ רעזולטאַט. דעמ בריוו, זאָגט ער, האָט דער „מאַגנאַט״ געעפנט, א קוק געגעבנ, אונ, ניט געלייענטערהייט, אַוועק־געלייגט. וואָס איז די מײַסע? — דאָס וועלנ מיר זענ ווײַטער.

* „יעוואָרעכעכאָ״ (ער זאָל דיכ בענטשנ). ווערט באַנוצט אינ פאַר־קערטנ זינ: א בינטל קלאָלעס. — ר ע ד.

63. אינ כאָלעמ אונ אפ דער וואָר

אפ דער סטאנציע אינעמ קליינ שטעטעלע. — „בערל דער רויטער" טאפט בא אימ ווערטער." — דער העלד ליגט זיכ שלאָפנ א הונגעריקער אונ גייט אוועק אינ אוילעמ-האדימיענ אריינ. — ווידעראמאָל דער „אויצער". — ער באגעגנט זיכ מיט א טאָכטער פונעמ „מאגנאט", אונ פונ זײַנע כאלוימעס לאָזט זיכ אויס א טײַכ.

באקומענ באמ „מאגנאט" פונ ט. אזא קאלטנ בארוכאבע, האָט אונדזער העלד פונדעסטוועגנ נאָכ ניט פארלוירנ זײַנ קוראזש אונ זײַנ האָפענונג האָט ער ניט אופגעגעבנ. ער האָט זיכ געטראכט: „וואָס א גוויר א מאגנאט קאָנ זיכ פארגינענ! עפשער איז אימ דער קאָפ ניט דערבײַ? ניט הײַנט — איז מאָרגנ"... דערווײַל די צײַט שטייט ניט. עס הייבט אָנ צו ווערנ שטאָקנאכט. מע באדארפ א טראכט טאָנ וועגנ נאכטלעגער, אויסזוכנ א סטאנציע. ער האָט זיכ געלאָזט זוכנ אונ האָט אופגעזוכט די איינציקע סטאנציע אינעמ שטעטעלע ט. — א שטיבל אפ הינערשע פיסלעכ. דער באלעבאָס איז נאָכ א יונגערמאנ, טאקע דעמ „מאגנאטס" א נאָענטער קאָרעװ. א ייִד א רויטער, מיט א רויטפײַעריקער באָרד. זײַנ נאָמענ איז „בערל דער רויטער". אז ער רעדט, פארמאכט ער די אויגנ אונ שמייכלט. א מאָדנער ייִד. ער אינטערעסירט זיכ אײַכ מיט איטלעכס ברעקעלע. ער דארפ אלצדינג וויסנ, וואָס בא אײַכ טוט זיכ, אונ איז גרייט צו יעדער צײַט אײַכ באהילפיק זײַנ מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעכ. אזוי זאָגט ער. ער קאָנ אײַכ געבנ אָנ אייצע, פאָלגנ א גאנג, זאָגנ א גוט וואָרט פאר אײַכ בא זײַנ רײַכנ קאָרעװ אינ הויפ, אונ טאקע אונטערשטיצנ מיט א באשיידענעמ וואָרעמעס, מיט א גלעזל טיי, עס שטייט בעמיילע א גרויסער סאמאָוואר מיט א טשײַניק, טיי טרינקט ווער עס וויל אונ ווער עס וויל ניט.

אויסגעטאפט באמ יונגנ אוירעכ, ווער ער איז אונ ווער זײַנ טאטע איז, לאָזט זיכ אויס, אז ער קענ אימ זייער גוט. ער איז ניט איינ מאָל געשטאנענ בא זײַנ פאָטער אינ דער אכסאניע. איז ער בא אימ נאָכ טײַערער געוואָרנ. גאָר אַנ אנגעלייגטער גאסט! ווײַבאלד אזוי, מעג ער זיכ וואשנ אונ גייג צומ טיש גלײַכ מיט אלעמענ. געפעלט ניט דעמ

גאַסט, וואָס מע קוקט אַפ אים, ווי אַפ אַנ אָרעמבאָכער... ער איז נאָכ גענוג גרויס בא זיכ, ער זאָל ניט וועלנ עסנ לאַסקאַווע ברויט בא אַ ייִדנ אַנ אָרעמאַנ, וועלכער לעבט מיסטאָמע פונ די ברעקלעכ, וואָס פאַלנ אַראָפ פונ דעמ רײַכנ קאָרעווס טיש, און ער טראַכט אויס אַ ליגנ, אַז ער איז גאָר ניט הונגעריק, אַז ער איז שוינ אַ געגעסענער...

וויפל דער באַלעבאָס, בערל דער רויטער, מוטשעט אים ניט, ער זאָל אים זאָגנ, וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט צו זײַנ רײַכנ קאָרעוו, טאָמער קאָנ ער אים אַ טויווע טאָנ, — וויל ער אים ניט זאָגנ. עס שטייט אים ניט אָנ, אַז אַ זײַטיקער ייִד, און נאָכ אַ רויטער דערצו, זאָל זיכ אַרײַנמישנ אינ זײַנע געשעפטנ.

בערל דער רויטער טאַפט ווערטער. דער באָכער מאַכט זיכ טאָמעוואַטע, גלײַכ ווי ער פאַרשטייט ניט, וואָס דער ייִד מיינט. לאָזט זיכ אויס, אַז דער ייִד ווייסט גאַנצ גוט, וואָס דער באָכער דאַרפ צו זײַנ רײַכנ קאָרעוו, נאָר ער וויל דאָס הערנ פונ אים אַליינ. און ער דערציילט אים אַ מײַסע, באַשער אַזוי ווי דער קאָרעוו זײַנענ, דער „מאַגנאַט", זוכט אַ לערער צו די קינדער, האָט ער אויסגעפויקט איבער דער גאָרער וועלט, און עס האָבנ זיכ אַ לאָז געגעבנ צו אים לערערס, יונגע און אַלטע, מיט פראָטעקציעס און רעקאָמענדאַציעס פונ באָסלעוו, פונ קאַניעוו און פונ טאַראַשטשע, — „ייִדנ זוכנ פאַרנאָסע, ווילנ אַ שטיקל ברויט"... אַזוי לאָזט אויס בערל דער רויטער, און די ווערטער „פאַרנאָסע" און אַ „שטיקל ברויט" קלינגענ פאַר אונדזער יונגנ העלד, ווי אַ באַליידיקונג. און טאָמער איז קאַרג, גיסט אונטער דער רויטער ייִד בוימל אַפנ פײַער און זאָגט, אַז ס'איז אַ גאָטס ראַכמאָנעס אַפ די קאַנדידאַטנ, „וואָרעמ זיי זײַנענ נעבעכ הונגעריק"... עס ווײַזט זיכ אים אויס, אַז אָט דער רויטער ייִד צילט דאָס גראָד אַפ אים... דער ייִד ווייסט, אַפאָנעמ, אַז דער העלד לייגט זיכ שלאָפנ אַ הונגעריקער.

— — — — — — — — —

ער ווייסט ניט, צי עס כאָלעמט זיכ אים, אָדער ער פאַנטאַזירט עס וואַכנדיק, נאָר עס שטעלט זיכ אים פאָר אַזאַ מעשונע מאָדנער, אומגעלומפערטער געדאַנק: אַז ער האָט גאָר קיינ שומ בריוו צומ „מאַגנאַט" ניט איבערגעגעבנ, נאָר ער איז גלאַט אַזוי אַרײַנגעטראָטנ צו אים אַלס באַדינער... און אַז ער איז בא אים אַ „מענטש", ווי אַלע „מענטשנ"...

נאָר ער געפעלט זייער דעמ „מאַגנאַט"... און דער „מאַגנאַט" רופט אימ ארײַנ צו זיכ און פרעגט אימ, ווער ער איז און פונוואַנענ ער איז?.. און אַז דערזעט מיט וועמענ ער האָט צו טאָנ, הייבט ער אימ אופ און גיט אימ א העכערע שטעלע... און עס גייט אַוועק א קורצע צײַט, ווערט ער בא אימ קאָלוועלאָכ איבער אַלע „מענטשנ" און איבערנ גאַנצנ „הויפ"... און דער סטרוזש פאַנטעליי, און דער הונט זשוק, און הער בלאַזנע מעשאָרעס — אַלע ציטערנ פאַר אימ איימאַס־מאָוועס... און ער שרײַבט א בריוו צומ טאַטנ אַהיימ. מיט א שיינער מעליצע, אַפ העברעיִש געווײַנלעכ, און ניט גלאַט א פוסטנ, נאָר מיט עטלעכע פרישע קנאַקנדיקע הונדערטער, א מאַטאָנע דעמ טאַטנ אַפ יאָנטעוו... אינעמ בריוו שרײַבט ער אַרויס דעמ טאַטנ זײַנ גרויסקײַט, מאָלט אימ א בילד, וויאַזוי ער פאָרט אַרויס מיט דרײַ פאָר פערד נאַשפיצ... פרעגט מענ איינעמ דאָס אַנדערע: „ווער פאָרט דאָס?" ענטפערט מענ: „איר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָכ דער גלאַוונע אופראַווליאַיושטשע"... „אַזאַ יונגער מאַנ?!"...

עס איז שוינ גרויסער טאָג. פונ בערל דעמ רויטנס קיכ לאָזט זיכ הערנ א קלאַפערײַ און עס טראָגט זיכ פונ דאָרטנ א רייעכ פונ פרישנ, נאָרוואָנ אויסגעבאַקענעמ ברויט און געפראַזשעטער מילכ. דער העלד כאַפט אַפ זיכ גיכ דאָס אָנטאָנ און לאָזט זיכ אינ „הויפ" ארײַנ, באַקומט אַנ אַאודיענצ באַמ מעשאָרעס און ווערט געוווירע, אַז דער „מאַגנאַט" האָט דעמ בריוו נאָכ ניט געלייענט... גייט ער מיט א פאַרביטערט האַרצ צוריק אַפ דער אַכסאַניע, באַגעגנט זיכ מיטנ רויטנ באַלעבאָס מיט צוגעמאַכטע אויגנ, ווי זײַנ שטייגער איז, טוט אימ בערל דער רויטער א פרעג גלאַט אַזוי פונ יויצע וועגנ: „וואָס הערט מענ נײַעס?.. „דערווײַל נאָכ גאָרניט", — ענטפערט אימ דער יונגער אוירעכ און גליטשט זיכ אויס פונעמ רויטנס הענט און גייט אַוועק צו זיכ אינ כיידערל ארײַנ, ציט זיכ אויס אָפנ בעטל און פאַרשטעקט זיכ די נאָז, ער זאָל ניט הערנ דעמ רייעכ פונ מאַרינירטע הערינג מיט אָנגעבראָקטע ציבעלעס, וואָס קיצלענ דעמ כושאַרייעכ און רייצנ דעמ אַפעטיט מיט סאַקאָנעס נעפאַשעס!... און בכדיי אָפצוטרײַבנ פונ זיכ דעמ יעיצעהאָרע, מאַכט ער צו די אויגנ און פאַרטיפט זיכ אינ מאַכשאָוועס און געדאַנקענ, וועלכע כאַפנ אימ אופ און טראָגנ אימ אַוועק

אַפּ די פליגלענ פונ דער היציקער פאַנטאַזיע אינ אוילעמ האַדימיענ, אינ דער צויבער־וועלט פונ זיסע גאָלדענע כאַלוימעס. אהינ האָט ער ליב צו פאַרקלײַבנ זיכ אַלעמאָל, ווענ ער בלײַבט אַליינ מיט זיכ. קיינער האָט אהינ קיינ שליטע ניט, — אַפילע זײַנע סאַמע נאָענטע כאַווירימ. דאָס איז יענע קישעפדיקע וועלט, וואָס איז אימ פאַרבליבנ פונ זײַנ אמאָליקנ כאַווער שמוליק. א וועלט פונ אויצרעס אונ פונ וווּנדערשטיינער, וואָס איינער פונ זיי הייסט „יאָשפע" אונ דער אַנדערער — „קאַדקויד". א רײַב מיטנ ערשטנ שטיינ: „ס'זאָל מיר אַרויסגיינ אונ אַרויסגיינ!"... באַווײַזט זיכ אַנ אָנבײַסנ, הייסע שמעקנדיקע פראַנזעלנ מיט פּוטערקיכלעכ, וואָס צעגייענ זיכ אינ מויל, אונ א רייעכ פונ הייסער קאַווע מיט מילכ צעגייט זיכ אינ אַלע ווינקעלעכ, — איז אײדער ער רירט זיכ נאָכ צו צו דער קאַווע, איז שוינ אויסגעוואַקסנ א פעטע יויכ מיט מאַנדלעכ, אונ א פערטל אָפ, אונ געבראָטענע קאַטשקע מיט מערעלעכ, אונ א קוגעלע פונ מאַצע־מעל מיט גענדזנ־שמאַלצ, אונ ווײַנ — צוויי ערליי סאָרטנ: 1) רויטווײַנ „צערקאָוונע קאַשער לעפּייסעב", 2) ווײַסער ווײַנ, פונעמ „ווימאָראָזיק יוזשנאַהאַ בערעגאַ".. דאָס זײַנענ די ווײַנענ, וואָס זײַנ טאַטע האָט געהאַלטנ אַפּ פייסעכ נאָר פאַר יחידי־סגולה. * פאַר די עמעסע מעווינימ.

אָפּגעפּאַרטיקט זיכ מיטנ דאָזיקנ גרויסאַרטיקנ אָנבײַסנ, פילט ער, אַז ער באַדאַרפ האָבנ רו. טוט ער א רײַב מיטנ צווייטנ שטיינדעלע: „ס'זאָל מיר אַרויסגיינ אונ אַרויסגיינ!"... אונ נאָכ אײדער ער רעדט עס אויס, דערזעט ער זיכ שוינ אינ א קרישטאָלענעמ פּאַלאַצ פונ צוועלפ כאַדאָרימ. די ווענט זײַנענ אויסגעקלעפּט מיט אַסיגנאַציעס פונ סאַמע הונדערטער. די ערד איז אויסגעפּלאַסטערט מיט זילבערנע מאַטבייעס, באַצירט מיט גאָלדענע רענדלעכ. דאָס גאַנצע מעבל איז פונ ווײַסנ עלפאַנטנביינ, מיט כאַמעט אויסגעבעט. ווו מע טוט זיכ א ריר, איז גאָלד אונ זילבער אונ די בעסטע טײַערסטע שטיינער. אַרומ אונ אַרומ איז א גאָרטנ פונ די בעסטע פּיירעס. אונ א טײַכל לויפט פאַרבײַ מיט גאָלדענע פישעלעכ. אונ א געטלעכע מוזיק הערט זיכ פונ דאָרטנ שפּילנ — די בעסטע פידל־שפּילער פונ דער וועלט. אונ ער אַליינ, דער

* „יעכידוי סגולע" — אוינציקע, אויסדערוויילטע. — ר ע ד.

העלד, טוט גאָרניט, נאָר ער טיילט צדאָקע פונ דער ברייטער האַנט, פולע זשמעניעס. װעמענ גאָלד, װעמענ זילבער, װעמענ שטיינער, אונ װעמענ א מעזומענע מאטבייע, װעמענ עסנװארג אונ װעמענ קליי־דער, — ער לאָזט ניט דורכ קיינעמ, דעמ גרעסטנ סוינע אפילע. פאַר־קערט, די סאָנימ גיט ער נאָכ מער, װי די גוטע פריינט, ביכדיי זיי זאָלנ פילנ...

א פארכאָלעמטער, א הונגעריקער, כאפט זיכ אופ דער יונגער טרוי־מער, אונ מיט א פארכאָלעשט הארצ לאָזט ער זיכ אַװעק װידער אינ „הויפ" פונ דעמ „מאגנאט". ער איז שוינ דאָרט א היימישער. דאָס הייסט, דער סטרוזש פאנטעליי לאָזט אימ דורכ, דער הונט זשוק טשע־פעט אימ ניט. אונ דער מעשאָרעס איז מיט אימ „זא פאַני בראטא". ער פאטשט דעמ יונגנ באָכער איבער דער פלייצע אונ זאָגט אימ אָנ א פסורע, אז ער האָט שוינ גערעדט פונ אימ, ניט מיטנ באלעבאָס, נאָר מיט זיינע טעכטער... אונ אזוי װי ער רעדט, — באװייזט זיכ איינע פונ די טעכטער, א גראָבע מויד, א רויטע, אינ א קורצ קליידעלע, מיט גראָבע פולקעס אונ מיט א פאריסנ נעזל: „אָט דאָס איז ער!" — װייזט אָנ אפ אימ דער מעשאָרעס, אונ די גראָבע מויד באטראכט אימ פונ קאָפ ביז די פיס, באהאלט דאָס פאָנעמ אינ די הענט, שיסט אויס א געלעכטער אונ אנטלויפט.

64. א מייסע מיט א זייגער

ער זוכט מיטלענ קעגנ הונגער. — א זייגער מיט א געשיכטע. — דער דיאלאָג צװישנ דעמ באָכער מיטנ אלטנ זייגערמאכער. — די קאָמבינאציעס העלפנ ניט, אונ דער הונגער װאקסט.

אונ דעמ בריװ האָט דער „מאגנאט" נאָכ אלצ ניט געלייענט. דאָס רירט שוינ אָנ דעמ העלדס אמביציע אונ ער גייט ארויס פונ דאָרטנ א צעקאָכטער. סטייטש, זיינ טאטנס בריװ װאלגערט זיכ ארומ — דאָס ארט אימ מער פונ אלצדינג. נאָכ מער פונ דעמ, װאָס ער איז הונגע־ריק. הונגעריק, װי א הונט! ער קאָנ זיכ קיינ אָרט ניט געפינענ. עס טראָגט אימ איינדערלופטנ. עס ציט אימ דאָס הארצ אונ דער בויכ

איז אימ ווי אײַנגעשרומפּנ. א קאַלטער שווייס טרעט ארויס, אונ ער זוכט אינ זײַנע געדאַנקענ, וועלכע פונ זײַנע זאַכנ ער וואָלט געקאָנט פאַרקויפנ, מאַכנ דערפונ קליינגעלט אונ עפּעס קויפנ צו שטילנ דעמ הונגער... וואָלט דאָס געווענ אינ א גרויסער שטאָט — פאַרזעצט מענ דעמ אויבער־ראָק אונ מע שלאָגט צונויפ א פּאָר גראָשנס...

ער טאַפּט זיכ אינ אַלע קעשענעס, אונ זײַנע געדאַנקענ שטעלנ זיכ אָפּ אויפנ זייגער. נאָר וואָס טוט מענ מיטנ זייגער? פאַרזעצנ, אינ מאַשקנ — איז ניטאָ בײַ וועמענ, סײַדנ פאַרקויפנ? דערמאָנט ער זיכ, אז אינדערפרי האָט ער געזענ אינ מאַרק אנ אויפשריפט מיט א גרויסנ ציפערבלאַט: „טשאַסאָוויכ דיעל מאַסטער". דאָ וועט ער קאָנענ פאַר־האַנדלענ זײַנ זייגער. קיינ סאַכ קאַפּיטאַלנ — ווייסט ער — וועט ער פונ דעמ ניט שלאָגנ. נאָר עס וועט זײַנ גענוג, וויפל ער וועט קריגנ, אבי צו שטילנ דעמ הונגער...

א מיִעסע זאַכ — הונגערנ. אַכוץ וואָס עס ציט דאָס האַרצ אונ עס ציטערנ הענט אונ פיס — איז דער ביזאָיענ, דער ביזאָיענ!.. מע האַרפ פאַרשטערכענ דעמ זייגער... איז אָבער דער זייגער, וואָס דער באָכער פאַרמאָגט, ניט גלאַט א זייגער, נאָר דאָס איז א זייגער מיט א גע־שיכטע, מיט א היסטאָריע, א היסטאָרישער זייגער. מוז מענ דעריבער פריִער אײַכ באַקענענ מיט דער געשיכטע פונעמ זייגער.

דאָס איז געווענ אינ יענער צײַט, ווענ דער מעכאַבער פונ די דאָ־זיקע זיכרוינעס האָט געהאַלטנ אינ רעכטנ גלאַנצ פונ ,געבנ שטונדנ. אינ זײַנ געבורט־שטאָט האָט ער געהאַט שטונדנ א סאַכ מער, וויפל א יונגער לערער קאָנ זיכ ווינטשנ. נאָר איינ זאַכ האָט אימ געפעלט צו די שטונדנ — א זייגער. האָט ער זיכ צונויפגעשלאָגנ פונ די שטונדנ א שטיקל קאַפּיטאַל אָפּ צו באַזאָרגנ זיכ מיט א זייגער. די בעסטע צײַט אָפּ צו קויפנ א זייגער איז „ספּאַס־יאַריד". דעמאָלט פאָרנ זיכ צונויפ אינ פּערעיאַסלעוו סאָכרימ, קרעמער פונ דער גאָרער וועלט. וואָס אנ אויג קאָנ זענ אונ וואָס א מויל קאָנ ריידנ, קריגט איר אָפּ דעמ יאַריד.

אויפגעשטאַנענ איינמאָל אינדערפרי, גענומענ דאָס שטעקעלע, האָט זיכ אונדזער העלד געלאָזט אָפּנ יאַריד צו די שאַלאַשנ אונ קראָמענ, ווו די גאָלדענע אונ אַנדערע טײַערע זאַכנ זײַנענ אויסגעשטעלט. ספּאַס־

יאריד שטעלט זיכ סאָפ זומער, אינ כוידעש אווגוסט. דעמלט קומענ אופ די קאָווענעס מיט די דיניעס. עפל אונ בארנ ליגנ קופעסווײַז אפ די וועגנ אונ אפ דער ערד. יידנ לויפנ ארומ, ווי פארסאמטע מײַז פארטאראראמט אונ פארשוויצט. מע טוט געשעפט. מע לייזט געלט. ציגײַנער שווערנ זיכ, פערד הירזשענ, שאָפ מעקענ, באזיירימלעכ קוויטשענ פונ זעק ארויס. א בלינדער בעטלער שפילט אפ א באנדורע. א יידענע פארקויפט בייגל. א ייִנגל טראָגט ארומ קוואס. אלצ רעדט. אלצ שרײַט. מע קאָנ טויב ווערנ.

גייענדיק אזוי איבערנ יאריד פארטראכט, שלאָגט ער זיכ אָנ אפ א יידל מיט א רויט פרישטשעוואטע פאָנעמ מיט א קויטיקער מאנישקע אונ מיט מאָדנע לייפנדיקע אויגנ. שטעלט אימ אָפ דער ייד, רעדט שטיל, הייזעריקלעכ, אונ ווינקט מיט די מאמזערשע אויגלעכ אפ א הויכנ דארנ פאָרעצ מיט א פויליש היטל, לאנגע פארדרייטע וואָנצעס ארופ.

— אָט דער אָדנ האָט צו פארקויפנ א זאכ בעכאָצי־כינאָמ... טוט א קוק. וואָס'ט אײַכ ארנ?

אונ באלד נאָכ דעמ רוקט זיכ צו דער פאָרעצ, ציט ארויס פונ קעשענע א פאפיר, קוקט זיכ ארומ אפ אלע זײַטנ, וויקלט אופ דאָס פאפיר, אונ עס טוט מיטאמאָל א בלישטשע אינ די אויגנ א שפאָגל-נײַער, א גלאנצנדיקער גאָלדענער זייגער. א ווײַז געגעבנ דעמ זייגער פונ דער ווײַטנ, וויקלט איינ דער אָדנ אײַנ אינ פאפיר אונ באהאלט אימ צוריק אינ קעשענע, אָנ ווערטער. ריידנ רעדט דאָס יידל:

— א מעציע פונ א גאנעוו!.. ער באדארפ האָבנ נייטיק געלט. אפ דעמ זייגער איז דאָ גאָלד אליינ עפשער אפ א הונדערטער...

— וויפל זשע וויל ער פארנ זייגער?

— איכ מיינ, ער'ט נעמענ האלב, א פופציקער א מעציע פונ א גאנעוו! איכ אליינ וואָלט א באלנ געווענ, האָב איכ ניט אזוי פיל געלט בא זיכ, — זאָגט דאָס יידל.

— איכ האָב אויכ ניט, — זאָגט דער באָכער. אונ כאפט זיכ צו דער קעשענע.

— וויפל דענ האָט איר? — פרעגט אימ דער פרישטשעוואטער ייד.

— איכ פארמאָג אינגאנצנ איינ פינפ־אונ־צוואנציקער...

דער ייִד טוט א בלישטשע מיט די מאמזערשע אויגנ, ציט אויס א האנט:

— מיט מאזל אונ בראָכע!..

אינ איינ אויגנבליק ווערט אײנגעצאָלט דאָס געלט, אונ דער גאָלדענער זייגער ווערט איבערגעגעבנ צומ קוינע אינ די הענט ארײנ. עס טוט אימ א טיאָכקע דאָס הארצ — „טאָמער איז דער זייגער א געגאנוועטער?... עס גייט אימ נִיט אײנ די מעציִע, וואָס ער האָט אײנגעהאנדלט אונ עס שטעלנ זיכ אימ פאָר אלערליי טונקעלע מאכשאָװעס אונ טרויעריקע געדאנקענ: „טאָמער דערקענט מענ בא אימ דעמ זייגער?”... האנדלענ א גנייווע איז ערגער פונ א גנייווע אליינ..: קורצ, ער האָט שוינ כאראָטע. נאָר עס איז פארפאלנ. ער נעמט ארויס דעמ זייגער פונ קעשענע, באטראכט אימ פונ אלע זײטנ — א שפאָגל-נײער זייגער, אונ קלאפט, ווי א באָנדער. קאָערטעס גינגאָלדענע, שווערע. א ציפערבלאט, ווי געפאלענער שניי. ווײזערס, ווי ריטער. עס בלײבט נאָר צו באווײזנ דעמ זייגער עפּעס פאר א רעכטנ מײווונ, ער זאָל אימ באטראכטנ אונ אָפּשאצנ. דער טאטע איז אפילע א מײווונ אפ זייגערס. פאסט אימ אָבער נִיט צו ווײזנ אימ דעמ טאטנ. אונ דערציילנ דעמ עמעס, אז ער האָט אימ געהאנדלט אפ דער גאס — וויל ער אויכ נִיט. האקיצער, דאָס בעסטע וועט זײנ ארײנטראָגנ דעמ זייגער צו הענזל דעמ זייגערמאכער.

הענזל דער זייגערמאכער איז נאָכ גאָר א יונגערמאנ, נאָר א גרויסער קאָפּמענטש. אינ שטאָט זאָגט מענ, אז הענזל האָט צוגעטראכט אנ אייגענעמ זייגער נאָכ דער סיסטעמ פונ דער זונ. אפנ פּאָנעמ בא אימ זעט מענ אפילע קיינ באזונדערע כאָכמע נִיט ארויס. א גאנצ געוויינלעכער ייִד מיט א ברייטער נאָז. פארמאָגט א גראָבנ, ברייטנ, פלאטשיקנ פינגער מיט א גרויסנ נאָגל. מיט דעמ נאָגל טוט ער אנ עפנ אופ דעמ זייגער, זאָטלט אָנ דאָס אויג מיט א שפּאקטיוו, טוט א קוק ארײנ אינ געווערקל אונ זאָגט אײכ באלד, וואָס דער זייגער האָט, וואָס אימ פעלט, אונ וואָס ער איז ווערט.

באטראכט די מעציִע, דעמ גאָלדענעמ זייגער, האָט הענזל אימ צוגעמאכט מיט א קנאק אונ א זאָג געגעבנ:

— א פּראָסטער צילינדער, נִיט קיינ אנקער, ווערט א פּינפערל אויווער לאסויכער...

— נו, און דאָס גאָלד?

— וואָסער גאָלד? ס'איז אזוי גאָלד, אזוי ווי איכ בינ א מיניסטער.

— וואָס דענ איז דאָס?

— טאמבעקע.

— וואָס הייסט דאָס טאמבעקע?

— טאמבעקע איז טאמבעקע; ניט קיינ מעש און ניט קיינ קופּער, נאָר טאמבעקע...

און הענזל טוט אויפ די שפּאקטיוו, נעמט זיכ צו דער ארבעט און רעדט ניט מער.

אָט דעמ דאָזיקנ זייגער האָט דער יונגער וואנדערער געוואָלט פארהאנדלענ צומ זייגערמאכער, פונעמ קליינעמ שטעטעלע ט. ארייננגעקומענ איז ער צומ זייגערמאכער, צו אנ אלטנ ייד א טויבלעכנ, מיט וואט אינ די אויערנ, גאנצ ברייטלעכ, מיסטע סויכער. און צווישנ באָכער מיטנ אלטנ זייגערמאכער קומט פאָר אזא מינ דיאלאָג:

ד ע ר ב אָ כ ע ר: גוט מאָרגנ, הער זייגערמייסטער! האָט איר עפּעס גוטע זייגערס?

ד ע ר ז יי ג ע ר מ א כ ע ר: וויפל זייגערס דארפ עס א באָכערל?

ד ע ר ב אָ כ ע ר: איינעמ א זייגער...

ד ע ר ז יי ג ע ר מ א כ ע ר: וואָסער א זייגער ווילט איר — א זילבערנעמ? א גאָלדענעמ?

ד ע ר ב אָ כ ע ר: א גאָלדענעמ וועל איכ בא אייכ קויפנ א ביסל שפּעטער... דערווייל וועט זיינ גענוג א זילבערנער, אבי ער זאָל גיינ ווי עס געהער צו זיינ.

ד ע ר ז יי ג ע ר מ א כ ע ר: וועגנ דעמ איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידנ!

און דער אלטער זייגערמאכער שיט אויפ פארנ קוינע אקעגנ א האלב טוצ נייע זייגערס. דער באָכער שטעלט זיכ אָפּ אויפ איינעמ פונ זיי און גיט צו פארשטיינ דעמ אלטנ, אז ער וויל, אייגנטלעכ, מאכנ מיט אימ א בייט. דאָס הייסט, ער וועט בא אימ נעמענ דעמ דאָזיקנ נייעמ זילבערנעמ זייגער און וועט אימ געבנ זיינ אלטנ זייגער. „אינ וויפל וועט איר אימ אָנעמענ?"... דער אלטער באטראכט דעמ באָכערס

זייגער פונ אלע זײַטנ. טראכט א ווײַלע, צושאקלענדיק מיטנ קאפ. דערנאך נעמט ער ארויס די וואט פונ די אויערנ און לייגט איבער פונ איינ אויער אינעמ אנדערנ, גלײַך ווי דאס האט א שײַכעס צו די זייגערס. און קוימ וואס ער שטעלט זיך אײַנ ארויסצוזאגנ, אז ער קאנ אנעמענ בא אימ דעמ זייגער מער ניט, ווי אינ צוויי קארבנ. און אזוי ווי זײַנ זילבערנעמ זייגער רעכנט ער אינ נײַנ קארבנ, קומט אויס, אז דער באכער באדארפ אימ צוצאלנ אזוי גרויס, ווי זיבנ קארבנ, און דאס געשעפט איז געמאכט. דעמ באכער איז די קאמבינאציע געפעלנ, און ער לייגט פאר דעמ זייגערמאכער א נײַע קאמבינאציע: אז ער זאל דערווײַל נעמענ בא אימ דעמ אלטנ זייגער און געבנ צוויי קארבנ, און שפעטער מיט א טאג אדער צוויי וועט ער ארײַנקומענ און וועט זיך אויסקלײַבנ א נײַעמ זייגער... געפעלט ניט דעמ אלטנ די דאזיקע קאמבינאציע. פארוואס? אזוי. דערפאר, ווײַל ער קויפט ניט קיינ זייג'ערס. ער פארקויפט זייגערס... פרווט זיך דער באכער פארלייגנ א נײַעמ פראיעקט דערהײַנע: ער גיט אימ אוועק זײַנ אלטנ זייגער פאר איינ קארב — אנ עק! ניט צוליבנ געלט, נאר ווײַל דער זייגער איז אימ נימעס געווארנ, ער קאנ אפ אימ ניט קוקנ... זאגט דער אלטער, אז אויב ס'איז אימ נימעס געווארנ דער זייגער, קענ ער אימ ארויסווארפנ אינ בלאטע. גיט אימ דער באכער צו פארשטיינ, אז ער קאנ איצט דאס געשעפט מיט אימ ניט מאכנ, מאכמעס ער איז איצטער קורצ אינ געלט. דאס הייסט, פאשעט ער איז איצטער ניט בא געלט... גיט אימ דער זייגערמאכער אנ אייצע, ער זאל ארײַנקומענ אנ אנדערש מאל, דעמלט ווענ ער וועט זײַנ בא געלט. און אזוי עטלעכע מאל. ער זאגט אימ דאס, און יענער ענטפערט אימ בוייבעריק. זינט גאט האנדלט מיט נודניקעס, האט ער אזא נודניק ניט געהאט!... דער באכער באהאלט צוריק זײַנ אלטנ טאמבעקענעמ זייגער און בעט דעמ אלטנ, ער זאל אפלייגנ אט א יענעמ זילבערנעמ זייגער אפ א זײַט. ער וועט נאך עפשער היינט ארײַנקומענ צו אימ נאכאמאל. עס דארפ אימ אנקומענ געלט מיט דער פאסט. ער זאל נאר קיינ פאריבל ניט האבנ, וואס טאמער האט ער בא אימ צוגענומענ צײַט. זאגט דער אלטער, אז עס מאכט ניט אויס. נאר נאך זײַנ בלאס פאנעמ, נאכ זײַנ בייזנ קוק און נאכנ ציטערנ פונ זײַנע אלטע פינגער איז צו זענ, אז עס מאכט שוינ

דאַפקע יאָ אויס... דער באָכער — קוים וואָס ער טרעפט צו דער טיר. מיט א פארכאלעשט הארצ לאָזט ער זיכ אוועק צו בערל דעמ רויטנ אפ דער סטאנציע אונ בעט גאָט, ער זאָל באַטש ניט באגעגענענ זיכ מיטנ רויטנ באלעבאָס. „ווארעמ אָט דער רויטער ייִד, — טראכט זיכ דער באָכער אינ הארצנ, — איז דער איינציקער, וואָס שטויסט זיכ, אז ער הונגערט"...

65. א מאלעכ פונ גאָט אינעמ געשטאלט פונ א מענטשנ

ער פארקלײַבט זיכ אינ בעסמעדרעש פונעמ שטעטל אונ ווייגט זיכ גוט אויס. — א מאלעכ פונ גאָט באווײַזט זיכ, אונ דאָס מאזל טוט אימ א שײַנ. — ער ווערט אײַנגעלאדנ אלס לערער אינ א דאָרפ אונ ווייסט ניט, אז דערמיט איז אימ פארזיגלט געוואָרנ דאָס גליק אפ זײַנ גאנצ לעבנ.

דאָס צווייטע הויז פונ בערל דעמ רויטנס אכסאניע איז געוועזנ דער בעסמעדרעש פונעמ שטעטל. אהינ האָט זיכ דער העלד פונ דער ביאָגראפיע פארקליבנ אפ מאָרגנ אינדערפרי. ניט האָבנדיק וואָס צו טאָנ, האָט ער אוועקגעשטעלט זיכ דאווענ. אונ געדאווענט האָט ער בעיעבידעס, איינער אליינ, ווארעמ דאָס ביסל ייִדנ, וואָס אינ שטעטל, האָבנ זיכ געפעדערט גאנצ פרי, אָפגעדאווענט מיט א מיניענ אונ צעגאנגענ זיכ זוכנ פארנאָסע, ווי דער שטייגער איז. געבליבנ איז נאָר דער שאמעס, — א ייִד א שוסטער, נאָר ווײַל ער האָט ווינציק ארבעט, איז ער אינ איינוועגס אויכ א שאמעס אינ שול. דערזענ א פרעמדנ באָכער מיט א טפילנ־זעקל, איז דער שאמעס־שוסטער צוגעגאנגענ צו אימ אונ א פרעג געגעבנ, צי האָט ער ניט קיינ יאָרצײַט? אויב א יאָרצייט, וועט ער א לויפ טאָנ צונויפשלעפנ א מיניענ.

— ניינ, ניט קיינ יאָרצײַט, נאָר איכ וויל גלאט אזוי דאווענ, — האָט אימ דער באָכער בארויִקט, אונ באקומענ אנ ענטפער פונעמ שאמעס:

— געזונטערהייט. אָט האָט איר א סידער, — זאָגט צו אימ דער

שאַמעס, לאָזט אים אַליין און פֿאַרקלײַבט זיך אין פּאַליש און זעצט זיך אַוועק פֿאַריכטן אַן אַלטע פּאָר שיך.

שוין לאַנג האָט דער יונגער העלד אַזוי געשמאַק און אַזוי האַרצעדיק ניט געדאַווענט, ווי אין יענעם פֿרימאָרגן. ער איז שוין דערמלט ביכלאַל געווען ווײַט פֿון פֿרומקייט. דאָס איז געווען די עפּאָכע פֿון האַסקאָלע, ווען פֿרום זײַן איז געווען אַ ביזאָיען, ווען אַ פֿאַנאַטיקער איז געווען ערגער פֿון אַ הולטײַ, און עפּשער ערגער, ווי הײַנט אַ מעשומעד... נאָך דער כיישעק צו דאַווענען איז געקומען פֿון זיך אַליין. אַ מין רעליגיעזער עקסטאַז איז אָפּ אים אָנגעקומען מיט אַמאָל, און ער האָט זיך צעלאָזט, צעזונגען אָפּ אַ קאָל, גאָר מײַסע כאַזן, און צו דער שמוינעסרע האָט ער זיך צעוויינט. לאַנג געוויינט, מיט האַרץ געוויינט. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעוויינט, האָט ער זיך געפֿילט אַ סאַך גרינגער, גלײַך ווי ס'איז אים אַראָפּ אַ שווערע מאַסע פֿון האַרצן. וואָס דאָס דאָזיקע געוויין האָט באַטײַט, קאָן ער אָפּ אַ ראַציאָנעלן אויפֿן ניט געבן צו פֿאַרשטיין. עס האָט זיך געוויינט גיכער פֿון זיך אַליין און די נעשאָמע האָט זיך ווי אָפּגערייניקט. עפּשער איז דאָס געקומען פֿון אָפּגעשוואַכטע נערוון? עפּשער איז דאָס געווען פֿון דעם פֿאַסטן?... ער האָט באַשטימט בײַ זיך דעם טאָנעס הײַנט איבערצורײַסן — ס'זאָל זײַן וואָס עס וויל זיך. גענוג פֿאַסטן!.... און ער לייגט צונויף די טפֿילן, נעמט דאָס שטעקעלע און גייט אַהיים אָפּ דער סטאַנציע און באַגעגנט אָפּ דער שוועל בערל דעם רויטן, וועלכער זאָגט אים אָן אַ פּסורע, אַז הײַנט אינדערפֿרי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים אַ יונגערמאַן, אַ נאָגיד, אַן אַדיר, פֿון ניט ווײַט, פֿון אַ דאָרף. ער איז, האַכט זיך, אים אַ נאָענטער קאָרעוו.

— וועמעס אַ קאָרעוו?

— אײַערער אַ קאָרעוו. דאָס הייסט, ניט קיין קאָרעוו, נאָר אַ שטיקל מעכוטן...

און ניט לאַנג געטראַכט, נעמט אים אָן בערל דער רויטער פֿאַר אַ האַנט און פֿירט אים אַרײַן אין אַ באַזונדער כיידער, וואָס איז צוגעקלײַבן פֿאַר פּריצים, און שטעלט אים פֿאָר פֿאַר אַ יונגערמאַן, וואָס זיצט בײַ אַ סאַמאָוואַר און טרינקט טיי.

דער יונגערמאַן, אַ סימפּאַטישער פּאַרשוין מיט גוטע בלויע אויגן, אַ הויכן ווײַסן שטערן און אַ שיין קײַלעכיק בערדל, איז העפֿלעך אויפֿ-

געשטאנענ, זיכ אָנגערופנ באמ נאָמענ יעשוע לאָיעוו אונ געבעטנ דעמ גאסט זיכ זעצנ צומ סאמאָוואר, א וווּנק געגעבנ צומ באלעבאָס, מע זאָל דערלאנגענ נאָכ א גלאָז, אונ גאָר ניט ווארטנדיק, האָט ער אָנגע־גאָסנ נאָכ א גלאָז טיי, צוגערוקט בייגעלעכ, קיכלעכ אונ אנדערע פאר־בײַסעכצנ, אונ דער יונגערמאנ לאָיעוו האָט זיכ געווענדט צומ ארײַנגע־קומענעמ באזע האלאָשנ:

— דער באלעבאָס האָט מיר געזאָגט, אז איר זײַט פונ פערעיאסלעוו, נאָכעמ ראבינאָוויטשעס א זונ. אויב אזוי, זײַנענ מיר שטיקלעכ אייגע־נע... עסט, איכ בעט אײַכ, אונ טרינקט טיי.

קיינמאָל אינ לעבנ, ניט פריער אונ ניט נאָכדעמ, איז א גלאָז טיי ניט געווענ אזוי אָנגעלייגט בא אימ, ווי אצינד, אונ קיינ שומ מײַכל אינ דער וועלט האָט קיינמאָל ניט געהאט אזא טאמ, ווי עס האָבנ געהאט אָט די פרישע בייגעלעכ, די קיכלעכ אונ די אנדערע פארבײַ־סעכצנ, וועלכע זײַנענ גיכ פארשוווּנדנ געוואָרנ פונ טיש, ניט געבליבנ פונ זיי א זייכער אפילע אפּ דערעכערעצ. דער גאסט האָט אלצ אײַנגע־שלונגענ, ווי א הונגעריקע גאנדז, אונ האָט זיכ ארומגעקוקט, אז עס איז ניט שיינ, וואָס ער האָט דאָס אלצ אופגערוימט, נאָר ס'איז שוינ געווענ נאָכ אלעמענ... דער יונגערמאנ האָט דערווײַל אויסגערעכנט דעמ יִכעס, וויִאזוי זיי זײַנענ קרויווימ:

— אײַער פאָטער האָט א מעכוטנ אווראָמ־יעשוע. אָט דער אוו־ראָמ־יעשוע האָט געהאט דאָס ערשטע ווײַב, וועלכע האָט מיר אָנגע־קערט א מומע, מײַנ געשטאָרבענער מוטערס א שוועסטער. פארשטייט איר שוינ? ווײַטלעכע מעכוטאָנימ, נאָר דאָכ מעכוטאָנימ... אצינד זאָגט מיר: פונוואנענ פאָרט איר? ווּהינ פאָרט איר? אונ וואָס איז אײַער טועכצ?

אויסגעפרעגט זיכ באמ העלד אלצדינג אונ געוווירע געוואָרנ, אז ער איז געקומענ אהער צו פארנעמענ א לערער־שטעלע, האָט דער יונ־גערמאנ א פרעג געגעבנ, אויב דער באָכער וויל דאפקע בלײַבנ דאָ, באמ היגנ גוויר ק., אָדער עס מאכט אימ ניט אויס צו פאָרנ א ביסל ווײַטער? אויב עס מאכט אימ ניט אויס, וואָלט ער אימ פאָרגעלייגט, ער זאָל פאָרנ מיט אימ צו זײַנ פאָטער לאָיעוו אינ דאָרפ ארײַנ, פארנעמענ דאָרט א לערער־שטעלע בא זײַנ שוועסטערל — זײַנ פאָטער איז אויכ אימ־שטאנד גוט צו באצאָלנ, אזוי ווי דער היגער גוויר, אויב ניט שענער

נאָך... אױף די דאָזיקע װערטער האָט זיך אָפּגערופֿן בערל דער רויטער און צוגעווינטשעוועט זיך: „אַכוצ זײַן שאָדן אױף אים געזאָגט געוואָרן כאָטש א צענטכיילעק״. און גאָרניט פֿרעגנדיק באַם באָכער, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, האָט בערל דער רויטער צוגעגעבן, אז דער באָכער וועט מיט פֿארגעניגן זיך דורכפֿאָרן מיטן יונגנמאַן צו זײַן פֿאָטער לאַ־יעוו אין דאָרף ארײַן און וועט מיט פֿארגעניגן פֿארנעמען דאָרט די לע־רער־שטעלע.

א מאָדנער ייִד אָט דער בערל דער רויטער! עפּעס גלײַך ווי עמע־צער וואָלט אים געבעטן, ער זאָל זיך ארויסשטעלן פֿאר אן אַפּעטראָפּעס אָדער, ווייניקסטנס, פֿאר א פֿארמיטלער. ער האָט ניט געלאָזט קיינעם צום וואָרט און האָט בעסער אליין גערעדט. דער באָכער איז געווען אי־בערראַשט פֿון דער גאנצער געשיכטע ארום און ארום. ער האָט קימאַט ניט געגלויבט זײַנע אויערן. ניט אנדערש, אז דאָס איז אָדער א כאָלעם אָדער א מין האַלוצינאַציע, אָדער דער יונגערמאַן — דאָס איז א מאַ־לעך אראָפּ אױף דער ערד אינעם געשטאַלט פֿון א מענטשן... נאָר ארויס־באַוויזן זײַן פֿרייד פֿונדעסטוועגן שטייט אים ניט אָן. ער הערט אויס דעם געשפּרעך קלוימערשט גאנץ גלײַכגילטיק, באַטראַכט פֿריִער וואָס צו ענטפֿערן און רופֿט זיך אָן צום יונגנמאַן מיט האַלבע ווערטער:

— אײַער פֿאָרשלאָג איז עפּשער ניט קיין שלעכטער פּלאַן... די מײַסע איז אָבער, פֿארשטייט איר, וואָס איך האָב געבראַכט צום היגן גוויר א רעקאָמענדאַציע, א בריוו, טאַקע פֿון מײַן טאַטן... וואָס וועט זײַן, טאָמער...

— אין וואָסער א שפּראַך איז געשריבן אײַער טאַטנס בריוו? — מישט זיך ארײַן בערל דער רויטער.

— וואָס הייסט אין וואָסער א שפּראַך? אין העברייִש.

— לאָשנקוידעש? — פֿרעגט איבער בערל דער רויטער און כאַפּט זיך אָן מיט בײדע הענט בײַ די זײַטן און צעלאַכט זיך אזוי שטאַרק, גלײַך ווי אכצן שיידים קיצלען אים אונטער די פּאַכוועס! — איר וועט דארפֿן, יונגערמאַן, א ביסעלע צוּוואַרטן, ביז מײַן קאָרעוו וועט זיך פֿריִער אויסלערנען איבערלייענען א לאָשנקוידעשדיקן בריוו. איר וועט אָבער, האָב איך מוירע, באַדאַרפֿן א סאַך וואַרטן!... און בײדע צעלאַכן זיי זיך און לאַכן לאַנג און געשמאַק.

עס האָט ניט גענומענ קיינ האַלבע שאָ צײַט, אונ צווישנ דעמ יונגנמאַנ יעשוע לאָיעוו אונ זײַנ יונגנ פראַטעזשע איז געשלאָסנ געוואָרנ א גוט־פרײַנטשאַפט, וואָס איז געוואַקסנ אַלע מינוט שטאַרקער אונ גרעסער. עס האָט זיכ אַרויסבאַוויזנ, אַז אָט דער יעשוע לאָיעוו איז א יונגערמאַנ א מאַסקיל פונ דעמ טיפ מאַסקילימ, וואָס יענער דאָר האָט פראָדוצירט. א שיינער באַלטאַנאַכ, א בלאַט געמאָרע, קלאָר אינ אַלע מעליצע־ספאָרימ, קענ גאַנצע שטיקער מאַפו אַפ אויסווייניק, קאָנ מיט אײַכ ריידנ פונ א „מורה־נבוכימ", פונ א „כוזרי", האָט א שיינ הענטל צומ שרײַבנ. ער איז נאָר א ביסל שוואַכלעכ אַפ דיקדעק. ווײַטער ווערט ער זיכ מיט אײַכ אויסגלײַכנ אומעטומ. אונ צו דעמ אַלעמענ איז ער גלאַט א ליבער מענטש, האָט ליב מענטשנ. זיי אַלע האָבנ ליב מענטשנ. אונ מאַכמעס זיי זיצנ אינ א דאָרפ, זײַנעג זיי מאַמעש זשעדנע, גייענ אויס נאָכ א מענטשנ... וואָס איז זייער געשעפט? זיי האַלטנ פאַסעסיעס אינ דער אַרענדע, באַמ גראַפ בראַניצקי אונ באַמ גראַפ מאַלאַדעצקי. זיי לעבנ ווי פאָמעשטשיקעס, האָבנ אייגענע פערד אונ קאַרעטעס, פאַרהאַלטנ זיכ זייער גוט מיט די פריצימ וואָס אַרומ אונ אַרומ, אונ די גויימ זײַנענ נאָכ זיי די קאַפאָרע...

מיט זײַנ ריידנ האָט דער יעשוע לאָיעוו אַרויסבאַוויזנ, אַז ס'איז עמעס וואָס ער זאָגט, אַז זיי זײַנענ זשעדנע אינ דאָרפ א מענטשנ. דאָס מויל האָט זיכ אימ די גאַנצע צײַט ניט צוגעמאַכט. גלײַכ ווי ער וואָלט וועלנ אַרויסריידנ אַלצ, וואָס האָט זיכ אָנגעקליבנ באַ אימ פאַר א לאַנגע צײַט אינ דאָרפ. ער האָט גערעדט אינ שטוב, ער האָט גערעדט אינ דרויסנ; ער האָט גערעדט, שוינ זיצנדיק אינ פאַעטאָנ אונ פאָרנדיק מיטנ נײַעמ לערער אַפ זײַנע אייגענע ברענענדיקע פערד פונ דער פאַסעסיע.

— געפעלט אײַכ א פאָר סוסימ? — האָט א זאָג געגעבנ בערל דער רויטער צומ לערער, ביימ דער יונגערמאַנ יעשוע לאָיעוו איז געגאַנגענ זאָגנ, מע זאָל שפאַנענ. אונ בערל האָט גענומענ דערציילנ גרויסקײַט פונעמ יונגנמאַנס פאָטער, וואָס פאַר א גוויר, אַנ אַדיר דאָס איז, אונ וואָס פאַר אַנ אָריגינעלער מענטש דאָס איז.

— איר דאַרפט גאָט האַנקענ, וואָס ס'האָט זיכ אַזוי געמאַכט...

עס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז דער ייִד וויל, אייגנטלעכ, מיט

זאָל אים זאָגן א דאַנק, נאָר א מאַקע! דאָס וועט ער באַ אים ניט פּויעלן, ער זאָל מיינען, אַז ער האָט געראַטעוועט א מענטשן פון הונ־גער... עס איז אים נאָר ניט אײַנגענעמען, זייער ניט אײַנגענעמען, וואָס ער קאָן אים איצט ניט באַצאָלן פאַר סטאַנציע. ער איז איצט זייער־פאַרענגט אין געלט...

— איר זאָגט מיר בעסער, רעב ייִד, וויפל... קומט אײַך?

בערל דער רויטער מאַכט צו די אויגן:

— פאַר וואָס?

— פאַר... פאַר סטאַנציע, פאַר אַלצדינג... וועל איך אײַך אָפּשיקן פונעם אָרט... באַלד ווי איך וועל קומען...

— גייט שוין, גייט, מע וועט לאַכן פון אײַך! — זאָגט בערל מיט א געלעכטער און שטופּט אים אָפּ פון זיך. און אין דעם קומט אַרײַן א הויכער גוי מיט ווײַסע ברעמען, מיט אונטערטעניק שמייכלענדיקע אויגן. ער הייסט אַנדריי. ער פרעגט זיך נאָך אָפּן באַגאַזש פונעם „פּאַניטש“, וואָס פאָרט מיטן „באַרין“. שעמט זיך דער לערער פאַרן גוי, פאַר אַנדרייען, וואָס ער האָט ניט קיין באַגאַזש, און זאָגט, אַז זײַן באַגאַזש גייט נאָך... ער וועט אָנקומען נאָכדעם... דערווײַל האָט ער נאָר דאָס פּעקעלע, וואָס ער וועט דאָס אַליין נעמען מיט זיך אין וואָגן אַרײַן. אַנדריי וויל אָבער ניט אוועקגיין מיט ליידיקע הענט. א פּעקעלע — לאָז זײַן א פּעקעלע. ער טוט א נעם דאָס פּעקעלע מיט צוויי פינגער און א טראָג אַוועק, ווי א פעדערל. א מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסן מיט זײַן יונגן פּאַטראָן אין א גרויסאַרטיקן ווייכן פאַעטאָן. אַנדריי האָט געגעבן א קנאַק מיט דער בײַטש, און צוויי גרויע פערדלעך מיט אונטערהגעבויגענע עקן האָבן אים געטראָגן איבער פעל־דער און איבער וועלדער, אין א נײַ אָרט, צווישן נײַע מענטשן, און עס איז אים גאָר אָפּ די געדאַנקען ניט געקומען, אַז אָט אָ דאָ, אָפּ דעם אָרט, וווּהין ער פאָרט אצינד, וועט דאָס פאַרזיגלט זײַן גליק אָפּן גאַנצן, גאַנצן לעבן...

66. אנ אומגעריכטער עקזאמענ

אינ באָסלעוו אפּ דער סטאנציע — דער אלטער לאָיעוו — א מיידל מיט קאַוואַליערנ — שפּילהאגנ, אויערבאכ אונ „שטשאָ דיעלאַט“ — וואָס וויל רש"י?* פונ די „בנוה צלפחד“, אונ ווי־אזוי שרײַבט מענ א בריוו צו א דירעקטער פונ א צוקער־פאבריק? — ער האלט אוים דעם עקזאמענ אונ פאָרט אינ דאָרפ ארײַנ.

עס איז שוינ געווענ ארומ פארנאכטלעכ, ווענ דער יונגער מאסקל יעשוע לאָיעוו מיט זײַנ פראָטעזשע דעמ לערער זײַנענ ארײַנגעפאָרנ אינ דער שטאָט באָסלעוו. אפּ דער סטאנציע, וווּ זיי האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט, האָבנ זיי געטראָפנ דעמ פאָטער פונ יונגנ מאסקל, דעמ אלטנ לאָיעוו, ווארטנ אפנ זונ.

דער אײַנדרוק, וואָס דער אלטער לאָיעוו האָט געמאכט אפנ לערער, איז געווענ אויסערגעוויינלעכ. ער האָט זיכ קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז א ייִד זאָל האָבנ אזא אויסזענ, אנ אויסזענ פונ א גענעראל, א פעלדמארשאל, מיט א קאָל פונ א לייב. אינ קורצע ווערטער האָט דער זונ איבערגעגעבנ דעמ פאָטער, ווער איז דאָס באָכער, וואָס איז מיט אימ געקומענ. אונ ווו אונ וויאזוי ער האָט זיכ מיט אימ באקענט. אויסגעהערט דעמ זונ, האָט דער אלטער אָנגעזאָגט די נאָז מיט א פּאָר ווײַסע זילבערנע ברילנ אונ האָט ערנסט באטראכט דעמ באָכער, אָנ איבעריקע צערעמאָניעס, מיט אזא פּאָנעמ, לעמאָשל, ווי מע באַטראכט א געקויפטנ פיש פונעמ מארק... דערנאָכ האָט ער אימ אויסגעצויגנ א ווארעמע האנט, אונ מיט א פרײַנטלעכער מינע, אפּ וויפל ס'איז נאָר געווענ מעגלעכ פאר אזא שטרענגנ פעלדמארשאל, האָט ער אימ אָפּגעשטעקט א שאָלעמ־אליכעמ אונ אָנ צערעמאָניעס, אונ מיטנ לאָשנ „דו“, א פרעג געטאָנ:

—וויאזוי רופט מענ דיכ?

געווירע געוואָרנ פונעמ באָכער, אז מע רופט אימ שאָלעמ, האָט ער זיכ אָנגערופנ צו אימ ווייכ, ווי ווײַט ס'איז מעגלעכ געווענ פאר זײַנ לייבנ־שטימ:

---

* רש"י (ראשע). ראָשעטייוועס פונ די ווערטער רעב שלוימע יִצ־כאָקי — א באריִמטער קאָמענטאטער פונ טאנאכ אונ טאלמוד.—ר ע ד .

— הער זשע אויס, שאָלעמ־סערדיצע, גיי זײַ מויכל אהינ אינ צווייטנ ביידער. איכ וועל דאָ מיט מײַנ זונ אָפּריידנ געשעפט. דערנאָך וועל איכ דיר ארײַנרופנ אונ מיר וועלנ א ביסל שמועסנ.

— דאָס צווייטע צימער איז געווענ א זאַל. אייראָפּייִש גערעדט, א מינ וועסטיבול פאר געסט. דאָרט איז געווענ דער באַלעבאָס פונ דער סטאַנציע, א געוועזענער שניט־קרעמער, איצט אפ דער עלטער א באַל־אכסאַניע, מיטנ נאָמענ בערעלע עטלס, א ייִד מיט א בלויער נאָז, מיט רויטע דינע שלענגעלעכ אפ דער נאָז. ער שטייט צונויפגעלייגט די הענט, טוט גאָרניט, נאָר ער רעדט. רעדט פונ די אָרכים, פונ זייערע געשעפטנ אונ פונ זיכ אַליינ, אז „גאָט האָט אימ געשטראָפט, ער דארפ אפ דער עלטער האנדלענ מיט לאָקשנ־יויכ"... זײַנ ייִדענע, א קורצינקע, א האַרינקע, מיט א „מושקע" אפנ קאָפּ אונ מיט געלע פערעלעכ אפנ האַלדז, דרייט זיכ ארומ אינ שטוב אונ שעלט די קינדער זײַנע (זי איז בײַ אימ די צווייטע פרוי), שעלט די דינסט, שעלט די קאַץ, ווײַזט אויס, ניט צעפרידנ מיט דער וועלט — א גרויסע פעסימיסטקע! בײַמ פענצטער, איבער א ביכל, א ראָמאַנ פונ שפּילהאַגענ — זיצט זייער מיזינקעלע, שיינקע בערעלע עטלס, א טעכטערל א יעפּאַסטויאַר מיט א ווײַס קייַלעכיק פּאָנעמ, א מורעדיקע קאָקעטנ. צו איר זײַנענ געקומענ מיט באַזוכ א צוויי־דרײַ יונגעלײַט מיט אונטערגעשוירענע בערד־לעכ — דער סאַמע צימעס פונ דער באָסלעווער אינטעליגענצ. מע פירט א געשפּרעכ פונ ליטעראַטור. דער באַלעבאָס מיט דער בלויער נאָז פירט צו דעמ יונגנ לערער צו דער קאָמפּאַניע אונ שטעלט אימ פאָר: פונוואַנענ ווייסט דער אלטער, ווער דער לערער איז? — בלײַבט א סאָד. ביכדיי ס'זאָל אימ ניט זײַנ לאַנגווײַליק, ווענדט זיכ צו אימ דאָס מיידל די יעפּאַסטויאַר מיט א ליבלעכ שמייכעלע: צי האָט ער געלייענט „נאַ דיוואַנ" פונ שפּילהאַגענ? לאָזט זיכ אויס, אז ער איז קלאָר אינ גאַנצ שפּילהאַגענ. נו, אונ אויערבאַכ? „אויערבאַכ אויכ". נו, אונ „זאַפּיסקי יעווריא" פונ באָגראָוונ"? ער קענ אימ אפ אויסווייניק". אונ דעמ ראָמאַנ „טשטאָ דיעלאַט?" „ווער האָט דאָס ניט געלייענט טשערני־שעווסקי?"... „ווי געפעלט אײַכ די הויפּט־העלדנ?" „ווערא פּאַוולאָוונאַ? וואָס איז פאר א שײַלע!"...

דאָס מיידל די יעפּאַסטויאַר אונ אירע קאַוואַליערנ זײַנענ אנציקט.

איינער פון זיי, א „טשאַסטנע פּאָוויערענע" מיט א קליגנדיקן נאָמען מענדלבאָן, שטשיפּעט זיך בא די וואָנצעלעך, וואָס האַלטן ערשט אין שפּראָצן. עס ווײַזט אויס, אז ער איז פאַרליבט אין דעם מיידל, ווי א קאַץ, און איז דעריבער מאָלע גאַזלען אפ דעם יונגן אוירעך, וואָס איז קלאָר אומעטום, ווי א וואַסער. וואַרפט ער אפ אים מיט בייזע אויגן און ווינטשט אים מיסטאָמע בא זיך אין האַרצן, ער זאָל ברעכן רוק-און-לענד אפן גלײַכן וועג... דאָס גיט צו דעם העלד נאָך מער מוט, און ער שיט מיט פראַזן, ציטירט גאַנצע שטיקער אפ אויסווייניק, מישט גאָר אַרײַן אַזעלכע נעמען, ווי באָקל — „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", און דזשאָן סטיוראַט מילל — „וועגן פרײַהייט"... א באָכערל א מאַסקל פון א פרעמדער שטאָט קומט צווישן מענטשן, באַדאַרף ער אויסלייגן וואָס ער האָט, באַווײַזן וואָס ער ווייסט און וואָס ער קען... און אַקוראַט סאַמע אין דער רעכטער מיט קומט אָן דער אַלטער לאָיעוו מיטן זון יעשוע לאָיעוו און ווערן ניט ווילנדיק צוהערער פון דער לעקציע, וואָס דער יונגער לערער פון פּערעיאַסלעוו לייענט דאָ פאַרן יונגוואַרג. זיי קוקן זיך איבער צווישן זיך און האָבן האַנאָע, זעט אויס. דערנאָך טוט אים א רוף דער אַלטער לאָיעוו:

— הער נאָר אויס, כעוורעמאַן, וואָס איך'ל בא דיר פרעגן. מײַן זון זאָגט מיר, אז דו ביסט אין אונדזערע יידישע ספאָרים ניט ווינציקער קלאָר, ווי אין זייערע ביכער. כ'האָב געוואָלט הערן פון דיר, „צי געדענקסטו נאָך, וואָס ראַשע וויל האָבן פון די בנות צלפחר*"...

און עס גייט אוועק א שמועס פון רש"י. פון רש"י קומט מען אַרופּ אפ ד"ר געמאָרע. און עס גייט אוועק א פּילפּל פון לאָמדעס און פון קענטע[...] און פון האַסקאָלע, ווי געווינלעך צווישן יידן, וואָס זײַנען היי[...] אין די קליינע אויסיעם...

דאָס [...]ט אַרויס א סענסאַציע. דער פוראָר איז אַזוי גרויס, אז דער אַלט[ע] לאָיעוו לייגט אַרופ אפ אים די האַנט און זאָגט צו אים:

— [...] די אַלע לערנעכצן און קענטעניש[ן] האָבן מיר שוין געזען, אז עס קומט צו עפּעס, לעמאָשל, א קוויטל אָנשרײַבן, איז ניטאָ קיין לאָשן... א סימען — אָט שטייט א טינט און פען: נעם, זײַ מוייכל,

* „בנות צלאָפכאָד" — צלאָפכאָדס טעכטער, א מויסע פון בומעש.—ר ע ד.

שרײַב מיר אָנ א בריוו אפ רוסיש אינ דער צוקער־פאבריק צו דעם דירעקטער, אז מע וועט אימ ניט צושטעלנ מער קיינ בורעקעס, ביז ער וועט ניט צושיקנ אזוי פיל אונ אזויפיל געלט...

פאַרשטייט זיכ, אז דאָס בריוול איז געווענ מער ניט ווי אנ אָנשטעל, אנ אויסרייד, א מינ עקזאמענ. דאָס אָנגעשריבענע בריוול איז געגאַנגענ פונ האַנט צו האַנט, אונ אַלע האָבנ באַוווּנדערט די זעלטענע האַנטשריפט, די קאַליגראַפיע פונעם באָכער. דאָ איז אימ בײַגעשטאַנענ דער זכות פונ זײַנ רעבנ מאָניש פונ פערעיאסלעוו. דער מעלאַמעד רעב מאָניש וואָלאָוו, וואָס האָט זיכ באַרימט געמאַכט מיט זײַנ „בײַנדל‟, איז געווענ א זעלטענער קאַליגראַפ. א מינ קינסטלער פונ דער נאַטור. א גאָלדענע האַנט. מיט זײַנ געשריפטס האָט מענ זיכ ארומגעטראָגנ איבער דעם שטאָט. ער האָט געמאָלט, ניט געשריבנ. געווענ א ייִד א קאָשערער, א גרויסער יערייִשאָמאַיִם, אונ ניט פאַרשטייענדיק קיינ וואָרט רוסיש, האָט ער קאָנקורירט מיטנ שרײַב־לערער פונ דער „אויעזדנע‟. עס איז געווענ ניט צו גלייבנ, אז א האַנט, ניט א מאַשינ, זאָל אזוי קאָנענ שרײַבנ! די טאַלמידימ, אונ צווישנ זיי אויכ ראַבינאָוויטשעס קינדער, האָבנ נעבעכ גענוג געליטנ פונ רעב מאָנישעס „בײַנדל‟. זיי האָבנ אָבער א סאַכ גענאַשט פונ זײַנ קאַליגראַפיע, פונ זײַנ שיינ רוסיש שרײַבנ, וועלכעס האָט זיי מיט דער צײַט געבראַכט גרויסע נוצנ...

דערמיט אַלייִנ האָט זיכ דער עקזאַמענ נאָכ ניט געענדיקט. דער אַלטער לאָיעוו האָט פאַרלאַנגט פונ יונגנ לערער. ער זאָל זיכ מאַטריעכ זײַנ דאָס אייגענע בריוועלע איבערזעצנ אינ העברייִש, „ווײַל דער דירעקטער פונ דער צוקער־פאַבריק איז א ייִד‟... אזוי האָט דער אַלטער מאָטיווירט דעם פאַרלאַנג, אונ פאַרשטייט זיכ, אז דאָס איז אויכ געווענ שייעכ צומ עקזאַמענ... אונ ניט לאַנג געטראַכט, האָט דער לערער דאָס בריוול איבערגעזעצט אינ העברייִש, מעליצעדיק, אזוי געפלײַסט זיכ, אז דאָס קסאַוו זאָל זײַנ וואָס שענער, געקינצלט אונ געצוקט, די שורעס געדיכט, אויסגעמאָסטנ, פערלדיק אונ צאַצקעדיק. דאָ האָט זיכ שוינ געמיט דער זכוס־אָוועס פונ נאָכ א פריִערדיקנ מעלאַמעד, פונ רעב זאָרעכנ. דאָס, וואָס דער רעבע מאָניש איז געווענ אינ רוסיש, איז דער רעבע זאָרעכ געווענ אינ ייִדיש.

בעקיצער דער לערער האָט דעם אימפּראָוויזירטן עקזאמען אויסגעהאלטן גלענצנד. פאר קוראזש דרייט זיך אים אזש דער קאָפּ. ער פילט, אז עס פלאמט אים אן אויער. די פאנטאזיע כאפּט אים ארופּ אפ אירע פליגלען און טראָגט אים אוועק אין דער וועלט פון זיסע כאלוימעס און קישעפדיקע געדאנקען. ער זעט זיך א גליקלעכן, א שיינענדיקן. יענער כאָלעם פונעם „אויצער" הייבט אָן מעקוייעם צו ווערן און גאָר אפ א נאטירלעכן אויפן: ער קומט צו פאָרן אפן אָרט, אזוי שטעלט ער זיך פאָר אין דער פאנטאזיע, באקענט זיך מיטן אלטן לאָיעווס טאָכטער... זיי פארליבן זיך איינס אין דאָס אנדערע און דעקן אופ זייער סאָד פארן אלטן... דער אלטער לייגט ארופ אפ זייערע קעפּ זיינע הענט און בענטש זיי: „זייט גליקלעך, ליבע קינדער!".. שרייבט דער באָכער אוועק א בריוו צו זיין טאטן קיין פערעיאסלעוו: „אזוי און אזוי, ליבער פאָטער, קום צו פאָרן"... און מע שיקט ארויס נאָך אים א פאעטאָן מיט ברענענדיקע פערד... און סאמע אין רעכטן כאָלעם שלאָגט מען אים איבער. דער אלטער לאָיעוו גייט צו צו אים, רופט אָפּ דעם באָכער אפ א זייט און הייבט אָן צו ריידן מיט אים מיקויעך „אכצן און דרייצן". דאָס הייסט, וועגן געצאָלטס. „עפשער וועלן מיר דאָס איבערלאָזן אפ אן אנדערש מאָל, אפ שפּעטער?" „לאָז זיין אפ אן אנדערש מאָל, אפ שפּעטער"... און ער פילט זיך, ווי א מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס זיך איינגעדרימלט און געפלאָנטעט כאלוימעס — פלוצעם איז מען געקומען און מע האָט אים אופגעוועקט!... ווי א רויך זיינען זיך צוגאנגען די זיסע כאלוימעס. ווי א שאָטן האָט זיך אופגעהויבן די צעווארעמטע פאנטאזיע, און דער גאנצער קישעף מיטן אויצער, מיט אלע גוטע זיסע געדאנקען, זיינען פארשוווּנדן געוואָרן.

— — — — — — — — — — —

דערווייל ווערט נאכט און מע דארף שוין פאָרן. פון דער שטאָט באָסלעוו ביזן דאָרף איז נאָך דאָ א פאָר מייל. צוויי שאָ פאָרעכץ. די פערד שטייען שוין געשפּאנט, אנדריי דער קוטשער טראָגט א גאנצע וואליזע אין פאעטאָן אריין, אין דרויסן איז קילבלעך.

— אָט אזוי וועסטו פאָרן? — זאָגט דער אלטער לאָיעוו צום לערער. — דו גייסט דאָך אָדאָמ־נאקעט; וועסט דערפרוירן ווערן, צו אלדי גוטע יאָר!

אנדריי שלעפּט ארויס פונ אונטער זיכ א ווארעמע וואָלענע בורקע. דער אלטער אליינ העלפט דעמ לערער די בורקע אָנטאָנ אפ די ארבל. די בורקע איז רעכט ווארעמ און עס איז איינגענעמ אינ איר צו זיצנ. נאָר עס גייט אימ ניט איינ. וואָרעמ דאָס מיידל, שיווקע בערעלע עטלס, מיט אירע קאוואליערנ שטייענ באמ פענצטער און זעענ, ווי דער אלטער טוט אימ אָנ די בורקע. עס דאכט זיכ אימ אויס, אז זיי לאכנ... און פארנ קוטשער, פאר אנדרייענ, איז אויכ א ביזאָיענ, וואָס טראכט זיכ וועגנ אימ אָט דער גוי?..

67. א ייד א גוטבאזיצער

א ייִדיש-פּריציש הויז. — ער לערנט זיכ דעמ שולכנאָרעכ פונ עטיקעט. — דעמ אלטנ לאָיעווס ביבליאָטעק. — א זעלטענער טיפּ פונ א ייִדישנ גוטבאזיצער.

עס איז שוינ געווענ רעכט נאכט, אז זיי זײַנענ ארײַנגעפאָרנ אינ דאָרפ ארײַנ אלע דרײַ: דער אלטער לאָיעוו, זײַנ זונ דער מאסקל יעשועַ און דער יונגער לערער פונ פּערעיאסלעוו. דורכגעפאָרנ פארבײַ א סאכ נידעריקע פינצטערע ייִדישע הײַזלעכ און דורכגעלאָזט א גרויס ברייט גרינ פעלד — א „וויגאָנ״ ווערט דאָס אָנגערופנ אינ דאָרפ — און א גרויסנ „טויק״ מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי און נאָכ ניט געדרעשט ברויט, האָט זיכ דער פאעטאָנ אָפּגעשטעלט באַ א גרויסנ ברייטנ פּריצישנ הויפ. דער קוטשער אנדריי האָט נאָכ ניט באוויזנ אָפּצושטעלנ די פערד, האָט זיכ דער הילצערנער טויער אליינ ברייט צעעפנט. באמ טויער איז געשטאנענ א גוי אָנ א היטל. דער גוי האָט זיכ טיפ פארנייגט פארנ באלעבאָס און דורכגעלאָזנ דעמ פאעטאָנ, וועלכער האָט זיכ נאָכ א ווײַלע געקײַקלט ווי אפ א ווייכנ טאפעט און איז צוגעפאָרנ צו א גרויסער, ברייטער, ניט קיינ הויכער, ווײַסער פּריצישער שטוב, דאפּקע מיט שטרוי געדעקט און מיט צוויי גרויסע גאַניקעס באַ די זײַטנ. פונ יענער זײַט שטוב — א גאָרטנ. אינוויינִיק איז די שטוב, ווי אויסוויינִיק, געקאלכט מיט ווײַסנ. פּראָסט מעבלירט. א סאכ פענצטער. כאָדאָרימ — אָנ א שיר. אינ שטוב דרייענ זיכ ארומ

דינסטנ מיט שטילע טריט, אזוי ווי שאָטנס. אפ די פיס בא זיי — וויבע שיכ, ס'זאָל ניט קלאפנ. קיינער וואגט ניט א וואָרט אויסצוריידנ, ביים דער אלטער איז אינדערהיים. א שטרענגע דיסציפּלינ. ריידנ הערט מענ נאָר אימ אליינ, דעמ באלעבאָס, זיינ לייבנ־שטימ קלינגט, ווי א גלאָק. אינעמ ערשטנ גרויסנ ביידער, בא א לאנגנ, שיינ געדעקטנ טיש, איז געזעסנ א פרוי, א יונגע, א הויכע, א שיינע. דאָס איז דעמ אלטנס וויב, די צווייטע פרוי. נעבנ איר איז געזעסנ א מיידל פונ א יאָר דרייצנ־פערצנ, זייער איינציקע טאָכטער, א קאָפּיע פונ דער מוטער. דער אלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעמ יונגנ לערער אונ מע האָט זיכ געזעצט עסנ וועטשערע.

דאָס איז געווענ דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פונ דער ביאָגראפיע האָט זיכ געפונענ בא אנ אריסטאָקראטישנ טיש, ווו דאָס עסנ קומט פאָר מיט דער גאנצער צערעמאָניע, סערווירט פונ א לאקיי מיט ווייסע הענטשקעס. דער לאקיי איז א פראָסטער שייגעצ מיטנ נאָמענ „וואנקא“, נאָר דער אלטער האָט אימ אויסגעקלייהט אונ אויסגעדרעסירט אפנ פריצישנ שטייגער. פאר א מענטשנ, וואָס איז ניט געוווינט געוואָרנ צו א סאכ טעלער אונ טעלערלעכ, לעפל אונ לעפעלעכ, גלעזער אונ גלעזעלעכ, איז שווערלעכ אויסצוהאלטנ אזא אריסטאָקראטישנ טיש אונ ניט פארזינדיקנ זיכ קעגנ אלע פאָדערונגענ פונ עטיקעט. מע 'דארפ זיינ אפ דער וואכ, האלטנ קאָפּ... מע מוז זיכ מוידע זיינ, אז דער באָכער האָט ביז דעמאלט ניט אָנגעהויבנ צו וויסנ, אז ווענ מע זיצט באמ עסנ, באדארפ מענ אָפּהיטנ דעמ גאנצנ שולכנ־אָרעכ פונ עטיקעט, וואָס אינ א געוויינלעכער יידישער שטוב איז מענ אפ דעמ ניט מאקפיד. אינ א געוויינלעכער יידישער שטוב עסנ אלע פונ איינ טעלער, טונקענ איינ די פרישע כאלע אינעמ פעטנ סאָוס, אָדער עסנ גאָר מיט די הענט. אינ א באלעבאטישער יידישער שטוב, ווייסט מענ ניט פונ קיינ באזונדערע דינימ אונ מינהאָגימ, וויאזוי צו זיצנ באמ טיש אונ צו באדינענ זיכ מיטנ לעפל, מיטנ מעסער אונ מיטנ גאָפּל. אינ א באלעבאטישער יידישער שטוב איז גענוג, אז מע ווייסט, אז מע באדארפ איבערלאָזנ אינ טעלער א שטיקל פיש אָדער פלייש „אפ דערעבערעצ“. וויטער מעג מענ זיצנ וויאזוי מע וויל, עסנ וויפל מע וויל אונ רייניקנ די ציינ מיטנ גאָפּל איז אויכ אָנ א סאקאָנע. ווער זאָגט

עס רעדן, אז ס'איז פאראן ערגעץ א מין עטיקעט אף דער וועלט? ווער און וווּ האט דאס אזא שולכנארעך אמאל געשריבן? ניין, די אלע דינים און מינהאגים פון עטיקעט האט דער יונגער רעפעטיטער אין ערגעץ ניט אויסגעלייענט. ער האט נאר אין זינען געהאט איין זאך: אז מע דארף נאכקוקן, וואס אנדערע טוען — ניט מער. פארשטייט זיך, אז קיין האנאע פון דעם עסן קאן מען ניט האבן, אז מע דארף שטענדיק זיין אף דער וואך, שטענדיק אכטונג געבן, טאמער האב איך געכאפט אן איבעריקן ביסן, אדער טאמער האב איך דאס מעסער מיטן גאפל ניט געהאלטן ווי עס געהער צו זיין, אדער טאמער האב איך צו א שטארקן זופ געטאן, אדער טאמער האט עמעצער געהערט ווי איך קײַ... האנקען גאט, דעם עקזאמען פון עטיקעט האט דער לערער אויך אויסגעהאלטן גלענצנד, נאר פונעם טיש איז ער די ערשטע עטלעכע מאל אוועקגעגאנגען א הונגעריקער. נאך די אלע שיינע צערעמאניעס, פילע פאטראוועס און אויסגעצייכנטע מײַכאָלים האט זיך שטארק געבענקט נאך א שטיקל פרייש ברויט מיט הערינג און מיט ציבעלע, און נאך הייסע זאמדיקע קארטאפל אין די העמדלעך, און נאך א גוטע קרויט, וואס לאזט זיך הערן דערנאכדעם א גאנץ מעסלעס... עס האט געמוזט נעמען צײַט, ביז ער האט זיך צוגעוווינט צו דעם רעזשים פון צירלעך־מאנירלעך. דערווײַל האט דער באכער געמוזט, ווי עס רעדט זיך, נאכשטיפן די קארעטע, „האלטן שטאט“, ניט ארויסגעבן זיך כאלילע מיט זײַנע דעמאקראטישע גענג און פראָלעטארישע געוווינהײַטן, מיט איין וואָרט — ז ײַ ן ג ל ײַ ך מ י ט א ל ע. און דעם עמעס מוז מען זאגן, אז מע האט דא געקוקט אף אים פון ערשטן טאג אן ניט ווי אף א פרעמדן, נאר ווי אף א גלײַכן, אן אייגענעם. פארט א „טאטנס א קינד“. אזוי האט געפאסקנט דער אלטער און האט גאנץ אפנטלעך ארויסגעזאגט זײַן מיינונג וועגן דעם לערער אים אין די אויגן, אז ער, דער לערער, איז א „טאטנס א קינד“. און א „טאטנס א קינד“ באדארף מען אנדערש באהאנדלען.

קוידעמקאל, האט מען אים אפגעגעבן א באזונדער כיידער, צוגעקליבן פראסט, נאר מיט אלע באקוועמלעכקײַטן און מיט דער בעסטער באדינונג. דארט האט ער געהאט גענוג צײַט און גענוג פרײַהײַט צו טאן וואס ער וויל. לערנען מיט דער שילערן איז גענוג געווען אזעל־

כע צוויי־דריי שעה אין טאָג. די איבעריקע צײַט האָט ער געקאָנט אויסנוצן פאר זיך — לייענען ביכער אָדער שרײַבן. און געלייענט האָט ער אלץ, וואָס ס'איז געקומען צו דער האנט. דער אלטער האָט אליין געהאט ליב צו לייענען און האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט צו קויפן אלעמאָל נײַע ביכער. און אזוי ווי קיין אנדער שפּראך, אחוץ העברעיִש, האָט דער אלטער ניט געלייענט, איז זײַן ביבליאָטעק באשטאנען מײַסטנס פון העברעיִשע ביכער (ייִדיש איז נאָך דעמלט ניט געווען אין דער מאָדע). קאַלמען שולמאַן, מאַפּו, סמאָלענסקין, מאַנדעלקערן, גאָטלאָבער, יעהאַלעל, יצחאָק בער לעווינזאָן, מאָרדכע אַרן גינזבורג, יצחאָק ערטער, דאָקטאָר קאַמינער, כאַיִם זעליק סלאָנימסקי, — אָט דאָס זײַנען געווען די נעמען פון די שרײַבער, וואָס האָבן באַשײַנט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישן מאַגנאַט, דעם פּאַסעסער לאָיעוו. אין די אלע אויסגערעכנטע ביכער איז דער אלטער לאָיעוו געווען קלאָר קימאַט אויף אויסווייניק און האָט ליב געהאט זיי ציטירן און דערציילן פון זיי אלעמאָל איבעראנײַס. עס איז זעלטן געווען צו באַגעגענען אַ מענטשן מיט אזאַ זיקאָרן און מיט אזאַ קויעך האַדיבער, ווי דער אלטער לאָיעוו. ער האָט געהאט אַן עמעסן טאַלאַנט אויף איבערצודערציילן אַ זאַך מיט זײַן אייגענעם לאָשן. איך וואָלט געזאָגט, אז ער איז געווען אַן אָראַטער. ער האָט געהאט אין זיך אַ גוזמע הומאָר. זײַנע מײַסעס זײַנען געווען שפּאַנענדיק. אַ מענטש פון גרויסע דערפאַרונגען און אַ סאַך איבערלעבענישן, האָט ער געהאט צו דערציילן, און אלעמאָל מיט גרויסן אינטערעס. ער האָט ניט נאָר דערציילט — ער האָט געדיכטעט, געשאַפן, געמאָלט בילדער מיט אלערליי פאַרבן. דאָרט, ווו ער האָט זיך געפונען, האָבן געמעגט זײַן ווער ווייסט וויפל מענטשן, האָט מען געהערט נאָר אים, און ווײַטער קיינעם ניט.

ביכלאַל איז דאָס געווען אַ זעלטענער טיפּ, אַ גרויסער אָריגינאַל, אַ ייִד ניט ווי אלע ייִדן. אויסגעוואָקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ פרומער ייִדישער שטוב, אין אַ ייִדישער שטאָט, אין באָסלעוו, — איז געווען צו באַוואונדערן, וויאזוי איז דאָס אויסגעוואָקסן פון דאָרטן אזאַ מין עקזעמפּליאַר? ווי קומט צו אַ באָסלעווער ייִדן גאָר אַ האַסאָגע צו פירן אַ פּריצישן שטאַט, ליב האָבן ערד און אָפּגעבן זיך אינגאַנצן צו פעלדאַרבעט? עס איז ווערט געווען אָנצוקוקן אים אין אַ פרימאָרגן,

אָנגעטאָנ אינ הויכע גלאנצנדיקע באָטפאָרטנ אונ אינ א קורצ סאמעטנ רעקל ביז די קני, שטיינ אפנ טײַכ בא דער דרעשמאשינ, קאָמאנדעווענ מיט די ארבעטער אונ ווארפנ די סנאָפעס אינ קאסטנ ארײַנ, אָדער דרייענ די „ווייעלקע", אָדער ווארפנ מיט דער „רעשעטע". אומעטומ איז ער געווענ אליינ: באמ אקערנ, באמ זייענ, באמ פאָליענ, באמ גראָבנ, באמ שנײַדנ, באמ ארײַנפירנ אונ ארויספירנ די טוווע, בא די פערד, בא די אָקסנ, בא די בעהיימעס—אומעטומ אליינ. קריסטנ האָבנ אָפנטלעכ ארויסגעזאָגט, אז בא דעמ יידנ באחארפ מענ זיכ גיינ לערנענ, וויאזוי צו פירנ באלעבאטישקײַט, ווי צו באארבעטנ די ערד אפנ בעסטנ שטייגער אונ ווי צו באגיינ זיכ מיט די ארבעטער, אז זיי זאָלנ זײַנ צופרידנ. אלע מוזשיקעס פונ דאָרפ, אָנ א שומ אויסנאמ, זײַנענ געווענ נאָכ אימ די קאפאָרע. ניט נאָר האָבנ זיי פאר אימ געהאט דרעכערעצ,— זיי האָבנ אימ ליב געהאט, פאָשעט ליב געהאט, דערפאר וואָס ער איז זיכ באגאנגענ מיט זיי, ווי א מענטש. אזא מינ באנעמונג האָבנ די גוייִמ קיינמאָל ניט געזענ פונ די פריערדיקע באלעבאטימ, פונ די פוילישע פריצימ. מע דארפ געדענקענ, אז דער עלטערער דאָר מוזשיקעס האָבנ נאָכ ניט פארגעסנ דעמ טאמ פונ „פאנשטשינע". אפ זייערע לײַבער האָבנ זיי נאָכ געטראָגנ סימאָנימ פונ שמיצ. אונ דאָ באגייט מענ זיכ מיט זיי, ווי מיט מענטשנ, ניט ווי מיט „סקאָט". הײַנט דער צוטרויענ, וואָס זיי האָבנ געהאט צומ באלעבאָס. זעלטנ ווער פונ זיי אינעמ דארפ האָט געקאָנט צונויפרעכענענ, וויפל עס באטרעפט צוויי מאָל צוויי. באמ כעזשבנ האָבנ זיי זיכ אינגאנצנ פארלאָזט אפנ אלטנ. זיי זײַנענ געווענ זיכער, אז ער וועט זיי ניט אָפנארנ אפ קיינ פרוטע אפילע.

אזעלכע פעלד־באלעבאטימ, ווי דער אלטער לאָיעוו, זײַנענ אינ יענעמ געגנט, ווי אויכ אינ אנדערע געגנטנ פונ דער ניעבענטשמער „טשערטא" געווענ ניט קיינ זעלטנהײַט. באָסלעווער, קאניעווער, שפאָלער, רזשישטשעווער, טאראשטשער, זלאטאָפאָלער, אומאנער אונ נאָכ א סאכ אנדערע יידנ האָבנ זיכ א לאָז געגעבנ פונ די קליינע שטעטלעכ אינ דאָרפ ארײַנ, אָפגעדונגענ גרויסע אונ קליינע פאסעסיעס, גענומענ אינ דער ארענדע פריצישע פאָלווארקעס, באוויזנ וווּנדער, געמאכט פונ שלעכטער ערד, פונ פארלאָזענע כורוועס אנ עמעסנ גאניידנ. דאָס איז

ניט קיינ איבערטרײַבונג, קונ גוזמע־זאַכ. די דאָזיקע ווערטער האָט דער פּאַרפּאַסער פונ די דאָזיקע קסאָווימ אַליינ געהערט פונ אַ באַרימטנ רוסישנ פּאָמעשטשיק מיטנ נאָמענ וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש סמערענקאָ, מיט וועלכנ דער אַלטער לאָיעוו איז געשטאַנענ אינ נאָענטע געשעפטס־פאַרבינדונגענ און מיט וועלכנ מיר וועלנ זיכ נאָכ באַגעגענענ. מיט איינעמ וואָרט — איר האָט פאַר זיכ אַ טיפּ פונ אַ ייִדנ אַ פּאָרעצ, אַ ייִדנ אַ פּאָמעשטשיק.

68. דאָס לעבנ אינ דאָרפ

דאָס דאָרפ „סאַפּיִעווקע”.—דער מעכאַבער פונ די באַשרײַבונגענ באַקענט זיכ מיט דער דרויסנדיקער וועלט.—דרײַ גוטע יאָרנ.—דער לערער מיט דער שילערנ ווערנ נאָענט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. — באַ די ביכער, אַפנ פעלד און באַ די שכיינימ.

דאָס דאָרפ, וווּהינ דער פּאַרפאַסער פונ די דאָזיקע געשיכטעס איז געבראַכט געוואָרנ, האָט געהערט צומ גראַפ בראַניצקי און האָט זיכ אָנגערופנ מיט נאָמענ סאַפּיִעווקע. געבראַכט איז ער געוואָרנ אַהער אַלס אָנגעשטעלטער, אַלס לערער, אַפ אַ קורצע צײַט, און איז שוינ פאַרבליבנ דאָ אַפ שטענדיק. דאָ האָט ער געפונענ זײַנ צווייטע היימ. דאָ האָט זיכ פאַרזיגלט, ווי מיר וועלנ דאָס ווײַטער זענ, זײַנ גליק און זײַנ לעבנ אַפ אייביק... דערווײַל האָט ער אַלס לערער פאַרבראַכט אינ דעמ דאָרפ עטוואָס קאַרגער פונ דרײַ יאָר. די דאָזיקע דרײַ יאָר מעגנ פאַרצייכנט ווערנ אַלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקלעכסטע פונ זײַנע יאָרנ. מע קאָנ זאָגנ, אַז דאָס איז געווענ בעעמעס דער פרילינג פונ זײַנ לעבנ. דער פרילינג אינ אַלע אויפאַנימ. דאָ האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגנהײַט נעענטער צו באַקענענ זיכ מיט דער נאַטור, מיט גאָטס וועלט, מיט גאָטס ערד. מיט דער ערד, פונוואַנענ מיר זײַנענ אַלע געקומענ און וווּהינ מיר אַלע זײַנענ אָנגעגרייט אַוועקצוגיינ. דאָ האָט ער דערזענ, פאַרשטאַנענ און דערפילט, אַז אַנדערער אָרט איז דאָ, אַפ דער נאַטור, און ניט נאָר אָט דאָרטנ אינ דער שטאָט. דאָ איז ער געקומענ צו

דער איבערצײַגונג, אז מיר זײַנען א טייל פונ דער גרויסער הרויסנדיקע־
וועלט, אונ אז מיר האָבנ אלעמאָל געבענקט אונ וועלנ טאָמער בענקענ
נאָכ דער מוטער־ערד. אז מיר האָבנ אלעמאָל ליב געהאט אונ וועלנ טאָ־
מעד ליב האָבנ די נאטור. אז עס האָט אונדז אלעמאָל געצויגנ אונ עס
וועט אונדז טאָמער ציִענ אינ דאָרפ ארײַנ. איכ וויל האָפנ, אז דער גוט־
האַרציקער לעזער וועט מיר איצטיקס מאָל מויכל זײַנ פאַר מײַנ קורצע
האקהאָמע. איכ קאָנ מיכ ניט דערמאָנענ אָנ דעמ דאָרפ אונ ניט ארויס־
זאָגנ די געפילנ, וואָס זײַנענ מיט דעמ פארבונדנ. אונ האָב איכ שוינ
ארויסגעזאָגט, קאָנענ מיר שוינ אריבערגיינ צומ דאָרפ גופא אונ געבנ
א געניִיע באשרײַבונג פונעמ דאָרפישנ גליקלעכנ לעבנ.

געשלאָפנ אינ א גרויס ליכטיק צימער בא פארמאכטע לאָדנ, כאַפּט
זיכ אופ דער לערער אינדערפרי, טוט א שטופּ מיט דער האנט פונ זיכ —
עפנט זיכ אופ דאָס פענצטער מיטנ לאָדנ אינאיינעמ, אונ עס רײַסט
זיכ ארײַנ א סנאָפּ ליכט, מיט א ווארעמקייט פונ דער זונ, מיט אנ אראָ־
מאט פונ רעזעדא, אויסגעמישט מיט א רייעכ פונ מיענטע אונ פונ
פאָלינ, מיט נאָכ פארשיידענע מינימ רייכעס פונ גראָזנ, וואָס מע
ווייסט ניט זייערע נעמענ. די גראָזנ זײַנענ, זאָגט מענ, דאָ געוועננ אמאָל
פארזייט פונעמ גראַפ בראַניצקי. נאָר איצט וואקסנ זיי אליינ פונ זיכ,
אינאיינעמ מיטנ פּראָסטנ בוריאַנ, שטעכלקעס אונ קראָפּעווע. אינ מיטנ
זומער זײַנענ די גראָזנ אזוי הויכ געוואקסנ, אז דער לערער מיט דער
שילערנ זיינענ ניט איינ מאָל נעגאנגענ ביז איבערנ האלדז אונ
האָבנ זיכ געקאָנט באהאלטנ איינס פונ דאָס אנדערע אונ זיכ נאָכדעמ
לאנג זוכנ אונ — געפינענ. פונעמ אופעפענענ דאָס פענצטער האָט א
קוואקעדיקע הונ מיט איר מישפּאָכע זיכ ספּאלאָשעט אינ א ביסל אָפּ־
געטראָטנ אפ א זײַט. זי האָט זיכ אָבער באלד אומגעקערט צוריק, גע־
שארט אונ געפּיקט אינ מיסט אונ געלערנט אויכ די קליינע הינדעלעכ,
וויאזוי צו שארנ אונ צו פּיקנ.

דאָס אופשטיינ, דאָס אָנטאָנ זיכ מיטנ אײַנוואשנ זיכ נעמט ניט
קיינ סאכ צײַט, אונ עס איז נאָכ גאָרניט אזוי שפּעט. נאָר אז דער
לערער קומט ארויס, טרעפט ער שוינ קיינעמ ניט אינ שטוב. דער אל־
טער לאָיעוו איז שוינ לאנג בא דער ארבעט אפנ „טויק”, פונוואנענ עס
לאָזט זיכ הערנ דאָס גראגערנ פונ דער דרעש־מאשינ. דעמ אלטנס

פֿרוי איז בײַ די אינדיקעס, בײַ די גענדז מיט די קאַטשקעס און די אײַ־
בעריקע אויפֿעס — אַ גאַנצע מלוכה פֿון אויפֿעס! פֿון די ברייטע פֿעל־
דער ציִען זיך פּאַוואָליע גרויסע אָקסנפֿורן מיטן אָפּגעשניטענעם ברויט.
פֿונדערווײַטן קאָן מען כאַפּן מיטן אויג דעם לאַן מיטן ווייץ. אַ טאַכ
איז שוין אָפּגעשניטן און צונויפֿגעלייגט קופּעסווײַז אין די סנאָפּעס.
און אַ טאַכ שטייט נאָך אין די געלע צײַטיקע זאַנגען, רירט זיך און
שאָקלט זיך כוואַליעסווײַז פֿון אַ גרינג ווינטעלע, וואָס לויפֿט פֿאַרבײַ. אויף
יענער זײַט לאַן, דאָרט וווּ עס ענדיקט זיך דאָס ברויט, הייבן זיך אָן
די גרויסע גרינע בלעטער פֿון די בוריקעס, וואָס וואַקסן גלײַכע שור־
עסווײַז. צווישן זייערע רייען, גאַנץ שיטער, שטייען, ווי סאָלדאַטן
אויף דער וואַך, די הויכע „סאָנישניקעס" מיט די גרויסע געלע קוטש־
מעס. פֿייגעלעך האָבן ליב צו קלײַבן זיך אַרום די סאָנישניקעס און
אַרויספּיקן פֿון זיי אײַנציקווײַז די נאָך ווײַסע, נאָר שוין זיסע סע־
מעטשקעס. נאָך ווײַטער גייט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדל מיטן
נאָמען די „טורטשינאַ". דעמלט, ווען די פּריצים זײַנען דאָ געזעסן,
איז מען געגאַנגען אַהער שיסן, „נאַ פּאָליוואַניע". איצט, אַז די פּאַ־
סעקע האַלט אַ ייִד, קאָנען די אומשולדיקע האָזן און גאָר די נע־
שאָמע שולדיקע פֿייגעלעך זײַן גאַנץ רויִק. פֿון דעם וועלדל האָט דער
אַלטער לאָיעוו אַרויסגעפֿירט אַ היפּש ביסל געהילץ און האָט אָנגע־
בויט שטאַלן מיט שטעלכעלעך, קאַמערן מיט קעמערלעך, אַמבאַרן פֿאַר
טווּ־ע און סאַראַיען מיט "סטאַניעס פֿאַר אָקסן און פֿאַר פֿערד, און
וועגן און שליטנס און נאָך זאַכן וואָס ווערן אָנגערופֿן מיט איין אַל־
געמיינעם נאָמען: „רעמאָנענט".

נאָכן ערשטן אָנבײַסן און נאָך דער ערשטער שטונדע מיט דער
שילערן נעמט דער לערער אַ שפּאַציר אין גאָרטן, אַמאָל אַליין און
אַמאָל אינצווייען, טאַקע מיט דער שילערן. עס איז שווער צו זאָגן,
ווען איז דער גאָרטן שענער: צי אַרום שוועס־צײַט, ווען די ביימער
האַלטן אין רעכטן בליִען? צי דעמלט, ווען עס האָבן זיך נאָרוואָס
אָנגעהויבן צו רויטלען די ווײַמפּערלעך מיט די אַגרעסן? צי העט שפּעט,
שוין סאָף זומער, ווען די עפּל הייבן אָן אַליין צו פֿאַלן און עס בלײַבן
די פֿאַרשפּעטיקטע קײַלעכיקע שוואַרצע פֿלוימען, וואָס מע רופֿט זיי
„טשערקוסן"? אין יעדער צײַט האָט זיך דער גאָרטן זײַן רייץ מיט זײַן

ביינ. אינ יעדער צייט געפינענ די שפּאַצירנדיקע, דער לערער מיט דער שילערנ, עפּעס נייעס. מעגנ זיינ די אָגרעסנ נאָכ גרינ אַזוי ווי גראָז אונ זויער אַזוי ווי עסיק — מאַכט ניט אויס. מע צעשטעכט זיכ די הענט אונ מע רייסט אַרויס די גרעסטע פונ זיי, די, וואָס הענגענ אַראָפּ אונ לייכטנ זיכ דורכ אַפ דער זונ. אונ ווער שמועסט אַ ביסל שפּעטער, ווענ די וויינפּערלעכ גיסנ זיכ אָנ מיט רויטנ ווינ אונ בלישטשענ אַפ דער זונ, — דעמלט בעטנ זיי זיכ, מע זאָל פּאַרזוכנ נאָכ אַ בינטל אונ נאָכ אַ בינטל. מע פּאַרזוכט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערנ אַנליק די ציינ. דאָס אייגענע איז מיט די ווײנשל אונ מיט די קאַרשנ אונ מיט די אַלע איבעריקע אויבסטנ אונ פּיירעס, וואָס קומענ אוּפ אונ ווערנ צייטיק ניט אַלע אַפּ איינ מאָל. עמעס, דאָס זיינענ אַלצ אַזעלכע זאַכנ, וואָס מע קריגט דאָס אינ שטאָט אויכ, וואָס מע קאָנ עס קויפנ פּאַר געלט. עס האָט אָבער ניט דעמ טאַמ מיט דעמ רייעכ, ווי ביים איר רייסט דאָס אַליינ אַראָפּ פונעמ בוימ. ביפּראַט, אַז איר זייט ניט אַליינ, נאָר אינצווייענ מיט אַ מיידל, וואָס איז אייכ ליב אונ טייער, מיט אַ מיידל, וואָס איר זייט איר ליב אונ טייער, ווי אַנ אייגענער, ווי אַ ברודער...

ווי דענ האָט די שילערנ אַנדערש געקאָנט זיכ באַציִענ צומ לערער, אַז ניט ווי צו אַ ברודער, ווענ אירע פּאָטער אונ מוטער האָבנ זיכ באַצויגנ צו אימ, ווי צו אַ קינד? עס איז ניט געווענ קיינ שומ אונטערשייד באַ זיי צווישנ אימ אונ צווישנ זייערע אייגענע קינדער. אַזוי ווי די אייגע־נע קינדער, אַזוי האָט דער לערער זיכ געבאָדנ אינ גוטס, ניט גע־ווּסט פונ קיינ נויט אונ פונ קיינ זאָרג אונ פונ דעמ, וואָס געהער זיכ אָנ מיט געלט. דאָס מינ געלט האָט אינ יענער שטוב ביכלאַל ניט עק־זיסטירט דאָס הייסט, געלט איז געווענ אַ סאַכ, גאָר אַ סאַכ. נאָר קיינער, אויסער דעמ אַלטנ, האָט ניט געוווּסט דעמ ווערט פונ דעמ אונ ניט געפּילט, אַז עס פּעלט. אַלצ איז געווענ גרייט אונ אַלצ פונ דער פולער ברייטער האַנט. דאָס עסנ, דאָס טרינקענ, דאָס קליידנ זיכ אונ שוכנ זיכ, אונ דאָס אַרויספּאָרנ מיטנ גלאַנצ אונ מיטנ קנאַק. אַפּ יעדנ טריט אַ באַדינער. מענטשנ אונ פערד ווייפל איר ווילט אונ ווענ איר ווילט.

געקומענ דער אַלטער פונ דער אַרבעט, באַדעקט פונ קאָפּ ביז פיס

מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפט אַראָפּ די לאַנגע
שטיוול, וואַשט זיך אײַנ, טוט זיך איבער און באַקומט אַנ אַנדער
אויסזען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרײַבטיש, נעמט זיך צו דער
פּאָטשט, וואָס אַ שייגעצל האָט געבראַכט צו פֿירנ פונ דער סטאַנציע
„באַראַניעפּאָליע", רײַטנדיק אַפּ אַ פערד מיט אַ טאָרבע איבער די
פּלייצעס. איבערגעקוקט די פּאָטשט, רופט ער צו דעמ לערער, ער זאָל
שרײַבנ ענטפּער אַפּ די בריוו. דער לערער טוט די אַרבעט געשיקט, וואָ־
רעמ ער פאַרשטייט דעמ אַלטנס אַפּנ קוק, און ווייסט די גאַנצע קאָרע־
ספּאָנדענצ אַפּ אויסווייניק. דער אַלטער האָט פײַנט איבערכאַזערנ אַ זאַך
צוויי מאָל און האָט ליב, מע זאָל אימ פאַרשטיינ וואָס ער וויל, נאָך
איידער ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט. אַליינ אַ פלינקער אַרבעטער, האָט
ער ליב צו זענ, אַז די אַרבעט זאָל ברענענ אונטער די הענט. פאַרטיק
געוואָרנ מיט אַלע אַרבעט, זעצט מענ זיך עסנ, זעלטנ עס זאָל ניט
זײַנ עטלעכע זײַטיקע, פרעמדע מענטשנ באַמ טיש. דאָס זײַנענ
מערסטנטייל געסט, שכיינימ, פּאַסעסערס, אָדער סאָכרימ, וואָס זײַנענ
געקומענ קויפנ ווייץ, האָבער, גערשטנ, אָדער אַנדערע טוווּעס. באַמ
טיש הערשט, ווי איך האָב שוינ פריִער באַשריבנ, אַ שטרענגע דיסצי־
פלינ. קיינער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אויסצורײדנ, נאָר דער אַלטער
קלינגט ווי אַ גלאָק. באַ אימ לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס קיינ שטאָפּ.
ער האָט אײַך אַפּ אַלצדינג אַ מײַסע, אַ מאָשל און אַ גלײַכוואָרט, וואָס
מאַכט אײַך צום דענקענ און צום לאַכנ. וואָרעמ איר האָט ניט געזענ
אַ צווייטנ, וואָס זאָל אײַך קאָנענ אַזוי אינטערעסאַנט דערציילנ און
קאָפּירנ, נאָכמאַכנ יעדנ איינציקנ מיט אַלע פּליטערלעך — אַנ עמע־
סער טאַלאַנט, כאָטש באַ דער וועלט, צווישנ ייִדנ, האָט ער געהייסנ אַ
מאָדנער ייִד, אַ „טשודאַק" און אַ „שיגאָענ". און דאָך האָבנ סאָכרימ
ליב געהאַט מיט אימ צו האַנדלענ, ווײַל דאָס וואָרט איז באַ אימ גע־
ווענ הייליק, און האָט ער אײַך עפּעס פאַרקויפט, האָט דאָס געמעגט
ווערנ ווי טײַערער, האָט איר געקאָנט זײַנ זיכער, אַז קיינ כאַראַטע
וועט ניט זײַנ. דאָס איז געווענ אָנ שום פּרינציפּנ און פּרעטענזיעס,
נאָר פּראָסט און פּאָשעט די נאַטירלעכע אָרנטלעכקײַט, וואָס ווייסט ניט
פונ קיינ דריידלעך און האָט פײַנט קרומע פאַלשע וועגנ. אינ דער
סאָכרישער וועלט הייסט אַפילע אַזאַ נעפּעש, אונטער די אויגנ געוויינ־

לעב, א „מעשוגענער מענטש", נאָר מע האָט בעסער ליב מיט אזא מעשוגענעם צו האָבנ געשעפט, ווי מיט אנ אנדערנ א קלאָרנ.

נאָכנ טיש לאָזט מענ איבער דעמ אלטנ מיט די געסט, זיי זאָלנ זיכ דאָרטנ שמועסנ אונ מאכנ געשעפטנ. אונ דער לערער מיט דער שילערנ זעצנ זיכ אוועק לערנענ, שטודירנ, לייענענ. איבערהויפּט לייענענ. מע לייענט אלצ, וואָס עס קומט צו דער האנט, אָנ א קאָנטראָל, אָנ א סיסטעמ אונ אָנ א איבערקלײַבנ. צומיינסטנ ראָמאנענ, די גרעסטע קלאסיקער, ווי שעקספּיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטע, שילער, גאָגאָל, אויסגעמישט מיט די ערגסטע שונד־ראָמאנענ פונ אייזשענ סיו, קסאוויע דע מאנטעפּענ, אשאר, פּאָנ באָרנ אונ נאָכ אזעלכע פּוסטע שמירער פונעמ פראנצויזישנ בולוואר. אָנגעלייענט זיכ, ווי די פּויקנ, גייט מענ זיכ דורכ צו דער מאשינע, זענ ווי מע דרעשט. אָדער אינ פעלד ארויס, צוקוקנ ווי מע שנײַדט דאָס ברויט, ווי מע נעמט עס צונויפ אונ מע בינדט עס אינ די סנאָפּעס. אונ עס נעמט אָנ א ביישעק פּארקאטשענ די ארבל אונ זיכ נעמענ צו דער ארבעט. עס באווײַזט זיכ אָבער ארויס, אז שטיינ בײַ דער זײַט אונ קוקנ, ווי מע שנײַדט ברויט אונ מע בינדט סנאָפּעס, איז א סאכ גרינגער איידער אליינ אָנבויג'נ זיכ אונ שנײַדנ ברויט אונ בינדנ סנאָפּעס. ווארעמ פונ קוקנ ווערט מענ ניט דערשוויצט אונ אָפּ די הענט לויפנ ניט אויפ קיינ בלאָטערנ... דערפאר אָבער — וואָס פאר אנ אפּעטיט האָט מענ דערנאָכדעמ! מע קומט אהיימ אונ מע עסט זויערמילכ מיט שווארצ ברויט אונ מע מאכט א שפּאציר אינ גאָרטנ. אָדער מע הייסט אײַנשפּאנענ דאָס פאעטאָנדל אונ מע פאָרט זיכ דורכ מיט אנדרייענ אינ די איבעריקע פּאָסעסיעס אָדער עקאָנאָמיעס: אינ גוזיפקע, אינ קריטאָהאָרבע, אינ זאקוטעניצ, אָדער מע פאָרט אריבער קיינ באראניעפּאָליע צומ פּאָטשטמײַסטער מאלינאָווסקי. אונ אומעטומ ווערט מענ אָנגענומענ ווי זייער אָנגעלייגטע, פיל געליבטע געסט. מע ווייסט גאָרניט, מיט וואָס זיי מעכאבעד צו זײַנ. שטעלט מענ דעמ סאמאָוואר אונ מע דערלאנגט אײַנגעמאכצ. בײַמ פּאָטשטמײַסטער מאלינאָווסקי ווערט באשאפנ א פלעשל בראָנפנ, וואָס ער אליינ טרינקט דאָס אויס טאקע גלעזלעכווײַז ביזנ סאָפּ, ווארעמ מאלינאָווסקי האָט ליב דעמ ביטערנ טראָפּנ. אונ אז ניט, כאפּט מענ זיכ גאָר ארײַנ צו דאָדי דעמ עקאָנאָמ, וואָס זיצט ניט ווײַט, טאקע אָפּ

‏איינ הויפ מיט די באלעבאטימ. דאָרטנ, באַ דאָדינ אינעמ קליינעמ שטיבל, איז פריילעכער, ווי באַ זיי אינ דער גרויסער שטוב, אונ דאָס, וואָס מע קריגט באַ דאָדינ, קאָנ 'מענ אינדערהיימ ניט אויספירנ. אשטייגער, ווו וועלנ זיי זיכ דערלויבנ עסנ גרינע קנעבעלעכ מיט שטשאוו, אז ניט באַ דאָדיס וויַב? אָדער געזאלצענע אוגערקעלעכ גלײַכ פונ סלוי מיט הייסע קארטאָפל אינ די מונדירנ? אָדער זיסע קאטשענעס פונ קרויט, וואָס דאָדיכע שאטקעוועט אפ צו זײַערנ? אָדער אָנטרינקענ זיכ מיט עפל־קוואס, וואָס איז טאמ גאנייהנ? פונ דעמ באזוכ קאָנ מענ זענ, אז דאָדיכע שעצט זיכ גליקלעכ, אונ ווער שמיעסט דאָדי — דער איז אפנ זיבעטנ הימל! נאָר דאָדי דער עקאָנאָמ איז א טיפ פאר זיכ, אונ ער פארדינט באשריבנ צו ווערנ אינ א באזונדער קאפיטל.

‏69. דאָדי דער עקאָנאָמ

‏א נאטור־מענטש. — דער אלטער לאָיעוו לייענט די געשיכטע פונ פעטער דעמ גרויסנ, אונ דאָדי ווערט אנשלאָפנ. — באַ דאָריכענ אינ שטיבל. — דער העלד שרײַבט ראָמאנענ אונ טראגעדיעס אונ טראכט ניט פונ זײַנ אייגענעמ „ראָמאנ".

‏דער עקאָנאָמ איז געווענ א מענטש א גוואר, א גיבער. ניט אזוי הויכ געוואקסנ אונ ניט אזוי גראָב געפאקט ווי גוט געבויט אונ שטארק פארפונדעוועט. א בולאנער מיט קליינע אויגנ. א ביסל קאסאָקע. די פלייצע — שטאָל. די ברוסט — אײַזנ. א האנט — א האמער. ניט איטלעכס פערד האָט אימ געקאָנט לײַדנ אפ זיכ. אונ האָט ער זיכ אוועקגעזעצט אפנ פערד איז ער געווענ ווי 'צוגעוואקסנ. אונ איר האָט ניט געוווּסט, ווו לאָזט זיכ אויס דאָדי אונ ווו הייבט זיכ אָנ פערד. פאר דאָדינ האָבנ אלע גויימ געהאט דאָס קאדאָכעס, געציטערט איימאס־מאָוועס פאר זײַנ האנט, כאָטש געשלאָגנ האָט ער זיכ זעלטנ. סײַדנ אונטער א נויט. דעמלט, ווענ ווערטער זײַנענ ניט בעקויעכ צו טאָנ גאָרנישט. עס איז געגוג געווענ, איינער זאָל א זאָג טאָנ: „אָנ ניט דאָדי", אז אלע גויימ, גויעס אונ שיקסעס, וואָס זײַנענ געשטאנענ

און געפּלאַפּלט, זאָלנ זיכ א נעמ טאָנ מיט כיישעק צו דער ארבעט. צוגעקומענ צו די ארבעטער, האָט דאָדי פּײנט געהאַט צו יוּיצע יינג מיט ווערטער. ער האָט זיכ גענומענ צום אקער, צום סערפּ, צו דער לאָפּעטע אָדער צום זאסטופּ און האָט מיט זײנע הענט באַוויזנ א בײשפּיל, וויאַזוי מע באַדאַרפ ארבעטנ. אָפּנארנ דאָדינ איז געווענ שווערלעכ, און גאַנווענענ בא אים — אוממעגלעכ. פאַר גנייווע איז בא איִמ די גרעסטע שטראָפ געווענ ווינציק. און פאַר שיקערנ איז ער געווענ אײשלעהאָווע. אויסטרינקענ א גלעזל בראָנפּנ — דאָס מאַכט ניט אויס. נאָר פאַרשיקערנ זיכ און מאַכנ סקאַנדאַלנ — דאָס ניט. כײעס ניט זיכער.

הײנט שטעלט איך פאָר, אַז אָט דער דאָדי, דער גוואַר, וואָס פאַר אים האָט געציטערט א גאַנצ דאָרפ מיט גוייִמ, אַז ער איז געשטאַנענ פאַרנ אַלטנ לאָיעוו, איז אים געווענ ניט צו דערקענענ. קלענער פונ א קינד, שטילער פונ א שעפּלע. די הענט אראָפּגעלאָזט. דעמ אָטעמ פאַרהאַלטנ, א סאָלדאַט פאַר א גענעראַל, א פעלדמארשאַל באַדאַרפ ניט שטײנ מיט מערער רעספּעקט און מיט מער מוירע און דערעכערעצ, ווי דאָדי איז געשטאַנענ פאַרנ אַלטנ באַלעבאָס. אָנגעקומענ אינ דאָרפ ארײנ אַלס יינגל, איז ער שוינ פאַרבליבנ דאָרט אפ שטענדיק. געוואָקסנ און געגאַנגענ אַלצ העכער און העכער, ביז דער אַלטער האָט אים געקרוינט מיטנ נאָמענ עקאָנאָמ, דאָס הייסט, ער האָט אים געמאַכט פאַר אויפזעער איבער אַלע עקאָנאָמיעס, דאָ אינ דאָרפ האָט דאָדי כאַסענע געהאַט, באַקומענ זײנ געהאַלט, א באַזונדער שטיבל מיט א באַזונדערנ גאָרטנ, מיט מעל, מיט שטרוי, מיט האָלצ, מיט א פּאָר מעלקעדיקע בעהיימעלעכ — געוואָרנ א שטיק באַלעבאָס און א טאַטע פונ קינדער. און דאָכ האָט ער קיינמאָל ניט געוואַגט פאַרנ אַלטנ באַלעבאָס זיכ צוזעצנ אַפילע אפ א מינוט. נאָר איינמאָל אינ זײנ גאַנצנ לעבנ איז ער געזעסנ פאַרנ באַלעבאָס, האָט זיכ געטראָפנ א אינצידענט, וואָס דאָדי האָט אים געהאַט צו געדענקענ דאָס גאַנצע לעבנ.

איך האָב שוינ, דאַכט מיר, אויבנ באַמערקט, אַז דער אַלטער לאָיעוו האָט ליב געהאַט אופצוקלערנ, לערנענ יעדנ איינציקנ, טײלנ זיכ מיט דעמ, וואָס ער ווייסט. איינמאָל, אינ א לאַנגער ווינטער־נאַכט איז דאָס געווענ, האָט דאָדי אָפּגעגעבנ א ראַפּאָרט פונ די עקאָנאָמיעס,

שטייענדיק פארנ אלטנ אויסגעצויגנ, ווי דער שטייגער איז. געענדיקט דעמ ראפּאָרט, האָט דאָרטן געוואָרט, מע זאָל אימ הייסנ גיינ. איז אָבער דער אלטער געווענ אופגעלייגט אונ געוואָלט נאָכ א ביסל שמועסנ, שוינ ניט פונ די עקאָנאָמיעס, נאָר פונ זײַטיקע זאכנ, וועגנ די שכיינימ, די פּאָר־ליאקנ — ביז ער איז ארופּ אפ א געשפּרעכ וועגנ פוילנ אונ וועגנ דעמ פוילישנ אופשטאנד. פונ די פוילנ איז ער ארופּ אפ די רוסנ, אפ דער רוסישער היסטאָריע פאר פעטער דעמ גרויסנ. אונ אזוי ווי אפנ טיש איז געלעגנ די רוסישע היסטאָריע אינ דער העברעיִשער איבערזעצונג פונ מאנדעלקערנ, האָט ער גענומענ לייענענ אונ פארטײַטשנ אפ יידיש פאר דאָרטן די גאנצע געשיכטע פונ פעטער דעמ גרויסנ. לייענענדיק די געשיכטע, האָט ער געהייסנ דאָרטן צוזעצנ זיכ אפ א שטול. האָט דאָרטן ניט געוואגט. האָט דער אלטער געהייסנ נאָכאמאָל. האָט ער שוינ געמוזט זיכ אוועקזעצנ. אונ אוועקגעזעצט האָט ער זיכ בא דער טיר, אונטערנ אלטנ וואנט־זייגער. דאָרט קאָפּ איז ניט געווינט געוואָרנ צו אזעלכע לעקציעס, אונ דערצו איז ער נאָכ געזעסנ אויכ, האָט ער אנגעהויבנ צו דרימלענ, די אויגנ האָבנ זיכ אימ געקלעפּט, ביז ער איז אונטערנ אלטנס קאָל פּאוואָלינקע גאנצ געשמאק אנשלאָפנ גע־וואָרנ. אציינד וועלנ מיר לאָזנ דאָרטן, ער זאָל זיכ שלאָפנ אונ מיר וועלנ דערווײַל זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ דעמ דאָרפישנ וואנט־זייגער.

דאָס איז געווענ אנ אלטער אינוואליד, וואָס האָט שוינ לאנג אָפּ־געדינט זײַנע יאָרנ אונ וואָלט שוינ לאנג געמעגט רוענ אפנ בוידעמ צווישנ אלטע אָפּגעלעבטע שמאטעס. האָט אָבער דער אלטער לאָיעוו געהאט א מאָדנע ליבשאפט, א מינ טראדיציע, דאפקע צו אלטע זאכנ. אשטייגער, צו אנ אלטנ אָפּגעריבענעמ שפּיגל, וואָס באווײַזט צוויי פּענעמער, צו אנ אלטער האלב צעפאלענער קאָמאָדע, וואָס ארויסציִענ א שופלאָד קוממט אָנ שווער, קיקריאס יאמסופּ, אונ נאָכ אזעלכע אלטע זאכנ. צומ בײַשפּיל, בא אימ אפנ שרײַבטיש איז קאָל־יאמאָוו געשטאנענ אנ אלט־מאָדיש טינטערל — א גלעזערנ שטיוועלע אינ א שווארצ הילצערנ שיסעלע, אָנגעשאָטנ מיט זאמד. פאר קיינ געלט האָט מענ ניט געקאָנט פּויעלנ באמ אלטנ, ער זאָל ארויסווארפנ דאָס דאָזיקע טינטערל אונ ארײַנפירנ א נײַעמ, א לײַטישנ טינטער. דאָס איז געווענ ניט מאכמעס

קאָרגשאַפט. דער אַלטער איז שוין געווען גאָר ניט קיין קאָרגער. אָרע־
ראבע, האָט ער שוין געקויפט א זאך, האָט דאָס באַדאַרפט צו זיין
דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע. עס איז נאָך שווער געווען צו שיידן
זיך מיט אן אַלטער זאך. דאָס אייגענע איז אויך געווען מיטן זייגער,
וואָס פאַר אַלטקייט האָט ער זיך געניייטיקט אין וואָג. אַלע מאָל איז צי־
געקומען צו אים א נייע געוויכט. איידער דער דאָזיקער זייגער האָט
באַדאַרפט שלאָגן, איז ער זיך פאַרגאַנגען מיט א הייזעריקן כריפען,
ווי אן אַלטער מאַן א זאָקן, וואָס ליידט פון אַסטמע, אז ער באַדאַרף
זיך אויסהוסטן. דערפאַר אָבער, אז ס'איז געקומען צום שלאָגן, האָט
ער געשלאָגן, ווי א קלויסטער־גלאָק: באָם! באָם! — מע האָט געהערט
אין דרויסן, ווי דער זייגער קלינגט אין שטוב.

איצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו דאָדין. דאָדי שלאָפט, און דער
אַלטער לייענט די היסטאָריע פון פעטער דעם גרויסן און פון זיין
ווייב אַנאַסטאַסיע. פּלוצעם פאַרגלוסט זיך דעם זייגער קלינגען צען. האָט
דאָדי זיכער געמיינט, אז ס'איז א סריייפע, דער „טויק" ברענט. האָט
ער זיך געגעבן א כאַפּ אויף מיט אן אימפּעט און מיט א געשריי: „וואַ־
סער!"... דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן, האָט אַוועקגעלייגט דאָס
בוך מיט דער היסטאָריע פון פעטער דעם גרויסן און גענומען קוקן
אַף דאָדין דורך די ברילן. אָט אָ יענעם קוק, זאָגט דאָדי, וועט ער
געדענקען אז ער וועט ליגן אַפן טויטן בעט...

דער לערער האָט ליב געהאַט דאָדין פאַר זיין נאַטירלעכקייט און
פאַר זיין גוטסקייט. ער איז געווען איבערצייגט, יאָז אָט דער נאַטור־
מענטש האָט קיינמאָל אַף זיין לעבן קיין ליגן ניט געזאָגט. זיין גע־
טריישאַפט און זיין צוגעבונדנקייט צו זיין באַלעבאָס און צו זיין מיש־
פּאָכע האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. און ווייל דער לערער איז דאָרט
געווען ווי אן אייגענער, איז ער בא דאָדין געווען פאַררעכנט אין דער
מישפּאָכע, און דאָדי איז געווען פאַר אים אין פייער און אין
וואַסער. בא דאָדין אין די אויגן איז אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקערט
מיט דער פאַמיליע לאַיעוו, געווען פון א העכערער מאַדרייגע. יעדנ־
פאַלס, ניט גלייך מיט אַלע איבעריקע מענטשן. ער האָט פּאַשעט פאַר־
געטערט די דאָזיקע פאַמיליע. און איר זכוס האָט גענאָסן אויך דער
לערער. אין די הייסע זומערדיקע טעג, אָדער אין די לאַנגע ווינטער־

דיקע נעכט האָבנ דער לערער מיט דער שילערנ ליב געהאַט זיכ אַרײַנכאַפּנ צו דאָדינ און צו דאָדיכענ. דאָרטנ, אינ דעמ קליינעמ שטיבעלע מיט דער נידעריקער סטעליע, וואָס מע קאָנ דערלאַנגענ מיט דער האַנט, האָבנ זיי זיכ געפילט אַלעמאָל בעסער, ווי אינדערהיימ. עסנ בײַ דאָדינ זומער אַ זויערנ שטשאַוו מיט יונגנ קנאָבל און ווינטער הייסע קאַרטאָפל אינ די העמדלעכ מיט געזאַלצענע אוגערקעלעכ, אָדער געפרוירענע געזויערטע קרויט, האָט געהאַט זיבנ טײַמימ און איז געווענ טויזנט מאָל בעסער פונ די טײַערסטע מײַכאָלימ באַמ טיש. און ווער שמועסט, אַז דאָדיס ווײַב פּעסי האָט געבאַקנ לעקעכ, אָדער געפּרעגלט שמאַלצ— דעמלט איז געווענ פאַר די יונגעלײַט אַ יאָנטעוו. אַ קליינִיקײַט — הייסער לעקעכ, נאָרוואָס פונעמ אויוונ אָדער פרישע פּעטשע גריווענ, וואָס צעגייענ זיכ אינ מויל, אַזוי ווי דער מאַנ, וואָס די ייִדנ האָבנ געגעסנ אינ דעמ מידבער.

מערסטנטייל זײַנענ זיי געווענ געסט בײַ דאָדינ און בײַ דאָדיכענ ווינטער. דעמלט, ווענ די ביימער ווערנ אײַנגעהילט אינ ווײַסנ, זעענ אויס ווי איבערגעפרוירענע מייסימ אינ טאַכריכימ. דאָס דאָרפ פאַרלירט דעמלט דעמ זומערדיקנ רייצ און פּראַכט, און עס בלײַבט איבער מער ניט, אַז אַרײַנכאַפּנ זיכ צו דאָדינ אינעמ וואַרעמ־אײַנגעהייצטנ שטיבל און קוויקנ זיכ מיט פּעסיעס מײַכאָלימ. ס׳איז מוירעדיק שטיל, דער שניי איז טיפ. קיינער קומט ניט. ס׳איז טרויעריקלעכ אַפנ האַרצנ, אומעטיקלעכ אַפ דער נעשאָמע. סײַדנ מע הייסט אַמאָל אַנדרייענ אײַנשפּאַנענ די פערד אינ אַ ברייטנ שליטנ. מע פעלצט זיכ אָנ, מע דעקט זיכ צו מיט אַ וואַרעמער „באַראַניצע" און מע פאָרט זיכ דורכ פונ איינ פּאָלוואַרק אינעמ צווייטנ. דאָרט שטעלט מענ דעמ סאַמאָוואַר, מע טרינקט זיכ אָנ מיט טיי און מע פאָרט צוריק.

דער ווינטער האָט אָבער זײַנע גוטע מײַלעס — ס׳איז דאָ צײַט גענוג אַפ צו לעזנ און אַפ צו שרײַבנ. אינ די קימאַט דרײַ יאָר, וואָס דער העלד האָט פאַרבראַכט אינ דאָרפ, האָט ער אָנגעשריבנ אַ סאַכ מער, ווי ער האָט געשריבנ נאָכ דעמ, ווענ ער איז שוינ געווענ אַ שרײַבער אינ געהייסנ „שאָלעמ־אַליכעמ", אינ צענ יאָר. עס האָט זיכ אימ קיינמאָל אַזוי גרינג ניט געשריבנ, ווי אינ יענער צײַט. און געשריבנ האָט ער גאַנצע נעכט — גרויסע האַרצרײַסנדיקע ראָמאַנענ, שרײַענ־

דיקע דראמעס, פארפלאָנטערטע טראגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבנ זיכ געגאָסנ די געדאנקענ, ווי פונ א פאס. עס האָט געשפרודלט די פאנטאזיע, ווי א פאָנטאנ. צוליב וואָס דאָס אלצ איז געשריבנ געוואָרנ—האָט ער זיכ קיינמאָל ניט געפרעגט. קוים איז פארטיק געוואָרנ בא אימ א „זאכ", האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאר זײַנ שילערנ — אונ ביידע זײַנענ געווענ אנטציקט. ביידע זײַנענ זיי געווענ איבערצײַגט, אז דאָס איז א מײַסטערווערק, — אָבער ניט אפ לאנג. קוים איז ער פארטיק געוואָרנ מיט אנ אנדער ווערק, אזוי איז שוינ דאָס צווייטע געווענ א מײַסטערווערק, אונ דאָס ערשטע איז געוואָרנ בלאס, אפגעבליאקעוועט. דאָס בעסטע אָרט פאר דעמ איז געווענ דער אויוונ. אונ אזוי איז אוועק מיטנ פײַער ניט איינ טוצ ראָמאנענ אונ ניט איינ צענדליק דראמעס...

אז דער באָכער איז געבוירנ געוואָרנ צו זײַנ א שרײַבער — אינ דעמ איז בא זיי ביידנ ניט געווענ קיינ שומ ספּעק. דער לערער מיט דער שילערנ האָבנ דערפונ גערעדט, געפאנטאזירט, געבויט די שענסטע לופט-שלעסער. ריידנדיק פונ פארשיידענע פלאנענ פונ פארשיידענע ווערק, האָבנ זיי פארגעסנ פונ זייערע אייגענע פלאנענ... וועגנ דעמ איז איבערהויפּט ניט געווענ בא זיי קיינמאָל קיינ שומ רייד. עס איז זיי קיינמאָל ניט געקומענ אפ די געדאנקענ צו דערקלערנ זיכ איינס דאָס אנדערע אינ זייערע געפילנ, אָדער צו פארטראכטנ זיכ אפנ גוידל פונ זייער אייגענעמ ראָמאנ... דער נאָמענ „ראָמאנ" איז, אפּאָנעמ, געווענ צו שאבלאָנ, דאָס וואָרט „ליבע" איז געווענ צו באנאל פאר די געפילנ, וואָס האָבנ זיכ אנטוויקלט אונ אויסגעוואקסנ צווישנ די צוויי יונגעלײַטלעכ. זיי זײַנענ ביידע געווענ אזוי נאטירלעכ איינס פאר דאָס אנדערע, אז ס'האָט גאָרניט געקאָנט זײַנ מעגלעכ, ס'זאָל זײַנ אנדערש. ווערט דענ קומענ אמאָל אפ די געדאנקענ א ברודער, ער זאָל זיכ דערקלערנ אינ ליבע צו זײַנ שוועסטער? איכ האָב מוירע, אז מיר וועלנ זײַנ ניט ווײַט פונ עמעס, אויב איכ וועל זאָגנ, אז זײַטיקע פארשוינענ, מענטשנ מינ'אצאד, האָבנ א סאַכ מער געוווּסט אונ גאָר אָנ אנ ערעכ מער געדענקט פונעמ ראָמאנ פונ די יונגע העלדנ, איידער די העלדנ אליינ. צו יונג זײַנענ זיי געווענ ביידע, צו נאַיִוו אונ צו גליקלעכ. אפ זייער הימל איז ניט געווענ קיינ שפרענקעלע. זיי האָבנ

ניט אַרויסגעזוענ פונ ערגעצ קיינ ווידערשטאַנד. און וואָס איז דער איקער — זיי האָבנ קיינמאָל ניט געדענקט דערפונ. אינ דער צײַט פונ די קאַרגע דרײַ יאָר פונ זייער באַקאַנטשאַפט האָבנ זיי ביידע ניט געקלערט אַפילע איינ מינוט פונ צעשיידנ זיכ. און דאָכ איז געקומענ דער טאָג, ווענ זיי האָבנ געמוזט זיכ צעשיידנ. דערווײַל ניט אַפ שטענדיק, נאָר אַפ א קורצע צײַט.

דאָס איז געווענ די צײַט, וואָס דער העלד האָט זיכ באַדאַרפט שטעלנ צומ „פריזיוו".

70. דער פריזיוו

מע רעדט שטאַרק פונ „פריזיוו". — ער געזעגנט זיכ מיט דער שילערנ און פירט פונ סאָפּיעווקע א בריוו צומ „פרעדהואָדיטעל" — די פאַנטאַזיעס אַפנ וועג. —דער בריוו ווירקט, און עס דערגייט ניט צו זײַנ נומער. — א מײַסע מיט א זונ א קאָליער קערט זיכ אומ צוריק אינ דאָרפ, נאָר די כאַלוימעס ווערנ אַלצ ניט מעקויעמ.

מע קאָנ מיט זיכערקײַט זאָגנ, אַז קימאַט אינ דער גאַנצער צײַט פונ די אויבנ באַשריבענע דרײַ יאָר איז ניט אַוועקגעגאַנגענ אינ סאָפּיעווקע קיינ טאָג, וואָס מע זאָל ניט הערנ דאָס וואָרט „פריזיוו". פאַרנ אַלטנ לאַיעוו איז דער פריזיוו געוועזנ א קראַנקײַט, א מאַניע אַזעלכע, וואָס האָט אימ ניט געלאָזט רוענ בײַטאָג און שלאָפנ בײַנאַכט. א גאַנצ פאַרמעגנ האָט דאָס אימ אָפּגעקאָסט. וואָס איז די מײַסע? זײַנ זונ יעשוע האָט באַדאַרפט שטיינ צומ פריזיוו, האָט דער פאָטער קוידעמ זיכ אַוועקגעלאָזט אינ טשערניגאָווער גובערניע, האָט זיכ דאָרט אָפּגעוואַלגערט א צײַט, אויסגעריסנ געוואָרנ און האָט אײַנגעהאַנדלט א „קוויטאַנציע". דאָס איז געוועזנ איינע פונ די געציילטע עטלעכע „זאַטשאָטנע קוויטאַנציעס", וואָס דורכ זיי איז מענ אויסגעלייזט געוואָרנ פונעמ פריזיוו. דאָס הייסט, אַז ווער עס האָט געקענט צושטעלנ אַזא „קוויטאַנציע", דער איז געוועזנ פרײַ פונ צו גיינ דינענ און ער האָט זיכ גערעכנט נאָר אינ דער „אָפּאָלטשעניע" (רעזערוו). וואָס אַזא „קוויטאַנציע" האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט אַנ אַנדערער געקאָנט זײַנ א

גרויסער נאָגיד. פארנ אלטנ לאָיעוו איז אָבער צוליב א קינד קיינ זאכ ניט געווענ צו טײַער.

פארטיק געוואָרנ מיט דער „קוויטאנציע", האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַע כאסענע. עס האָט אויסגעבראָכנ די רוסיש־טערקישע מילכאָמע, אונ מע האָט געשמועסט, אז עס וועט דערגיינ צו די „אָפאָלטשענצעס" (רעזערוויסטנ). ווײַבאלד אזוי, באדארפ מענ דעמ זונ באוואָרענענ מיט א „ווײַסנ בילעט" באצײַטנס. דאָס האָט געהייסנ: מע דארפ דעמ אָפאָלטשענעצ שטעלנ צומ „פריִאָמ", אונטערזוכנ זײַנ געזונט, אויב וויפל ער טויג פאר א סאָלדאט. אינ עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ מינאסטאמ, אז פאר א סאָלדאט טויג ער ניט, אונ מע האָט אימ געגעבנ א ווײַסנ בילעט, דאָס הייסט, מע האָט אימ, דאנקענ גאָט, „פארבראקעוועט"... מע האָט אימ ניט נאָר „פארבראקעוועט" פונ פריזיוו; מע האָט אימ געמוזט דערנאָכ אוועקשיקנ אינ די ווארעמע לענדער, קיינ מענטאָנ אונ קיינ ניצע, ער זאָל זיכ קורירנ, וואָרעמ ער איז געווענ ערנסט קראנק אפנ הארצנ, פונ וועלכער קראנקײַט ער איז עטלעכע יאָר ארומ, ווי מיר וועלנ דאָס זענ א ביסל ווײַטער, טאקע געשטאָרבנ... אָבער דערווײַל האָט זיכ געטאָנ כוישעכ: מע איז געפאָרנ קיינ קאניעוו, מע האָט זיכ באקענט מיטנ איספראווניק, מיטנ פרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירימ. די טשי־נאָווניקעס פונ דער „פריסוטסטוויע" האָבנ געשלעפט געמילעסכאסאָדימ. ייִדנ גוטע פרײַנט אינ באלייצעס האָבנ אָפגעלעקט א ביינדל. ווער עס האָט געהאט גאָט אינ הארצנ, דער האָט געפאָמפעט געלט. האקלאל, עס איז געווענ פול די שטיב מיט פריזיוו, פריזיוו אונ פריזיוו...

אונ אז ס'איז געקומענ די צײַט, וואָס דער העלד פונ דער ביאָגרא־פיע האָט באדארפט זיכ שטעלנ צומ „פריזיוו", איז דער אלטער לאָיעוו געוואָרנ נערוועז. קוידעמקאָל האָט ער זיכ א סטארעווע געטאָנ אונ האָט געזוענ, מע זאָל דעמ לערער באצײַטנס אריבערפירנ פונ זײַנ גע־בורט־שטאָט, פינ פערעיאסלעוו, קיינ קאניעוו אונ צושרײַבנ צו דער קא־ניעווער „פריסוטסטוויע",—דאָרט ווו לאָיעוו האָט א האנט אונ קאָנ עפעס טאָנ... מיר דאכט, אז אנ אייגענער פאָטער באדארפ אזוי ניט טראָגנ אפנ קאָפ זײַנ זונ, ווי דער אלטער לאָיעוו האָט געטראָגנ דעמ לערער. נאָכ מער: דער לערער אליינ האָט ווינציקער מוירע געהאט פארנ „פריזיוו", ווי די פאמיליע לאָיעוו. באמ באָבער אליינ איז דאָס

פאָרנ קיינ קאַניעוו אונ זיכ שטעלנ צומ פּריזיוו געווענ א גאַנצער יאָנטעוו. ער האָט זיכ באַשטעלט א פאָר רייטע שטיוול, א סאָלדאַטסקע באַשליק אונ איז געווענ מוכנ אומעזומענ „אַרײַנצוטרעטנ אינ דער דינסט". ער איז געווענ זיכער, אז ער וועט אינ דער דינסט אויסנעמענ, נויסעכיינ זײַנ בײַ „נאַטשאַלסטווע" אונ ווערנ אינגיכנ אנ אונטער־אָפיצער, אָדער א פעלדפעבעל, — העכער דערפונ קאָנ דאָכ א ייד ניט גרייכנ... נאָר אז ס'איז געקומענ צומ רעכטנ שפּיצ, אז ער האָט שוינ טאַקע באַדאַרפט זיכ זעצנ פאָרנ, האָט ער מיטאַמאָל פאַרלוירנ דעמ גאַנצנ קוראַזש. עס איז אימ א כאַרפּע, א ביזאָיענ, נאָר ער מוז זיכ מוידע זײַנ, אז ס'איז געקומענ צומ געזעגענענ זיכ מיט דער פאַמיליע לאָיעוו, עפּשער אפ שטענדיק, האָט אימ פאַרפּרעסט דאָס האַרצ מיט א מאָדנער בענקעניש אונ ער האָט זיכ באַהאַלטנ בײַ זיכ אינ כיידער, פאַרגראָבנ דאָס פּנעמ אינ קישנ אונ געוויינט מיט ביטערע־ביטערע טרערנ...

נאָר ער איז געווענ ניט דער איינציקער אינ דער דאָזיקער שטוב, וואָס האָט ביטער געוויינט. בײַ זיכ אינ כיידער האָט זײַנ שילערנ נאָכ מער געוויינט. אירע אויגנ זײַנענ געווענ געשוואָלנ פונ געוויינ, אונ זי האָט יענעמ טאָג ניט געקאָנט באַווײַזנ זיכ צומ טיש אפילע... אונטער אנ אויסרייד פונ א שטאַרקנ קאָפּווייטעק איז זי געבליבנ דעמ גאַנצנ טאָג בײַ זיכ, ניט געוואָלט זענ קיינעמ.

טרויעריק, זייער טרויעריק איז געווענ דאָס געזעגענענ זיכ. טישעבאָוו איז געווענ אינ שטוב, אונ אפנ האַרצנ וויסט אונ פינצטער. שוינ אז דער העלד איז געזעסנ אינ פאַעטאָנ אונ אנדריי דער קוטשער איז גרייט געווענ זיכ א נעמ טאָנ צו דער בײַטש, האָט דער יונגער העלד צומ לעצטנ מאָל א קוק געגעבנ אינ פענצטער אונ דערזענ צוויי פאַרוויינטע אויגנ, וואָס האָבנ גערעדט אָנ ווערטער, נאָר קלאָרע דיבורימ: „פאָר געזונט, טײַערער, טײַערער, נאָר קומ צוריק וואָס גיכער, וואָרעמ איכ קאָנ אָנ דיר ניט לעבנ!".. די דאָזיקע ווערטער האָט דער באָכער געהערט מיט אלע זײַנע כושימ, אונ זײַנע אויגנ האָבנ איר געענטפערט: „זײַ געזונט, טײַערע, טײַערע, איכ קומ צוריק צו דיר, וואָרעמ איכ קאָנ אָנ דיר ניט לעבנ!"... אונ ערשט אצינד האָט ער דערפילט, ווי שטאַרק ער איז צוגעבונדנ צו דער דאָזיקער שטוב, אונ אז ס'איז

גאָר ניטאָ אַפ דער וועלט אַזאַ קויעכ, וואָס זאָל אים קאָנענ אָפרײַסנ פונדאַנענ, סײַדנ דער טויט... אונ די געדאַנקענ צעשפּילנ זיכ, אונ די היציקע פאַנטאַזיע כאַפּט אים אונטער אַפ אירע פליגלענ אונ ער הייבט אָנ צו כאָלעמענ, וויאַזוי ער וועט קומענ צוריק, וועט ער פריִער זיכ אַנטדעקנ פאַר איר, דערנאָכ פאַר איר פאָטער אונ מוטער. וויאַזוי ער וועט זיכ וועגדנ צומ אַלטנ אונ וועט אים זאָגנ דעמ פּאָסעק: „אהבֿ־תי,—איכ האָב ליב אײַער טאָכטער, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט!"... וויאַזוי דער אַלטער וועט אים אַרומנעמענ אונ וועט אים זאָגנ: „גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט — איכ קוק שוינ לאַנג אַרויס דערופ"... דערנאָכדעמ הייבט מענ זיכ אָנ צו גרייטנ צו דער כאַסענע. מע ברענגט אַראָפ שנײַדערס פונ באָסלעוו אונ פונ טאַראַשטשע, וואָס נייענ מאַלבושימ פאַר כאָסנ־קאַלע... מע באַקט לעקעכער אונ מע פרעגלט אײַנגעמאַכצ... נאָכ כאָסנס צאַד שיקט מענ אַרויס די גרויסע קאַרעטע, וואָס איז שטאַל, וואָס ווערט גענוצט נאָר אַפ אַנ עקסטרע זאַכ. אונ עס קומענ צו פאָרנ דער טאַטע, דער פעטער פיניע אונ די איבעריקע מישפּאָכע... מע ווייסט ניט פונוואַנענ, נאָר עס וואַקסט אויס אַפ דער כאַסענע שמוליק... אָט אָ יענער כאַווער שמוליק דעמ ראַווס, „שמוליק דער יאָסעמ", וואָס האָט געהאַט אינ זיכ אַזעלכע שיינע מײַסעס... ער צעקושט זיכ מיטנ כאָסנ אונ זאָגט צו אים: „נו, שאָלעמ, האָב איכ דיר געזאָגט, אַז דער אויצער איז דײַנער?"...

— — — — — — — — — — —

די דאָזיקע קינדערשע זיסע כאַלוימעס אונ די יינגלשע גאָלדענע פאַנטאַזיעס וועבנ זיכ בײַ אים אינ דער מאַכשאָווע דעמ גאַנצנ וועג— ביז ער קומט צו פליִענ קיינ קאַניעוו. אָפּגעשטעלט זיכ בײַ דעמ אַלטנ לאַיעווס א קאָרעוו, א ייִד א הויקער, נאָר א נאָגיד, וואָס האַלט א ווײַנשענק פאַר פּריצימ. — זײַנ נאָמענ איז באָרעכ פערטשיק, — פאַלט ער אַרײַנ אינ די אַסאָקימ פונ „פּריזיוו" אונ גיט איבער דעמ אָדנ דעמ פּרעדוואָדיטעל א בריוו. אינעמ בריוו שרײַבט דער אַלטער לאָיעוו, אַז ער שיקט צומ „פּריזיוו" זײַנ לערער אונ וויל האָפנ, אַז ניט שפּעטער ווי אינ א וואָכ אַרומ זאָל ער אימ האָבנ צוריק א באַ־ פרײַטנ... דער אָדנ דער פּרעדוואָדיטעל האָט איבערגעלייענט דעמ בריוו אונ געענטפערט נאָר איינ וואָרט: „באַ־ראַ־שאָ... אונ דאָס איז גענוג גע־

ווענ, אז דער באָכער זאָל זײַנ רויִק. ער איז געגאנגענ צומ „פריזיוו", געצויגנ א גוירל אונ ארויסגענומענ א נומער 285. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז דאָס זאָל זײַנ אזא הויכער נומער. נאָר בײַ נומער 284 האָט זיכ דער „פריזיוו" געשלאָסנ... אונ דער לערער איז ארויס פרײַ. אינ זײַנ זכוס זײַנענ באפרײַט געוואָרנ נאָכ עטלעכע ייִדישע קינדער מיט העכערע נומערנ, אונ די סימכע איז געווענ יענצ יאָר אינ קאניעוו זייער גרויס!..

צו דער סימכע פונעמ „פריזיוו" איז געקומענ צו פאָרנ קיינ קאניעוו פונ פערעיאסלעוו אויכ דער פאָטער פונעמ באל־האפריזיוו, אונ, אויב איכ האָב קיינ טאָעס ניט, איז דער פעטער פיניע אויכ געקומענ — ער האָט געהאט אינ קאניעוו א מעכוטנ, — אונ די סימכע איז געווענ טאָפל. באָרוכ פערטשיק האָט געלייזט פאר זײַנ ווײַנ אונ דער באל־סימכע האָט אוועקגעשיקט א דעפעש קיינ סאָפיִעווקע דורכ סטאנציע באראניעפאָליע: „מאזלטאָוו, צו מיר ניט דערגרייכט. בינ פרײַ. כ'פאָר ארויס מאָרגנ פרי צוריק".

ניט אײַנ מאָרגנ איז אָבער אוועקגעגאנגענ, ביז דער העלד האָט געקאָנט ארויספאָרנ פונ קאניעוו. וואָרעמ עס קאָנ דענ זײַנ א ייִדישע סימכע זאָל ניט פארשטערט ווערנ? עס האָט זיכ געפונענ איינער, ווישינסקי אָדער ווישנעווסקי, א ייִד א שרײַער מיט א קאָל פונ א גראגער. האָט ער געהאט א זונ א קאליקע, וואָס איז געווענ זיכער, אז ער וועט ארויס פרײַ. צומ סאָפ האָט מענ אימ אָפגעגעבנ פאר א סאָלדאט. האָט דאָס דעמ פאָטער פארבאקט באמ הארצנ, אונ ער האָט גענומענ שרײַענ אונ גראגערנ: „סטײַטש, זײַנ זונ, דער קאליקע, וועט גיינ דינענ פאר די מעיוכאָסימ, וואָס האָבנ זיכ געלאָזט קאָסטנ געלט?" בעט מענ אימ, ער זאָל אזוי ניט שרײַענ. זאָגט ער: „איכ שרײַ דענ? איכ רייד, דאכט מיר, שטיל". אונ ער הייבט אָנ צו גראגערנ נאָכ שטארקער, אז „ער ווייסט פונ דעמ סייכל, פארוואָס דער אָדנ דער „פרעדוואָדיטעל" האָט צוגענומענ קאליקעס", אונ ער דערציילט יעדנ איינציקנ דעמ „סייכל" בעסאָד סוידעס, נאָר אזוי הויכ, אז עס ווייסט שוינ דערפונ די גאנצע שטאָט מיט אלע סימאָנימ. אונ אפילע מיטנ לאָשנ פונעמ בריוו, וואָס דער אלטער לאָיעוו האָט געשריבנ צומ „פרעדי-

וואָדיטעל” (פאַר א ייִדנ איז ניטאָ קיינ סאָד). אונ דער ייִד האָט געגעבנ צו וויסנ, אז ער וועט דאָס ניט פארשווייגנ. ער וועט אוועקגעבנ, זאָגט ער, „פאָר סוד” (צומ געריכט) דעמ פרעדוואָדיטעל מיט די דאָקטוירימ, מיט דער גאנצער „פריסוטסטוויע”. רופט מענ אָפ דעמ ייִדנ אָפ א זייט אונ מע זאָגט אימ צו, אז מע וועט זיכ צונויפלייגנ אונ מע וועט ארויסנעמענ זיינ זונ דעמ קאליקע פונ פאָלק... ווייל ער ניט הערנ פונ צוזאָגעכצנ. פונ „וכך יהיה אומר” ביז וכך היה מונה” * פאלט מענ, זאָגט ער, זיבנ מאָל קוירימ. ער וויל, זאָגט ער, זיכ זענ מיט דער מאַטבייע. אונ ער הייבט שוינ גאָר אָנ צו ריידנ אָפ רוסיש: „כאָטשו, זאָגט ער, ווידעט דענגי”! אונ עס האָט גאָרניט געהאָלפנ. עס האָבנ זיכ ארייַנגעלייגט מענטשנ. מע האָט געמאכט אנ אסיפע אונ נאָכ אנ אסיפע אונ נאָכ צוויי אסיפעס, אונ די באפרייטע פריזיווניקעס האָבנ זיכ צונויפגעלייגט אונ באשטייערט, ווער מיט א פופציקער אונ ווער מיט א הונדערטער, אונ מע האָט די צונויפגעזאמלטע סומע פאנאנדערגעטיילט צווישנ די אָפגעגעבענע ייִדנ. דעמ גרעסטנ ביילעק האָט גענומענ, פארשטייט זיכ, דער ייִד דער שרייער. ער האָט געטיינעט, אז אימ קומט מער פונ אלע, דערפאר וואָס זיינ זונ איז מער קאליקע פונ אלע. דער סייכל האיאָשער האָט אפילע געזאָגט פארקערט: אדרעאבע, ווייל ער איז א קאליקע, באדארפ זיינ גרינגער אימ צו באפרייענ! נאָר וואָס וועט איר מאכנ מיט א ייִדנ א שרייער, וואָס האָט א קאָל פונ א גראגער? דערזענ, אז מע גיט אימ נאָכ, ווי א בעניאָכיד, האָט ער זיכ פארמאָסטנ אלעמאָל צו ריידנ העכער אונ העכער. ער האָט געהאנדלט, ווי אנ עמעסער נאיאָמשטשיק... א גליק, וואָס דער אויבנ דערמאָנטער קאָרעוו באַרוכ פערטשיק האָט געהאט א באפויל פונ דעמ אלטנ לאָיעוו: „קאָרטבלאנש”, דאָס הייסט, מע זאָל דעמ באָכער דעמ פריזיווניק געבנ געלט, וויפל ער וועט באדארפנ. ווער האָט געקוקט דעמאָלט אָפ געלט? פרייהייט — דאָס איז געווענ דער איינציקער פונקט, דער איינציקער לייכטנדיקער שטערנ. א באפרייטער האָט ער זיכ געפילט ערשט דעמאָלט, ווענ ער איז שוינ געזעסנ אינ פאעטאָנ, וואָס מע האָט אימ ארויסגעשיקט אָפ דער סטאנציע קיינ מיראָנאָווקע, אונ אנדריי דער קוטשער האָט אימ

* פראזעס פונ יאָנקיפערדיקנ דאווענ. — ר ע ד.

איבערגעגעבנ א גערוס פונ דער היימ, אַז אלע זײַנענ, דאנקענ גאָט, געזונט אונ אלצ איז אינ אָרדענונג „ווסיאָ בלאַהאָפּאָלוטשנאָ" — לאָזט אויס אנדריי אונ שמועסט זיך דורכ מיט די פערדלעכ אפּ זייער לאָשנ. אונ די פערדלעכ פארשטייענ אימ אונ טראָגנ דאָס פאַטאָגדל קימאט אינ דער לופטנ.

ס'איז א וואַרעמער, ווייכער אָסיענדיקער טאָג. די זונ בראָט ניט, בריט ניט, נאָר זי גלעט אונ צערטלט. אונ עס שליסנ זיך די אויגנ. אונ עס וועבנ זיך כאלוימעס, זיסע כאלוימעס. אונ עס בויענ זיך לופט־שלעסער, גאָלדענע לופט־שלעסער. אָט באלד איז ער אינדער היימ. אונ קומט ער צו פאָרנ אהיימ, אזוי רעקט ער אופּ פארנ אלטנ לאָיעוו די קאָרטנ: „היניי זעט וויסנ, אז איכ האָב ליב אײַער טאָכטער אונ אײַער טאָכטער האָט ליב מיכ"... אָט באלד, נאָכ א האלבע שאָ, נאָכ א פערטל שאָ, אָט איז שוינ דאָס באַקאנטע בארעזעפּאָליע, דער וואלד, דער לאָנ, די „קלאָדבישטשע", די ווינט־מילנ, וואָס זעענ אויס פונ דער ווײַטנ ווי ריזנ, וואָס מאכנ מיט די הענט: „אהערצו! אהערצו!"... נאָכ עטלעכע מינוט — אונ אָט איז שוינ דער הויפ. די גרויסע ווײַסע שטוב מיט די צוויי גאַניקעס. ניינ. עס איז א ספּאַפּעק, אויב עס קאָנ זײַנ א גרעסערע סימכע, ווענ אנ אייגנ קינד קומט א באַפרײַטער אהיימ צו די פאָטער אונ מוטער. דער העלד האָט געהאט צו דערציילנ אונ דערציילנ ניסימ ווענופלאָעס פונעמ „פריזיוו" — יעציאס מיצראימ! נאָר דאָס סאמע וויכטיקסטע, ווי ער האָט זיך גע־האט געגרייט, האָט ער ניט דערציילט, אונ די קאָרטנ האָט ער פארנ אלטנ לאָיעוו ניט אופגעדעקט... דאָס האָט ער אָפּגעלייגט אפּ מאָרגנ, אפּ שפּעטער... אונ דערווײַל איז פארבײַגעגאנגענ א טאָג אונ א טאָג, א וואָכ אונ א וואָכ, ביז עס איז געקומענ א קאטאסטראָפע גאָר אומ־געריכט, דורכ א זײַטיקנ פארשויג, וואָס האָט דעמ אלטנ געעפנט די אויגנ אפּ דעמ ראָמאנ.

דאָס איז געווענ א יידענע א כאכאָמע מיט א ווײַטנ קוק, דעמ אלטנס א קרויווע פונ באַרדיטשעוו, מיטנ נאָמענ טויבע. מיר רופנ זי די „מימע טויבע פונ באַרדיטשעוו". אז איר וועט זיך באַקענענ מיט איר, וועט איר זענ, אז דער נאָמענ פאסט איר. נאָר וועגנ איר — א באזונדער קאפּיטל.

71. די מומע טויבע פונ באַרדיטשעוו

די מומע טויבע קוקט נאָכ די יונגעלײַט. — דער אלטער לאָיעוו ווערט געוווירע פונעם סאַד. — די קאַטאַסטראָפע. — דער העלד לאָזט זיכ אינ דער וועלט אַרײַנ א באַליידיקטער. — מע כאַפּט איבער זײַנע בריוו, און ער בלאָנדזשעט אינ דער פינצטערער נאַכט.

אינדערעמעסנ האָט זי דאָרט קיינעם ניט אָנגעקערט קיינ מומע. סאַכאַקל איז זי געווענ דעמ אלטנ לאָיעווס א קוזינע. נאָר, ווי געזאָגט, דער נאָמענ „מומע” האָט איר געפּאַסט צום פּנים. א ייִדענע ניט קיינ שיינע, מיט א ראַבעטינע געפינטלט פּנים און מיט א לאַנגער נאָז, האָט זי פאַרמאָגט א פּאָר זייער קלוגע אויגנ, וואָס אז זיי קוקנ אפ אײַכ, נעמענ זיי אײַכ דורכ און דורכ. בא איר מאַנ, זאָגט מענ, גייט זי אינ ספּאָדעק, פירט אלע געשעפטנ, איז גאַנצ רײַכ. און געקומענ איז זי אַהער צו גאַסט, נאָכ א סאַכ יאָרנ, וואָס מע האָט זיכ ניט געזענ.

פאַרשטייט זיכ, אז פאַר אזא מומע, וואָס איז געקומענ אַזש פונ באַרדיטשעוו, האָט דאָס פּריצישע לעבנ אינ דאָרף אויסגעזענ גענוג נײַ און ווילד, און זי האָט אפ יעדער זאַכ געקוקט מיט אירע באַרדי־טשעווער אויגנ און האָט יעדע זאַכ באַוווּנדערט. מיט דעמ אלטנ לאָיעוו איז זי געווענ אפ „דו” און האָט אים אַלצדינג אַרויסגעזאָגט, וואָס זי דענקט, און וואָס איר געפעלט און וואָס ניט.

לעמאָשל, איר איז געפעלנ דאָס לעבנ אינ דאָרף, אינ לופט, די קיענ, די פערד, די פרישע מילכ, די פּאַשע, דאָס ברויט פונ די אייגענע ווייצנ. אַלצ שמעקט מיט ערד, אייגענע האָרעוואַניע — אַלצדינג גוט, אויס־געצייכנט גוט. אפילע דאָרדי דער נאַטור־מענטש איז איר געפעלנ. איז זי אָבער ניט אײַנפאַרשטאַנענ מיט איר קוזענס דיסציפּלינ, וואָס ער פירט זיכ שוינ צופיל מײַסע פּאָרעצ. א ייִד א פּאָמעשטשיק, לויט איר פאַרשטאַנד קלעפּט זיכ עפּעס ניט... אָדער, אַשטייגער, לאָמיר זאָגנ דאָס, וואָס ער איז א גוטער פּאַסעסער, א ליבהאָבער פונ ערד — מאַכטייסע, אבי נאָט העלפט, מע קאָנ מאַכנ געלט, ווערנ א גוויר, פאַרוואָס ניט? זי וואָלט זיכ עפּשער אויכ ניט אָפּגעזאָגט דערפונ... נאָר צו וואָס דאַרפ מענ זיכ אַזוי דערווײַטערנ פונ ייִדנ? — אָט וואָס זי פאַרשטייט ניט. פאַרוואָס פאָרט ער ניט אַרויס קיינ באָסלעוו, אז עס קומט א ייִדישער־

יאַנטעוו? אונ ווידער האַלט זי אימ פֿיר, לעמיי ער לאַכט אָפּ פֿונ אַנ ערלעכנ ייִדנ, אַנ „אײניקל“ מיט אַ גרינער שאַל, וואָס פֿאַרבלאָנדזשעט צו אימ נאָכ אַ נעדאָווע? אַ נעדאָווע גיט ער אונ נאָכ מיט אַ ברייטער האַנט, נאָר ער מאַכט כּווזעק פֿונעמ ייִדנ. „אַ מער גיב ניט אונ מאַכ ניט כּווזעק“... אַזוי טײַנעט מיט אימ די מומע טויבע פֿונ באַרדיטשעוו.

אונ נאָכ אַ זאַכ. דער מומע טויבע איז געפֿעלנ דער לערער. אַ גאַנצ פֿײַנער לערער — מע קאָנ ניט זאָגנ. אונ אַ קענער. אונ דערצו נאָכ אַ טאַטנס אַ קינד — איז דאָכ אַוודאי גוט. נאָר ווו שטייט דאָס געשריבנ, אַז אַ לערער דאַרפֿ זײַנ אַ נאָענטער מעכוטנ מיט דער שילערנ? אונ לויט איר מיינונג, איז דער דאָזיקער לערער שוינ צו אַ נאָענטער מעכוטנ מיט זײַנ שילערנ. פֿונוואַנענ ווייסט זי דאָס? — די מומע טויבע ווייסט. די מומע טויבע האָט אַנ אויג. די מומע טויבע האָט זיכ געגעבנ די מי נאָכצוקוקנ דעמ יונגנ פּאָר אָפּ טריט אונ שריט, אונ זי האָט אַלײנ געזעננ מיט אירע אויגנ, ווי זיי האָבנ געגעסנ פֿונ איינ טעלער. ווו איז דאָס געווענ? בא דאָדינ. די מומע טויבע פֿונ באַרדיטשעוו האָט שוינ באַלד פֿונ ערשטנ טאָג באַמערקט, אַז דאָס מיידל „גייט אויס נאָכנ באָכער“ אונ אַז דער באָכער „איז די קאַפּאָרע נאָכנ מיידל“... דאָס זעט אַרויס, האָט זי געזאָגט, יעדער מענטש, סײַדנ עפּעס דער, וואָס איז אָדער אַ בלינדער אָפּ ביידע אויגנ, אָדער ער וויל ניט זענ, וואָס בא אימ אונטער דער נאָז טוט זיכ... ס׳איז גאַנצ גענוג, האָט די מומע טויבע געזאָגט, מע זאָל זיכ צוקוקנ, ווי די צוויי זיצנ באַמ טיש אונ וואַרפֿנ זיכ דורכ מיט אַ קוק, רײדנ זיכ איבער מיט די אויגנ... פֿונ דעמלט אָנ, זאָגט זי, האָט זי פֿונ זיי קיינ אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. די מומע טויבע האָט זיכ ניט געפֿוילט נאָכקוקנ נאָכ זיי, ביים זיי זיצנ אונ לערנענ, ביים זיי גייענ שפּאַצירנ, אָדער ביים מע זעצט זיכ פֿאָרנ.

איינמאָל — האָט די מומע טויבע דערציילט פֿאַרנ אַלטנ, — האָט זי זיי באַמערקט אַרײַנשפּאַצירנ צו דאָדי דעמ עקאָנאָמ אינ שטיבל אַרײַנ. איז איר די מײַסע באַלד ניט געפֿעלנ: „וואָס האָבנ אַזעלכע קינדער צו טאָנ באַמ עקאָנאָמ אינ דעמ אָרעמענ שטיבל?“ פֿוילט זי זיכ ניט, די מומע טויבע פֿונ באַרדיטשעוו, אונ כאַפּט אַ קוק אַרײַנ צו דאָדי דעמ עקאָנאָמ דורכנ פֿענצטער אונ דערזעט, ווי דאָס פּאָרל עסנ

ביידע פונ איינ טעלער. וואָס זיי האָבנ געגעסנ — ווייסט זי ניט. נאָר געזענ האָט זי, ווי זאָל אזוי זענ אלדעמ גוטס, ווי מע עסט און מע רעדט און מע לאכט... „איז דאָכ מימאָנעפעשעכ: איז דאָס א שידעכ— איז מאכטייסע, באהארפנ דאָכ טאטע־מאמע וויסנ. עלע וואָס רעדנ — ס'איז א ליבע? א ראָמאנ? באדארפנ דאָכ אוואדע טאטע־מאמע וויסנ דערפונ... וואָרעמ ס'איז א סאַכ געזינטער און בעסער און שענער געבנ דער טאָכטער פאר א כאָסנ אנ אָרעמענ לערער, וואָס פארמאָגט איינ־ גאנצנ איינ פּאָר העמדער, איידער וואַרטנ, ביז דער דאָזיקער לערער וועט אנטלויפנ מיט דער טאָכטער אינ א פינצטערער נאכט קיינ באָסלעוו, אָדער קיינ טאראשטשע אָדער קיינ קאָרסונ, און דאָרטנ שטעלנ א שטילע כופּע"...

אָט דאָס זײַנענ געווענ די טײַנעס פונ דער מומע טויבע, ווי עס האָט זיכ נאָכדעמ ארויסבאוויזנ. און אנטדעקט האָט זי דאָס איר קוזענ בעסאָד סוידעס, א האלבע שאָ פאר איר אוועקפאָרנ. און אירע ווערטער האָבנ געפונענ אנ אָפּקלאנג אינ הארצנ פונ אלטנ לאָיעוו, וואָרעמ אז ער איז ארויסגעגאנגענ מיט זײַנ קרויווע זי צו באגלייטנ, איז ער געווענ א צעקאָכטער און האָט דעמ גאנצנ טאָג נאָכדעמ ניט אויסגערעדט מיט קיינעמ א וואָרט אפילע. ער האָט זיכ פארשפארט בא זיכ אינ כיידער און האָט זיכ שוינ מער יענעמ טאָג ניט באוויזנ.

אָפ דער נאכט איז געקומענ צו פאָרנ דער זונ, דער מאסקל, יע־ שוע, און איז שוינ געבליבנ נעכטיקנ אינ סאָפּיעווקע. עפּעס האָט זיכ דאָרט געטאָנ. עפּעס האָט זיכ געקאָכט. מע האָט זיכ פארשלאָסנ מיטנ אלטנ אינ די אלקערס און מע האָט זיכ געסוידעט. מע האָט געהאלטנ, אפּאָנעמ, א פאמיליענ־ראט. די שילערנ האָט זיכ געקליבנ גיינ אפנ שפּאציר מיטנ לערער — האָט מענ זי אָפּגעהאלטנ. צומ טיש איז מענ ניט געגאנגענ אלע איינינעמ, ווי אלע טאָג, נאָר יעדער באזונדער איז געקומענ אינ אנ אנדער צײַט, אָפּגעגעסנ, אופגעשטאנענ און אוועק צו זיכ. עס איז פאָרגעקומענ אינ דער דאָזיקער שטיב עפּעס אומגע־ וויינלעכס. א מאָדנע שטילקײַט. די גרויזאמע שטילקײַט, וואָס טרעט ארײַנ פאר א שטורעמ... ווער וואָלט זיכ דאָס געקאָנט ריכטנ, אז א פּאָר פּילדײַטיקע ווערטער, וואָס די מומע טויבע פונ בארדיטשעוו האָט ארײַנגעוואָרפנ, זאָלנ אָנארבעטנ אזא כאסענע און ברענגענ אָנ איבער־

קערעניש אינ א שטוב? עס קאָנ זײַנ, אַז ווענ די מומע טויבע זאָל געווענ ווייסנ פריִער, אַז אירס א וואָרט וועט ברענגענ אזעלכע רעזולטאַטנ, וואָלט זי זיכ ניט ארײַנמישנ אהינ, ווו מע דארפ ניט. ערשט העט שפּעטער, אינ א צײַט ארומ, איז מענ געווירע געוואָרנ, אַז די מומע טויבע פונ בארדיטשעוו האָט באַלד כּאַראַטע געהאַט אפּ דער גאַנצער מײַסע אונ האָט געוואָלט כאַפּנ צוריק, נאָר ס'איז שוינ געווענ שפּעט. האָט זי פאַרקערעוועט דעמ דישעל אונ גענומענ אײַנטײַנענ מיטנ אַלטנ, אַז דאָס אומגליק איז, אייגנטלעכ, גאָר ניט אזוי גרויס, אונ אַז זי זעט ניט, וואָס האָט מענ זיכ דאָ אזוי צו ערגערנ? וואָס איז שולדיק דער באָכער, וואָס ער איז אָרעמ? „אָרעמ איז קיינ שאַנדע", אונ „גליק איז בײַ גאָט". אונ נאָכ אזעלכע ווערטער האָט זי אינ אימ ארײַנגערעדט. עס האָבנ אָבער ניט געהאָלפנ שוינ קיינ ווערטער. די גאַנצע טײַנע פונעמ אַלטנ איז געווענ, אַז צומ באָכער, אייגנטלעכ, האָט ער גאָרניט. נאָר וויאזוי האָט מענ געוואָגט פירנ א ראָמאַנ בײַ אימ אינ שטוב אָנ זײַנ וויסנ? אונ אַז זײַנ טאָכטער זאָל נעמענ א כאָסנ אַנ אָרעמבאָכער אַרט אימ אויכ ניט. נאָר וואָס דענ? ווענ ער, איר פאָטער, זאָל אימ געבנ. ניט זי זאָל אַליינ זיכ אויסקלײַבנ, גאָר ניט האָבנ זיכ אָנגעפרעגט בײַ אימ! אָט דאָס האָט אימ געקרענקט מער פונ אַלצדינג.

די אַלע טײַנעס מיט די רייד איז מענ געווירע געוואָרנ ערשט נאָכדעמ, אינ א צײַט ארומ. דעמאָלט אָבער האָט דאָס פאָרפאָלק, ווי די קאָשערע לעמעלעכ, ניט געוווּסט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. זיי האָבנ געפילט, אַז עפּעס קאָכט זיכ. וואָס וועט זיכ אויסקאָכנ — וועלנ זיי זעענ מאָרגנ. דער פרימאָרגנ וועט זאָגנ...

אונ אַז עס איז געקומענ דער פרימאָרגנ, אונ אונדזער העלד איז אופגעשטאַנענ, האָט ער שוינ ניט געטראָפנ קיינעמ. ניט דעמ אַלטנ, ניט זײַנ פרוי, ניט דעמ זונ, ניט זייער טאָכטער. ווו זײַנענ זיי אַלע? אוועקגעפאָרנ. וווּהינ? מע ווייסט ניט... פונ די מענטשנ אינ הויפ קאָנ קיינער ניט זאָגנ. אופנ טיש איז געווענ אָנגעגרייט פונ זײַנעטוועגנ א פאַקעט. געעפנט דעמ פאַקעט, האָט ער געהאַפּט צו געפינענ א בריוו, א דערקלערונג. צומ סאָפ איז אינעמ פאַקעט ניט געווענ קיינ איינ וואָרט אפילע. דאָרט איז געלעגנ נאָר געלט — די סבירעס, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ פאַר דער גאַנצער צײַט, אונ מער גאָרניט. אינ הויפ

איז געשטאנענ גרייט פונעמ לערערס וועגנ א שליטנ (אינ מיטנ ווינטע־ איז געוועג די געשיכטע) אונ א ווארעמע „באראניצע" אפ איינצודעקנ די פיס. פונ די „מענטשנ" איז ניט געוועג ארויסצובאקומענ קיינ איינציק ווארט. אפילע דאדי דער עקאנאמ, וואס וואלט זיכ פארנ לערער אונ פאר דער שילערנ געלאזט שניידנ די הענט, האט אפ אלע נאכפרע־ גענישנ געענטפערט נאר מיט א קנייטש מיט די פלייצעס אונ מיט א זיפצ. די מוירע פארנ אלטנ איז בא אימ געוועג שטארקער פונ אלצ... דערפונ איז דער באליידיקטער לערער נאכ מער געווארנ אופגערעגט. ער האט זיכ פארלוירנ, ניט געוווסט וואס צו טאנ. ער האט זיכ א פאר מאל גענומענ שרייבנ א בריוו, פריער צומ אלטנ, דערנאכ צומ זונ צומ „מאסקל", דערנאכ — צו דער שילערנ. עס האבנ זיכ אבער ניט געשריבנ. א קאטאסטראפע איז דאס געוועג א גרויסע. נאר אפ אזא פאטש אינ פאנעמ האט ער זיכ ניט גערעכט... עס איז אימ געוועג א ביזאיענ, א ביזאיענ פאר זיכ אליינ אונ פאר די „מענטשנ". ער האט דעריבער ניט געמאכט קיינ לאנגע שיעס אונ האט זיכ אופגעזעצט אפנ שליטנ אונ האט זיכ געלאזט פירנ צו דער סטאנציע, ביכדיי צו פארנ פונ דארטנ — וווהינ? ער ווייסט נאכ אליינ ניט ווהינ. ווו די אויגנ וועלנ טראגנ... נאר דערוויל, איידער ער קומט צו דער באנ־סטאנציע, האט ער געהייסנ דעמ קוטשער זיכ אפשטעלנ אינ באראניעפאליע — די פאטשט־סטאנציע, פונוואנענ סאפיעווקע באקומט איר קארעספאנדענצ. אינ באראניעפאליע האט דער העלד פונ דער ביאגראפיע געהאט א פריינט — איר קענט אימ. דאס איז געוועג דער סמאטריטעל פונ דער סטאנציע, אדער דער פאטשטמייסטער, מאלינאווסקי.

בעטעווע איז מאלינאווסקי דער פאטשטמייסטער געוועג א גוי א כאבארניק אונ האט ליב געהאט, ווי מיר ווייסנ שוינ, דעמ טרונק. פונעמ אלטנ לאיעווס פאסעסיעס האט ער געהאט אפטע מאטאנעס: א זעקל ווייצ, א וואגנ שטרוי, אמאל אונטער א יאנטעוו א מעזומענע מאטבייע. מיטנ לערער אונ מיט דער שילערנ האט ער געשלאגנ בלאט, אונ ביכלאל געוועג א גוטער גוי.

בא אימ האט זיכ דאס דער לערער אפגעשטעלט אונ פאר אימ האט ער א ביסל אנטפלעקט זיינ הארצ. ער האט א מיינ דערביי, וואס איז באשטאנענ אינ דעמ, אז ער, מאלינאווסקי, זאל זיינ דער

שאַליעכ אפ איבערצופּעקלענ קאָנטראַבאַנדע — א בריוו צו לאָיעווס טאָכטער, אונ איבערשיקנ פונ איר, אויב ס'וועט זײַנ, אנ ענטפער. אויסגעהערט די באַקאָשע, האָט דער פּאָטשטמײַסטער מאַלינאָווסקי אויסגעצויגנ א האַנט אונ געשוואָרנ בא גאָט, אונ טאָמער גלייבט מענ אימ ניט, האָט ער זיכ איבערגעציילעמט, אז ער וועט אויספאָלגנ אלצדינג אפנ בעסטנ ארט. אונ אזוי ווי עס איז, הייסט עס, געשלאָסנ געוואָרנ צווישנ גוטע פרײַנט א געשעפט, באַדאַרפ מענ דעמ אָפּמאַכ באַנעצנ מיט א ביסל בראָנפנ אונ פאַרבײַסנ מיט א הערינג. עס האָט ניט געהאָלפנ קיינ שומ טערעצ. מע האָט זיכ אַוועקגעזעצט ביידע אונ מע איז ניט אופגעשטאַנענ, ביז דאָס פלעשל איז געוואָרנ ליידיק, אונ מאַלינאָווסקי איז געוואָרנ מאָליי אונ האָט זיכ ארומגעכאַפּט קושנ מיטנ לערער אונ האָט זיכ פאַרשוואָרנ נאָכאַמאָל, אונ נאָכאַמאָל זיכ איבערגעציילעמט, אז ער וועט זײַנע בריוו איבערגעבנ צו לאָיעווס טאָכטער גלײַכ אינ די הענט ארײַנ — ער מעג שוינ זײַנ רויק. וואָרעמ מאַלינאָווסקי אז ער זאָגט א וואָרט, איז הייליק...

אונ קאַכאַווע: די ערשטע עטלעכע הייסע פלאַמ־פײַעריקע ליבע־בריוו, וואָס דער העלד האָט אימ צוגעשיקט איינס נאָכ דאָס אנדערע, האָט דער פּאָטשטמײַסטער מאַלינאָווסקי, ווי עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ נאָכדעמ, איבערגעגעבנ אקוראט צומ אלטנ לאָיעוו אינ די הענט ארײַנ... עס איז דעריבער גרינג צו פארשטיינ, אז קיינ ענטפער האָט ער אפ זײַנע הייסע פלאַמ־פײַעריקע בריוו ניט באַקומענ. אונ עס איז דעריבער גרינג צו פארשטיינ, אז ער האָט אזוי לאַנג געשריבנ בריוולעכ ביז — ער האָט אופגעהערט צו שרײַבנ.

. . . .

וואָס באַטײַטנ די דאָזיקע פינטעלעכ? זיי באַטײַטנ א לאַנגע פינצטערע נאַכט. אלצ איז אײַנגעוויקלט אינ א געדיכטנ נעפל. דער עלנטער וואַנדערער טאַפּט דעמ וועג. ער שלאָגט זיכ אָנ אלע מאָל אפ אנ אנדער שטיינ, אָדער ער פאַלט ארײַנ אינ א גרוב... ער פאַלט, ער כאַפּט זיכ אופ, גייט ווײַטער אינ שלאָגט זיכ אָנ אפ א פרישנ שטיינ אונ פאַלט אינ א נײַער גרוב... ניט זעענדיק פאַר זיכ די ליכטיקע וועלט, טוט ער טאַרישקײַטנ, באַגייט פעלערנ, איינ פעלער גרעסער

פונעם אנדערן... מע קאָן ניט ארויסשלאָגן זיך מיט פארבונדענע אויגן אפן גלייכן וועג. מיט פארבונדענע אויגן מ'ז מען בלאָנדזשען... און ער האָט געבלאָנדזשעט. לאַנג געבלאָנדזשעט. ביז ער האָט זיך ארויסגעשלאָגן אפן דעם ריכטיקן וועג, ביז ער האָט זיך אליין געפונען.

72. דער ערשטער ארויספאָר

ער קומט צו פאָרן קיין קיִעוו און ציט זיך צו די גרויסע שטערן פון „האסקאָלע". — די „אָפּלאווע" אפן דער אכסאניע. — ער פרעגט זיך נאָך אפן העברייִשן מעשורער יהל"ל. — דער מעבאבער פון „זאפיסקי יעווריא" און א פרעפעראנסל. — ער דערשלאָגט זיך צום מעשורער יהל"ל און קריגט א קאַלטע אופנאמע.

וווהין פאָרט א באָכערל, וואָס האָט ניט קיין היים און וויל עפּעס דערגרייכן? — אין דער גרויסער שטאָט אריין.

די גרויסע שטאָט אין יענעם געגנט, וווּ אונדזער העלד האָט זיך געפונען, איז די בארימטע הייליקע שטאָט קיִעוו. אהין האָט ער געשטרעבט און אהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער, אייגנטלעך, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט?—דאָס לאָזט זיך ניט זאָגן פאר קלאָר, וואָרעם קאָנקרעט האָט ער נאָך אליין ניט געוווּסט, נאָך וואָס עס לעכטצט זיין נעשאָמע. עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אריין, ווי עס ציט א קינד צו דער שיין פון דער לעוואָנע. אין א גרויסער שטאָט זיינען פאראן גרויסע מענטשן. דאָס זיינען די ליכטיקע שטערן, וואָס שיינען אראָפּ צו אונדז אפ דער ערד מיט זייער העלער ליכטיקייט פונעם גרויסן אומענדלעכן הימלרוים. דאָס זיינען די גרויסע מאסקילים, בארימטע שרייבער און פון גאָט געבענטשטע פאָעטן, וואָס זייערע נעמען האָבן אזוי שיין געקלונגען אין די אויערן פון די — וויאַזוי זאָל איך זיי אָנרופן?—נו, „פרי ההשכלה", די יונגעטשקע מאסקילימלעך, נאַיִווע אומשולדיקע באָכערימלעך.

דאָס איז געווען דער ערשטער ארויספאָר פון אונדזער יונגן העלד אין דער גרויסער וועלט און זיין ערשטער אריינפאָר אין דער גרויסער שטאָט. אין אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אפ א יִידישער אכסאניע מיטן

נאָמען „רעב אַלטער קאַניעווערס סטאַנציע", אין דעם הינטערשטן טייל פון דער שטאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָדאָל" און ווו ייִדן מעגן זיצן. איך זאָג, אַז ייִדן מעגן דאָרטן זיצן און מוז מיך אָבער באַלד פאַרכאַפּן, מע זאָל ניט מיינען, אַז כּל־זמן אַלע ייִדן מעגן דאָרטן זיין. דאָס ניט. דאָרט מעגן זיין נאָר יענע ייִדן, וועלכע האָבן דערצו ווינרעכט — „פּראַוואָזשיטעלסטווע". לעמשל: באַלמע־לאָכעס, פּריקאַזשטשיקעס פון ערשטער גילדיע, ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן און אַזעלכע, וואָס האָבן קינדער אין גימנאַזיע. די אַלע איבעריקע ייִדן כאַפּן זיך אַהער אַריבער, ווי קאָנטראַבאַנדע, אויף אַ קורצע צייט, און לעבן אין גרויסע פּחדים, נאָר מיטן כּעסעד פון דוואָרניק און פון דעם אָדער דעם נאַדזיראַטעל אָדער פונעם אָדער דעם פּריסטאַוו. און דאָס אויך נאָר ביז אַ צייט. ביז עס מאַכט זיך אַ „אָבלאַווע" — מע פאַלט איבער אויף די ייִדישע אַכסאַניעס אין מיטן האַלבענאַכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטן. אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופן: „מע מאַכט אַ רעוויזיע"... און אַז מע געפינט אַזעלכע מינים קאָנטראַבאַנדע סחורה, דאָס הייסט, ייִדן אָן ווינרעכט, פאַרנעמט מען זיי אין פּאָליציע און מע באַגלייט זיי אַרויס מיט גרויס פּאַראַד, דאָס הייסט, מע שיקט זיי אויף מיטן עטאַפּ גלייך מיט אַלע גאַנאָווים אַהיים אין זייערע שטעט וווּהין זיי זיינען צוגעשריבן.

דאָס האַלט אָבער ניט אויף פון צו פאָרן קיין קיִעוו. מע האָט טאַקע מורא פאַר „אָבלאַוועס", נאָר מע פאָרט. וועגן דעם זאָרגט שוין דער באַלעבאָס פון דער סטאַנציע, אַז די „רעוויזיעס" זאָלן אָפּלויפן גלאַט, בשלום, און מע זאָל, כאַס־וכאָלילע, קיין טרייפע סחורה בא זיי ניט כאַפּן. ווי־אַזוי? גאַנץ פּשוט: דער באַל־אַכסאַניע שמירט אונטער דאָרט, וווּ מע דאַרף. ער ווייסט שוין פריִער, ווען עס דאַרף זיין די רעוויזיע און מע גיט זיך שוין אַן אייצע: מע פאַרשטופּט די פּאַסעלע סחורה — וועמען אויף אַ בוידעם, וועמען אין קעלער, וועמען אין אַ קליידער־שראַנק, וועמען אין אַ קאַסטן און וועמען אין אַזאַ מין אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעם ניט איינפאַלן, אַז דאָרט זאָל גאָר קאָנען זיין פאַרבאָרגן אַ לעבעדיקער מענטש... און דאָס שענסטע דערביי איז וואָס די זעלבע לייט, וואָס זיינען געלעגן אין אַזאַ מין פאַרבאָרגעניש, אַז זיי קריכן אַרויס אויף גאָטס וועלט, מאַכן זיי כויזעק פון דער גאַנצער

מײַסע, גלײַך װי קינדער האָבן זיך געשפּילט אין באַהאַלטערלעך, און אַפֿן ערגסטן פֿאַל, טרײסט מען זיך מיט אַ זיפֿץ: „עט! מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע צײַטן און גרעסערע האַמאַנס!”...

דער מעכאַבער פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען האָט אויף זײַן ערשטן אַרויספֿאָר אין דער גרויסער הײליקער שטאָט קיִעװ געהאַט די ערע און דאָס פֿאַרגעניגן צו ליגן מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן בײַ רעב אַלטער קאַניעװער אויף דער סטאַנציע אויף אַ בוידעם און כאַפּן אַ ציטער. געװען איז דאָס אין אַ װינטערדיקער פֿינצטערער נאַכט. און אַזױ װי די רעװיזיע איז געװען אַ פּלוצלעכע, אַן אומגעריכטע, האָבן די זכאָרים ניט באַװיזן צו כאַפּן אויף זיך, איך בעט איבער אײַער קאָװעד, די טאַכטויִנים, און די װײַבער — זײערע אינטערשטע קליידלעך. אַ גליק, װאָס די „רעװיזיע” האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיקט, אַניט װאָלטן זײ אויפֿן בוידעם אויסגעגאַנגען פֿון קעלט. דערפֿאַר אָבער — װאָס פֿאַר אַ געדולע, איז געװאָרן, אַז דער באַל־אַכסאַניע, רעב אַלטער קאַניעװער, אַ שײנער ייִד מיט אַ װײַסער באָרד, האָט זײ אַראָפּגערופֿן פֿונעם בוידעם מיט אַ מאָדנער שפּראַך, צום גראַם:

— יעהודים בעלוי! קריכט אַרויס פֿון שטרוי! געפּאַטערט די שיידים, אַראָפּ פֿונעם בוידעם!..

געענדיקט האָט זיך דער איבערשרעק מיט אַ גרויסער סימכע. מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָװאַר און מע האָט געטרונקען טײ מיט טרוקענע בײגעלעך און מע האָט דערצײלט ניסים װעניפֿלאָעס—יעציאַס מיצראַיִם! די סימכע איז אָבער באַלד פֿאַרשטערט געװאָרן דורך דעם, װאָס דער באַל־אַכסאַניע, רעב אַלטער קאַניעװער, האָט אַרויפֿגעלײגט אויף אַלע זײַנע אָרכים אַ מין קאָנטריבוציע, צו אָנדערהאַלבן קאַרבונים אויף אַ קאָפּ, קעדײ צו דעקן די הוצאָעס, װאָס די רעװיזיע האָט געקאָסט. עס האָבן ניט געהאָלפֿן קײן שום פּראָטעסטן פֿון די װײַבער. זײ האָבן נעבעך געטײַנעט, אַז זײ באַדאַרפֿן ניט צאָלן גאָרנישט, װאָרעם זײ זײַנען געקומען אַהער ניט צוליב פֿאַרגעניגן און ניט צו מאַכן געשעפֿטן און צו פֿאַרדינען געלט. זײ זײַנען נאָר געקומען צום פּראָפֿעסער זיך קורירן...

און עס גײט אַװעק בײַ זײ אַ סעדרע דאָקטוירים, פּראָפֿעסאָרן. איטלעכע פֿון זײ דערצײלט פֿון איר קראַנקײַט און צו װאָסער אַ פּראָפֿעסער זי איז געקומען. לאָזט זיך אויס, אַז אַלע זײַנען זײ געקומען צו

איין פּראָפעסער אין אַלע האָבן איינע און די זעלבע קראַנקייט. וואָרעם וואָס פּאַר א פּעלער איינע זאָל ניט האָבן, האָבן דאָס אַלע ווייבער אקוראט דאָס אייגענע... נאָר מער כידעש פון אַלצדינג איז דאָס, וואָס אַלע ווייבער, וויפל זיי זיינען דאָ, ריידן זיי אינייינעם, און מע הערט זיך פונדעסטוועגן איינס דאָס אנדערע! אייניקע שטריכן פון יענער נאכט האָט דער מעכאבער פון די דאָזיקע זיכרוינעס אויסגענוצט דערנאָך אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק מיטן נאָמען „דער ערשטער ארויספאָר" (א מייסע, וויאַזוי צוויי יונגע פייגעלעך פליען ארויס דאָס ערשטע מאָל אפ. גאָטס וועלט).

און אָט אזוי האָט אונדזער העלד פארבראכט די ערשטע נאכט אין דער גרויסער הייליקער שטאָט קיִעוו. אפ מאָרגן אינדערפרי האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיקע שטערן, וואָס שיינען אראָפּ צו אונדז פון זייער הימל-הויך. דאָס הייסט, צו אונדזערע בארימטע גרויסע לייט, צו אונדזערע מאסקילים און פּאָעטן, צווישן וועלכע ער האָט געוווּסט אין קיִעוו דערווייל נאָר איינעם. דאָס איז געווען דער העברייִשער דיכטער, וואָס איז בארימט אונטערן נאָמען יהל"ל. אהין האָט ער זיך געשלאָגן און דערשלאָגן זיך. אָבער ניט אזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן אפן ערשטן קוק. גענומען זיך נאָכפרעגן אפן דיכטער, איז ער געווירע געוואָרן, אז אין קיִעוו איז דאָ א מיליאָנער בראָצקי. און אז דער בראָצקי האָט אפ פּאָדאָל א מיל. און אז אין מיל איז דאָ א קאָנטאָר. און אז אין דער קאָנטאָר דינען אַלערליי מענטשן. און אז צווישן די מענטשן איז דאָ איינער א קאסירער, הייסט ער י. ל. לעווין. און אָט דער י. ל. לעווין איז דער בארימטער דיכטער יהל"ל. און דאָ הייבט זיך ערשט אָן א געשיכטע.

ניִשט א יעדער קאָן האָבן א פריִיען צוטריט אין בראָצקיס מיל. אהין קאָן צוגעלאָזט ווערן נאָר אַזעלכער, וואָס האָט א שייכעס צו ווייץ און צו מעל. „צו וועמען דארפט איר?" — צום בארימטן דיכטער יהל"ל. — „דאָ איז ניטאָ אזעלכע"... איינער א ייִד, א מעקלער פון ווייץ, האָט נאָך געפונען דערביי אויסצוברענגען א פוילן ווייץ. ער האָט א פרעג געגעבן באַם באָכער: „וואָס איז הייִנט — רעשכוידעש. יואָס איר זאָגט „הלל"?"*

* „האַליל". — ר ע ד.

גאָט האָט געטאָן אַ נעם — ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער ייִד אונ אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ געקנייטשט פּאָנעם און מיט עטלעכע געלע פּענקעס אינ מויל אָנשטאָט ציינ. אָנגעטאָן איז ער געווען אינ אַ צעריסענעם בעגעד, און מיטן גרויסן רעגנשירם פונ גרויע פּאַרוסינע און מיטן אָפּגעבאַרעטן קאַפּעלושל, וואָס אפנ קאָפּ, האָט ער געכאַפּט דאָס אָנבליק פונעם וועלט־באַרימטן דאָנקיכאָט. צום סאָף לאָזט זיך אויס, אַז אָט דער לאַנגער ייִד, דער דאָנקיכאָט, איז גאָר אַ בוכהאַלטער, און ער דינט דאָס איינעם מיטן באַרימטנ דיכטער יהל"ל בא בראָצקינ אינ דער מיל! געוווירע געוואָרן, צו וועמען דער באָכער פרעגט זיך נאָך, האָט אים דער לאַנגער אָנגענומען פאַר דער האַנט און אָן ווערטער איז ער אַרײַנ מיט אים אינווייניק. דאָרט האָט דאָנקיכאָט אַוועקגע־שטעלט דעם גרויסנ רעגנשירם, אַראָפּגעוואָרפנ פונ זיך דעם אויב־בערשטנ בעגעד און איז געבליבנ אינ אַ קורצ וויטיקל מיט אויסגע־ריבענע עלנבויגנס און מיט אויסגעבויגענע פיס וואָס ווענ ניט דאָס, וואָלט דער לאַנגער בוכהאַלטער געווענ נאָך לענגער. נאָך די ערשטע עטלעכע סקאַרבאָווע ווערטער, וואָס אומבאַקענטע באַקענען זיך דורכ זיי, איז דער לאַנגער בוכהאַלטער אויסגעוואַקסנ אינ די אויגנ פונעם באָכער מיט צוויי קעפּ העכער. וואָס איז די מעשׂה? עס האָט זיך אַרויסבאַוויזנ, אַז אָט דער דאָנקיכאָט קענ זיך פּערזענלעך מיט אַ מאַן, וואָס אינ יענער צײַט האָט ער אויסגעוויזנ באַם באָכער פאַר אַ מאַלעכ פונ גאָט. דאָס איז געווענ ניט מער און ניט ווינציקער, ווי באָ־גראָוו, דער מעכאַבער פונעם בוכ „זאַפּיסקי יעווריא"! מיט אים האָט דאָס דער לאַנגער בוכהאַלטער זיך געקענט פּערזענלעך, געדינט אינ איינ באַנק, אינ סימפעראָפּאָל.

— אַזוי? אַזוי? האָט איר אים, הייסט עס, געקענט, דעם גרויסנ באָגראָוו, פּערזענלעך? — פרעגט זיך נאָך בא אים דער ציקאַווע באָכער מיט גרויס היספּײַלעס.

— מענטש! מע זאָגט אײַך, אַז מיר האָבנ ביידע געדינט אינ איינ באַנק, אינ סימפעראָפּאָל, זאָגט איר גאָר דאָס!

— און איר אַליינ האָט גערעדט מיט אים?

— אַזוי ווי איך רייד מיט אײַך. ניט נאָר גערעדט, נאָר געשפּילט מיט אים אינ קאָרטנ, אינ פּרעפּעראַנס. אַ קערטל האָט ער ליב, גריינאַרי

איסאַקאָוויטש, אי האָט ער ליב א קערטל! דאָס הייסט, ניט קיינ קאַרטיאָזשניק, נאָר אזוי גלאַט א קערטל, א פּרעפערענסל — פאַרוואָס ניט? אי א פּרעפערענסל! אי־אי־אי!..

ער הייבט אופ זײַנ טרוקענע ביינעריקע האַנט אינעמ אויסגעריבענעמ עלנבויגנ, פאַרקנייטשט נאָכ מער דאָס פאַרקנייטשטע פּאָנעמ, טוט א פּיר מיט דער שפּיצ נאָז אינ דער לופטנ האַלבקיילעכיק אונ באַווײַזט די געלע פּענקעס פונ זײַנע אמאָליקע ציינ. בא אימ הייסט עס געשמייכלט. נאָר באַלד ווערט ער צוריק ערנסט, קוקט ערגעצ ווײַט־ווײַט דורכ זײַנע שאַרפע ברילנ, קראַצט זיכ אונטערנ קאָלנער אונ רעדט מיט רעספּעקט וועגנ באָגראָוונ:

— א גרויסער מענטש גריגאָרי איסאַקאָוויטש! א ווערטעלע אויסצורעדנ — גריגאָרי איסאַקאָוויטש! פּסס! אָבער טאַקע גאָר א גרויסער! א סאַכ גרעסער פונ אײַער באַרימטנ דיכטער יהל״ל. דער איז א קליינינקער... אָט אזא קליינינקער!.. אָבער טאַקע גאָר־גאָר א קליינינקער!.. — אונ ער האָט א ווײַז געטאָנ מיט דער האַנט אפּ דער ערד, ווי קליינ יהל״ל איז. אונ אַקוראַט אפּ די רייד עפנט זיכ די טיר אונ עס קומט ארײַנ א קליינ מענטשל, נאָר גוט געפּאַקט, מיט א פּײַנ בײַכל אונ מיט קאָסאָקע אויגנ. אפּנ ערשטנ קוק האָט ער אקעגנ דעמ לאַנגנ אונ טרוקענעמ דאָקיכאָט אויסגעזענ ווי באַנטשאָ פּאַנסאָ, דאָנקיכאָטס פּליגל־אַדיוטאַנט. אָג א „גוט־מאָרגנ" איז דער באַנטשאָ פּאַנסאָ דורכגעלאָפנ פאַרבײַ אונ איז פאַרשוווּנדנ געוואָרנ אפּ יענער זײַט גראַטעס אינ א צווייטנ ביידערל.

— אָט דאָס איז ער דאָכ, אײַער דיכטער יהל״ל. איר קענט ארײַנגיינ צו אימ, אויב איר ווילט. ניט אזא גרויסער פּאָרעצ...

פונ די ווערטער, ווי אויכ פונ דעמ פריִערדיקנ פאַרגלײַכנ אימ צומ גרויסנ באָגראָוונ, איז געווענ צו זענ, אז דער בוכהאַלטער מיטנ קאַסירער לעבנ בעשאָלעמ, ווי א קאַצ מיט א מויז, דערמיט האָט נאָכ אָבער דער דיכטער בא זײַנ פאַרברענטנ באָסיד אינ די אויגנ גאָרניט פאַרלוירנ. מיט א קלאַפּנדיק האַרצ אונ מיט א פאַרצאַפּלטער נעשאָמע איז ער אריבערגעטראָטנ די שוועל אונ ארײַנ מיט גרויס דרעכערעצ אינ צווייטנ ביידערל ארײַנ. דאָרט האָט ער געטראָפנ דעמ באַרימטנ דיכטער אינ א פּאָעטישער פּאָזע, צונויפגעלייגט די הענט אפּנ האַרצנ, ווי

אלעקסאנדר פושקין, אָדער, לעבאַלאַפּאָכעס, ווי מיכע יויסעף לעבענזאָן. דער־דיכטער איז געווען, ווײַזט אויס, אין זייער א הויכער פּאָעטישער שטימונג, וואָרעם ער האָט אומגעשפאנט הינ און צוריק איבערן ביידערל מיט די צונויפגעלייגטע הענט אויפן הארצן און האָט אויף זײַן יונגן פארערער קיין קוקן ניט געקוקט און קוים־קוים געענטפערט אויפן גוטמאָרגן מער ניט ווי מיט א בייזן קוק פון זײַנע קאָסאָקע אויגן. פון בעטן זיצן, אָדער פון נאָכפרעגן זיך, ווער־וואָס־וועמען — איז גאָר קיין רײדן ניט געווען. דער נאַיִווער פארערער איז געווען זיכער, אז אלע פּאָעטן זײַנען אזוי. אז אלעקסאנדר פושקין ענטפערט אויך ניט אויף א גוטמאָרגן... דעם באָכער איז אפילע געווען ניט אזוי פויגלדיק דאָס שטיין ווי א גוילעם בא דער טיר. נאָר מע קאָן זיך ניט העלפן. און פאריבל האָבן איז דאָך ניט שײַעך — פּאָרט ניט קיין געווייינלעכער באָסער־וועדאָם! פּאָרט א דיכטער!.. דערפאַר אָבער אין עטלעכע יאָר ארום, אז דער נאַיִווער פארערער איז אליין געוואָרן א שרײַבער, און ניט נאָר א שרײַבער—עראיז נאָר געוואָרן א רעדאקטער פון א יאָרבוך („די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק"), און דער פּאָעט יהל"ל האָט אים געבראכט א פעליעטאָן, האָט אים דער אמאָליקער פארערער און דער איצטיקער רעדאקטער שאָלעם־אליינעם דערמאָנט זייער ערשטע באגעגניש און איבערגעגעבן די אויבן באשריבענע סצענע, האָט זיך דער דיכטער געהאלטן בא די זײַטן פאר געלעכטער.

דעמלט האָט זיך אָבער דעם באָכער ניט געלאכט. מיט וואָס פאר א הארץ ער איז ארויס פונעם בארימטן דיכטער — קאָן מען זיך פאָרשטעלן. דערמיט האָט זיך אָבער זײַן ערשטער ארויספאָר נאָך ניט געענדיקט. דאָס רעכטע בינטל צאָרעס, וואָס איז אים באשערט געווען אויסצושטיין אין זײַן ערשטער גרויסער נעסיִע, הייבט זיך ערשט אָן.

73. פּראָטעקציעס

דער באַל-אכסאַניע שמועסט וועגנ פּראָטעקציעס. — ער מאַכט א וויזיט דעמ קיִעווער ראַבינער. — מע שיקט אימ אָפּ צומ „אָו-טשאַנע יעוורײ“ באַמ גענעראַל-גובערנאַטאָר. — א צעטראָגענער נעפּעש. — ער באַקומט א פּראָטעקציע צומ באַרימטנ אַדוואָקאַט קופּערניק.

א פרעמדער מענטש אינ א גרויסער שטאָט איז אינ א וואַלד. אינ ערגעצ פילט איר זיכ ניט אַזוי עלנט, ווי אינ א וואַלד. קיינמאָל אינ ערגעצ ניט האָט זיכ דער העלד פונ די דאָזיקע באַשרײַבונגענ ניט געפילט אַזוי עלנט, ווי ער האָט זיכ געפילט אינ יענער צײַט אינ קיִעוו. די מענטשנ פונ דער דאָזיקער גרויסער שיינער שטאָט האָבנ זיכ ווי צונויפגערעדט, אַז מע זאָל פאַר דעמ יונגנ אוירעכ ניט אַרויסבאַווײַזנ קיינ סימענ פונ גאַסטפרײַנטלעכקײַט, קיינ וואַרעמע מינע. אַלע פענצ-טער זײַנענ אָנגעכמורעט. אַלע טירנ זײַנענ פאַר אימ געשלאָסנ, אונ וואָלטנ כאָטש די אַלע מענטשנ, וואָס שווימלענ אונ ווימלענ פאַר די אויגנ, ניט געווענ אָנגעפּעלצט ווי מאַגנאַטנ אונ ניט געפלויגנ אָפּ די גרויסאַרטיקע שליטעלעכ מיט ברענענדיקע פעהדלעכ-ריסאַקעס! אונ וואָלטנ כאָטש די הײַזער ניט געווענ אויסגעפּוצט מיט אַזאַ שיק אונ מיט אַזאַ גלאַנצ! אונ וואָלטנ כאָטש די שווייצאַרנ אונ די לאַקייענ, וואָס באַ דער טיר, ניט קוקנ אַזוי פּרעכ אונ ניט לאַכנ אײַכ גלײַכ אינ פּאָנעמ אַרײַנ! אַלצדינג וואָלט ער אײַכ מויכל געווענ, נאָר אַבי מע זאָל ניט לאַכנ פונ אימ. אונ ווי אָפּ צולאָכעס, האָט זיכ אימ אויס-געוויזנ, אַז אַלע מאַכנ פונ אימ כויזעק. אַלע — אַפילע דער באַלעבאָס פונ דער אַכסאַניע, רעב אַלטער קאַניעווער, וואָס איז שוינ געווענ באַשריבנ באַ אונדז אויבנ. א ייִד, וואָס צוליב דעמ, וואָס זײַנע געסט האָבנ ניט קיינ „פּראַוואָזשיטעלסטווע“ אונ טאָרנ ניט זײַנ אינ דעמ הייליקנ קיִעוו, איז ער א כאָשעוו באַ „נאַטשאַלסטווע“.

א טעווע האָט אָט דער ייִד, אַז ער רעדט צו אײַכ, קוקט ער אײַכ ניט אינ די אויגנ אַרײַנ, נאָר ערגעצ ווײַט אַהינ, אונ א גרינג שמייכעלע שפּילט באַ אימ אונטער די גרויע וואָנצעס. מיטנ יונגנ אוירעכ רעדט ער ניט אָפּ „איר“ אונ ניט אָפּ „דו“, נאָר ער דרייט זיכ קונציק,

ווי אן אקראַבאַט, און באַגריסט זיך אָן א „איר" און אָן א „דו". איך גיב דאָ איבער א שמועס צווישן די צוויי, דאָס הייסט, צווישן דער אלטן גרייזגרויען באַלאַכסאַניע און זיין יונגן אוירעכ. דער ייִד שמייכלט, קוקט אַראָפּ און דרייט א פּאַפּיראָס, רעדט מיט א קוויטשל, צוקער־זיס:

באַלאַכסאַניע: ס'הערט זיך?

אוירעכ: וואָס זאָל זיך הערן?

באַלאַכסאַניע: וואָס מאַכט מען?

אוירעכ: וואָס זאָל מען מאַכן?

באַלאַכסאַניע: איך מיין, וואָס טוט מען אין קיִעוו?

אוירעכ: וואָס זאָל מען טאָן אין קיִעוו?

באַלאַכסאַניע: מיסטאַמע זוכט מען דאָך עפּעס אין קיִעוו?

אוירעכ: וואָס זאָל מען זוכן אין קיִעוו?

באַלאַכסאַניע: א טועכץ אָדער א סלוזשבע?

אוירעכ: וואָס פאַר א סלוזשבע?

באַלאַכסאַניע: דורך א רעקאָמענדאַציע? א פּראָטעקציע? איך ווייס?..

אוירעכ: צו ווען א פּראָטעקציע?

באַלאַכסאַניע: איך ווייס, צו ווען? צום ראָוו.

אוירעכ: וואָס עפּעס צום ראָוו?

באַלאַכסאַניע: לאָז זיין צו דער רעבעצן.

דאָ האָט דער באַלאַכסאַניע פאַר דער גאַנצער צייט איין מאָל אויפגעהויבן די אויגן אויף יונגן אוירעכ און איז געבליבן שטיל. האָט אים אָבער דער יונגער אוירעכ ניט אָפּגעלאָזט.

אוירעכ: ניין. וואָס איז אייך עפּעס געפעלן צום ראָוו?

באַלאַכסאַניע: איך ווייס? א באָכערל פון היינטיקע באָכערימלעך קומט קיין קיִעוו, באַדאַרף ער האָבן מיסטאַמע א בריוו צום ראָוו, צום ראַבינער מיין איך, און דורך דעם ראַבינער קאָן מען שוין האָבן א פּראָטעקציע... אזוי פירט זיך די וועלט. און עפּשער האָב איך א טאָעס, איז לוי פּיהאַלטי!..

זיינען די לעצטע ווערטער פונעם באַלאַכסאַניע וועגן א פּראָטעקציע באַם ראַבינער, ארײַן, ווי מע זאָגט, דעם באָכער אין נאָז ארײַן, און

ער האָט באַשלאָסנ, אַז ס׳איז עפּשער גאָר ניט אַזוי קרום. אַ פּראָטעקציע ניט קיינ פּראָטעקציע, נאָר מאַכנ דעמ ראַבינער אַ וויזיט קאָנ ניט שאַטנ. און עפּשער טאַקע עפּעס ברענגענ אויכ. פאָרט אַ ראַבינער. און נאָכ וואָס פאַר אַ ראַבינער! אַ „גובערנסקי״ ראַבינער — אַ קלייניקײַט!.. וואָס ווײַטער צעוואַקסט זיכ בײַ איִמ די פאַנטאַזיע, און דער פּלאַנ געהאָלפנ צו ווערנ דורכנ קיִעווער ראַבינער באַקומט בײַ איִמ מער כיינ און רעאַלע פּאָרמעס, און ער זעט אַרויס בעכוש, אַז ס׳איז געווענ אַ באַשערטע זאַכ, אַז דורכ דעמ, וואָס אַ ייִדנ רעב אַלטער קאַניעווער איז געפעלנ צו מאַכנ כויזעק, אָדער גלאַט אַזוי אַ ביסל פּלאַפּלענ, איז בײַ איִמ געבוירנ געוואָרנ אַ אידייע, אַ גליקלעכע, אַ גלענצנדיקע אידייע. און מיט אַ אידייע איז אַלעמאָל אַזוי. דורכ אַ קלייניקײַט, דורכ אַ צופאַל, קומענ אַמאָל אַרויס די גרעסטע געשעענישנ אינ דער וועלט. די היסטאָריע פונ די נוצלעכסטע דערפינדונגענ ווייסט פונ דעמ כאָד—ס׳איז גאָר קיינ נײַס ניט.

ג׳עקליבנ זיכ עטלעכע טעג דורכאַנאַנד און געווירע געוואָרנ, ווו דער ראַבינער זיצט, האָט ער איינמאָל אינ אַ קאַלטנ פרימאָרגנ אָנגעקלונגענ רעכטס, האָט זיכ געעפנט די טיר און אַ האַנט האָט איִמ אַ ווינק געגעבנ, אַז ער זאָל קלינגענ לינקס, אינ דער קאַנצעליאַריע. האָט ער אָנגעקלונג׳ענ לינקס, אינ דער קאַנצעליאַריע. עפנט זיכ די טיר, און ער קומט אַרײַנ אינ דער קאַנצעליאַריע, טרעפט ער דאָרט עטלעכע ייִדנ, פאַרשיידענע טיפּנ פונ אַלערליי פּראָפעסיעס, צומיינסטנ — באַלמעלאָכעס, אָרעמע, דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע. אויכ ווײַבער אַ פּאָר פאַרשלומפּערטע, מיט פאַרוויינטע פּענעמער, און אַ געשוואָלנ ייִנגל מיט גרויסע צעריסענע שטיוולעטנ, פונוואַנענ עס קוקנ אַרויס די פינגער פונ די פיס. דערפאַר אָבער איז דעמ ייִנגלס האַלדז אַרומגעוויקלט מיט צוויי שאַלנ, ער זאָל זיכ כאָלילע ניט פאַרקילנ. אַפ די ווענט הענגט אַ צעריסענע מאַפּע פונ ערעצ-ייִסראָעל און אַ שלעכטער קייזערלעכער פּאָרטרעט. די קאַנצעליאַריע, די אָפּגעריסענע ייִדנ, די פאַרשלומפּערטע ווײַבער, דאָס געשוואָלענע האַלב-באָרוועסע ייִנגל, די אָנגעריסענע מאַפּע פונ ערעצ-ייִסראָעל מיטנ שלעכטנ קייזערלעכנ פּאָרטרעט וואַרפנ אָנ אַפ אײַכ אַ מאָדנע מאָרעשכוירע, און טאָמער איז קאַרג, — זיצט בײַ אַנ אַלטנ אויכ געמוטשעטנ, פאַרפלעקטנ שרײַבטיש אַנ אַלטער מאַנ מיט

אנ אָפּגעבליאַקעוועט טויט פּאָנעם. ווענ דער אלטער זאָל ניט האלטנ קיינ פּענ אינ האנט אונ ניט אײַנטונקענ זי אלע מינוט אינ טינטער, וואָלט מענ געקאָנט זיכער מיינענ, אז דאָס זיצט א בארמענענ, וואָס איז טויט, וויניקסטנס, עטלעכע אונ דרײַסיק יאָר, נאָר מע האָט אים אײַנגעמארינירט, האלט ער זיכ. איינציקווײַז פּארטיקט זיכ אָפּ דער אָפּגעבליאַקעוועטער בארמינענ מיט אלע יידנ אונ ווײַבער, אונ דאָס נעמט צו ניט קיינ סאַכ צײַט. ארום אונ ארום עפּשער אַנדערהאלבנ שאָ. ביז ער קומט צום געשוואָלענעמ יינגל מיט די צוויי שאלנ. דאָס געשוואָלענע יינגל נעמט אויכ צו א האלבע שאָ. דאָס יינגל וויינט, דער אײַנגעמארינירטער בארמענענ שרײַט אפּ אים. דאנקענ גאָט — געפּאַ־טערט דאָס געשוואָלענע יינגל אויכ. דערמיט טוט דער בארמינענ א ווינק צום העלד פונ די דאָזיקע באשרײַבונגענ, ער זאָל צוגיינ צום טיש. גייט ער צו. דער בארמינענ קוים וואָס מע הערט אים:

— וואָס'ט איר זאָגנ?

— איכ דארפ צום ראבינער.

דער בארמינענ קוקט צו זיכ אינ סייפער־האזיכרוינעס ארײַנ אונ זײַנ קאָל גייט ווי פונ יענער וועלט:

— א מעטריקע?

— ניינ.

— א כאסענע?

— ניינ.

— א יינגל? א מיידל פארשרײַבנ?

— ניינ.

— עמעצער געשטאָרבנ?

— ניינ.

— א געאָדוועע?

— ניינ.

— וואָס זשע פאָרט?

— גאָרנישט. איכ האָב געוואָלט זענ דעמ ראבינער.

— אָט אזוי זשע רעדט.

אונ דער מארינירטער בארמינענ הייבט זיכ אופ פונ טיש, גייט פּאַוואָליע, ווי אפ אונטערגעהאקטע פיס, ווערט פארשווונדנ אינ א זײַ־

טיק כיירער אַפ פופצנ אָדער אַפ צוואַנציק מינוט אונ קומט צוריק מיט א פאַרעוועג פּאָנעמ אונ מיט א טרויעריקנ רעזולטאַט:

— דער ראַבינער איז ניטאָ אינדערהיימ. איר'ט מויכל זײַנ קומענ אַנ אַנדערש מאָל.

צומ קיִעווער ראַבינער האָט זיכ דער העלד מאַטריִעכ געווענ ניט אײנ מאָל אונ ניט צוויי מאָל, ביז ס'איז אימ געראָטנ צו טרעפנ אימ אינדערהיימ. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט ובא אימ אַנ אופנאַמע זייער א פרײַנטלעכע אונ א האַרצעדיקע. דער אָנהייב איז אַפילע געווענ ניט אַזוי פויגלדיק. דער ראַבינער איז אינ דער ערשטער מינוט געווענ זיי דערשראָקנ. ער האָט זיכ א ביסל אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט ארויסבאַקומענ פונעמ יונגנ באַזוכער, וואָס איז זײַנ באַגער. דער באָכער האָט געמיינט, אַז אינ קיִעוו א ראַבינער באַדאַרפ נאָכ ערשטנ קוק פאַרשטיינ, וואָס יענער וויל אונ וואָס יענער באַדאַרפ. צומ סאָפ קוקט ער גאָר ווי א זינדיקער מענטש אינ די אויגנ אַרײַנ, אונ מע דאַרפ אימ צעקײַענ איטלעכ וואָרט אונ אַרײַנלייגנ אינ מויל אַרײַנ. אונ ערשט נאָכדעמ, אַז מע האָט דאָס אימ גוט צעקײַט, לאָזט זיכ אויס, אַז ער קאָנ גאָרנישט טאָנ. לאַכלוטנ גאָרנישט, דאָס איינציקע, וואָס ער קאָנ יאָ טאָנ — איז געבנ א רעקאָמענדאַציע, א פּראָטעקציע.

— א פּראָטעקציע? גאַנצ גענוג! וואָס דאַרפ איכ דענ נאָכ? איכ באַדאַרפ מער ניט ווי א פּראָטעקציע.

אונ דער באַזוכער באַטראַכט דעמ קיִעווער ראַבינער אונ פאַרגלײַכט אימ מיט די ראַבינערס פונ די קליינע שטעטלעכ, וואָס ער האָט וועננ געקענט. אונ עס גייענ אימ דורכ פאַרבײַ א גאַנצע ריי ראַבינערס, „קאַזיאָנע" ראַבאָנימ, פאַרזעעניש, טויגעניכצנ, צווישנ זיי איינער מיט א פּליכ אַפנ קאָפּ. אַקעגנ די אַלע איז דער קיִעווער — א מאַגנאַט, אונ זיי אַקעגנ אימ זײַנענ כביעס, קאַרליקעס. דער איז א ריז. אונ א שיינער מענטש. איינ כיסאָרנ נאָר, וואָס ער איז א געלער אונ א ביסל א שווערער פאַרשוינ. רעדט פאַמעלעכ, טוט יעדע זאַכ פאַוואָליע, דענקט פּאַוואָליע, הימאַט אָנ נערוונ. אַזעלכע מענטשנ לעבנ הונדערט יאָר. זיי כאַפּנ זיכ ניט שטאַרבנ — זיי האָבנ צײַט.

— איז ווילט איר, הייסט דאָס, פונ מיר א פּראָטעקציע? צו וועמענ?

— צו וועמען? דאָס דארפט איר שוין אליין באטראכטן...

גוט. ער וועט זיך באטראכטן. און דער ראבינער צעפרעגט זיך נאָכאמאָל באם באזוכער, ווער ער איז, פונוואנען ער איז און וואָס איז זיין באגער? דערנאָך גייט אוועק א לאנגע פויזע פון א פּאָר מינוט. א קוועטש א קנעפּל — און עס באווייזט זיך דער אלטער אָפּגעבליאקעוועטער און גוט געמארינירטער בארמינען פון דער קאנצעליאריע, און דער ראבינער הייסט אים אָנשרייבן א בריוו צו זיינעם א פריינט — דעם נאָמען האָט ער ניט איינגעהערט — און בעטן אים, טאָמער קאָן ער עפּעס טאָן פאר אָט דעם באָכער... און צום באָכער האָט דער ראבינער א זאָג געגעבן, אז דאָס שרייבט ער א בריוו צו זיינעם א פריינט הערמאן מארקאָוויטש באראץ, וועלכער איז א פּריסיאזשנע פּאָווערענע און א „אָטשאָנע יעווריי" באם גענעראל־גובערנאטער...

אָפּגעטאָן אזא שווער שטיקל ארבעט, האָט דער ראבינער אָפּגעאָטעמט. מע האָט געזען, אז דעם מענטשן איז אראָפּ א בארג פון די פּלייצעס. ער האָט טאקע א ביסל צוגעהאָרעוועט. דערפאר האָט ער אָבער געטאָן א נוצלעכע זאך — אויסגעארבעט פארן באָכער א פּראָטעקציע און נאָך וואָס פאר א פּראָטעקציע — צום „אָטשאָנע יעווריי" באם גענעראל־גובערנאטער!.. אזוי ווייט האָט זיך דעם באָכערס היציקע פאנטאזיע גאָר ניט פאָרגעשטעלט. די פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאלטן אין בוזעם־קעשענע, האָט אים געווארעמט דאָס לייב און געטראָגן אין דער לופט. ער גייט פון דאנען גלייך צום „אָטשאָנע יעווריי", וואָס באם גענעראל־גובערנאטער — דאָ וועט שוין עפּעס זיין!... און דער „אָטשאָנע יעווריי" אליין שטעלט זיך אים אנדעש ניט פאָר, ווי א פּראָפעסער, באהאנגען מיט מעדאלן, ווי א גענעראל.

מיט א ציטערניש קלינגט ער אָן בא דער טיר און ער ווערט ארייגעלאָזן אין א קאבינעט מיט ספאָרים און ביכער. עס קלאפּט אים א צאָן אָפּ א צאָן. אין א פּאָר מינוט ארום פליט ארײן א ייד מיט שיטערע באקן־בארדן און מיט זייער א נידעריקער ריע, און איז עפּעס מאָדנע צעטראָגן. ניט שוין זשע איז אָט דער ייד א „אָטשאָנע יעווריי" באם גענעראל־גובערנאטער? ער זאָל ניט גיין אויסגעזאָלט א שמיק באָרד אקוראט אין מיטן, וואָלט ער געגאנגען שווערן, אז ער איז א

מעלאמעד, א געמאָרע־מעלאמעד. א טעווע האָט אָט דער „אוטשאָנע יעוורײ", אז ער רעדט, שפּײַט ער, און איז א מאָדנע צעטראָגענע בריָע. פון אים דערציילט מען אין קיִעוו, ווי ער איז שוין נאָך דעם געווירע געוואָרן, אלערליי מײַסעס און אנעקדאָטן, לעמאָשל: צו זיך אהיים האָט ער קיינמאָל ניט געטראָפן, ביז ער האָט ניט איבערגעלייענט אף דער טיר די אופשריפט „הערמאן מארקאָוויטש בּאראצ". איינמאָל האָט זיך באראצ שטארק אײַנגעקוקט אין זײַן נאָמען און האָט דער־זען פון אונטן אָנגעוויזן די שפּרעכ־שטונדן פון דרײַ ביז פינף. א קוק געגעבן אפן זייגער, אז ס'איז ערשט צוויי, האָט זיך באראצ באטראכט, אז מיסטאמע איז באראצ ניטאָ אין דער היים. הײַנט וואָס האָט דאָ באראצ צו טאָן? איז זיך באראצ דערווײַל געגאנגען אין גאָרטן שפּא־צירן... מיט איינעם וואָרט, אף באראצן זאָגט מען אין קיִעוו, אז באַ־ראצ זוכט באראצן און קאָן אים ניט געפינען...

אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז באראצ געווען גאָר באזונדער צע־טראָגן און ניט גוט געשטימט. ער האָט זיך געײַלט ערגעץ גיין, גע־וואָרפן זיך און געשפּיגן און געשפּריצט. דערנאָך, אז ער האָט איבער־געלייענט דעם בריוו פונעם ראבינער, וואָס רעקאָמענדירט פאר אים דעם באָכער, האָט זיך דער „אוטשאָנע יעוורײ" א כאַפּ געגעבן באַם קאָפּ, גענומען ארומשפּאנען איבערן ביידער הין און צוריק, ריידן און שפּײַען און בעטן זיך ראכמים, מע זאָל אים לאָזן צו רו, וואָרעם ער ווייסט גאָרניט און קאָן גאָרניט און וועט גאָרניט טאָן! א גאָטס ראכמאָנעס געווען צו קוקן אפן „אוטשאָנע יעוורײ"! דער באָכער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, אז ער מיינט ניט קיין בייז, אז זײַן גאנצער מיין איז געווען, מאָמער... א פּראָטעקציע... נאָר באראצ לאָזט אים ניט ריידן. ער זאָגט, אז ער ווייסט עס אליין גאנץ גוט און אז אים ברענט נאָר אפן ראבינער, וואָס אלע טאָג, אלע טאָג שיקט ער צו אים יונגע מענטשן. וואָס קאָן ער טאָן פאר זיי? וואָס ווייסט ער? ווער איז ער? וואָס איז ער? ער איז האָך ניט בראָצקי...

מיט א צעבראָכן הארץ און מיט א שווער געמיט האָט זיך דער באָכער ארויסגעגליטשט פונעם „אוטשאָנע יעוורײ". נאָר אז ער איז שוין געווען גאנץ אונטן אף די טרעפּ, האָט ער דערהערט, אז מע רופט אים צוריק, טאקע דער זעלבער „אוטשאָנע יעוורײ". באראצ האָט זיך

באטראכט, אז ער אליין קאָן טאַקע ניט טאָן פאר אים גאָרניט. ער קאָן אים אָבער געבן א רעקאָמענדאציע צו זײַנעם א פרײַנט און א קאָלעגע, צו קופערניקן. קופערניק, ער זאָל װעלן, קאָן ער טאָן א סאך, זײער א סאך! א קלײניקײט קופערניק! מיט פּראָטעקציע קאָן מען דורכברעכן מױערן! באַװעגן די גרעסטע לײַט! און ניט לאַנג געטראַכט, זעצט זיך אַװעק דער „אוטשאָנע יעװרײ" און שרײַבט א קאַרטל צו זײַן בעסטן פרײַנט און קאָלעגע, צום באַרימטן אַדװאָקאַט לעװ אבראַמאָװיטש קופערניק.

74. קופערניק

ער זוכט דעם באַרימטן אַדװאָקאַט אױפן „קרעשטשאַטיק". — „מעניאַלנאַיאַ קאָנטאָרא קופערניקאַ". — אין אָקרוזשנע סוד. — ער געפינט ענדלעך װעמען ער זוכט, און די פּראָטעקציע װירקט — א קלײנער טאָעס: ניט קופערניק, נאָר מױשע עפּלבױם פון בעלאָצערקאָװ.

דער נאָמען קופערניק, אָדער װי מע האָט אים גערופן צװישן ייִדן „קאָפּערניקאָװ", איז געװען קימאַט אַזױ באַרימט און פּאָפּולער, װי אַלעקסאַנדער פון הומבאָלד אין אײראָפּע, אָדער װי קאָלומבוס אין אַמעריקע. דער פּראָצעס פון קוטאַיִס, דער באַרימטער בלוט־בילבל, װאָס קופערניק האָט פאַרטײדיקט און רײן געװאַשן, האָט אים געמאַכט אַזױ באַרימט, װי אין א סאך יאָרן אַרום האָט באַרימט געמאַכט אַן אַנדערן אַדװאָקאַט, א. גרוזענבערגן, דער פּראָצעס פון מענדל בײליס. און אַזױ װי פון גרוזענבערגן, אַזױ האָט מען פון קופערניקן אין זײַן צײַט דערצײלט ניסים װנפלאָעס, אַרומגערינגלט מיט לעגענדעס.

האָבנדיק א פּראָטעקציע צו אַזא מאַן, װי קופערניק, מעג מען זיך שױן דערלױבן צו טרױמען, פאַנטאַזירן און חלומען די בעסטע חלומעס. חאָטש זיך שטאַרק איז אױך ניטאָ װאָס. ביפראַט, אַז ער װײסט נאָך גאָרניט װוּ קופערניקס אַדרעס איז. האָט ער זיך פּאַװאָליע אַרױפגעדראַפּעט אױפן הױכן „קרעשטשאַטיק", די שענסטע גאַס אין קיִעװ, און דאָרט איז אונזער העלד ניט שװער געװען צו דערפרעגן זיך, װוּ קו־

פּערניק זיצט. אַרײַנ אינ א הויפּ אקעגנ האָטעל „יעווראָפּא“, האָט ער איבערגעלייענט אפ רוסיש: „מעניאלנאיא קאָנטאָרא קופּערניקא“. איז אים אפילע געווענ א כידעש, ווי קומט צו קופּערניקנ דעם אדוואָקאט א „מעניאלנע קאָנטאָר“? נאָר עס איז אים באלד פארענטפערט גע־וואָרנ די קאשע.

אַרײַנגעקומענ אינווייניק אינ קופּערניקס קאָנטאָר, האָט ער גע־טראָפנ א יונגנמאנ מיט בלויע ברילנ אונ א יידענע א ליטוועטשקע אינ א ווײַסנ פאריק.

— צו וועמענ דארפט איר?

— צו קופּערניקנ.

— פונ וועמענ?

— פונעם „אוטשאָנע יעווריי“, פונ הערמאנ מארקאָוויטש באר.זצ א קארטל.

— פונ באראצנ א קארטל? ווײַזט אהער.

דער יונגערמאנ מיט די בלויע ברילנ נעמט דאָס אונ טראָגט דאָס צו צו דער ליטוועטשקע אינעם ווײַסנ פאריק. די ליטוועטשקע נעמט דאָס קארטל, טוט אָנ די ברילנ, לייענט דורכ אונ טוט א שמיצ דאָס קארטל פונ זיכ.

— ס'איז ניט צו מיר. ס'איז גאָר צו מײַנ זונ.

— ווו געפינט ער זיכ?

— ווער?

— אײַער זונ.

— מײַנ זונ ווו געפינט זיכ? וואָס הייסט ווו? אינ אָקרוזשנע סוד אַרײַנ גייט, וועט איר אים געפינענ.

זוכנ אנ אדוואָקאט אינ אָקרוזשנע סוד איז פונקט אזא סייכל, ווי מע זאָל זוכנ א נאָדל אינ א וואָגנ היי. דער אָקרוזשנע סוד איז אנ אומגעהייער גרויסע אלטע געבײַדע מיט אײַזערנע טרעפּ אונ מיט אזוי פיל באהאָרים, זאלנ אונ אָפּטיילונגענ, אז א פרעמדער קאָנ דאָרט פארבלאָנדזעט ווערנ אונ פארלירנ דעם קאָפּ. צום ערשטנ מאָל אפ זײַנ לעבנ האָט אונדזער העלד דערזענ אזוי פיל מענטשנ אינ שווארצע פראקנ מיט גרויסע פּאָרטפעלנ. דאָס זײַנענ לויטער געשוואָרענע אד־וואָקאטנ. גייט טרעפט, ווער פונ זיי איז דאָ קופּערניק? אָפּשטעלנ איי־

נעמ פונ זיי אונ א פרעג טאָנ — איז א זאַכ, וואָס איז אומעגלעכ. אַז אַלע זײַנענ זיי פאַרטראָגנ. אַלע לויפנ מיט פּאָרטפעלנ, דער אַהער, דער אַהינ, ווי מעשוגאָימ.

איינעמ, א מאַנ אָנ א שוואַרצנ פּראַק, נאָר מיט א גרויסנ געלנ פּאָרטפעל אונ מיט זייער א סימפּאַטיש פּאָנעמ, האָט ער געוואַגט אָפּ־צושטעלנ אונ א פרעג טאָנ: „ווו איז דאָ קופּערניק?” האָט ער באַקו־מענ פונ דעמ מאַנ אַנ ענטפער: „צו וואָס דאַרפט איר קופּערניקנ?”— איכ האָב צו אימ א קאַרטל פונעמ „אוטשאָנע יעווריי” הערמאַנ מאַר־קאָוויטש באַראַצ. „א? פונ באַראַצנ? זיצט א ווײַלע — איכ'ל באַלד קומענ”. אונ דער מאַנ באַווײַזט אימ אָפּ א לאַנגער פּאָלירטער באַנק, טוט זיכ א גליטש אונ ווערט נעלעמ. דער באָכער זעצט זיכ אַוועק אָפּ דער לאַנגער פּאָלירטער באַנק אונ זיצט א האַלבע שאָ, א שאָ, אָנ־דערהאַלבנ שאָ — ניטאָ קיינ מאַנ, ניטאָ קופּערניק. שטייט ער אויפ פונ דער פּאָלירטער באַנק אונ לאָזט זיכ גיינ, דער אוילעמ איז שוינ געווענ א סאַכ שיטערער. ווו ניט ווו וואַרפט זיכ נאָכ דורכ א שוואַר־צער פּראַק. ער דערזעט דעמ מאַנ, וואָס מיטנ געלנ פּאָרטפעל.

— א? איר זײַט נאָכ דאָ? וואָס, אייגנטלעכ, דאַרפט איר צו קופּערניקנ?

דערציילט אימ דער באָכער נאָכאַמאָל:

— א קאַרטל פונ הערמאַנ מאַרקאָוויטש באַראַצ.

— אונ ווו איז דאָס קאַרטל?

באַווײַזט ער אימ דאָס קאַרטל. דער מאַנ לייענט דורכ דאָס קאַרטל.

— וואָס, אייגנטלעכ, האָט איר געוואָלט פונ קופּערניקנ?

— איכ ווייס נאָכ אַלײנ ניט אַקוראַט... עפּשער וועל איכ קריגנ בא אימ א שטעלע?

— וואָס קענט איר?

— איכ קענ שיינ שרײַבנ יידיש אונ רוסיש.

— רוסיש אויכ? קומט מיט מיר.

באַדאַרפ ער נאָכ זײַנ אינ סאָפּעק, אויב דאָס איז קופּערניק?... אַרויסגעגאַנגענ מיטנ באָכער פונ אַקדושנע סוד, האָט ער, קופּערניק, הייסט דאָס, געכאַפּט א „ליכאַטש” — א דראָזשקע אָפּ גומילאַסטיקע־נע רעדלעכ, אונ האָט א זאָג געגעבנ „גאָסטיניצא ראָסיא”. פּנ׳ל

אויסנ בויגנ האָט זיי דער ליכאַטש געבראַכט צו פירנ צו א האָטעל, וואָס זײַנ נאָמענ איז „ראָסיִא". אַרײַנגעקומענ אינ א שטאַרק אָנגע־רייכערט צימער, האָט קופּערניק באַזעצט דעמ גאַסט באַמ טיש, פאַר־רייכערט א פּאַפּיראָס און דערלאַנגט אימ א בויגנ פּאַפּיר מיט א טינט און פעדער און פאַרגעלייגט, ער זאָל אָנשרײַבנ א פּאָר שורעס. דער באָכער האָט אײַנגעטונקענ די פעדער אינ טינט, און אײדער ער האָט זיכ צוגעקליבנ שרײַבנ, האָט ער א פרעג געגעבנ בײַ קופּערניקנ, וויאַזוי וויל ער, זאָל מענ אימ שרײַבנ — אפ ייִדיש אָדער אפ רוסיש? פאַר־שטייט זיכ, אַז אפ רוסיש! דער באָכער האָט זיכ צוגעפּליִעסט. דער זכוס פונעמ רעדנ מאָניש מיט זײַנ גאָלדענער האַנט איז אימ בײַגע־שטאַנענ, און נאָכ דער ערשטער שורע האָט אימ קופּערניק איבערגע־שלאָגנ און א זאָג געגעבנ, אַז ער איז צופרידנ מיט זײַנ האַנטשריפט. און האָט אימ פאַרגעלייגט א פּאַפּיראָס. פונעמ פּאַפּיראָס האָט זיכ דער באָכער אָפּגעזאָגט:

— האָט קיינ פאַריבל ניט, פּאַני קופּערניק, איכ רייכער ניט.

— האָט קיינ פאַריבל ניט, יונגערמאַנ, איכ בינ ניט קופּערניק, מײַנ נאָמענ איז גאָר עפּלבוימ.

— עפּלבוימ?

— נו יאָ, עפּלבוימ, מוישע עפּלבוימ פונ בעלאָצערקאָוו... פּרי סיאַ־זשנע פּאָווערנע...

א באַשערטע זאַכ. גייט זעט א נאָווי, אַז פונ א קיִעווער קופּערניק וועט זיכ גאָר אויסלאָזנ א מוישע עפּלבוימ פונ בעלעצערקאָוו! דער מוישע עפּלבוימ פונ בעלעצערקאָוו האָט זיכ אַרויסבאַוויזנ פאַר אַנ עמעסנ דזשענטעלמענ. ער האָט זיכ לאַנג ניט געדונגענ פאַרנ פרײַז. מאַסקימ געווענ אפ אַלצדינג. ער האָט נאָכ צוגעזאָגט דעמ באָכער, אַז ער וועט אימ צולערנענ אַדוואָקאַטור און וועט אימ נאָכדעמ געבנ רע־קאָמענדאַציעס ניט נאָר צו קופּערניקנ — צו נאָכ א סאַכ גרעסערע מענטשנ פונ קופּערניקנ, וואָרעמ ער קענ זיכ מיט אַלע גרעסטע לײַט אינ קיִעוו, אינ מאָסקווע און אינ פּעטערבורג, אויסגעבונדנ מיט אַלע מיניסטאָרנ. אויב דער באָכער וויל, קאָנענ זיי נאָכ הײַנט פאָרנ קיינ בעלעצערקאָוו. ער, עפּלבוימ, באַדאַרפ זיכ נאָר אַראָפּכאַפּנ אפ א מינוט

צום גענעראל־גובערנאטער. און ווי באלד צום גענעראל־גובערנאטער, מוז ער שוין זײַנ מיט א וויזיט אויכ באמ גראזשדאנסקי גובערנאטער, ווארעמ די הינט זײַנענ שרעקלעכ מעקאנע איינס דאס אנדערע. ער האט אפילע באדארפט זיכ זענ מיטנ קיִעווער פאליצמײַסטער אויכ, נאר ער קאנ באשטײַנ, אז דער פאליצמײַסטער זאל קומענ צו אים — ער איז ניט קראנק...

דער פריסיאזשנע פאווערענע עפלבוים האט זיכ ארויסגעכאפט, איבערגעלאזט א פרעמדנ אומבאקאנטנ באכער אפ גאטס באראט. די אוואנטיורע איז דעמ יונגנ רײַזנדער האפקע געפעלנ. און פונ דער פערזענלעכקײַט פונ דעמ עפלבוימ איז ער גאר געווענ אנציקט. ער האט נאכ קיינ צײַט ניט געהאט רעכט צו באטראכטנ די לאגע, האט זיכ עפלבוימ אומגעקערט צוריק, צוגעפארנ ברייט אפ א ליכאטש, אנגעלאדנ מיט פולע פעק און מיט פעקלעכ. דארט איז געווענ פול קאל טוּו: הערינג, און פיש, און באליק, און איקרע, און פרוכטנ, און פאפיראסנ.

— איר מיינט, ס׳איז געקויפט? ס׳איז לויטער מאטאנעס. געשענקט פונ דער גענעראל־גובערנאטערשע, פונ דער גובערנאטערשע און פונעמ פאליצמײַסטערס ווײַב.

— איר זײַט דענ געווענ באמ פאליצמײַסטער אויכ? איר האט דאכ געזאגט, אז...

— כאסוועכאלילע! ניט פונ זײַנ ווײַב, נאר פונ זײַנ פאליובאווניצע... איכ בינ איר אדוואקאט. איכ פיר איר א פראצעס אינ פאלאטע אפ א האלבנ מיליאנ. זי איז א פילפאכע מיליאנערשע, נאר א קארגע. פאר א גראשנ וועט זי זיכ אופהענגענ! פאר מיר איז אבער ניטא צו טײַער. פאר מיר זײַנענ זיי אלע די קאפארע!.. פארנ מיר, הייסט דאס, קיינ בעלעצערקאוו?

— פארנ מיר, הייסט דאס, קיינ בעלעצערקאוו.

75. א שטעלע פונ א „סעקרעטאר“

ער פאָרט מיט זײַנ נײַעמ פּאַטראָנ קײנ בעלאָצערקאָוו. — מע נעמט אימ אופ, ווי א טײַערנ גאַסט. — פאַמיליע־אידיליעס — „רעב לייווי“. — דער באַלעבאָס לערנט מיטנ סעקרעטאר הילכעס אַד־וואָקאַט. — מיִעס אָפּגענאַרט. — ער שרײַבט א מעליצע־בריוו צומ פאָטער אונ באַקומט נײַע האָפענונגענ.

פאָרנדיק פונ קיִעוו קײנ בעלעצערקאָוו, האָט זיכ דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע“ עפּלבוימ געשטעלט גאַנצ ברייט, אויפגעפירט זיכ ווי א רײַכער פּאַמעשטשיק, ניט געזשאַלעוועט קויפנ בילעטנ ערשטער קלאַס. אפנ וואָקזאַל, אינ פאַסטאָוו, געגעבנ שיינ צו לייזנ געלט דעמ בופעט. דעמ מענטשנ, וואָס האָט זיי באַדינט, האָט ער אויכ גאַנצ פײַנ באַהאַנדלט. אונדזער יונגנ העלד האָט ער פאַר זײַנע באַקאַנטע פאָרגעשטעלט אלס „סעקרעטאר“. אונ וואָס ער האָט אַזעלכעס דערציילט אפ זײַנ „סעקרעטאר“ בא זיכ אינדערהיימ, — ווייסט נאָר איינ גאָט אינ הימל... נאָר מע דארפ זיכ פאָרשטעלנ, אז מיסטאָמע האָט דער פּריסיאַזשנע פּאָווערענע“ אויסגעמאָלט פאַר זײַנע היימישע זײַנ „סעקרעטאר“ מיט די רײַכסטע אונ שענסטע פארבנ. וואָרעמ ער האָט געהאַט אזא גרויסאַרטיקע וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס נאָר א לאַנג דערוואַרטעטער גאַסט אָדער א רײַכער קאָרעוו פונ אמעריקע קאָנ זיכ ווינטשנ; אזא קאָרעוו, וואָס מע קוקט ארויס אפ זײַנ יערושע... מוישע עפּלבוימס ווײַב, א יִידענע א צאַדייקעס אונ א זעלטענע ווירטנ, האָט זיכ אָנגעטאָנ שאַבעסדיק אונ אויסגעצוואַגנ די קינדער. דערנאָכ האָט זי אָפּגעקאָכט אפ וועטשערע א מאָלצײַט, וואָס אימ וואָלט געמעגט עסנ דער קייסער. עפּלבוימס עלטערער באָכער לייווי, א כאָכעמ א יונגאַטש, — אינ שטוב האָט מענ אימ גערופנ „רעב לייווי“ — האָט זיכ ניט געקאָנט איינהאַלטנ פונ היספּײַלעס אונ האָט א בורקע געגעבנ, אופשטייענדיק פונ טיש אונ גלעטנדיק זיכ דאָס בײַכל, אז עס וואָלט גאָרניט געשאַדט, אז אלע טאָג זאָלנ זײַנ אַזעלכע געסט אונ מע זאָל קאָכנ אַזעלכע גוטע מאָלצײַטנ. האָט אימ מוישע עפּלבוימ געשענקט א פּאַטש אונ האָט אימ א זאָג געגעבנ, אז ס'וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אז ער, רעב לייווי, זאָל זײַנ א ביסעלע קליגער אונ זאָל ניט האָבנ אזא לאַנגע צונג אונ צומ „סעקרעטאר“ האָט ער א זאָג געגעבנ:

— ווי געפעלט אײַך מײַנ קאַדיש, רעב לייווי? א פײַנער טאַכשיט? קיינ אײַנאָרע, א מושלעמ! מײַנ קאָפּ מעג שוינ דעמלט ליגנ אינ דער ערד, ווענ ער וועט קענענ זאָגנ נאָכ מיר קאַדיש...

פונעמ וויצ האָבנ זיכ אַלע צעלאַכט, אונ רעב לייווי אויכ. בעסוי־כעמ פונדעסטוועגנ האָט די מוטער געפונענ פאַר נייטיק זיכ אָנצונעמענ די קריוודע פונ איר זונ — פאַרט א מאַמע! נאָר איר אַרײַנמישנ זיכ האָט שיער אַרויסגערופנ א קאָנפליקט. די פרוי עפּלבוימ איז געווענ זיכער, — אונ זי האָט דאָס גאַנצ אָפנטלעכ אַרויסגעזאָגט, — אז איר „קאַדיש" וועט קומענ אינ זײַנ טאַטנס יאָרנ, וועט ער האָבנ פונקט אַזוי פיל סייכל, וויפל דער טאַטע זײַנער.

— אונ עפּשער נאָכ מער, ווי דער טאַטע! — האָט אונטערגעכאַפּט רעב לייווי אַליינ, אונ דער פאָטער איז געוואָרנ אָנגעצונדנ. א גליק, וואָס רעב לייווי האָט זיכ באַצײַטנס אָפּגעטראָגנ, אַניט וואָלט געקאָנט זײַנ זייער ניט שיינ. מוישע עפּלבוימ האָט זיכ מויִדע געווענ, אז כאָטש ער איז א קעגנער פונ „לײַבשטראָפ" אונ כאָטש ער האַלט, אז שמײַסנ איז א באַרבאַרישער מינהעג, וואָס שטימט ניט אײַנ מיט די „פּרינציפּנ פונ ציוויליזאַציע", פונדעסטוועגנ געפינט ער, אז ס'איז זייער נייטיק, אז אַזאַ פאַרשײַטער באָכער, ווי זײַנ רעב לייווי, זאָל פאַרזוכנ שמיצ כאָטש איינ מאָל אינ וואָכ. דאָס אַליינ, זאָגט מוישע עפּלבוימ, איז בא אימ א פּרינציפּ. אונ־עס לאָזט זיכ הענקענ, אז רעב לייווינ איז באַקאַנט דער דאָזיקער פּרינציפּ, וואָרעמ רעב לייווי האָט זיכ זײַנ פּרינציפּ, אז קוימ וויל אימ דער פאָטער מעקײַעמ פּסאַק זײַנ, טראָגט ער זיכ אָפּ אונ „והילד איננו" * — גיט זוכט אימ!

רעב לייווימ אָפּטראָגנ זיכ האָט אָבער ניט באַרויִקט דעמ אופגעהוי־בענעמ קאָנפליקט. דער קאַמפּ האָט זיכ נאָר איבערגעטראָגנ, ליטעראַ־ריש גערעדט, אָפּ אַנ אַנדער באָדנ. אָנשטאָט דעמ, וואָס פריִער מיט א מינוט איז געווענ צווישנ פאָטער אונ זונ, האָט די מילכאָמע אויסגעבראָכנ צווישנ מאַנ אונ ווײַב. מוישע עפּלבוימ האָט אַרופגע־וואָרפנ די גאַנצע באָד אופנ ווײַב, אז שולדיק איז אינגאַנצנ זי, זײַנ ליבע געטרײַע פרוי, זאָל געזונט זײַנ, דערמיט, וואָס זי שטעלט זיכ אײַנ

* „וועהאַילעד איינענו" — „ניטאָ דאָס קינד" — רעד.

פֿאַר איר שיינעם קאַדיש. אונ דאָס ווײַב, מאַדאַם עפּלבוים, האָט זיכ ניט געלאָזט שפּײַענ אינ דער קאַשע אונ האָט דערמאָנט איר ליבנ געטרײַענ מאַנ, זאָל לעבנ, אַז ווענ ער איז געווענ אינ זײַנ זונס יאָרנ, איז ער געווענ אַ סאַכ מער באָסיאַק ווי איר „קאַדיש” איז אַצינד, אונ אויב ער, איר טײַערער מוישע עפּלבוים, האָט אַ גוטנ זיקאָרנ, באַדאַרפֿ ער געדענקענ, אַז מע האָט אימ אַמאָל, ניט הײַנט געדאַכט, גערופֿנ ניט מוישע עפּלבוים, נאָר „מוישע פֿלעצל”...

מע קאָנ ניט זאָגנ, אַז פֿאַר אַ גאַסט זאָל עס זײַנ שטאַרק אָנגענעמ צו זײַנ אַנ אומגעריכטער אײדעס בײַ אַ פֿאַמיליענ־דראַמע אונ צוקוקנ, ווי די ליבע אונ געטרײַע מאַנ אונ ווײַב וואַשנ זיכ דאָס קויטיקע גרעט פֿאַר אַלעמענ אינ די אויגנ. איינ זאַכ האָט דאָ דער גאַסט באַמערקט אונ באַוווּנדערט, וויאַזוי בײדע קעמפֿנדע צדדימ, ניט דער מאַנ אונ ניט דאָס ווײַב, האָבנ זיכ דערבײַ ניט אָפּגעגעסנ דאָס האַרצ. אַדרבא, עס האָט אויסגעזענ, גלײַכ ווי דאָס פּאָרפֿאָלק איז נאָרוואָס נאָכ דער כאַסענע אַפֿ זײער ערשטער האָכצײַטס־רײַזע. אונ, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָנ, בײַט מענ זיכ מיט זיסע קאָמפּלימענטנ. אַלערלײ מענטשנ זײַנענ פֿאַראַנ אַפֿ גאָטס וועלט אונ אַלערלײ אידיליעס!..

נאָכ דער גרויסאַרטיקער וועטשערע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע” עפּלבוימ אָוועקגעזעצט זײַנ גאַסט אונ זײַנ „סעקרעטאַר” צומ שרײַבטיש, געגעבנ אימ איבערשרײַבנ אַ פּאַפּיר, אונ אַלײנ האָט ער זיכ צוגעשפּאַרט כאַפּנ אַ דרימל. איבערגעדרימלט זיכ, האָט ער פֿאַרײַבערט אַ פּאַפּיראָס אונ האָט פֿאַרבונדנ אַ שמועס מיט זײַנ יונגנ סעקרעטאַר. דער שמועס איז געווענ אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס'וואָלט געווענ, כ'לעבנ, אַנ אַווײרע פֿאַר גאָט אימ דורכצולאָזנ אומבאַמערקט. עס איז שווער אימ איבערצוגעבנ נאָכ אַזוי פֿיל יאָרנ בוכשטעבלעכ. נאָר דער אינהאַלט, דער טאַמצימ פֿונ אימ, איז געווענ לערעכ אָט אַפֿ דעמ שטייגער:

— הערט זשע אויס, יונגערמאַנ, די מײַסע דערפֿונ איז אַזוי: איר זײַט אַ ייִנגל, זע איכ, ניט קיינ גרויסער נאַר אונ איר האָט אַ שיינ הענטל צומ שרײַבנ אונ אַ צינגל אַפֿ צו רײדנ רוסיש האָט איר אויכ — אַלע סימאָנימ, אַז אײַער באַגער קאָנ דערפֿילט ווערנ. דאָס הייסט, איר זײַט אַ געבוירענער אַדוואָקאַט. דאַרפֿט איר אָבער זענ איינ זאַכ —

איר זאָלט וועלנ. אַז איר'ט וועלנ, וועט איר זײַנ. קענטעניש איז אַ בײַזאַכ. דער איקער — איר טאָרט ניט אַראָפּפאַלנ בא זיכ, טאָמער קענ יענער בעסער פונ אײַכ. איר באַדאַרפט מיט אײַער צונג צעקלאַפּנ יע־נעמס קענטעניש. איר טאָרט ניט באַווײַזנ איינ מינוט, איינ רגע, אַז איר האָט הערעכערעצ פאַר אַ גרעסערנ. וואָרעמ איר זײַט דער גרעס־טער. איר דאַרפט האַלטנ אינ איינ שיטנ מיט ווערטער. די צונג דאַרפ אַרבעטנ מער ווי דער קאָפּ. איר דאַרפט פאַרשיטנ יענעמ מיט אַזוי פיל ווערטער, אַז יענער זאָל ווערנ צעטומלט אונ זאָל פאַרלירנ יעדנ געדאַנק אונ יעדנ פאַרשטאַנד. דעמאָלט קאָנט איר יענעמ פאַרוואַרפנ מיט טויזנ־טער גראַנאַטנ פונעמ „סוואָד זאַקאָנאָוו" אונ פונ „קאַסאַציאָנע דעפּאַר־טאַמענט", וואָס ניט געשטויגנ, ניט געפלויגנ. דאָס'איז פאַר די ריכטער. אונ פונ די קליִענטנ הערט מענ ניט. קליִענטנ זײַנענ שאָפ, וואָס לאָזנ זיכ שערנ. בעהיימעס, וואָס לאָזנ זיכ מעלקנ. פערד, וואָס האָבנ ליב, אַז מע פאָרט אַפ זיי רײַטנדיק. מיט זיי איז אַוואַדע ניטאָ וואָס צו צערע־מאָניענ זיכ. זיי האַלטנ ניט פונ אַ צעווייקטער לעמעשקע, וואָס פריי־דיקט מאָראַל. זיי האָבנ מער דערעכערעצ פאַר אַ נאַכאַל איידער פאַר אַ געלערנטנ פּראָפעסער, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זאַקאָנעס, ווי אַ זאַק מיט פּאָלאָווע. אַפ דער גאַס טאָרט איר זיכ ניט באַווײַזנ אָנ אַ גרויסנ פּאָרטפעל — איר מעגט האָרטנ האַלטנ אַלטע גאַזעטנ, אָדער קוויטיקעס קעלנער מיט מאַנישעטנ. אונ אינ שטוב בא זיכ מעגט איר זיכ שפּילנ מיט דער קאַץ גאַנצע טעג. נאָר אַז איר דערהערט אַ קלונג, דאַרפט איר זיכ פאַרטיפנ אינ אַ גראָבנ בוכ אונ זיכ רײַבנ דעמ שטערנ. אַ קליִענט טאָרט איר ניט אַרויסלאָזנ פונ די הענט, ביז איר'ט אימ ניט אויסזויגנ ביזנ סאָפ, אונ עס דאַרפ ניט זײַנ אַ זאַכ אַפ דער וועלט, וואָס איר זאָלט זאָגנ „איכ ווייס ניט" — וואָרעמ איר ווייסט אַלצ!...

נאָכ אַזאַ שיינער לעקציע וואָלט דער פּאַרפאַסער פונ דער האָזיקער ביאָגראַפיע, דאַכט זיכ, געמעגט פאַרשטיינ, וואָס פאַר אַ מינ נעפעש אָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע" מוישע עפּלבוימ איז. האָט אָבער דער עפּלבוימ געהאַט אַזאַ קלוג, סימפּאַטיש פּאָנעמ, אַז ער האָט אײַכ פאַרקישעפט מיט זײַנע אויגנ אונ אונטערגעקויפט מיט זײַנ ריידנ, אונ ניט ווילנדיק זײַט איר געוואָרנ זײַנער מיט לײַב אונ לעבנ. דעמ זעלבנ אָפּדערנאַכט, נאָכ דעמ ווי ער האָט זיכ איבערגעדרימלט, האָט ער גע־

נומען דאָס שטיקל מיטן פּאָרטפעל און האָט זיך געקליבן ערגעץ גיין. און דאָ איז ארויסגעשפּרונגען ווידער א קאָנפליקט צווישן די ליבע און געטריישע מאַן און ווייב. דאָס ווייב האָט א פרעג געגעבן בא איר מאַן, וואוהין ער גייט. דער מאַן האָט געענטפערט, אז אין קלוב אריין אפ א האלב שעה. ער דארף זיך דאָרטן זען מיט א מענטשן. האָט אים דערויף דאָס ווייב באמערקט, אז איר איז באקאנט זיין האלבע שעה; האלעווייַ ער זאָל קומען כאָטש מאָרגן צו וואַרעמעס... און דער מענטש, וואָס ער דארף זיך מיט אים זען, איז איר אויך גאנץ גוט באקאנט, דאָס איז ניט קיין מענטש, זאָגט זי, נאָר מענטשעלעך, לויטער מאַלאָכים און מאלקעס און וואליעטן...

— און טייז האָסטו, אפּאָנים, פארגעסן רעכענען, מיין טייערע, טייז... וואָס פאר א שפּיל איז עס אָן טייז?..

דאָס ווייב ענטפערט אים דערויף גאָרניט. נאָר זי גיט אפ אים אזא קוק, אז אן אנדער מאַן אפ זיין אָרט וואָלט בעסער אריין אין דער ערד א לעבעדיקער. נאָר מוישע עפּלבוים לאַכט זיך דערפון. ער גייט צו צו זיין יונגן „סעקרעטאַר", בויגט זיך אָן צו אים, ווי ער שרייבט, און טוט אים שטילערהייט א פרעג, וויפל האָט ער בא זיך געלט? טוט זיך דער „סעקרעטאַר" א כאַפּ בא דער קעשענע און באווייזט, וויפל געלט ער האָט. טוט עפּלבוים א ווייַלע א טראַכט. דערנאָך ציט ער אויס די האנט צום „סעקרעטאַר".

— עפּשער קאָנט איר מיר דאָס אויסלייַען אפ א פּאָר מינוט? איכ'ל דאָס אייַך היינט נאָך אָפּגעבן, צוריקומענדיק פון קלוב.

אכ! מיטן גרעסטן קאָוועד! — האָט אים געענטפערט דער „סעקרע-טאַר" און אוועקגעגעבן אים דאָס גאַנצע ביסל מעזומענס.

נאָך דעם אוועקגאנג פון מוישע עפּלבוים האָט די מאַדאַם עפּלבוים גענומען דעם „סעקרעטאַר" אויסצופרעגן, וויאזוי ער קומט צו איר מאַן אלס סעקרעטאַר? און וואָס געהער ער זיך אָן מיט בראָצקין? — מיט וואָסער בראָצקין? — „מיטן קיעווער מיליאָנער בראָצקי"... — וואָס פאר א מעכוטן איז דאָ בראָצקי? — „איז בראָצקי ניט אייַערער א פעטער?" — וואָס איז אייַך עפּעס געפעלן, אז בראָצקי דארף מיר זיין א פעטער?... — „וואָס דען קער ער אייַך אָן?" — ווער?... — „בראָצקי". — וואָס, ווילט איר, זאָל ער מיר אָנקערן?...

אַ קורצע פּויזע. ביידע קוקן זיך אָן איינס דאָס אַנדערע העכסט פאַרוווּנדערט. יעדער מיט זײַנע געדאַנקען. אין אַ מינוט אַרום פרעגט די פרוי עפּלבוים באַם „סעקרעטאַר" ווידער אַ מאָל: „אַזוי? איר האָט ניט געדינט אויך באַ בראָצקין?" — „וואָס פאַלט אײַך אײַן, אַז איך האָב באַדאַרפט דינען באַ בראָצקין?" — „און איר קענט אים גאָר אַפילע ניט?" — „ווען?" — „טפו זאָל דאָס ווערן! מע רעדט און מע רעדט — און מע קאָן זיך ניט דעררעדן! זאָגט מיר כאָטש, ווער זײַט איר און ווי קומט איר אַהער?"...

אויפן צווייטן טאָג האָט אויף אונדזער נאַיוון העלד געוואַרט אַ נײַער סורפּריז: זײַן פּאַטראָן מוישע עפּלבוים האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון קלוב. „רעב לייווי" האָט געהאַט אַן אַרבעט — גיין אין קלוב אַרײַן און רופן דעם טאַטן אַהיים עסן וואַרימעס. האָט רעב לייווי אָבער קיין כיישעק ניט געהאַט צו כאַפּן אומזיסטע פּעטש אויפן ניכטערן האַרצן. האָט אים די מוטער געמוזט באַצאָלן „סכאַר פּעטש" מיט אַן אַוואַנס. און רעב לייווי האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער טאַטע זײַנער איז אײַנדערפרי אַוועקגעפאָרן פון קלוב גלײַך צום וואָקזאַל, און פון דאָרטן — קיין קיעוו.

פאַר אונדזער העלד איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג פון אַ דונער אין אַ שיינעם זונען־טאָג מיט אַ בלויען הימל. עס איז געווען ביידע זאַכן! אַ קרענק אין בויך און אַ שאַנדע אין פּנים. ערשט דעמאָלט האָט ער גענומען צעפּרעגן זיך אויף זײַן פּאַטראָן, און איז געוווירע געוואָרן, אַז עפּלבוים איז נאָך דערווײַל קיינמאָל ניט געווען קיין „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע", ער איז נאָר אַ „כאָדאַטײַ", אַ טיפּ פון יענעם מין, וואָס מע רופט זיי „ווינקלאַדוואָקאַטן" — און אַז מע דערמאָנט דעם נאָמען עפּלבוים אין בעלעצערקאָוו, דערמאָנט מען אים ניט אַנדערש, ווי מיט אַ שמייכל... דערווײַל האָט די לאַגע פון אונדזער יונגן העלד אָנגעהויבן צו ווערן טרויעריק. עס האָט געבלאָזן דערויף, אַז ער זאָל איינגיכן ווידעראַמאָל פאַרזוכן דעם טאַם פון הונגער... מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן צום טאַטן קיין פּערעיאַסלעוו אַ לאַנגן בריוו מיט אַ שיינער מליצה־שפּראַך, די מליצה, קאָן מען זאָגן, האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. מיט מליצה

קאָן מען א סאך שרייבן און וויינציק זאָגן... ערשט צום סאָף בריוו האָט ער אָרײַנגעוואָרפן א פּאָר ווערטער, אז ער וואָלט זיך דורכגעפאָרן אהיים, ער זאָל האָבן געזען קלייניגעלט אף הויצאָעס האָדערעך... און גאָר ניט לאַנג געוואָרט, קומט אים אָן פון פאָטער א געלט־בריוו אף עטלעכע רובל מיט א באַפעל, ער זאָל זיך צוויילן און קומען וואָס גיכער, וואָרעם עס האָט זיך געפונט א וואַקאַנסיע אף ראַבינער אין א שטאָט ניט ווײַט פון פערעיאַסלעוו, און אז ער האָט גוטע שאַנסן צו פאַרנעמען די שטעלע. און אויסגעלאָזט האָט ער זײַן בריוו צום זון אויך מיט א מעליצע: „עושה! חושה! עופה כחץ מקשת כעל כנפי נשרים! מהר אל תביט אחריך! עלה והצלח!“... דאָס וועט הייסן אף אונדזער ייִדיש לשון: „אײַל זיך! כאַפּ זיך! פלי! פֿײַל אויסן בויגן ווי אף די פליגלען פון אן אָדלער! גיכער! זאָלסט זיך גאָר ניט ארומקוקן! קום און זײַ מאַצליִעך“!..

76. די „וויבאָרעס“

וויאַזוי מע קלײַבט א ראַבינער. — דער פריִערדיקער ראַבינער אין לובען. — אן אַלטער באַקאַנטער. — רעב נאַכמען קאַהאַנאָוו פּראָטעזשירט דעם יונגן קאַנדידאַט. — ער האַלט א דראָשע און נעמט שטאַרק אויס באַם עולם. — „מאַזלטאָוו, איזבראַן יעדי־נאָגלאַסנאָ“. — ער קומט קיין פערעיאַסלעוו, און די סימכע ווערט אים דאָרט פאַרשטערט. — ער גיט זיך דאָס וואָרט, אז ער וועט ניט זײַן קיין ראַבינער.

לובען — דאָס איז דער נאָמען פון דער שטאָט, וווּ מע האָט פאַרלאַנגט א נײַעם ראַבינער.

דאָס וואָרט „פאַרלאַנגט“ איז, מאָלט איך, ניט מער ווי א מעליצע. א שטאָט פאַרלאַנגט אַזוי א ראַבינער, ווי, אשטייגער, מע פאַרלאַנגט א קוואָרעסמאַן. דער גאַנצער אינסטיטוט פון „קאַזיאָנע ראַבאָנים“ איז, אייגנטלעך, אן איבעריקער, א אָנגעהאָנגענער פון דער רעגירונג אף די רוסישע ייִדן, און זיי האַלטן זיך מיט אים, ווי מיט עפּעס רעכטס. שענער פון אַלצדינג איז דאָס, וואָס א „קאַזיאָנער ראָוו“ ווערט ניט געשיקט דירעקט פון דער רעגירונג צו געוועלטיקן אף די ייִדן, נאָר די ייִדן אַליין באַדאַרפן אים אויסקלײַבן דורך וואַלן („וויבאָרעס“) פון

קאהאל. נאר די וואלנ גופע זײַנענ באלקארכאמ, געניוט פונ אויבנ. דאס הייסט, „נאטשאלסטווע" שרײַבט אַרײַנ צו קאהאל א פאפיר, אז דעמלט און דעמלט זאָלנ זיכ די יידנ צונויפזאמלענ דאָרטנ און דאָרטנ און זאָלנ זיכ אויסקלײַבנ א ראבינער. און עס טוענ זיכ א לאָז קאנדי־דאטנ. יעדער קאנדידאט האָט זיכ זײַנ צאד, און יעדער צאד האָט זיכ זײַנע קלײזײַענ מיט זײַנע מיטלענ, מיט וואס צו נעמענ העמ אוילעמ. איינער האָט א שיינע פראָטעקציע. דער אנדערער ארבעט מיט געלט. דער דריטער — מיט א גלעזל משקה. שלאָפנ שלאָפט קיינער ניט. אינ שטאָט קאָכט עס, און עס רעדלט זיכ. כעוורע היצנ זיכ, עס איז א גע־דולע אפ דער יידישער גאס, א סימכע — מע קלײַבט א ראבינער. מע באלאָטירט. מע וואָרפט גאָלקעס. עס איז כאַי־געלעבט! אמאָל ציט זיכ עס אזוי אוועק וואָכנ, אמאָל — כאדאָשימ. קעדיי די „וויבאָרעס" זאָלנ צוגיינ קאָשער, ווערט צוגעשיקט א „קנעפל", וואס גיט אכטונג, אז ס'זאָלנ ניט פאָרקומענ כאָלילע קיינ שומ פאלשקײַטנ באמ ציילנ די גאָלקעס. און ערשט נאָכ די וואלנ הייבט זיכ אָנ די רעכטע כאסענע. אזוי ווי דער גובערנאטער באדארפ דעמ אויסוואל באשטעטיקנ, הייבנ אָנ צו גיינ אינ דער „גובערנסקע פראוולעניע" מעסירעס מיט קאסא־ציעס פונ די ניט אויסגעקליבענע קאנדידאטנ, און אויב די „וויבאָרעס" ווערנ קאסירט, הייבט זיכ אָנ די סימכע נאָכאמאָל פונ אָנהייב. נײַע קאנדידאטנ, נײַע צדאָדימ, נײַע „וויבאָרעס", נײַע מעסירעס מיט נײַע קאסאציעס...

צווישנ די פארשוינענ, וואס האבנ ארויסגעשטעלט זייער קאנדידא־טור אפ ראבאָנעס אינ לובענ, איז געווענ אויכ דער פריערדיקער ראבי־נער. אויב איר געדענקט, איז דאס געווענ מוישע־דאָוויד דעמ מעלא־מעדס זונ, שימענ רודערמאנ, אָט דער, וואס האָט געהאלטנ אינ פערע־יאסלעוו בא שמאדנ זיכ, און יידנ האבנ אימ ארויסגעראטעוועט און אָפגעשיקט אינ דער ראבינער־שול אינ זשיטאָמיר. דער דאָזיקער רא־בינער האָט, אפאָנעמ, ניט שטארק אויסגענומענ אינ לובענ, דער אוי־לעמ האָט ארויסגעקוקט אפ די „וויבאָרעס", ווי אפ מאָשיעכנ. די לו־בענער יידנ וויסנ ניט פונ קיינ פאָליטיק און פונ קיינ כאָכמעס. זיי אז עס געפעלט א מענטש, זאגנ זיי אימ: „ביסט אונדז געפעלנ". און אז עס געפעלט זיי ניט, זאגנ זיי: „גיי געזונטערהייט, דו ביסט אונדז ניט

געפֿעלן". דעם ראַבינער רודערמאַן האָבן זיי שוין לאַנג געזאָגט, אַז האָפֿקע ניט זייער פֿאַרשטעלט, אַז ער מעג זיך זוכן אַן אַנדער שטאָט. און טאָמער וועט ער מיינען, אַז זיי טרײַבן מיט אים קאַטאָוועס, האָבן זיי זײַן אָרט אין בעסמעדרעש פֿאַרדונגען צו אַ באַלעבאָס, אַזוי אַז דער ראַבינער איז געקומען שאַבעס אין שול אַרײַן, האָט ער ניט געהאַט ווו צו זיצן, און האָט געמוזט אויסשטיין די גאַנצע צײַט אויף די פֿיס. דעם צווייטן שאַבעס איז ער שוין דערפֿאַר געקומען מיט „פּאָליציע" און האָט מיט טקיפֿעס און מיט גוורע אײַנגענומען זײַן שטאָט אויבנאָן אין מיזרעכוואַנט, — און מע קאָן זיך גרינג פֿאָרשטעלן דעם עפֿעקט מיטן כייִן, וואָס עס האָט געהאַט. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט פֿונעם פֿאַקט. וואָרעם אַכוץ, וואָס די גאַנצע מײַסע איז געווען באַשריבן אינעם „המליץ",* האָט נאָך דער רעדאַקטער צעדערבוים צוגעגעבן פֿון זיך מיט גאַנץ קליינע אויסיעלעך אַ „הערת המו"ל" — אַ באַמערקונג פֿונעם רעדאַקטער, וואָס פֿאַרנעמט פּונקט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל, ווי די קאָרעספּאָנדענציע. דאָרט גיט ער אָוועק אַ גאָב סײַ דעם ראַבינער, סײַ דעם איבעריקן עולם, און מוסערט זיי פֿאַר כילעל־האַשעם, וואָס זיי האָבן דערלאָזט פּאָליציע אין אַ מאָקעם קאָדעש. און לאָזן לאָזט ער אויס מיט אַ „וכן לא יעשה" — אַזוי טוט מען ניט, און פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָר מעדראָשים, מיט אַ פּאָסעק און מיט אַ מעליצע פֿון דער מעגילע: „וכדי בזיון וקצף", צעדערבוים, אָלעוואַשאָלעם, איז דערויף געווען אַ מײַסטער!

פֿונדעסטוועגן האָט רודערמאַן ניט אויפֿגעגעבן זײַן קאַנדידאַטור אויף לובענער ראַבאָנעס... און אויך די איבעריקע קאַנדידאַטן האָבן געאַרבעט יעדער מיט זײַן צאַד, און יעדער צאַד אויף זײַנע קיילים, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. נאָר שוין קימאַט נאָך צו לעצט. אַ פּאָר טעג פֿאַר די „וויבאָרעס", איז ווי פֿונעם הימל אַראָפּגעפֿאַלן דער העלד פֿון דער דאָזיקער ביאָגראַפֿיע מיט אַ בריוול פֿונעם פֿעטער פּיניע צו זײַנעם אַ מעכוטן, איינעם פֿון די פֿײַנסטע באַלעבאַטים אין לובען, מיטן נאָמען רעב נאַכמען קאַהאַנע. דאָס איז געווען אַ זאָקן, אַ מעיורכעס און אַ נאָגיד. אַזאַ ייִד פֿאַרנעמט אין שול דעם אויבנאָן. דער באַזן וואַגט ניט גיין ווײַטער, ביז רעב נאַכמען שטייט ניט אויס שמוי־

* „האַמיליץ" — די באַוווּסטע העברעיִשע צײַטונג. — רעד.

בעסרע — עס מעג זיכ ציִענ אייביק. אז עס מאכט זיכ, רעב נאכמענ פארשפעטיקט זיכ קומענ אינ שול ארײַנ (אונ דאָס טרעפט זיכ מיט אים קימאט אלע שאבעס), שיקט ער א שאָליעכ, מע זאָל אפ אים ניט װארטנ, דער אוילעמ פארשטייט אָבער דערעכערעצ, אז ער מיינט מיסטאמע, אז מע זאָל יאָ אפ אים װארטנ מיטנ דאװנענ. מיט איינעמ װאָרט, דאָס איז געװענ א ייִד א צאציקע, װאָס מע מעג זאָגנ אפ אים „תורה וגדולה במקום אחד".*

געטראָפנ האָט אים דער יונגער קאנדידאט זיצנ איבער א מישנײַעס. איבערגעלייענט דעמ פעטער פיניעס בריװל, האָט דער אלטער קאהאנע צערעכט געמאכט די ברילנ אונ גענומענ באטראכטנ דעמ באָכער פונ קאָפּ ביז פיס. עס האָט אויסגעזענ, אז דער כעװרעמאנ האָט מיט זײַנ קורצ װייטיקל ניט אזוי שטארק נויסעכיינ געװענ בא דעמ שיינעמ ייִדנ. נאָר דער זכות פונ דעמ פעטער פיניע איז אימ בײַגעשטאנענ, אונ ער האָט אימ געבעטנ זיצנ. צערעדט זיכ מיטנ גאסט אונ דערזענ, אז דער באָכער איז ניט קיינ אמאָרעצ אינ די קליינע אויסיעס, ניט שטארק װײַט פונ א פיירעק מישנײַעס, אונ אז ער רעדט, װארפט ער גאָר ארײַנ א לאָשנקוידעש־װאָרט, האָט זיכ דער אלטער צעשמייכלט אונ האָט א זאָג געגעבנ, מע זאָל דערלאנגענ עפּעס פארבײַסנ. אונ עס איז ארײַנגעטראָגנ געװאָרנ א טעצל. אפנ טעצל איז געשטאנענ א שעלכל, אונ אינעמ שעלכל איז געלעגנ איינס אליינ, װי א יעסוימעלע, א צוקערלעקעכל. אונ אינעמ צוקערלעקעכל האָט געשטעקט א ראָזשינקע.

— מאכט מעזוינעס! — רופט זיכ אָנ דער אלטער גװיר אונ צערעגט זיכ באמ יונגנ קאנדידאט אפ דער שטאָט פערעיאסלעװ, װו ער איז געװענ אמאָל מיט א יאָר עטלעכע אונ זעכציק צוריק. דעמאלט איז דאָס געװענ א ייִדישע שטאָט — װי האלט דאָס דאָרט איצט מיט ייִדישקײַט?

— עס האלט זייער גוט! — ענטפערט אימ דער גאסט אונ זאָגט זיכ אָפּ פונעמ לעקעכל, ניט אזוי איבערנ „מעזוינעס", װי איבער דעמ, װאָס נאָכדעמ װעט מענ אימ מיסטאמע הייסנ מאכנ די „בראָכע־אכרוינע" — אונ ער האָט זי קיינמאָל ניט געקענט אויסװייניק... פארנ

* טוירע אוגדולאָ בעמאָקוימ עכאָד" — „טוירע אונ גרויסקײַט אינ איינ אָרט", דאָס הייסט, פערזאָנ. — ר ע ד.

אוועקגײענ האָט אים דער אַלטער קאַהאַנע געבענטשט, ער זאָל זײַנ מאַ־צליעכ, אונ ער וועט, אימירצאַשעם, געוויס מאַצליעכ זײַנ, וואָרעמ ער, אַז ער בענטשט, — אַזוי האָט אים דער אַלטער פאַרזיכערט, — ווערט מעקוייעמ, וואָרעמ ער איז אַ קויהענ...

דעמ זעלבנ טאָג איז אַרויס אַ קלאַנג אינ שטאָט, אַז ס׳איז צוגעקומענ נאָכ אַ קאַנדידאַט אַפ ראַבינער, נאָכ גאָר אַ יונגער, אַ באָכערל, נאָר אַ בעוורעמאַנ מיט אַלע מײַלעס. ערשטנס, אַ „טאַטנס אַ קינד״. רעב נאַכמענ קאַהאַנעס אַנ אייגענער. הײַנט אַ באַל־טאַנאַכ, אונ אַ קאַסוועראַבע, אונ איז קלאָר אינ שאַס אונ פּאָסקימ. אונ אַזוי ווי די פאַנטאַזיע האָט זיכ שוינ צעהיצט, האָבנ אייניקע צוגעלייגט, אַז ער האָט סמיכעס אַפ ראַבאָנעס, אונ אַז ער קאָנ פּאַסקענענ שײַלעס, אונ אַז ער וועט אײַכ פאַרשטעקנ אינ גאַרטל דעמ ראָוו מיט נאָכ דרײַ אַזעלכע, ווי דער ראָוו, — האַקלאַל, עפּעס טאַקע אַ פויגל פונ פויגל־לאַנד! אונ אַז ער האָט זיכ באַוויזנ אינ גאַס, צווישנ די קלייטנ, האָט מענ אַפ אימ געטײַטט מיט די פינגער, אונ ער האָט געהערט הינטער זײַנע פּלייצעס רײדנ:

— אָט דאָס איז ער?

— ווער?

— דער נײַער ראַבינער.

— אַזאַ צוציק?

— דער מאַמעס מילכ נאָכ ניט אויסגעטריקנט.

— אונ וואָסערע לאַנגע האָר ער טראָגט!

— לאַנגע האָר, קורצער סייכל...

נאָר דאָס איז נאָכ גאָרניט אַקעגנ דעמ, וואָס האָט זיכ אָפּגעטאָנ בײַ די „ווײַבאָרעס״! אונ אָפּגעטאָנ האָט זיכ אָט וואָס: דער זאַל פונ דער אופּראַווע איז געווענ פול מיט ייִדנ, אונ מע האָט שוינ באַדאַרפט צו־טרעטנ צו די וואַלנ, קומט אַרויס דער ייִנגסטער פונ די קאַנדידאַטנ מיט אַ רעדעניש, אונ דאַפקע אַפ רוסיש, אויסגעמישט מיט פּסוקימ פונ טאַנאַכ אינ מיט אַ מאָשל אונ מיט אַ מעדרעש, וואָס האָבנ זיכ געקלעפּט צומ איניענ, פּונקט ווי אַג אַרבעס צו דער וואַנט. נאָר די „דראָשע״ האָט אַזוי אויסגענומענ, אַז דער יונגער קאַנדידאַט איז אויסגעקליבנ געוואָרנ פאַר ראַבינער פונעמ גאַנצנ אוילעמ גאָר אָנ גאַל־

קעמ. באַלד איז אַוועק א דעפּעש אַהיימ: „מאַזלטאָוו, איזבראַנ יעדינאָגלאָסנאַ". אונ אַליינ איז דער אויסדערוויילטער יונגער ראַבינער אַוועק צומ אַלטנ רעבנ נאָכמענ קאַהאַנע אָפּדאַנקענ זיכ. דער אַלטער איז בעעמעס געווענ געריערט, וואָס זײַנ פּראָטעקציע האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג.

ער האָט זיכ מעסאַמײַעכ געווענ מיטנ ראַבינער, געקליבנ טײַנעג, טאַקע ווי אַנ אייגענער. ניט לאַנג האָט עס אָבער געדויערט. עס איז אימ גלײַכ פאַרשטערט געוואָרנ די סימכע, ווי מיר וועלנ דאָס ווײַטער זענ. דערווײַל פאָרנ מיר זיכ דורכ מיטנ יונגנ ראַבינער אינ זײַנ געבורט־שטאָט — אינ פּערעיאַסלעוו.

פאָרגעשטעלט האָט זיכ אונדזער העלד, אַז פּערעיאַסלעוו וועט גיינ באַראַטאָמ מיט זײַנע „וויבאָרעס". א קלייניקייט — אַזאַ דערפאָלג, אונ באַ אָט די יאָרנ! צומ סאָפ — גאָרנישט מיט גאָרנישט. געפרייט האָט זיכ נאָר די מישפּאָכע. אונ אויכ ניט אינגאַנצנ. די סימכע וועט ערשט זײַנ, אַז דער גובערנאַטאָר וועט די „וויבאָרעס" באַשטעטיקנ. דערווײַל הענגט דאָס נאָכ אינ דער לופטנ. מע דאַרפ זיכ דורכפאָרנ אינ דער גובערניע, קיינ פּאָלטאַווע — כלאָפּאָטשענ, שמירנ... דאָס אַליינ איז שוינ געווענ גענוג אָפּ אָפּצוקילנ די געהויבענע שטימונג. אונ טאָמער איז קאַרג. באַדאַרפ זיכ דער העלד באַגעגענענ מיט כײַטע רודערמאַנ, דעמ לובענער ראַבינערס יינגערנ ברודער. כײַטע גייט זיכ אַזוי ברייטלעכ, די הענט אַרונטער, דאָס געלע אויבער־רעקל אָפּ די אַקסלענ אָנ די אַרבל. ניט פילנדיק זיכ אינ קיינ זאַכ שולדיק, ציט אימ אויס אונדזער העלד די האַנט. יענער רירט ניט מיט קיינ האַנט, טרעט אָפּ אָפּ א זײַט אונ גייט דורכ פאַרבײַ. ווי אַנ אומבאַקאַנטער... „א ברודער פאַר א ברודער" — טראַכט זיכ דער באַליידיקטער, געפינט א זכוס אָפּ זײַנ כאַווער דעמ באַליידיקער אונ לויפט אַוועק אויסגיסנ זײַנ האַרצ פאַר אַנ אַנדער כאַווער, פאַר אוורעמל זאַלאַטושקינענ. לאָזט זיכ אויס, אַז זאַלאַטושקינ, כאָטש ער איז מיט כײַטע רודערמאַנ אָפּ מעסער־שטעכ, דאָכ גיט ער אָפּ דעמ גערעכט כײַטענ אונ זאָגט דעמ העלד אינ די אויגנ, אַז א רעכטער מענטש טאָר אימ איצט די האַנט ניט געבנ. איבער צוויי טײַמימ: ערשטנס — דערפאַר, וואָס ער איז א ראַבינער, אונ א ראַבינער איז א צוויאַק, א היפּאָקריט, א טעלערלעקער באַ די נגידימ אונ א טשינאָווניק באַ דער רעגירונג. אונ צווייטנס — אַנ

אַרנטלעכער מענטש גייט ניט צונעמען יענעמס פּאַרנאָסע, רײַסט ניט ווי א הונט באַם אַנדערן דעם ביין פון די ציין...

קורצע, נאָר שאַרפע דיבורים. אונדזער העלד פילט, אַז אין די ווערטער ליגט א שטיק עמעס. און ער דערמאָנט זיך א בילד, וויאַזוי ער האָט דעם טאָג פון די „וויבאָרעס" באַגעגנט זיך מיטן לובענער עקס-ראַבינער שימען רודערמאַן, וויאַזוי יענער איז געוואָרן בלאַס, די אויגן צעשראָקן, גלײַך ווי זיי וואָלטן פרעגן: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?"... אַזוי טראַגיש זעט אויס אַ הונט, וואָס איז פון אַנדערע הינט צעריסן און צעביסן און אַרויסגעיאָגט געוואָרן אַף אַלע פיר עקן פון דער וועלט. עס האָט אים פון דער באַנגעניש פאַרקלעמט דאָס האַרץ. איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס ער איז גרייט געווען פאַלן דעם אומגליקלעכן שימען רודערמאַן אַפן האַלדז און בעטן מעכילע און אָפּטרעטן אים די שטאָט לובען מיט איר שיינע באַלעבאַטים און מיט איר קאַנדידאַטור אַף ראַבאָנעס... דאָס וואָלט געווען מענטשלעך, שוין צו מענטשלעך... האָט עס אָבער מער ניט געדויערט ווי איין מינוט. באַלד איז אַרויס דער עגאָיסט, דער „איך" — און דער „איך" האָט געזיגער געווען...

מיט וואָסער א האַרץ דער העלד איז אַוועק פון זײַן כאַווער זאַלאָטושקין — קאָן מען זיך מעשאַער זײַן. וואָס קאָן זײַן ערגער פון דעם, אַז איך ווייס, אַז יענער איז גערעכט און איך בין אומגערעכט?.. בא טשעכאָוון איז פאַראַן דערויף דער ריכטיקער אויסדרוק: „ער האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס האָט געגעסן זייף"... איין זאַך נאָר האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס מוז א ראַבינער זײַן דאַפקע א היפּאָקריט, און דאַפקע א טעלערלעקער בא די נעגידים און א טשינאָווניק בא דער רעגירונג? און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט דאָס ניט זײַן! אַז ער וועט זײַן א ראַבינער ניט ווי אַלע... א מענטש איז דאָס, וואָס ער וויל זײַן...

. . . .

* . . . .

* געשריבן אין די יאָרן 1913—1916

באַמערקונגען פון י. ד. בערקאָוויטש

מיטן קאַפּיטל „די וויבאַרעס" ווערט איבערגעריסן אין רעכטן מיטן דאָס וווּנדערלעכע בוך פון שאָלעם אַליכעמס לעבנס-געשיכטע, אין וועלכן ער האָט אַרײַנגעגעבן די בעסטע קרעפטן זײַנע אין די לעצטע יאָרן און האָט עס גע־רעכנט פאַר זײַן „שיר השירים" — דער געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. ווי עס שײַנט, איז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געשריבן געוואָרן שוין אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

נאָכזוכנדיק אין די איבערגעבליבענע שריפטן פון שאָלעם-אַליכעם אַלצ־דינג, וואָס האָט אַ וועלכע עס אַז שײַכעס מיטן בוך „פונעם יאריד", האָט זײַן פאַמיליע מער קיין גאַנצלעכע באַאַרבעטע קאַפּיטלעך פון דער אויטאָביאָגראַ־פיע ניט געפונען, אויסער אַ קורצע לעבנס־באַשרײַבונג פון שאָלעם-אַליכעם, געשריבן מיט יאָרן צוריק פון אים אַליין אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו אַ פרײַנט, און אויסער אַ קלײנע הקדמה צום בוך „פונעם יאריד", אין וועל-כער דער פאַרפאַסער דערציילט, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק צו שרײַבן זײַן לעבנס־געשיכטע. אַנשטאָט דעם האָט מען געפונען ניט קיין באַ־אַרבעטע אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלן און רעשימעס, וואָס האָבן געזאָלט דינען באַם מײַסטער אין די הענט אַלס ליים און ציגל פאַר אַ גרויסן פּראַכט-פולן בנין — פאַר אַ קאָלאָסאַלן בוך, וואָס האָט עפּשער געקאָנט דערגרייכן ביז צען בענדער, וועלכע וואָלטן אַרומגענומען, צוזאַמען מיטן פּערזענלעכן לעבן פונעם דיכטער, אַ גאַנצע עפּאָכע פונעם ייִדישן לעבן אין אייראָפּע און אַמעריקע.

די ייִדישע ליטעראַטור האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט, — און דער דאָזיקער גרויס געפּלאַנטער בנין וועט אַזוי בלײַבן דערפירט נאָר ביז זײַן דריטן שטאָק און וועט אַזוי בלײַבן שטיין אין אונדזער אָרעמער גאַס ניט קיין געענדיקטער, אָן אַ דאַך. דער מײַסטער איז אין רעכטן מיטן פון זײַן אַרבעט אַוועקגערופן געוואָרן.

אייניקע מיטגלידער פון שאָלעם-אַליכעמס פאַמיליע האָבן דאָך די ביאָ-גראַפיע פון דעם פאָלקס־דיכטער — אויב ניט אין דער זעלטענער דיכטערי־שער פאָרם, צו וועלכער ער אַליין נאָר איז געווען באַרופן, איז כאָטש אין דעם עמעסן ליכט פון די ווירקלעכע פאַקטן און לעבנס-פּאַסירונגען — דערפירן ביזן סאָף. צו דעם דאָזיקן צוועק וועלן אויסגענוצט ווערן אַלע די מאַטעריאַלן און רעשימעס, וואָס שאָלעם אַליכעם האָט געזאַמלט פאַר זײַן לעבן און האָט זיי איבערגעלאָזט אין גרויסער אָרדענונג צווישן זײַן ליטעראַרישער ירושה.

אינהאלט

זײַט

א מין האקדאָמע . . . 3

1. די שטאָט . . . 5
2. טאטע-מאמע . . . 8
3. שמוליק דער יאָסעם . . . 12
4. אויצרעס . . . 15
5. דער ראָוו אין גאניידן . . . 18
6. שמוליק ווערט פארשוווּנדן . . . 22
7. מייער מעדוועדעווקער . . . 25
8. פארלוירן נאָך א כאוועד . . . 29
9. כאוועד „סירקע" . . . 31
10. סירקעס טראגעדיע . . . 35
11. יעיצעריטאָוו מיטן יעיצערהאָרע . . . 38
12. גנייווע, קאָרטן־שפיל און אנדערע אווייראס . . . 41
13. פייגעלע אשמעדיי . . . 45
14. דער לעץ . . . 48
15. די מישפאָכע . . . 52
16. דער פעטער גיסל און די מומע האָרל . . . 55
17. פיניעלע שימעלעס פאָרט קיין אָדעס . . . 60
18. משנה מקום—משנה מזל . . . 68
19. דער אוילעם צעקריכט זיך . . . 73
20. גערגעלע גאנעוו . . . 77
21. מייער-וועלוול באלעגאָלע מיט זײַנע „סוסים" . . . 83
22. זײַ געזונט, וואָראָנקע . . . 88
23. די נעסיִע . . . 91
24. אין דער נײַער היים . . . 99
25. די גרויסע שטאָט . . . 101

26. ביינ־חאזמאנים 110
27. מעלאמדימ אונ לערערס 115
28. דער געמארע־מעלאמעד 120
29. דער אמאליקער „כיידער" 123
30. די בארמיצווע 128
31. „דער באכער" 132
32. די ערשטע ליבע 137
33. די כאליערע 142
34. די שיווע־זיצערס 148
35. באמ דניעפער 154
36. אפנ פאראמ 158
37. אינ באסלעוו אפ דער „טארהאוויצע" 162
38. א שיינער בארוכאבע 166
39. צווישנ פעלצנ 170
40. יאמימ נוראימ 174
41. סוקעס 180
42. אויס יאנטעוו — צוריק אהיימ 184
43. א מייַנעלאשנ פונ א שטיפמאמע 189
44. אפנ בענקעלע באמ טויער 194
45. דער קאלעקטער 199
46. די געראטענע איידעמס 206
47. ארנאלד פונ די פידוואַרקעס 211
48. גימנאזיסטל סאלאמאנ 218
49. די „פענסיע" 223
50. כאווער עליע 229
51. צווישנ כאזאנימ אונ קלעזמארימ 235
52. „לא תגנוב" 241
53. דעמ כאזנס מיידל 250
54. סימכאסטוירע צו חאקאפעס 255
55. דער קריזיס 262
56. ער גיט שטונדנ 268
57. א אידיליע 274
58. די צעשטערטע חאפענונגענ 281
59. דער סאפ פונ דער אידיליע 288
60. א חאלב יאר נאווענאד 293
61. ווידער אינדערהיימ 299
62. ער פארט אפ א רייַכע שטעלע 305
63. אינ כאלעמ אונ אפ דער וואר 311

זײַט

64. א מײַסע מיט א זײגער 315
65. א מאלעך פון גאָט אינעם געשטאלט פון א מענטשן 321
66. אן אומגעריכטער עקזאמען 327
67. א ייִד א גוטבאזיצער 332
68. דאָס לעבן אין דאָרף 337
69. דאָדי דער עקאָנאָם 343
70. דער פריזיוו 349
71. די מומע טױבע פון בארדיטשעװ 356
72. דער ערשטער ארויספאָר 362
73. פראָטעקציעס 369
74. קופערניק 376
75. א שטעלע פון א „סעקרעטאר" 381
76. די „ווײבאָרעס" 387

וויכטיקסטע דרוקפעלערנ

באמערקונג. פונעם טיטל איז ארויסגעפאלנ דאָס וואָרט „געקירצט“.

זײַט	שורע	געדרוקט	דארפ זײַנ
3	1 אונטנ	עס איז שרעקלעכ	עס איז שווערלעכ
5	7 „	אונ זײַנע אויגנ	אינ זײַנע אויגנ
23	7 „	קומנע	קומענ
27	16 אויבנ	אונ ארויסגעלאָזט אפ א קאָל	אונ אויסגעלאָזט אפ א קאָל
38	5 אונטנ	גאָרניט מײַנ שמאט	גאָרניט מײַנ שטאמ
71	9 אויבנ	אונ דאפקע	(אונ דאפקע
72	3 אונטנ	אז דעמ	אפ דעמ
91	15 אויבנ	אויסכאפנ“	אויסכאפנ ?“
98	3 „	מיט „מורדיקנ“	מיט „מודריקנ“
113	14 „	נאָכמכאנ	נאָכמאכנ
116	11 „	גויהמ, איִואנ	גוייִמ, איוואנ
126	12 „	טאלמאדימ	טאלמידימ
157	10 „	פארא־א־א־א־א־אמ !	פאראָ־אָ־אָ־אָ־אָ־אָמ !
„	17 „	„ „	„ „
177	7 „	כאבארניק	כאבאדניק
233	11 „	טוענ זיינ	טוענ זיי
243	14 „	חזינ	דזינ
245	13 „	אינ צעוואָרפנ	איז צעוואָרפנ
255	12 „	סימכסטאורע	סימכאסטוירע
278	4 „	יאָמינאָז	יאָמינזאָנ
328	5 אונטנ	פונ באָגראָוונ“ ? ער	פונ באָגראָוונ ? „ער
336	2 אויבנ	אפנ טײַכ	אפנ טויק
337	1 „	קונ	קיינ
349	13 „	א קאלי־	א קאליקע. —
362	12 אונטנ	לעכטצ	לעכצט
366	14 „	דאָקיכאָט	דאָנקיכאָט
„	„ „	כאנטשאָ פאנטאָ	סאנטשאָ פאנטאָ
„	13 „	„ „	„ „